STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10125

HINTER SHTEKHIGE DROHT UN GRATES

Rudolf Rocker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



רודאָלף ראָקער

הינטער שטעכיגע דראָהט און גראַטעס

ערזינערונגען פון דער קריגס-געפאנגענשאפט אין ענגלאנד

פון רודאָלף ראָקער

אידיש פון א. פרומקין

ערשטער באַנד

ארויסגעגעבען פון
רודאָלף ראָקער שריפטען קאָמיטעט
נויארק, 1927

אינהאַלט-פאַרצייכעניש

זייט

פאָרוואָרט פון'ם פאַרפאַסער 5

קאַפּיטעל 1

די ערשטע מלחמה-טעג 11

קאַפּיטעל 2

דער גיהנום פון דער „אָלימפּיא" 41

קאַפּיטעל 3

טראַגישע און קאָמישע טיפּען 65

קאַפּיטעל 4

דאָס שווימענדע געפענגניש 96

קאַפּיטעל 5

די לייט פון גיבראַלטאַר 125

קאַפּיטעל 6

די רויך-קאַיוטע און איהרע געסט 153

קאפיטעל 7

ליטעראטור־עטיודען 184

קאפיטעל 8

פארטרעטער פון׳ם דייטשטום 214

קאפיטעל 9

דער אפשיד פון „ראיאל עדווארד" 251

קאפיטעל 10

אין אלעקסאנדרא פעלעס 297

קאפיטעל 11

אומגעלונגענער פארזוך צו אנטלויפען 337

קאפיטעל 12

מיינע ערפארונגען אלס „קאפיטאן" 369

פאָרוואָרט צו דער אידישער אויסגאבע

ס'איז פאר מיר א גאנץ באַזונדער פאַרגעניגען צו שרייבען אָט די פּאָר ווערטער פאר דער אידישער איבערזעצונג פון מיין בוך.

איך געפין זיך אין א מאָדנער פּאָזיציע, וועלכע ניט יעדער איי־נער וועט לייכט פארשטעהן און באגרייפען. א צופאַל האָט מיך אריינגעפיהרט אין דער אידישער גאס. איך האָב פריהער אפילו ניט געוואוסט, אז עס איז דא אזוינס.

ווען פּאָליטישע פארפאָלגונגען האָבען מיך געצוואונגען צו פאר־לאָזען דאָס לאנד, וואו איך בין געבוירען געוואָרן, און ווען איך האָב זיך שפּעטער צום ערשטען מאָל באקענט מיט אידישע ארביי־טער פון רוסלאנד, פּוילען, ארץ ישראל, איז דאס פאר מיר געווען א גאנץ נייע ערשיינונג.

אידענטום איז געווען פאר מיר בלויז א רעליגיע, אקוראט ווי קאטאָליציזם און פּראָטעסטאַנטיזם; אַז אידען זיינען אויך א פאָלק, האָב איך פריהער ניט געוואוסט. און ווען איך האָב געזעהן, אז עס איז פאראן צווישען די אידישע ארבייטער א באוועגונג מיט סאָציא־ליסטישע און פרייהייטליכע שטרעבונגען, א באַוועגונג, וואָס האָט איהר באזונדערע פּרעסע, איהר ליטעראַטור און איהרע פּראָפּאגאנ־דיסטען, פּונקט ווי ביי אלע אנדערע פעלקער, האָט דאָס געמאכט אויף מיר א מאָדנעם און פרעמדארטיגען איינדרוק.

נאָר אין יענער צייט האָב איך אפילו ניט גע'חלום'ט, אז איך אליין וועל נאָך נעמען אן אקטיווען אנטייל אין דער דאָזיגער באַ־וועגונג און ווערן א באַקאַנטער טוער צווישען די אידישע מאסען.

עס זיינען אריבער עטליכע יאָהר. איך בין געקומען קיין לאָנ־דאָן, און דאָ האָט געטראָפען דער נס, אז א גוי איז געוואָרן דער

רעדאקטאר פון א אידישער צייטונג און האָט פאר אן ערך צוואנ־ציג יאָהר צייט אָפּגעגעבען אלע זיינע כוחות פאר דער אידישער ארבייטער־באוועגונג.

עס זיינען געווען די בעסטע יאָהרען פון מיין לעבען, וואָס איך האָב פארבראכט צווישען דער אידישער ארבייטערשאפט, און דערי־בער זיינען אויך די איינדריקען פארבליבען ביי מיר אזוי פריש און אומצושטערבאר.

ווען א מענש איז יונג און פול מיט באגייסטערונג פאר א גרויסער אידעע, האָט דאָס לעבען פאר איהם א גאנץ באזונדערע באַדייטונג. אין די יונגע יאָהרען ווייסט מען ניט פון קיין אוממעגליכקייטען, מען געפינט לייכט פריינט און געזינונגס־גענאָסען און מען שאַפט זיך אליין אן אייגענע וועלט פאר דער באהאלטענער בענקעניש פון דער יוגענד.

דאָס איז אויך געווען דער פאל מיט מיר. איך האָב אין יענע צוואנציג יאָהר געפונען אסך פריינט, אסך סימפאטיע און ליעבע. נאָר די בעסטע פריינט דערקענט מען אין דער נויט, ווען מען איז אליין הילפלאָז און עלענד און אָפּגעשלאָסען פון דער גאנצער וועלט.

דאָס האָב איך אם בעסטען באגריפען אין יענע פינסטערע יאָהרען פון דער מלחמה, ווען די גאנצע וועלט איז געווען פול מיט מאָרד, האַס, פייגהייט און מורא. דעמאָלט, ווען איך האָב געמוזט רוהיג צוקוקען, ווי די ארבייט פון לאנגע, שווערע יאָהרען איז צושטערט געוואָרען אין עטליכע מאָנאטען, דעמאָלט האָב איך ערשט ריכטיג פארשטאַנען, וואָס עס מיינט צו האָבען גוטע ליעבע פריינט אין דער נויט, קאַמעראדען, וועלכע זיינען ניט באאיינפלוסט געוואָרען אויף קיין איין רגע פון דער פינסטערער מאכט, וועלכע איז דאַן אנגעפאלען אויף א גאנצער וועלט.

ווער עס וועט זיך נעמען די מיה און איבערלייענען מיין בוך, וואָס ענטהאלט איינעם פון די טונקעלסטע קאפּיטלען פון דעם גרויסען פעלקער־מאָרד, וועט פארשטעהן מיינע געדאנקען און באַגרייפען, פאר וואָס איך בין געווען א גליקליכער אין שמערץ און אומגליק.

ווען א מענש האָט געפונען אזוי פיעל אמת'ע ליעבע און סימ־פאטיע אין זיין לעבען, ווי איך האָב געפונען אין דעם קרייז פון מיינע אידישע פריינט און קאמעראַדען אין משך פון די צוואנציג יאָהר וואָס איך בין געווען טעטיג אין זייערע רייהען, האָט ער קיין רעכט ניט זיך צו באקלאָגען, אפילו דאן ניט, ווען ער ליידט דורך דער שווערער האנד פון א גרויזאמען שיקזאַל. צו האָבען גוטע און אמת'ע פריינט, מענשען, וואָס פיהלען מיט איינעם און וואָס קאָנען זיך אריינטראַכטען אין דער נשמה פון דעם אנדערן — איז דאָס העכסטע גליק וואָס א מענש קאָן זיך ווינשען.

די מלחמה און איהרע פאָלגען האָבען אויך איבערגעביטען מיין אייגענעם לעבענס־וועג. מען האָט מיר אפילו ניט געגעבען קיין צייט צו געזעגענען זיך מיט די אלע ליעבע פריינט, מיט וועלכע איך בין געווען אזוי נאָהענט פארבונדען פאר לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

דאָס שיקזאַל האָט מיך ווידער צוריקגעפיהרט אין דעם לאַנד, וואו עס איז געשטאַנען מיין וויגעלע, און איך בין אויך דאָ ווידער פארנומען מיט דערזעלבער ארבייט און מיט דיזעלבע אידעען ווי אין יענע אומפארגעסליכע יאָהרען אין ענגלאַנד. איך געפין זיך איצט אין א לאַנד און צווישען מענשען, וועמעס געשיכטע, טראדיציעס, מנהגים און שפראַך עס זיינען מיר באקאנט פון קינדערווייז אָן. און איך בין אויך דאָ ארומגערינגעלט פון גוטע קאמעראַדען און אלטע פריינט, וועלכע זיינען מיר טייער.

פונדעסטוועגען בענקט זיך מיר נאָך אלץ נאָך יענער גליקליכער צייט אין לאָנדאָן און נאָך די אלע ליעבע פריינט, וועלכע איך האָב דאָרטען איבערגעלאָזט, דאָרטען און איבעראַל, וואו דאָס שיקזאַל האָט זיי שפּעטער צוזייט און צושפּרייט. ס'איז געווען א צייט רייך אין צרות און מאטעריעלע זאָרגען, נאָר אין דערזעלבער צייט אויך אזוי רייך אין נאָבעלע געפיהלען, אידעאלע שטרעבונגען און אויסער־געוועהנליכע שטימונגען.

אין דער יוגענד געפאלט עס לייכטער צו שאַפען טיפערע באַצי־הונגען צווישען מענש און מענש און דער באנד פון פריינדשאַפט פארקניפּט זיך גיכער. אין די עלטערע יאָהרען איז דאָס שווערער.

מען קלייבט און זעלטען אז מען געפינט דאָס, וואָס איז איינעם צום הארצען. אָט דעריבער בלייבט דער איינדרוק פון דער יוגענד אזוי פריש און לעבעדיג ווי א שענער גאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין הערבסט און קיין פארוועלקטע בלעטער.

ווען איך בין אין 1925 געפאָהרען קיין אמעריקא צו פאָלגען דעם רוף פון מיינע אידישע קאָמעראדען איז דאָס געווען פאר מיר אן עראייגנים. דאמאָלס האָב איך ערשט ריכטיג געפיהלט, אז די לאנגע און שווערע ארבייט אין ענגלאנד איז ניט געווען ארויסגעוואָרפען. ניטאָ קיין שטעטעל אין קאנאדא און אין די פאראייניגטע שטאָטען, וואו איך האָב זיך ניט באגעגענט מיט אלטע פריינט און קאָמעראדען. אין די פארוואָרפענסטע ווינקלען פון דער וועסט האָבען זיך מיר אנטקעגען געשטרעקט הענט פון אלטע, ליעבע באַקאנטע. און איבעראל האָט מען מיך אויפגענומען מיט אזוי פיעל פריינדשאפט און אמת׳ער ליעבע, אז אָפט האָב איך זיך פשוט געשעמט, וויסענדיג, אז איך האָב ווירקליך ניט פארדינט אזוי פיעל סימפאטיע.

אָבער איך האָב אויך געפילט, אז עס איז ניט בלויז דער ווערט פון דער אייגענער פערזאָן, וואָס האָט ארויסגערופען איבעראל אזוי פיעל נאַטירליכען ענטוזיאזם. ס׳איז געווען די עראינערונג אָן יענע פראכטפולע טעג פון דער יוגענד מיט זייערע אידעאלען און זייער אינערליכער שענקייט, וועלכע האָט פלוצלינג אויפגעמונטערט די הערצער פון די אלע, מיט וועלכע איך האָב זיך ווידער געזעהן. פאר זיי בין איך געווען די לעבעדיגע פארקערפערונג פון א צייט, וועלכע איז געווען דער שענסטער פעריאָד פון זייער לעבען. אין מיר איז די עראינערונג אָן זייער יוגענד ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים. די מעהרסטע פון זיי לעבען היינט אין בעסערע אומשטענדען ווי אין יענע יאָהרען פון זייער לאָנדאָנער פעריאָד, ווען זיי האָבען נאָך שטארקער געפיהלט אויף זיך דעם שווערען יאָך פון מאטעריעלע זאָרגען און שמערצען. נאָר פונדעסטוועגען בענקט זיך זיי נאָך אלץ נאָך יענער צייט, דערפאר וואָס זי איז געווען אזוי רייך אין נייע איינדריקען און שענע געדאנקען. דער פאקט, אז די

דאָזיגע בענקשאַפט איז ביי זיי נאָך ניט פאַרלוירען געגאַנגען, איז דער בעסטער מאָראַלישער קרעדיט פאַר יענע פאַרגאַנגענע יאָהרען, צו וועמעס גלאַנץ איך אַליין האָב אויך אַביסעל בייגעטראָגען.

און דער דאָזיגער בענקעניש איז עס אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס מיין בוך געהט איצט אַרויס אויף דעם אידישען ביכער־מאַרק. עס זיינען געווען די גענאָסען אין טאָראָנטאָ, וועלכע זיינען צוערשט אַרויסגעקומען מיט דעם פּלאַן, אַרויסצוגעבען מיינע שריפטען, א פּלאַן, וואָס האָט שוין פאַר דער מלחמה באַשעפטיגט די פריינט אין לאַנד אַנדזשעלעס. דעמאָלט האָט די מלחמה צושטערט אַלע פּלע־נער. נאָר דאָס מאָל, ווען דער פּלאַן איז ווידער אַמאָל אויפגעהוי־בען געוואָרן פון דאָס ניי דורך די גענאָסען אין טאָראָנטאָ, האָט זייער אַפּיל געפונען א זעהר גוטען אָפּקלאַנג איבעראַל און האָט גע־פיהרט צו דער גרינדונג פון׳ם קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע אַרויסצוברענגען אין אידיש מיינע שריפטען, וועלכע זיינען ערשינען אין פאַרלויף פון די לעצטע עטליכע יאָהר צייט.

צו די דאָזיגע אַרבייט לוינט זיך, קאָן איך אַליין ניט זאָגען; דאָס צו ענטשיידען בלייבט איבער פאַר די לעזער גופא. אָבער איך דענק, אַז די פיעלע הונדערטער אידישע אַרבייטער, מיט וועלכע איך בין פריהער געווען ענג פאַרבונדען דורך דעם „אַרבייטער פריינד“ און „זשערמינאַל“, וועלען אפשר אויך איצט נאָך האָבען אַן אינ־טערעס זיך צו באַקענען מיט דער ענטוויקלונג פון מיינע אַנשויאונ־גען און אידעען.

דעריבער זאָג איך א האַרציגען דאַנק צו אַלע די, וועלכע האָבען ביז אהער מיטגעהאָלפען און וועלכע וועלען נאָך מיטהעלפען אין דער צוקונפט צו פאַרווירקליכען דעם פּלאַן, וואָס דער קאָמיטעט אין נויאַרק האָט אונטערגענומען.

רודאָלף ראָקער.

בערלין, פעברואר 1927.

קאַפּיטעל 1

די ערשטע מלחמה־טעג

ערב מלחמה — די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אין טראַפאַלגאַר סקווער — א גשעפרעך מיט טשערקעסאָוו׳ן און טאַרידאַ׳ן — דאָס אָפּמאַרשירען פון די ערשטע סאָלדאַטען — די רעגיסטרירונג פון די „פיינדליכע אויסלענדער" — די פּאָליציי ביי דער ארבייט — אונזער קאָמוניסטישע קיך — ביי מאלאטעסטא׳ן — דער ארעסט פון די דייטשע גענאָסען — די פּאָגראָמען אין לאָנדאָן — קראָפּאָטקינ׳ס שטעלונג צו דער מלחמה — אן אינטערנאציאָנאַלע קאָנפערענץ — מיין אייגענע שטעלונג.

ס׳איז געווען ערב דעם גרויסען פעלקער־קריג. אַ דריקענדע שטימונג איז געלעגען איבער לאָנדאָן און האָט אַריינגעצויגען אַלע איינוואוינער פון דער ריזיגער שטאָט אין איהר פינסטערן נעץ. ס׳איז געווען בלויז איין פראַגע וואָס האָט באַשעפטיגט די מענשען, די איינע אַנגסטיגע פראַגע: וועט עס קומען צו מלחמה אָדער ניט? מען האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן. האָט מען דאָך איז משך פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר אַזוי אָפט פּראָפּעצייט דעם וועלט־קריג און יעדעס מאָל האָט זיך די לאַגע ענטוויקעלט אַזוי, אַז די נבואה איז ניט מקוים געוואָרען. אָבער ווען דער ערשטער קאַנאָנען־דונער אין אייראָפּא האָט געמאַכט א סוף צו אַלע אילוזיעס און די דייטשע אַרמייען האָבען זיך צוגעגרייט אַריינצודרינגען אין בעלגיע, ניט אַכטענדיג אויף דאָס „שטיקעל

פּאַפּיר“, אין וועלכען די נייטראַליטעט פון׳ם קליינעם שטאַאט איז אויף׳ן פּייערליכסטען אופן פאַרזיכערט געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבען די אַנדערע שווערע, דריקענדע פראַגע: וועט ענגלאַנד זיך באַטייליגען אין דער מלחמה, אדער וועט זי אויך אין דעם דאָזיגען פאַל פאַרשטעהן אָפּצוהיטען איהר נייטראַליטעט?

ניט קוקענדיג אויף דער סיסטעמאַטישער העצעריי אין דער געלער פּרעסע, וועלכע איז אין איהרע אומגעהייערע אַנגריפען שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן פון פּראָמינענטע סאָציאַליסטען, ווי היינדמאַן און בלאַטשפאָרד, האָט דאָך אין די ברייטע מאַסען פון׳ם ענגלישען פאָלק נאָך אַלץ געהערשט די שטימונג פאַר שלום, און אַט די שטימונג איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער שרעקליכער ידיעה וועגען דער ערמאָרדונג פון׳ם פראַנצויזישען סאָציאַליסט זשאַן זשאָרעס אין פּאַריז. זשאָרעס איז אַזוי צו זאָגען געפאַלען אַלס ערשטער קרבן פון א שאָוויניזם וואָס האָט דערגרייכט ביז וואַנזין, און דער טויט פון דעם דאָזיגען פאַרדינסטפולען און איידעלען מאַן האָט געמוזט ווירקען ווי א דראָהענדע ווארנונג אין דער לעצטער שטונדע.

זונטאַג דעם 2טען אויגוסט איז אין טראַפאַלגאַר סקוועער פאָרגעקומען א גרויסע דעמאָנסטראַציע געגען דעם קריג, וועלכע איז איינגערופען געוואָרן פון דער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי“, מיט דער אונטערשטיצונג פון אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּען און טרייד יוניאָנס. ניט קוקענדיג דערויף וואָס מלחמה־דאָרשטיגע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען אין קליינע גרופּען, האָבען א פּאָר מאָל געמאַכט א פאַרזוך צו צושטערען די פאַרזאַמלונג, איז די דעמאָנסטראַציע דאָך אָפּגעלאָפען פריעדליך און אָהן ערנסטע צוזאַמענשטויסען.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָב איך אויף׳ן סקוועער זיך געטראָפען מיט די גענאָסען טשערקעסאָוו און טאַרידאַ דעל מאַרמאָל. זיי זיינען ביידע געוועזען ערנסט געשטימט און האָבען געציטערט פאַר דאָס ערגסטע. טאַרידאַ האָט מיך געפרעגט, צי איך דענק ניט, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט אין לעצטען מאָמענט פּאַרט

זיך ענטשליסען צו אונטערנעמען אן ערנסטען שריט געגען דער רעגירונג, ווייל די פארטיי האט דאך נאך מיט א קורצער צייט פריהער דורך הונדערטער פראטעסט־מאניפעסטאציעס אין גאנץ דייטשלאנד באוויזען, אז זי האט ניט ברעה אויף וואס פאר עס איז אופן צו אונטערשטיצען די מלחמה. איך האב איהם געענטפערט, אז נאך מיין מיינונג נאך זיינען די אלע מאניפעסטאציעס געווען בלויז טעאטער־עפעקטען, און די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי וועט קיינמאל ניט האבען דעם מוט צו אונטערנעמען א ווירקליכע אקציע געגען דעם קריג, בפרט נאך אז זי האט די דייטשע ארבייטער קיינמאל ניט צוגעגרייט און ניט ערצויגען פאר אזעלכע האנדלונגען. „אין בעסטען פאל", האב איך געזאגט, „וועט די סאציאל־דעמאקראטישע פראקציע אין רייכסטאג שטימען געגען דעם קריגס־בודזשעט, אבער אויך וועגען דעם איז נאך א צווייפעל".

„אויב דאס איז דער פאל", האט באמערקט אונזער שפאנישער קאמעראד, „דאן איז ניטא קיין אויסוועג פון'ם שיקזאל. א רעוואלוציאנערע לייזונג פון דער פראגע וואלט היינט נאך מעגליך געווען בלויז דורך דער איניציאטיווע פון'ם דייטשען ארבייטער־קלאס, ווארים דורך דער פארגוואלטיגונג פון בעלגיע איז די דייטשע סאציאלדעמאקראטיע פשוט פארפליכטעט צו האנדלען".

איך האב געצוויגען מיט די אקסלען און געשוויגען. און דאך האב איך דעמאלט נאך קיין אהנונג ניט געהאט, אז דאס וואס האט געזאלט קומען וועט וויית איבערשטייגען אפילו מיינע ערגסטע שרעקען.

טשערקעסאוו האט באמערקט, אז די אלגעמיינע לאגע קוקט נאך אוים קאמפליצירטער דורך דעם פאקט וואס רוסלאנד קעמפט אויף דער זייט פון פראנקרייך. דורכדעם, האט ער געזאגט, קריגט די פראגע: „דא דעמאקראטיע! דא מיליטערישע רעאקציע!" א מאדנעם ביי־געשמאק, וואס מוז ארויסרופען א בארעכטיגטען מיסטרויען. איך האב געמוזט איינשטימען מיט איהם, כ'האב אבער באמערקט, אז אונטער די אומשטענדען איז דייטשלאנד אין מיינע אויגען א גרעסערע געפאר איידער רוסלאנד. „אונטער דעם דריי־

קענדען איינפלוס פון פרייסען", האָב איך ערקלערט, „האָט זיך דייטשלאַנד ענטוויקעלט אַלס דער העכסטער שטאַאַט, וועמען ס'איז געלונגען דורך אַ סיסטעמאַטישער מיליטערישער ערציהונג אנצו־שטימען דאָס גאַנצע געדאַנקען־ און געפיהל־לעבען פון'ם פאָלק אויף איין באַשטימטער גאַטע. די דייטשען פון היינט זיינען ניט די דייטשען פון נעכטען. ניט בלויז אין די גרויסע אַרמייען דריקט זיך אויס דאָס אייגענטליכע וועזען פון'ם מיליטאַריזם. דער מילי־טאַריזם שטעלט פון פאָרויס אַוועק אַ באַזונדערע מענטאַליטעט, אַ באַזונדערע גייסטעס־פעהיגקייט. ס'איז דער סיסטעמאַטישער פאַרזוך צו דערשטיקען יעדע אינדיווידועלע איניציאַטיווע, יעדעס פערזענליכע געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט אין דעם מענשען, צו פאַרבייטען יעדע אינערליכע איבערצייגונג אויף בלינדער גע־האָרכזאַמקייט און מאַכען פון אַ וועזען פון פלייש און בלוט אַ טויטען אויטאָמאַט וואָס רעאַגירט בלינדערהייט אויף יעדען באַ־פעהל פון אויבען. אַ מענטאַליטעט וואָס ווערט געשאַפען אויף אַזאַ קינסטליכען אופן איז ניט בלויז אַ געפאַר פאַר דער סאָציאַלער ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון אייראָפּאַ. דאָס האָבען די בעסטע גייסטער אין מיין היימאַט שוין פון לאַנג אָנערקענט."

מיר האָבען זיך צושיידט אין אַן ערנסטער שטימונג, יעדער איינער פאַרטיפט אין זאָרג פאַר דער נאָהענטער צוקונפט. איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז ענגלאַנד וועט זיך באַטייליגען אין דער מלחמה, כאָטש די ליבעראַלע פרעסע האָט נאָך אַלץ פאַרטראָ־טען דעם שטאַנדפונקט פון נייטראַליטעט. — צוויי טעג נאָך דער דעמאָנסטראַציע אויף טראַפאַלגאַר סקווער איז געקומען ענגלאַנד'ס קריגס־ערקלערונג געגען דייטשלאַנד. דער גורל איז געפאַלען; קיי־נער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזעהן, וואָס פאַר מורא'דיגע רעזולטאַ־טען עס וועלען אַרויסקומען פון אָט דער פּלוצלינג געשאַפענער לאַגע.

אין עטליכע טעג אַרום, ווען איך בין צוזאַמען מיט מיין פרוי ווידער פאַרבייגעגאַנגען טראַפאַלגאַר סקווער, האָבען מיר געזעהן

ווי די ערשטע סאָלדאַטען וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר'ן פראָנט האָבען אָפּמאַרשירט צום וואָטערלו סטיישאָן. ס'איז געווען אַ לאַנגער צוג פון געזונטע און קרעפטיגע מענער וואָס האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אַנטקעגען אַן אומבאַקאַנטען שיקזאַל. אויף זייערע פּנים'ער איז געלעגען אַ פינסטערע ערנסטקייט. אויף ביידע זייטען גאַס זיינען געשטאַנען געדיכט־געדרענגטע מענשען־מאַסען, און שטום, ניט אויסרעדענדיג קיין וואָרט, האָבען זיי געקוקט אויף די פאַרביי־מאַרשירענדע. פּלוצים זיינען פון דער ריכטונג פון „טשערינג קראָס" אָנגעקומען צוויי אָפענע אויטאָמאָבילען וואָס זיינען געווען באַדעקט פון אויבען ביז אַראָפּ מיט „יוניאָן דזשעקס", און וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם דורכגעבראָכען זייער וועג צו דער דרום־זייט פון'ם סקווער. זעקס אָדער זיבען פיין־געקליידעטע העררן, וועלכע זיינען געזעסען אין וואָגען, האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער אַזוי גיך ווי זיי האָבען דערזעהן די אָפּמאַרשירענדע סאָלדאַטען. זיי האָבען געפאָכעט מיט קליינע פענדלעך און געפּרואווט אויפמונטערן דעם עולם וואָס איז געשטאַנען אַרום מיטצוזינגען מיט זיי „רול בריטאַניאַ". אָבער די באַנעמונג פון די דאָזיגע לייט האָט ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג ביי דער טויזענד־קעפּיגער מאַסע, וועלכע האָט זיך דאָ געהאַט פאַרזאַמעלט צו זאָגען די סאָלדאַטען אַ שטומען „געהט געזונט!", און אַזוי איז דאָס ליעד שוין ביי די ערשטע צעהן ווערטער אָפּגעשטאָרבען ביי זיי אויף די ליפּען. זיי האָבען אַליין ניט געוואוסט ווי דאָס איז זיי געשעהן, און זיי האָבען שנעל פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. און ס'איז ווידער איינגעטראָטען דיזעלבע אומהיימליכע שטילקייט, פון וועלכער מען האָט נאָר געהערט דאָס טעמפּע, טאַקטמעסיגע קלאַפּען פון די שווערע סאָלדאַטסקע שטיוועל אויף'ן ברוק. אַ מאָדנער גערויש וואָס האָט מיך ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן דאָס טעמפּע קלאַפּען פון פייכטע שטיקער ערד אויף די דינע ברעטער פון אַ טרונע.

פאַר מיר האָט זיך איצט אָנגעפאַנגען אַ פּעריאָד פון שווערע מאָמענטען פון זעלישער דערשלאָגענקייט. כ'האָב דייטליך פאָרויסגעזעהן, אַז די שווערע, שווערע אַרבייט פון לאַנגע יאָהרען געהט

אין גאַנצען קאַפּוט. די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־באַוועגונג איז קלעגליך דורכגעפאַלען, דורכגעפאַלען אין א שטונדע, ווען די פאַר־אַנטוואָרטליכקייט פאַר אייראָפּאָ׳ס נאָהנטע צוקונפט איז פולשטענ־דיג געווען ביי איהר אין די הענט. די גרויסאַרטיגע רעדעס און באַשלוסען פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען זיינען געווען בלויז קלאַנג און רויך, פייער־ווערק וואָס איז ניט אימשטאַנד געווען צו דערוועקען קיין פונק פון ווידערשטאַנד אין די מאַסען. אַלע פראַזען וועגען פעלקער־פאַרברידערונג און אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרי־טעט האָבען פלוצלינג פאַרלאָרען יעדע באַדייטונג, קומענדיג פּנים אל פּנים מיט דער דאָזיגער שוידערליכער ווירקליכקייט, אין וועל־כער מיר זיינען אַצינד איינגעטראָטען. כ׳האָב געפיהלט דעם צו־שמעטערענדען דרוק פון דעם דאָזיגען קלאַפּ, אַזוי ווי הונדערט־פונטיגע געוויכטען וואָלטען מיר געלעגען אויף׳ן האַרצען. אַזוי מוז אפּנים פיהלען א מענש, פאַר וועמעס אויגען א גאַנצע וועלט צו־פאַלט אין שטיקער. אַלץ פון דאָס ניי זיינען מיר אַרויפגעקומען אויף׳ן זינען די ביטערע, פון שטומער פאַרצווייפלונג אַרויסגערו־פענע ווערטער פון אַלעקסאַנדער הערצען: „איהר האָט ניט גע־וואָלט דעם סאָציאַליזם, נו גוט, וועט איהר האָבען דעם קריג.“ און מיר האָבען איהם אַצינד געהאַט אין זיינע שרעקליכסטע, אומגע־ריכטסטע פּערספּעקטיוועו.

ניט קוקענדיג דערויף זיינען אין אָנפאַנג געווען בלויז געצעהל־טע עטליכע וואָס האָבען ריכטיג באַגריפען דעם פולען ערנסט פון דער לאַגע. די מעהרסטע האָבען זיך נאָך אַלץ געלאָזט פאַרפיהרען פון דער נאַרישער האָפנונג, אַז די מלחמה וועט האָבען א שנעלען סוף. מען האָט געבראַכט אַלע מעגליכע גרינדע, כדי צו באַווייזען די ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער מיינונג. קודם כל האָט מען זיך געשטיצט אויף די מורא׳דיגע ווירקונגען פון די מאָדערנע וואפען און עקספּלאָזיוו־שטאָפען, אַזוי ווי אויף די אומגעהייערע לאַסטען וואָס א מאָדערנער קריג לעגט אַרויף אויף די פּראָדוקטיווע און פי־נאַנציעלע כוחות פון די נאַציאָנען. און עס איז זיי אַלעמען געווען גאַנץ קלאָר, אַז קיין לאַנד איז ניט אין דער לאַגע אויסצוהאַלטען

אויף א לענגערע צייט אזא שווערע משא, אזא באלאסטונג פון זיינע מאטעריעלע לייסטונגען. ווי אזוי איך פערזענליך האב געדענקט איבער דער לאגע, קאן מען זעהן פון אן ארטיקעל וואס איך האב פארעפענטליכט דעם 7טען אויגוסט 1914 אין דעם פון מיר רעדאק־טירטען לאנדאנער „ארבייטער פריינד“, און פון וועלכען איך נעהם ארויס פאלגענדע שטעלע:

„די ארבייטער זיינען געווען דער איינציגער קלאס, וואס האט געקאנט פארהינדערן דעם דאזיגען מאוים'דיגען צוריקפאל אין א פעריאד פון'ם בלוטיגסטען בארבאריזם. אבער זיי האבען פאר־זעהן די געפאר, וועלכע האט געהאלטען אין קומען, און צושפלי־טערט זייערע כוחות מיט טויזענד נישטיגקייטען אין א צייט, ווען די בערזען־קעניגע פון דער וועלט און די פאלשמינצער פון דער עפענטליכער מיינונג האבען געארבייט מיט פולער קראפט אריינצופיהרען אייראפא אין'ם אפגרונד. א מעכטיגע מאניפעס־טאציע פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט פאר'ן אויס־ברוך פון דער מלחמה, געטראגען פון'ם פעסטען ווילען אנצו־ווענדען אלע רעוואלוציאנערע מאכט־מיטלען וואס דער ארביי־טער־קלאס האט געהאט, כדי צו צושטערן די פינסטערע פלענער פון די אימפעריאליסטישע בלוט־פאליטיקער, וואלט געקאנט פארהיטען די וועלט פון דער קאטאסטראפע. אצונד אבער איז עס צו שפעט. אייראפא איז שוין פארכאפט פון'ם רויטען וואנ־זין, און פאר איהר זארגלאזיגקייט און פאר איהר פייגע ניט־ענטשלאסענקייט אין א שטונדע, ווען אלע האט נאך געקאנט גע־ראטעוועט ווערן, וועט די ארבייטערשאפט פון אלע קריג־פיהרענ־דע לענדער אויף א מורא'דיגען אופן באשטראפט ווערן. זאל זיך אקארשט קיינער ניט איינרעדען, אז אט די מלחמה וועט ניט געדויערן לאנג. די איינשטעלענישען זיינען צו גרויס. צופיל שטעהט אין קאן. דאס איז א קאמף פאר דער אויבערהערשאפט אין אייראפא, אין דער וועלט, און ער

וועט אויסגעקעמפט ווערן ביז׳ן סאמע סוף.

מיר זיינען אצונד אריינגעטראָטען אין אן עפּאָכע, ווי די וועלט האָט זי אין אָט דער שוידערליכקייט פריהער קיינמאָל ניט געזעהן. אלע מלחמות פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלען אויסקוקען ווי א קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם מאוים׳דיגען טויטען־טאַנץ, וואָס וועט דאָס דאָזיגע מאָל בושעווען איבער איירופּא. קיינער וויים ניט, וואָס אונז ערוואַרטעט. די יעניגע צווישען אונז, וועלכע וועלען איבערלעבען אָט די עפּאָכע פון׳ם ווילדען וואַנזין און דעם רויטען טויט, וועלען קאָנען דערצעהלען זאַכען, וואָס קיין מענשליך אויער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרנומען. און פיליייכט וועט מען נאָך אַמאָל רעכענען פאַר גליקליך די געפאַלענע, וועלכע וועלען אויסמיסטיגען די ערד פון איירופּא מיט זייערע צוריסענע גלידער, ווייל דער טויט וועט זיי האָבען באַפרייט פון די שוידערליכע עראינערונגען אן יענע גיהנום׳שע בילדער, וועלכע וועלען ליגען ווי א מורא׳דיגער קאָשמאַר אויף די הערצער פון די לעבען־געבליבענע״.

עטליכע וואָכען נאָך דער קריגס־ערקלערונג האָט זיך אָנגעהויבען די רעגיסטראַציע פון די אַזוי־גערופענע „פיינדליכע אויסלענדער״ (עליען ענעמים). די גאַנצע פּרעסע האָט די רעגירונג פּשוט געצוואונגען עפּעס צו טאָן. צייטונגען פון׳ם שניט פון דער „דעילי מעיל״, „איוונינג ניוס״, „דזשאָהן בול״, „דעילי עקספּרעס״ א. א. וו. האָבען זיך אריבערגעשטיגען איינע די אנדערע אין משונה׳דיגע ערפינדונגען און אומגלויבליכע פאַרדאַכטען געגען די דייטשען וואָס האָבען געוואוינט אין לאַנד, און וועלכע זיינען צום גרעסטען טייל באַשטאַנען פון אַרבייטער. מען האָט איבעראַל ענטדעקט דייטשע שפּיאָנען און געפערליכע פאַרשווערונגען. אַזוי האָט מען געהאָט צו דערצעהלען וועגען דייטשע בעקער, וועלכע זאָלען האָבען אריינגעטאָן אַרסעניק אין ברויט, אָדער מען האָט אויפגעדעקט פאַר די אָרימע צייטונגס־לעזער א מורא׳דיגע פאַרשווערונג פון די דייטשען אין ענגלאַנד צו פאַרגיפטען די לאָנדאָנער וואַסער־לייטונג. איין

טאָג האָט מען געקאָנט לייענען אין אַלע צייטונגען, אַז אַ דאַנק דער
שאַרפזיניגקייט פון דער פּאָליציי איז געלונגען צו ענטדעקען אין אַ
דייטשען קלוב אַ גאַנצען סקלאַד מיט וואָפען. דאָס מאָל האָט עס
זיך פאַקטיש ניט געהאַנדעלט וועגען אַ געוועהנליכע ערפינדונג וואָס
אַ וועלכער ס'איז זשורנאַליסטישער באַנדיט האָט זיך אויסגעטראַכט
פון קאָפּ. די פּאָליציי האָט ווירקליך געקראָגען צו וויסען, אַז אין
דעם לאָקאַל פון'ם „קאָמוניסטישען אַרבייטער־בילדונגס־פאַראיין“
געפינט זיך אַ געהיימער סקלאַד מיט וואָפען. דער קאָמ. אַרב. ביל־
דונגס־פאַראיין, פון סאָציאַלדעמאָקראַטישער ריכטונג, איז געווען די
צווייטע עלטסטע דייטשע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד. אַ
טייל פון זיינע מיטגלידער איז באַשטאַנען פון פּאָליטישע פליכט־
לינגע, וועלכע זיינען נאָך אונטער דעם סאָציאַליסטען־געזעץ פאַר־
וואָרפען געוואָרן קיין לאָנדאָן, און עס איז געווען אומפאַרשטענדליך
וואָס אַזאַ פאַרדאַכט זאָל פאַלען גראַד אויף אָט דעם קלוב. אָבער
וואָס פאַר עס איז אַנאָנימע מסירה איז אין יענער צייט גענוג געווען
צו מאַכען אַז די רעדער פון געזעץ זאָלען זיך באַוועגען. אַזוי איז
אַלזאָ איין שיינעם טאָג געקומען די פּאָליציי אין דעם לאָקאַל פון'ם
קאָמ. אַרב. בילד. פאַראיין, כדי דאָרט צו מאַכען אַ גרינדליכע אונ־
טערזוכונג. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט מען ווירקליך ענט־
דעקט פיער אָדער פינף אַלטע ביקסען, וועלכע האָבען אָבער קיין
שלעסער ניט געהאַט און לויט זייער אויסזעהן וואָלט מען געקאָנט
שווערען, אַז זיי שטאַמען נאָך פון דער צייט פון'ם דרייסיג־יעריגען
קריג. דער ק. אַ. ב. פ. האָט נעמליך געהאַט אַ קליינע אַמאַטאָרען־
ביהנע, און די ענטדעקטע „מאָרד־אינסטרומענטען“ האָבען געהערט
צו די טעאַטער־חפצים פון דעם פאַראיין. די דעטעקטיוום האָבען
אַליין געמוזט לאַכען, ווען זיי האָבען די געפונענע זאַכען באַטראַכט
פון דער נאָהענט. אָבער אָט דער לעכערליכער עסק האָט די פּאַטרי־
אָטישע צייטונגען געגעבען שטאָף צו דערצעהלען זייערע לעזער די
שרעקליכע געשיכטע וועגען דער געהיימניספולער ענטדעקונג פון אַ
געהיימען דייטשען וואָפען־לאַגער אין צענטער פון לאָנדאָן, און דאָס
איז געווען גענוג.

אַט די סיסטעמאַטישע פאַרגיפטונג פון דער עפענטליכער מיינונג האַט אויך ניט פאַרפעהלט איהר ציעל און האַט געטראָגען איהרע פרוכטען. די באַפעלקערונג איז איינפאַך אויפגעהעצט געוואָרן צו א פאַניק. מען האַט געזעהן געשפענסטער אין מיטען העלען טאָג. דער אַלגעמיינער פאַרדאַכט האַט צייטענווייז אָנגענומען מאָדנע פאָרמען און האַט ביסלאַכווייז ארויסגערופען אַן אמת׳ע פאָגראָם־שטימונג. דורך די שרייענדיגע אויפשריפטען אין די געלע צייטונגען: „וואַטש יור דזשוירמען נייבאָר!" (גיט אַכטונג אויף אייער דייטשען שכן), האַט זיך דער דורכשניטס־בירגער מיט דעם באַשרענקטען אונטערטאַנס־פאַרשטאַנד געפיהלט פאַרפליכטעט אויך בייצוטראָגען זיין חלק, כדי צו באַשיצען דאָס לאַנד פאַר דעם דראָהענדען אומגליק. אַזוי האַט זיך אַלזאָ די רעגירונג געזעהן געצוואונגען אָנצונעמען מיטלען אין איינקלאַנג מיט דער „שטימע פון פאָלק". די רעגיסטרירונג פון די „פיינדליכע אויסלענדער" איז געוועזן דער ערשטער שריט. יעדער דייטש און עסטרייכער איז געוועזן פאַרפליכטעט זיך צו מעלדען ביי דער פאָליציי פון׳ם דיסטריקט, אין וועלכען ער האַט געוואוינט, און מיטברענגען צו דעם צוועק צוויי פאָטאָגראַפיעס. דאָרט האַט מען איהם אַרויסגעגעבען אַ מין פאַס וואָס האַט ענטהאַלטען זיינע צייכענס און זיין בילד און וואָס האַט איהם געזאָלט דינען אלס צייגניס פאַר דער פאָליציי. אין דערזעלבער צייט איז אַלע „פיינדליכע אויסלענדער" פאַרבאָטען געוואָרן צו באַזיצען אויטאָמאָבילען, עראָפּלאַנען, בריעף־טויבען, טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע אַפּאַראַטען און זעלבסטפאַרשטענדליך וואַפען. אחוץ דעם האַט מען פאַר זיי געשאַפען א „תחום": זיי האָבען ניט געטאָרט קומען ווייטער ווי פינף מייל אַרום זייערע וואָוינונגען.

דאָס איז געוועזן דער אָנפאַנג; אָבער איך האָב באַלד געפיהלט, אַז דער סוף וועט אין קורצען נאָכקומען. ווי מען האַט געקאָנט פאָראויסזעהן, האַט זיך די געלע פרעסע אויף קיין פאַל ניט צופרידענגעשטעלט מיט די מיטלען וואָס די רעגירונג האַט אָנגענומען. אדרבה, אין דער נאָכגיביגקייט פון דעם ליבעראַלען מיניסטעריום האַט זי

בלויז דערזעהן דעם ערשטען ערפאָלג פון איהר אומהיימליכער העצריי, און אלץ העכער און דראָהענדער האָט אָפּגעקלונגען איהר פאָדערונג: „אינטווירן דהעם אָלו" (אינטערנירט זיי אלעמען). כ'האָב אינסטינקטיוו געפיהלט, אז די טעג פון מיין פרייהייט זיינען געווען געצעהלט, און איך האָב געמאכט אלע פארבאַרייטונגען, וועלכע איך האָב געפונען פאַר נייטיג. איך בין זינט עטליכע יאָהר געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַסירער פון'ם „אַנאַרכיסטישען רויטען קרייץ", וועמעס אויפגאַבע ס'איז געווען פון צייט צו צייט צו פאַרזאָרגען די קאַמעראַדען וואָס האָבען געשמאַכט אין די געפענגנישען פון רוסלאַנד און סיביר מיט קליינע געלט־אונטערשטיצונגען, כדי צו מאַכען זייער טרויעריגע לאַגע ווי ווייט מעגליך ערטרעגליכער. א גרעסערע סומע געלט איז געלעגען אויף מיין נאָמען אין באַנק, און עס איז געווען א געפאַר, אז די ענגלישע רעגירונג קאָן, נאָכדעם ווי איך וועל אַרעסטירט ווערן, לעגען די האַנד אויף דאָס דאָזיגע געלט. כ'האָב אַלזאָ אַרויסגענומען דאָס געלט פון דער באַנק און עס איבערגעגעבען מיין פריינד שאַפּיראָ, דעם סעקרעטער פון אונזער קאָמיטעט. אויסערדעם האָט מען געדאַרפט פאַרזאָרגען, אז אין פאַל איך וועל אַרעסטירט ווערן זאָל דער „אַרבייטער פריינד" אויך אָהן מיר קאָנען ווייטער ערשיינען, וואָרים מיר זיינען געווען פעסט ענטשלאָסען ניט אָפּצוטרעטען פון'ם קאַמף־פּלאַץ סיידען מיר וועלען באַגעגענט ווערן פון דער ברוטאַלער געוואַלט, געגען וועלכער מיר זיינען געווען מאַכטלאָז.

א וואונדערבאַרע סאָלידאַריטעט האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעצייגט אין אונזערע רייהען. ס'האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי די ערנסטקייט פון'ם מאָמענט און די דראָהענדע געפאַר, וועלכע האָט אומאויפהערליך געלויערט אַרום אונז, וואָלטען נאָך פעסטער צוגעשמידט די קאַמעראַדען איינע צו די אַנדערע. א טייל פון אונזערע גענאָסען, וועלכע האָבען שוין זינט יאָהרען לאַנג ניט געהאַט גענומען קיין דירעקטען און אַקטיווען אנטייל אין דער באַוועגונג, האָבען זיך פּלוצלינג ווידער באַוויזען אין אונזערע רייהען און געשטעלט זייערע כוחות אין דינסט פון דער געמיינשאַפטליכער זאַך. דאָס איז נאָך

געוועזן באַדייטענדער פאַר אונז, ווייל א קלייגער טייל פון אונזערע אַלטע קאַמעראַדען, צווישען זיי מענער ווי קראָפּאָטקין און טשער־קעסאָוו, האָבען בנוגע דער לאַגע וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דער מלחמה גענומען א שטעלונג, וועלכע איך און די גענאָסען פון אונזער ענגערן קרייז האָבען אונטער קיינע אומשטענדען ניט געקאָנט רעכטפאַרטיגען. איך רייד דאָ פון דעם ענגערן קרייז, מחמת די גרויסע מערהייט פון אונזערע קאַמעראַדען איז נאָך איבערהויפּט ניט געוועזן באַקאַנט מיט קראָפּאָטקין'ס שטאַנדפּונקט, ווייל ער איז נאָך דאַמאָלס ניט אַרויסגעטראָטען מיט זיינע אנזיכטען אין דער עפענטליכקייט.

ווי מיר האָבען עס פאָרויסגעזעהן, איז באַלד נאָך'ן אויסברוך פון דער מלחמה ענטשטאַנען אַן אַלגעמיינער קריזיס אין פיעל אינ־דוסטריען, און דער דאָזיגער קריזיס האָט באַזונדערס שווער גע־טראָפען די אַרבייטער אין לאַנדאָנער איסטענד. אונטער די עקזיס־טירענדע פאַרהעלטענישען האָט קיינער ניט געקאָנט פאָרויסזאָגען, ווי לאַנג אָט דער צושטאַנד וועט אָנהאַלטען. א סך פון אונזערע גענאָסען זיינען געלעגען אויף דער גאַס, און מיר אַלע האָבען גע־פיהלט, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן, כדי צו לינדערן די דרינגענסטע נויט. אין וועסט ענד איז די לאַגע נאָך אפשר געוועזן ערגער. די מעהרסטע פון אונזערע דייטשע גענאָסען האָבען געהאַט פאַרלאָרן די אַרבייט, ווייל די אַרבייטגעבער האָבען פּשוט מורא געהאַט צו באַ־שעפטיגען דייטשען, כדי ניט אַרויפצוציהען אויף זיך די עפענטליכע מסירות פון די געלע צייטונגען. נו, האָבען זיך די דייטשע און פראַנצויזישע קאַמעראַדען אַלזאָ פאַראייניגט און געגרינדעט אַן אַזוי גערופענע „קאָמוניסטישע קיך", כדי אויף אַזאַ אופן צו וואַ־טעווען זייערע אַרבייטסלאָזע פון אונטערגאַנג. עטליכע גענאָסען, וועלכע האָבען געהאַט א ידיעה אין דער איידעלער קאָך־קונסט, האָבען איבערגענומען די טעכנישע לייטונג פון דער קיך. די אַר־בייטסלאָזע האָבען זיי געהאָלפען, דערמיט וואָס זיי האָבען געשיילט קאַרטאָפעל, גערייניגט גרינוואַרג, געוואַשען געשיר א. א. וו. די גענאָסען, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט פאַרלאָרן זייער באַשעפ־

טיגונג, האבען אונטערשטיצט די קיך נאך זייערע קרעפטען, דערמיט וואס זיי האבען דארט געגעסען זייערע מאהלצייטען און געהאלפען די אונטערנעמונג דורך פרייוויליגע ביטראגען. ס'איז געווען א מערקווירדיג בילד צו זעהן ווי אזוי אט די דייטשע און פראנצויזישע ארבייטער, געטראגען פון'ם גייסט פון דער טיעפסטער מענשליכקייט, זיינען זיך דא צונויפגעקומען, אום צו טאן אן ארבייט פון געגענזייטיגער הילף, בעת ווען דארט אויף'ן קאנטינענט האבען מיליאנען פראלעטאריער, פאלגענדיג בלינדערהייט דעם אייזערנעם געבאט פון געזעץ, געטראכט ווי אזוי זיך איינע די אנדערע צו נעמען דאס לעבען.

ענטשלאסען און אהן שהיות האבען מיר געפאלגט דעם ביישפיל פון די פראנצויזישע און דייטשע גענאסען און אויך אויף דעם איסט ענד געגרינדעט א קאמוניסטישע קיך. מיר האבען געדונגען א גרויסע וואוינונג, טיש און בענק זיינען שנעל אויפגעקלאפט געווארן, און די איינצעלנע פריוואט־הייזער האבען באזארגט די נייטיגע געשיר. אונזערע פרויען האבען איבערגענומען די לייטונג פון דער קיך און האבען צווישען זיך איינגעטיילט די ארבייט, איבערבייטענדיג איינע די אנדערע ביים איינקויפען די פראדוקטען און ביים קאכען. די ארבייטסלאזע קאמעראדען האבען זיי צוגעהאלפען, געטאן די שווערסטע ארבייטען, און אין עטליכע טעג צייט איז אלעס געגאנגען ווי געשמירט. נאך די מאהלצייטען פלעגט מען ארגאנזירען פארלעזונגען אדער מען פלעגט דיסקוטירען איבער די וויכטיגסטע טאג־פראגען. איבעראל האט געהערשט א פרעכטיגער גייסט; ס'האט אויסגעקוקט, אזוי ווי די קאטאסטראפע, וועלכע האט אריינגעשלעפט גאנץ אייראפא אין איהר וויכער, וואלט נאך פעסטער און הארציגער פארקניפט די באנדען פון סאלידאריטעט צווישען אונזערע קאמעראדען.

קראפאטקין, וועלכער האט פון שטענדיג אן ארויסגעצייגט א באזונדערע סימפאטיע צו דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין לאנדאן, האט זיך זעהר שטארק אינטערעסירט מיט אונזער אונטערנעמונג און האט אונז באזוכט אין ענגערן קרייז, כדי זיך צו באקע־

נען מיט דער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון אונזער קאָמוניסטישער קיך, וועלכע ער האָט א קורצע צייט נאָכדעם דערמאָנט מיט לויב אין אן ארטיקעל אין דער ענגלישער אַנארכיסטישער צייט־שריפט „פרידאָם". די אָרגאַניזאַציע איז געווען גאַנץ איינפאַך. ס'איז ניט געווען קיין באַשטימטער פרייז פאַר די מאָהלצייטען. יעדער האָט געגעבען וואָס ער האָט געקאָנט, און דער וואָס האָט גראָד גאָרנישט געהאָט, איז געווען פונקט אזוי ווילקאָמען ווי יעדער אַנדערער. א טייל פון די געפאַנגענע, וועלכע האָבען נאָך געהאַט ארבייט, פלעגען אוועקגעבען דער קיך רעגעלמעסיג זייער גאַנצען לוין פון דער וואָך. אַנדערע, וועלכע האָבען נאָך וואָכען־לאַנגער ארבייטסלאָזיגקייט ענדליך געהאָט געפונען א שטיקעל באַשעפטיגונג אין וואָס פאַר עס איז פראָווינץ־שטאָדט, פלעגען פון דאָרט צושיקען רעגעלמעסיג זייער ביישטייערונג, כדי לויט זייערע כוחות צו העלפען די דאָזיגע אונ־טערנעמונג פון פראַקטישער סאָלידאַריטעט און גענענזייטיגער הילף. פיעל פון אונזערע פארהייראַטע געפאַנגענע האָבען ניט ארויסגעלאָזט דעם פאַרגעניגען צו קומען וועניגסטענס א פאַר מאָל אין דער וואָך עסען נאַכטמאָהל צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אין דער קיך פון דער קאָמונע. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך דאַמאָלס אין אונ־זערע רייהען געלאָזט מערקען א גייסט, ווי מען טרעפט איהם גע־וועהנליך בלויז אין די ערשטע יוגענד־פּאַזען פון א באַוועגונג.

אזוי ווי מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז עס קומען אַן פאַר אונז שווערע צייטען, האָבען מיר באַשלאָסען צו פאַרקלענערן דעם פאָרמאַט פון „ארבייטער פריינד", כדי אויף אזא'ן אופן לייכטער צו קאָנען דורכטראָגען די צייטונג. אין דערזעלבער צייט האָבען מיר ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די געפאַנגענע אין אויסלאַנד, באַ־זונדערס אין אמעריקא, און זיי געבעטען אונז ווי וויית מעגליך בייצושטעהן, כדי צו זיין צוגעגרייט צו אַלעס וואָס קאָן קומען. גראָד אין יענע טעג זיינען אָנגעקומען צו אונז אונזער אַלטער פריינד דר. מיכאל קאָהן און זיין בראַווע לעבענס־באַגלייטערין. זיי האָבען ביידע, פאַר'ן אויסברוך פון קריג, אונטערנומען א רייזע קיין איי־ראָפּאַ, און זייענדיג אין וויען זיינען זיי איבעראַשט געוואָרען פון

דער קאַטאַסטראָפֿע. בלויז מיט גרויס מיה איז זיי, אַלס אַמעריקאַנער, געלונגען זיך אַריבערצוכאַפּען איבער דער שווייצאַרישער גרעניץ און פֿון דאָרט איבער פּאַריז קיין לאָנדאָן. ביידע האָבען זיך זעהר געפֿרעהט מיט אונזער שטעלונג צו דער מלחמה און נאָך מעהר מיט דער טעטיגקייט, וועלכע זיי האָבען ביי אונז געפֿונען. זיי האָבען באַזוכט אונזער קיך און מיט אונז צוזאַמען געגעסען אונזער אָרעמע מאָהלצייט. אַזוי ווי אַלס „פֿיינדליכער אויסלענדער“ איז מיר געווען פֿאַרבאָטען אַריבערצוטרעטען דעם „תחום“ פֿון פֿינף ענגלישע מייל, האָב איך זיי ניט געקאָנט באַגלייטען צו קראָפּאָטקין׳ן, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין ברייטאָן, און איך האָב עס איבערגעלאָזט פֿאַר מיין פֿרוי צו שפּיעלען די פֿיהרער־ראָלע. אָבער דערפֿאַר האָב איך אונזער פֿריינד געפֿיהרט צו מאַלאַטעסטאַ׳ן, וועמעס וואוינונג איז ניט געווען זעהר ווייט פֿון מיינער.

מאַלאַטעסטאַ האָט אונז אויפֿגענומען מיט זיין געוועהנליכער הארציגקייט. אונזער געשפּרעך האָט זיך נאַטירליך געדרעהט אַרום דער מלחמה און איהרע וואַרשיינליכע פֿאָלגען. איך האָב מאַלאַטעסטאַ׳ן זינט אַ שטיקעל צייט ניט געזעהן. מיר האָבען זיך געטראָפֿען קורץ פֿאַר׳ן אויסברוך פֿון׳ם קריג. דאַמאָלס איז ער נאָך געווען צימליך אָפּטימיסטיש געשטימט און זיין מיינונג איז געווען, אַז די הערשענדע קלאַסען וועלען ניט אַזוי לייכט דערלאָזען עס זאָל קומען צו אַזאַ מורא׳דיגער קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע וואָלט סוף כל סוף — דערפֿון איז ער געווען איבערצייגט — געמוזט פֿיהרען צו אַן ערע פֿון געוואַלטיגע רעוואָלוציאָנערע אויפֿטרייסלונגען אין גאַנץ אייראָפּאַ. מאַלאַטעסטאַ האָט זיך ערשט מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם געהאַט צוריקגעקערט פֿון איטאַליע. ער איז דאָרט געווען די נשמה פֿון דעם גרויסען אויפֿשטאַנד וואָס האָט אויסגעבראָכען אין יוני 1914, און וועלכען די רעגירונג האָט בלויז מיט גרויסע שוועריגקייטען געקאָנט אונטערדריקען. מיר האָבען דאָן געלעבט אין אַנגסטיגע זאָרגען וועגען איהם, וואָרים די איטאַליענישע פּאָליציי האָט ניט געשפּאָרט קיין מיה צו אַרעסטירען דעם אַלטען אונצושטערבאַרען רעבעל. די ערשטע ידיעה, אַז מאַלאַטעס-

טאַ איז אריינגעפאַלען צו די פּאָליציאַנטען אין די הענט, האָט זיך צום גליק ניט באַשטעטיגט. באַלד נאָכדעם האָבען די צייטונגען פאַרשפּרייט די באָבע־מעשה, אַז ער ליגט באַהאַלטען ערגעץ אין דער קליינער רעפּובליק סאַן מארינאָ. אונזער פרייד איז דערום געווען גרויס, ווען ער איז פּלוצלונג, דעם 27טען יוני, אָנגעקומען געזונט און מונטער קיין לאָנדאָן. בעת ווען אַ גאַנצע ארמיי פון דעטעקטיווס האָט איהם ארומגעזוכט ווי אַ שפּילקע אין גאַנץ איטאַליע, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו אַנטלויפען, און פאַרשטעלט אלס פּויער איז ער אריבער די שווייצארישע גרענעץ. ער האָט בלויז געמוזט אָפּפערען זיין באָרד. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געווארען איז מאַלאַטעסטאַ פונדעסטוועגען גע־ווען פול מיט האָפנונג און האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט ליעב וועגען דעם גייסט, פון וועלכען די ארבייטער־באַוועגונג פון איטאַליע איז דעמאָלט געווען דורכגעדרונגען. אַ קורצע צייט נאָכ־דעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן האָט ער אין דייטשען קלוב געהאַלטען אַ פאָרטראַג, אין וועלכען ער האָט אונז געשילדערט זיינע לעצטע ערפאַרונגען. ווי געוועהנליך, האָט ער גערעדט פראַנצויזיש, און איך האָב דאַן די רעדע זיינע, וועלכע האָט אויף אונז אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, איבערזעצט אין דייטש.

די האָפנונגספולע שטימונג, וועלכע מאַלאַטעסטאַ האָט מיט־געבראַכט מיט זיך פון איטאַליע, איז אָהן צווייפעל געווען די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס ער האָט ניט אזוי הויך אָפּגעשאַצט די געפאַר פון דעם דראָהענדען קריג. נו, זיינען מיר אבער איצט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט לעבעדיגע פאַקטען. דר. קאָהן האָט דערצעהלט וועגען די איינדרוקען, וועלכע ער האָט געהאַט אין וויען און בעת זיין געפערליכער רייזע קיין לאָנדאָן. מאַלאַטעסטאַ האָט זעהר ערנסט באַטראַכט די לאַגע, איז אָבער געבליבען ביי זיין שטאַנד־פונקט, אַז די מלחמה וועט זיך מוזען ענדיגען מיט אַ גרויסער רע־וואָלוציאָנערער עפּאָכע. — מען האָט שוין דאַן אין ענגלאַנד געמאַכט אַן אָנהויב מיט דער אינטערנירונג פון די דייטשען, און אין אונזער שמועס זיינען מיר אויך געקומען אויף דער דאָזיגער פראַגע. מאַ־

לאַטעסטאַ האָט מיר געקלאַפּט אויף דער פּלייצע און מיט אַ שמייכעל באַמערקט: „נו, דיך וועט די ענגלישע רעגירונג געוויס ניט פאַרדעכטיגען אלס שפּיאָן פון׳ם קייזער און זי וועט דיך מסתמא לאָזען צורוה“. איך האָב לײדער ניט געקאָנט קוקען אַזוי אָפּטימיסטיש אויף די געשעהענישען און איך האָב איהם לאַכענדיג געענטפערט, אַז פון פאָרזיכטיגקייט וועגען בין איך גרייט אויף אַלע איבעראַשונגען. באַזונדערס ביטער האָט מאַלאַטעסטאַ געאורטיילט איבער דער שטעלונג וואָס קראָפּאָטקין, טשערקעסאָוו, גראַוו און עטליכע אַנדערע קאַמעראַדען האָבען גענומען צום קריג. איך האָב געזוכט איהם צוצוגלידערן די מאָטיווען פון אָט דער שטעלונג, ווי איך האָב זיי מיר אַליין ערקלערט, אָבער ער האָט מיינע טענות ניט געוואָלט אָננעמען. ענדליך האָבען מיר זיך געזעגענט, און אין עטליכע טעג ארום זיינען אונזערע ביידע אַמעריקאַנער פריינט אָפּגעפאָהרען קיין נויאָרק, וואו מען איז שוין געווען שטאַרק באַאומרוהיגט וועגען זיי.

דערווייל האָט די ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אָנגענומען איהר אומפאַרמיידליכען גאַנג. די ווילדע העצעריי פון די נאָרטקליף־צייטונגען געגען די דייטשען אין ענגלאַנד האָט אַריינגעטריבען דעם עולם אין אַ קראַנקהאַפטער שטימונג. אומעטום האָט מען געזעהן דייטשע שפּיאָנען. אין יעדען צופעליגען אומגליקספאַל האָט מען דערקענט די אומזיכטבאַרע האַנד פון די „פיינדליכע אויסלענדער“. אַזוי ווי די רעגירונג האָט זיך נאָך אַלץ געקווייקעלט צו אונטערנעמען מאַסען־אַרעסטען, פיליכט ניט אַזוי צוליעב מענשעןפריינדליכקייט ווי דערפאַר ווייל מען האָט פּשוט ניט געוואוסט וואו מען זאָל אַהינטאָן די אַלע אַרעסטירטע, האָבען זיך די „פּאַטריאָטען“ באַנוצט מיט אַנדערע מיטלען. זיי האָבען גענומען אַלס מוסטער די מעטאָדען פון די שוואַרצע מאות אין רוסלאַנד און אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף דער דייטשער באַפעלקערונג. אין דעפּטפאָרד, אָלד קענט ראָוד, בריקסטאָן און אַביסעל שפּעטער אויך אין אַנדערע געגענדען פון לאָנדאָן, דער עיקר אין פּאָפּלאַר, האָבען זיך אין מיטען אָקטאָבער צוזאַמענגענומען גרויסע מחנות פון מענשען

אויף די גאסען און אטאַקירט די קראָמען פון די קליינע דייטשע געשעפטס־לייט. די גאנצע געשיכטע האָט אין אלע איהרע רעבע־לירענדע איינצעלהייטען געטראָגען דעם געשטעמפּעלטען כאַראַקטער פון א רוסישען פּאָגראָם, ניט מעהר וואָס עס האָט זיך דאָ ניט גע־האַנדעלט וועגען אידען, נאָר וועגען דייטשען. מען האָט געפּלינ־דערט די קראָמען, זיך אריינגעריסען אין די וואוינונגען, צובראָכען די מעבעל און ארויסגעוואָרפען די שטיקער דורך׳ן פענסטער אין גאס אריין. אין איינצעלנע פאלען האָט מען זאָגאר געזוכט אונטער־צוצינדען די הייזער. גליקליכערוייז האָבען זיך די שוצלאָזע אָפּפער פון אָט די פינסטערע אָנגריפען נאָך געקאָנט ראַטעווען באַצייטענס; א טייל פון זיי זיינען אַנטלאָפען איבער די דעכער, כדי ווענינגס־טענס ארויסצוקומען מיט׳ן לעבען. די פּאָליציי איז געווען אבסאָ־לוט מאַכטלאָז, און מען האָט געמוזט האָבען מיליטער, אום צו אונ־טערדריקען די אומרוהען. פיעל פּערזאָנען זיינען אַרעסטירט געוואָ־רען, צווישען זיי עטליכע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אנטייל גענו־מען אין די פּאָגראָמען. מען האָט פאַראורטיילט איבער פערציג פון די ארעסטירטע, אָבער אָט די ארעמע טייוואָלים זיינען זיכער געוועז די אומשולדיגסטע אין דער גאַנצער געשיכטע. יעדער איינער וואָס איז נאָר ניט געווען בלינד האָט געקאָנט זעהן, אז מען האָט דאָ ניט געהאַט צו טאָן מיט ספּאָנטאַנע אויסברוכען פון בלינדען פּאָלקס־צאָרן, נאָר מיט קינסטליך אָרגאַניזירטע אומרוהען, וועלכע האָבען איינפאַך געהאַט דעם צוועק צו טרייבען די רעגירונג צו מאַסען־אינטערנירונגען פון די „פיינדליכע אויסלענדער“. די אמת׳ע מאַ־כער פון דער זאַך האָבען זיך, ווי שטענדיג ביי אזעלכע געלעגענ־הייטען, געהאַלטען פאַרשטעקט הינטער די קוליסען און צוגעקוקט ווי די ארעמע טייוואָלים, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פון זיי פאַר־פירען, האָבען אליין אויפגעגעסען די קאַשע וואָס זיי האָבען פאַר־קאָכט. אחוץ דעם וואָלט די רעגירונג סיי ווי קוים געהאַט דעם מוט צו טשעפּען די אמת׳ע רעדעל־פיהרער, וועלכע זיינען איהר זיכער ניט געוועז אומבאַקאַנט.

די טאַקטיק פון די פּאָגראָמען האָט אלזאָ אויך ניט פאַרפעהלט

צו האבען איהר באצוועקטע ווירקונג. די רעגירונג האט זיך אויף א שארפערן אופן גענומען ארעסטירען די דייטשען, און ווי דער שטייגער איז, האט מען זיך דא באנוצט מיט דעם שיינעם תירוץ, אז צוליב דער אלגעמיינער אויפרעגונג איז מען געצוואונגען זיי צו אינטערנירען פון זייער „אייגענער זיכערקייט" וועגען. כדי צו בא־רוהיגען די אויפגערעגטע געמיטער האט די רעגירונג געלאזט וויסען, אז מען וועט אינטערנירען אלע „פיינדליכע אויסלענדער", ניט מא־בענדיג קיין באשטימטע אויסנאמען. אונטער אט די אומשטענדען האבען מיר — דאס הייסט מיין פריינד ל., דער מענעדזשער פון אונזער צייטונג, א געבוירענער עסטרייכער, און איך—געמוזט יעדע שטונדע ערווארטען אונזער ארעסט, בפרט נאך אז דער „ארבייטער פריינד" האט דאן געהאט אנגענומען די שארפסטע שטעלונג געגען דער פאגראם־טאקטיק פון די שאוויניסטען און געגען דער מלחמה בכלל. מיר האבען דערום ארויסגעלאזט נאך אן אויפרוף צו די קא־מעראדען וואס איז ערשינען אינ'ם נומער פון 23טען אקטאבער, און אין וועלכען מיר האבען זיי אויפגעפאדערט אויף ווייטער צו בלייבען טריי אונזער צייטונג, אויך דאן ווען מיר בײדע זאלען מעהר ניט קאנען נעמען קיין אנטייל אין איהר ארויסגאבע. אט דער נו־מער איז גראד געווען פארטיג צום דרוק, ווען ל. איז ארעסטירט געווארן. אין דערזעלבער צייט זיינען אויך פארגעקומען גרויסע ארעסטען אין וועסט ענד. די פאליציי האט זיך אריינגעריסען אין דעם פארזאמלונגס־לאקאל פון די דייטשע גענאסען און ארעסטירט אלע אנוועזענדע. אין איסט ענד איז, אחוץ ל.'ן, ארעסטירט גע־ווארן גענאסע ה. פריינד, און מיט עטליכע וואכען פריהער אונזער אלטער קאמעראד, ל. זוס.

די ארעסטירונג פון אזויפיעל קאמעראדען האט פאר אונז גע־שאפען א נייע שווערע אויפגאבע. די מעהרסטע פון די אינטער־נירטע גענאסען זיינען געווען אבסאלוט אהן מיטלען, און מען האט פאר זיי געמוזט שאפען הילף. איך האב אין דעם זין אין „ארבײ־טער פריינד" אפגעדרוקט אן אויפרוף, וועלכער איז זעהר ווארם אויפגענומען געווארן פון די לעזער. עס האט זיך פארמירט א בא־

זונדער קאָמיטעט, וועמעס אויפגאַבע איז געווען אויף אַ סיסטע־מאַטישען אופן צו זאָרגען פאַר דער אונטערשטיצונג פון די אינטער־נירטע קאַמעראַדען. איך אַליין בין ניט געווען קיין מיטגליד פון דער דאָזיגער קערפערשאַפט, ווייל איך האָב דאָך געמוזט זיך ריכ־טען יעדע מינוט אַרעסטירט צו ווערן. האָט אַלזאָ מילי וויטקאָפּ־ראָקער איבערגענומען דעם פאַראַנטוואָרטליכען פּאָסטען פון סעק־רעטאַריאַט, וואָס זי האָט מיט דער גרעסטער איבערגעבענקייט און טרייקייט אָנגעהאַלטען ביז דעם טאָג פון איהר אַרעסט, וואָס איז געקומען אַכצעהן מאָנאַט שפּעטער.

פונקט אין דערזעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק רודערן אין אַלע קרייזען פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. קראָפּאָטקין האָט עפענטליך גענומען אַ שטעלונג צו דער מלחמה. איך האָב שוין פריהער באַמערקט, אַז די פון אונזער ענגערן קרייז, וואָס האָבען זינט יאָהרען־לאַנג געהאַט פערזענליכע באַציהונגען מיט קראָפּאָטקין׳ען, זיינען שוין פון אַ צייט אָן געווען באַקאַנט מיט זיינע אַנזיכטען איבער׳ן קריג. אָבער אַזוי לאַנג ווי ער איז ניט אַרויסגעקומען מיט זיין מיינונג אין דער עפענטליכקייט, האָבען מיר ניט געקאָנט אָפען און קלאָר אַרויסברענגען אין דער צייטונג אונזער שטעלונג צו איהם. נו, האָט ער זיך אַליין ענטשלאָסען אַרויסצוטרעטען מיט זיין אַנשויאונג, אין זיין באַקאַנטען בריף צו דעם שוועדישען פּראָפעסאָר סטעפען, וואו ער האָט קלאָר אויסגע־דריקט זיין שטעלונג. ער האָט מיר צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיגען בריף, וואָס איך האָב גלייך פאַרעפענטליכט אין „אַרביי־טער פריינד“. אַצונד האָט מען געמוזט נעמען אַ קלאָרע און נימ־צווייד‏דייטיגע שטעלונג, וואָרים יעדער מיטעל־וועג איז דאָ געווען אויסגעשלאָסען. די זאַך איז מיר געלעגען זעהר נאָהנט, מעהר ווי די מייסטע פריינט מיינע האָבען זיך געקאָנט פאָרשטעלען. קראָ־פּאָטקין איז, אַזוי צו זאָגען, געווען דאָס גרויסע עראייגניס פון מיין לעבען. דאָס שטודירען פון זיינע שריפטען האָט געגעבען מיין גייסטיגער ענטוויקלונג אַ באַשטימטע ריכטונג, וועלכע איז געווען ענטשיידענד פאַר מיין גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען. דערצו האָט

מיך דער באַנד פון א לאַנג־יעהריגער פערזענליכער פריינדשאַפט פאַרקניפּט מיט איהם. ער איז פאַר מיר געווען איינער פון די ליעבסטע מענשען, מיט וועלכע איך האָב זיך ווען געטראָפען, און מיין פערזענליכע פערעהרונג פאַר איהם איז געווען אונבאַגרענעצט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז מיר ניט לייכט געווען צו מוזען אָפען אַרויסטרעטען געגען איהם. אָבער עס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגען אַ געוויסענס־פראַגע, און דאָ האָט ניט געקאָנט, דאָ האָט ניט געטאָרט זיין קיין שום קווינקלען זיך. קיין צווייפעל, דאָס וואָס קראָפּאָטקין האָט געזאָגט, איז געווען דער אויסדרוק פון זיין טיעפסטער אינערסטער איבערצייגונג. אַ טייל פון זיינע אויספיהרונגען האָבען מיר זאָגאַר אויסגעקוקט צו זיין דורכאויס באַגרינדעט, אָבער זיין שטאַנדפונקט בכלל איז, לויט מיין מיינונג, געווען פאַלש און האָט געמוזט פיהרען צו אומגליקליכע פאָלגען פאַר דער באַוועגונג. דאָס איז ניט געווען בלויז מיין מיינונג — די גאַנץ גרויסע מעהרהייט פון די גענאָסען אין ענגלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער האָבען געהאַט דיזעלבע איבערצייגונג, הגם זיי האָבען געגעבען אַ פאַרשיעדענע ערקלערונג פאַר דער אורזאַך פון קראָפּאָטקין'ס שטעלונג.

די צווישען אונז, וועלכע זיינען געווען פערזענליך באַפריינדעט מיט קראָפּאָטקין'ען, האָבען געוואוסט, אַז נאָך אין דער צייט פון'ם רוסיש־יאַפּאַנישען קריג, אין 1904, און שפּעטער אין דער צייט פון דער באַלקאַנישער מלחמה, אין 1912, האָט ער אָנגענומען אַ שטאַנדפונקט, וואָס האָט פאַר אַ טייל פון אונז אויסגעקוקט מאָדנע. אסך פון זיינע ענגערע פריינט, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען זיין שטעלונג צו דער וועלט־מלחמה, זיינען דערפאַר געווען גענייגט צו גלויבען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ גע'ירש'ענטע פאַראורטייל וואָס קראָפּאָטקין האָט, אַזוי צו זאָגען, איינגעזויגען מיט דער מוטער־מילך, און פון וועלכען ער האָט זיך, לויט זייער מיינונג, קיינמאָל ניט געקאָנט באַפרייען. איך וויל דאָ ניט אונטערזוכען, אויף ווי וויט אָט די מיינונג איז געווען באַגרינדעט אָדער ניט. מעגליך, אַז אַ שטיק אמת איז דעריין פאַראַן.

אָבער די הויפּט־אורזאַך פון זיין דאָמאָלסדיגער שטעלונג דאַרף מען, לויט מיין פּערזענליכער אויפפאַסונג, זוכען אין זיין באַזונדערער אַנשויאונג פון דער מאָדערנער געשיכטע.

פאַראַן היסטאָריקער, וועלכע לאָזען זיך אַזוי שטאַרק אריין אין די איינצעלהייטען פון אַ געוויסער עפּאָכע, אַז זיי זיינען דורכאויס ניט אימשטאַנד צו דערקענען און ריכטיג צו ערקלערען די סאַמע וויכטיגסטע גרונדצוגען איהרע. קראָפּאָטקין איז, אַזוי צו זאָגען, געווען אַ טיפּישעס געגענשטיק, אַ היפוך צו דעם דאָזיגען מין געשיכטס־פאָרשער. אַ דאַנק זיין אַנאַליטישען שאַרפען בליק און זיין גלענצענדער פעהיגקייט צו ציהען טיף־באַגרינדעטע סינטעטישע שלוסען פון געגעבענע פאַקטען, האָבען מיר שטענדיג די הויפּט־צוגען פון אַן עפּאָכע קלאָר פאַר די אויגען; דערביי פלעגט אָבער ניט זעלטען טרעפען מיט איהם, אַז ער האָט פאַרזעהן אָדער צו לייכט אָפּגעשאַצט געוויסע פּרטים, וועלכע זיינען אָפט פון גרויסער וויכטיגקייט פאַר דאָס פאַרשטעהן פון אַ געשיכטליכען פעריאָד. אַזאַ זעלטענע מתנה, מיט וועלכער גרויסע גייסטער זיינען געוועהנליך געבענשט, האָט אָהן אַ שום ספק איהרע מעלות, דערמיט וואָס זי גיט אונז אַ קלאָרען באַגריף וועגען דעם עצם ענין, דעם סאַמע גרונד פון אַ זאַך. אָהן דער דאָזיגער מתנה וואָלט יעדענפאַלס קיינמאָל ניט געקאָנט געשריבען ווערן אַזאַ טיף־געהענד און גרינדליך ווערק ווי די „געגענזייטיגע הילף“. אָבער זי האָט אויך איהרע חסרונות, וועלכע מיר טאָרען ניט פאַרקוקען, אויב מיר ווילען ניט אָפט אַראָפּגעהן פון וועג.

די געשיכטס־עפּאָכע, וואָס האָט מעהר און טיפער פון אַלע אַנדערע באַשעפטיגט קראָפּאָטקין׳ן, איז געווען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע. שוין באַלד נאָך זיין אַנטלויפען פון רוסלאַנד האָט ער זיך גענומען אויספאָרשען די קוואַלען פון יענער געוואַלטיגער עפּאָכע, און שוין דעמאָלט האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק צו שרייבען אַ ווערק איבער יענער מעכטיגער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך ווי אַ שטורם־ווינט דורכגעצויגען איבער גאַנץ אייראָפּאַ. דער לאַנגער פעריאָד פון רעאַקציע, וועלכער האָט זיך

אנגעפאנגען מיט דעם אונטערגאנג פון די אלטע פעדעראליסטישע אינסטיטוציעס און מיט דער ענטשטעהונג פון'ם גרויסען שטאאטס־בנין אין איירָאפא אין משך פון 16טען און 17טען יאהרהונדערט, איז פלוצלינג איבערגעשלאגען געווארן דורך דעם אויסברוך פון דער גרויסער רעוואלוציע. אן אלטע וועלט איז מיט א קראך צופאלען אין שטיקער, און נייע, אומגעריכטע פערספעקטיוען האבען זיך געעפענט אויף אלע געביטען פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען. מיט רעכט האט קראפאטקין געזעהן אין אלע שפעטערדיגע רעוואלוציאנערע אויפשטאנדען אין איירָאפא, און באזונדערס אין דער רעוואלוציע־עפאכע פון 1848-49, בלויז דירעקטע פאלגען און פארטזעצונגען פון דער גרויסער געשעהעניש פון 1789-1794. אויך די גאנצע אידעען־וועלט פון די גרויסע פראנצויזישע סאציאליסטישע דענקער, וועלכע האבען ענטוויקעלט זייערע טעאריעס אין דער ערשטער העלפט פון פארגאנגענעם יאהרהונדערט, איז צום גרעסטען טייל געבוירען געווארען פון'ם גייסט פון דער גרויסער רעוואלוציע. אויף אזא'ן אופן זיינען די פראנצויזען געווארען דאס רעוואלוציאנערע פאלק פון איירָאפא, דער זויער־טייג פון אונזער מאדערן־געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג.

די דייטש־פראנצויזישע מלחמה, 1870-71, האט פלוצלינג געמאכט א סוף צו דער דאזיגער ענטוויקלונג. די ענטשטעהונג פון'ם דייטשען מיליטער־שטאאט אונטער דער אויבערהערשאפט פון פרייסען און די אנעקסירונג פון עלזאס־לאטרינגען האבען אין איירָאפא געשאפען א נייע פאליטישע לאגע און געגעבען דער גאנצער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג אן אנדער ריכטונג. די גייסטיגע פיהרונג אין איירָאפא איז אריינגעפאלען אין די הענט פון א פאלק, וואס האט נים געהאט קיין שום רעוואלוציאנערע טראדיציע, און וועמעס פיהרער עס האבען זיך דאן פארגענומען אוועקצולייגען א שטרענג מיליטערישען שטעמפעל אויף זיין גאנצער אינערליכער ענטוויקלונג. אזוי איז ענטשטאנען אין איירָאפא א נייער פעריאד פון רעאקציע—די רעאקציע פון'ם מאדערנעם מיליטאריזם און פון'ם ביוראקראטישען שטאאט, וועלכען באקונין האט באצייכענט אלס

דער פעריאָד פון׳ם „ביסמארקיאַניזם“. פראַנקרייך, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד א טאָפּעלט־געשלאָגענע דורך דעם פארלאָ־רענעם קריג און דורך דער מורא׳דיגער נידערלאַגע פון דער פּאַריזער קאָמונע, איז אַצונד געווען געצוואונגען צו קאָנצענטרירען אלע איהרע כוחות צו דערהאַלטען איהר נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אין געפאַר א דאַנק ביס־מארק׳ס געוואַלט־פּאָליטיק. אַזוי איז ענטשטאַנען יענע עפּאָכע פון א נאַציאָנאַליזם, געטריבען ביז׳ן סאַמע שפּיץ, און די פאַרגע־טערונג פון דער ארמיי וואָס האָט אריינגעצויגען אין איהר נעץ פראַנקרייך׳ס בעסטע גייסטער, וועלכע וואָלטען אונטער אנדערע אומשטענדען געדינט די אינטערעסען פון׳ם סאָציאַליזם און פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אונטער אָט די צושטענדען איז קיין וואונדער ניט געווען וואָס אייראָפּא איז אַלץ מעהר און מעהר פאַר־וואַנדעלט געוואָרן אין א ריזיגער קאַזארמע און האָט אויסגעזעהן ווי א באַוואַפענטער לאַגער וואָס האָט פארצעהרט אלץ גרעסערע טיי־לען פון די נאַציאָנאַלע הכנסות פון די פעלקער. אָבער וואָס מעהר אייראָפּא איז מיליטאַריזירט געוואָרן, אַלץ מעהר האָט זיך פאַר־שטאַרקט די רעאַקציע אין אַלע אנדערע געביטען און אַלץ גרעסערע שטיינער האָט זי געלייגט אין וועג פון דער נאַטירליכער סאָציאַלער ענטוויקלונג.

דאָס זיינען, נאָך מיין מיינונג נאָך, געווען קראָפּאָטקין׳ס געדאַנקען־גאַנגען. ווען עס האָט אַלזאָ אויסגעבראָכען די מלחמה, אין אויגוסט 1914, און די דייטשע ארמייען זיינען אריינגעפאַלען אין בעלגיען, איז פאַר איהם געווען בלויז איין לאָזונג — א וואָרף צו טאָן אַנטקעגען דעם דייטשען אָנפאַל א פאראייניגטע מערב־אייראָפּא און אונטער אַלע אומשטענדען צו שלאָגען דייטשלאַנד, ווי גרויס דער פּרייז זאָל ניט זיין. איך האָב דאָס געפיהל, אַז אין דער דאָזיגער איבערצייגונג זיינער איז ער וועניגער בעאיינפלוסט געוואָרן פון א פאַרערבטען רוסישען פּאַטריאָטיזם, ווי א טייל פון זיינע אַלטע פריינט האָבען ערקלערט, נאָר אַז ער איז גיכער פון אַלץ געווען באַזעלט פון׳ם וואונש צו ראַטעווען דעם פרייהייטליבען גייסט אין

אייראָפּא — די ירושה פון דער גרויסער רעוואָלוציע. איך בין אויך איבערצייגט, אז קראָפּאָטקין איז ניט געווען אזוי נאַאיוו צו שאַצען די שטאַאטס־מענער פון די אַליאירטע העכער, איידער זיי זיינען ווירקליך ווערט געווען. אויב ער האָט, ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, זיך דאָך געשטעלט אויף דער זייט פון דער „אַנטאַנט", איז דאָס, לויט מיין מיינונג, געשעהן בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז צוליעב דער אַנדערש פאָרמירטער קולטור פון די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער וועלען די רעגירונגען זייערע זיין געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט די פרייהייטליכע טראַדיציעס. אין פאַרגלייך מיט די הערשער פון דער מיליטאַריסטישער דייטשלאַנד, האָבען זיי איהם אויסגעקוקט צו זיין א קלענערער איבעל.

אויף ווי ווייט אָט די געדאַנקען־גאַנגען זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט, און באַזונדערס, צי זיי האָבען באַרעכטיגט קראָפּאָטקין'ן צו די שלוסען וואָס ער האָט געצויגען, — דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, געווען אַן אַנדער פראַגע. איך האָב געקאָנט פאַרשטעהן זיין שטאַנדפּונקט און ריכטיג אָפּשאַצען זיינע גרינדע, אָבער מיט'ן בעסטען ווילען האָב איך ניט געקאָנט טיילען זיינע אַנזיכטען אין דער דאָזיגער פראַגע. אין געגענטייל, קראָפּאָטקין'ס שלוסען האָבען מיר אויסגעקוקט צו זיין אין אָפענעם ווידערשפּרוך מיט די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּען פון'ם אַנאַרכיזם. אין דעם זינן האָב איך איהם געענטפערט אין פיער לאַנגע אַרטיקלען אין „אַרבייטער פריינד", וועלכע זיינען ערשינען אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 1914. היינט, ווען איך שרייב די דאָזיגע שורות, זיינען שוין כמעט אריבער צוועלף יאָהר זינט יענע מורא'דיגע טעג. א געוואַלטיגע שטיק געשיכטע האָט זיך זינט דאַן אָפּגעשפּילט, און מער ווי איין שנעל געפּאַסטער אורטייל פון יענער צייט האָט געמוזט גרינדליך פאַרבעסערט ווערן. אָבער איך מוז צוגעבען, אַז איך האָב גאָרנישט וואָס צוריקצונעמען פון מיינע דאַמאָלסדיגע ערקלערונגען; אין געגענטייל, פיעל פון דעם וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט איז פולשטענדיג באַשטעטיגט און גערעכטפאַרטיגט געוואָרן דורך די געשע־

העגישען פון די פאָלגענדע יאָהרען. איך בין ניט שטאָלץ דערמיט; כ'וואָלט גיכער געוואונשען, אז איך זאָל אין דעם פאַל האָבען א טעות געהאַט.

נאָכדעם ווי קראפאטקין'ס שטעלונג צום קריג איז אלזא געוואָרען אלגעמיין באַקאַנט, האָט זיך אין דער גאַנצער אנאַרכיסטישער וועלט אויפגעהויבען א הייסע דעבאַטע. די פראַגע וועגען פאַר און געגען איז זעהר העפטיג דיסקוטירט געוואָרען, און דערביי האָט מען ליידער צייטענווייז אריבערגעטראָטען דעם גרעניץ פון דעם וואָס איז געווען פאַקטיש צולעסיג. אין שפאַניע זיינען די גענאָסען ווי איין מאַן ארויסגעטראָטען געגען קראפאטקין'ן, און פון די באַקאַנטע שפאַנישע אנאַרכיסטען איז געווען בלויז איין ריקאַרדאָ מעלאַ, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר קראָפּאָטקין'ס אנזיכטען. אין איטאַליע האָבען די קאַמעראַדען גענומען דיזעלביגע שטעלונג. די גאַנצע באַוועגונג, מיט אויסנאַם פון א פּאָר אזוי־גערופענע „אינדיווידואליסטען“, האָט זיך א קער געטאָן געגען קראפאטקין'ן. עהנליך איז געווען די לאַגע אין אַלע איבעריגע לענדער; בלויז אין פראַנקרייך האָט זיך א קליינע צאָהל באַקאַנטע גענאָסען — צווישען זיי זשאַן גראוו, שאַרל מאַלאַטאַ, שאַרל אלבער און עטליכע אנדערע — ערקלערט פאַר קראפאטקין'ס אידעען. מאַלאַטאַ און קאָרנעליסען זיינען זאָגאַר געקומען פון פאַריז קיין לאָנדאָן, כדי די דאָרטיגע קאַמעראַדען צו געווינען אויף זייער זייט. ס'האָט געזאָלט איינגערופען ווערן אן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ צו דעם דאָזיגען צוועק, אָבער די שטעלונג פון דער איבער־גרויסער מעהרהייט פון די לאָנדאָנער קאַמעראַדען איז געווען אזא, אז די איניציאַטאָרס פון דעם פּלאַן האָבען איהם געמוזט לאָזען פאַלען.

אין עטליכע וואָכען ארום — ס'איז געווען אין מיטען נאָוועמבער — איז אין אָפיס פון דעם ענגלישען אנאַרכיסטישען אָרגאַן „פרידאָם“ פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבען אנטייל גענומען גענאָסען פון די פאַרשידענסטע נאַציאָנאַליטעטען. מאַלאַטעסטא, טשערקעסאָוו, קיעל, שאפירא און א גאַנצע רייהע אנדערע באַקאַנטע גענאָסען זיינען געווען אַנוועזענד, און די דעבאַטע וואָס

האט זיך דארט ענטוויקעלט, האט ציימענווייז אנגענומען א זעהר ליידענשאפטליכען כאראקטער. טשערקעסאוו, וועלכער האט גע־האלטען מיט קראפאטקין׳ן און האט איהם נאך ווי ווייט מעגליך אריבערגעשטיגען, האט גערעדט וועגען דער אומגעהייערער געפאר וואס א זיעג פון דייטשלאנד מוז ברענגען מיט זיך פאר דער גאנצער פרייהייטליכער ענטוויקלונג פון אייראפא. ער האט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אז ווען די זאך זאל זיך ענטוויקלען אין דער דא־זיגער ריכטונג, וועט דאס זיין אן איינפאכע קאטאסטראפע פאר דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג און עס וועט מוזען קומען א פעריאד פון אלגעמיינער רעאקציע, ווי מען האט עס נאך ביז איצט קיינמאל ניט געהאט. צוליעב אט דעם גרונד האט ער פארטראטען דעם שטאנדפונקט, אז מיר מוזען זיך אומבאדינגט שטעלען אויף דער זייט פון די אליאירטע, און אז עס איז אונזער פליכט אלס רעוואלוציאנערען און אנארכיסטען מיט אלע מעגליכקייטען צו העלפען די מלחמה, כדי צו פיהרען צו אן ענדגילטיגער נידערלאגע פאר דייטשלאנד.

מאלאטעסטא, וועלכער האט שוין עטליכע מאל מיט כעס געהאט איבערגעשלאגען טשערקעסאוו׳ן, האט זיך קוים געקאנט איינהאל־טען. זיינע טונקעלע אויגען האבען איינפאך געשפריצט מיט פונ־קען. כ׳האב איהם קיינמאל פריהער ניט געזעהן אזוי אויפגערעגט, ווי אין דעם דאזיגען אווענט. ער איז ארויסגעטראטען מיט גרויס שארפקייט געגען טשערקעסאוו׳ן, מיט וועמען ער איז זינט צענד־ליגע יאהרען געווען באפריינדעט, און האט באצייכענט זיינע אנזיכ־טען אלס א פארלייקענונג פון אלע אנארכיסטישע פרינציפען. לויט מאלאטעסטא׳ס מיינונג האט עס זיך אין דער דאזיגער מלחמה ווי אין אלע אנדערע געהאנדעלט אויסשליסליך וועגען די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען, אבער אויף קיין שום אופן ניט וועגען די אינטערעסען פון די פעלקער. עפעס אנדערש וואלט עס געווען— האט ער אויסגעפיהרט — ווען די ארבייטער פון פראנקרייך און ענגלאנד וואלטען זיך ווירקליך עראבערט זייער פאטערלאנד, דאס הייסט, ווען דער גרונד און באדען, די פראדוקציאנס־מיטלען און די

אַרבייטס־פּראָדוקטען וואָלטען זיך געפונען אין די הענט פון׳ם כלל, פון דער אַלגעמיינהייט. אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט עס זעלבסט־פאַרשטענדליך געווען די פליכט פון די אַרבייטער זיך צו שטעלען אַנטקעגען אַ פרעמדער אַריינדרינגונג, און יעדער אמת׳ער רעוואָ־לוציאָנער וואָלט זיי געמוזט אונטערשטיצען אין זייער קאַמף. היינט אָבער איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע, און די אַרבייטער, אַלצאיינס אויף וועלכער זייט זיי שלאָגען זיך, שפּילען בלויז די ראָלע פון קאַנאָנען־פלייש פאַר אינטערעסען, וועלכע שטעהען דיאַמעטראַל, פּונקט להיפוך פון זייערע אייגענע אינטערעסען.

אויך מאַלאַטעסטאַ איז געווען מיט דער מיינונג, אַז אַ זיעג פון דייטשלאַנד וואָלט געווען די איינלייטונג צו אַ פּעריאָד פון אַלגע־מיינער רעאַקציע אין אייראָפּאַ; אָבער ער האָט אין דערזעלבער צייט פאַרטראָטען דעם שטאַנדפּונקט, אַז אויך אַ זיעג פון פראַנק־רייך און ענגלאַנד וואָלט געמוזט פיהרען צו דעם זעלבען רעזול־טאַט. אַ פראַנצויזישער זיעג האָט, לויט מאַלאַטעסטאַ׳ן, געמיינט אַ געוואַלטיגער וואוקס פון דער קלעריקאַלער און ראָיאַליסטישער רעאַקציע אין פראַנקרייך, וועלכע וואָלט אונטער געוויסע אומשטענ־דען זאָגאר פיהרען צו דער שטירצונג פון דער רעפּובליק. יעדענ־פאַלס וואָלט די פראַנצויזישע אַרבייטער־באַוועגונג אין אַזאַ פאַל אַריינגעטראָטען אין אַ פּעריאָד פון אינערליכע שפּאַלטונגען און צוריסענקייטען, וועלכע וואָלטען איהר אויף יאָהרען־לאַנג געמאַכט אומפעהיג פאַר יעדער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. צום שלום האָט מאַלאַטעסטאַ ערקלערט, אַז נאָכדעם ווי די אַרבייטער האָבען דעם קריג ניט פאַרהינדערט, האָלט ער אויך פאַר ווינשענסווערט אַז דייטשלאַנד זאָל האָבען אַ נידערלאַגע, אָבער צוליעב גאַנץ אַנ־דערע אורזאַכען ווי טשערקעסאָוו און קראָפּאָטקין. אַ נידערלאַגע פאַר דייטשלאַנד וואָלט, לויט זיין מיינונג, געמוזט אומבאַדינגט פיהרען צו אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, און אין דעם דאָזיגען פאַל איז עס וואַרשיינליך, דענקט ער, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוואַ־ליע זאָל זיך פאַרשפּרייטען אויך איבער אַנדערע לענדער.

נאָך אַ שטורמדיגען ענטפער פון טשערקעסאָוו, וואָס האָט אי־

בעריגס ניט אריינגעטראָגען קיין נייעם וויכטיגען פונקט אין דער דעבאַטע, האָב איך אין קורצע ווערטער ענטוויקעלט מיין שטאַנד־פונקט, וועלכען איך האָב שוין פריהער פאַרעפענטליכט אין „ארביי־טער פריינד", און וועלכער האָט זיך אין עצם אריינגעפּאַסט אין די אידעען־גאַנגען פון מאַלאַטעסטאַ'ן. אויך די איבעריגע קאַמעראַ־דען האָבען אויסגעדריקט עהנליכע מיינונגען, און טשערקעסאָוו איז געשטאַנען איינער אליין מיט זיינע אנשויאונגען. מיר האָבען ניט געקאָנט איבערצייגען איינע די אנדערע און שפּעט ביינאַכט האָבען מיר זיך ענדליך צושיידט אין א צימליך געשפּאַנטער שטימונג, וועלכע האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אויסגעדריקט צווישען מאַלאַ־טעסטאַ'ן און טשערקעסאָוו'ן.

דערוויילן האָט זיך אין אונזער לאַגע אלס „פיינדליכע אויסלענ־דער" געמאַכט א קליינע ענדערונג. די ארעסטען זיינען פּלוצלינג אפּגעשטעלט געוואָרן, וואַרשיינליך דערפאַר וואָס מען האָט פאַקטיש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די ארעסטירטע, ווייל עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן קיין שום פאַרבאַרייטונגען פאַר דער אינטער־נירונג פון אזויפיעל מענשען. א קליינע צאָהל פון די אינטערנירטע האָט מען זאָגאַר ארויסגעלאָזט פריי, צווישען זיי אויך אונזער פריינד ל. ער האָט אויסגעזעהן גאַנץ פאַרוואָרלאָזט, דער ארעמער יונג, ווען ער איז צוריקגעקומען, און ס'איז קענטיג געווען, אז ער האָט קיין האָניג ניט געלעקט דאָרט אין דער „אָלימפּיא"; מען האָט עס געקאָנט זעהן אויף איהם, אָהן דעם ער זאָל אונז דאַרפען דערצעהלען וועגען זיינע ערפאַרונגען.

ל.'ס באַפרייאונג האָט ביי אסך ווידער ארויסגערופען א האָפ־נונג, אז עס איז אויך וועגען מיר גאָרנישט דאָ וואָס מורא צו האָבען. אבער איך האָב געפיהלט אינסטינקטיוו, אז די דאָזיגע האָפנונג איז א פאַלשע. פאַרשטעהט זיך, ווען איך וואָלט געהאַלטען מיינע אנ־זיכטען פאַרשטעקט ביי זיך, וואָלט מען מיך פוליצייליך געלאָזט צורוה. אבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל ביי מיר. איך וואָלט געפיהלט אז עקעל פאַר זיך אליין, ווען איך וואָלט זיך אויף א קלוגען אופן פאַרדרוקט אין א ווינקעל און געשוויגען אין דער דאָזיגער צייט, ווען

די שטימען פון ווארהייט און פארנונפט האָבען זיך אזוי ווינציג געלאָזט הערען. ניין, אַלעס, נאָר דאָס ניט. ווען איך האָב זיך פארטיג געמאַכט עפענטליך צו ענטפערן קראָפּאָטקין׳ן, האָב איך געוואוסט וואָס עס איז מיר פאָרגעשטאַנען. איך בין געווען אזוי פעסט איבערצייגט, אַז מען וועט מיך אַרעסטירען, אַז איך האָב שוין געהאָט איינגעפּאַקט מיין קליינעם האַנד־קופער און געווען גרייט יעדע מינוט אָפּגעפיהרט צו ווערן אין דער „אָלימפּיאַ“. מיין פאָרגע־פיהל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. אַזוי גיך ווי עס איז ערשינען דער לעצטער פון מיינע אַרטיקלען, איז געקומען מיין אַרעסט.

קאַפּיטעל 2

דער גיהנום אין דער „אָלימפּיאַ“

מיין אַרעסט — דאָס אַריינציהען אין דער „אָלימפּיאַ“ — די ערשטע איינדרוקען — די מאַטעראַניש פון די באַזוכען — די פּלעגונג פון די געפאַנגענע — קעמפּ 12 — די פירמאַ „לייאָנס ענד קאָמפּאַני“— די באַמיהונגען פון די קאַמעראַדען פאַר מיין באַפרייאונג — סאַניטאַרע באַדינגונגען — די רעכטלאָזיגקייט פון די געפאַנגענע.

נו, בין איך אַלזאָ געווען דאָ. די ערשטע נאַכט איז גליקליכערוויז געלעגען הינטער מיר, אַ לאַנגע, שלאָפלאָזע נאַכט. איך בין נאָך אַלץ געווען שטאַרק באַרוישט פון די איינדרוקען פון די לעצטע טעג, אַזוי אַז אַ טומאַן איז מיר געהאַנגען פאַר די אויגען; שטיקלעך און ברעקלעך געדאַנקען און געפיהלען, און פון אָט דעם כאַאָס האָט מיר אַלץ כסדר אַרויסגעקלונגען דאָס געוויין פון מיין קינד. אָבער ביסלאַכווייז האָבען זיך די געשעהענישען איינגעשטעלט און איינגעאָרדענט אין אַ לאָגישען סדר. — ס'איז געווען דעם צווייטען דעצעמבער אום 7 אַזייגער אין אָוונט, ווען מען איז געקומען נאָך מיר. צוויי דעטעקטיווס האָבען מיך אָפּגעוואַרט אין מיין וואוינונג און מיט באַדויערענדע ווערטער מיר מיטגעטיילט, אַז זיי האָבען דעם באַפעהל מיך צו אַרעסטירען. אַזוי ווי איך בין שוין לאַנג געווען צוגעגרייט דערצו, האָב איך זיך ניט געפיהלט איבעריגס איבעראַשט. אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט, האָב איך געבעטען מען זאָל עס אָפּלייגען ביז אויף מאָרגען אין דערפריה, נאָר די

געהיים־פּאָליציסטען האָבען מיר העפליך, אָבער באַשטימט ער־קלערט, אַז זיי האָבען אַ „ספּעציעלען באַפעהל" מיך גלייך צו אַרעס־טירען. דאָס איז געווען זעהר אינטערעסאַנט, וואָרים ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז אין דעם דאָזיגען טאָג קיין אַנדערער אין גאַנץ לאָנדאָן ניט אַרעסטירט געוואָרן אַלס „פיינדליכער אויס־לענדער".

מיין רענצעל איז שוין זינט וואָכען געשטאַנען איינגעפּאַקט אין אַ ווינקעל. איך האָב אַריינגעלייגט נאָך עטליכע קלייניגקייטען און אַ פּאָר ביכער, און איך בין געווען פאַרטיג זיך צו געזעגענען מיט מיינע ליעבע. אָט דער אָפּשיד איז געווען דאָס ערגסטע. מיין בראַווע פרוי איז געבליבען שטאַרק ווי אימער, אָבער איך האָב גע־פיהלט, ווי איהר אָרעמע זעעלע האָט געציטערט אין טעמפּען ווייי־טאָג. מיין זוהן רודאָלף, מיין שוועגערין פּאָלי און די פּאָר פריינט וואָס זיינען געווען אָנוועזענד, האָבען מיר שטום געדריקט די האַנד. ווען איך האָב אָבער אָנגענומען דאָס ליעבע הענטעלע פון מיין זיבען־יעהריגען איינגעלע, האָט דאָס קינד אויסגעבראָכען אין אַזאַ פאַר־צווייפעלט געוויין, אַז אפילו די צוויי פאַרהאַרטעוועטע דעטעקטיווס זיינען דערפון געריהרט געוואָרן. כ'האָב זיך שנעל אַרויסגעריסען און האַסטיג פאַרלאָזען די שטוב, וואוהין איך האָב קיינמאָל מעהר ניט געזאָלט צוריקקומען. אָבער דאָס געוויין פון'ם קינד האָט נאָך לאַנג אַריינגעדרונגען אין מיינע אויערען ווי פון אַ ווייטער ווייט־קייט, און איך האָב געהאַט דאָס אומבאַוואוסטע געפיהל, אַז אָט דער אָפּשיד וועט זיין אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

מיינע צוויי באַגלייטער האָבען מיך געבראַכט אין לעמאַן סטריט פּאָליס סטיישאָן. דאָרט האָט מען מיר אָנגעוויזען אַ באַזונדער צעל און מען האָט מיר אויך ערלויבט צו רויכערן, כאָטש דאָס איז געווען געגען די אַלגעמיינע רעגלען. דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט מיך באַזוכט אין מיין צעל און פאַרבראַכט מיט מיר איבער אַ שעה צייט. מיר האָבען גערעדט וועגען דער מלחמה און איהרע אומפאַר־מיידליכע פאָלגען. איך האָב זיך ניט באַהאַלטען מיט מיינע גע־דאַנקען און איך האָב איהם קורץ און שאַרף ערקלערט מיין שטאַנד־

פּונקט. אין פיעל זאַכען האָט ער מיט מיר איינגעשטימט און צו־לעצט האָט ער מיר גאַנץ אָפּען געזאָגט, אַז ער באַגרייפט ניט, פאַר־וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט. כ׳האָב ניט ווילענדיג געמוזט שמייכלען. האָב איך דאָך שוין צו גוט געוואוסט, פאַרוואָס מען האָט מיך אַהער געבראַכט.

כ׳האָב פאַרבראַכט די נאַכט אין׳ם קעמערל אין אַן אומרוהיגען האַלב־דרעמלען און שוין גאַנץ פריה בין איך געוועזן אויף די פיס. אַרום 9 אַזייגער אין דערפריה האָב איך געהאַט געסט: מיין פרוי, מיין עלטסטער זוהן און עטליכע פריינט. מען האָט זיי אַהן צערע־מאָניעס אַריינגעלאָזט צו מיר אין צעל, און מען האָט אויף קיין אופן ניט געשטערט אונזער אונטערהאַלטונג. דער פּאָליציי־אינס־פּעקטאָר האָט מיר זאָגאַר געגעבען אַ שטונדע לענגער צייט, כדי איך זאָל קאָנען זעהן ל.׳ן און מיט איהם זיך דורכריידען וועגען דאָס נייטיגסטע פאַר אונזער צייטונג.

אַרום 11 אַזייגער איז געקומען אַ דעטעקטיוו נאָך מיר, כדי מיך אָפּצופיהרען אין דער „אָלימפּיאַ“. מיר זיינען געפאָרען מיט דער „אַנדערגראַונד“, מיט דער אונטערערדישער שטאָט־באַהן פון אָלד־גייט סטיישאָן. מיין באַגלייטער האָט זיך אויפגעפיהרט אַנשטענ־דיג און האָט מיר זאָגאַר געטרייסט, אַז איך וועל באַלד אַרויס פריי. איך האָב איהם געלאָזט ריידען; כ׳האָב דאָך געוואוסט צו גוט, וואָס אַט די פאַרזיכערונגען זיינען ווערט. ס׳איז געוועזן אַ קורצע ווייל פאַרמיטאַג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אונזער באַשטימונגס־אָרט. דער גרויסער טויער האָט זיך צוגעשלאָסען הינטער אונז, און מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסען, ברייטען הויף, וואו עס האָבען זיך איבעראַל אַרומגעדרעהט סאָלדאַטען אין קליינע גרופּען, די מעהרסטע פון זיי האַלב־געוויקסיגע, בלוט־יונגע לייט. פאַר מיר, וואָס איך האָב זיך אין די לאַנגע יאָהרען צוגעוואוינט צו ענגלישע פאַרהעלטענישען, איז דאָס געוועזן אַ גאַנץ נייער, אומ־געוועהנליכער אָנבליק. מיר זיינען דאָן אַריין אין אַ קליינער ביוראָ, וואו מיין באַגלייטער האָט אָפּגעגעבען אַ קורצען באַריכט. דער בעאַמטער האָט איהם אין אַ גאַנץ שטרענגען טאָן געפרעגט, צי איז

דען דער פּאָליציי פון זיין דיסטריקט נאָך ניט באַקאַנט, אַז פאַר־לויפיג דאַרפען ניט געמאַכט ווערן קיין נייע אַרעסטען. מיין באַגלייטער איז געווען אַביסעל צוטומעלט און ער האָט געענטפערט, אַז די פּאָליציי פון זיין דיסטריקט ווייסט טאַקע וועגען אָט דעם נייעסטען באַפעהל, אָבער מיין פאַל איז אַן אויסנאַמע. דאָס איז געווען פאַר מיר גענוג. אָט דער ענטפער האָט גערעדט פאַר זיך אַליין.

נאָכדעם ווי מען האָט אויפגענומען די איינצעלהייטען וועגען מיין פּערזאָן, בין איך פאָרגעפיהרט געוואָרן פאַר דעם קאָמאַנדיר פון'ם לאַגער, לאָרד לענסבאָראָ. ער איז געזעסען אין אַ באַקוועם אויסגעשטאַטעטען צימער, צווישען צוויי אָפיצירען, און האָט געמאַכט אַ גאַנץ סימפּאַטישען איינדרוק. מיין באַגלייטער האָט עפּעס גערעדט מיט איהם אין אַ שטילען, שעפּטשענדען טאָן, בעת ווען איך בין געשטאַנען אַביסעל אָן אַ זייט, און אַזוי ווי דער קאָמאַנדיר האָט מיך עטליכע מאָל באַטראַכט מיט אַ קענטיגען אינטערעס, האָב איך געמוזט אָננעמען, אַז דאָס ריידען זיי וועגען מיר. ענדליך האָט ער מיך מיט אַ פריינדליכען טאָן געפרעגט, צי איך וואָלט בעסער וועלען זיין אין „רעסטאָראַנט". איך האָב שוין פריהער געקראָגען צו וויסען דורך ל.'ן וואָס עס איז אַזוינס אָט דער „רעסטאָראַנט". ס'איז געווען דער פּלאַץ פון די אַזויגערופענע „בעסערע העררן", וועלכע זיינען געווען בכח אויסצוגעבען איין פונט סטערלינג אַ וואָך פאַר זייער אומפרייוויליגען איינשטעהן אין דער „אָלימפּיאַ". אַזוי ווי מיינע פריינט דרויסען האָבען גוט געקענט דעם מורא'דיגען צו־שטאַנד אין דעם מאַסען־לאַגער פון דער „אָלימפּיאַ", זיינען זיי אַלע צוגעשטאַנען צו מיר, בעת איך בין אַרעסטירט געוואָרן, ניט אַנ־דערש נאָר איך זאָל אַריינציהען אין „רעסטאָראַנט". הויפּטזעכליך האָט מיך שטאַרק צוגערעדט דערצו ל., וועלכער האָט דאָך אַליין, פון זיין אייגענער ערפאַרונג, זיך באַקענט מיט די צושטענדען אין'ם אַלגעמיינעם אינטערנירונגס־לאַגער. ס'פאַרשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז איך האָב ניט געקאָנט אָננעמען דעם גוט־געמיינטען פאַר־שלאַג פון מיינע פריינט; כ'האָב דאָך געוואוסט אין וואָס פאַר אַ

שווערער לאַגע איך האָב איבערגעלאָזט די באַוועגונג, און איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין, ווען איך זאָל זיך האָבען געקויפט געוויסע פּערזענליכע באַקוועמליכקייטען אויף׳ן חשבון פון מיינע קאַמעראַדען. איך האָב דערום געענטפערט דעם קאָמאַנדיר, אַז איך האָב ניט ברעה צו זיין אין „רעסטאָראַנט“. ער האָט אַ לייכטען שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט: „קעמפּ 12“. אַ סאָלדאַט האָט מיך איבערגענומען און מיך אַוועקגעפיהרט פון דאָרט. איך בין אַלזאָ אַריינגעקומען אין דעם אייגענטליכען לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען פון די צוויי ריזיגע אויסשטעלונגען פון דער „אָלימפּיא“. אין דעם ערשטען און גרעסערן פון די צוויי זאַלען האָב איך געזעהן פאַרשידענע גרופּען פון מענער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיגט, האָקענדיג שטיינער. יעדע גרופּע איז געווען אַרומגערינגעלט פון פיער אָדער פינף סאָלדאַטען מיט אויפגעשטעלטע באַיאָנעטען. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען אָנגעפילט מיט דינעם שטויב.

אין הינטערגרונד פון זאַל זיינען געווען די ביוראָס פון דער אינערליכער פאַרוואַלטונג, וועלכע איז כמעט אויסשליסליך געלעגען אין די הענט פון די געפאַנגענע. אהין האָט מען מיך אַצונד אַריינגעבראַכט. די אָנוועזענדע לאַנדסלייט האָבען מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען. איינער פון די הערן האָט נאָך אַמאָל אַראָפּגענומען מיינע „פּרימעטעס“; מען האָט מיך געפרעגט ווי הויך איך בין און וויפיעל איך וועג, און נאָכדעם ווי אַלעס איז פאַרשריבען געוואָרן אין אַ בוך, האָט מען מיר דערלאַנגט מיין „נומער“. דערנאָך האָט מען מיך אַריינגעפיהרט אין צווייטען זאַל, וואו ס׳איז אייגענטליך געווען דער אמת׳ער לאַגער. אַ סאָלדאַט האָט אונטערזוכט מיין רענצעל, בעת ווען אַ סאַרדזשענט איז געשטאַנען דערביי און צוגעקוקט וואָס ער טהוט. עטליכע געפאַנגענע, וועלכע זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון דאָרט, האָבען מיך באַטראַכט מיט נייגעריגע בליקען, און איך האָב כסדר געהערט דעם שטילען אויסרוף: „ציטונגען באַהאַלטען!“ איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ציטונגען מוזען אודאי זיין פאַרבאָטען אין לאַגער, און איך בין

אויך געווען גליקליך צו קאָנען באַצייטענס פאַרשטעקען מיין „דיילי ניוס“, אַזוי אַז די סאָלדאַטען זאָלען עס ניט באַמערקען.

ס'איז גראָד געווען מיטאָג־צייט, ווען מיר זיינען אַנגעקומען, און די געפאַנגענע זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות, כדי צו קריגען זייערע פּאַרציעס. איך בין אָפּגעפיהרט געוואָרן אין קעמפּ 12, וואו מען האָט זיך גראָד צוגעגרייט צו עסען דעם מאָהל־צייט. פּלוצלינג האָט אימיצער אויסגערופען מיין נאָמען און גלייך צוגעלייגט די ווערטער: „אַצונד, חברה, קען עס גוט ווערן!“ ס'איז געווען קאַרל מויעל, מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, וועלכער איז באַלד צוגעשטאַנען צו מיר און האָט עס אויך דורכגעפיהרט, אַז מען האָט מיר געגעבען אַ פּלאַץ נעבען זיין געלעגער. איך האָב שוין פריהער געהערט, אַז קאַרל איז אַרעסטירט געוואָרן, און איך בין דאַרום געווען אַנגענעם איבעראַשט איהם אַזוי פּלוצלינג צו דער־זעהן דאָ פאַר מיר. ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך האָב ניט גע־שפּירט אין זיך דעם מינדסטען הונגער, זיינען מיינע מיט־געפאַנ־גענע צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל אונטער אַלע אומשטענדען געהן נעמען מיין פּאַרציע. איך האָב סוף כל סוף נאָכגעגעבען זייע־רע ביטעס, אָבער צום עסען בין איך ניט געקומען; וואָרים בעת איך האָב אַזוי אויף אַ מעכאַנישען אופן זיך געפּאָרעט מיט'ן גאָפּעל אין מיין טעלער, האָט מיר מיין טיש־שכן אַ פרעג געטאָן, אויב איך האָב גאָרנישט דאַגעגען, אַז ער זאָל אויפעסען מיין פּאַרציע. איך האָב צוערשט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ שפּאַס, און איך האָב גע־שמייכעלט, אָבער ער האָט עס יעדענפאַלס אַנגענומען אַלס צו־שטימונג, האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין טעלער און מיט גיריגער האַס־טיגקייט פאַרשלונגען אַלץ וואָס דאָרט איז געווען. דאָן האָט ער נאָך געפרעגט, צי אימיצער קאָן איהם ניט געבען אַ שטיק ברויט, און אַזוי ווי ער האָט ניט געקריגען קיין ענטפער דערויף, האָט ער זיך אַן אומצופרידענער אויפגעהויבען פון טיש; דערביי האָט ער ניט פאַרגעסען מיר נאָך אַמאָל צו דאַנקען. די גאַנצע סצענע האָט אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך האָב געזעהן, ווי עטליכע מענער האָבען

גענומען די „שיריים“ פון פרעמדע טעלער, מייסטענטיילס שטיקלעך און ברעקלעך הויט, און עס פאַרשלונגען מיט גרויס אַפּעטיט! און נאָך מעהר האָב איך זיך געוואונדערט וואָס קיינער זאָגט קיין וואָרט ניט וועגען דעם. כ'האָב געוואָרפען אַ פרעגענדען בליק אויף קאַרל'ן, אָבער דער האָט געשמייכעלט סאַרקאַסטיש און זיך, ווייזט אויס, אַמוזירט איבער מיין פאַרוואונדערונג. און דאָ האָב איך אַלעס פאַרשטאַנען. ס'איז געווען דער הונגער וואָס האָט געצוואונגען די דאָזיגע מענשען זיך צו יאָגען נאָך די „שיריים“ אין פרעמדע טעלער. וויפיעל האָבען זיך אָט די אָרעמע טייוואַלים שוין געמוזט האָבען אַנגעליטען, ביז זיי האָבען ענדליך פאַרלאָרען יעדעס געפיהל פון עקעל און פון מענשליכער ווירדע, אַזוי אַז זיי האָבען זיך שוין מעהר פאַר קיין זאַך ניט צוריקגעהאַלטען.

דער נאָכמיטאָג איז אַריבער מיט אַלערליי געשפּרעכען. קאַרל האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע רייה פון מיינע נייע שיקזאַלס־חברים, מענשען פון אַלע מעגליכע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, אַזוי אַז איך בין סוף כל סוף געווען צופרידען פון גאַנצען האַר־צען. ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, וואָרים איך בין געווען פיזיש און גייסטיג אויסגעמוטשעט און איך האָב געביינקט נאָך רוה. ווען איך בין ענדליך געווען אימשטאַנד אויסצושטרעקען די מידע גלי־דער אויף דעם קלעגליכען געלעגער און מיינע שכנים לינקס און רעכטס זיינען געשמאַק געשלאָפען, דאַן האָבען זיך מיינע געדאַנקען ווידער אַריבערגעטראָגען צו די ליעבע אין דערהיים, און עס איז מיר געוואָרן שטאַרק אומעטיג אויף'ן האַרצען. דער שלאָף האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיינע אויגען. ווי פון אַ ווייטער שטרעקע זיי־נען צו מיר געקומען די ביינאַכטיגע גערוישען — קרעמפּענדע הוס־טען, טעמפּע קרעכצען און צווישען איינס און דאָס אַנדערע די אָפּגעמאָסטענע טריט פון דער וואַך, דער גערויש פון די באַיאָנע־טען און דאָס טעמפּע קלאַפּען פון די ביקסען. מיין שכן הינטער מיר האָט אַזוי שטאַרק געכראָפּעט, אַז ער וואָלט דערמיט געקאָנט אויפוועקען טויטע פון זייער שלאָף. אין אָנפאַנג איז מיר מעגליך געווען דייטליך צו אונטערשיידען יעדען גערויש באַזונדער, אָבער

ביסלאַכווייז האָט זיך אַלצדינג צוזאַמענגענאָסען אין איין גרויסען, אומבאַשטימבאַרען כאַאָס אָהן פאָרם און אָהן ריטם, ווי דער מאָדנער גערויש אין א מויער־קאָפ. און פלוצלינג האָט פון דעם דאָזיגען כאַאָס אַ זעץ געטאָן אין מיין אויער אַ שטיל געוויין; ס'האָט געקלונגען ווי דאָס אונטערדריקטע וויינען פון מיין קליינעם ליעבלינג, בעת איך האָב גענומען אַפּשיד. — ס'איז געווען אַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט, און ווען עס האָט זיך אין דער פינסטער דערהערט דער סיגנאַל צום אויפשטעהן, בין איך נאָך אַלץ געלעגען מיט אָפענע אויגען אויף מיין געלעגער.

נו, בין איך שוין דאָ געווען עטליכע טעג. נעכטען האָב איך געהאַט מיינע ערשטע געסט. מילי און אַלעקסאַנדראָוויטש זיינען געקומען זיך זעהן מיט מיר. די אָרעמסטע! ווי מיעד און אויסגעמוטשעט זי האָט אויסגעזעהן. איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען האָבען געגלאַנצט ווי אין פיבער, און איך האָב פאַרשטאַנען וואָס פאַר יסורים זי איז אויסגעשטאַנען. אַך, אַט די באַזוכען! ווען איך וואָלט געקאָנט האָבען מיין ווילען, וואָלט קיין מענש ניט געטאָרט קומען צו מיר. די אָרעמע פרויען האָבען געמוזט שטעהן שטונדען־לאַנג אויף דרויסען, אויסגעזעצט אַלע קאַפּריזען פונ'ם וועטער, און וואַרטען ביז זייער רייה איז געקומען. אין אַסך פאַלען זיינען זיי געווען געצוואונגען צו געהן אַהיים, ניט האָבענדיג דערגרייכט זייער ציל, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט אריינקומען אין לאַגער. אַזוי האָט מיר מיין פרוי דערצעהלט, ווען זי האָט איינמאָל באַזוכט ל.'ן, האָט זי געטראָפען אַ יונג ווייבעל, וואָס איז געשטאַנען פיער טעג נאָכאַנאַנד פון צוויי ביז דריי שעה יעדען טאָג ביים טויער פון דער „אָלימפּיא", כדי צו זעהן איהר מאַן, און יעדעס מאָל איז זי צוריקגעוויזען געוואָרן, ווייל עס איז כלומר'שט שוין געווען צו שפּעט, ווען ס'איז געקומען צו איהר רייה. אַזעלכע פאַלען זיינען ליידער ניט געווען קיין אויסנאַמען. ווי גרויס האָט געמוזט זיין דער סך הכל פון די זעעלישע יסורים וואָס די אָרעמע פרויען האָבען זיך אָנגעליטען אַ דאַנק אַט דער רויהער און מוטווילינער פאַרנוואַלטיגונג פון דער מענשליכער ווירדע!

און די באזוכען גופא! דריי מינוט מאקסימום! מען האט קוים צייט געהאט זיך צו דריקען די האנד, און אלעס איז ווידער פארשוואונדען ווי א מיראזש אין דער וויסטע. שוין דער אנבליק אליין פון די פיעל סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען איבעראל מיט די אויפגעשטעלטע באיאנעטען, האט געמוזט מאכען א נידערשלאגענדען איינדרוק אויף די ארעמע פרויען. יעדער געפאנגענער וואס האט געהאט דאס צוויפעלהאפטע גליק צו קריגען א גאסט, האט געמוזט נאך דער רייה נאך צוקומען צו א געוויסען פונקט, און פון דארט איז ער אין באגלייטונג פון א סאלדאט אוועק אין אן אפענעם פלאץ, אין פראנט פון'ם גרויסען זאאל. דער באזוכער האט געמוזט דורכמאכען דיזעלבע צערעמאניע. אן אפיציר איז געשטאנען און געוואכט איבער'ן געשפרעך, וואס האט געמוזט געפיהרט ווערן אין דער ענגלישער שפראך. פאר אזעלכע וואס האבען גאר קיין ענגליש ניט געקענט, האט מען אוועקגעשטעלט א דייטש־ריידענדען צענזאר.

ארעמע מילי! זי האט קוים צייט געהאט אין דריי מינוט מיר מיטצוטיילען דאס סאמע נייטיגסטע. אלעס איז דארט געווען אין גוטער ארדנונג. די קאמעראדען האבען גלייך אויפגענומען מיין פאל און געארבייט טיכטיג פאר מיין באפרייאונג. דער גוטער אלעקסאנדראוויטש איז זאגאר געווען איבערצייגט, אז אין א וואך צייט וועל איך קאנען ווידער אנפאנגען מיין אונטערבראכענע סעריע פון פארטראגען. — איך בין געווען מאכטלאז אנטקעגען אזא גלויבען. אבער וואס האט עס נאך אלעמען געשאדט? די האפנונג איז האלבע ערלייזונג, און איך האב געפיהלט, אז די פריינט דארט דרויסען נייטיגען זיך מעהר אין איהר ווי איך אליין.

גלייך אין דעם טאג פון מיין אנקומען האב איך געהאט אן ערפארונג וואס האט מיר געגעבען א דייטליכען באגריף וועגען מיין לאגע. כ'האב געפרעגט איינעם פון מיינע מיט־געפאנגענע, וואו עס געפינט זיך ערגעץ דער באדערפניש־פלאץ. ער האט מיר געציינט דעם פלאץ. ביי דער אפענער טיר איז געשטאנען א סאלדאט, וואס האט מיט זיין ביקס פארשפארט דעם צוגאנג. איך בין

נאטירליך געווען איבערראשט און ניט געוואוסט וואס צו דענקען דעריבער, אבער איידער איך האב נאך צייט געהאט צו קומען צו זיך פון מיין ערשטוינונג, האט מיר אין די אויערן אפגעקלונגען די ליעבליכע פראגע: „ווהאט דו יו וואנט? טו ש... אר טו פ...” כ'בין געבליבען ווי געפלעפט און איך האב איבערגעלאזט דעם חברה־מאן און בין זיך אוועק מיין וועג. ווען איך האב שפעטער דערצעהלט קארל'ען וועגען מיין פאסירונג, האט ער ארויסגעשאסען מיט א הילכענדען געלעכטער. מיר איז די זאך אבסאלוט ניט פארגעקומען לעכערליך, און איך האב שוין געוואלט בייז ווערן, ווען ער האט זיך ענדליך בארעכענט און מיר געגומען געבען די נייטיגע אויפקלערונג וועגען דעם.

דער באדערפעניש־פלאץ איז באשטאנען פון פינף וואטער־קלאזעטס און צעהן אורין־פלעצער; אויסערדעם זיינען דארט אויך געווען די מכשירים זיך צו וואשען, באשטעהענדיג פון ניט מעהר ווי געצעהלטע פינף וואש־בעקענס פאר צוועלף הונדערט פערזאן. כדי ווי ווייט מעגליך צו פארהיטען, אז דער שטארק באגרענעצטער פלאץ זאל ניט איבערפילט ווערן, האבען די סאלדאטען געקריגען דעם באפעהל אכטונג צו געבען, אז צופיעל פערזאנען זאלען ניט אריינקומען מיט אמאל אין דעם פלאץ — דערפאר אלזא די דעלי־קאטע פראגע. אבער ניט יעדער סאלדאט האט אזוי גענוי אפגעהיט דעם באפעהל, און אין די מעהרסטע פאלען האט מען זיך איינפאך מיט געוואלט געמוזט דורכשטופען צווישען דעם גרויסען פערזא־מעלטען עולם, כדי אריינצוקומען אינעווייניג. אונטער די דאזיגע אומשטענדען האט מען זיך ניט געקענט וואונדערן וואס דער פלאץ איז דעם גאנצען טאג נאכאנאנד געווען אין א שוידערליכען צו־שטאנד. די פינף קלאזעטען האבען ניט געהאט קיין טירען אדער, בעסער געזאגט, מען האט די טירען צוגעשרויפט צו דער וואנד, אזוי אז מען האט זיי ניט געקאנט פארמאכען. אויף דעם אופן זיי־נען די געפאנגענע געווען געצוואונגען באפרידיגען זייערע באהאל־טענסטע באדערפענישען אין דער אנוועזענהייט פון אנדערע מענ־

שען. אזוי ווי פינף קלאזעטען פאר צוועלף הונדערט מענשען זיינען, פארשטעהט זיך, ניט געווען געגוג, איז דער פלאץ טאג און נאכט געווען איינפאך באלאגערט. דער סאלדאט וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, האט אלזא געהאט די ליבליכע אויפגאבע באהילפיג צו זיין, ארומגעהענדיג פון קלאזעט צו קלאזעט און אנטרייבענדיג די געפאנגענע מיט די פריינדליכע ווערטער: „האָרי אפּ! דאנט בי סא לאנג! ש... קוויקער!“—אין דער ערשטער צייט פלעגט עס זאגאר פארקומען, אז די סאלדאטען האבען זיך ניט באנוגענט בלויז מיט ווערטער, נאר זיי האבען זיך אין דעם פרט אויך אויסגעהאלפען מיט זייערע באיאנעטען. הקיצור, עס האבען אין דער הינזיכט דארט געהערשט מערקווירדיגע אידילישע צושטענדען.

דער עצם לאגער פון דער „אלימפיא“ איז באשטאנען פון צוועלף קעמפּס, וואס זיינען געווען אפּגעטיילט איינע פון די אנדערע דורך דיקע שיף־שטריק. אין יעדען קעמפּ האבען זיך געפונען אומגעפער הונדערט געפאנגענע. הגם עס איז די איינוואוינער פון די פארשידענע קעמפּס ניט געווען ערלויבט זיך צו באזוכען איינע די אנדערע, האט מען שפּעטער ניט אזוי גענוי אפּגעהיט אט דעם פארבאט, וואס איז געווען אי אומזיניג אי צוועקלאז. דער גאנצער לאגער האט אויף דעם צושויער געמאכט דעם טרויעריגסטען איינדרוק. דאס איז ניט געווען קיין „נאכט־אזיל פון גראנאדא“; עס האט איהם זאגאר געפעהלט דאס מאלעריש־שיינע פון א געווענליכען סאלדאטען־לאגער. אלצדינג האט דא אויסגעזעהן גראה, האפנונגסלאז און טרויעריג. דער אנבליק פון די נאסע וועש, וואס איז געהאנגען איבעראל, ווייל עס איז ניט געווען קיין באזונדערער ארט וואו עס צו טריקענען, האט דעם אלגעמיינעם בילד צוגעגעבען נאך א קלעגליכערן אויסזעהן. דער גאנצער פלאץ איז איבערהויפּט ניט געווען פּאסיג דערפאר, אז מענשען זאלען זיך דארט אויפהאלטען; איך צווייפעל, צי ער האט זיך אפילו געפּאסט פאר חיות. די אטמאספערע איז געווען מורא'דיג. די נאטירליכע אויסדונסטונגען פון די מענשען האבען זיך אויסגעמישט מיט דעם „ריח ניחוח“, מיט די פיינע גערוכען פון די אפּטרעטען, און האבען געשאפען יענע

פאַרדאָרבענע, עקעלהאַפטע אטמאָספערע, וועגען וועלכער מיר האָבען אזוי אָפט געלעזען אין די באַשרייבונגען פון געוועזענע אַרעסטאַנטען פון סיבירישע געפענגענישען. דערצו איז נאָך די לופט שטענדיג געווען אָנגעפילט מיט א דינעם שטויב, וואָס האָט זיך מיט גיריגקייט איינגעפרעסען אין די לונגען. איך בין איבערצייגט, אַז דער געזונט פון'ם שטאַרקסטען מענשען וואָלט געמוזט אונטערגעגראָבען ווערן, בלייבענדיג א לענגערע צייט אין אָט דעם גיהנום. אָבער אומפאַרצייהליכער פון אַלץ איז געווען דאָס וואָס די געפאַנגענע זיינען קיינמאָל ניט ארויס אויף דער פריי, כדי צו קאָנען איינאַטעמען פרישע לופט. דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד זיינען מיר געווען אין דעם זעלבען פלאַץ, וועלכען מיר האָבען בלויז נאָכמיטאָג געדאַרפט פאַרלאָזען אויף אָנדערהאַלטען שעה. דאָס איז געווען די צייט פון די אזויגערופענע „עקזערסייזעם“. די געפאַנגענע פלעגען דאַן ארויסגעהן אין דעם גרויסען קאָרידאָר, זיך אויסשטעלען מיליטעריש אין קאָמפּאַניעם און מאַרשירען ווי סאָלדאַטען אונטער דער לייטונג פון באַשטימטע פיהרער דורד'ן גרויסען האָל. דערביי פלעגען זיי געווענליך זינגען אַלטע סאָלדאַטען-לידער אָדער אַנדערע פּאַטריאָטישע געזאַנגען. פאַר מאַנכע איז דאָס פיליכט געווען אַן אַנגענעמע אָפּוועקסלונג, און ווען די אַזויגערופענע „עקזערסייזעם“ וואָלטען פאָרגעקומען אונטער'ן פרייען הימעל, וואָלטען זיי אויך געווען שטאַרק נוצליך פאַר'ן געזונט. אָבער אָט די איבונגען זיינען פאָרגעקומען אין א געשלאָסענעם פלאַץ, וואו מען פלעגט דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד האַקען שטיינער. אין עטליכע מינוט איז דער גאַנצער האָל געווען אָנגעפילט מיט א גראָען וואָלקען פון שטויב, אַזוי אַז עס איז פשוט געווען די גרעסטע מאַטערניש דאָרט צו זיין. אזוי ווי צווישען די צוויי האָלען איז ניט געווען קיין פאַרמאַכטע מחיצה, האָט זיך דער שטויב אויך פאַרשפּרייט אין דעם עצם לאַגער, און דאָס האָט נאָך דעם צושטאַנד ערגער געמאַכט.

קעמפּ 12, וואו איך האָב זיך געפונען, איז פון די איבעריגע געפאַנגענע גערופען געוואָרן „האַוז אָוו לאָרדס“ און איז אייגענט-

ליך געווען א „פריווילעגירטער“ קעמפ. די איינוואוינער זיינע האבען געהאט דריי טובות וואס האבען אונטער די הערשענדע אומשטענדען גארנישט געקאנט גענוג הויך אפגעשאצט ווערן. זיי זיינען אין אלגעמיין בעסער באהאנדעלט געווארן, און קיין סאלדאט איז צו זיי ניט צוגעקומען צו נאהנט. זיי זיינען אויך געווען פריי פון יעדער געצוואונגענער ארבייט און האבען געקאנט האלטען זייערע אייגענע שטרוי־זעק. אחוץ דעם האבען זיי ביי די מאהלצייטען געקריגען זייערע פארציעס פריהער ווי די אנדערע. כדי צו קאנען ריכטיג אפשאצען אט די „פריווילעגיעס“, איז נייטיג אביסעל נעהנטער א בליק צו טאן אויף די באדינגונגען, אונטער וועלכע די איבעריגע געפאנגענע האבען געמוזט לעבען.

די אלגעמיינע באהאנדלונג פון די געפאנגענע איז געווען א זעהר גראבע. ברוטאלע שימפעריי‏ען, ווי „בלאדי דזשוירמאן באסטארד“, און עהנליכע ליעבענסווירדיגע ווערטער זיינען געווען א געוועהנליכע זאך. איך האב זאגאר פארשידענע מאל באמערקט, ווי געפאנגענע זיינען פון די סאלדאטען געשטויסען געווארען מיט די ברייטע זייטען פון זייערע ביקסען, אדער אויף אן אנדער אופן מיסהאנדעלט. און דאך האבען מיר די עלטערע איינוואוינער פון אט דעם גיהנום אהן אויסנאם פארזיכערט, אז גראד אין אט דער באציהונג איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג צום בעסערן, מחמת די באהאנדלונג אין דער ערשטער צייט פון די אינטערנירונגען איז פשוט געווען אומבאשרייבליך. אויסער די געוועהנליכע ארבייטען וואס זיינען נויטיג געווען, כדי צו האלטען דעם לאגער אין ארדנונג, זיינען די געפאנגענע געצוואונגען געווארן צו האקען שטיינער עטליכע שטונדען אין טאג. ס'איז אמת, אז אט די איינפיהרונג איז געווען געגען די באשטימונגען פון דעם „זשענעווער אפמאך“, לויט וועלכען ציוויל־געפאנגענע האבען געזאלט זיין פריי פון יעדער געצוואונגענער ארבייט, אבער ווער האט געפרעגט דערויף? זיינען מיר דאך אריין אין א פעריאד, ווען אלע באשלוסען וועגען פעלקעררעכטע זיינען אוועקגעמאכט געווארן מיט דער האנד אלס „סקרעפס און פייפער“.

געפאַנגענע, וועלכע האָבען ניט געוואָלט טאָן די דאָזיגע אַר־ביט, זיינען געטריבען געוואָרן דערצו מיט ברוטאַלער געוואַלט. ניט קוקענדיג דערויף, האָבען זיך נאָך אַלץ געפונען איניגע וואָס זיינען געבליבען איינגעשפּאַרט, און וועלכע האָבען אַלזאָ געמוזט טראָגען די אומפאַרמיידליכע קאָנזעקווענצען פון זייער „ווידערשפּעניגקייט“ ביז'ן סאַמע סוף. מען האָט זיי געשמידט אין אייזערנע קייטען און געצוואונגען די אומגליקליכע צו שטעהן צוועלף שטונדען און נאָך לענגער ביי א מויער, מיט'ן פּנים שטענדיג צו דער וואַנט. א סאָל־דאַט איז געשטאַנען אלס וואַך נעבען דעם פאַר'משפּט'ן און האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זעהן, אַז דער פאַרברעכער זאָל זיך ניט קיין ריהר טאָן פון אָרט. כ'האָב גערעדט מיט פאַרשידענע פון מיינע מיטגעפאַנגענע, וועלכע האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען אַט די גרויזאַמע פּראָצעדור, און זיי האָבען מיר איינשטימיג פאַר־זיכערט, אַז די שטראָף איז איינפאַך באַרבאַריש און מוז באַצייכענט ווערן אלס דירעקטע פּייניגונג.

אַלע געפאַנגענע, מיט אויסנאַם פון די באַוואוינער פון קעמפּ 12, האָבען יעדען פריהמאָרגען געמוזט שלעפּען זייערע שטרויזעק צו א באַשטימטען ווינקעל פון'ם לאַגער, און דאָן אין אָוועט זיי ווידער צוריקשלעפּען פון דאָרט. דער רעזולטאַט פון אַט דער אומ־זיניגער פאָרשריפט, וועלכע האָט זיך ניט געלאָזט רעכטפאַרטיגען דורך קיין פאַרנינפטיגען גרונד און האָט בלויז געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס א מין צו־להכעיס אָפּצוטאָן די געפאַנגענע, איז געווען, אַז די מענשען האָבען געמוזט יעדע נאַכט שלאָפען אויף אַן אַנדער שטרויזאַק. ווי אַזוי דער דאָקטאָר פון'ם קעמפּ האָט געקאָנט דער־לאָזען צו אַזאַ איינפיהר וואָס איז געווען געגען יעדען סאַניטאַרען פּרינציפּ, — דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעהן.

די אַלטע באַוואוינער פון דער „אָלימפּיאַ“ האָבען זיך ניט געקאָנט גענוג אָנדערצעהלען וועגען דעם מורא'דיגען אופן, ווי אַזוי די געפאַנגענע זיינען געשפּייזט געוואָרן אין דער ערשטער צייט. דאָס עסען וואָס מען האָט דאָרט געוואַגט צו געבען די אומ־גליקליכע, וואָלט מען אויף דרויסען קיין הונט ניט אָנגעבאָטען. די

האָר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפּויר. ווען איך האָב אויסגעהערט די דאָזיגע ערצעהלונגען, און דאָך האָב איך ניט געקאָנט צווייפלען אין דער וואָרהייט פון די שילדערונגען, ווייל זיי זיינען באַשטעטיגט געוואָרן מינדעסטענס פון הונדערט פּערזאָנען אָהן אַ שום ווי־דערלעגונג. אין דער צייט וואָס איך בין אָנגעקומען, איז שוין אויף דעם דאָזיגען געביט פאָרגעקומען אַ באַדייטענדע ענדערונג צום בע־סערן, אָבער דאָך איז די אַלגעמיינע ערנערונג אויך דעמאָלט נאָך געווען ווייט פון גוט, באַזונדערס וואָס איז שייך געווען צו דער קוואַנטיטעט פון די פּאָרציעס.

די געפאַנגענע פלעגען קריגען אין דערפריה אַרום האַלב זיבען אַזייגער אַ שאָל אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער, עקעלדיגער זופּ, וועגען וועלכער קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגען פון וואָס זי איז אייגענטליך באַשטאַנען. איך האָב צוויי מאָל געמאַכט אַ פּאַרזוך צו טרינקען די קלעגליכע מאַכעריי, אָבער דער געשמאַק איז געווען אַזוי עקעל־האַפט, אַז איך האָב מעהר ניט געפּרואווט. דערצו האָט יעדער באַ־קומען דריי דינע רייפּטלעך ברויט, אויף וועלכע די מאַרגאַרין איז געווען אָנגעשמירט אויף אַזאַ קונציגען אופן, אַז מען האָט קוים מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז געקאָנט ענטדעקען דעם פעטען שטאָף. דאָס ברויט האָט קיין שום טעם ניט געהאַט און האָט אויסגעזעהן ווי געמאַכט פון גיפּס. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען אַזאַ קלעגליך ברויט ניט געזעהן. די געפאַנגענע פלעגען דאָס ברויט קריגען פון סאָלדאַטען, וועמעס הענט זיינען ליידער ניט געווען צו ריין. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז יעדעס רייפּטעל ברויט האָט געטראָגען אויף זיך די פינגער־צייכענס פון די עדעלע פאַטערלאַנדס־פאַרטיידיגער מיט אַזאַ מורא'דיגער דייטליכקייט, אַז אַ דעטעקטיוו וואָלט דערפון געווען אויסער זיך פאַר ענטציקונג.

דער מיטאָג איז באַשטאַנען פון פליש, געמיזע און קאַרטאָפעל און איז דאָס רוב געווען זעהר געשמאַק געמאַכט. ס'האָט אויך דער־ביי ניט געפעהלט די נייטיגע אַפּוועקסלונג. דערצו האָט יעדער געפאַנגענער געקריגען אַ רייפּטעל גוטען ברויט. די איינציגע צרה איז נאָר געווען וואָס די פּאָרציעס זיינען געווען צו קליין און מען

האָט ניט געטאָרט בעטען נאָך. אחוץ דעם איז דאָס קריגען פון׳ם עסען געווען פאַרבונדען מיט גרויסע אומבאַקוועמליכקייטען און שטענדיגע ערנידעריגונגען. די געפאַנגענע האָבען געמוזט צו־קומען שורות־ווייז און יעדעס מאָל דורכמאַרשירען צווישען צווייַ רייהען סאָלדאַטען, וועמעס אויפגעשטעלטע באַיאָנעטען פלעגען אָפט באַריהרען די געזיכטער פון די פאַרבייגעהער. אָט די אומ־פאַרשעמטע צערעמאָניע, וועלכע פלעגט זיך ווידערהאָלען דריי מאָל אין טאָג, האָט קענטיג געהאַט דעם צוועק ביי יעדער געלעגענהייט צו דערמאָנען די געפאַנגענע אָן זייער רעכטלאָזער און מענשען־אומווירדיגער לאַגע. קיין אַנדער ערקלערונג פאַר אָט דעם איינפיהר קאָן מען דורכאויס ניט געפינען. — ווען דער איינצעלנער געפאַנ־גענער פלעגט סוף כל סוף בשלום דורכגעהן דורך דער שטאָהלענער רייה, פלעגט ער צוקומען צו א טיש, וואו ער האָט אויף גיך געמוזט נעמען א טעלער, א גאָפּעל און א מעסער, וועלכע זיינען געווענליך געווען שמוציג. דערנאָך פלעגט ער מוזען נאָך דער רייה נאָך פאַר־בייגעהן פאַרביי דריי גרויסע קעסלען. הינטער יעדען קעסעל איז געשטאַנען א סאָלדאַט, וועלכער פלעגט איהם מיט א גרויסען שעפּ־לעפעל אריינוואַרפען זיין פּאַרציע אין טעלער. זעהר אָפט פלעגט דאָס געטאָן ווערן מיט אזא רויהקייט, אז א העלפט פון דער פּאַרציע פלעגט אַראָפּפאַלען אויף דער ערד. כדי די געפאַנגענע זאָלען זיך צואיילען, פלעגען די סאָלדאַטען זיי צוטרייבען ביי יעדען לעפעל, וואָס זיי האָבען אויסגעטיילט, מיט אזעלכע פיינע ווערטער ווי „פ... אָף!“ אָדער „פ... אָף!“, אזוי ווי די אָרעמע געפאַנגענע וואָלטען נאָך באַדאַרפט האָבען א פאַרווירצונג פאַר זייער קלעגליכע מאָהלצייט.

פלעגט אמאָל טרעפען, אז א גוטהאַרציגער סאָלדאַט האָט צו־געוואָרפען א געפאַנגענעם צוויי שטיקער פלייש אָדער א פּאָר קאַר־טאָפעל מעהר אויף׳ן טעלער, האָט ער זיך נאָך ניט געדאַרפט פרע־העז מיט זיין גליק; וואָרים א געשעפטס־פיהרער פון דער פירמאַ „לייאָנס ענד קאָמפּאַני“ האָט געוואַכט מיט אָפענע אויגען, און אזוי גיך ווי ער האָט נאָר באַמערקט די שרעקליכע טאַט, פלעגט ער מיט

זיינע אייגענע הענט צונעמען דאָס פלייש און די קאַרטאָפעל פון טעלער און נאָך דערביי געווענליך אויף דעם געמיינסטען אופן באַליידיגען דעם געפאַנגענעם. די פירמאַ „לייאָנס ענד קאָמפּאַני“, וועלכע האָט אויסגעפּויקט אין אַלע צייטונגען, אַז זי באַשעפטיגט ניט קיין דייטשען און עסטרייכער, האָט געקראָגען דעם אויפטראַג פון דער רעגירונג צו פאַרזאָרגען די אינטערנירטע אין דער „אָלימפּיא“ מיט עסען, און זי האָט דערביי געמאַכט אויסערגעוויינליך גוטע געשעפטען; וואָרים די פּאַטריאָטישע דעקלאַמאַציעס פון אָט דער בכבוד׳יגער פירמאַ אין דער ענגלישער פּרעסע זיינען געווען ליגען פון קאָפּ ביז די פיס. אין דער אמת׳ן האָט זי אין דער „אָלימפּיא“ באַשעפטיגט אויסשליסליך דייטשע קוכאַרעס און קיך־אָנגעשטעלטע, וועמען זי האָט געצאָהלט שענדליך קליינע שכירות. וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אילוסטראַציע פון אונזער מאָדערנעם געשעפטס־פּאַטריאָטיזם!

אַרום 5 אזייגער נאָכמיטאַג פלעגען די געפאַנגענע קריגען אַ דריטע מאָהלצייט וואָס איז געווען אַבסאָלוט דאָסזעלבע וואָס דער פריהשטיק. ס׳איז קלאָר, אַז אזוי וויט ווי זיי זיינען ניט געווען אין דער גליקליכער לאַגע צו קריגען שטיצע פון דרויסען, האָבען די געפאַנגענע איינפאַך געמוזט הונגערן.

מיט׳ן שלאָפען האָב איך אין דער ערשטער צייט געהאַט גרויסע צרות. מיין שכן הינטער מיר, אַ פאַרמעגליכער פיש־הענדלער פון גרימסבי און אַ זעלטען־גוטער אַלטער מאַן, פלעגט אזוי מורא׳דיג כראָפּען, אַז עס האָט מיר געקלונגען אין די אויערען ווי דאָס שופר־בלאָזען צום יום הדין. אַלע מיטלען זיך אויסצודרעהען פון אָט דער נערוועז־מאַטערנדיש זיינען געווען אומזיסט, ביז איך האָב זיך בּיס־לאַכווייז צוגעוועהנט צו דעם נאַכטליכען קאָנצערט. איבעריגענס בין איך ניט געווען דער איינציגער, וועמען ס׳איז אזוי געגאַנגען. אָבער די געוואוינהייט קומט אַלעם איבער.

דעם 10טען דעצעמבער האָבען מיך באַזוכט די קאַמעראַדען אַרטהור הילמאַן און דזשאָהן טוירנער. זיי זיינען ביידע געווען

זעהר האָפנונגספול און האָבען מיר געגעבען אויסזיכטען, אז איך וועל באַלד באַפרייט ווערן. טוירנער האָט מיר דערצעהלט, אַז דזש. אַ'גריידי, דער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטער פאַר לידז, און וו. א. אַפּעלטאָן, דער סעקרעטער פון דער „דזשענעראַל פעדערייזשאָן אָוו טרייד יוניאָנס", וועלכע האָבען מיךביידע פּערזענליך געקענט, האָבען זיך אָנגעגעבען אלס מיינע גוט־זאָגער. קראָפּאָטקין האָט געשריבען צו אַפּעלטאָן'ן א לאַנגען און זעהר סימפּאַטישען בריעף, אין וועלכען ער האָט איהם געלאָזט וויסען זיין אורטייל איבער מיין פּערזאָן און איבער דעם אונזין פון מיין אַרעסט. אויסערדעם האָט זיך דער גוטער אַלטער אויך געווענדעט צו א ליבעראַלען מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, און ער האָט פיעל ערוואַרטעט פון זיין אַננעמען זיך פאַר מיר. דאָס אַלעס האָט מיר טוירנער דערצעהלט און האָט מיר נאָך דערצו פּאַרזיכערט, אז די גענאָסען לאָזען ניט אַרוים קיין געלעגענהייט, כדי אויסצואווירקען מיין באַפרייאונג, און וואָס איך האָב יעדענפאַלס קיינמאָל אויף קיין איין רגע ניט געצווייפעלט. אויב איך האָב זיך, ניט קוקענדיג דערויף, דאָך פּאַרהאַלטען סקעפּ־טיש צו דער גאַנצער געשיכטע, איז דאָס ניט געשעהן דערפאַר ווייל איך האָב ניט געהאַט גענוג צוטרוי צו דער ענערגיע און דער סאָלי־דאַריטעט פון די קאַמעראַדען, נאָר צוליעב גאַנץ אַנדערע טעמים. אין פּאַרלויף פון די לאַנגע און שלאָפלאָזע נעכט האָב איך געהאַט גענוג צייט גרינדליך נאָכצודענקען איבער מיין פּאַל. כ'האָב באַ־טראַכט די זאַך פון אַלע זייטען און איך בין אַלץ ווידער געקומען צו דעם זעלבען שלוס, אַז זי איז געווען פאַר מיר האָפנונגסלאָז. די אַלע אומשטענדען פון מיין אַרעסט האָבען אָנגעוויזען דערויף, אַז עס האָט זיך דאָ אין מיין פּאַל געהאַנדעלט וועגען א צוגעגרייטען, גוט־דורכגעטראַכטען שריט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. ווען מיין אַרעסט וואָלט געווען ניט מעהר ווי א שטוקע פון דער לאָקאַלער פּאָליציי, דאַן וואָלט איך געהאַט יעדען גרונד צו האָפען, וואָרים דאָס אריינמישען זיך פון אַזעלכע איינפלוסרייכע מענער ווי קראָפּאָטקין, אַפּעלטאָן א. א. וו. און די אומערמידליכע טעטיגקייט פון מיינע איבעריגע פריינט האָבען יעדענפאַלס געקאָנט האָבען אַן ערפּאָלג.

אָבער איך בין אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ העכערן באַפעהל, אין אַ צייט, ווען די לאָקאַלע קערפּערשאַפטען פון דער לאָנדאָנער פּאָ־ליציי האָבען געהאַט דעם אויסדריקליכען פאַרזאָג ניט צו מאַכען קיין ווייטערע אַרעסטען. איך בין פּאַקטיש געווען דער איינציגער מאַן אין גאַנץ לאָנדאָן, וואָס איז יענעם טאָג אַרעסטירט געוואָרן אלס „פיינדליכער אויסלענדער“. די פּלוצלינגקייט, מיט וועלכער דאָס איז געשעהן, האָט ניט געקאָנט גערעכטפאַרטיגט ווערן דורך קיין באַזונדערער פּאַסירונג. די פּאָליטישע פּאָליציי האָט ניט גע־קאָנט האָבען דעם קלענסטען צווייפעל איבער מיין פּערזאָן. מיין גאַנץ לעבען איז געלעגען ווי אַן אָפען בוך פאַר זייערע אויגען, וואָ־רים איך האָב זיך קיינמאָל אויף דעם מינדעסטען אופן ניט באַהאַל־טען מיט מיינע האַנדלונגען. מיין גאַנצע טעטיגקייט איז געווען גענוי פאַרשריבען אין די געהיים־אַרכיוועס פון „סקאָטלאַנד יארד“. מען האָט אַלזאָ ניט געקאָנט אָננעמען, אַז מען האָט אין מיר דערזעהן אַ „שפּיאָן פון דעם קייזער“, בפרט נאָך אַז איך האָב צוליעב פּאָלי־טישע פאַרפאָלגונגען געמוזט פאַרלאָזען מיין היים־לאַנד און שוין באַלד צוואַנציג יאָהר געוואוינט אלס פּאָליטישער פליכטלינג אין לאָנדאָן.

איך בין נאָך היינט פעסט איבערצייגט אין דעם, אַז מען וואָלט מיך קיינמאָל ניט אַרעסטירט, ווען איך וואָלט דאַמאָלס געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון אַזויפיעל סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען די זאַך פון די אַליאירטע באַטראַכט אלס די זאַך פון דער פרייהייט און געקעמפט דערפאַר. אָבער מיין שטעלונג איז געווען אַן אַנדערע. אלס אַנאַרכיסט האָב איך געמוזט אָט די מלחמה פאַראורטיילען און איך האָב אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אונטערשטיצען ניט די איינע און ניט די אַנדערע פון די פיינדליכע שטאַאַטס־גרופּען. איך האָב אָט די אַנזיכטען מיינע אָפען און פריי פאַרטראָטען אין מיינע אַר־טיקלען און באַזונדערס אין דער פּאָלעמיק מיט מיין אַלטען פריינד קראָפּאָטקין, און דאָ איז, לויט מיין מיינונג, געלעגען דער גאַנצער סוד פון מיין אַרעסט. ניט דערפאַר ווייל איך בין געווען אַ דייטש

האָט מען מיך אינטערנירט, נאָר ווייל איך האָב זיך ניט צוריק־געהאַלטען פון אויסדריקען מיין איבערצייגונג אין א צייט, ווען שווייגען איז טאַקע געווען פראַקטישער, אָבער דערפאַר נאָך מעהר מעשה פייגלינג. נאָכדעם ווי איך האָב זיך דאָס אַלעס געבראַכט גאַנץ נאָהענט פאַר די אויגען, בין איך געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז עס איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט פאַר מיין לאַגע און יעדע האָפנונג אין מיין פאַל איז אַ קינדערשע אילוזיע. דאָס דאָזיגע באַוואוסטזיין האָט מיך פונדעסטוועגען אויף קיין פאַל ניט געלאָזט פאַרצווייפלען. פאַרשטעהט זיך, די געפאַנגענשאַפט איז ניט געווען אַנגענעם, און אונטער די הערשענדע אומשטענדען איז זי זאָגאַר געווען באַזונדערס שווער און דריקענדיג; אָבער מיר איז געבליבען די אינערליכע איבערצייגונג, אַז איך האָב זיך אַלס מאַן איינגעשטעלט פאַר מיינע אידעען, און איך האָב אַלזאָ געקוקט אויף מיין ווייטערן שיקזאַל מיט א געוויסען פילאָזאָפישען פאַטאַליזם, ניט אויפרעגענדיג זיך באַזונדער איבער דעם.

אין פאַרלויף פון די לעצטע אַכט טעג פון מיין זיין אין דער „אָלימפּיא“ האָט דאָרט געהערשט א ביטערע קעלט. אַן אייזיגער מזרח־ווינט האָט געפייפט דורך די אומצעהליגע לעכער און שפּאַל־טען, אַזוי אַז מען איז געווען געצוואונגען אדער צו ליגען דעם גאַנ־צען טאָג אויף די דריי ברעטער פון׳ם געלעגער איינגעהילט אין דעקעס, אָדער כסדר ארומצולויפען שנעל אַהין און אַהער, כדי זיך ווי עס איז צו דערוואַרימען. די פּאָדלאָגע איז באַשטאַנען פון אַס־פאַלט און איז געווען מערדעריש קאַלט. פריהער זיינען די שטרוי־זעק געלעגען דירעקט אויף דער ערד; אָבער אין משך פון די לעצטע וואָכען האָט מען אוועקגעלעגט ברעטער, וועלכע האָבען גע־דינט אַלס אונטערלאַגען פאַר די שטרויזעק. טראָצדעם איז נאָך אַלץ געווען א גרויסע צאָהל פון געפאַנגענע וואָס האָבען נאָך ניט געהאַט אָט די הילצערנע אונטערלאַגען, ניט קוקענדיג אויף דער אייזיגער קעלט. אונטער אַזעלכע פאַרהעלטענישען איז קיין וואונ־דער ניט געווען וואָס די צאָהל פון די קראַנקע אין דער „אָלימפּיא“ איז געווען זעהר היבש. די מעהרסטע געפאַנגענע האָבען געליטען

פון כראָנישען הוסטען און ניסען, וואָס האָט זיך געלאָזט פיהלען אויף אַן אומאַנגענעמען אופן, באַזונדערס ביינאַכט. ס'האָט דאַן גאָר קיין סוף ניט גענומען צו דעם מורא'דיגען הוסטען, און עס פלעגען פאַרגעהן שטונדען און שטונדען, ביז די אויערען זיינען ענדליך געוואָרען גלייכגילטיג און דער מיעדער קערפּער האָט געקאָנט געפינען זיין רוה. אסך געפאַנגענע האָבען שרעקליך געליטען פון רהומאַטיזם און האָבען זיך געקרימט און געדרעהט אין מורא'דיגע שמערצען אויף זייערע קלעגליכע געלענערס. דערצו איז נאָך געווען אַן אַנדער צרה: דאָס פּאַסקודנע ברויט האָט כמעט ביי אַלע געפאַנגענע ארויסגערופען כראָנישע מאָגען־שוועריגקייטען און פאַרשטאָפּונגען. דער איינציגער דאָקטאָר פון'ם לאַגער האָט צו דעם געהאַט די געוועהנליכע תרופה: אַ שטאַרקען אָפּפיהר־מיטעל. אַזוי איז עס געקומען, אַז איין העלפט פון די אינטערנירטע האָט כמעט שטענדיג געליטען פון פאַרשטאָפּונג, די אַנדערע העלפט פון אַ לויזען מאָגען. דער בלויזער געדאַנק, אַז מען קאָן דאָ אין דעם גיהנום ערנסט קראַנק ווערן, האָט געמוזט ארויפוואַרפען אַ שרעק אויף יעדען איינעם.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם איינדרוק, ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם אַזויגערופענעם „שפּיטאָל“. גאָט אין הימעל, ווי איז גאָר אַזאַ זאַך מעגליך געווען! דער „שפּיטאָל“ האָט זיך געפונען אין דעם זעלבען צימער, וואו די געפאַנגענע האָבען זיך אויפגעהאַלטען, און איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם איבעריגען לאַגער בלויז דורך אַ שפּאַניש ווענטעל פון אַנדערהאַלבען מעטער הויך. ס'איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער, צובראָכענער בעטשטעל, וועלכע האָט זיך מיט צרות געהאַלטען אויף דריי פיס און וועלכע האָט אויף זיין זייט געמוזט אונטערגעשפּאַרט ווערן דורך עטליכע ציגעל־שטיינער. אחוץ דעם זיינען דאָרט געווען נאָך דריי געוועהנליכע הילצערנע געלעגערס. דער גאַנצער אַנבליק האָט געמאַכט אַזאַ שווערען, טרויעריגען איינדרוק, אַז דער צושויער האָט דערביי כמעט דערשפּירט אַ פיזישען ווייטאָג. איך האָב שוין אין מיין לעבען געזעהן מעהר ווי איין בילד פון עלענד און נויט, אבער־

דער אָנבליק פון אַט די אָפּגעצעהרטע יאָמער־געשטאַלטען אויף זייערע קלעגליכע געלעגערס איז געווען דאָס ערגסטע וואָס איך האָב ווען געזעהן.

ס'איז קלאָר, אַז אין אַזאַ מאַסען־לאַגער האָט דער ליאַרם קיינ־מאָל ניט אויפגעהערט. דאָס געשריי און די קולות דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד האָבען פאַרטויבט דעם מוח און געמוזט סוף כל סוף אפילו געזונטע מענשען געהן אויף די נערווען. און ווען דער טומעל פון'ם טאָג האָט זיך ענדליך איינגעשטילט און די נאַכט איז געקומען, דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שוידערליכע הוסטען און קרעכצען. נו, קאָן מען זיך פאָרשטעלען דעם צושטאַנד פון די אָרעמע קראַנקע, וועלכע האָבען קיינמאָל פאַר קיין איין רגע ניט גע־קאָנט געפינען קיין רוה. יעדעם קינד ווייס, אַז ליכט, לופט, רוה און פאַסענדע ערנערונג זיינען דער יסוד פון יעדער קראַנקען־היגיע־נע; אַבער אין דער „אָלימפּיא" האָט מען עס ניט געוואוסט, אָדער מען האָט עס ניט געוואָלט וויסען. די אָרעמע חולאים האָבען איינ־געאָטעמט דיזעלבע מיט באַצילען־אָנגעפּילטע, פאַרפּעסטעטע לופט ווי אַלע אַנדערע; זיי זיינען געווען טאָג און נאַכט בלויז־געשטעלט דעם ליאַרם און די אומרוהיגקייט פון דעם לאַגער־לעבען, אַזוי אַז זיי האָבען קיינמאָל קיין רוהיגע מינוט ניט געהאַט, און צו דעם אַלעם איז נאָך געקומען דער נידערשלאָגענדער טרויעריגער איינדרוק פון זייער נאָהנסטער אומגעבונג. איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעהן, ווי אַזוי עס האָט זיך פּאַקטיש געקאָנט געפינען אַ מאַן וואָס האָט געהאַט דעם טרויעריגען מוט אונטער אַט די שוי־דערליכע פאַרהעלטענישען צו שפּילען די קאָמעדיע פון אַ דאָקטאָר. ס'איז אמת, אַז איינצעלנע געפאַנגענע זיינען אריבערגעפיהרט גע־וואָרן אין אַנדערע שפּיטאַלען, אָבער דאָס פלעגט ערשט געשעהן דאַן, ווען זייער צושטאַנד איז געווען האָפנונגסלאָז און דער טויט איז זיי שוין געשטאַנען היינטער'ן רוקען. מען האָט נאַטירליך גע־האַט די אַבזיכט צו הַטעו די רעפּוטאַציע פון'ם לאַגער, און אַזוי לאַנג ווי אַן אָרעמער טייוועל האָט אויסגעהויכט זיין געמוטשעט לעבען ערגעצוואו דרויסען און איז ניט דירעקט געשטאָרבען אין דער

„אָלימפּיא“, האָט מען יוצא געווען פאר די געזעצען פון דער מענש־ליבקייט.

איך האָב ניט געקאָנט גענוי פעסטשטעלען וויפיעל טויט־פאַלען עס זיינען פאָרגעקומען אין דער „אָלימפּיא“. דאָס וואָלט אויך גע־האָט א קנאַפּען צוועק, ווייל זאָגאר די גענויעסטע ציפערן וואָלטען דאָך בלויז געמוזט געבען א פאַלש בילד פון דערווירקליכער לאַגע. די „אָלימפּיא“ איז נעמליך געווען א מין „קלירינג הויז“. די געפאַנ־גענע פלעגען געבראַכט ווערן אהין, כדי נאָך עטליכע וואָכען אדער מאָנאַטען איבערגעשיקט צו ווערן אין אנדערע קעמפּס. אָבער נאָך אַלעם דעם וואָס איך האָב געזעהן און וואָס איך האָב געקאָנט פעסטשטעלען דורך אומבאַשטרייטבאַרע באַשרייבונגען פון אנדערע בין איך פעסט איבערצייגט, אז די צאָהל פון די, וועלכע האָבען אין אָט דעם גיהנום געקריגען דעם זאָמען פון קראַנקהייט און פיליכט פון טויט, קאָן ניט זיין קליין.

אחוץ דעם אַזויגערופענעם „שפּיטאָל“ איז אין דער „אָלימפּיא“ געווען נאָך א פינסטערער ווינקעל, וואָס די געפאַנגענע האָבען גע־וועהנליך באַצייכענט מיט'ן נאָמען „טריפּער־ווינקעל“, און וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט פון'ם איבעריגען לאַגער בלויז דורך א דיקען שטריק. אין דעם דאָזיגען ווינקעל זיינען געלעגען די געשלעכטס־קראַנקע. צווישען זיי האָבען זיך אין מיין צייט געפונען זעקס הויך־גראַדיגע סיפיליטיקער. ס'איז שוין אַן און פאר זיך אליין געווען א שרעקליכע זאַך, אז אַזעלכע קראַנקע זאָלען מוזען לעבען מיט די איבעריגע געפאַנגענע אין דעם זעלבען פּלאַץ, אבער פשוט הימעל־שרייענד איז געווען דער אומשטאַנד וואָס זיי האָבען אויך געמוזט באַנוצען דיזעלביגע פינף קלאָזעטען און דיזעלביגע וואַש־בעקענס. איבעריגענס איז דאָס אויך געווען דער פאַל מיט די אנדערע קראַנ־קע, וועלכע האָבען יעדעס מאָל געמוזט געטראָגען ווערן פון צוויי מענער אין דעם אַלגעמיינעם באַדערפעניש־פּלאַץ. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אז אין דעם אַזויגערופענעם „טריפּער־ווינקעל“ האָט מען אריינגעבראַכט בלויז יענע חולאים, וועלכע האָבען זיך פריי־ווילינ אָנגעגעבען אלס געשלעכטס־קראַנקע. אבער ניט אַלע זיינען

געוועזן אזוי געוויסענהאפט, און די ווירקליכע צאָהל פון אָט די קראנקע האָט איבערהויפט ניט געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן, ווייל די געפאנגענע זיינען אויף קיין אופן ניט אונטערזוכט געוואָרן פון׳ם דאקטאר. מיינער א באקאנטער, א דאָקטאָר, האָט מיר דערצעהלט וועגען א מאָן, וועמען ער האָט אין לאָנדאָן באהאנדעלט אלס הוידגראדיגען סיפיליטיקער. שפעטער איז דער אומגליקליכער אינטערנירט געוואָרן און ער איז געלעגען רוהיג צווישען די איבעריגע געפאנגענע. אזוי ווי די געפאנגענע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, פלעגען יעדע נאכט מוזען שלאָפען אויף אַנדערע שטרויזעק, קאָן מען אומגעפער האָבען א באגריף ווי אזוי די געפאר פון אָנשטעקונג איז דירעקט פארשפרייט געוואָרן דורך אזא מין וואנזיניגען איינפיהר.

אָבער וואָס האָט געהאָלפען דאָס גאנצע רעוואָלטירן פון דער מענשליכער ווירדע אין דער דאָזיגער מארטער־קאמער! אונזערע שטימען זיינען אָפגעשטאָרבען אומגעהערטערהייט. מיר זיינען געוועזן אויסגעשטויסענע, פארדאמטע אין דעם שארפסטען זין פון וואָרט. א געווענליכער פארברעכער באזיצט געוויסע רעכט, מיט וועלכע ער קאָן זיך אונטער אומשטענדען באנוצען; דער וועג פון באקלאָגען זיך שטעהט פאר איהם אָפען, וואָרים ער ווערט נאָך אלץ ביז א געוויסען גראד באטראכט אלס מענש. מיר אָבער זיינען געוועזן געוועזענע מענשען. מיר זיינען געשטאַנען טיעף אונטער דעם געווענליכען פארברעכער, וואָרים מיר האָבען אין א פארקערטען לאנד דאָס ליכט פון דער וועלט דערזעהן, און דערפאר איז אונזער פראָטעסט געוועזן ווי א קול וואָס רופט אין דער מדבר.

קאפיטעל 3

טראַגישע און קאָמישע טיפּען

אלערליי באקאנטשאַפטען — ערצעהלונגען פון די אלטע איינוואוינער פון דער „אָלימפּיא“ — דער סארדזשענט מיידזשאָר — פּסיכאָלאָגישע אורזאכען פון פּאטריאָטיזם — „יודאס“ — די אלטע פון סויט שיעלדס — דער אומפארבעסערליכער — גליק־שפּיעלען אין דעם אינטערנירונגס־לאגער — דער „קאָכלעפעל“ — די אויפנאמע פון דעם „שטעלען־פּארמיטלער“ — דער לאָך אין דער סטעליע — א רעוואָלווער־העלד — דער אָפּשידס־אָוועגט — און „אווע מאריא“.

איך האָב שוין אלזאָ געהאט געמאַכט א מאַסע נייע באַקאַנטשאַפטען. אם מעהרסטען האָבען מיך נאַטירליך אינטערעסירט די עלטערע איינוואוינער פון דער „אָלימפּיאַ“. פיעל פון די ערשטע אָפּפער פון די מאסען־ארעסטען האָבען שוין פאר מיין אָנקומען געהאַט פארלאָזען דעם לאַגער און זיינען אריבערגעפיהרט געוואָרען טיילווייז אין ניובורי קעמפּ, טיילווייז אויף די שיפען ביי סויטענד; דאָך איז די צאָהל פון די איבערגעבליבענע נאָך אלץ געוועזען זעהר היבש. די געשיכטע פון אָט די אָרעמע מענשען איז געווען אן איינפאַכע מאַרטירעריי, און איך האָב זיך נאָך געדאַרפט שעצען גליקליך וואָס איך בין ניט געוועזען צווישען די אָפּפער פון דעם גאַנץ ערשטען פעריאָד. די מעהרצאָהל פון די ארעסטירטע איז באַשטאַנען פון אזעלכע וואָס האָבען געהערט צום ארבייטער־קלאַס. די מעהרסטע פון זיי זיינען צוגענומען געוואָרען דירעקט פון דער ארבייט, אדער מען האָט זיי ארויסגעשלעפּט אין מיטען נאכט פון

בעט און זיי געבראַכט אין דער נאָהנטסטער פּאָליציי־סטאַנציע. פון דאָרט האָט מען זיי אין מעבעל־וואַגענס אדער אנדערע פוהרען אריי־בערגעפיהרט אין דער „אָלימפּיא", וואו עס זיינען ניט געמאכט געוואָרן די מינדסטע פאָרבאַרייטונגען פאר דער קוואַרטירונג פון אָט די אָרעמע מענשען. אומגעפער צוויי טויזענד געפאנגענע זיינען אויף אַזאַ אופן צוזאַמענגעפּאַקט געוואָרן ווי הערינג אויף איין זייט פון דער גאַלעריע אין דעם גרויסען האָל. אין די ערשטע טעג זיינען ניט געווען ניט קיין דעקעס און ניט קיין שטרויזעק, און די געפאנ־גענע האָבען געמוזט שלאָפען אויף דעם הוילען און שמוציגען באָ־דען. אַזוי ווי אין דעם גרויסען, צוגיגען האָל איז ביינאַכט געווען ביטער קאַלט, האָבען די אָרעמע מענשען קיין אנדער ברירה ניט גע־האַט און געמוזט ווי די שאָף זיך צוזאַמענגרוקען געדיכט איינע נעבען די אנדערע, כדי אויף א גענענזייטיגען אופן צו ציהען נוצען פון דער וואַרימקייט פון זייערע קערפּערס. ערשט אין עטליכע טעג ארום האָט יעדער געפאנגענער געקריגען א דעקע, אָבער עס איז נאָך אוועק א היבשע צייט, איידער מען האָט זיך דערמאָנט איינצו־שאַפען שטרוי־זעק. די זעק און די דעקעס זיינען געווען איינגע־טונקט אין שמוץ. די שטרויזעק זיינען ניט איינגעשאַפט געוואָרן אלע מיט אַמאָל, ס'איז צוגעגאנגען גאַנץ לאַנגזאַם. אַזוי איז גע־שעהן, אַז א העלפט פון'ם לאַגער איז שוין געווען פאַרזאָרגט מיט שטרויזעק, בעת ווען די אנדערע העלפט איז נאָך אַלץ געשלאָפען אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. אַזוי ווי די שטרויזעק, ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, האָבען געמוזט יעדען פריהמאָרגען אפּגע־ליפערט ווערן אין א געוויסען פּלאַץ, פלעגט יעדען אָוונט ענט־שטעהן א פאַרצווייפעלטער קאַמף, כדי זיי צוריקצוקריגען. אָפט האָט אָט דער קאַמף אָנגענומען אַזעלכע ערנסטע פאָרמען, אַז די סאָלדאַטען האָבען זיך געמוזט אריינמישען מיט זייערע בלויזע באַ־יאָנעטען. דער רעזולטאַט דערפון איז שטענדיג געווען, אַז די קרעפ־טיגסטע און די וואָס די האָבען זיך ניט געקימערט פאר אנדערע זיינען געווען אימשטאַנד צו קריגען זייערע שטרויזעק, בעת ווען די קראַנ־קע און שוואַכע, וועלכע האָבען זיך מעהר ווי אַלע אנדערע גענויטיגט

אין זיי, האבען זיך געמוזט לעגען אויף דער הוילער ערד, סיידען א גוט־הארציגער מענש האט זיך אויף זיי דערבארעמט.

פאר 2000, מערקט אייך, פאר צוויי טויזענד געפאנגענע זיינען אין דער ערשטער צייט געווען בלויז דריי אפטרעטען און דריי וואש־בעקענס. אונטער אט די שוידערליכע אומשטענדען זיינען די געפאנגענע געצוואונגען געווען זיך אויסצושטעלען ביי די אפטרעטען שורות־וויז און ווארטען שטונדען־לאנג ביז עס איז געקומען צו זייער רייה. און אז מען האט זיך שוין דערווארט און עס איז איינעם ענדליך געלונגען זיך אנידערצוזעצען, האט זיך באלד באוויזען א סאלדאט וואס האט דעם מאן אנגעטריבען זיך צוצואיילען. טאמער האט ער ניט אזוי גיך געפאלגט, האט זיך דער סאלדאט געהאלפען מיט זיין באיאנעט און אויף אזא'ן אופן געצוואונגען דעם „פארברעכער". אויפצושטעהן. די סאלדאטען פון דער „איריש גארד", ווען עס איז אין דער ערשטער צייט אנפארטרויט געווארן צו באוואכען די געפאנגענע, האבען זיך אויסגעצייכענט דורך גאנץ באזונדערע גראבע און ווילדע מעשים. שטויסען א געפאנגענעם מיט'ן ביקס, איהם דערלאנגען מיט'ן פויסט אין געזיכט און איהם טרעטען מיט די פיס, — דאס זיינען געווען טאג־טעגליכע ערשיינונגען. די סאלדאטען פלעגען דורך זייערע אונטער־אפיצירען דירעקט אויפגעמונטערט ווערן צו מאכען אזעלכע פייגע און שענדליכע אנגריפען אויף שוצלאזע מענער. אויף א גאנץ באזונדערן אופן האט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכענט דער „סארדזשענט מיידזשאר", אן אומפארגלייכליך רויהער און ברוטאלער נפש, אונטער וועמעס שרעקענס־רדעזשים די געפאנגענע האבען געמוזט אויסשטעהן אמת'ע מארטער־יסורים. אט דער אוממענש וואס האט, ווי מען האט מיר שפעטער דערצעהלט, פרייוויליג אויפגעגעבען זיין אמט אלס פאליציי־אינספעקטאר, כדי צו קריגען זיין שטעלע אין דער „אלימפיא", פלעגט באליידיגען די געפאנגענע אויף דעם שמוציגסטען אופן און האט מיסהאנדעלט די מענשען אהן וואס פאר עס איז גרונד. דאס איינציגע, אבער שטענדיג גילטיגע מיטעל צו שטילען דעם בלינדען

צאָרן פון אָט דעם מענשען־פרעסער, איז געווען געלד. פאַר געלד איז ער געווען גרייט אַלצדינג צו טאָן. איך גלויב, אַז ער וואָלט פאַרשאַכערט גאַנץ ענגלאַנד, ווען עס מאַכט זיך איהם נאָר אַ געלעגענהייט דערצו. פאַר געלד פלעגט ער די געפאַנגענע טאָן אַלע מעגליכע טובות. ער פלעגט זיי באַפרייען פון דער ארבייט, פלעגט ארויסשמוגלען הינטער דעם צענזאָר'ס רוקען בריעף פון'ם לאַגער און פאַרזאָרגען די וואָס האָבען געקאָנט באַצאָלען מיט צייטונגען, כאָטש עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטען פאַר די געפאַנגענע.

כדי צו אילוסטרירען די געמיינהייט פון אָט דעם ליכט־טורם פון'ם מיליטאַריזם וויל איך דאָ דערצעהלען פאָלגענדען עפּיזאָד וואָס איז מיר אויף אַן אומבאַשטרייטבאַרען אופן באַשטעטיגט געוואָרן פון מינדעסטענס צוויי טוץ עדות. איין טאָג איז אין דער „אָלימפּיא" געבראַכט געוואָרן אַ בערלינער, וואָס האָט געטראָגען אין האַנד אַ באַזונדערס שענעם שפּאַציר־שטעקען. דער אָרעמער טייוועל איז, ווייזט אויס, געפּלאָגט געוואָרן פון גאַלגען־הומאָר, האָט ער זיך לוסטיג געמאַכט און געזוכט צו אַמוזירען זיינע מיט־געפאַנגענע, זיי דערצעהלענדיג אַ פּאָר וויצען, פון וועלכע ער האָט אליין שטאַרק געלאַכט. מיט אַמאָל איז פאַר איהם ערשינען דאָס שיקזאַל אין דער געשטאַלט פון'ם סאַרדזשענט מיידזשאָר, וועלכער האָט גאָר אָהן צערעמאָניעס איהם אויסגעריסען דעם שענעם שפּאַציר־שטעקען פון דער האַנד און איהם דערמיט גוט אָנגעבראָכען די ביינער. דערנאָך איז ער זיך אַ צופרידענער אוועק זיין וועג, מיט'ן שטעקען פון זיין אָפּפער אין האַנד. אָט דעם שטעקען האָט ער, ווייזט אויס, באַזונדערס ליעב געקריגען, וואָרים ער פלעגט איהם דערנאָך גאַנץ אָפט באַנוצען יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט זיך אָפּרעכענען מיט וואָס פאַר עס איז אָרעמען קערל, וועלכער האָט זיך געגען איהם מיט עפּעס פאַרזינדיגט.

עס דאַרף באַצייכענט ווערען אַלס אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, אַז דאָס שיקזאַל פון טויזענטער הילפלאָזע געפאַנגענע איז אָנפאַר־טרויט געוואָרן אין די הענט פון אַזאַ ווילדער חיה, און אַז ער האָט

אזוי לאנג געקאנט באקליידען אן אמט, צו וועלכען עס האט זיך אומבאדינגט געפאדערט א מאן מיט דעם העכסטען געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט. אין דערווירקליכקייט איז דער סארדזשענט מיידזשאר געווען דער צענטראל־פונקט, ארום וועלכען עס האט זיך געדרעהט דאס גאנצע לעבען פון די געפאנגענע; ער איז געווען די איינציגע דירעקטע מאכט וואס זיי האבען יעדען מאמענט געמוזט פיהלען. לארד ליינסבאראה איז, אמת, לויט'ן טיטעל געווען דער קאמאנדיר פון'ם לאגער, אבער די געפאנגענע האבען איהם כמעט קיינמאל ניט געקראגען צו זעהן. יעדע קלאגע האט געמוזט אריינגעשיקט ווערן שריפטליך, און אזוי ווי די בריעף פלעגען אלע דורכגעהן דורך דער האנד פון'ם סארדזשענט מיידזשאר, קאן מען זיך לייכט פארשטעלען וואס דער רעזולטאט האט געקאנט זיין. דער דאזיגער חברה־מאן פלעגט אפריהער גאר אהן צערעמאניעס איבערלייענען די בריעף אין דער אנוועזענהייט פון די וואס האבען זיך באקלאגט, און וועה איז געווען צו יענעם, ווען דער צארן פון'ם סארדזשענט מיידזשאר איז גערייצט געווארן דורך וואס פאר עס איז באמערקונג. אזוי לאנג ווי עס האט זיך אין דער קלאגע געהאנדעלט וועגען א קליינינקייט, אן אומשעדליכע געשיכטע, און דער שרייבער האט נאך דערצו צוגעלייגט א שילינג, דאן האט דער בריעף נאטירליך דערגרייכט זיין באשטימונגס־ארט. אבער ווען א געפאנגענער איז געווען אזוי נאאיוו צו וועלען דערלאנגען דעם קאמאנדיר אן ערנסטע קלאגע, האט איהם דער סארדזשענט מיידזשאר פארווארפען מיט די שמוציגסטע באליידיגונגען און איהם מכבד געווען מיט קולאקעס און איהם געבריקעט מיט די פיס. עס פלעגט זאגאר אפט פארקומען, אז ער פלעגט דעם געפאנגענעם שליידערן דעם בריעף אין פנים אריין און אויסשרייען: „וויש זיך אונטער דעם... דערמיט!" — אונטער די דאזיגע אומשטענדען האט מען זיך שוין ניט געדארפט וואונדערן, ווען אט דער עהרענמאן האט צוריקגעוויזען א דרינגענדע קלאגע איבער דעם מורא'דיגען צושטאנד פון די סאניטארע באדינגונגען, ערקלערענדיג גאנץ איינפאך: „ווי אר אנלי רעספאנסיבל פאר יור באדיס, באט נאט פאר יור לייווס".

(מיר זיינען בלויז פאָראַנטוואָרטליך פאַר אייערע קערפּערס, אבער ניט פאַר אייער לעבען.)

כמעט יעדער פון מיינע מיטגעפאַנגענע, וואָס האָט געהאַט די זעלטענע געלעגענהייט פּערזענליך צו קומען פאַר לאָרד ליינסבאַראָה, דעם קאָמאַנדיר פון׳ם לאַגער, און איהם אייגענהענדיג איבערצוגעבען א בקשה, האָט איהם געשילדערט אלס אנגענעמער, מענשענפריינד־ליכער דזשענטעלמאַן, וועלכער האָט כמעט קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט קיין ביטע. ס׳איז מיר דערפאַר פאָרגעקומען נאָך אומבאַגרייפלי־כער וואָס אָט דער מאַן האָט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך צו פאַרדעקען אַזעלכע שוידערליכע צושטענדען מיט דער אויטאָריטעט פון זיין נאָמען. צו זיין עהרע נעם איך אָן, אַז פאַר פיעל זאַכען קאָן מען איהם ניט האַלטען פאַראַנטוואָרטליך. בעת די ליבעראַלע רעגי־רונג האָט זיך בלינדערהייט אונטערוואָרפען דעם טעראָריזם פון די געלע ציימונגען און עס איז ארויסגעגעבען געוואָרן דער באַפעהל צו אַרעסטירען די דייטשען און די עסטרייכער מאַסענווייז, האָט מען נאָך ניט געהאַט געמאַכט קיין שום פאַרבאַרייטונגען פאַר דער קוואַרטירונג פון אַזויפיעל מענשען, און אַן אַלגעמיינער כאַאָס איז געווען דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט פון אָט דער פאַרריקטער פאַדערונג וואָס איז דיקטירט געוואָרן פון בלינדען שרעק. אפילו דער גרעסטער אָרגאַניזאַטאָרישער זשעני וואָלט ניט געווען אימ־שטאַנד אין עטליכע וואָכען צייט צו שאַפען אָרדנונג אין אָט דעם תוהו ובוהו, אין אָט דעם מיש־מאַש, און לאָרד ליינסבאַראָה איז, נאָך אַלעם דעם וואָס איך האָב געזעהן, ניט געווען קיין אָרגאַני־זאַטאָרישער זשעני. מען קאָן אויך ניט אננעמען, אַז ער האָט גע־וואוסט פון די אַלע שענדליכע און געוויסענלאָזע נידערטרעכטיגקיי־טען פון זיין סאַרדזשענט מיידזשאר; אבער עס איז, לויט מיין מיינונג, אבסאָלוט אוממעגליך, אַז ער זאָל גאָרנישט האָבען געהערט, אַז צו איהם זאָל ניט האָבען דערגרייכט די איינע אדער אַנדערע שאַנד־טאַט, און דאָס האָט דאָך געמוזט איהם באַוועגען אָנצונעמען מיטלען און פאָרהיטען וויטערע געמיינהייטען. אבער קיין זאַך איז ניט געשעהן. דער סאַרדזשענט מיידזשאַר האָט ניט אַרויסגעלאָזט

די לייצעס פון זיינע הענט און געפייניגט די היפלאָזע געפאַנגענע אויף דעם שענדליכסטען אופן, אָהן דעם אַז דער קאָמאַנדיר זאָל געפינען פאַר נייטיג דאָס אָפּצושטעלען. אָט דער פאַקט לאָזט זיך דורך קיין זאַך ניט רעכטפאַרטיגען. קיין פאַרנינפטיגער מענש וועט ניט וועלען מאַכען לאָרד לייגסבאָראָה פערזענליך פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע איבלען, אונטער וועלכע די איינוואוינער פון דער „אָלימפּיאַ" האָבען געמוזט גרויזאַם ליידען, אָבער ער קאָן ניט באַפרייט ווערן פון דעם פאָרוואורף, אַז ער האָט אויף אַ גראָבען אופן פאַרלעצט זיין פליכט. ער האָט באַדאַרפט קאָנען באַשיצען די אומגליקליכע געפאַנגענע נעגען שענדליכע ערנידערונגען און ברוטאַלע מיסהאַנדלונגען; ער האָט עס ניט געטאָן. פיליכט האָט אויך ער באַרוהיגט זיין געוויסען דערמיט, וואָס פאַר אונז „הונען" איז דאָס ערגסטע נאָך אַלץ צו גוט.

די געפאַנגענע פון דעם ערשטען פעריאָד האָבען זיך געפונען אין אַן אַבסאָלוט האָפנונגסלאָזער לאַגע. ניט גענוג וואָס זיי האָבען געמוזט אויסשטעהן אַלערליי גראָבקייטען און ערנידערונגען, האָט מען זיי אויך אָפּגעשניטען יעדע מעגליכקייט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסענדיגער וועלט, און עס איז פאַרגאַנגען אַ היבשע צייט, איידער זייערע קרובים זיינען געוואָהר געוואָרן אין וואָס פאַר אַ יאָמערליכען צושטאַנד זיי האָבען זיך געפונען. די פּאָסט־פאַרבינדונגען, וועלכע זיינען נאָך ביי מיין אָנקומען געווען אויסערגעוויינליך ווייט פון גוט, זיינען אין דער ערשטער צייט פשוט געווען אומגלויבליך. פון זעקס בריעף האָט אין בעסטען פאַל בלויז איינער דערגרייכט זיין ציעל, אי דאָס ערשט אין פינף אָדער זעקס וואָכען אַרום נאָכדעם ווי ער איז געשריבען געוואָרן. אַזוי האָט אונזער פריינד ל., צום ביישפּיעל, געשריבען אַ בריעף צו זיין פרוי באַלד נאָך זיין אָנקומען אין דער „אָלימפּיאַ". נאָכדעם ווי ער איז געווען זעקס וואָכען אין געפאַנגענשאַפט האָט מען איהם פלוצלינג באַפרייט, אָבער זיין בריעף איז ערשט אָנגעקומען נאָכדעם ווי ער אַליין איז שוין געווען דריי טעג צוריק אין דערהיים. ערשט נאָכדעם ווי די געפאַנגענע אַליין זיינען געווען אימשטאַנד איבערצונעמען די

אָרגאַניזירונג פון דער פּאָסט אין זייערע הענט, איז דער צושטאַנד געוואָרן אביסעל ערטרעגליכער.

מיט דער פּאַקעט־פּאָסט (פּאַרסעל־פּאָסט) איז עס נאָך פּיליכט געוועזן ערגער. די צאָהל פון די פּאַקעטען, וועלכע זיינען „פּאַרלאָרען" געגאַנגען, איז געוועזן זעהר גרויס, און איך האָב כמעט ניט געפונען קיין איינעם צווישען מיינע מיטגעפאַנגענע, וואָס זאָל זיך ניט האָבען געהאַט צו באַקלאָגען אויף דעם פאַרלוסט פון איינעם אָדער עטליכע פּאַקעטען.

דאָס וואָס האָט מיך מעהר פון אַלצדינג ערשטוינט אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דער „אָלימפּיא", איז געוועזן דער אייגענאַרטיגער געמיטסצושטאַנד פון מיינע נייע קאַמעראַדען. עס זיינען געוועזן בלויז ווייניגע צווישען זיי וואָס זיינען ניט געווען פאַרנעפּעלט פון אַ בלינדען פּאַטריאָטיזם. ביי אסך האָט אָט דער צושטאַנד איינפאַך אָנגענומען היסטערישע פאָרמען. די שטענדיגע טעמא פון די געשפּרעכען איז נאַטירליך געוועזן די מלחמה. די מעהרסטע פון זיי זיינען געוועזן פעסט איבערצייגט, אַז די געשיכטע וועט ניט לאַנג דויערן, און אַז דייטשלאַנד מוז אומבאַדינגט ארויסקומען אַלס זיגער פון אָט דעם מורא'דיגען קאַמף. אַזוי ווי ס'איז די געפאַנגענע געוועזן שטרענג פאַרבאָטען צו לעזען צייטונגען — אָהן דעם אַז דער דאָזיגער משוגענער פאַרבאָט האָט ווען עס איז געקאָנט גרינדליך דורכגעפיהרט ווערן — איז אין לאַגער ענטשטאַנען אַ מאַניע פון די וואַנזיניגסטע קלאַנגען. דאָס איז געוועזן אַ מאָדנער צושטאַנד, וועלכער האָט מיך שטאַרק דערמאָנט אָן די מאַסען־האַלוצינאַציעס אין מיטעלאַלטער. ס'איז פּלוצלינג אַרויס אַ קלאַנג, קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער איז געקומען. אין עטליכע מינוט צייט האָט זיך אַזאַ נאַכריכט פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַגער און האָט איבעראַל געפונען גלויביגע צוהערער. ס'איז מעגליך, אַז אַ געפאַנגענער האָט ערגעצוואו עפּעס אויפגעכאַפּט. אין זיין מוח איז די זאַך באַלד פאַנאַנדערגעוואַקסען, און ווען דער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל צווישען הונדערט אָדער צוויי הונדערט מענשען, האָט עס שוין געהאַט אָנגענומען אַזעלכע אומגעהייערע

פארמען, אז קיינער האט שוין מעהר ניט געקאנט ענטדעקען זיין אורשפרונג. יעדע איינצעלנע ערשיינונג האט מען געזעהן ווי דורך א פארגרעסער־גלאז און מען האט בּיסלאכווייז פארלארן יעדעס גע־פיהל פון פראפארציע. די מאניע מגזם צו זיין, צו איבערטרייבען יעדע נאכריכט איז געווען אזוי שטארק ענטוויקעלט, אז איך האב אפט געהאט א געלעגענהייט צו באמערקען, ווי א געפאנגענער האט נאר וואס געהערט עפּעס „נייעס" פון א מיט־געפאנגענעם, און גלייך נאכדעם האט ער די נאכריכט נאך ווארימערהייט איבערגעגעבען אן אנדערן, אי דאס פאר יענעם, פאר דעם ערשטען מאן אין די אויגען, אבער דערביי האט ער שוידערליך איבערטריבען און פארגרעסערט די זאך, אהן דעם אז יענער זאל עפּעס האבען דאגעגען.

א צייט־לאנג האט מען ניט גערעדט פון קיין אנדער זאך, נאר פון דעם אז די דייטשען וועלען באלד אריין אין ענגלאנד. קיינער האט נאטירליך ניט געוואוסט, פון וואנען די נאכריכט קומט, אבער מען איז געווען אזוי פעלזענפעסט איבערצייגט אין דעם, אז יעדע ניכטערע איינווענדונג אין אט דער פראגע איז פון פיעלע באטראכט געווארן אלס „פאררעט". און אנדערש מאל האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז די דייטשען האבען אריינגעמארשירט קיין ווארשע, און עס איז געווען אומהיימליך צו זעהן, מיט וואס פאר א פייערדי־גער לייכטגלויביגקייט די נאכריכט איז פון די מעהרסטע פארשלונ־גען געווארן.

קיינמאל פריהער האב איך ניט געהערט זינגען די „וואכט אם רהיין" אדער דאס „דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס" מיט אזא קראנקהאפטער אינערליכער היץ, ווי אין יענעם פינסטערן פלאץ פון יאמער און פון שטומע יסורים. אט די ערשיינונג האט מיך צו־ערשט איבערראשט; האב איך דאך פון ערפארונג געוואוסט, אז דער פאטריאטיזם האט גראד ניט געהערט צו די שטארקע זייטען פון די דייטשען אין אויסלאנד. איך גלויב זאגאר, אז עס איז קוים פאראן נאך א פאלק וואס קאן זיך אזוי לייכט צופאסען צו פרעמדע פאר־העלטעניסען, ווי די דייטשען. איך האב זיך דעריבער ניט וועניג געוואונדערט צו טרעפען דא אזא הויך־גראדיגע פאטריאטישע שטי־

מונג. אָבער שפּעטער האָב איך זיך אויפגעהערט וואונדערן דערי־בער, ווארים איך בין געווען איבערציינט, אז איך האָב געפונען דעם שליסעל פון דעם דאָזיגען רעטעניש.

די גאַנץ גרויסע מעהרהייט פון די אינטערנירטע איז באשטאַנען פון איינפאַכע ארבייטער וואָס זיינען פלוצלינג מיט ברוטאַלער גע־וואלט ארויסגעריסען געוואָרן פון זייערע לעבענס־פארהעלטעניסען און זיינען דאָ אין דעם דאָזיגען גיהנום באהאַנדעלט געוואָרן ערגער ווי די געמיינסטע פארברעכער. פיעל פון זיי האָבען געהאַט ווייבער און קינדער, וועלכע זיי האָבען געמוזט איבערלאָזען ניט פארזאָרגט. אַנדערע פון זיי זיינען געווען קליינע געשעפטסלייט, וועלכע האָבען זיך אין יאָהרען־לאַנגען קאַמף ערוואָרבען א באשיידענע עקזיסטענץ און אצונד זיינען זיי פלוצלינג געבראַכט געוואָרן צו בעטעל־ברויט. אַט די אַלע לייט—אָפּגעזעהן פון ווייניגע אויסנאַמען — זיינען געווען רוהיגע, עהרליכע מענשען וואָס זיינען קיינמאָל ניט געקומען אין קאָנפליקט מיט די ענגלישע געזעצען, און וועלכע קיין פארניפטיגער מענש האָט ניט געקאָנט חושד זיין, אז זיי שטעהען אין דיענסט פון דער דייטשער רעגירונג. א גרויסער טייל פון זיי האָט שוין זינט יאָהרען־לאַנג געוואוינט אין ענגלאַנד און איז העכסטענס נאָר דורך פאמיליען־באציהונגען געווען פארבונדען מיט דעם געבורטס־לאַנד. און אַט די אָרעמע מענשען האָט מען פלוצלינג גענומען העצען און יאָגען ווי ווילדע חיות. א געוויסענלאָזע פּרעסע האָט געגען זיי אָרגאַניזירט א פּשוט׳ן קרייץ־צוג און זיי טאָג־טעגליך באשולדיגט אין די אומערהערטסטע שאנד־טאַטען און פארברעכענס, ביז מען האָט זיי ענדליך אַרעסטירט און געבראַכט אין דער „אָלימפּיא“. צוגעוואוינט צו ענגלישע פארהעלטענישען, האָבען זיי דאָרט גע־קריגען א באהאַנדלונג, וועלכע האָט זיי איינפאַך געמוזט צושמע־טערן. זיי זיינען געווען ווי געפּלעפט און האָבען כמעט ניט גע־וואוסט וואָס מיט זיי איז געשעהן. פיליכט איז צו פארדאַנקען אַט דעם צושטאַנד פון באַטויבונג, וואָס עס איז אין דער „אָלימפּיא“ ניט געקומען צו קיין אָפענעם אויפשטאַנד. די געמיינשאַפטליכקייט פון זייערע ליידען האָט לאַגישערווייז געמוזט פיהרען צו אַן ענגערן

צוזאַמענבונד צווישען אַט די געזעלשאַפטליך אַרויסגעשטויסענע און האָט צולעצט געפונען איהר אויסדרוק אין יענער היסטערישער פּאַטריאָטישער שטימונג, איבער וועלכער איך האָב זיך אין אָנפאַנג אַזוי שטאַרק געוואונדערט. עס איז מיר אַלזאָ קלאָר געוואָרן, אַז דער פּאַטריאָטיזם פון די דאָזיגע לייט האָט סוף כל סוף זיינע וואָרצלען אין זייער גרויזאַם באַליידיגטען געפיהל פון גערעכטיגקייט. איך גלויב זאָגאַר, אַז דאָ קאָן מען געפינען דעם אייגענטליכען גרונד פאַר אַלע פּאַטריאָטישע און נאַציאָנאַליסטישע אויפרעגונגען פון די מאַסען. אונטערדריקונג איז געווען און איז די מוטער פון אַלע פּאַטריאָטישע און נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען. די געשיכטע גיט אונז גענוג באַווייזען דערפאַר. אין דער „אָלימפּיאַ" האָט זיך אַט די וואַרהייט מאַניפעסטירט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אָהן דעם אַז די געפאַנגענע זאָלען זיך אויף וואָס פאַר עס איז אופן אָפּגעבען רעכנונג וועגען דעם. ביי די מעהרסטע פון זיי איז דאָס „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם" געווען בלויז אַ פּראָטעסט געגען דער אומפּאַרשעמטער באַליידיגונג פון זייער מענשליכער ווירדע, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער פּראָטעסט־מיטעל.

איך בין פעסט איבערצייגט, אַז ווען מען וואָלט אַט די אָרעמע מענשען צורוה געלאָזט, וואָלט קיין איינציגער פון זיי אויף וואָס פאַר עס איז אופן ניט געוואָרן געפערליך פאַר'ן ענגלישען שטאַאט. די גרעסטע מעהרהייט פון זיי זיינען געווען געוועהנליכע לייט פון'ם פאָלק אָדער אומשעדליכע מענשען, ביי וועמען דער רעספּעקט פאַר „געזעץ און אָרדנונג" איז שוין פון לאַנג אָן איבערגעגאַנגען אין פלייש און בלוט.

איין זאַך האָט זיך מיר באַזונדערס געוואָרפען אין די אויגען אין דער „אָלימפּיאַ". דאָס איז געווען דער מאַנגעל אין פּערזענליכקייט־געפיהל צווישען מיינע ליידענס־חברים. ס'האָט כמעט אויסגעקוקט, אַזוי ווי די געמיינשאַפטליכע צרות וואָלטען געשאַפען אַ מין מאַסען־כאַראַקטער, געגען וועלכען די אינדיווידואַליטעט פון'ם איינצעלנעם האָט זיך ניט געקאָנט אויפהויבען. עס זיינען געווען בלויז עטליכע

אויסנאַהמען, און די דאָזיגע האָבען אין די מעהרסטע פאַלען ניט געצויגען קיין צו גרויסע נוצען דערפון.

יעדער נייער געפאַנגענער, וואָס איז אָנגעקומען אין דער „אָלימ־פּיא", האָט באַלד געמאַכט די באַקאַנטשאַפט פון אַ מאַן, וועמען זיינע ליידענס־ברידער האָבען געהאַסט צום טויט. געהייסען האָט ער אייגענטליך ד..., ווי איך בין שפּעטער געוואָהר געוואָרען, אָבער אין דער „אָלימפּיא" האָט מען איהם געקענט בלויז אונטער'ן נאָמען „יודאַס". אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזען ערגעצוואו, האָט גלייך אָפּגעקלונגען דער געשריי „יודאס!", וועלכער האָט אָבער אויף איהם ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. האָט ער אויסגעפונען איי־נעם פון די שרייער, פלעגט ער איהם גלייך פאַר'מסר'ן צום סאַר־דזשענט מיידזשאַר, וועלכער האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער זינדיגער זאָל גלייך באַשטראָפט ווערן. יודאס האָט געהאַט אַ מין פּארטרויענס־שטעלע ביי דער מיליטערישער פארוואַלטונג פון'ם לאַ־גער. ער האָט אַרויסגעגעבען שטרויזעק און דעקעס, האָט געקאָכט קאַפע, וואָס ער פלעגט פאַרקויפען די געפאַנגענע פאַר צוויי פּענס אַ טאַס, און אַחוץ דעם האָט ער נאָך געהאַנדעלט מיט זייף, צאָהן־פּייסט, האַנדטיכער און אַנדערע זאַכען, וואָס ער פלעגט, לויט דער איינשטימיגער באַהויפּטונג פון מיינע מיטגעפאַנגענע, אָוועקלאַט־כענען פון די סקלאַדען פון'ם לאַגער. קיין באַווייזען פאַר דער דאָ־זיגער באַהויפּטונג האָט מיר פונדעסטוועגען קיינער ניט געקאָנט געבען. צווישען יודאַס און זיינע מיטגעפאַנגענע האָט געהערשט אַ ביטערער, אַ פאַרביסענער קריג. ער האָט זיכער ניט געהאַט קיין איינציגען פריינד אין לאַגער און איז כסדר געווען אָנגעוויזען אויף'ן שוץ פון די סאָלדאַטען. אַזוי ווי ער האָט ניט געקאָנט ערוואַרטען קיין שום גוטס פון זיינע מיטגעפאַנגענע, האָט ער זיך איינגעאָרדענט זיין געלעגער אין דעם ווינקעל פון די סיפיליטיקער, וואו ער האָט זיך געפיהלט אַם זיכערסטען. יודאַס איז געווען אַ גוט־געבויטער, שטאַטליכער מאַן. זיין בלאַסער פּנים איז געווען אַרומגעזוימט פון אַ געדיכטער, טיף־שוואַרצער באָרד, וועלכע האָט נאָך שטאַרקער און בולט'ער אַרויסגעבראַכט די פיינע בלאַסקייט פון

דער געזיכטס־הויט. מען וואָלט דעם דאָזיגען פּנים געקאַנט אָנרו־פען שען, ווען דער שטרענגער, שטעכענדער בליק פון די טונקעלע אויגען וואָלט איהם ניט געגעבען דעם אויסדרוק פון עפּעס אומהיימ־ליכעס, וואָס האָט זיך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט איהם גלייך איינגעגראָבען אין דער נשמה. יודאַס איז שוין געווען איינמאָל א מוסר. ער איז שטענדיג געווען גרייט אונטערצוטראָגען דעם סאַר־דזשענט מייִדזשאָר יעדע קליינינקייט און האָט מיט א מין סאַדיס־טישער באַפרידיגונג גענאָסען די באַשטראָפונג פון זיינע אָפּפער. אָט דער אומהיימליכער מענש איז געווען דאָס „בייזע אויג“ פון דער „אָלימפּיאַ“ און האָט כסדר געזוכט זיינע ליידענס־חברים שלעכטס צו טאָן. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט מיט איהם צו ריידען, דאָך האָב איך שטענדיג געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט דער מאַן איז ניט קיין דורכשניטס־מענש. זיין פינסטער, אומהיימליך וועזען האָט פיליכט פאַרבאָרגען אין זיך עפּעס א פּסי־כאָלאָגיש רעטעניש, וואָס וואָלט ווערט געווען צו דערפאָרשען.

יודאַס איז מיט א שטיקעל צייט פאַר דער מלחמה ערשינען אין לאָנדאָן אַלס הויפּט פון א רעליגיעזער סעקטע, דער „שוואַרצער קרייץ“, וואָס איז געשטאַנען זעהר פיינדליך צו דער אָפיציעלער דייטשלאַנד. ער פלעגט אָפט ריידען אין הייד פּאַרק, און שטענדיג אין דייטש, ווייל ער האָט ניט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. א דאָלמעטשער, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין זייט, פלעגט איבערזע־צען זיינע רעדעס אין ענגליש. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען א צייַ־טונג מיט׳ן נאָמען „דאָס שוואַרצע קרייץ“, וועלכע איז מיר פונ־דעסטוועגען קיינמאָל ניט געקומען פאַר די אויגען. א קורצע צייט איידער ער איז אַרעסטירט געוואָרן איז דער טרויעריג־באַרימטער „דזשאהן בול“ אַרויסגעקומען געגען איהם מיט שטאַרקע אַטאַקעס און האָט איהם באַשולדיגט אין שווינדעל. דער פּלוצליכער אַרעסט פון דעם באַשולדיגטען האָט געמאַכט א סוף צו דער גאַנצער גע־שיכטע. — יודאַס איז געווען איינער פון די וועניגע באַדייטענדע פערזענליכקייטען, וועלכע איך האָב באַגעגענט אין דער אָלימפּיאַ. דעם אַלגעמיינעם האַס פון זיינע מיטגעפאַנגענע האָט ער אַריבער־

געטראָגען מיט אַן איינפאַכער סטאָאישער רוה און האָט זיך ניט געלאָזט איינשרעקען אָדער אויף וואָס פאַר עס איז אופן באאיינ־פלוסען אין זיינע פינסטערע מעשים. איך האָב וועגען אָט דעם מענשען געוואוסט נאָר שלעכטס, און מיינע איבעריגע ליידענס־חברים איז עס געגאַנגען פונקט אַזוי ווי מיר; דאָך קאָן איך זיך ניט העלפען, און איך מוז ערקלערען, אַז דער מאַן איז פאַר מיר געבליבען אַ רעטעניש.

אין דער אָלימפּיאַ זיינען געווען זעקס אַלטע מענער, פון וועלכע דער אינגסטער איז אַלט געווען 63, דער עלטסטער 75 יאָהר. איך בין געווען אַביסעל איבעראַשט צו געפינען אָט די לייט דאָ, ווייל אויף דרויסען האָט מען בכלל אָנגענומען, אַז בלויז מענער אונטער 45 יאָהר זיינען אינטערנירט געוואָרן. איך האָב געזוכט זיך צו באַקענען מיט די אַלטע און בין געוואָהר געוואָרן זייער גאַנצע געשיכטע. די זעקס אַלטע זיינען פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר צייט געווען באַשעפטיגט ביי די שמעלץ־אויווענס אין סאָוטשילדס און האָבען דאָרט געלעבט מיט זייערע פאַמיליעס אַלס פליסיגע, ניכ־טערע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען באַליעבט און רעספּעקטירט פון זייערע ענגלישע שכנים. איינער פון זיי האָט זאָגאַר געהאַט אַ זוהן אין דער ענגלישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט אין פראַנק־רייך, בעת ווען זיין אַלטער פאָטער — אַ גרויזאַמע איראָניע פון׳ם שיקזאַל — האָט געמוזט שמאַכטען דאָ אין דעם דאָזיגען גיהנום אַלס קריגסגעפאַנגענער. אָט די אָרעמע מענשען זיינען נאָך די ערשטע פּאָר חדשים פון דער מלחמה אַרעסטירט און אַריבערגעפיהרט געוואָרן קיין לאָנדאָן. דער באַגאַבסטער פון זיי איז געווען דער אַלטער פיליפּ, אַ פּראַכטפולער אַלטיטשקער, מיט וועמען איך פלעג גערן פאַרברענגען. אַלס יונגער מאַן איז ער געשטאַנען נאָהנט צו דער אַלטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און פלעגט מיט אַ באַזונדערן חשק באַזוכען די פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע יאָהאַן מאָסט איז אויפגעטראָטען אַלס רעדנער. אין ענגלאַנד האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן דער טרייד יוניאָן באַוועגונג און איז געווען אין זיין דיסטריקט איינער פון די פּיאָנירען פון דער געווערקשאַפט־

ליבער אָרגאַניזאַציע, וואו ער האָט זעהר פיעל געלייסטעט פאַר די אינטערעסען פון זיינע ארבייטס־חברים. אומגעפעהר צעהן יאָהר איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען איז דער אַלטער מאַן פאַר־אומגליקט געוואָרן ביי זיין שווערער ארבייט ביים שמעלץ־אויווען. זיין לעבען איז געהאַנגען אויף א האָר. מען האָט איהם געראַטע־וועט פון טויט, אָבער ער איז געבליבען אַ קריפּעל, און די אונטער־נעמער האָבען איהם געגעבען א לייכטע שטעלע אלס נאכט־וועכטער. דער אַלטער פיליפּ איז געוועזען א פעסטער, אויפריכטיגער כאַראַקטער און אַ געשוואָרענער שונא פון'ם מיליטאַריזם. ער איז געוועזען איי־נער פון די געצעהלטע מענער אין גאַנצען לאַגער, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסען פון דער אַלגעמיינער שטימונג און זיך גע־האַלטען ביי זיין ניכטערן אורטייל. איך האָב דעם אַלטען ליעב גע־קראָגען, און ער האָט זיך פאַרטרויט און געעפענט זיין גאַנץ האַרץ פאַר מיר. מיר האָבען זיךביידע געפיהלט פאַרבונדען ווי חברים אין אָט דעם טרויעריגען פּלאַץ פון וואַנזין און פון מענשליכער ערני־דעריגונג.

א היבשע צייט איז פאַרביי, איידער איך האָב זיך ענטשלאָסען ווידער אמאָל צו נעמען אַ בוך אין דער האַנד; אָבער עס איז מיר ניט מעגליך געוועזען צו קאָנצענטרירען מיינע געדאַנקען. כ'האָב גע־פּרואווט זיך צווינגען מיט געוואַלט דערצו, ווען איך בין פּלוצלינג איבערגעשלאָגען געוואָרן דורך קולות און געשרייען. כ'האָב אויפ־געהויבען די אויגען און געזעהן, ווי צוויי סאָלדאַטען אין דעם דער־בייאיגען קעמפּ זיינען געקומען נעמען א געוויסען ס...ד, וועמען זיי האָבען געוואָלט צווינגען צו האַקען שטיינער. אזאַ פאַרזוך פלעגט פון די געפאַנגענע שטענדיג באַגריסט ווערן מיט א הויכען געשריי און געלעכטער, וואָרים אָט דער ס. איז אַזוי צו זאָגען געוועזען אַ קאַפּיטעל פאַר זיך. ער איז געוועזען א דייטשער איד, געבוירען אין האַמבורג, אָבער ער האָט שוין געמוזט זיין זינט לאַנגע יאָהרען אין ענגלאַנד, וואָרים ס'איז איהם געוועזען זעהר שווער זיך אויסצודריקען אין דייטש און ער האָט כמעט אויסשליסליך גערעדט ענגליש. ס. האָט געהאַט אַ שלאַנקע, הויכע פיגור; אויף זיין אויסגעפּרעגטען,

גלאַט־ראַזירטען געזיכט זיינען געווען דייטליך צו דערקענען די איי־
גענאַרטיגע צייכענס פון זיין ראַסע, און די קיהלע פּרעכהייט, וועלכע
האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זיינע אויגען, האָט זיין גאַנצען אויס־
זעהן געגעבען אַ מעקווירדיג כאַראַקטעריסטישען שטעמפּעל. איך
האָב זיך קיינמאָל פאַר דעם ניט צוזאַמענגעטראָפען מיט קיין מענ־
שען, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ אומערהערטע און אומפאַר־
גלייכליכע חוצפּה ווי אָט דער מאָדנער בחור. זיין פרעכהייט איז
געווען אומצושטערבאַר, איינפאַך קלאַסיש. מיט דער גרעסטער
אומפאַרשעמטקייט פלעגט ער זיך מישען אין אַלע זאַכען, וועלכע
זיינען איהם גאַרנישט אָנגעגאַנגען. די פאָלגע דערפון איז שטענדיג
געווען, אַז מען פלעגט איהם פאַרוואַרפען מיט די ערגסטע גראָבקיי־
טען און ניט זעלטען איהם פּאַריאַגען מיט קלעפּ און מיט שטויסע־
רייען. אָבער דאָס האָט ניט געמאַכט אויף איהם קיין שום איינ־
דרוק. אָן דער מורא׳דיגער אומפאַרשעמטקייט פון דעם דאָזיגען
מענשען פלעגט אַלצדינג צוריק אָפּשפּרינגען, ווי ער וואָלט געווען
פון שטאָהל געמאַכט. איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגענטימ־
ליכקייטען ביי ס. איז געווען זיין שטימע. זי האָט מיך שטענדיג
דערמאָנט אָן דעם קלעגליכען טאָן פון די אַזויגערופענע צעהן פעניג־
דיגע טרומייטערס, וועלכע מען פלעגט אין מיין יוגענד פאַרקויפען
אויף אַלע יאַרידען. ס׳איז געווען אַזאַ אומגליקליך, אָבער אין דער־
זעלבער צייט אַזאַ דורכדרינגענד שטימעלע, אַז עס האָט דירעקט
געמוזט ווירקען אויף די לאַך־מוסקלען פון די צוהערער, איבערהויפּט
ווען ער האָט געשימפּט און געליאַרעמט, וואָס עס פלעגט ביי איהם
פאַרקומען וועניגסטענס איין מאָל אין יעדער שטונדע.

כדי זיין לאַגע בעסער צו מאַכען, פלעגט ער דערצעהלען די
סאָלדאַטען, אַז ער האָט מיט די „פאַרדאַמטע דייטשען" איבער־
הויפּט גאַרנישט וואָס צו טאָן און אַז ער איז בלויז דורך אַ טעות
אַריינגעפאַלען אַהער. אָן אומשטאַנד וואָס האָט איהם, פאַרשטעהט
זיך, ניט געקאָנט מאַכען באַליעבט ביי די געפאַנגענע. ווען אימי־
צער האָט געוואַגט איהם דערפאַר אויסצוריידען, האָט יענער באַלד
געמוזט מאַכען די אומאַנגענעמע באַקאַנטשאַפט מיט ס.׳ס שימפּ־

לעקסיקאָן, און דער שפּראַך־אוצר פון אָט דעם לעקסיקאָן איז ניט געווען קיין קלײנער. — „יו ב—די... דזשווירמען! יו דוירטי דאָג! יו סאָן אוו א ביטש!" דאָס איז געוועגליך געווען די הקדמה. דער־נאָך פלעגען קומען די קלאַסישע שטאַרקע אויסדרוקען, וועלכע מען קאָן זאָגאר ניט דערמאָנען. ווען איינער פון די וואָס זיינען טראַק־טירט געוואָרן מיט אָט די ליעבליכע נעמען, האָט איהם געוואָלט דערלאַנגען אין באָק, האָט זיך ס. ניט געפּרואווט אפילו פאַרטיידי־גען, נאָר ער פלעגט אָנהויבען אַזוי מורא'דיג צו שרייען, אז עס פלעגען זיך צוזאַמענלויפען סאָלדאַטען פון אַלע זייטען, און זיין אָנגרייפער האָט געמוזט שנעל פאַרשווינדען. אַזוי גיך ווי דאָס איז געשעהן, פלעגט ער גלייך ווידער אָנהויבען צו שימפען, און די ווערטער פלעגען איהם אַזוי געשיקט און אַזוי מורא'דיג קונציג ארויסדרונערן פון מויל, אז דער אָטעם פלעגט שיער ניט פאַרכאַפּט ווערן, ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו איהם.

עס פלעגט יעדעס מאָל זיין אַן אמת'ע טעאַטער־פאָרשטעלונג, ווען די סאָלדאַטען פלעגען קומען נעמען ס.'ן צו דער ארבייט. על־טערע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען איהם שוין געקענט, פלעגען איהם איבערהויפּט אויסמיידען, און זיי האָבען זיך שטילערהייט אין זיך געפּרעהט, ווען עמליכע פון זייערע ניי־אָנגעקומענע חברים, וואָס זיינען נאָך ניט געווען באקאַנט מיט די פּארהעלטעגישען פון'ם לאַגער, פלעגען זיך נעמען מאַכען א נייעם עקספּערימענט מיט אָט דעם שרעקליכען בחור. קודם כל פלעגט ס. געוועגליך ערקלערן, אַז ער איז קראַנק און דער דאָקטאָר האָט איהם שטרענג פאַרבאָטען צו אַרבייטען. אויף די סאָלדאַטען פלעגט אָט די טענה, פאַרשטעהט זיך, ניט מאַכען קיין שום איינדרוק. זיי פלעגען דעם חברה־מאַן איינפאַך אננעמען ביים קאָלנער און זוכען איהם אַנצוטרייבען פאַר־ווערטס. דאָ פלעגט קומען דער טראַגישער מאָמענט. ס. פלעגט פּלוצלינג אויפהויבען אַזאַ מערדערישען וועה־געשריי, אז די סאָל־דאַטען פלעגען זיך דערשרעקען און איהם אָפּלאָזען. דערנאָך פלעגט ער געוועגליך פאַלען אין חלשות, און אז דאָס האָט אויך ניט גע־האָלפען, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט געהן.

ס׳רעדט זיך אזוי „געהן״, קריכען וואָלט מען געדאַרפט זאָגען. ער איז געקראָכען, געקראָכען ווי א טשערעפּאַכע. קיינער פון זיינע טריט איז ניט געווען מעהר ווי א סענטימעטער לאַנג, און ס׳האָט גע־נומען וועניגסטענס א פערטעל שעה ביז ס. און זיינע צוויי באגליי־טער זיינען צוגעקומען צו דעם הויפען שטיינער. אצונד פלעגט זיך די קאָמעדיע אָנפאַנגען פון דאָס ניי. אָדער ס. פלעגט זיך גלייך ביים ערשטען האַמער־שלאָג געבען אזא שטאַרקען זעץ אין פוס, אז ער האָט אויסגעבראָכען אין א יאָמערליכען געשריי און געמוזט אָפּ־געפיהרט ווערן צום דאָקטאָר, אָדער ער פלעגט די האַרטע שטיינער באהאַנדלען מיט אזא מאָדנער צאַרטקייט און איידעלקייט, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען רויהע אייער. זיינע האַמער־קלעפּ וואָלטען אפילו אויף פרישע פּוטער קיין איינדרוק ניט געמאַכט.

נאָך שענער, אמת אויך קאָסטבאַרער, פלעגט עס זיין, ווען ס. פלעגט מיט געוואָלט אַפּגעפיהרט ווערן אין קיך, כדי דאָרט צו וואַ־שען געשיר. אזוי ווי פרייוויליג האָט ער קיינמאָל מיט קיין פינגער קיין ריהר ניט געטאָן, האָט שטענדיג געמוזט שטעהן א סאָלדאַט ביי דער זייט און איהם אָנטרייבען. נו, פלעגט זיך מאַכען, בעת ער האָט געדאַרפט אויף זיין מורא׳דיג לאַנגזאַמען שטייגער אריבער־טראָגען א הויכען הויפען מיט טעלער פון איין טיש צום אַנדערן, אז דער גאַנצער הויפען האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבען טרייסלען און איז אין איין נו געלעגען צושמעטערט אין טויזענד שערבלאַך אויף דער ערד. אָבער ס. פלעגט זיך מאַכען א קנאַפּען צימעס דער־פון. ער פלעגט זיך מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט אומדרע־הען צו זיין וועכטער און זאָגען: „ס׳איז אייער שולד, האָט איהר מיר ניט געזאָלט א שטופּ טאָן״.

ס. איז מינדעסטענס צעהן מאָל באשטראָפט געוואָרן, אָבער קיין שטראָף, ווי טיף־פאַרלעצענדיג זי איז ניט געווען, האָט ניט געקאָנט ברעכען זיין עקשנות. ס׳איז געווען אוממעגליך אָט דעם מענשען צו ליעבען, אָבער זיין אייזערנע קאָנסעקווענץ איז געווען איינפאַך אימפּאָנירענד און האָט געמוזט ארויסרופען רעספּעקט ביי יעדען איינעם. צולעצט האָט זיך ניט געפונען קיין איין סאָלדאַט וואָס

זאָל זיך אונטערנעמען צו פיהרען ס.׳ן צו דער ארבייט. ער איז געבליבען אלס זיגער אויף׳ן קאמפּ־פּלאַץ און האָט זיך אויסגעלאכט פון זיינע געגנער, ווי אזוי און וואו ער האָט נאָר געקאָנט.

אין „אָלימפּיאַ“ איז אַלצדינג געווען פארבאָטען, דאָך פאַר געלד האָט מען געקאָנט האָבען וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב ערגעצוואו געלייענט, אז אין אַלטען רוסלאנד האָט עקזיסטירט דער דעספּאָטיזם, געמילדערט דורך כאַבאַר. אין דער אָלימפּיאַ איז דאָס פּאַקטיש געווען דער פאַל. יעדער סאָלדאַט האָט גענומען כאַבאַר, פון דעם סאַרדזשענט מיידזשאָר ביז׳ן יונגסטען „טעריטאָריעל“. עס זיינען געווען פארשידענע טאַקסען, וועלכע זיינען שטרענג אָנגעהאַלטען געוואָרן. ארויסשמוגלען א בריעף פון׳ם לאַגער, הינטער׳ן רוקען פון׳ם צענזאָר, האָט צוערשט געקאָסט א שילינג; שפּעטער איז די טאַקסע אראָפּגעפאַלען אויף פיער פּענס. צייטונגען זיינען פריהער באצאָהלט געוואָרן א האַלבע קרוין (2 מיט א האַלבען שילינג) פער שטיק; שפּעטער פלעגט מען קריגען די „טיימס“ פאַר זעקס פּענס, אלע איבעריגע צייטונגען פאַר דריי און פיער פּענס אַ שטיק. פריהער פלעגט מען די צייטונגען לעזען בגנבה, קיינער זאָל ניט זעהן, שפּעטער האָט מען אוועקגעלייגט אָן א זייט אַלע פאָרזיכטס־מיטלען און געלייענט די צייטונגען גאַנץ אָפען אין אָנוועזענהייט פון די סאָלדאַטען, און די בלעטער פלעגען ערשט דאַן פארשווינדען, ווען אַן אָפיציר האָט זיך באַוויזען. אין דעם דאָזיגען פאַל פלעגען עס די סאָלדאַטען אליין אָנזאָגען די געפאַנגענע, כדי זיי זאָלען ניט אריינפאַלען אין א צרה.

„שאַנס־שפּיעלען“, דאָס הייסט אַזעלכע שפּיעלען וואָס זיינען אָפּהענגיג פון גליק אָדער מזל, זיינען אין ענגלאַנד שטרענג פאַרוועהרט, אין דער אָלימפּיאַ זיינען זיי געווען דאָפּעלט שטרענג פאַרבאָטען. אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט דאָ געבליהט איין שפּיעל־ווינקעל נעבען דעם אַנדערן. אין געוויסע שפּיעל־ווינקלען איז איבערהויפּט קיין קופּער־געלד ניט אָנגענומען געוואָרן; מען האָט ידאָרט געשפּילט בלויז אויף גאָלד און זילבער. איך האָב געקענט

יונגע לייט, וועלכע האָבען אין איין אָוועגט פארשפילט אַלץ וואָס זיי האָבען געהאט אָפגעשפּאָרט. כ'האָב געזעהן א יונגען מאן וואָס האָט אין איין וואָך פארשפּיעלט זיבעציג פונט סטערלינג. דערנאָך האָט ער פארקויפט אַלצדינג וואָס ער האָט פארמאָגט, אַנצוגען, וועש א. א. וו., און דאָס גאַנצע געלד געבראַכט אַלס קרבן צום שפּיעל-טייוועל. די געמבלעריי איז אַנגעגאַנגען גאַנץ עפענטליך. סאָלדאַטען מיט אויפגעשטעלטע באַיאָנעטען פלעגען שטעהן ארום דעם שפּיעל-פּלאַץ און האַלטען וואַך. אזוי גיך ווי עס האָט זיך געוויזען א געפאַר, האָט מען געקאָנט הערען א געשריי „דיקע לופט!“, און אַלעס איז פארשוואונדען מיט צויבערליכער שנעלקייט. די סאָלדאַטען אליין פלעגען געבען דעם געשריי; ס'איז געווען דאָס גאַנצע ביסעל דייטש וואָס זיי האָבען זיך אויסגעלערענט. פארשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע ארבייט איז ניט געטאָן געוואָרן אומזיסט. די סאָלדאַטען אויף דער וואָך זיינען געשטאַנען דירעקט אין דיענסט פון די וואָס האָבען אראַנזשירט די שפּיעלען, און זיי האָבען געקראָגען פון זיי א פעסטען געהאַלט. איך האָב זאָגאר געזעהן, ווי סאָלדאַטען אליין האָבען זיך באַטייליגט אין שפּיעל.

אין פארלויף פון די לעצטע טעג וואָס איך האָב פארבראַכט אין דער אָלימפּיאַ האָב איך געהאט די געלעגענהייט אַנצוקוקען די גאַלעריע פון דעם גרויסען פערד-הויז, וואו מען פלעגט אין דער ערשטער צייט האַלטען די געפאַנגענע. ווען מיר זיינען פארבייגעגאַנגען פארביי א געוויסען פּלאַץ, האָט מיר קאַרל אויפמערקזאם געמאַכט אויף א קליינעם לאָך אין דער פּאָדלאָגע און דאַן אויף א צווייטען לאָך אין דער גלעזערנער סטעליע. מען האָט געקאָנט זעהן גאַנץ דייטליך, אַז ביידע לעכער זיינען געקומען דורך א שאָס. קאַרל האָט מיר דאַן דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, וועלכע ער האָט אליין בייגעוואוינט. איין נאַכט, ווען די געפאַנגענע זיינען געשמאַק געשלאָפען, האָט פּלוצלינג אָפגעקלונגען א שאָס. באַלד נאָכדעם האָט מען געהערט א האַרצרייסענדען וועה-געשריי, און איינער פון די געפאַנגענע האָט זיך ארומגעקאַטשעט אין זיין בלוט. אזוי ווי ביינאַכט האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט קריגען קיין דאָקטאָר, האָט

זיך דער אומגליקליכער, ווען מען די קויל איז אריין אין קניע, געמוזט באַנוגענען מיט אַ באַנדאַזש, ביז מען האָט איהם אין דערפּריה געקאָנט אוועקטראַגען אין אַ שפּיטאָל. די זאַך האָט זיך שפּעטער אויפגעקלערט אויף פאָלגענדען אופן: די גרויסע מעהרהייט פון די סאָלדאַטען, וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט צו באַוואַכען די געפאַנגענע, זיינען געווען יונגינקע בחורים׳לעך, וועמעס געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט איז געווען ווייט פון פאָלקאָמען, ווי מען האָט עס ביי מענשען פון זייער עלטער גאָר אנדערש ניט געקאָנט ערוואַרטען. די מעהרסטע פון אָט די יונגע לייט האָבען איבערהויפּט ניט געוואוסט, ווי אזוי אומצוגעהן מיט אַ ביקס, און אין דער ערשטער צייט, ווען די „אייריש גאַרד“ איז פאַרביטען געוואָרען פון די אזוי־גערופענע „טעריטאָריעלס“, האָט אָפט פּאַסירט, אַז אַ ביקס פלעגט פּלוצלינג אויסשיסען און די קויל פלעגט ערגעצוואו פאַרבלאָנדזשען. אין דעם אויבענדערמאָנטען פאַל האָט אַ סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, זיך געפּאָרעט מיט זיין ביקס, ביז עס האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסען און עס האָט געפעהלט אַ האָר אַז אַן ארעמער טייוועל זאָל אריבערגעשיקט ווערן אויף יענער וועלט.

איך האָב שוין פריהער באַמערקט, אַז די איינוואוינער פון קעמפּ 12 האָבען גענאָסען גרעסערע פרייהייטען און געוויסע פּריווילעגיעס, וועלכע די איבעריגע מיטגלידער פון׳ם לאַגער האָבען ניט געהאַט. איך האָב שוין לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט מיין אייגענע מיינונג איבער אָט דעם מאָדנעם פאַקט, אָבער איך האָב פאָרלויפיג געשוויגען, כדי די זאַך גרינדליך צו דערגעהן. די אויפקלערונג פון׳ם רעטעניש האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך. איין טאָג איז צוגעקומען צו מיר איינער פון מיינע מיטגעפאַנגענע, וועלכער האָט פיגורירט אלס פאָרשטעהער פון אונזער קעמפּ, און האָט מיך געפרעגט, צי איך וואָלט געקאָנט ספּענדען אַ שילינג. כ׳האָב איהם געפרעגט, אויף וואָס פאַר אַ צוועק, און איך האָב באַקומען דעם טרוקענעם ענטפער: „פאַר דעם סאַרדזשענט מיידזשאָר“. ווען איך האָב נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַגרייפען וואָס דאָס מיינט, איז איינער פון מיינע בעט־שכנים, אַ געוויסער א., געקומען דעם „קעפּטען“ צו הילף און האָט

מיר ערקלערט, אַז די פּריווילעגיעס וואָס מיר געניסען אין דעם קעמפּ מוזען געקויפט ווערן דורך רעגעלמעסיגע זאַמלונגען פאַר דעם סאַרדזשענט מיידזשאָר. איך האָב איהם דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך האָב זיך ניט „איינגעקויפט” אין קעמפּ 12, נאָר אַז דער קאָמאַנדיר האָט מיר אָהן מיין מיטווירקונג אַנגעוויזען דאָ אַ פּלאַץ. ווייטער האָב איך איהם גאַנץ דייטליך ארויסגעזאָגט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט געבען קיין פּעני פאַר אַ פאַרדאָרבענעם קאָרומפּירטען און ווילדען חברה־מאַן, דערפאַר אָבער בין איך גערן בּאַרייט בייצושטייערן מיין קליינעם טייל צו אַ זאַמלונג פאַר די אָרעמע מאַטראָזען אין קעמפּ 10, וועלכע האָבען געמוזט ארומגעהן האַלב נאַקעט, ווייל מען האָט זיי איינפאַך, ווי זיי זיינען געשטאַנען און געגאַנגען, ארונטערגענומען פון די שיפען. הערר א. האָט געמאַכט נאָך עטליכע אומפּרוכטבאָרע פאַרזוכען און איז געווען גאַנץ בייז, ווען ער האָט ענדליך געמוזט אָוועקגעהן פון מיר מיט גאָרנישט.

אָט דער הערר א. איז איבערהויפּט געווען אַ קאָמיש מענשעלע. ער איז געווען אַ גאַנצער קאָכלעפעל, דער „כל־בו׳ניק” אין לאַגער, און ער האָט ניט געקאָנט זיין צופרידען מיט זיין לעבען, ווען ער האָט זיך ניט געפיהלט אַלס צענטראַלפּונקט פון וואָס פאַר עס איז אונטערנעמונג. דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד איז ער געווען באַשעפטיגט און באַלאַדען מיט אַ מאַסע קלייניגקייטען, וועלכע האָבען איהם קיינמאָל קיין רוה ניט געגעבען. אַזוי ווי ער האָט זעהר גוט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך, איז ער געווען אימשטאַנד צו טאָן זיינע געפאַנגענע אַלערליי טובות, שרייבענדיג פאַר זיי די פאַרשידענסטע ביטעס און פּעטיציעס. און ער איז שטענדיג געווען גרייט צו העלפען, ווען אימיצער האָט נאָר געפרעגט ביי איהם אַן עצה. בלויז אין איין פּונקט איז ער געווען זעהר עמפּינדליך: ער האָט פּשוט געציטערט פאַר קאָנקורענטען, וועלכע קאָנען נאָך, ווי ער האָט זיך איינגעבילדעט, צונעמען ביי איהם דעם כבוד; און עס איז געווען קאָמיש צו זעהן ווי דער אָרעמער מענש פּלעגט זיך דאָס ערגערן איבער יעדער קלייניגקייט.

א. איז געווען אַ פֿייערדיגער דייטשער פּאַטריאָט און האָט געהאַסט די ענגלענדער אויס פּרינציפּ. צו דעם דאָזיגען האָס האָט יעדענפֿאַלס ניט וועניג געמוזט בייטראָגען דאָס וואָס דער סאַרדזשענט מיידזשאָר האָט איהם, גלייך ביי זיין אָנקומען אין דער אַלימפּיאַ, אויף זיין ווילדסטען שטייגער דערלאַנגט מיט דער פויסט אין געזיכט און האָט איהם דערביי צובראָכען די ברילען. זיין פּאַטריאָטיזם איז צייטענווייז געווען אַזוי געקינצעלט און אומפּאַרגלייכליך איבערטריבען, אַז ער האָט געמוזט ווירקען קאָמיש. אַזוי פּלעגט ער ביי יעדער געלעגענהייט ציטירען דעם קייזער, ביסמאַרק'ן און מאָלטקע'ן און אַנדערע געצקעס פֿון דעם אָפּיציעלען דייטשטום; דערביי האָט איהם ניט אָנגעהויבען אַרען, צי זיינע ציטאַטען זיינען געווען אַם פּלאַץ אָדער ניט. ס'איז איהם אין דער באַציהונג געגאַנגען ווי דעם בראַווען סאַנטשאָ פּאַנסאַ מיט זיינע שפּריכווערטער, וועלכע פּלעגען דעם בעל הבית זיינעם אָפט ברענגען צו פאַרצווייפלונג. איך פּלעג זיך יעדעס מאָל שטאַרק אַמוזירען, ווען ער פּלעגט זיך צוקאָכען. הגם ער אַליין איז געווען אַ איד, האָט ער אין לאַגער געשפּיעלט די ראָלע פֿון אַן אַנטיסעמיט, אַזוי אַז עס איז מיר אָפט שווער געווען זיך צוריקצוהאַלטען פֿון געלעכטער. אַזוי ווי איך האָב פֿון'ם ערשטען טאָג אָן ניט באַהאַלטען זיך מיט מיינע מיינונגען און אידעען, האָט ער געוואוסט גאַנץ גענוי, וואו עס האַלט מיט מיר. איין טאָג האָט ער אנגעפאַנגען מיט מיר אַ געשפּרעך און געזאָגט: „ווייסט איהר, הערר ראָקער, ביז דעם 2טען אויגוסט בין איך אויך געווען אַ סאָציאַליסט; אָבער דעם 3טען אויגוסט בין איך געוואָרן אַ פּאַטריאָט!“ אָט די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ פּאַטהאָס, אַז איך האָב זיך געמוזט צולאַכען אויף'ן קול. דערביי האָט דער אָרעמער קערל ניט געהאַט קיין אהנונג וואָס סאָציאַליזם איז אַזוינס און האָט אפילו ניט געוואוסט די באַדייטונג פֿון'ם וואָרט. וואָס האָט דעם קאָמישען רייץ פֿון דער סיטואַציע נאָך קאָמישער געמאַכט.

איין טאָג איז א. מיט טרעהרען אין די אויגען אריינגעפאַלען אין לאַגער, וואו עטליכע פֿון מיינע ליידענס־חברים האָבען גראַד

פאַרבראַכט די צייט, זינגענדיג דייטשע פאָלקס־ליעדער. מיט א ריהרענדער, פון שטאַרקען שלוכצען איבערגעריסענער שטימע האָט ער זיי געבעטען צו זיין רוהיג. — „מיינע העררען, שווייגט שטיל, אוס גאָטעס ווילען, שווייגט שטיל", האָט ער געיאָמערט. „כ'האָב נאָר וואָס פון א גאַנץ זיכערן קוואַל זיך דערוואוסט, אז אונזער קייזער איז געשטאָרבען." די פּאַטעטישע באַנעמונג פון דעם אָרעמען טייוועל האָט געמאַכט אזא קאָמישען איינדרוק, אז איך האָב זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון א שמייכעל. א. האָט דאָס אודאי געמוזט באַמערקען, וואָרים ער האָט זיך געווענדט צו מיר מיט די ווערטער: „פאַר אייך, העדר ראָקער, איז דאָס, פאַרשטעהט זיך, ניט קיין פאַרלוסט." — די גאַנצע געשיכטע איז נאַטירליך געווען א בלאָף, וואָס אימיצער האָט איהם דערצעהלט, וואָרים ער איז געווען איינער פון די לייכט־גלויביגסטע מענשען וואָס מען האָט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלען, אָבער דערביי אן אומשעדליכער, גוטמוטיגער בחור.

דעם 12טען דעצעמבער האָט זיך אין לאַגער אָפּגעשפּיעלט א זעהר אינטערעסאנטע סצענע. א נייער געפאַנגענער איז אָפּגעליפערט געוואָרן אין דער אָלימפּיא און ער האָט געזאָלט קריגען א פּלאַץ אין קעמפּ 12.. ווען א סאָלדאַט האָט איהם אריינגעבראכט, האָט איהם א יונגער האָטעל־דיענער דערקענט אלס איינעם פון די טרויעריג־באַריהמטע און געפעהרליכסטע „שטעלען־פאַרמיטלער" אין לאָנדאָנער וועסט־ענד, וועלכער פלעגט מיט דער מורא'דיגסטער ברוטאַליטעט עקספּלואַטירען זיינע אומצעהליגע אָפּפער און ארויסצאַפּען ביי זיי ביז דער לעצטער פּעני. דער יונגער מאַן, וועלכער האָט איהם איצט אַרונטערגעריסען די מאַסקע פון פּנים, האָט דורך איהם פאַר א גרויסע סומע געלד געהאט געקריגען א „גוטע שטעלע" אין פראַנקרייך. אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אהין און געוואָלט אַננעהמען די שטעלע, האָט ער צו זיין גרויסען שרעק דערזעהן, אז מען האָט איהם גאָר פאַרשאַכערט צו דעם פראַנצויזישען „פרעמדען־לעגיאָן". בלויז מיט גרויסע שוועריגקייטען איז עס איהם געלונגען ניט אריינצופאַלען אין נעץ און צוריקצוקומען קיין ענגלאַנד.

דער זעעלען־פּאַרקויפער איז אין אָנפאַנג נאָך געווען אומפאַר־שעמט, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג געפונען אונטער אַזאַ קלאַגע; נאָר ווען ער האָט באַמערקט, אַז נאָך אַנדערע פון זיינע אָפּפער זיי־נען געגען איהם אויפגעטראָטען, האָט ער אויסגעדרעהט דעם דישעל און זיך גענומען פאַרענטפערן, אָפּגעבענדיג א געדרעהטע ערקלע־רונג, וועלכע האָט אָבער קיינעם, ווייזט אויס, ניט איבערציינט. ער האָט אַלזאָ ענדליך געמוזט פאַרלאָזען דעם קעמפּ 12, ווייל קיי־נער האָט ניט געוואָלט זיין מיט איהם אונטער איין דאַך. ער האָט געפּרואווט זיין מזל אין די איבעריגע קעמפּס, אבער איבעראַל האָט ער באַגעגענט עטליכע פון זיינע געוועזענע אָפּפער, אזוי אַז ער איז מיט שפּאָט און שאַנד פאַרטריבען געוואָרען פון דאָרט. סוף כל סוף איז מען געווען געצוואונגען איהם איינעם אליין איינצוקוואר־טירען אויף דער ריעזיגער גאַלעריע. ער האָט געבעטען רחמים און זיך זאָגאַר ערקלערט גרייט צוריקצוצאָהלען די באַשווינדעלטע זייער געלד, מיט דעם באַדינג נאַטירליך, אַז מען זאָל איהם ערלויבען צו האָבען א פּלאַץ אין לאַגער, אָבער קיין שום זאַך איז ניט אימשטאַנד געווען צו מילדערן די מורא׳דיגע ערביטערונג פון די מענשען געגען איהם. אזוי האָט ער ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט זיך מאַכען זיין קוואַרטיר אויבען אויף דער גאַלעריע, כדי ניט געלינטשט צו ווערן.

אין צוויי טעג ארום איז עס געקומען צו אן אַנדער מין אויפ־רעגענדען אינצידענט, וואָס האָט נאָך א האָר געקאָנט פיהרען צו א קאַטאַסטראָפע. א מאַן פון אונזער קעמפּ, א געוויסער אַבראַמזאָהן, וועלכער איז אונז אַלעמען געווען באַקאַנט אַלס א זעהר רוהיגער און באַשיידענער מענש, האָט געקריגען אַן אָנווייזונג פון דער פּאָסט־פאַרוואַלטונג פון׳ם לאַגער צו קומען אין פּאָר־הויז, וואו עס געפינט זיך פאר איהם א פּעקעל. ווען ער האָט זיך אַלזאָ געלאָזט אַרויס־געהן פון קעמפּ צום פּאָר־הויז, איז איהם פּלוצלינג אנטקעגען געקו־מען א בלוט־יונגער לייטענאַנט און האָט איהם אין א גראָבען און פּראָוואָצירענדען טאָן געפרעגט, וואוהין ער געהט. אַבראַמזאָהן האָט איהם רוהיג ערקלערט וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט און האָט

איהם געוויזען די פּאַקעט־אַנווייזונג וואָס ער האָט ערהאַלטען. אָבער דער אָפיציר, וועלכער האָט אויסגעזעהן צו זיין אביסעל שכור'לעך, האָט איהם פּאַרוואָרפען מיט גראָבע שימפּ־ווערטער און איהם גע־הייסען צוריקגעהן. אבראַמזאָהן, וועלכער איז געבליבען ווי גע־פּלעפט, האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר צוטומלטקייט. דאָ האָט דער ווילדער פּייגלינג אַרויסגעצויגען א רעוואָלווער, געציעלט אויף דעם שוצלאָזען מאַן און געשריען ווי א משוגענער: „איף יו דאָנ'ט גאָ בעלאָו דהי ראָופּ, איי'ל שוט יו לייק ע דאָג!" (אויב איהר געהט ניט גלייך אונטער'ן שטריק, וועל איך אייך דערשיסען ווי א הונט.)

איך וויים ניט, וואָס איך וואָלט אין דעם פּאַל געטאָן. אבראַמ־זאָהן אָבער האָט זיך רוהיג צוריקגעצויגען, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. אָבער אָט די ברוטאַלע פּראָוואָקאַציע פאַר די אויגען פון'ם גאַנצען לאַגער איז דאָך געווען צו הימעלשרייענד, אז זי זאָל קאָנען רוהיג דערטראָגען ווערן. די געפאַנגענע האָבען פּלוצלינג אויסגע־בראָכען אין א ווילדען געשריי, און דער קלעגליכער טיפּ פון אן אָפיציר האָט פאַרשטאַנען, אז עס איז בעסער פאַר איהם זיך אָפּ־צוטראָגען וואָס שנעלער. גלייך נאָכדעם האָט מען א קלאַפּ געטאָן טרעוואָגע, און אן אָפּטיילונג סאָלדאַטען האָט זיך באַוויזען אין הינטערגרונד, גרייט צו שיסען. אין עטליכע מינוט אַרום איז אויך ערשינען דער קאָמאַנדיר אליין, וועמען מען האָט גאַר אָהן א שום ספק איבערגעגעבען די געשיכטע אין א גאַנץ אנדערן נוסח. ער איז רוהיג דורכגעגאַנגען דורך די רייהען פון די געפאַנגענע און זיין ער־שיינונג האָט איינעשטילט די אויפגערעגטע געמיטער.

אָט דער אינצידענט האָט מיר ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן די בלוטיגע געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך א קורצע צייט פאַר דעם אָפּגעשפּיעלט אין'ם לאַגער פון די ציוויל־געפאַנגענע אויף דער „איי־אָף־מען". פינף אָדער זעקס מענער האָבען דערביי פאַרלאָ־רען זייער לעבען. די פאַרהאַנדלונגען זיינען פאָרגעקומען אין גע־היים, און די צייטונגען האָבען געבראַכט בלויז איינגע גאַרנישט־זאָגענדע קאָמענטאַרען, וועלכע האָבען נאַטירליך געזוכט צו באַשי־

צען די מיליטער־באַאמטע. איך פּערזענליך בין איבערצייגט, אז אויך אין דעם דאָזיגען פאַל האָט געמוזט ליגען וואָס פאַר עס איז אומערהערטע פּראָוואָקאַציע, וואָרים מיינע ערפאַרונגען אין דער אַלימפּיאַ האָבען מיר מעהר ווי איין מאָל באַוויזען, ווי אומגלויבליך פּאַסיוו און געדולדיג געשטימט עס איז געוועזען די מעהרצאָהל פון מיינע ליידענס־חברים. איך האָב אָפטמאָל געקריצט מיט די צייהנער, ווען איך האָב געמוזט צוזעהן, מיט וואָס פאַר אַן עזעלשער געדולד זיי האָבען אַלעס אריבערגעטראָגען, אָהן דעם אַז זיי זאָלען זיך קאָנען אויפהויבען צו אַן ענערגישען פּראָטעסט. איך בין פעסט איבערצייגט, אַז פראַנצויזען, איטאַליענער און אויך ענגלענדער וואָלטען קיינמאָל ניט רוהיג אריבערגעטראָגען אזאַ באַהאַנדלונג ווי מען האָט געגעבען די דייטשע ציוויל־געפאַנגענע אין דער אַלימפּיאַ, און אַז עס וואָלט אין דעם דאָזיגען פאַל געוויס געקומען צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד. אַז דאָס האָט ניט פּאַסירט ביי מיינע לאַנדסלייט, איז אין מיינע אויגען ניט קיין כבוד פאַר זיי; אדרבה, איך האָב געפיהלט, אַז דאָס איז אַ דירעקטע פּראָסטיטואירונג פון זייער מענשליכער ווירדע.

דער אינצידענט, וועגען וועלכען איך האָב דאָ מיטגעטיילט, איז איבעריגענס געוועזען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טרויעריגען צושטאַנד, אין וועלכען מיר האָבען זיך דאַמאָלס געפונען. אַ קראַנקהאַפטער בחור, וועלכער האָט זיך אָנגעלייענט אַ פולען קאָפּ מיט מעשיות אין „דזשאהן בול“ און אנדערע עהנליכע בלעטער, האָט משמעות געוואָלט זיך קיהלען דאָס הארץ אָן די שוצלאָזע געפאַנגענע און ער האָט געצויגען דעם רעוואָלווער געגען אַ רוהיגען מאַן, העכסט וואַרשיינליך ניט מיט קיין אַנדער צוועק ווי נאָר צו פיהלען ווי שטאַרק ער איז און פאַרזוכען דעם טעם פון זיין מאַכט איבער אָט דעם אָרעמען טייוועל. און אַזעלכע אומפאַראַנטוואָרטליכע און ניט־דערוואַקסענע יונגען האָט מען דאָס אָנפאַרטרויט דעם שיקזאַל פון צוועלף הונדערט מענשען, פיעלע פון וועלכע האָבען געמוזט אַבערלאָזען פרויען און קינדער דאָרט דרויסען.

דעם 15טען דעצעמבער האָט אונז דער קליינער ב...ל געבראַכט

די נאַכריכט, אַז אויף מאָרגען אין דערפריה וועט די אָלימפּיאַ אויס־געליידיגט ווערן, און מיר אַלע וועלען אריבערגעפיהרט ווערן אויף די שיפען וואָס זיינען געלעגען פאַראַנקערט עטליכע מייל ווייט פון סויטענד. אין דעם זעלבען אָטעם האָט ער אונז אויך טראַקטירט מיט איינעם פון זיינע אויסגעלאַסענע וויצען, אָהן וועלכע קיין שום זאַך האָט זיך ביי איהם ניט אָנגעהויבען. אָט דער ב. איז געוועזן אַ גאַנץ קאָמישע ערשיינונג, און ס'איז אוממעגליך צו ריידען פון דער אָלימפּיאַ, אָהן דעם מען זאָל זיך דערמאָנען אָן איהם. די פיגור אַליין פון אָט דעם מאָדנעם בחור האָט געמאַכט דעם לוסטיגסטען איינדרוק. ער איז געווען אויסערגעוויינליך קליין, האָט געהאַט קרומע פיס און זיך געשאָקעלט ווי אַ קאַטשקע. זיין געזיכט מיט דער לאַנגער, תאוה'דיגער נאָז און די דיקע, אויפגעבלאָזענע ליפען האָט שטאַרק דערמאָנט אָן אַ וואַלד־טייוועל. ב. איז געווען אַ מייס־טער אין נבול־פּה, און אויף דערצעהלען מעשה'לעך וועגען פאַרשי־דענע „שווינערייען“ האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט. די עראָטישע פאַנטאַזיע פון אָט דעם קאַרליק איז איינפאַך געווען פאַר־בעלהאַפט. ער פלעגט קיינמאָל ניט מיעד ווערן צו דערצעהלען זיינע מיטגעפאַנגענע די שמוציגסטע זאַכען און זיי איבערצוגעבען זיינע עראָטישע ערפאַרונגען, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז קענטיג געווען אויסגעטראַכט. ווען ער פלעגט ריידען האָט מען איהם גע־קאָנט אָראָפּלעזען די תאוה פון די פייכטע ליפען, וואָרים ער פלעגט אריינלעגען האַרץ און נשמה אין זיינע אויסגעלאַסענע מעשיות. ב. איז געווען דער פאַרפאַסער פון אומצעהליגע „געדיכטע“ וואָס האָ־בען אָפּט געהאַט אַן אינהאַלט, פון וועלכען די האָר האָבען זיך גע־שטעלט קאַפּויר. אַזוי גיך ווי עס האָט זיך איהם נאָר איינגעגעבען אָנצושרייבען אַ נייעם פערז, פלעגט ער מיט פרייד ארומלויפען אי־בער'ן גאַנצען לאַגער, כדי צו באַגליקען זיינע צאָהלרייכע פריינט מיט אַ פאָרלעזונג. עס פלעגט זיין קאָמיש יעדעס מאָל, ווען אַ „נייער“ פלעגט פאַר איהם פאָרגעשטעלט ווערן. די ערשטע פראַגע וואָס ב. פלעגט דעם נייעם געפאַנגענעם שטעלען איז געווען, צי ער אינטערעסירט זיך מיט שענע געדיכטע, עפּעס „גאַנץ באַזונדערס,

וואָס אפּעלירט צום הארצען". און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענט־פער, פלעגט ער שנעל ארויסשלעפּען זיין נאָטיץ־ביכעל פון טאַש און פאַרלעזען אזעלכע זאכען, אז די האר פלעגען זיך דעם נייעם שטע־לען דיבאָם. דערביי האָט מען ב.'ן מיט קיין שום זאך ניט געקאָנט באַליידיגען. טאָמער האָט ער אמאָל אָנגעטראָפען דעם ניט ריכטי־גען וואָס האָט ניט געוואָלט וויסען פון זיינע פאַרלעזונגען, פלעגט ער בלויז א ציה טאָן מיט די אקסלען און זאָגען גאַנץ רוהיג: „נו יאָ, דער געשמאַק איז פאַרשידען. צוליעב דעם דאַרפען מיר זיך ניט קריגען, ליעבער הערר. איך האָב אויך אַנדערע זאכען. ווי גע־פעלט אייך, צום ביישפּיעל, דאָס דאָ?" און גלייך האָט ער שוין גע־האַט אין דער האנד אַן אַנדער פּערל, וואָס האָט נאָך ווי ווייט מעג־ליך איבערשטיגען די ערשטע אין גלאַנץ. דערביי איז ער שטענדיג געווען אזוי צוגעלאָזען און פריינדליך, אַז קיינער האָט ניט געקאָנט זיין ערנסט בייז אויף איהם.

אַז די נאַכריכט וועגען דער אַפּליידיגונג פון דער אָלימפּיאַ האָט זיך איבעראַל געהאַט פאַרשפּרייט, האָט מען באַשלאָסען צו פייערן דעם אָפּשיד מיט א „פרעהליכען אָוענט". פאַר די עלטערע איינ־וואוינער איז דאָס געווען א געשעהעניש. מען איז געווען צופרידען און גוט אויפגעלייגט. איך אליין אָבער האָב זיך געפונען אין א גאַנץ געדריקטער שטימונג. כאָטש איך בין געווען צופרידען צו פאַרלאָזען אָט דעם שרעקליכען פּלאַץ, האָט אבער דער געדאַנק, אַז איך וועל איצט נאָך מוזען זיין מעהר דערווייטערט פון מיינע ליעבע אין דערהיים, ניט צוגעלאָזט קיין פרייד צו מיר. גראָד האָב איך אויף מאָרגען געזאָלט האָבען געסט, אַן דעם האָב איך אלזאָ פאַר־לויפיג געמוזט פאַרגעסען.

אָט דער פרעהליכער אָוענט! איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז די דומהייט זאָל קאָנען דערגרייכען אזאַ שטופע. די זאכען וואָס מען האָט דאָ פאַרגעטראָגען זיינען ווירקליך געווען שוין צו באַנאַל, צו וואָכעדיג. שרעקליכעם פּיליסטערטום און באָמ־באַסטישער בלוט־וואורשטיגער פּאַטריאָטיזם פאַראייניגט אין ליע־בע. צווישען אלע נומערען איז געווען בלויז איין באַדייטענדע אויס־

נאָמע. אַן אונגאַרישער וויאָלין־ווירטואָז האָט געגעבען עטליכע פּראָבען פון זיין קונסט, וועלכע זיינען פון די מעהרסטע פון מיינע לײדענס־חברים אויפגענומען געוואָרן מיט טיעפען געפיהל. קאַרל האָט מיר שפּעטער דערצעהלט וועגען א זעלטענער פּאַסירונג וואָס האָט זיך איינגעגראָבען טיעף אין מיין נשמה. ס'איז געווען אין פאַרלויף פון יענעם ערשטען מורא'דיגען פּעריאָד, וועגען וועלכען איך האָב שוין גערעדט, דאָן איז דער אונגאַרישער קינסטלער גע־בראַכט געוואָרן אין דער אָלימפּיאַ. די געפאַנגענע זיינען געווען צו־זאַמענגעפּאַקט אויף איין זייט פון דער גאַלעריע און האָבען זיך קוים געקאָנט ריהרען. די אַלגעמיינע שטימונג פון די מענשען איז געווען זעהר געדריקט. א טייל זיינען געזעסען דערשלאָגענע, פּאַרזונקען אין זייער טעמפּער פאַרצווייפלונג, אַנדערע זיינען געווען שטאַרק נערוועז און יעדע קלייניגקייט האָט זיי אויפגערייצט. ווידער אַנ־דערע האָבען געזוכט זיך צו פאַרגעסען אין זייערע צרות, שפּילענדיג בסדר אין קאָרטען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס דער יונגער קינסטלער האָט געמוזט פיהלען, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג געפונען אין אָט דעם אָרט פון פאַרצווייפלונג און שטומען יאָמער. ס'האָט ניט גענומען לאַנג, איז אויך ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דערזעלבער טעמפּער שטימונג, וועלכע איז געלעגען ווי א דריקענדער קאָשמאַר אויף די הערצער פון די געפאַנגענע. און אַז אָט די שטימונג איז געקומען איבער איהם, און דער גאַנצער יאָמער פון דער מענשהייט האָט איהם ארומגעכאַפּט, האָט ער א נעם געטאָן זיין פידעל, כדי זיך אַראָפּצושפּילען דעם קאָשמאַר פון דער נשמה. מיט טיעפער, פּייַערדיגער איבערגעבענהייט האָט ער אַרויסגעצויגען פון די סטרו־נעם גונאָ'ס „אווע מאַריאַ“. ווען די ערשטע מאַגישע טענער האָבען אָפּגעקלונגען מיט ציטערענדער צאַרטקייט און וויינענדיג זיך פאַר־לאָרען אין דער גרויער דעמערונג, האָט פּלוצלינג אויפגעהערט יעדער גערויש, און א פייערליכע שטילקייט האָט איינגעטראָטען אין דער גאַלעריע. זאָגאַר די סאָלדאַטען אויף דער וואַך זיינען ניט ווילענ־דיג געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט און האָבען זיך צוגעהערט צו דעם זעלטענעם שפּיעלען אין דעם דאָזיגען אָרט פון מענשליכען

עלענד און נוים. אַלץ פייערליכער און באַרוישענדער זיינען געוואָרן די קריסטאַל־קלאָרע טענער און האָבען זיך לייכט אַרומגעוויגט אין דעם פינסטערן, טרויעריגען פּלאַץ. ווי אַ ווייטער טרוים האָט עס זיך אַרונטערגעלאָזט אין די הערצער פון אַט די אויסגעשטויסענע; זיי האָבען זיך פאַרגעסען אָן דעם גאַנצען יאָמער פון זייער קלעגלי־כער אומגעבונג און געפּיהלט בלויז דעם פייערליכען ריטם פון דער דאַזיגער מאַיעסטעטישער מוזיק, וואָס האָט זיי אַוועקגעטראָגען ווייט פון׳ם אָרט פון זייערע יסורים. — ערשט אַז דער לעצטער טאָן איז שוין לאַנג געווען אָפּגעשטאָרבען, איז יעדער איינער ביסלאַכווייז ווידער געקומען צו זיך ווי נאָך אַ זעלטענעם חלום, כדי מיט אַ צי־טערענדער זעעלע נאָך שווערער צו דערפּיהלען דעם דרוק פון דער עלענדער, גרויער ווירקליכקייט.

אַ פּאָר אָפּיצירען זיינען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם קינסט־לער און האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט צו וואוינען אין דעם „רעסטאָראַנט״.

איך האָב זיך די גאַנצע נאַכט אָהן רוה אַרומגעקאַטשעט אויף מיין געלעגער און ניט געקאָנט צומאַכען קיין אויג. מיינע געדאַנ־קען זיינען געווען ביי מיינע ליעבע דאָרט אין דערהיים, און איך האָב מיט שוידערליכער זיכערקייט געפּיהלט, אַז עס וועלען נאָך מוזען פאַרגעהן פיעל מאָנאַטען און פיללייכט יאָהרען, איידער עס וועט קומען אַ סוף צו אַט דער קריטישער צייט.

קאפיטעל 4

דאָס שווימענדע געפענגניש

דער לייִדענס־וועג פון די אַרויסגעשטויסענע — אויף׳ן שיף „ראיאל עדוואַרד" — ערנסט און גערווינג — קאַיוטע 610 — דער קאָנט־ראָל — דעם אַדיוטאַנט׳ס רעדע — אַ געפּעהרליכע שיפּעל־רייזע — פּאַרלייזיגט — שטילע באַטראַכטונגען — דאָס רויך־צימער און זייִנע געסט — ערצעהלונגען פון די געפאַנגענע פון יאָרק — דיסקוסיעס מיט די פּאַטריאָטען — דער ערשטער קריסטמאַס פאָוסט.

עס זייִנען שוין אַריבער יאָהרען זינט יענעם טאָג, ווען מיר האָ־בען פאַרלאָזען די אָלימפּיאַ, אָבער עס געהט מיר נאָך אַלץ אַריבער אַ געהיימער גרויל איבער׳ן לייב, ווען איך דערמאָן זיך גראָד אָן דעם דאָזיגען טאָג וואָס האָט זיך אייִנגעגראָבען מיט טיעפע קריצען אין מייִן נשמה. אין יענע שווערע שטונדען איז מיר ערשט פולשטענדיג געקומען צום באַוואוסטזייִן די גאַנצע שאַנדע פון מייִן דאַמאָלסדי־גער לאַגע.

מען האָט אונז אויפגעוועקט אַ קורצע ווייַלע נאָך פיער אַזייגער פאַרטאָג. נאָך אומענדליכען וואַרטען, צעהלען, רעגיסטרירען און ווידער וואַרטען האָט מען אונז אייִנגעפּאַקט אין צוויי אייזענבאַהן־צוגען און אונטער אַ שטאַרקער מיליטערישער וואַך אָפּגעשיקט נאָך סויטענד. די קורצע רייזע איז געווען אָן אַנגענעהמע אָפּוועקסלונג נאָך דער גרויער מאָנאָטאָנקייט אין דער אָלימפּיאַ. ווען מיר זייִנען אָנגעקומען אין סויטענד, האָבען מיר געמוזט געהן צופוס צו דער

לאַנדונגס־בריק דורך דעם לעבעדיגסטען טייל פון דער שטאָדט. ס'איז דערוויילּ געוואָרן האַלב צוועלף אזייגער, און די לאַנגע גאַס וואָס פיהרט צו דער לאַנדונגס־בריק איז געווען פול מיט מענשען, וועלכע האָבען געהערט וועגען אונזער קומען. מען האָט אונז אויפ־גענומען מיט שפּאָטישען געלעכטער און מיט ווילדע דראָהונגען. עטליכע פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָבען זיך ניט געקאָנט צוריק־האַלטען פון צו מאַכען אַ פּאָר געגען־באַמערקונגען, אָבער זייערע ווערטער זיינען געווען בלויז ווי בוימעל אויף'ן פייער פון דעם דאָ־זיגען נאַרישען המון, וואָס איז אריין אין אַ פּאַטריאָטישען עקסטאַז, לעזענדיג די העצערייען פון די געלע צייטונגען. מענער, פרויען און קינדער האָבען אונז פאַרוואָרפען מיט די שמוציגסטע ווערטער; באַזונדערס איז די באַנעמונג פון די פרויען געווען סקאַנדאַליעז. אַ לאַנגער, מאָגערער מענש, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ „האַרלעקין", האָט זיך אריינגעשפּאַרט אין אונזערע פּאָדערשטע רייהען און איז ניט מיעד געוואָרן אונז אָהן אויפהער אריינצושרייען אין געזיכט אין אַ שרעקליך געבראָכענעם דייטש: „גריסען דו זיינע לויזיגע קאַי־זער!"

כ'האָב דורכגעמאַכט גענוג אויפגערעגטע שטונדען אין מיין לעבען, און מעהר ווי איין מאָל איז פאָרגעקומען, אַז איך האָב זיך געמוזט שטעלען געגען אַ פאַנאַטישער מאַסע, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפיהלט דערשלאָגען און ערנידעריגט אין אַזעלכע פעלען. דאָ אָבער האָבען די פאַרשפּאָטונגען און באַליידיגונגען פון דער דאָזיגער מאַסע גאַנץ אַנדערש געווירקט אויף מיר און האָבען מיר מיט קלאָרער דייטליכקייט געבראַכט פאַר די אויגען מיין לאַגע אין איהר גאַנצער העסליכקייט און ערנידערונג. איך בין שטענדיג געווען מיט דער מיינונג, אַז דער וועג נאָך גאָלגאָטהאַ האָט געמוזט זיין שמערצליכער איידער די קרייציגונג, אָבער קיינמאָל פריהער האָב איך אָט די וואָהרהייט ניט געפיהלט אַזוי טיעף ווי אין יענע שטונדען.

כ'האָב ניט געפיהלט דעם קלענסטען האַס געגען מיינע באַליי־דיגער. די שמוציגע ווערטער פון די דאָזיגע מענשען האָבען ניט

אַרויסגערופען אין מיר קיין שום געפיהל פון צאָרן; אָבער איך האָב געפיהלט אַן אומבאַשרייבליכען עקעל, וואָס האָט ווי אַ העליש פייער צופרעסען מיין זעלע און מיינע באַקען רויט געמאַכט פאַר שאַנד. יאָ, איך האָב זיך געשעמט, כ׳האָב זיך פאַקטיש געשעמט פאַר אָט די אָרעמע, דומע לייט, וועלכע האָבען מיך אָנגעקוקט מיט הילפלאָזער שנאה און מיר אַריינגעשפּריצט דעם יויך פון זייער שפּאָט אין פנים אריין. איך האָב שוין ביי אַנדערע געלעגענהייטען געפיהלט, אַז מען קאָן זיך שעמען פאַר אַנדערע, אָבער קיינמאָל פריהער האָב איך עס ניט געפיהלט מיט אַזאַ פיין, ווי יענעם גרויען דעצעמבער־טאָג אין סויטענד. — איך געדענק שוין ניט ווי לאַנג עס האָט געדויערט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו דער לאַנדונגס־בריק. כ׳האָב געהאַט פאַרלאָרען יעדעס געפיהל פאַר רוים און צייט, און אין מיין מוח האָט זיך בלויז אַרומגעוועלגערט דער איינער טעמפּער פאַרלאַנג: אַ סוף! אַ סוף!

אונטער דעם געוועלב פון דער לאַנדונגס־בריק האָבען מיר זיך ענדליך אָפּגעשטעלט. אַ דינער רעגען האָט אין לאַנגע פעדים אַרונטערגעשטראָמט פון גרויען הימעל און האָט אונז דורכגענעצט ביז׳ן ביין, אָבער איך האָב עס ניט געפיהלט. כ׳האָב געזעהן, ווי די מאַסע האָט זיך אין ווילדער איילעניש אַ לאָז געטאָן אויף דער בריק און אונז פון אויבען אַראָפּגעשפּיגען אויף די קעפּ; כ׳האָב געהערט זייער הירזשענדען געלעכטער, אָבער דאָס אַלץ האָט מיך מעהר ניט גערירט. ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אַזוי ווי ס׳וואָלט געמוזט אַזוי זיין. אַ בלייענע גלייכגילטיגקייט האָט מיך פולשטענדיג אַריינגענומען אין איהרע הענט, און מיין קערפּער האָט בלויז מעכאַניש רעאַגירט אויף יעדען באַפעהל. ס׳איז אריבער אַ היבשע צייט, ביז די פּאָליציי האָט אָפּגעליידיגט די לאַנדונגס־בריק. דערנאָך האָט מען אונז אַרויפגעפיהרט און אונז צוזאַמענגעשפּאַרט ווי אַ סטאַדע שאָף אין די אָפענע וואַגאָנען פון אַ קליינער באַהן, וועלכע האָט אונז אין עטליכע מינוט געבראַכט צום ענד פון דער לאַנדונגס־בריק. דאָרט צוגעקומען, האָט מען אונז אַרויפגענומען אויף אַ קליין שיפעל וואָס האָט אונז געזאָלט צופיהרען צו איינעם פון די שווימענדע

געפענגנישען. די גאַנצע פּראָצעדורע איז צוגעגאַנגען מורא'דיג לאַנגזאַם, און אונזער קליינע מחנה האָט לייכט אויפגעאָטעמט, ווען דער קליינער דאַמפּער האָט ענדליך פאַרלאָזען דעם האַפען און זיך אוועקגעלאָזט איבער'ן ים. מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ברייטער זייט פון דעם „ראָיאַל עדוואַרד", און אצונד האָט זיך אָנגעפאַנגען דער לאַנגווייליגער עסק פון אויסשיפען. שטונדען־לאַנג האָבען מיר געמוזט שטעהן אין שטראָמענדיגען רעגען און וואַרטען ביז עס איז געקומען אונזער רייה. איך בין געווען פול־שטענדיג דורכגענעצט און האָב זיך געפונען אין א מורא'דיג אָפּאַ־טישען צושטאַנד. דער קאָפּ איז מיר געווען אַזוי צומישט און שווער, אַז איך האָב ניט געקאָנט אויפנעמען קיין קלאָרען געדאַנק. כ'האָב געוואוסט, אַז בלויז איין העלפט פון די געפאַנגענע וועלען געפינען פּלאַץ אויפ'ן „ראָיאַל עדוואַרד" און אַז די אַנדערע העלפט וועט דאַרפען אָפּגעפיהרט ווערן צו דער „סאַקסאָניא". כ'האָב אויך געהאַט א ניט גאַנץ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען דעם, אַז איך וואָלט אייגענטליך געמוזט אָנווענדען אַלע מיטלען ארויפצוקומען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד"; האָב איך דאָך געוואוסט, אַז מיין שוואָגער ערנסט און עטליכע אַנדערע קאַמעראַדען האָבען דאָרט געוואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד. אָבער איך האָב זיך געפיהלט אַזוי מיעד, אַזוי ערשעפּט, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט ענטשליסען עפּעס צו טאָן. גאַנץ מעכאַניש און אונטער אומבאַשרייבליכע שוועריגקייטען האָב איך זיך לאַנגזאַם דורכגעבראָכען מיין וועג דורך די רייהען פון מיינע ליידענס־חברים, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָב איך זיך געפונען אַזוי וויט הינטען, אַז איך האָב געהאַט ווינציג האָפנונג ארויפצוקומען מיט די אַנדערע אויפ'ן שיף. ערנסט און גערווינג האָבען מיך שוין פון לאַנג אָן געהאַט דערזעהן און האָבען געהאַלטען אין איין ווינקען צו מיר פון א קאַיוטען־פענסטער, אבער ס'איז אריבער א היבשע צייט, ביז וואַנען איך האָב זיי באַמערקט. ווען איך בין שוין געווען בלויז עטליכע טריט פון לייטער, איז פון אויבען אראָפּגעקומען דער באַפעהל, אַז מען זאָל מעהר קיינעם ניט ארויפלאָזען און מיט די איבעריגע געפאַנגענע פאָהרען צו דער

„סאקסאָניא“. איך בין געווען ווי נידערגעשמעטערט, דאָך איז מיין צושטאַנד געווען אַזעלכער, אַז די זאַך איז מיר נאָר האַלב געקומען צום באַוואוסטזיין. די סאָלדאַטען האָבען אונז שוין אָנגע־הויבען לאַנגזאַם שטופּען צוריק. פּלוצלינג איז פון דעם פּארדעק אראָפּגעקומען א נייער באַפעהל אַרויפצולאָזען נאָך 21 מאָן. דאָס וואָרט איז פאַר מיר געווען ווי אַן ערלייזונג, וואָרים אויך איך האָב זיך געפונען צווישען יענע איין־און־צוואַנציג. מיט גרויס מיה האָב איך מיט מיין געפּעק אַרויפגעקלעטערט אויף'ן משופּע'דיגען לייטער און איך האָב זיך, נאָך שטונדען לאַנגען שמאַכטען און וואַרטען, ענדליך געפונען אויף דעם פּאַרדעק פון דעם „ראָיאַל עדוואַרד“.

אַזוי גיך ווי איך בין אָנגעקומען אויף'ן פּאַרדעק, האָט מען גרינדליך דורכגעזוכט מיינע זאַכען. אַ מעסער און א גאָפּעל זיינען פאַרהאַלטען געוואָרן, דאַן האָב איך געקאָנט געהן ווייטער. נאָך נייעם, אומענדליכען וואַרטען האָט מען אונז ענדליך איינגעקוואַר־טירט אין א גרויסען, העסליכען צימער אין צווישענדעק, וואו עס האָבען זיך געפונען 106 בעטען, פון וועלכע יעדע צוויי זיינען געווען איינס איבער דאָס אַנדערע. נאָכדעם ווי קאַרל און איך האָבען זיך פאַרזאָרגט יעדער מיט אַ בעט, האָבען מיר זיך געלאָזט אַרויפגעהן אויבען, כדי צו באַגריסען די פריינט. מיר האָבען ניט געדאַרפט געהן ווייט; ערנסט און גערווינג זיינען אונז אַנטקעגען געקומען, שטראַהלענדיג פאַר פרייד. כ'האָב זיי ביידען באַגריסט אַזוי האַר־ציג ווי איך האָב נאָר געקאָנט, אָבער איך האָב געפיהלט, אַז פון מיינע ווערטער האָט אַרויסגערעדט א געוויסע קעלט, וועלכע האָט באַזונדערס געמוזט ווירקען שלעכט אויף ערנסט'ן. זיי זיינען ביידע געווען אַזוי גליקליך מיך ווידער צו זעהן, און זיי האָבען ערוואַרט מיך צו געפינען אין דערזעלבער שטימונג, אָבער איך האָב זיך גע־פיהלט אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז איך האָב קוים געקאָנט אַרויס־ברענגען אַ וואָרט פון מויל. איך האָב זיך געוויס געפרעהט ניט ווייניגער ווי זיי, אָבער עס איז מיר דאַמאָלס איינפאַך אוממעגליך געווען אויסצודריקען מיין געפיהל אין ווערטער. די אָרעמע מענ־שען האָבען דאָך קיין אַהנונג ניט געהאַט פון די אַלע מיאוס'קייטען

און געמיינהייטען וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט; זיי וואָלטען זיך אפשר גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז די ערפאַרונגען פון די לעצטע פינף שטונדען זאָלען האָבען געמאַכט אויף מיר אַזא איינ־דרוק. איך אליין האָב קיינמאָל פריהער אַזוינס ניט געפיהלט. עפּעס האָט מיר נאָך אַלץ געוואָרגען און געשטיקט אין האַלז; איך וואָלט זיך געשעצט גליקליך, ווען איך קאָן אויסשרייען, כדי פּטור צו ווערן פון דעם כשוף וואָס האָט מיין זעעלע געהאַלטען געפאַנגען, אָבער איך בין געוועזן ארומגערינגעלט פון מענשען און געמוזט האַלטען מיין געפיהל אין שפּאַן. וואָס וואָלט איך אין אָט דעם צושטאַנד ניט געגעבען דערפאַר, צו קאָנען זיין אַ שטונדע אַליין, פאַר זיך. כ'האָב פון גאַנצען הארצען געוואונשען צו זיין ווייט אוועק פון מענשען, פון דער גאַנצער וועלט, אָבער ס'איז קיין אויסוועג ניט געוועזן. דאָס געשפּרעך פון מיינע פריינט האָט מיר געקלונגען, ווי עס וואָלט געקומען פון אַ ווייטער ווייטקייט, כ'האָב פאַרשטאַנען בלויז אָפּגעבראָכענע שטיקלעך דערפון און ניט געקאָנט כאַפּען קיין שום צוזאַמענהאַנג. ענדליך האָב איך עס שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען; כ'האָב זיך געמוזט צוריקציהען. כ'האָב גע־וואוסט, אַז איך וועל די נאַכט געוויס קיין אויג ניט צומאַכען, אָבער עס איז געוועזן גענוג פאַר מיר, ווען איך האָב געקאָנט ווי אַ פאַר־וואונדעטע חיה געפינען אַ שטיקעל מקום מנוחה, און אָפּרוה אין מיין ווינקעל.

ס'איז געוועזן אַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט. די ספּעציפישע צווישענ־דעק־אַטמאָספערע האָט מיר שיער דעם אָטעם אוועקגערויבט, און אין מיין מוח האָט עס געהאַמערט און גערוישט ווי אין אַ שמיע־דערייע. כ'האָב ניט געקאָנט צוזאַמענעמען קיין באַשטימטען גע־דאַנק. אַלעס האָט זיך ארומגעוואָרפען אין מיין קאָפּ ארויף און אַראָפּ ווי אַ מורא'דיגער כאַאָס. כ'האָב זיך געפּרואווט מיט גע־וואַלט פאָרמולירען אַ געוויסע אידעע, דאָך איז עס מיר ניט געלונ־גען. כ'האָב זיך דערמאָנט אָן געוויסע לעזע־שטיקער, וועלכע איך האָב אין דער שולע געמוזט אויסלערנען אויסוויינינג, אָבער אויך דאָ האָט מיר געפעהלט דער צוזאַמענהאַנג. איך בין זאָגאָר ניט געוועזן

אימשטאַנד זיך צו דערמאָנען געגוי די געזיכט־צוגען פון מיינע ליעבע. ס'איז מיר פאַרגעקומען, אַזוי ווי די געשעהענישען פון'ם פאַרגאַנגענעם טאָג וואָלטען אין גאַנצען פאַראַליזירט מיין באַוואוסט־זיין. ווי פון העט ווייט האָב איך געהערט די אָפּגעמאָסטענע טריט פון דער וואַך איבער מיר און דאָס טעמפּע שלאָגען פון די כוואַ־ליעס אָן די ווענט פון שיף. כ'האָב געוואָלט זעהן וויפיעל דער זייגער איז, האָב איך ניט געקאָנט ריהרען מיט קיין האַנד. מיינע אַלע גלידער זיינען געווען ווי אָנגעפילט מיט בליי, און איך האָב געפיהלט, ווי איך וואָלט פאַרזונקען ערגעצוואו אין דער נישטיגקייט. צולעצט האָב איך זיך איבערהויפּט ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכ־נונג איבער וואָס עס איז און איך האָב זיך אָהן ווידערשטאַנד אי־בערגעגעבען אין די הענט פון אַ שווערער, טעמפּער רוה, וועלכע איז בישלאַכוויז געקומען איבער מיר.

פּלוצלינג האָט מיר אין די אויערען אָפּגעקלונגען אַ לאַנג־געצוי־גענער, שאַרפער טאָן, וועלכער האָט מיך אויפגעוועקט פון'ם לייכ־טען דרעמעל, אין וועלכען איך בין געווען פאַרזונקען. ס'איז געווען דער סיגנאַל אויפצושטעהן. אין דער אָלימפּיאַ פלעגט דאָס צוגעהן אויף אביסעל אַ פּרימיטיווערן אופן: דאָרט פלעגען די סאָלדאַטען מיט די שפּיצען פון זייערע באַיאָנעטען קיצלען די שלאָפענדע גע־פאַנגענע אין די פיס, כדי זיי צו דערמאָנען אַז זיי דאַרפען אויפ־שטעהן.

בישלאַכוויז איז געוואָרן לעבעדיג אין ווינטען צימער. מיינע ליידענס־חברים האָבען אָנגעהויבען אויפשטעהן. איינינע האָבען גענומען געגעצען אויף'ן קול, אַנדערע האָבען אָנגעהויבען צו פלו־כען. פון דעם אַנטקעגענדיגען ווינקעל פון זאַל האָט אָפּגעקלונגען אַ פּרעהליכער געלעכטער, און איך האָב געהערט ווי שווערע טריט לאָ־זען זיך געהן צו דער טיר. איך האָב זיך געפיהלט טויט־מיעד און זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח אויפצושטעהן. די געשעהענישען פון'ם פאַרגאַנגענעם טאָג זיינען מיר ווידער אַרויף אויף'ן זכרון, אָבער ס'איז מיר פאַרגעקומען, אַזוי ווי גאַנצע וואָכען וואָלטען שוין זינט דאַן פאַרביי. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעטאָן, בין איך מיט

לאנגזאמע טריט ארויף די טרעפ אין גרויסען עס־זאל. כאטש איך האב דעם טאג פריהער כמעט גארנישט געהאט געגעסען, האב איך איצט ניט געשפירט דעם מינדעסטען הונגער. דערפאר אבער האב איך מיט א מערקווירדיגער גיריגקייט אויסגעטרונקען די שרעקליכע פליסיגקייט, וועלכע מען האט אונז געגעבען אלס קאפע. זי האט מיך ווירקליך דערקוויקט, און איך האב צו מיין גרויסער פרייד דערפיהלט, אז די כוחות קומען מיר צוריק. כ'האב ווידער א טראכט געטאן וועגען מיין צושטאנד, און הגם די ערינערונגען פון'ם פארגאנגענעם טאג זיינען מיר נאך אלץ געלעגען מיט א טעמפער שווערקייט אויף'ן הארצען, איז מיר פונדעסטוועגען אלצדינג פארגעקומען קיין העלפט ניט אזוי שלעכט. איך האב זיך זאגאר געוויסערמאסען פארשעמט פאר זיך אליין, ווען איך האב געטראכט וועגען מיין נעכטיגען צושטאנד. ווי איז דאס פארט מעגליך געווען, אז איך זאל קאנען זיך לאזען אזוי באהערשען פון מיינע געפיהלען? איך האב עס אצונד אליין ניט געקאנט באגרייפען. א געוויסער טראץ האט אין מיר ערוואכט, און איך האב זיך שטילערהייט געזאגט: איינמאל און קיינמאל ניט ווידער! אין דער דאזיגער שטימונג האב איך באגריסט די פריינט, וועלכע זיינען געקומען מיך באגריסען.

אונזער ערשטע זארג איז געווען ארויסצוקריכען פון אונזער קלעגליכען לאך אין צווישענדעק און פיליכט געפינען פלאץ אין איינער פון די פיעלע קאיוטעס. אזוי ווי קארל איז נאך פון דער אלימפיא געווען באקאנט מיט פארשידענע געפאנגענע, וועלכע האבען זיך דא באטייליגט אין דער אינערליכער פארוואלטונג, איז איהם די זאך ניט אזוי שווער געווען דורכצופיהרען. מען האט אונז געזאגט, אז אין דער קאיוטע 610 זיינען נאך געווען צוויי פרייע בעטען, און מען האט אונז געהייסען מאכען דארט אונזער צוקינפטיגע וואוינונג. די קאיוטע 610 איז ניט געווען קיין פאלאץ. זי האט ניט געהאט קיין פענסטער און באלויכט ווערן האט זי נאר געקאנט דורך עלעקטריציטעט. אויף יעדער זייט זיינען געשטאנען צוויי בעטען, איינס איבער דאס אנדערע, און דער רוים אין דער מיט

איז געווען אזוי ענג, אז בלויז איין פערזאן האט זיך דארט געקאנט אויפהאלטען. דאס זיינען געווען זאכען וואס זיינען ניט געווען זעהר אנגענעם; פונדעסטוועגען האט אט דער פינסטערער ווינקעל אויסגעקוקט ביי אונז ווי א גן עדן אין פארגלייך מיט דעם וויסטען צימער מיט די 106 בעטען, וואו מיר האבען פארבראכט די ערשטע נאכט. מיר האבען געהאפט, אז דער צופאל וועט אונז שפעטער צושארען א בעסערן פלאץ, און מיר האבען מיט צופרידענקייט אריינבערגענומען אונזערע זיבען־זאכען אין קאיוטע 610. ווען מיר זיינען דארט אנגעקומען, האבען מיר געטראפען די צוויי אנדערע געפאנגענע, מיט וועלכע מיר האבען זיך געמוזט טיילען מיט דער קאיוטע. צו מיין גרויסער ערשטוינונג האבען מיך ביידע באגריסט מיט דער גרעסטער הארציגקייט און מיך אנגערופען ביי מיין נאמען. כ'האב זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען, און איך האב צו מיין פרייד געהערט, אז דאס זיינען געווען צוויי אידישע ארבייטער פון'ם לאנדאנער איסט־ענד, וועלכע האבען געהאט באזוכט פיעלע פון מיינע פערזאמלונגען. איינער — גליק איז געווען זיין נאמען — איז שוין געווען אן עלטערער מאן און זינט יאהרען־לאנג א מיטגליד פון דער בוט און שוה יוניאן. ער האט גענומען אן אקטיווען אנטייל אין אלע קעמפען פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג און איז געווען באקאנט מיט די מעהרסטע טעטיגע קאמעראדען אין איסט־ענד. דער צווייטער איז געווען נאך גאר א יונגערמאנטשיק מיט אויסערגעוועגליך אויסדרוקספולע געזיכט־צוגען. אין זיינע גרויסע טונקעלע אויגען האב איך באמערקט א געוויסע דערשראקענקייט, פאראייניגט מיט יענעם כאראקטעריסטישען אויסדרוק פון גע'ירש'ענטע לײדען, ווי מען קאן עס אין אזויפיעל וואריאציעס זעהן און באוואונדערן אין די צייכנונגען פון דעם אידישען קינסטלער אפרים ליליען. לאזאראוויץ — אזוי האט ער זיך גערופען — איז געווען א פליסיגער באזוכער פון מיינע פערזאמלונגען, ווי איך האב באלד אויסגעפונען, ווען איך האב זיך צורעדט מיט איהם. ער האט אויסגעזעהן שרעקליך, און אויך זיין חבר האט געמוזט האבען פיעל געליטען. ביידע האבען מיר אויסגעקוקט ווי דאס פארקערפערטע עלענד און

נויט, און איך האָב גלייך ביים ערשטען בליק געקאָנט זעהן, אז זייער מאַטעריעלע לאַגע האָט געמוזט זיין זעהר שלעכט. אזוי גיך ווי איך האָב נאָר געהאַט א געלעגענהייט צו בלייבען אליין מיט לאַזאַ־ראָוויץ'ן, האָב איך איהם דירעקט אָנגעטאַפּט ביים דופק. צוערשט איז ער געוועזן אביסעל שעמעוודיג און צוריקגעהאַלטען, אָבער באַלד איז ער געוואָרן צוטרוילעכער און ער האָט מיר אויסגעזאָגט אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט וויסען. דער ארעמער יונג האָט זיך געפונען אין א שוידערליכער לאַגע. זינט מאָנאַטען האָט ער געלעבט אויס־שליסליך אויף ברויט און טיי, אָדער וואָס מען פלעגט דאָרט אזוי רופען, און אין דער גאַנצער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט האָט ער קיינמאָל קיין ביסען פלייש ניט אָנגעריהרט. הגם ער איז געוועזן באַאיינפלוסט פון פרייהייטליכע אידעען און האָט שוין אין גאַליציע באַלאַנגט צו א סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער פונדעסטוועגען ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו עסען עפּעס אנדערש ווי כשר'ע שפּייז. ער האָט געשטאַמט פון א שטרענג רעליגיעזער פאַמיליע און טראָץ זיין יוגענד איז ער געוועזן א גוטער קענער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. אין ענגלאַנד איז ער ניט זינט לאַנג און ער פלעגט ביז אהער שטענדיג קומען בלויז אין ריין אידישע קרייזען. די געפאַנגענשאַפט האָט פאַר איהם אַלזאָ געמוזט דירעקט ווערן א קאַטאַסטראָפע. די מורא'דיגע שפּייז וואָס מען האָט אין דער ערשטער צייט אין דער אָלימפּיאַ געוואָגט צו געבען די געפאַנגענע, האָט די פרעמדע קעסט געמוזט נאָך שרעק־ליכער מאַכען אין די אויגען פון דעם אָרעמען יונג. אויף דעם אופן פלעגט לאַזאָראָוויץ פּשוט הונגערן און האָט זיך געפונען אין א צו־שטאַנד פון פולשטענדיגער אָפּגעשוואַכטקייט, פּשוט אָהן כוחות, ווען איך האָב זיך מיט איהם באַקענט. אין זיין פאַרצווייפלונג האָט זיך דער אומגליקליכער געווענדעט צו פאַרשידענע אידישע פילאַנ־טראָפּישע געזעלשאַפטען און געפאָדערט הילף אין זיין נויט, אָבער זיינע ביטעם זיינען צוליעב דער אָדער יענער אורזאַך געוועזן אָהן א שום ערפאָלג. איך האָב די צוויי מענשען געהאָלפען, אזוי ווי איך בין נאָר אימשטאַנד געוועזן, און איך האָב געזעהן, מען זאָל לאַזאַ־

ראָוויץ'ן פון דרויסען צושיקען כשר'ע וואורשט און אַנדערע פליי־שען. אַזוי בין איך, דער ניט־איד און אויסגעשפּראָכענער געגנער פון יעדער רעליגיאָן, געוואָרן אַ העלפער פאַר דעם דאָזיגען אָרעמען מענשען אין זיין נויט, אין דער צייט וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרלאָרען יעדע האָפנונג.

עס האָט געדויערט צימליך לאַנג, ביז איך האָב זיך צוגעוואוינט צו די נייע פאַרהעלטעניסען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך האָב געהאַט אָרום זיך ערנסט'ן און די אַנדערע פריינט, האָב איך זיך אַ לאַנגע צייט געפיהלט מורא'דיג פרעמד אין מיין נייער סביבה. דאָס איז נאָך געווען מערקווירדיגער דערפאַר, ווייל אונזער אַלגעמיינע לאַגע איז דאָ געווען באַדייטענד בעסער ווי אין דער אָלימפּיאַ. דעם פיינליכסטען איינדרוק אויף מיר האָבען געמאַכט די שרעקליכע צעהלונגען. מיר זיינען שוין אַלזאָ געווען אַ היבשע צייט אויף'ן שיף, אָבער מיר פלעגען נאָך אַלץ מוזען צוויי מאָל אין טאָג ארויפ־קומען אויף'ן פאַרדעק, כדי מען זאָל אונז קאָנען איבערצעהלען. אָט די גאַנצע צערעמאָניע איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ מורא'דיגער לאַנג־זאַמקייט, אַז זי האָט יעדעס מאָל פאַרנומען איבער צוויי שטונדען. פאַר מיר פערזענליך איז דאָס דאָזיגע גרוילזאַמע שפּיעל געווען אַן אמת'ע מאַטערניש. דורך אַזעלכע קלייניגקייטען קאָן מען מענשען מעהר פאַרלעצען ווי דורך דירעקטער ברוטאַליטעט. די פיזישע אומבאַקוועמליכקייטען פון דער געפאַנגענשאַפט, שלעכטע און ניט־גענוגענדע שפּייז, אַ האַרט געלעגער א. א. וו. האָבען ניט געמאַכט דעם קלענסטען איינדרוק אויף מיר, אָבער דאָס דאָזיגע אייביגע צעהלען האָט געקאָנט אַ מענשען טרייבען צו פאַרצווייפלען. יעדען טאָג צוויי מאָל געטריבען ווערן צום קאָנטראָל ווי אַ סטאַדע שאָף,— דאָס מוז מיט דער צייט ווערן אומערטרעגליך. דערביי איז די גאַנ־צע זאַך געווען אַן אומזיסטע, אָהן אַ זין און אָהן אַ צוועק. מיר זיינען געלעגען צוויי מייל ווייט אין ים, און אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען אין ווינטער איז געווען אין גאַנצען אויסגעשלאָסען. נאָך מיין מיי־נונג נאָך האָט מען די גאַנצע געשיכטע אַראַנזשירט כדי צו געבען די סאָלדאַטען וואָס פאַר עס איז באַשעפטיגונג, און צו דעם צוועק

האָבען מיר געמוזט שפּיעלען די ראָלע פון עקספּערימענט־קראָליקעס. אַנדערש לאָזט זיך די זאַך דורכאויס ניט ערקלערען.

עטליכע טעג נאָך אונזער אָנקומען האָט מען אונז אַלעמען צו־נויפגענומען אויף דעם הינטער־דעק, וואו דער צווייטער קאָמאַנדיר — דער אַדיוטאַנט, ווי מען פלעגט איהם אַלגעמיין רופען — האָט אונז געהאַלטען אַ רעדע. זיינע אויספיהרונגען האָבען אין אַלגע־מיין געמאַכט אַ סימפּאַטישען איינדרוק. ער האָט באַהאַנדעלט אונ־זער לאַגע פון אַ ריין מענשליכען שטאַנדפּונקט, האָט אָנגערופען דעם קריג אַן אומגליק, מיט וועלכען אַלע מוזען ווילענדיג ניט ווילענדיג זיך אויסגלייכען, און ער האָט אונז אויפגעפאָדערט ניט אַראָפּצו־פאַלען ביי זיך און מיט מוט און מענליכער ווירדע צו טראָגען אונ־זער שיקזאַל. דערביי האָט ער אונז פאַרשפּראָכען גוטע און איינ־זעהענדע באַהאַנדלונג, בתנאי, אויב מיר וועלען פאָלגען אַלע זיינע באַפעהלען. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אונז אויך ער־קלערט, אַז לויט'ן מיליטערישען געזעץ קאָן מען אונז אַלע אינאיי־נעם האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די האַנדלונגען פון יעדען איינ־צעלנעם צווישען אונז. צום שלוס פון זיין רעדע האָט ער אָנגע־וויזען מיט זיין שטעקען אויף'ן ים, צו דעם פלאַץ, וואו די „סאַקסאָ־ניא" איז אומגעפעהר אַ מייל וויט פון אונז געלעגען אַ געאַנקערטע. דערביי האָט ער סאַרקאַסטיש באַמערקט, אַז די צושטענדען דאָרט זיינען באַדייטענד ערגער איידער ביי אונז, און אַז די וואָס וועלען האַנדלען געגען זיינע באַפעהלען וועט ער אריבערשיקען אויף דער „סאַקסאָניאַ". אָט די דראָהונג האָט, אמת, גרעסטענטיילס צו־שטערט דעם גוטען איינדרוק פון זיין רעדע, אָבער נאָך די טרויע־ריגע ערפאַרונגען אין דער אָלימפּיאַ האָבען מיר די זאַך אויפגענו־מען לייכטער ווי מיר וואָלטען עס אונטער אַנדערע אומשטענדען געטאָן.

אַז איך בין צוריקגעקומען אין אונזער קאַיוטע, האָב איך גע־פונען לאַזאַראָוויץ'ן און גליק'ן אין אַ פאַרצווייפעלטער שטימונג. איינער פון זייערע לאַנדסלייט, אַ נאַרישער און שוואַכגייסטיגער מענש, האָט זיי ביידען פאַר'מסר'ט פאַר'ן אַדיוטאַנט, אַז זיי האָבען

גערויבערט אין דער קאַיוטע. דאָס רויבערן אין די קאַיוטען איז געווען שטרענג פאַרבאָטען, און די אָרעמע מענשען, וועלכע האָבען זיך יעדענפאַלס ניט געפיהלט גאַנץ זיכער, האָבען געהאַט יעדען גרונד צו זיין טרויעריג. איך האָב זיי געגעבען מוט און זיי געזאָגט, ווי אזוי זיי זאָלען זיך פאַרהאַלטען. זיי זיינען אויך געווען צימליך געפאַסט ביי זיך, ווען מען האָט זיי באַלד נאָכדעם אָפּגעפיהרט צום פאַרהער. כ׳האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער צוריקקומען, און איך האָב שטילערהייט געהאָפט, אז זיי וועלען לייכט אָפּשניידען דערפון. אין א שטונדע ארום זיינען זיי ביידע צוריקגעקומען, און איך האָב גלייך פון זייער געזיכט געקאָנט אראָפּלעזען, אז די זאַך איז ניט גלאַט אָפּגעלאָפּען. זיי האָבען געלייקענט און גע׳טענה׳ט, אז זיי זיינען ניט שולדיג, אָבער דער מוסר האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי זיינס. דער אדיוטאַנט האָט זיי, אמת, ניט געגעבען קיין די־רעקטע שטראָף, אָבער דערפאַר האָט ער באַפוילען, אז די צוויי גע־פאַנגענע זאָלען גלייך ארויס פון דער קאַיוטע און אריבערציהען אין דעם גרויסען שלאָף־זאַל מיט די 106 בעטען. דאָס איז געווען א שטאַרקער קלאַפּ פאַר די צוויי אָרעמע מענשען, ווייל עס איז זיי געווען זעהר שווער זיך פון מיר צו שיידען. איך האָב גערעדט מיט׳ן פיהרער פון אונזער אָפּטיילונג איבער דער אָנגעלעגענהייט, אָבער ער האָט אויך פאַרלויפיג גאַרנישט געקאָנט טאָן אין דער זאַך, אָהן זיך צו קאָמפּראָמיטירען. האָב איך אלזאָ די צוויי מענשען גע־טרייסט און זיי פאַרזיכערט, אז איך וועל אויך ווייטער ניט פאַר־געסען אָן זיי. דאָס שלים־מזל פון די אָרעמע מענשען האָט מיר שטאַרק פאַרדריקט ביים הארצען, און ווידער אמאָל איז איבער מיר געקומען יענעם געפיהל פון גרענצלאָזער אָהנמאַכט, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון די נעקסטע יאָהרען נאָך געמוזט אזוי אָפט דורכ־מאַכען.

מיר זיינען אלזאָ געווען ביידע — קאַרל און איך — אליין אין דער קליינער קאַיוטע; אָבער אזוי ווי דיזעלבע איז געווען באַשטימט פאַר פיער פערזאָן, האָבען מיר געמוזט מורא האָבען, אז מיר וועלען באַלד קריגען נייע קוואַרטיראַנטען. מיר האָבען עס דערפאַר גע־

האַלטען פאַר ראַטזאַמער, זיך אַליין אומצוקוקען און ניט איבערלאָזען דעם אויסוואַהל פון אונזערע צוקינפטיגע שלאָף-קאַמעראַדען פאַר דעם בלינדען צופאַל. דער פיהרער פון אונזער אָפּטיילונג, א פריינדליכער, אנגענעמער מאַן, האָט גאָרנישט געהאַט איינצואווענדען דאַגעגען. איך האָב גלייך איבערגערעדט מיט ערנסט'ן, וועלכער איז, פאַרשטעהט זיך, געווען זעהר צופרידען, צו קאָנען וואוינען מיט מיר צוזאַמען. דער פערטער אין דער קאָמפּאַניע איז געווען א יונגער בוכהענדלער, א רוהיגער און איינפאַכער מענש. אזוי איז אַלזאָ די וואוינונג-פראַגע פאַרלויפיג געווען געלייזט; מיר האָבען זיך איינגעאָרדענט אזוי באַקוועם ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט און מיט א לייכטערן געמיט געוואַרט אויף ווייטערדיגע ענטוויקלונגען.

ס'איז געווען דעם זעקסטען טאָג נאָך אונזער אָנקומען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד". דאָס וועטער איז געווען אויסערגעוועהנליך שטורמדיג, און דער ים האָט שטאַרק גערוישט, אזוי אז מאַנכע פון אונזערע ליידענס-חברים האָבען געליטען פון דער זעע-קראַנקהייט. פון דערהיים האָב איך נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין שום נאַכריכט און צוליעב די מאַנגעלהאַפטע פּאָסט-פאַרהעלטענישען גאָרנישט געקאָנט ערוואַרטען פאַר די נעקסטע פינף אָדער זעקס טעג. אזוי ווי עס איז צוליעב'ן וועטער געווען אוממעגליך צו זיין אויף'ן פאַרדעק, בין איך געזעסען מיט ערנסט'ן אין א ווינקעל פון דעם גרויסען עסס-זאַל און האָב גערויכערט מיין ליולקע. פּלוצלינג האָב איך דערהערט ווי מען רופט מיין נאָמען. כ'האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן א סאָלדאַט, וועלכער איז געקומען נאָך מיר. כ'האָב זיך געגעבען צו דערקענען, און ער האָט מיך אויפגעפאָדערט צו געהן מיט איהם אויף'ן פאַרדעק, ווייל דער אַדיוטאַנט וויל מיט מיר רייי דען. ווען מיר זיינען אַרויפגעקומען אויף'ן צווייטען דעק, האָט זיך דער ווינט מיט אַלע כוחות א לאָז געטאָן געגען אונז, אזוי אז מיר האָבען קוים געקאָנט מאַכען א טריט פאָרווערטס. דער סאָלדאַט האָט מיך צוגעפיהרט צו א גרופּע פון אָפיצירען, וועלכע האָבען זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן דער וואַנט פון שיף און אַרויסגעקוקט אין דעם שטורמישען ים. ווען דער אַדיוטאַנט, וועלכער האָט זיך

געפונען צווישען זיי, האט מיך דערזעהן, האט ער מיר מיט גרויס פריינדליכקייט געזאגט, אז מיין פרוי איז געקומען פון דער לאנדונגס־בריק אין א קליין שיפעל, כדי זיך צו זעהן מיט מיר, אבער צוליעב די שטארקע כוואליעס קאן זיך דאס שיפעל ניט אפשטעלען. ער האט נאך ניט געהאט געענדיגט צו ריידען, ווען דאס שיפעלע האט מיט א ווילדער געשווינדקייט פארבייגעשאסען אומגעפעהר זעקס ביז אכט מעטער ווייט פון אונזער שיף. איך האב בלויז צייט געהאט צו דערקענען מיין פרוי, וועלכע איז געזעסען אין מיטען שיפעל און מיט זוכענדע אויגען ארויפגעקוקט צום דעק. זי האט מיך גלייך באמערקט און פריינדליך ארויפגעוואונקען צו מיר. כ'האב אויך געזעהן, ווי איהרע ליפען האבען זיך באוועגט, אבער דער ווינט האט פארשלונגען איהרע ווערטער, און גלייך נאכדעם איז דאס שיפעל פארשוואונדען פון מיינע אויגען. אין עטליכע מינוטען ארום האט עס זיך ווידער באוויזען, דאס מאל נאך נעהנטער ווי דאס ערשטע מאל. מילי האט געמאכט א פארצווייפעלטע אנשטרענגונג זיך צו לאזען הערען, אבער איהר שטימע האט ניט געקאנט ביישטעהן געגען דער מאכט פון דעם שטורם. נאך צעהן אדער צוועלף מאל האט דאס קליינע שיפעל ארומגעקרייזט אונזער שיף, ביז וואנען דער שטייערמאן האט אויסגענוצט א גינסטיגען מאמענט און שנעל ווי א פייל פון בויגען צוגעשוואומען צום לייטער פון שיף. די באוועגונג איז געווען אזוי שטארק, אז דאס שיפעל האט זיך געקאנט לייכט איבערקערען, אבער עס האט אויסגעהאלטען און אט איז עס געלעגען אין א געזיכערטער לאגע ביי דער ברייטער זייט פון'ם שיף. איך בין די גאנצע צייט געשטאנען ווי בארוישט. די זאך איז מיר געקומען אזוי אומגעריכט, אז איך האב כמעט ניט געוואוסט וואס דא קומט פאר. ערשט ווען דאס קליינע שיפעל איז געלעגען טיעף אונטער מיר, האב איך זיך אויפגעכאפט פון מיין האלב־צומישטען צושטאנד. א פלעצליכער שרעק האט מיך דורכגענומען, ווארים אצונד איז מיר ערשט קלאר געווארן, אין וואס פאר א געפאהר מיין מוטיגע פרוי האט זיך פון מיינעטוועגען אריינגעווארפען. ווי לייכט האט דאס שוואכע שיפעלע געקאנט צושלאגען ווערן אין אט דעם

שטורם. בלויז ביי דעם געדאַנק אליין וועגען דער דאָזיגער מעגליכקייט איז מיר דאָס בלוט אין די אָדערן פֿאַרגליווערט געוואָרן.

ווען איך האָב אַלזאָ אַרונטערגעקוקט אין שיפֿעל, האָב איך געזעהן מילי'ן שטעהן אין מיטען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און שטראַלענדע אויגען. די אָרעמע איז געווען אין גאַנצען דורכגענעצט, וויל די כוואַליעס האָבען די גאַנצע צייט פֿון דער ווילדער רייזע געהאַלטען אין איין שמייסען איבער די שמאָלע ראַנדען אין שיפֿעל אריין. מען האָט איהר ניט ערלויבט אַרויפֿצוקומען, מחמת דאָס וועטער האָט נאָך געקאָנט ערגער ווערן און זי וואָלט דאַן געמוזט בלייבען איבער נאַכט אויף'ן שיף. אויך מיר האָט מען ניט ערלויבט אַראָפּצוגעהן איבער די טרעפּ פֿון לייטער צו איהר, און אַזוי האָבען מיר זיך געמוזט ווי עס איז באַנוגענען דערמיט וואָס מיר האָבען זיך צוגעשריגען איינס דאָס אַנדערע עטליכע ווערטער, וועלכע זיינען אָבער פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון'ם שטורם. נאָך עטליכע מינוטען האָט זיך דאָס שיפֿעל ווידער גענומען ריהרען און האָט אוועקגערודערט צוריק צו דער לאַנדונגס־בריק, וועלכע האָט זיך געצויגען איבער א מייל לאַנג פֿון סויטענד אין ים אריין. מיט ברענענדע אויגען און מיט א קלאַפּענדען האַרצען האָב איך געקוקט אויף דאָס צוריקפֿאַהרענדע שיפֿעל, וואָס האָט געשוועבט ווי א פֿעדער אויף די ווייסע, שוימענדע כוואַליעס. מילי האָט געהאַלטען אין איין פֿאָכען מיט א ווייס טאַשענטיכעל צו מיר, אָבער איך בין קוים אימשטאַנד געווען איהר צו ענטפֿערן אויף איהר גרוס, וואָרים אַן אומהיימליך געפֿיהל האָט מיך דורכגענומען און מיך שיער ניט דערשטיקט. ערשט ווען איך האָב דערזעהן, אַז דאָס שיפֿעל האָט באַלד דערגרייכט די לאַנדונגס־בריק, האָב איך געפֿיהלט, ווי א גרויסע ערלייזונג איז איבער מיר געקומען, און אַן אומענדליכע פֿרייד האָט מיך באַהערשט. — די ליעבע, גוטע נשמה. וואָס וואָלט זי ניט אַלעם געטאָן, כדי מיר צו פֿאַרשאַפֿען די קלענסטע פֿרייד! כאָטש איך האָב ניט געהאַט די מעגליכקייט צו ריידען מיט איהר, האָב איך גאַנץ לייכט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען און פֿאַרוואָס זי האָט זיך ענטשלאָסען צו מאַכען די ריזיקאַלישע רייזע. דעם

זעלבען טאָג, ווען מיר זיינען אריבערגעפיהרט געוואָרן קיין סויטענד, איז זי געווען אין דער אָלימפּיאַ, און אזוי ווי זי האָט מיך דאָרט ניט געטראָפען, האָט זי זיך גאָר אָהן צערעמאָניעס געווענדט צום קאָמאַנדיר, כדי צו דערגעהן וואוהין מען האָט מיך אריבערגעשיקט. דערנאָך האָט זי גלייך געשריבען א בריף צו דעם קאָמאַנדיר פון׳ם „ראָיאַל עדוואַרד" און געבעטען אַן ערלויבעניש מיך צו באַזוכען. אַזוי ווי די ערלויבעניש איז אָנגעקומען, האָט זי גאָר ניט איבערגעטראַכט און איז גלייך געפאָהרען קיין סויטענד, ניט קוקענדיג אויף דעם מורא׳דיגען שטורם וואָס האָט כמעט אין גאַנצען צונישט געמאַכט איהר פּלאַן מיך צו זעהן. — מיט וואָס פאַר געפיהלען האָט זי געמוזט צוריקפאָהרען קיין לאָנדאָן! אָבער זי איז אַלע מאָל געווען א בראַווע נאַטור, און איך האָב געוואוסט, אַז איהר שטאַרקע זעלע וועט בלייבען מוטיג געגענאיבער אַלע צרות און אומגערעכטיגקייטען.

איך וויל דאָ ניט פאַרגעסען צו דערמאָנען א קליינעם עפּיזאָד, וואָס קאָן אויך פון אַן אַנדער זייט באַלייכטען די באַקוועמליכקייטען פון אַזאַ מאַסענגעפאַנגענשאַפט. גלייך אין דער ערשטער נאַכט, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין אונזער קאַיוטע, האָב איך געשפּירט א מאָדנע בייסעניש איבער׳ן גאַנצען קערפּער, וואָס האָט מיר קיין רוה ניט געגעבען. מיין ערשטער געדאַנק איז נאַטירליך געווען: לייז. אַזוי גיך ווי ס׳איז טאָג געוואָרן, האָב איך גלייך אונטערזוכט מיינע וועש, כ׳האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט געפינען. פון פאָרזיכטיגקייט וועגען האָב איך זיך ארומגעוואַשען דעם גאַנצען קערפּער מיט ים־וואַסער און אָנגעטאָן פרישע וועש. אָבער ביינאַכט איז די בייסעניש פון דאָס ניי געקומען, אַזוי אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבען. אויף מאָרגען האָב איך ווידערהאָלט דיזעלבע זאַך ווי מיט א טאָג פריהער און ווידער אָהן ערפאָלג. איך האָב זיך אַלזאָ דורכגעשמועסט מיט ערנסט׳ן איבער דער זאַך, אָבער ער האָט די געשיכטע אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד און ערקלערט, אַז די בייסעניש האָט געמוזט קומען פון דעם פאַרענדערטען קלימאַט און באַזונדערס פון דער שאַרפער ים־לופט. אָבער ווען די

דריטע נאַכט איז געקומען, איז די בייסעניש געוואָרן אזוי שטאַרק, אַז איך האָב ניט געקאָנט צומאַכען קיין אויג און מיט בייזקעניש געוואַרט עס זאָל שוין טאָג ווערן. נאָכדעם ווי איך האָב נאָך אַמאָל גרינדליך אונטערזוכט מיינע וועש און ווידער גאָרנישט געקאָנט געפינען, איז מיר פּלוצלינג אַרויף אויף'ן געדאַנק, אַקאָרשט א קוק צו טאָן אויך אויף די דעקעס און זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך. מען קאָן זיך פאָרשטעלען מיין שרעק, ווען איך האָב געפונען, אַז די דע־קעס זיינען פול מיט לייז; זאָגאר מיין אייגענע פּריוואַט־דעקע וואָס איך האָב מיטגעבראַכט א ריינע פון דער אָלימפּיא, איז געווען פולשטענדיג פארלייזיגט, אַזוי אַז איך האָב זי גלייך אריינגעוואָר־פען אין ים. מען האָט מיר אָלזאָ, בעת איך בין אָנגעקומען אהער, געגעבען פארלייזיגטע דעקעס, ווי איך האָב עס לײדער צו שפּעט געמוזט אויסגעפינען. כ'האָב געפיהלט אזוי ווי א דונער וואָלט מיך געטראָפען, און הגם אַזאַ זאַך האָט געקאָנט פּאַסירען מיט יעדען איינעם, איז מיר דאָך געווען פּיינליך, באַקאַנט צו מאַכען מיינע דריי חברים מיט מיין ענטדעקונג. זיי האָבען זיך געוויס ניט באַ־צויגען גלייכגילטיג צו דער זאַך, דאָך האָבען זיי עס אויפגענומען מיט גוטמוטיגקייט, און מיר האָבען זיך אַלע פיער גלייך אוועקגע־לאָזט אויף דער יאַגד. ס'איז געווען א הערליכע סצענע, און ערנסט האָט שטאַרק באַדויערט וואָס מיר האָבען ניט געקאָנט זיך דערביי לאָזען פאָטאָגראַפירען. ניט קוקענדיג אויף דער גרינדליכסטער אונטערזוכונג האָבען די אנדערע אַבסאָלוט גאָרנישט געקאָנט גע־פינען ביי זיך, אַזוי אַז איך בין פּאַקטיש געווען דער איינציגער וואָס האָט זיך געבאָדען אין איבערפלוס. מיר האָבען טיכטיג אויס־גערייניגט די גאַנצע קאַיוטע. אונזער אָפּטיילונגס־פיהרער, וועלכער האָט זיך פאַר מיר שטאַרק ענטשולדיגט, האָט געמוזט געבען פול־שטענדיג נייע בעט־צייג פאַר אַלעמען, און דערמיט האָט זיך געענ־דיגט אָט דער טראַגי־קאָמישער אינצידענט. אמת, אַז מיר זיינען נאָך מעהר ווי איינמאָל נאָכדעם געזעסען מיט אונזערע העמדער אין דער האַנד ביים עלעקטרישען לאָמפּ און מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאַם באַזוכט יעדעם פעלבעלע, אָבער צום גליק זיינען

אונזערע יאַגדס־פּראָבעס ניט געקרוינט געוואָרן מיט קיין שום ערפאָלג.

אַרום קריסטמאַס־צייט איז דאָס וועטער געוואָרן אייזיג־קאַלט און שטורמדיג, אַזוי אַז עס איז באמת ניט געווען קיין פאַרגניגען צו מוזען פאַרברענגען אויבען אויף׳ן פאַרדעק. ניט קוקענדיג דערויף זיינען מיר געווען געצוואונגען צו בלייבען יעדען אין דערפריה פון 8 ביז 11 אַזייגער אויף׳ן פאַרדעק, אָהן דעם מען זאָל האָבען די מינדסטע איינזעהעניש מיט די ליידען וואָס דאָס שלעכטע וועטער האָט פאַראורזאַכט, אָדער מיט דעם געזונט פון איינצעלנע געפאַנגענע. באַזונדערס האָבען די עלטערע לייט — און אַזעלכע זיינען געווען ניט ווייניג צווישען אונז — געמוזט ליידען אונטער דער דאָזיגער אומזיניגער פאָרשריפט. פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט ניט געקאָנט לאָזען די מענשען פאַרברענגען אונטען אין דער צייט, ווען מען האָט יעדען אין דערפריה געריינינגט די קאַיוטען, די קאָרידאָרען און די זאַאלען, אָבער פאַרוואָס האָט מען געמוזט די מענשען לאָזען שטעהן דריי אָדער פיער שטונדען אין ווינט און רעגען אָדער אין שניי־שטורם? אָט די איינפיהרונג האָט דורך קיין שום זאַך ניט געקאָנט גערעכטפאַרטיגט ווערן, ווייל דאָס ריינינגען האָט קוים געדויערט א שעה צייט. ס׳איז איינפאַך געווען מוטוויליגקייט, ווייטער גאָרנישט. אָבער סוף כל סוף איז דאָך אונזער גאַנצע געפאַנגענשאַפט געווען ניט מעהר ווי אַן אקט פון מוטוויליגקייט, וואָס מען האָט געזוכט צו רעכטפאַרטיגען אונטער דער מאַסקע פון נויטווענדיגקייט.

דער געבורטסטאָג פון מיין קינד איז געקומען, און מיט א שטילען אומעט האָב איך געטראַכט וועגען פאַרגאַנגענע טעג. ווי מאָדנע דאָס אַלעס איז געווען. מיינע דריי קאַמעראַדען זיינען געווען פאַרזונקען אין טיפען שלאָף, נאָר איך אַליין בין געלעגען וואַך אויף מיין געלעגער, און מיינע געדאַנקען זיינען געווען ביי מיינע ליעבע אין דערהיים. נו, האָב איך איהם ווידער געזעהן פאַר מיר, ווי ער שטעהט און געהט, כ׳האָב געזעהן זיינע גרויסע, פרעגענדע אויגען, פון וועלכע ס׳האָט מיר אַנטקעגען געשטראַהלט די זעלע פון מיין

פּרוי. וואָס וואָלט איך אצונד ניט געגעבען צו האָבען דעם קליי־נעם, הארציגען יונג כאָטש פאַר א ווײַלע נעבען מיר, איך זאָל איהם, ווי פריהער, קאָנען דערצעהלען עפּעס א וואונדערליך מעשה'לע פול מיט דופט און פאַרבען־פּראַכט, כדי זיין הערצעלע זאָל זיך לאָבען מיט דעם מילדען גלאַנץ פון יענער טרוים־וועלט, וועלכע איז דאָך אייגענטליך אָדער האָט יעדענפאלס געזאָלט זיין די וועלט פון'ם קינד. דאָס קינד ליעבט דאָס וואונדערליכע, איז עס דאך אליין די הערליכסטע וואונדער־בליהונג אויף'ן בוים פון'ם לעבען. מיר דער־וואקסענע פּראָזאאיקער פון'ם „געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד“ גע־העז שטענדיג צו צו דעם וואונדערבארען מיט אפּיקורסות, מיט אומ־גלויביגען סקעפּטיציזם, און מיר שאָקלען ערנסט מיט'ן קאָפּ, ווען מיר פיהלען ווי זיין הויך נעהמט אונז ארום. אונזער זעלע איז פאַר־הארטעוועט און פאַרטעמפּט געוואָרן אין דעם קליינליכען קאַמף פאַר'ן טעגליכען ברויט, און צייטענווייז קלערען מיר זיך אוים עפּעס א וואונדער, כדי זיך דערמיט צו באַרוישען. אין בעסטען פאַל איז דאָס וואונדערבארע און אומוואַרשיינליכע פאר אונז א מיטעל צום צוועק, א באַטויבונגס־מיטעל געגען די אומערטרעגליכע דומהייט פון'ם אלטעגליכען. מיר האָבען פאַרגעסען, ווי אזוי צו מאַכען פון'ם לעבען א קונסט, אָדער פיליכט האָבען מיר גאָר אָט די פעָ־היגקייט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט. פאַר דאָס קינד אָבער איז דאָס וואונדערליכע דאָס נאַטירליכע, דער אומבאַוואוסטער צוועק פון'ם לעבען. דערפאַר דאַרפען מיר קיינמאָל ניט מיט דער אומגעלומפּער־טער און זעלבסטצופרידענער אייטעלקייט פון'ם „ערציהער“ פּרוא־ווען שטערען די זעלטענע קרייזען פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע; עס קומט דערפון ארויס בלויז קלעגליכע פאַרטאַטשקע ארבייט.

א געפיהל פון פרייד האָט מיך דורכגענומען, די רויהע טאָג־טעגליכע ווירקליכקייט איז געלעגען ווייט הינטער מיר, און מיינע געדאַנקען האָבען זיך געוויגט אין פאַר'חלום'טע ווייטע וועלטען. פּלוצלינג איז צו מיר ווי פון פאַרנעפּעלטע ווייטקייטען ווידער גע־קומען יענעם שרעקליכע געוויין, ווי אין יענעם אָווענט, ווען זיי זיינען געקומען נאָך מיר. גאַנץ דייטליך האָב איך עס געהערט,

און מיין הארץ איז מיר פארדריקט געוואָרן אין טעמפּען שמערץ. ניין, ניין, מען טאָר קיינמאָל אַ קינד'ס זעלע ניט טרעטען מיט די פיס. מען טאָר עס ניט — ס'איז מאָרד, מורא'דיגער און גרויזאַמער איידער מאָרד.

איך האָב שוין געהאַט געמאַכט פארשידענע באַקאַנטשאַפטען, צווישען זיי עטליכע זעהר אינטערעסאַנטע. פינף אָדער זעקס טעג נאָך מיין אָנקומען האָט מיך ערנסט אריינגעפיהרט אין אַ קליינעם רויך־צימער אויף'ן הינטערשטען דעק פון שיף, וואו אומגעפעהר צוואַנציג ביז פינף און צוואַנציג מאַן פלעגען זיצען צוזאַמען יעדען אָוועגט און רויכערענדיג און שמועסענדיג פארטרייבען די פּאָר שטונדען פאר'ן שלאָפען געהן. די מעהרצאָהל פון די אָנוועזענדע איז באַשטאַנען פון דייטשע מאַטראָזען, וועלכע מען האָט גלייך ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה געפאַנגען אויף פארשידענע שיפען און זיי דערנאָך אינטערנירט. אחוץ זיי זיינען דאָ געוועזען פארטראָטען ארבייטער פון אַנדערע פאַכען, ווי אויך אייניגע העררן, וועלכע האָבען ניט געהערט צו דעם ארבייטער־קלאַס. דער גרעסטער טייל פון די געשפּרעכען, ווי מען האָט עס גאָר אַנדערש ניט געקאָנט ערוואַרטען, האָט זיך יעדען אָוועגט געדרעהט ארום דער מלחמה. די שטימונג פון די מענשען איז געוועזען אַקוראַט דיזעלביגע ווי אין דער אָלימפּיאַ — הויכגראַדיג נערוועז און איבער דער מאָס פּאַטריאָטיש. אַזוי ווי אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד" איז געוועזען פונקט אַזוי שטרענג פארבאָטען צו באַציהען צייטונגען ווי אין דער אָלימפּיאַ, האָבען נאַטירליך אויך דאָ ארומגעקישעט די שרעקליכסטע קלאַנגען, וועלכע זיינען פארשלונגען געוואָרן מיט אַ ווילדער גיעריגקייט פון די מעהרסטע געפאַנגענע.

אין דער ערשטער צייט האָב איך דאָ אין דעם רויך־צימער פיגורירט בלויז אַלס שטומער צוהערער. ס'האָט מיך פריהער פון אַלץ אינטערעסירט זיך נעהנטער צו באַקענען מיט די מענשען, זיי צו באַאָבאַכטען און דערפאָרשען די אינערליכע אורזאַכען פון זייער מאָמענטאַנעם פּסיכישען צושטאַנד. מיינע באַאָבאַכטונגען האָבען

מיר אויך דאָ ווידער געפיהרט צו דעם זעלבען רעזולטאַט ווי אין דער אָלימפּיאַ. אַפּגעזעהן פון עטליכע קליינע אויסנאַמען, איז דער גאַנצער הויכגראַדיגער און אין געוויסע פעלען איינפאַך היסטערי־שער פּאַטריאָטיזם פון די דאָזיגע מענשען ניט געווען קיין אנדער זאַך ווי נאָר דער אויסדרוק פון זייער פערזענליך באַליידיגטען גע־פיהל פון גערעכטיגקייט. די מעהרסטע פון זיי זיינען אין אָנפאַנג פון זייער געפאַנגענשאַפט באַהאַנדעלט געוואָרן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און צו אָפט ליידער מיט אויסערגעוועהנליכער ברוטאַ־ליטעט, איידער זיי זיינען אהער געבראַכט געוואָרן. מיט גרויס אינטערעס פלעג איך יעדען אָווענט זיך צוהערען צו די ערצעהלונ־גען פון די דאָזיגע מענער איבער די מורא'דיגע, כמעט אומבאַגרייפ־ליכע יסורים און אונטערדריקונגען וואָס זיי האָבען געמוזט אויס־שטעהן אין דער ערשטער צייט פון זייער געפאַנגענשאַפט. כ'האָב געהערט ריידען בלויז פון איין איינציגער בארימטער אויסנאַמע, וועלכע האָט זיך באַצויגען אויף די פאַרהעלטעניסען אין דעם אינ־טערנירטען־לאַגער פון דער שטאָדט יאָרק.

דאָס מיינט ניט, אַז די דייטשע געפאַנגענע אין יאָרק האָבען געלעבט אונטער בעסערע מאַטעריעלע און סאַניטאַרע באַדינגונגען, איידער ערגעץ אַנדערש. דערפון האָט איבערהויפּט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין אין דער ערשטער צייט פון דער גרויסער דייטשען־העצעריי, ווען די פּאָליציי האָט ניט אויסגעקליבען, נאָר האָט אינ־טערנירט יעדען איינעם וואָס איז איהר געקומען אונטער דער האַנד. די געפאַנגענע אין יאָרק זיינען געהאַלטען געוואָרן אין אַלטע, האַלב איינגעפאַלענע אייזענבאַהן־שטאַלען, וואו זיי זיינען געווען אויסגע־זעצט די ווינטען און קעלטען און אַלע אַנדערע איבלען פון'ם שלעכ־טען וועטער. אויך זיינען די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין יאָרק אויף קיין פאַל ניט געווען בעסער ווי אין דער אָלימפּיאַ, מיט דער איינציגער, אָבער יעדענפאַלס אומשאַצבאַרער אויסנאַמע וואָס די געפאַנגענע האָבען זיך דאָרט דעם גאַנצען טאָג געקאָנט אויפהאַל־טען אין דער פרייער לופט, דאָס וואָס איז אין דער אָלימפּיאַ געווען אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען. אָבער דער קאָמאַנדיר פון'ם לאַגער אין

יארק איז געווען א בראווער, הומאן־דענקענדער מאן, וואס האט גענומען זיין אויפגאבע ערנסט און געזוכט אזוי ווייט ווי ס'איז נאר געווען אין זיינע כוחות צו פארלייכטערן דעם גורל פון די ארעמע געפאנגענע. ער פלעגט טאג־טעגליך ארומגעהן צווישען זיי און האט שטענדיג געהאט אפענע אויערען פאר זייערע קלאגען און קריוודעס. מענשען וואס האבען פיעל געליטען זיינען געווענליך אומגערעכט אין זייער אורטייל, און די לייט פון יארק האבען געמוזט אריבערטראגען אזעלכע צרות וואס קאנען פון ריין מענשליכען שטאנדפונקט ניט גערעכטפארטיגט ווערן. עס פרעהט מיך דערום נאך מעהר צו קאנען דא קאנסטאטירען, אז איך האב קיינמאל ניט געהערט קיין ווארט פון טאדעל געגען דעם קאמאנדיר פון יארק. דאס איז אהן א שום ספק דער בעסטער אטעסטאט און דער העכסטער לויב וואס האט געקאנט געגעבען ווערן אט דעם מאן. פון יענע מורא'דיגע און געמיינע ברוטאליטעטען, ווי זיי זיינען טאג־טעגליך פארגעקומען אין דער אלימפיא און לײדער אויך אין אנדערע לאגערן, האט מען אין יארק גארנישט געוואוסט. די אלגעמיינע לאגע, אזוי ווייט ווי עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די מאטעריעלע און סאניטארע פארהעלטענישען, איז אויך אין יארק געווען זעהר שלעכט, דאך זיינען די געפאנגענע וועניגסטענס באהאנדעלט געווארן אלס מענשען און ניט אלס געזעלשאפטליך אויסגעשטויסענע, וועלכע זיינען פאקטיש געווען פויגעל־פריי און געמוזט אננעמען פאר ליעב, אהן ווידערשטאנד, יעדע באליידיגונג פון זייער מענשליכער ווירדע.

הגם איך בין נאך ווייניג וואס באקאנט געווען מיט די מענשען, וועלכע פלעגען זיך יעדען אווענט צוזאמענקלייבען אין דעם קליינעם רויך־צימער, און איך האב אויך דאס רוב ניט געקאנט איינשטימען מיט זייערע אנזיכטען, האב איך זיך דאך געפרעהט מיט זיי. באזונדערס זיינען מיר געפעלען די מאטראזען. זיי זיינען כמעט אלע געווען דרייסטע, וועטער־שטארקע מענער מיט אויסגעשפראכענער אפענהארציגקייט. דאס אויסערליכע פון אט די מענשען איז, אמת, געווען צימליך רויה, און מען האט ניט געדארפט וועגען מיט גאלד יעדעם ווארט וואס זיי האבען ארויסגעבראכט פון מויל, אבער זייער

עהרליכער כאַראַקטער האָט מיך דערפרעהט, און זייער רויהע גוטמוטיגקייט האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגען.

איין אָווענט, ווען מיר זיינען ווידער געזעסען צוזאַמען אין אונזער קליינעם צימער, גערויכערט אונזערע ליולקעס און ווי געווענליך געשמועסט איבער די אויסזיכטען פון דער מלחמה, האָבען די איבערטריבענע פּאַטריאָטישע פראַזען פון א מאַן, וועמען איך האָב צום ערשטען מאָל באַמערקט דאָ אין אונזער קליינעם קרייז, אַזוי שטאַרק דערוועקט מיין אינערליכען ווידערשפּרוך, אַז איך האָב זיך מעהר ניט געקאָנט צוריקהאַלטען און איך בין אָפּען ארויס געגען איהם. ווען איך האָב דעם פייערדיגען פּאַטריאָט אויף א גאַנץ שאַרפען אופן ארויסגעזאָגט מיינע אַנזיכטען, איז פּלוצלינג ענטשטאַנען א מערקווירדיגע שטילקייט צווישען די אַנוועזענדע, וואָרים איך האָב אַנגעריהרט א זעהר אַנגעווייטאָגטען און אונטער די דאַמאָלסדיגע אומשטענדען זעהר דעליקאַטען פּונקט. אַלע האָבען זיך צוגעהערט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט צו מיינע ווערטער און איך האָב אויף זייערע פּנים'ער באַמערקט א זעלטענע ערשטוינונג, וועלכע איז נאָך אַלץ קענטיג געווען אויף זיי, זאָגאַר דאַן ווען איך האָב שוין לאַנג געהאַט געענדיגט מיין רעדע. איך האָב זיך ניט באַהאַלטען מיט מיינע געדאַנקען און געפיהלען און פריי און אָפּען ארויסגעזאָגט דאָס וואָס איך האָב געדענקט וועגען דעם אומגליקליכען קריג און זיינע אורזאַכען. דאָס איז געווען א גאַנץ נייע נאָטע אין דעם דאָזיגען קרייז, וואו אַלצדינג וואָס האָט געהאַט א שייכות צו דער מלחמה, איז געווען געשטימט מעהר אָדער וועניגער אויף איין טאָן. ביסלאַכווייז האָט זיך ענטוויקעלט א קליינע דעבאַטע, אין וועלכער פאַרשידענע פון מיינע ליידענס־חברים האָבען אנטייל גענומען. איך האָב זיי דערקלערט מיינע אַנזיכטען מיט דער גרעסטער צופרידענקייט און עס האָט מיך אויך געפרעהט צו באַמערקען, אַז מאַנכע פון זיי האָבען זיך פאַרטראַכט וועגען דעם וואָס איך האָב געזאָגט. יענעם אָווענט איז דער סיגנאַל צו געהן שלאָפען אונז געקומען צו פריה, און איך האָב געפיהלט אינסטינקטיוו, אַז דאָס געשפּרעך אי־

בער די פּונקטען, וואָס איך האָב אויפגעוואָרפען, וועט נאָך אויף א היבשער ווײלע פאַרטגעזעצט ווערן אין די אײנצעלנע קאַיוטען.

נו, האָבען מיר געהאַט ווייהנאַכטען. „פרידען אויף דער ערד און וואוילזײן פאַר די מענשען!“ ניט ווילענדיג זײנען מיר ארויף אויף'ן זינען היינע'ס ווערטער: „אומעטיגע אָרגעל־מוזיק און פייערליכע גלאָקען־קלאַנגען — די לעצטע זיפצען פון'ם שטאַרבענדען קריסטענטום“.

אָרעמער נוצרי! דײנע בלינדע צײטגענאָסען האָבען דײן קראַנקען גוף צום קרייץ צוגעשלאָגען, אָבער דײנע אָנערקענטע פאַרטרעטער פון הײנט קרייציגען די נשמה פון דײן לעהרע, און זעלען־מאָרד איז שוידערליכער ווי די קרייציגונג פון'ם קערפּער. דאָס וואָס מען האָט דיך צווישען צוויי פאַרברעכער געפּייניגט און דיר ארויסגעצויגען די גרויסע זעלע פון'ם קערפּער, איז געווען א גרויזאַמער שפּאַט, אָבער דאָס וואָס די פאַרברעכער, די רויבער פון הײנט רעגירען אין דײן נאָמען די וועלט מיט'ן בלוטיגען צעפּטער — דאָס איז דער שוידערליכער שלום־אַקט פון דער טראַגעדיע.

נעכטען האָבען זיי געפייערט דעם „הייליגען אָוונט“ אין גרויסען זאַל מיט פּאַטעטישע רעדעס און ביליגע צעשטדייאונגען. יעדער אָנוועזענדער האָט געקריגען א פּאָר קלײניגקײטען אלס קריסטמאַס־פּרעזענט או׳ אזוי האָט מען זיך אויף עטליכע שטונדען אָפּגענאַרט און אוועקגעריסען פון דער גרויזאַמער ווירקליכקײט. וואויל צו זיי. זייערע וואונשען זיינען ניט געווען צו גרויס, און פיליכט איז עס גוט אזוי, וואָרים עס וואָלט געווען שרעקליך, ווען עס וואָלט אנדערש געווען.

איך אָבער בין אין דעם הייליגען אָוונט געבליבען אליין אין מײן ענגען קעמערל און האָב בלויז ווי פון ווייטער ווייטקײט געהערט די הײזעריגע קלאַנגען פון דער מוזיק און די טעמפּע מורמלערײ פון דער מאַסע. אליין בין איך געווען, אײנער אליין, דאָס ערשטע מאָל זינט יענער נאַכט, ווען זיי האָבען מיך מיט געוואַלט אוועקגעריסען פון'ם קרייז פון די מײניגע. א באַנגליקענד געפיהל איז איבער מיר געקומען; כ'האָב געפיהלט, אזוי ווי איך וואָלט

פּלוצלינג באפרייט געוואָרן פון אַלע זאָרגען. האָב איך דאָך אין פאַרלויף פון מיין ביזאָהעריגער געפאַנגענשאַפט קיינמאָל ניט גע־האַט די געלעגענהייט, און זאָל עס זיין כאָטש אויף א קורצער האַל־בער שעה, צו בלייבען אליין. איך בין קיינמאָל ניט געוועזן קיין איינזידלער, קיין אָפּגעזונדערטער; אין גענענטייל, איך גלויב זאָ־גאר, אז בטבע בין איך אַן אויסגעשפּראָכען געזעלשאַפטליך גע־שטימטער כאַראַקטער. ניט קוקענדיג דערויף איז דאָס שטענדיגע, אומאויפהערליכע צוזאַמענלעבען מיט אַנדערע מענשען ביי מיר אין די אויגען געווען איינע פון די ערגסטע זייטען פון דער געפאַנגענ־שאַפט. דער פולשטענדיגער מאַנגעל פון וואָס פאַר עס איז פּריי־וואַט־לעבען קומט מיר אוים צו זיין די גרוזאמסטע פּייניגונג וואָס מען קאָן איבערהויפּט אָנטאָן אַן אינטעליגענטען מענשען. איך בין פעסט איבערציינגט, אז דאָס סיסטעם פון דער איינצעלהאַפט קאָן סוף כל סוף ניט האָבען קיין גרויזאַמערע ווירקונג איידער דאָס דאָ־זיגע געצוואונגענע צוזאַמענלעבען מיט מענשען, ביי וועמען מען האָט אין יעדען פּרט צוגענומען דאָס רעכט פון זייער אינדיווידועלער עקזיסטענץ.

נו, האָב איך ענדליך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו זיין אליין אויף עטליכע שטונדען; כ'האָב געקאָנט שווימען, זיך באָדען אין מיין איינזאַמקייט, כ'האָב געקאָנט חלום'ן מיט אָפענע אויגען און אָפּלאָזען מיינע געדאַנקען, זיי געבען די פולע פרייהייט צו לויפען וואוהין זיי ווילען. אלע ערינערונגען און פאַרגאַנגענע טעג זיינען אויפגעשטיגען פון מיין זעלע און זיך ענטוויקעלט מיט פּלאַס־טישער דייטליכקייט פאַר מיינע אויגען. מיט שטילען אומעט האָב איך געטראַכט פון די ליעבע דאָרט אין דערהיים; האָב איך דאָך געוואוסט, אז זייערע געדאַנקען זיינען גראָד היינט מעהר ווי ווען עס איז באַשעפטיגט מיט מיר. אָבער אַט די פאָרשטעלונגען האָ־בען דורכאויס ניט אַרויסגערופען אין מיר קיין שום ביטער אָדער פאַרצווייפעלט געפיהל; כ'האָב אליין ניט געוואוסט באַשטימט וואָס דאָס איז, נאָר איך האָב בלויז געפיהלט א מין מיעדע אונטער־ווארפונג. אַן אומבאַשרייבליכע, זיסע רוה האָט אָנגעפילט מיין

זעלע; ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אזוי ווי עס וואָלט געלעגען א גאַנצע אייביגקייט צווישען מיר און דער איבעריגער וועלט. א טיעפע, פייערליכע שטימונג האָט מיך באַהערשט, ווי איך האָב זי ביז אַהער בלויז אין זעלטענע שטונדען געפיהלט. פּלוּצלינג איז מיין בליק געפאַלען אויף די עטליכע ביכער, וועלכע איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער געפאַנגענשאַפט. די גאַנצע צייט זיינען זיי געשטאַנען אומבאַנוצט, וואָרים ס׳איז מיר ביז איצט ניט געלונגען צו קאָנען קאָנצענטרירען מיינע געדאַנקען אויף א גוט בוך, אזוי אז איך האָב צולעצט שוין מעהר גאָר קיין פארזוך ניט געמאַכט דערצו. היינט אָבער האָב איך געפיהלט, אז איך קאָן דאָס טאָן, און א געפיהל פון פרייד האָט דורכגעשטראָמט אין מיין גאַנצען קערפּער. כ׳האָב דורכגעקוקט די קליינע רייה פון די טיטלען, און מיין האַנד האָט אינסטינקטיוו א נעם געטאָן דעם „פאוסט“.

אצונד בין איך געלעגען אין מיין שטילער קאַיוטע, דער לאָמפּ האָט געוואָרפען זיין מילדען שיין אויף דאָס אויפגעעפענטע בוך אין מיין האַנד, און ווי א טרוים פון ווייטע וועלטען האָט די געוואַלטיגע פּאָעזיע א נעם געטאָן מיין זעל, כדי זי אריבערצופיהרען אין יענעם אומערגרינדליכען רייך, וואָס זיין נאָהנטקייט דערשפּירען מיר בלויז ווי אין א חלום אין די זעלטענסטע שטונדען פון אונזער איינזאַמקייט. קיינמאָל פריהער האָב איך זיך ניט אַזוי פייערדיג געהאַט פארטיעפט אין דעם גייסט פון׳ם מעכטיגען ווערק, ווי אין יענעם אומפאַרגעסליכען ווייהנאַכט־אָוועגט. א ווייטער גערויש האָט מיר אָפּגעקלונגען אין די אויערען ווי ווייטע אָרגעל־טענער; ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אזוי ווי איך וואָלט געהערט ווייטע וועלטען זיך ארומדרעהען אַרום מיר.

און איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אז „פאוסט“ איז געשריבען געוואָרן אין אן עהנליכער צייט ווי די היינטיגע, אין א צייט, ווען די קריגס־בעסטיע האָט געהאַט פארוויסט גאַנץ אייראָפּאַ, און דייטשלאַנד, בלוטענדיג פון טויזענד וואונדען, איז געלעגען צוריסען און צופּיצעלט אויף דער ערד, פארקויפט און פארראַטען פון איהרע

אַפּיציעלע באַשיצער — אַ בילד פון יאָמער און טיעפסטער ערנידעריגונג. אין יענער צייט האָבען מיר געקריגען דעם „פאוסט“. א באַפרייענדע טאַט פאַר אונזער לאַנד איז געווען דאָס ווערק פון זיין גרעסטען גייסט, וועלכער האָט געוואָלט אַרויספיהרען זיין פאָלק פון דער בלאָטיגער אַטמאָספּערע פון אַ יאָמערליכער ווירקליכקייט, כדי עס זאָל קאָנען שעפּען נייע כוחות פון פרישע לעבענס־קוואַלען און ווידער שטאַרק און געזונט ווערן. מיט וואָס פאַר אַ טיפער פאַראכטונג האָט דייטשלאַנד׳ס גרעסטער דיכטער געמוזט אַראָפּקוקען אויף די ליליפּוטען פון׳ם גייסט און פון דער נשמה, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז זיי מאַכען געשיכטע אין אַ צייט, ווען די געשיכטע האָט מיט אייזערנע סאַנדאַלען אַריבערגעשפּאַנט איבער זייערע פוסטע גאוה׳דיגע קעפּ. אַ נייע צייט איז אָנגעקומען, און זיי האָבען עס ניט געוואוסט, ביז וואַנען דער שטורם, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען אין מערב־אייראָפּא, האָט זיי אַראָפּגעקערט די פּאַריקען פון דעם פליכעוואַטען שאַרבען. ווער געדענקט זיי, ווער דערמאָנט זיך נאָך היינט אָן זיי? אפילו די קונסטפולסטע געשיכטס־פלוידעריי פון הויפישע היסטאָריקער קאָן שוין מעהר ניט גאַלוואַניזירען די שאָטענס פון זייערע קליינע נשמה׳לאַך און זיי ברענגען צו נייעם לעבען. אָבער „פאוסט“, דאָס מעכטיגע העלדען־געדיכט פון דער אומרוהיגער מענשהייט וואָס שטרעבט נאָך ערקענטעניש, דער הערליכער סימבאָל פון דער ערלייזונג פון׳ם מענשען דורך׳ן מענשען, וועט שטענדיג בלייבען פאַר אונז אַ דונערענדע אַנטפּלעקונג, וואָס וואַרפט איהר ליכטשיין ביז אין די פאַרבאָרגעסטע ווינקלען פון אונזער נשמה. דאָס האָב איך אין יענעם זעלטענעם ווייהנאַכטס־אָווענט דייטליכער געפיהלט, ווי ווען עס איז פאַר דעם.

אָבער דאָ האָב איך פּלוצלינג דערהערט שנעלע טריט און אַ הויכען גערויש אין קאָרידאָר און פון די טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צום גרויסען זאַל. דער קריסטמאַס־קאָנצערט איז געווען צו ענד. ווי די יאַגד־טיערען האָבען זיי אַצונד טומלענדיג צוריקגעשטראָמט אין די קאַיוטען. די קליינע אָפּוועקסלונג פון דעם יום־טוב האָט פאַרטריבען יעדע זאָרג פון זייערע הערצער, וועלכע וואָלט

זיי היינט נאָך מעהר געדריקט ווי ווען עס איז, און פאר א קורצע וויילע איז דער יאָמער פון דער געפאנגענשאַפט געלעגען וויט הינ־טער זיי.

מיט א צופרידען הארץ האָב איך אוועקגעשטעלט מיין „פאוסט" צוריק אויף'ן אַלטען פּלאַץ. אצונד האָבען זיי געקאָנט קומען; איך בין געווען גרייט צו באטייליגען אין זייער פרייד און פארברענ־גען נאָך א שטונדע אין זאַרגלאָזער פּלוידעריי, ביז דער שלאָף וועט אונז צומאַכען די אויגען. בין איך זיי דאָך שולדיג געווען דעם טיעפסטען דאַנק, ווייל זיי האָבען מיר געגעבען די געלעגענהייט צו פייערן דעם „הייליגען אווענט" אויף מיין שטייגער. א פּאָר זיסע שטונדען זיינען מיר געשענקט געוואָרן, וועלכע האָבען מיין הארץ געגעבען נייע פרישקייט און אינערליכע רוה.

קאַפּיטעל 5

די לייט פון גיבראַלטאַר

א דייטשער פליהער איבער אונזערע קעפּ — דער פּאסטאָר — אלגעמיינער צושטאנד אויפ׳ן שיף — קלאסען־געגענזאצען — די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַל־שטאַרקע — דיסקוסיעס אין דער רויך־קאַיוטע— מיין ערשטער שמועס מיט׳ן אדיוטאַנט — אנארכיסטען־שרעק — באזוך פון דערהיים — הינטער די קוליסען פון דער פילאנ־טראָפּיע — א טראַגי־קאָמישע סצענע.

דעם צווייטען ווייהנאכטס־פייערטאָג האָבען מיר אויפ׳ן שיף געהאַט אַן אויפרעגענדען עפּיזאָד וואָס האָט זיך צופעליג אָפּגע־שפּיעלט פאַר מיינע אויגען. ס׳איז געווען א קורצע ווייל׳ע פאַר דער מיטאָג־שטונדע; די מעהרסטע געפאַנגענע האָבען זיך שוין געהאַט פאַרזאַמעלט אין דיביידע עס־זאַלען צום מיטאָג, נאָר איך האָב נאָך פאַרבראַכט אויפ׳ן פאַרדעק און געשמועסט מיט עטליכע פון מיינע נייע באַקאַנטע. פּלוצלינג האָבען מיר דערהערט דעם טעמפּען גערויש פון א קאַנאָנען־שאָס וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער ווייטענס. באלד נאָכדעם זיינען געקומען נאָך פיער אָדער פינף שאָסען. אַן דעם שאַרפען בליצען פון דעם געוועהר האָבען מיר דערקענט, אַז דאָס פייער איז געקומען פון דער אַנדער זייט פון ברעג, וואו עס איז געלעגען דער קריגס־האַפען פון שיערנעס. עט־ליכע צושפּליטערטע שטיקער פון די קאַנאָנען־שאָסען זיינען אַראָפּ־געפאַלען אומגעפעהר 40 ביז 50 מעטער ווייט פון אונזער שיף אין וואַסער. איך האָב זיך ניט געקאָנט ערקלערן וואָס דאָ קומט פאָר.

פלוצלינג האָט אָפּגעקלונגען אַ הויכער סיגנאַל, און גלייך נאָכדעם האָט זיך די גאַנצע מיליטערישע קאָמאַנדע פון אונזער שיף אַ לאָז געטאָן אויף׳ן פאַרדעק. ס׳איז געווען אַ זעהר קאָמישע סצענע. די מענשען זיינען געשטערט געוואָרען אין מיטען פון זייער רוה, אַזוי אַז מאַנכע פון זיי זיינען ארויפגעקומען אויבען אָהן רעקלאַך, אַנדערע מיט די הויזען אין די הענט און ווידער אַנדערע אָהן געוועהר. דער אַדיוטאַנט האָט געהאַלטען זיין רעוואָלווער אין דער האַנד, איז ארומגעלאָפען אַהין און אַהער און געליאַרעמט ווי אַ משוגענער. אַלע האָבען אַרויפגעקוקט אויבען, און איינינע האָבען אָפּגעפייערט זייערע ביקסען. איך האָב ניט ווילענדיג נאָכגעפאָלגט זייערע בליקען, אָבער איך האָב צוערשט גאָרנישט געקאָנט באַמערקען. דאָך, אין עטליכע מינוטען אַרום האָב איך זעהר, זעהר הויך דערקענט אַ פליה־מאַשין וואָס האָט קענטיג געשוועבט דירעקט איבער אונזער שיף. אָבער דאָ האָט אונז פלוצלינג באַמערקט אַן אָפּיציר און געגעבען די סאָלדאַטען אַ באַפעהל אונז אַראָפּצוטרייבען פון׳ם פאַרדעק. ווילענדיג ניט ווילענדיג האָבען מיר געמוזט פאָלגען דעם באַפעהל און מיר האָבען געהערט, ווי אַלע טירען זיינען פאַרשלאָסען געוואָרען הינטער אונז. אונזערע מיט־געפאַנגענע אין דעם גרויסען זאַל, וועלכע האָבען דערהערט ווי מען שליסט צו די טירען, זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט און דערשראָקען, און זיי זיינען אונז באַפאַלען מיט אַלערליי פראַגען, אָבער מיר האָבען זיי בלויז געקאָנט דערצעהלען דאָס וואָס מיר האָבען געזעהן. פלוצלינג האָבען ווידער געקראַכט נאָך עטליכע שאָסען. די אויפרעגונג צווישען די געפאַנגענע איז געוואַקסען און עס האָבען זיך געלאָזט הערען די מערקווירדיגסטע השערות. די מעהרסטע פון די געפאַנגענע זיינען געווען גענויגט צו גלויבען, אַז דער עראָפּלאַן וואָס מיר האָבען געזעהן האָט געהערט צו אַ דייטשען לופט־פליהער, וועלכער האָט זיך פונקט אויסגעקליבען די קריסטמאַס־טעג אָפּצושטאַטען אַ באַזוך די ענגלישע האַפען־שטעט. אָט די השערה האָט זיך אויך שפּעטער באַשטעטיגט, און מאַנכע פון מיינע געפאַנגענע לאַנדסלייט האָבען זיך דערביי געפיהלט גאַנץ אומאַנגענעהם, ווייל אונזער קוואַרטיר

אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“, וואָס איז געלעגען אַזוי נאָהנט נעבען שיערנעס, איז זיי פאַרגעקומען ניט גאַנץ זיכער.

צוויי טעג נאָך קריסטמאַס האָבען מיר געקריגען אַ גאַסט, אַ דייטשען פּאַסטאָר, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון לאָנדאָן, כדי אונז אָרעמע זינדער אָנצוזאָגען די „פּרעהליכע בשורה“. עס זיינען געוועזן די באַקאַנטע, ביליגע, גאַרנישט־זאָגענדע דרשות וואָס מיר האָבען געקראָגען צו הערען, דעקלאַמירט אין אַ קלעגליכער פאָרם און אָנגעזייפט מיט די אומגלויבליכסטע אויסגעדראָשענסטע פראַזען. דער גאַנצער מענש האָט אויף מיר געמאַכט דעם אונאַנגענעמסטען איינדרוק, ווען ער האָט אויף זיין אָפּגעשמאַקטען, געשעפטסמעסיגען אופן זיך אָפּגעזאָגט זיין דרשה, אין וועלכער מען האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שפּור פון אינערליכער וואַרימקייט. דעם חברה מאַן האָט געפעהלט יעדער העכערער געדאַנק; ער האָט ניט געהאַט דאָס קלענסטע פאַרשטענדעניש פאַר דער בלוטיגער ערנסטקייט פון דער גאַנצער לאַגע, און וועלכער מיר האָבען זיך געפונען, און ער האָט זאָגאַר ניט געפיהלט, אַז יעדעם איינע פון זיינע טרוקענע און באַנאַלע ווערטער איז געווען אַ שוידערליכע סאַטירע אויף דערזעלבער לעהרע, וועלכע ער האָט כלומר׳שט פאַרטראָטען.

איך בין אין קיין פּעריאָד פון מיין לעבען ניט געוועזן וואָס מען רופט געוועהנליך אַ „רעליגיעזער מענש“. דער אַזויגערופענער אַנטפּלעקונגס־גלויבען האָט זאָגאַר אין מיין קינדהייט ניט געקאָנט האָבען קיין רייץ פאַר מיר, און די ניט־פאַרשטאַנענע פּסוקים פון דער ביבעל וואָס איך פלעג זיך אויסלערנען אויסווייניג אין דער שולע, זיינען מיר אימער פאָרגעקומען ווי אַ פּלאָגענדע נויטווענדיגקייט, אַ צרה, פון וועלכער מען קאָן זיך ניט אויסדרעהען. שפּעטער, ווען אין מיין גייסט האָבען גענומען אויפקומען גאַנץ אַנדערע פּראָבלעמען פון אינערליכען וויסען, האָט אָט די אינסטינקטיווע אָפּנייגונג געמוזט אָפּטרעטען דעם פּלאַץ פאַר אַ דירעקטען אַנטאַגאָניזם געגען יעדער פאָרם פון׳ם קירכליך־רעליגיעזען סאָרט דענקען. דאָס האָט מיך אָבער אויף קיין פאַל ניט געשטערט אויפצופּאַסען דאָס טיפערע

רעליגיעזע געפיהל אַלס איינע פון די פיינסטע און רייינסטע באַוועגונגען פון דער מענשליכער זעלע, און די פארשוועכונג פון אַט דעם געפיהל האָט שטענדיג געמאַכט אויף מיר אַן עקעלהאַפטען איינדרוק. צוליעב דעם דאָזיגען גרונד איז מיר דאָס פּאַפּענטום אין יעדער פאָרם און געשטאַלט אימער געווען פארהאַסט. דער עקסטרעמסטער אַטעאיזם האָט קיינמאָל דעם קריסטענטום ניט געמאַכט אַזעלכע וואונדען ווי זיינע אייגענע פארטרעטער, וועלכע האָבען דערטרונקען דעם אייגענטליכען זין פון אַן אורשפּרינגליך רייינער לעהרע אין אַ מוטנעם ים פון קלעגליכע געשמאַקלאָזיגקייטען און טויטע באַגריפען. דאָס אַלעס איז מיר ווידער אַזוי דייטליך אַרויף אויף׳ן זינען, ווען איך האָב געהערט די דרשות פון אַט דעם מאַן וואָס איז עקסטרא געקומען פון לאָנדאָן, כדי אונז צו ברענגען די ישועה. און איך האָב געטראַכט מיט געטהע׳ן: „ווי איינער איז, אַזוי איז זיין גאָט; דערום איז גאָט אַזוי אָפט געוואָרן צום שפּאָט.“

איך האָב זיך שוין אַלזאָ געהאַט ווי עס איז איינגעלעבט אין די נייע פארהעלטעניסען, אָבער איך האָב זיך גאָרנישט געפיהלט גוט אין מיין נייער לאַגע, כאָטש דער אַלגעמיינער צושטאַנד איז דאָ גאָר אָהן אַן ערך בעסער געווען ווי אין דער אַלימפּיאַ. דירעקטע מיסהאַנדלונגען פון די געפאַנגענע, ווי זיי פלעגען פּאַסירען טאָגטעגליך אין יענעם גיהנום, זיינען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“ קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. אויך איז יעדע געצוואונגענע ארבייט, אַזוי וויט ווי עס האָט זיך ניט געהאַנדעלט וועגען רייניגען די שלאָפציממערן און דאָס נייטיגע אַרויסהעלפען ביים קריגען דאָס עסען, געווען אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען. יעדער טאָג איז געקומען און איז אוועק מיט דערזעלבער ערמידענדער מאָנאָטאָנקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער געפאַנגענשאַפט. אום זעקס אַזייגער אין דערפריה האָט זיך געלאָזט הערען אַ טרומייטער־סיגנאַל צום אויפשטעהן. אַזוי ווי די צוויי עס־זאַלען זיינען ניט געווען גרויס גענוג אויפצונעמען אַלע געפאַנגענע מיט אַמאָל, זיינען די מאָהלצייטען פאָרגעקומען אין צוויי פּאַרטיעס, וועלכע פלעגען זיך ביי־

טען אַלע צעהן טעג. דער וואָס האָט אַלזאָ געהערט צו דער צווייטער פּאַרטיע, האָט געקאָנט בלייבען אין בעט אַ האַלבע שטונדע לענגער.

הגם די וואַש־באַדינגונגען אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד" זיינען געווען באַדייטענד בעסער, איידער אין דער אָלימפּיאַ, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען זעהר מאַנגעלהאַפט פאַר די אומגעפעהר 1300 געפאַנגענע, וועלכע מען האָט דאָ געהאַט איינגעקוואַרטירט. דער וואָס פּלעגט ניט אויפשטעהן פאַר'ן סיגנאַל, האָט געמוזט שטעהן אין דער רייה און וואַרטען, ביז אַ וואַש־בעקען איז פריי געוואָרן. אַ גרויסע וואוילטאַט זיינען געווען די פּאָר קליינע באַדע־צימערען, וואו מען האָט צו יעדער צייט פון טאָג געקאָנט נעמען ווארעמע און קאַלטע ים־בעדער. נאַטירליך איז אויך דאָס באָדען, צוליעב דער גרויסער צאָהל פון די געפאַנגענע, געווען פאַרבונדען מיט געוויסע אומבאַקוועמליכקייטען, אָבער נאָך די שרעקליכע ערפאַרונגען אין דער אָלימפּיאַ האָט מען זיי גערן אָנגענומען פאַר גוט געלד.

ווי אין דער אָלימפּיאַ, אַזוי האָט מען אויך אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד" יעדען טאָג געהאַט דריי מאָהלציימען. יעדער מאַן פלעגט קריגען אַ פונט ברויט אַ טאָג, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן ביים פריהשטיק, און אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט אַ שטיקעל מאַרגאַרין אָדער קעז. אַלס געטראַנק פלעגט מען אונז געבען צוויי מאָל אַ טאָג אַ טאָס טיי אָדער קאַפע. דאָס ברויט וואָס איז געבאַקען געוואָרן אויף'ן שיף, איז אין אַלגעמיין געווען געשמאַקער ווי אין דער אָלימפּיאַ, ס'איז אָבער קיינמאָל ניט געווען ריכטיג אויסגעבאַקען, אַזוי אַז מען האָט זעלטען געקאָנט עסען דערפון מעהר ווי די קאָרינקע. אויך די געטראַנקען זיינען געווען בעסער ווי אין דער אָלימפּיאַ, וואָס דאָס זאָגט אייגענטליך ניט פיעל, ווייל אין דעם פּרט האָט קיינער ניט געקאָנט מאַכען ערגער ווי די פירמאַ לייאָנס ענד קאָמפּאַני. דער דינער פלעגט אין דער ערשטער צייט צוגעגרייט ווערן פון ענגלישע קעכער און די פּאָרציעס זיינען געווען אַביסעל גרעסער ווי אין דער אָלימפּיאַ, אָבער די קוואַליטעט פון די שפּייזען ווי זייער צוגריייטונג איז געווען ווייט פון גוט. דער־

ביי דאָרף מען נאָך באַמערקען, אַז זינט אונזער אָנקומען האָט זיך דאָס עסען כסדר פאַרערגערט. אין אַלגעמיין איז די קעסט אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד" לויט דער קוואַליטעט געווען צו אָרם און לויט דער קוואַנטיטעט פיעל צו קליין, אַז זי זאָל קאָנען צופרידענ־שטעלען א געזונטען מענשען מיט א דורכשניטליכען אַפּעטיט; און די יעניגע צווישען אונז, וועלכע פלעגען ניט קריגען פון זייערע פאַמיליעס צוגעשיקט רעגעלמעסיג געוויסע שפייזען, האָבען זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אָנעסען צו זאַט.

די אינערליכע אָרגאַניזאַציע איז געווען זעהר איינפאַך. די געפאַנגענע זיינען געווען איינגעטיילט אין אַזויגערופענע ליניעס (ליינס). יעדע ליניע האָט ענטהאַלטען 90 ביז 100 מאַן און אויס־געקליבען איהר אייגענעם ליניען־קאַפּיטאַן, וועלכער איז פאַראַנט־וואָרטליך געווען פאַר דער טעגליכער רייניגונג פון די שלאָף־צימע־רען און האָט געדאַרפט יעדען אין דערפריה פאָרלעגען פאַר דעם קאָמאַנדיר אָדער זיין פאַרטרעטער אַלע מעגליכע קלאַגען אָדער סתם אַזוי באַריכטען. — אויך די פּאָסט איז געפיהרט געוואָרן פולשטענ־דיג פון די געפאַנגענע אונטער דער אויפזיכט פון אַן ענגלישען צענ־זאָר, און זי האָט גאַנץ גוט פונקציאָנירט. אָנגעקומענע פּאַקעטען פלעגען געעפענט ווערן אין דער אָנוועזענהייט פון'ם צענזאָר אדער פון א מיליטערישען שטעלפאַרטרעטער פאַר די אויגען פון דעם געפאַנגענעם, אַזוי אַז עס האָט דערביי ניט געקאָנט פאָרקומען קיין שום שווינדעל אָדער מיסברויכונג. ניט קוקענדיג דערויף פלעגט אויך דאָן נאָך פאַרלאָרען געהן א גאַנצע מאַסע פון פּאַקעטען, איי־דער זיי האָבען דערגרייכט אונזער שווימענדע קוואַרטיר, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם ערשטען פעריאָד פון אונזער אינטערנירונג, האָט זיך דער צושטאַנד אויך אין דעם פּרט שטאַרק פאַרבעסערט.

מען וואָלט אייגענטליך געדאַרפט אָננעמען, אַז צווישען מענ־שען, וואָס זיינען אויף א גלייכען אופן געטראָפען געוואָרן פון'ם שיקזאַל, וואָלט געמוזט עקזיסטירען א געוויסע סאָלידאַריטעט, וואָס זאָל געבען דער גאַנצער חברותא איהר באַשטימטען מאָראַלי־שען שטעמפּעל. אין דער אָלימפּיאַ, וואו דער פאַרמעגליכער טייל

פון די געפאנגענע האט זיך אויפגעהאלטען אין׳ם אזויגערופענעם „רעסטאראנט“ און איז אויף אזא׳ן אופן געווען פולשטענדיג אפגעזונדערט פון דעם גרויסען כלל פון די ארעמערע ליידענס־חברים, איז דאס טאקע ביז צו א הויכען גראד געווען דער פאל. איך האב זיך קיינמאל ניט געקאנט פארשטעלען, אז צווישען געפאנגענע, און דערצו נאך אין אונזער לאגע, זאל איבערהויפט מעגליך זיין א שארפער ארויסטריט פון קלאסען־געגענזאצען. ס׳איז אן אלבאקאנטער פאקט, אז צווישען מענשען וואס זיינען אונטערווארפען דיזעלביגע לעבענס־באדינגונגען, ענטוויקעלט זיך א געוויס געפיהל פון גלייכהייט וואס באזייטיגט געוויסערמאסען די קאנווענציאנעלע פיהרונגען און אינטערעסען־געגענזאצען פון׳ם געווענליכען לעבען. מיין ערשטוינונג איז אלזא געווען זעהר גרויס, ווען איך האב אויף דעם „ראיאל עדווארד“ געפונען א צושטאנד, וועלכער איז געווען אומגעפעהר דער דירעקטער קאנטראסט פון דעם וואס איך האב געהאט ערווארטעט. איך האב קיינמאל פריהער אין אזא פארהעלטניס־מעסיג קליינער חברותא פון מענשען ניט געקאנט באמערקען אזא שרייענדען ארויסטריט פון די ברוטאלסטע קלאסען־קאנטראסטען, ווי אויף דער דאזיגער שיף, וואס האט אונז פאר אן אומבאשטימטער צייט געזאלט דינען אלס קווארטיר־פלאץ, און וואו עס זיינען געווען פארטראטען אלע געזעלשאפטליכע שיכטען, פון דעם טאגלוינער ביז דעם באראן.

ווען די ערשטע געפאנגענע זיינען אנגעקומען אויף דעם „ראיאל עדווארד“, האט די ענגלישע מיליטער־פארוואלטונג איבערהויפט ניט געהאט אין זינען צו מאכען וואס פאר עס איז אונטערשיד צווישען די פארשידענע קלאסען. די לייט זיינען איינפאך נאך דער רייה נאך איינגעקווארטירט געווארן אין די קאיוטעס, וועלכע זיינען גראד געווען פריי, און עס איז געווען בלויז א פראגע פון צופאל, ווען א געפאנגענער האט געקראגען א קאיוטע פון צווייטען אדער פון דריטען קלאס. אבער דער דאזיגער צושטאנד האט עקזיסטירט בלויז א גאנץ קורצע צייט, ווייל א הייפעלע מענשען, וועלכע זיינען געווען פארמעגליך און געהאט גרעסערע מיטלען איידער די גרויסע

מעהרצאָהל פון זייערע מיטגעפאנגענע, האָבען זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר, כדי אויסצובעטען פאַר זיך די בעסטע קאַיוטעס, בעת ווען דאָס „פּראָסטע פאָלק" האָט זיך געזאָלט באַנוגענען מיט די געוועהנליכע פּלעצער. דעם ענגלישען קאָמאַנדיר איז די זאַך צו־ערשט גאָרנישט געפעלען און ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן פאַר־וואָס ער זאָל עס טאָן; אָבער דאָ איז געשעהן דאָס שווידערליכע, וואָס אָט די אַזויגערופענע „בעסערע לייט", מיט אַ געוויסען באַראָן פאָן ג. אָן דער שפּיץ, האָבען ערקלערט דעם קאָמאַנדיר, אַז זיי זיי־נען גרייט צו באַצאָהלען פאַר זייערע קאַיוטעס. אַזאַ האַנדלונג קאָן אַנדערש ניט באַצייכענט ווערן נאָר ווי אַ געמיינער פאַרראַט צו די אינטערעסען פון דעם גאַנצען כלל געפאַנגענע, וועלכע האָבען נאַ־טירליך ניט געהאַט די מינדסטע אַהנונג פון דעם קלעגליכען פּיה־האַנדעל וואָס איז געשלאָסען געוואָרן אָהן זייער וויסען און הינטער זייער רוקען.

די ענגלישע רעגירונג האָט אונז אַלעמען געלאָזט אינטערנירען, ניט האָבענדיג קיין שום איינזעהן פאַר אונזער עקזיסטענץ און פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזערע פאַמיליעס. און אַצונד זיינען געקו־מען אָט די מענשען, וועלכע האָבען זיך דערצו נאָך שטענדיג אָנגע־געבען אַלס צוויי מאָל איבערגעזיפּטע פּאַטריאָטען און פאַרטרעטער פון׳ם דייטשטום, און האָבען נאָך אָנגעבאָטען דער ענגלישער מילי־טער־פאַרוואַלטונג געצאָהלט פאַר זייער געפאַנגענשאַפט, כדי אויף אַזאַ׳ן אופן צו מאַכען אַ ווי ווייט מעגליך שאַרפע מחיצה צווישען זיך און זייערע אָרימע פאָלקס־גענאָסען. קיין בעסערע אילוסטראַ־ציע פאַר דעם אַזויגערופענעם פּאַטריאָטישען און נאַציאָנאַלען גע־פיהל פון אָט די הערען וואָלט קוים מעגליך געווען צו געפינען. איך וויים ניט, וואָס דער קאָמאַנדיר אַלס ענגלענדער האָט זיך גע־טראַכט וועגען דער קלעגליכער אויפפיהרונג פון אָט די דייטשע מענער; דער סוף איז געווען, אַז ער איז איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאָג וואָס איז איהם אויף אַזאַ אומפאַרשעמטען אופן געמאַכט געוואָרן. פאַרוואָס האָט ער עס דען ניט געזאָלט טאָן? האָט ער דאָך זעהר גוט געוואוסט, אַז אַזאַ אינערליכע צושפּאַלטונג צווישען

די געפאנגענע האט איהם געמוזט אסך לייכטער מאכען זיין אויפ־גאבע.

כדי די געפאנגענע זאלען די זאך ווי ווייט מעגליך קאנען ארונ־טערשלינגען, האט מען געלאזט וויסען, אז דער איבערשוס פון די געלדער פאר די קאיוטעס וועט פארווענדט ווערן צו אונטערשטי־צען די ארעמערע קאמעראדען. א קאמיטע פון דריי פערזאן, מיט דעם באראן פאן נ. אן דער שפיץ, האט געהאט די אויפגאבע איינ־צומאנען די געלדער, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארן צו דעם אדיוטאנט פון שיף. פון די דאזיגע געלדער האט מען אראפגע־רעכענט א גאנצע מאסע פון אויסגאבען, וועלכע האבען פריהער געמוזט געדעקט ווערן פון דער ענגלישער רעגירונג. יא, מען קאן גאנץ רוהיג זאגען, אז דער גאנצער פאנד האט כמעט אויסשליסליך געדינט דעם דאזיגען צוועק, ווארים אין פארלויף פון די גאנצע זעקס חדשים וואס מיר האבען פארבראכט אויף׳ן שיף, האבען די גע־פאנגענע בלויז ביי צוויי געלעגענהייטען געקריגען יעדער א שטיק ווארשט און אביסעל דזשעם. א רעכנונג איבער דעם ווי אזוי די געלדער זיינען פארווענדט געווארן, האט מען קיינמאל ניט אפגע־געבען.

דאס טרויעריגסטע אין דער גאנצער געשיכטע איז געוועזן דאס, וואס די אלגעמיינע מאסע פון די געפאנגענע האט גאר ניט באגרי־פען וואס פאר א מיאוס׳ע זאך דא איז אפגעטאן געווארן. די פאר־זיכערונג, אז א טייל פון די געלדער וועט געהן צו לינדערן די אל־געמיינע נויט פון די געפאנגענע, איז געוועזן גענוג, כדי צו בארו־היגען די גייסטער פון אט די לייכט באפרידיגטע מענשען. אויף דעם אופן איז די קלעגליכע געמיינהייט פון א קליינער קליקע פאר־וואנדעלט געווארן אין אן אקט פון וואוילטעטיגקייט. איך בין פעסט איבערצייגט, אז צווישען ענגלענדער און פראנצויזען וואלטען אזעל־כע זאכען קיין מאל ניט געקאנט פארקומען, אהן ארויסצורופען א שטורמדיגען פראטעסט פון דער אלגעמיינער מאסע.

די באראנען און די קליינע פריווילעגירטע מינדערהייט, וועלכע האט זיך געשארט ארום זיי, האבען אין א קורצער צייט גאר אומ־

געבעטענערהייט גענומען שפּילען די ראָלע פון אַ מין פּראָטעקטאָראַט איבער די געפאַנגענע, און אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אין די בעסטע באַציהונגען מיט דער ענגלישער קאָמאַנדע, האָבען זיך אַלע געמוזט בויגען פאַר זייער ווילען. די געצעהלטע עטליכע, וועלכע האָבען ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען אָט די אומגעבעטענע אַפּיקונ׳שאַפט און געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטען געגען איהר, אָדער דורך וואָס פאַר ס׳איז קלייניגקייט צו פאַלען אין אומ׳חן ביי די באַראָנען און זייערע נאָכשלעפּער, זיינען זעהר שנעל געבראַכט געוואָרן אין צאָהם. די העררען פּראָטעקטאָרען האָבען זיי איינפאַך פאַר׳מסר׳ט פאַר דעם קאָמאַנדיר אַלס אומפאַרבעסערליכע רוה־שטערער, און אין אַ שענעם טאָג איז איינער אָדער דער אַנדערער פון זיי שטילערהייט אריבערגעפיהרט געוואָרן אויף דער „סאַקסאָניאַ“, וואו די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישען זיינען געווען אַסך ערגער ווי אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָט נאַטירליך קיינער קיין חשק ניט געהאַט זיך אויסצוזעצען דער געפאַהר, פאַרשיקט צו ווערן. אויף אַזאַ אופן האָט אַ קליינע פּריווילעגירטע קליקע געהאַט די מעגליכקייט גאָר אָהן איינזעהעניש צו טעראָריזירען די גרויסע מעהרהייט פון די מיטגעפאַנגענע און אַרויפצווינגען איהר ווילען אויף זיי.

דאָס איז געווען דער צושטאַנד וואָס איך האָב געפונען ביי מיין אָנקומען אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“. ס׳איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט עס מוזען קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען מיר און די „בעסערע העררען“. די „סאַקסאָניאַ“ איז, אמת, ניט געווען קיין באַזונדערס אָנציהענדער פּלאַץ, אָבער איך בין געווען פעסט ענטשלאָסען, איידער די זאַך וועט זיך צו וויט פאַרציהען, אויפצושפּילען די העררען אַ טאַנץ, וועלכען זיי זאָלען אַזוי שנעל ניט פאַרגעסען.

אין דעם קליינעם רויך־צימער אויף׳ן הינטער־דעק איז עס איצט יעדען אָוונט צוגעגאַנגען גאַנץ לעבעדיג. ס׳האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען צו די דיסקוסיעס און דעבאַטען. אַלע מעגליכע פּראָבלעמען זיינען דיסקוטירט געוואָרן, און איך האָב געמוזט כמעט

יעדען אָוונט נעמען דאָס וואָרט אויף אַ היבשער ווײַלע, כדי צו ענטפערן אויף וואָס פאַר עס איז פראַגע, וועלכע מען האָט מיר געשטעלט, אָדער אַ געוויסען פונקט גענויער און גרינדליכער צו ערקלערען. זינט מיין ערשטען אויפטריט אין דעם קליינעם קרייז בין איך געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט, כאָטש די מעהרסטע פון מיינע ליידענס-חברים זיינען נאָך אַלץ ניט געווען קלאָר ביי זיך, וועלכע אידעען איך האָב אייגענטליך פאַרטראַטען. איין אָוונט, ווען מיר האָבען ווידער אַמאָל גערעדט איבער די מעגליכע פאָלגען פון דער מלחמה, בין איך ווי געווענליך אַריינגעצויגען געוואָרן אין דעם געשפּרעך און איך האָב ביי דער געלעגענהייט ענטוויקעלט אַ שטאַנדפּונקט, וועלכער איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס אַט די לייט פלעגען יעדען טאָג קריגען צו הערען. אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט שוין מעהר ווי איין מאָל געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער האָט אויף אַ ציכליך געשיקטען אופן פאַרטראַטען די אידעען פון די אַל-דייטשען, האָט גענומען אַ זעהר היציגען אַנטייל אין אונזער געשפּרעך און צולעצט האָט ער מיר גאַנץ אָפען ערקלערט, אַז ער באַגרייפט אייגענטליך ניט מיין שטעלונג, ווייל אַפילו מיינע פּאָליטישע פריינט אין דייטשלאַנד האָבען דאָך מיט זעלטענער איינשטימיגקייט זיך אָפּגערופען אויף דעם אַפּיל פון׳ם קייזער אין דער דאָזיגער שווערער צייט. כ׳האָב איהם געפרעגט, וועמען ער האָט אייגענטליך אין זינען, ריידענדיג וועגען מיינע כלומר׳שטע פּאָליטישע פריינט. „נו, די סאָציאַלדעמאָקראַטען נאַטירליך,” האָט ער געענטפערט. מען קאָן זיך פאָרשטעלען די ערשטוינונג פון דעם גוטען מאַן, ווען איך האָב איהם ערקלערט, אַז מיינע אידעען האָבען איבערהויפּט קיין שום געמיינשאַפטליכעס ניט מיט די אַנשויאונגען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. אויך די מעהרסטע איבעריגע פון מיינע מיטגעפאַנגענע זיינען געבליבען זיצען מיט פאַרוואונדערטע געזיכטער, ווייל אויך זיי האָבען מיך אָפּנים אַנגענומען פאַר אַ סאָציאַלדעמאָקראַט. איך האָב אַלזאָ געפיהלט, אַז עס איז צייט געווען אויפצוקלערען די דאָזיגע לייט איבער מיינע אייגענטליכע שטרעבונגען, און איך האָב זיך גאַנץ קורץ און קלאַר

ערקלערט אַלס אָנהענגער פון דער אַנאַרכיסטישער אידעען־ריכטונג. אין דערזעלבער צייט האָב איך עס געפונען פאַר נויטיג זיי אויפמערקזאַם צו מאַכען דערויף, אַז דאָס אַלעס וואָס איינער אָדער דער אַנדערער פון זיי האָט מסתמא געהאַט א געלעגענהייט צו לייענען אין דער בירגערליכער סענזאַציאָנעלער פרעסע איבער דעם אַנאַרכיזם און די אַנאַרכיסטען, שטימט אַבסאָלוט ניט מיט דעם אייגענטליכען וועזען פון דער אַנאַרכיסטישער לעהרע און איהרע פאַרטרעטער.

מען איז מיך אַלזאָ באַפאַלען פון אַלע זייטען מיט פראַגען און מיך געבעטען צו געבען גענויערע ערקלערונגען איבער מיינע אידעען, און דאָס איז מיר, פאַרשטעהט זיך, געווען זעהר ווילקאָמען. אויף א גאַנץ איינפאַכען אופן האָב איך ענטוויקעלט די גרונד־אידעען פון׳ם אַנאַרכיזם, כדי זיי צו מאַכען אַזוי פאַרשטענדליך ווי נאָר מעגליך פאַר יעדען איינעם. דער רעזולטאַט פון מיינע אויספיהרונגען האָט מיך אויך איבערצייגט, אַז די אויפגאַבע איז מיר געלונגען. דער אינטערעס, וואָס מיינע ליידענס־חברים האָבען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אַרויסגעוויזען, איז איינפאַך געווען ערשטוינענד, אַסך גרעסער ווי איך האָב זיך ווען עס איז געקאָנט פאַרשטעלען אין אַזאַ מורא׳דיגער צייט און אונטער אַזעלכע אַבנאָרמאַלע פאַרהעלטעענישען, ווען די געדאַנקען פון די מענשען האָבען זיך נאַטירליכערוויז געדרעהט כמעט אויסשליסליך אַרום דער מלחמה און איהרע דירעקטע פאָלגען. יענעם אָווענט איז מיר געקומען די פעסטע איבערצייגונג, אַז מיין געפאַנגענשאַפט וועט דאָך ניט בלייבען אין גאַנצען פרוכטלאָז. אַ נייע פעלד איז געלעגען פאַר מיר, אַ פעלד, וואָס איז נאָך פאַרלויפיג געווען זעהר קליין, אָבער נאָך גאַנץ אומבאַריהרט, און פון וועלכען עס קאָן שפּעטער נאָך אַרויסשפּראָצען גוטע פרוכט. אַט דער געדאַנק האָט מיר געגעבען נייע לעבענס־פרייד. איך האָב אַלזאָ ווידער געהאַט אַ באַשטימטען ציעל פאַר די אויגען און בין געווען ענטשלאָסען עס צו פאַרפאָלגען מיט אַלע מיטלען וואָס זיינען מיר געשטאַנען צו דיענסט.

צוויי טעג פאַר ניי־יאָהר האָב איך געהאַט מיין ערשטען צו־

זאמענשטויס מיט דער ענגלישער מיליטער־פארוואלטונג, פון וואס עס איז מיר קלאר געווארן, אז מיין נאהנטע צוקונפט וועט זיין פארבונדען מיט פארשידענערליי אומאנגענעמליכקייטען. א סאל־דאט האט מיר געבראכט די מיטיילונג, אז דער אדיוטאנט וויל מיט מיר ריידען. איך בין מיטגעגאנגען מיט איהם צו דעם ביורא פון'ם קאמאנדיר, וואו איך האב געמוזט ווארטען א היבשע צייט אויף דרויסען, ביז מען האט מיך צוגעלאזט. ביי מיין אריינקומען האט מיר דער אדיוטאנט, וועלכער איז געווען מיט זיין סעקרעטער גאנץ אליין אין צימער, צוגעווארפען א פארשענדען בליק. אין א ווילע ארום האט ער מיר מיטגעטיילט, אז דריי פון מיינע לאנדאנער פריינט האבען צוגעשיקט א בריעף, אין וועלכען זיי בעטען מען זאל זיי ערלויבען מיך צו באזוכען, אבער ער איז ניט אין דער לאגע צו דערפילען זייער וואונש. איך האב איהם העפליך געפרעגט אויף דער אורזאך פון זיין ענטזאגונג און האב זיך פארופען דערביי אויף א פארשריפט פון דער מיליטער־פארוואלטונג, אויף גרונד פון וועל־כער עס איז יעדען געפאנגענעם ערלויבט איין מאל אין מאנאט צו קריגען א באזוך פון ניט מעהר ווי דריי פערזאן, אויב עס זיינען ניטא קיין באזונדערע אורזאכען דעם באזוך צו ענטזאגען. אזוי ווי ער איז, ווייזט אויס, ניט געוואוינט געווען, אז א געפאנגענער זאל איהם אויף וואס פאר עס איז אופן אנטקעגען ריידען, האט איהם מיין פראגע אביסעל צוטומעלט, און ער האט מיר אין א שטרענגען טאן ערקלערט, אז ער איז מיר איבערהויפט ניט מחויב אפצוגעבען קיין רעכנונג איבער זיינע באשלוסען, און אז איך דארף זיך איינ־פאך אונטערווארפען אונטער זיי.

איך האב איהם געענטפערט, אז מיין אויגענבליקליכע לאגע ערלויבט מיר יעדענפאלס ניט צו האבען אירגענד וועלכע טענות, וויל אלס אפיציר האט ער דאך דאס רעכט צו איגנארירען יעדע איינווענדונג און אריבערגעהן צו דער טאגעס־ארדנונג; פונדעסט־וועגען וויל איך נאך אלץ אננעמען, אז אלס דזשענטעלמאן וועט ער אויף א העפליכע אנפראגע אויך האבען א העפליכען ענטפער. כ'האב געפיהלט, אז מיין האלטונג האט קענטיג געמאכט אן איינ־

דרוק אויף איהם. ער האָט געשוויגען א ווײַלע און נערוועז ארומ־געפּויקט מיט די פינגער אויף'ן טיש, דערנאָך האָט ער מיך אָנגע־קוקט, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין בליק ארייננדרינגען טיעף אין מיין זעעלע, און געזאָגט:

„איהר זיינט געווען ארויסגעבער פון א צייטונג אין לאָנדאָן, וועלכע ערשיינט נאָך אלץ".

איך האָב איהם באשטעטיגט, אז דאָס איז אמת, און אצונד האָט זיך צווישען אונז ענטוויקעלט פאָלגענדעס געשפּרעך:

ע ר: אייער צייטונג פארפאָלגט באשטימטע פּאָליטישע ציע־לען.

א י ך: יאָ, אָבער אָט די ציעלען טרעפען זיך ניט צוזאמען מיט די אָנגענומענע פּאָליטישע באגריפען פון לאנד.

ע ר: איהר באגרייפט דאָך אָבער גאַנץ גוט, אז אונטער די איצטיגע פארהעלטענישען קאָנען מיר ניט האָבען קיין אינטערעס אויף וואָס פאר עס איז אופן צו העלפען פארשפּרייטען אייערע אידעען.

א י ך: ניט בלויז באגרייף איך דאָס, נאָר איך האָב אין דער הינזיכט קיינמאָל דעם מינדסטען צווייפעל ניט געהאַט. פונדעסט־וועגען באגרייף איך ניט, וואָס עס האָבען צו טאָן פּאָליטישע צווע־קען פון דער צייטונג, וועמעס רעדאקטאָר איך בין געווען פאר מיין אינטערנירונג, מיט מיינע באזוכען, וועלכע זיינען דאָך גאַנץ פּריי־וואַט און אויסערדעם ווערן זיי דאָך באוואכט פון איינעם פון אייערע אָפיצירען.

ע ר (אין א ווײַלע ארום): ווער זיינען די העררן, וועלכע ווי־לען אייך באזוכען? איך מיין, צו וואָס פאר א נאציאָנאליטעט גע־הערען זיי? זיינען זיי דייטשען אָדער ענגלענדער?

א י ך: דאָס מאָל ניט קיין דייטשען און ניט קיין ענגלענדער, נאָר רוסען.

ער האָט געשוויגען עטליכע מינוט, אזוי ווי ער וואָלט זיך ווע־גען עפּעס מישב געווען, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו זיין סעק־

רעטער, מיט וועמען ער האָט שטילערהייט גערעדט אַ פּאָר ווערטער. גלייך נאָכדעם האָט דער סעקרעטער גענומען דאָס וואָרט און מיך געפרעגט, צי מיינע פריינט זיינען ניהיליסטען. כ'האָב זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון אַ שמייכעל צו טאָן, און איך האָב איהם געענטפערט: „ניט אין גאַנצען, אָדער יעדענפאַלס ניט ווי איהר פאַרשטעהט עס." — אַצונד האָט דער אַדיוטאַנט ווידער גענומען דאָס וואָרט: „זיינען זיי אַנאַרכיסטען?" האָט ער מיך געפרעגט, און דערביי האָט ער מיך ווידעראַמאָל שאַרף אָנגעקוקט. — „אַנאַר־כיסטען יאָ," איז געוועזען מיין ענטפער. — „און דענקט איהר ווירק־ליך, אַז מיר האָבען דאָ אויף'ן שיף קיין אַנדער זאַך ניט וואָס צו טאָן, נאָר אויפצונעמען אַנאַרכיסטען?" האָט ער ווייטער געפרעגט, זיך געבענדיג דערביי די מיה אָנצונעמען אַ שטרענגע מינע. — „אָבער עס האַנדעלט זיך דאָך אין דעם דאָזיגען פאַל ניט וועגען דעם, צי מיינע פריינט זיינען אַנאַרכיסטען, נאָר צי מען וויל זיי צולאָזען אַלס געסט אָדער ניט," האָב איך רוהיג באַמערקט; „איבע־ריגענס גלויב איך ניט, אַז אימיצער דאָ אויף'ן שיף וועט אויף וואָס פאַר עס איז אופן ליידען דורך מיין באַזוך." — ער האָט ניט געענטפערט אויף מיינע ווערטער, נאָר ער האָט מיך בלויז גע־פרעגט: „און איהר אַליין זיינט, הייסט עס, אויך אַנאַרכיסט?" — „דאָס בין איך," האָב איך געזאָגט, „אָבער איך דענק, אַז מיינע אויפפאַסונגען איבער דעם אַנאַרכיזם שטימען קוים מיט אייערע." — ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט אויף עטליכע מינוט און דערנאָך האָט ער מיך געבעטען צו וואַרטען אין פאָדער־צימער אויף זיין ענטשיידונג.

אין אַ האַלבער שטונדע אַרום בין איך ווידער אַריינגערופען גע־וואָרן צום אַדיוטאַנט, וועלכער האָט מיר אויף אַ פאָרמעלען און געשעפטסמעסיגען אופן מיטגעטיילט, אַז צוויי פון מיינע פריינט קאָנען מיך באַזוכען, אָבער דער דריטער מוז געשטריכען ווערן פון דער ליסטע. דעם אויסוואַהל האָט ער איבערגעלאָזט צו מיר אַליין. כ'האָב גלייך געפיהלט, אַז דאָס איז געווען אַ ריקצוג־מאַנעווער, און אַז ער האָט בלויז דערפאַר אויסגעמעקט איינעם פון מיינע פריינט,

כדי זיין ענטשיידונג זאָל ניט אויסקומען ווי אַ קאַפּיטולאַציע, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבען. ס'איז מיר אויך קלאָר געווען, אַז אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָב איך פאַרלויפיג מעהר ניט געקאָנט דערגרייכען; איך האָב איהם דערום רוהיג געדאַנקט און פאַרלאָזען דעם ביורא. דער גאַנצער אינצידענט האָט מיר באַוויזען דייטליך גענוג, אַז די פּאָליטישע פּאָליציי האָט געמוזט געבען דער מיליטער־פאַרוואַלטונג אַ צימליך דעטאַלירטען באַריכט וועגען מיר. כ'האָב, אמת, געפיהלט אַז די פאָרשטעלונג וואָס דער אַדיוטאַנט האָט זיך פון דעם דאָזיגען באַריכט געמוזט מאַכען וועגען מיין פּערזאָן, איז אַביסעל צוטרייסעלט געוואָרען דורך זיין פּערזענליכער באַקאַנטשאַפט מיט מיר, אָבער זיין פאָראורטייל געגען מיר איז געווים נאָך ניט געווען פאַרלאָשען, און איך האָב זיך נאָך געמוזט ריכטען אויף מעהר ווי איין צרה אין דער צוקונפט.

עס זיינען געווען אריבער דריי וואָכען, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין נאַכריכט פון דערהיים. זינט מיר האָבען פאַרלאָזען די אַלימפּיאַ האָב איך מיין פרוי געהאַט געזעהן בלויז איין מאָל פון דער־וויטענס אין יענעם שטורמדיגען טאָג, ווען זי האָט זיך ארומגעיאָגט אין דער קליינער לאָדקע ארום אונזער שיף און האָט צולעצט געמוזט צוריקפאָהרען קיין לאָנדאָן, גאָרנישט האָבענדיג אויפגעטאָן. אויך קיין בריעף האָב איך די גאַנצע צייט ניט דערהאַלטען, וואָרים ס'איז צוגעגאַנגען טרויעריג מיט אונזער קאָרעספּאָנדענץ. אַסך בריעף פלעגען אין גאַנצען געהן פאַרלאָרן, און די וואָס האָבען דער־גרייכט זייער ציעל, האָבען געמוזט האָבען דריי, פיער און פינף וואָכען, כדי צו צוקומען פון לאָנדאָן צו אונזער שיף. ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, האָט קיינער ניט געוואוסט, און אַלע טענות און אַלע קלאָגען זיינען געבליבען אָהן אַ שום ערפאָלג. איך האָב דער־פאַר קיין אהנונג ניט געהאַט, ווי עס איז געגאַנגען מיין פאַמיליע, וואָס מיינע פריינט און קאַמעראַדען האָבען געמאַכט, צי אונזער צייטונג איז נאָך ערשינען אדער איז שוין פיליכט פאַר דער צייט אונטערדריקט געוואָרען פון דער רעגירונג. איך בין דערום געווען ניט ווייניג דערפרעהט, ווען מען האָט מיר פון דעם קאָמאַנדיר'ס

אַפּים אָנגעזאָגט, אַז איך וועל קריגען אַ באַזוך. דעם גאַנצען פאַר־מיטאָג בין איך געשטאַנען אויף'ן פּאַרדעק, ניט קוקענדיג אויף'ן קאַלטען וועטער, און מיט אומגעדולד אַריבערגעקוקט צום ברעג פון וואַנען דאָס קליינע שיפעל מיט די באַזוכער האָט געמוזט קומען. ענדליך האָב איך באַמערקט, ווי די לאַדקע האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פון דער לאַנדונג־בריק אין סויטענד און לאַנגזאַם צוגערודערט צו אונזער שיף. מילי האָט מיך שוין פון ווייטען דערקענט און די גאַנצע צייט געוואונקען צו מיר מיט אַ ווייס טאַשענטיכל. אַ גע־פיהל פון פרייד האָט מיך דורכגענומען, ווען איך האָב דערזעהן, ווי זי קלעטערט לאַנגזאַם אַרויף דעם משופּע'דיגען שיף־לייטער; כ'האָב זיך געפיהלט ווי ניי־געבאָרען.

אונזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין'ם פאָדערשטען קאָרי־דאָר ביי די טרעפּ, וואו מיר האָבען געקאָנט ריידען איינער מיט'ן אַנדערן אַ פערטעל שעה צייט, אין דער געגענוואַרט פון אַן ענגלי־שען אָפיציר און אַ סאַרדזשענט. אין דערהיים איז אַלץ געווען אין בעסטען צושטאַנד. מיין אינטערנירונג האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין לאָנדאָנער איסט־ענד, און די קאַמעראַדען האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אויסצווווירקען מיין באַפרייאונג. אַלע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז מיין געפאַנגענשאַפט וועט דויערן בלויז אַ קורצע צייט, אָבער איך אַליין האָב געוואוסט גאַנץ קלאָר ביי זיך, אַז איך האָב גאָרנישט צו האָפען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די מלחמה וועט אָנהאַלטען, און איך האָב זיך ניט אַריינ־געלאָזט אין קיינע אילוזיעס.

די בעסטע נאַכריכט פאַר מיר איז געווען, אַז אונזער צייטונג איז ערשינען ווייטער ווי געווען, און אַז די גענאָסען פון איבעראַל האָבען געטאָן זייער בעסט, זי דורכצוטראָגען אין דער דאָזיגער שווערער צייט. מיט אַלע זייערע כוחות און מיט יענער טיפער איבערגעבענהייט, וואָס בלויז די אינערליכע איבערצייגונג גיט דעם מענשען, האָבען די בראַווע יונגען אין לאָנדאָן געאַרבייט, אום אויס־צופילען דעם ליידיגען פּלאַץ, דעם מאַנגעל וואָס די באַוועגונג האָט ערליטען דורך מיין אַרעסט. ווען איינער האָט געאַרבייט יאָהרען־

לאַנג אָהן אונטערברעכונג אין אַ באַוועגונג און איז אָהן אייגענער מיה געוואָרן אַזוי צו זאָגען דער גייסטיגער מיטעלפּונקט איהרער. דאַן ענטשטעהט זעהר ליכט די געפאַהר, אַז דורך אָט דעם אָן און פאַר זיך גאַנץ נאַטירליכען פּראָצעס זאָלען ליידען די יונגערע קרעפ־טען אין דער באַוועגונג, דערמיט וואָס זייער פּערזענליכע ענטוויק־לונג אָדער, בעסער געזאָגט, די פּראַקטישע ענטוויקלונג פון זייערע פעהיגקייטען ווערן מעהר אָדער וועניגער באַשעדיגט. די גייסטיגע העכערקייט פון אַ מענשען ווערט אין אַזאַ פאַל אָפט אַן אומגערנ־דיגע שטערונג פאַר דער ענטוויקלונג פון די אַנדערע. מעהר ווי איינמאָל ווערט אַזאַ צושטאַנד די אורזאַך פון אומאַנגענעמע רייַ־בונגען און שטרייטיגקייטען אין דער באַוועגונג, וועלכע ברענגען איהר קיין שום נוצען ניט. ניט אַלע נאַטורען זיינען גלייך גע־שטימט, און אַ שנעל, אימפּולסיוו וואָרט וואָס ווערט פון איינעם אָדער דעם אַנדערן פאַלש אויפגעפאַסט, פיהרט אָפט צו גרויסע מיספאַרשטענדענישען, וועלכע פאַרביטערן אַן עהרליכען מענשען אומזיסט דאָס לעבען און פאַר׳נמאס׳ן איהם די אַרבייט.

איך האָב עס פּערזענליך אָפט געפיהלט, און הגם אין אונזער ענגערן קרייז האָט שטענדיג געהערשט די בעסטע האַרמאָניע, איז עס פאַר מיר דאָך געווען אַ פריידען־פולע באַפרידיגונג צו וויסען, אַז די גענאָסען, וועלכע האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם „אַרבייטער פריינד“, האָבען אַלזאָ דאָך געקריגען די געלעגענהייט צו קאָנען פול־שטענדיג אויספּרואווען זייערע פעהיגקייטען. מעהר ווי איינער האָט איצט געקאָנט צייגען וואָס ער איז אימשטאַנד געווען צו טאָן. דער באַוועגונג גופא האָט דאָס בלויז געקאָנט ברענגען נוצען. דאָס וואָס אַזאַ עקספּערימענט איז אַצונד אויסגעפיהרט געוואָרן אויף די קאָסטען פון מיין פּערזענליכער פרייהייט, איז פאַר מיר יעדענפאַלס ניט געווען באַזונדערס אַנגענעם, אָבער די הויפּטזאַך איז געווען, אַז עס זאָל געלינגען.

די קורצע פערטעל שעה איז פאַר אונז צו שנעל פאַרבייגעלאָ־פען. מיר האָבעןביידע געפיהלט, אַז מיר האָבען נאָך געהאַט אַסך זאַכען זיך צו זאָגען, אָבער אונזער צייט איז געווען פאַרביי, מיר

האָבען זיך געמוזט שיידען. איך האָב געקוקט אויף דאָס קליינע שיפעל, וואָס האָט צוריק געפיהרט מיין טרייע לעבענס-חבר'טע, ביז עס איז פאַרשוואונדען אין דער ווייטענס. אַ היבש ביסעל זאָרג איז מיר אַראָפּ פון הארצען דורך אָט דעם ערשטען באַזוך, און איך האָב רוהיג אָפּגעוואַרט די ווייטערע געשעהענישען.

די קלאַסען-געגענזאַצען אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד" זיינען יעדען טאָג געוואָרן אַלץ דייטליכער און בולט'ער, און דאָס שענסטע נאַציאָנאַלע געפיהל האָט שוין אפילו פאַר דעם בלינדסטען און נאַרישסטען מענשען מעהר ניט געקאָנט פאַרבאָרגען די נאַקעטע ווירקליכקייט. די באַראָנען און זייערע גינסטלינגע פלעגען ביז אהער עסען זייערע מאָהלצייטען אין דעם גרויסען עסס-זאַל צוזאַמען מיט די איבעריגע געפאַנגענע. אָבער איין שענעם טאָג האָט מען די אַזוי-גערופענע „בעסערע הערען" אָפּגעגעבען אַ באַזונדערן סאַלאָן, וואוהין קיין געפאַנגענער האָט ביז דאַן ניט געקאָנט אריינקומען. הערר פאָן נ. האָט געהאַלטען אַ ריהרענדע, וויינענדיגע אָפּשידס-רעדע און האָט ערקלערט די „הערען קאַמעראַדען", אַז די נייע איינאָרדנונג שטימט דורכאויס ניט מיט זיינע אייגענע אבזיכטען, אויך ניט מיט די אַבזיכטען פון זיינע פריינט, נאָר אַז זי איז זיי אַזוי צו זאָגען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן פון דעם קאָמאַנדיר. ער האָט אָט די באָבע-מעשה ווידערהאָלט עטליכע מאָל מיט אַזאַ פאַרדעכטיגער איינדרינגליכקייט, אַז יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ברעקעל פאַרשטאַנד אין קאָפּ, האָט לייכט געקאָנט זעהן אַז דאָס איז אויסגעטראַכט. אויסערדעם האָט דער עדעלער הערר פאַרשפּראָכען, אַז ער און זיינע פריינט וועלען אויך ווייטער זיך אינטערעסירען מיט זייערע געפאַנגענע לאַנדסלייט און זאָרגען פאַר זייער וואוילזיין. בלויז די פּאָר אָרעמע טייוואָלים, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלס שטיוועלפוצער און קאַיוטע-ריינינגער ביי די רייכע הערן, האָבען געפּאַטשט בראַוואָ; די איבעריגע געפאַנגענע האָבען געשוויגען.

אַזוי האָבען די שררות אַלזאָ זיך געקאָנט רוהיג איינאָרדנען באַזונדער אין זייער סאַלאָן. זיי האָבען דאָרט געצאָהלט זעקס און אַ

האַלב שילינג א טאָג פּער מאַן און האָבען דערפאַר געקריגען בעַ־סערע עסען און די נייטיגע באַדינונג. אויף דעם אופן זיינען זיי געוועזן אָפּגעטיילט פון דעם געוועהנליכען פּראָסטען עולם, וואָס איז זיי, טראָץ זייער כלומר׳שטען פּאַטריאָטיזם, געווען טיעף פאַרהאַסט. דאָס וואָלט אַלזאָ אַן און פאַר זיך קיין אומגליק ניט געווען, און פון די איבעריגע געפאַנגענע וואָלט געוויס קיינער קיין טרער ניט פאַר־גאָסען נאָך די עדעלע העררן, ווען צוזאַמען מיט דער צושיידונג וואָלט אויך געקומען א סוף צו דער אומערטרעגליכער אפּיקון׳שאַפט, וואָס אָט די וואוילטעטער פון די אָרעמע האָבען אין פאַרלויף פון דער צייט זיך אָנגעאייגענט. אָבער אין דעם פּרט איז אַלצדינג גע־בליבען ביים אַלטען. די העררן האָבען איצט ווי פריהער געהאַט דעם פּאַרטרויען פון׳ם קאָמאַנדיר און זיין פּאַרטרעטער, און אַזוי האָבען זיי געקאָנט טעראָריזירען זייערע אָרעמע לאַנדסלייט וויפיעל זיי האָבען נאָר געוואָלט.

עטליכע טעג נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג האָט מען צווישען די אָרעמערע געפאַנגענע פאַרטיילט די ערשטע פּאָר שטיקלעך ווארשט וואָס זיינען געקויפט געוואָרן פאַר די אַזויגערופענע קאַיוטע־געלדער. יעדער נויטבאַדערפטיגער האָט געקריגען צוויי שטיקער ווארשט, און די פרייד פון די אָרעמע טייוואַלים, וועלכע האָבען שוין פון לאַנג ניט געהאַט פאַרזוכט אַזעלכע געשמאַקע מאכלים, איז געווען גרויס. זעהר ווענינ פון זיי האָבען באַגריפען, אַז מען האָט זיי באַשווינ־דעלט אויף אַ גאַנץ אומפאַרשעמטען אופן, און אַז אָט די צוויי שטיקלעך ווארשט זיינען אַזוי צו זאָגען געווען דער פּרייז פאַר זייער פאַרשאַכערטער מענשליכער ווירדע. אָבער דאָס סאַמע געדיכטע פון דער דאָזיגער וואוילטעטיגקייטס־קאָמעדיע איז באַלד נאָכגעקו־מען. שוין אויף מאָרגען אין דערפריה האָט דער קאָמאַנדיר אַרויס־געגעבען אַ נייעם באַפעהל, וואָס האָט פיעל פון מיינע אָרעמע ליי־דענס־חברים גאַנץ איינפאַך געעפענט די אויגען. ביז דאַן האָבען אַלע געפאַנגענע געקאָנט באַנוצען די לאַנגע זייטען־גענג פון שיף פאַר זייער טעגליכען שפּאַציר. פון איצט אָן אָבער זיינען די באַ־וואוינער פון׳ם הינטערשטען טייל פון שיף אויסגעשלאָסען געוואָרן

פון דעם דאָזיגען רעכט און זיי האָבען געקאָנט ארומשפּאַצירען בלויז אויף'ן הינטער־דעק. אָבער אַזוי ווי דער הינטערשטער טייל פון שיף איז גראַד געווען זעהר געדיכט באַפעלקערט, האָבען זיך די געפאַנ־גענע קוים געקאָנט באַוועגען אויף'ן דעק, בעת ווען די באַראָנען און זייערע פריינט האָבען אומגעשטערט געקאָנט ארומשפּאַצירען אליין אויף די לאַנגע זייטען־גענג, אָהן דעם זיי זאָלען זיין געצוואונגען חלילה צו קומען אין קערפּערליכער באַריהרונג מיט די פּראָלעטאַ־רישע עלעמענטען פון זייערע לאַנדסלייט. ווי עס האָט זיך באַלד נאָכדעם ארויסגעשטעלט, האָבען די באַראָנען אליין דירעקט געבעט־טען דעם אַדיוטאַנט ארויסצוגעבען דעם נייעם באַפעהל. די פאָלגע פון אַט דער קלעגליכער האַנדלונג איז געווען אַן אַלגעמיינע פאַר־ביטערונג צווישען די געפאַנגענע געגען דער דאָזיגער פּריווילעגיר־טער קליקע, וועלכע האָט אויף אַזאַ שענדליכען אופן געטראָטען מיט די פּיס די מענשליכע רעכט פון זייערע אָרעמערע לאַנדסלייט. אַי־בעראַל האָט מען געקאָנט הערען פּראָטעסטען און קללות, הויך אויף'ן קול. איך האָב שוין געזעהן, ווי עס קומט אַ צייט, ווען אַט די באַ־רעכטיגטע עמפּערונג וועט מוזען אויפפלאַקערן אין אַ ליכטיגען פלאַם, און איך האָב זיך שוין איצט געפרעהט מיט דעם וואָס וועט דאַן פאַרקומען.

דעם 8טען יאַנואַר איז פאַרגעקומען אַ פּאַסירונג וואָס האָט פאַר־אורזאַכט אַ שטאַרקען גערודער ביי אונז אויף'ן שיף. מיר האָבען צוגעקראָגען נייע געפאַנגענע. עטליכע הונדערט לייט, וואָס די מעהרסטע פון זיי זיינען זינט דעם אָנפאַנג פון דער מלחמה געווען אינטערנירט אין גיבראַלטאַר, זיינען אַ פּאַר טעג פאַר קריסטמאַס אָפּגעשיקט געוואָרן פון דאָרט קיין ענגלאַנד. אַ העלפט פון זיי איז געקומען צו אונז, די אַנדערע העלפט איז געבראַכט געוואָרן אויף דער „סאַקסאָניאַ". די נייע־אָנגעקומענע גרופּע איז געווען צוזאַמענ־געשטעלט פון אַלע מעגליכע געזעלשאַפטס־קלאַסען, פון דעם אַריס־טאָקראַט ביז צום איינפאַכען מאַטראָז; אָבער עס האָט געהערשט צווישען זיי אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרק ענטוויקעלט געפיהל פון צוזאַמענזיין, ווי איך האָב עס ביז אַהער ניט געקאָנט באַמערקען

ניט אין דער אָלימפּיאַ און ניט אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד". די מעהרסטע זיינען געווען יונגע לייט, וועלכע האָבען געהאַט געוואוינט אין אַרגענטיניע, טשילי, בראַזיליע אָדער אין די פּאַראייניגטע שטאַטען. ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכען זיינען זיי פּאַרכאַפּט געוואָרן פון דרעזעלבער אַלגעמיינער באַרוישונג, און יעדער פון זיי האָט אַלזאָ געזוכט אויף וואָס פאַר עס איז וועג צוריקצוקומען קיין דייטשלאַנד. כמעט אַלע האָבען זיך געהאַט איינגעוויגט אין דער האָפנונג, אַז זיי קאָנען גאַנץ רוהיג וואַגען צו פאָהרען אויף נייטראַלע שיפען צו וואָס פאַר עס איז איטאַליענישען האַפען. די דייטשע קאָנסולאַטען אין נאָרד- און זיד-אַמעריקאַ האָבען זיי נאָך אונטערשטיצט אין דעם דאָזיגען גלויבען און זיי צוגעגעבען מוט צו מאַכען די רייזע. אבער ביי גיבראַלטאַר זיינען זיי כמעט אַלע געפאַנגען געוואָרן פון די ענגלענדער, און מען האָט זיי אריבערגעפיהרט אין דער פעסטונג. בלויז גאַנץ ווייניגע פון זיי האָבען געהאַט דאָס צוויישפּעלהאַפטע גליק זיך אויסצודרעהען פון דער געפאַנגענשאַפט און צו דערגרייכען זייער ציעל.

אַזוי האָט זיך פאָרמירט אָט די פאַרשידענפאַרביגע געזעלשאַפט, אין וועלכער דער פּראָלעטאַרישער עלעמענט, וואָס איז הויפּטזעכליך באַשטאַנען פון מאַטראָזען, איז געווען אַם שטאַרקסטען פאַרטראָטען. צווישען די גיבראַלטאַר-לייט האָבען זיך געפונען אַ היבש ביסעל דרייסטע, געוואַגטע נאַטורען, וועלכע האָבען דער חברותא געגעבען איהר באַזונדערן שטעמפּעל. אָט די מענשען זיינען דורכאויס ניט געווען אַזוי פּאַסיוו ווי די גרויסע מעהרצאָהל פון מיינע ליידענס-חברים אין דער אָלימפּיאַ און אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד". מחמת דעם האָבען זיך צווישען זיי אויך ניט געקאָנט ענטוויקלען אָט די עקעלהאַפטע קלאַסען-קאָנטראַסטען, ווי עס איז געווען דער פאַל דאָ ביי אונז אויף'ן שיף. אויסערדעם האָבען די ענגלישע מיליטער-בעאַמטע אין גיבראַלטאַר געהאַט זעהר פיעל איינזעהן מיט די געפאַנגענע און זיי מענשליך באַהאַנדעלט, אַזוי אַז עס האָט ביי די ניי-אָנגעקומענע עקזיסטירט אַ פיעל זעלבסטשטענדיגערער און ווידערשטאַנדס-פעהיגערער גייסט, ווי מען האָט

איהם געקאָנט געפינען ביי דער גרויסער מעהרהייט פון די אָרעמע מענשען, וועלכע זיינען דאָ אין ענגלאַנד געפאַנגען געוואָרן באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען. די מייסטע פון די לעצטע האָ־בען זינט יאָהרען לאַנג געלעבט אין ענגלאַנד און זיינען דורך זייע־רע פאַמיליעס און דורך זייערע פערזענליכע אינטערעסען געווען ענג פאַרבונדען מיט זייער נייער היימאַט. דער קריג האָט זיי געטראָפען ווי אַ דונער פון לויטערן הימעל, און אַזוי ווי פאַר די מעהרסטע פון זיי איז כמעט אַלעס געשטאַנען אין קאָן, האָבען זיי זיך געפיהלט געבונדען און די זאָרג פאַר זייערע פאַמיליעס, וואָס זיי האָבען אי־בערגעלאָזט דרויסען, האָט זיי געמאַכט שרעקעדיג און געהאַרכזאַם. פאַר די גיבראַלטאַר־לייט האָבען אַזעלכע אויסרעכנונגען ניט עקזיס־טירט. די מעהרסטע פון זיי האָבען קיינמאָל פריהער ענגלאַנד ניט געהאַט געזעהן; זיי האָבען ניט געהאַט ניט קיין פאַמיליעס און ניט וועלכע ס'איז אינטערעסען אין'ם דאָזיגען לאַנד, דערפאַר איז אויך זייער האַלטונג אַנטקעגען די ענגלישע מיליטער־בעאַמטע גע־ווען אַסך העזה'דיגער און אַרויספאָדערענדיגער. די לעצטע האָבען ביז אַהער איבערהויפט געקענט די דייטשע ציוויל־געפאַנגענע בלויז פון איין זייט, און אַזוי ווי אַלעס איז געגאַנגען כשורה און זייערע באַפעהלען זיינען אָנגענומען געוואָרן פאַר ליעב און גוט, האָט זיך ביי די ענגלישע מיליטער־בעאַמטע, אין וועמעס הענט מיר זיינען אָנפאַרטרויט געוואָרן, אויסגעאַרבייט אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זיין.

נו, זיינען פּלוצלינג ערשינען אָט די לייט פון גיבראַלטאַר, וועל־כע זיינען געווען גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט, און האָבען גלייך ביי זייער אָנקומען אַ טרייסעל געטאָן אָט די גאַנצע שען איינגע־שטעלטע אָרדנונג. ס'האָט דערום איינגעטראָטען אַ שטאַרקע אויפ־רעגונג צווישען די געפאַנגענע, וואָרים יעדער איינער האָט אינס־טינקטיוו געפיהלט, אַז עס האָט גאָר אין גיכען געמוזט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס.

די גיבראַלטאַר־לייט זיינען נאַטירליך געווען פּאַטריאָטיש ביז'ן ביין, אָבער זיי האָבען זיך ניט באַנוגענט דערמיט אַליין, נאָר זיי

האָבען געפאָדערט, אַז אַלע אַנדערע זאָלען זיין פּונקט ווי זיי. גע־ווים זיינען צווישען זיי געווען אַ היבש ביסעל פאַרנינפטיגע און רוהיגע מענער, וועלכע זיינען אויך געווען גרייט צו טאָלערירען אַנדערע אַנזיכטען ווי זייערע; אָבער די מעהרהייט פון זיי איז געווען זעהר געוואַלטזאַם געשטימט און צו יעדער צייט גרייט אַרויסצוצווינגען זייערע פּערזענליכע מיינונגען דורך דירעקטע דראָ־הונגען און — ווען נייטיג — אויך דורך „שלאַגענדע אַרגומענטען“. כמעט אַלע האָבען זיי געטראָגען שוואַרץ־ווייס־רויטע צייכענס אין לאַפּעל און געשימפּט אויף די ענגלענדער וויפיעל ס'איז נאָר אין זיי אַריין. דאָס באַנוצען זיך מיט דער ענגלישער שפּראַך איז ביי די גיבראַלטאַר־לייט געווען שטרענג פאַרבאָטען, און טאָמער האָט מען אין זייער געגענוואַרט אויסגערעדט אַ וואָרט ענגליש, האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט געשרייען: דייטש ריידען! דייטש ריי־דען!“

איך האָב זיך שטאַרק אַמוזירט מיט אַט דער אויפפיהרונג. הגם דער נאַרישער הורא־פּאַטריאָטיזם פון אַט די מענשען האָט אויף מיר קיין שום איינדרוק ניט געקאָנט מאַכען, איז מיר אָבער זייער העזה'דיגע האַלטונג און זייער אַקטיוו געפיהל פון ווידערשטאַנד גע־ווען אַסך סימפּאַטישער, איידער די אומערטרעגליכע, כמעט אומ־באַגרייפליכע געדולד, מיט וועלכער אַזויפיעל פון מיינע געפאַנגענע לאַנדסלייט האָבען אַריבערגעטראָגען די שרעקליכסטע ברוטאַליטע־טען און ערנידעריגונגען.

עטליכע טעג נאָך'ן אָנקומען פון די גיבראַלטאַר־לייט האָט מיר קאַרל פאָרגעשטעלט איינעם פון די ניי־אָנגעקומענע. ס'איז געווען אַ געבוירענער האַמבורגער, אַ יונגערמאַן פון 23 יאָהר מיט אַ דרייס־טען בליק, אָבער ווייטער מיט דורכאויס סימפּאַטישע געזיכט־צוגען. ער האָט מיר אויף אַ פּראָסטען אופן דערצעהלט זיין געשיכטע, און הגם זי האָט געקלונגען וואונדערליך גענוג, האָט ער זי אָבער דער־צעהלט מיט אַזאַ לעבעדיגקייט, אַז מען האָט איהם געמוזט גלויבען. איידער די מלחמה האָט אויסעבראָכען, איז דער יונגערמאַן געווען באַשעפטיגט אַלס דעקאָראַציע־מאָלער אין בוענאָס איירעס. אַזוי גיך ווי עס איז איהם אָנגעקומען די ערשטע ידיעה וועגען די געשע־

הענישען אין אייראָפּאַ, האָט ער גלייך אויפגעגעבען זיין שטעלע, כדי זיך אומקערען צוריק קיין דייטשלאַנד. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט גענוג געלד צו דעקען די רייזע־קאָסטען, האָט ער זיך געטרייסט מיט׳ן געדאַנק, אַז דער דייטשער קאָנסול וועט איהם זיכער פאַר־שאַפען אַ שיפס־קאַרטע. אָבער אָט די האָפנונג איז אין גאַנצען צוקלאַפּט געוואָרן. ווארים אין דייטשען קאָנסולאַט האָט מען איהם קורץ און שאַרף ערקלערט, אַז מען קאָן פאַר איהם גאָרנישט טאָן. נו, האָט ער געמאַכט די אויסערגעוועהנליכסטע און ריזיקאַלישסטע פאַרזוכען זיך צו פאַר׳גנב׳ענען ערגעצוואו אויף אַ שיף וואָס איז גע־פאָהרען קיין אייראָפּאַ. זעקס מאָל האָט ער געפּרואווט און יעדעס מאָל אומזיסט. אָהן ערפאָלג, ביז עס איז איהם ענדליך דאָך גע־לונגען זיך אריינצושמוגלען אַלס בלינדער פּאַסאַזשיר אויף אַן אי־טאַליענישען דאַמפער, וואָס איז געפאָהרען נאָך גענוא. ניט ווייט פון גיבראַלטאַר האָט אויך איהם, ווי אַסך אַנדערע, געטראָפען זיין שיקזאַל. ער איז אריינגעפאַלען צו די ענגלענדער אין די הענט. ווען ער האָט געערדט וועגען דעם ווי אַזוי ער איז גענומען געוואָרן אַלס געפאַנגענער, איז פּשוט געווען אַ מיטלייד צו קוקען אויף איהם. זיין געזיכט איז פאַרפינסטערט געוואָרן, און אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַ פאַרצווייפעלטע הילפלאָזיגקייט. מען האָט געקאָנט לייכט זעהן אויף איהם, אַז זיין טרויער איז געווען טיעף און ערנסט. אָט דער יונגער געוואַגטער מענש איז געווען די לעבעדיגע פאַרקערפּערונג פון דעם נייעם עלעמענט וואָס איז איצט אָנגעקומען אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“. מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין נביא אין דעם דאָזיגען צושטאַנד צו קאָנען פאָראויסזעהן די שענסטע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע האָבען געמוזט קומען וואָס שנע־לער, ווייל דער אַדיוטאַנט איז זינט דעם אָנקומען פון די גיבראַל־טאַל־חברה פּשוט אַרוים פון די כלים, און ס׳האָט איבערהויפּט אויסגעזעהן, אַז ער הויבט ניט אָן באַגרייפען די נייע לאַגע.

דאָס וואָס מיר האָבען אַלע מיט אַזאַ זיכערקייט ערוואַרט, איז אויך גאָר באַלד געקומען. און אָט ווי אַזוי עס איז געשעהן: דער אַדיוטאַנט האָט פּשוט געהאַט אַ קראַנקהאַפטע שנאה געגען אַלע

דייטשע פּאַטריאָטישע לידער. דאָס „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס" איז פאַר איהם געווען אַ גרויל, און די „וואַכט אַם רהיין" האָט איהם איינפאַך געקאָנט משוגע מאַכען. אָט די קינדערשע אַנטיפּאַטיע איז פאַר מיר געווען אַזאַ וואונדער, ווייל זאָגאַר אין דער אָלימפּיאַ האָט זיך קיינער ניט געמאַכט קיין צימעס פון אַזעלכע לידער. אויך אין די מייסטע איבעריגע קעמפּס האָט די ענגלישע מיליטער־פאַרוואַלטונג אין דעם פּרט ניט געלייגט די געפאַנגענע קיין שטיינער אין וועג. אין יאָרק, צום ביישפּיעל, פּלעגט דער קאָמאַנדיר זאָגאַר דירעקט בעטען די געפאַנגענע צו זינגען פאַר איהם אַזאַ אָדער אַן אַנדער פּאַטריאָטיש ליעד, און די געפאַנגענע פּלעגען גערן דערפילען זיין וואונש.

ווען די גיבראַלטאַר־לייט האָבען זיך דערוואוסט, אַז דאָס זינגען פון פּאַטריאָטישע לידער איז שטרענג פאַרבאָטען אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד", איז דאָס נאַטירליך פאַר זיי געווען ווי געוואונשען. כ'האָב געפיהלט, אַז עפּעס איז געלעגען אין דער לופט, און איך האָב זיך שוין אין פאָרויס געפרעהט מיט דער איבעראַשונג וואָס האָט געדאַרפט קומען. זי האָט אויך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטען אויף זיך. איין אָווענט האָבען זיך אַלע גיבראַלטאַר־לייט פאַרזאַמעלט אין דעם גרויסען עסס־זאַל און פּלוצלינג הויך אויף'ן קול אָנגעהויבען זינגען די „וואַכט אַם רהיין". דער ערשטער פערז פון דעם פאַרבאָטענעם ליעד איז נאָר וואָס געווען געענדיגט און דער קלאַנג איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען אָפּגעשטאָרבען, ווען דער צענזאָר איז אריינעלאָפען אין זאַל, טויט־בלייך פאַר שרעק, און האָט געגעבען אַ באַפעהל מען זאָל אויפהערען זינגען. אָבער קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם, און דער געזאַנג איז זיך רוהיג אָנגעגאַנגען ווייטער. מיט אַ פאַרצווייפעלטער מיענע האָט ער פאַרלאָזען דעם זאַל, כדי צו מעלדען דעם אַדיוטאַנט וועגען דער מורא'דיגער פּאַסירונג. דער דאָזיגער האָט גלייך צוזאַמענגערופען אַן אַפּטיילונג סאָלדאַטען און דאָס געזיכט רויט ווי פייער איז ער פּלוצלונג ערשינען אין זאַל, אַן שפּיץ פון זיינע געטרייע דיענער. די גיבראַלטאַר־לייט האָבען גראָד געהאַט אָנגעפאַנגען אַ נייעם פערז

און געזונגען אזוי הויך, אז די שויבען האָבען געקלונגען. דער אדיו־טאַנט האָט וואָרנענדיג אויסגעשטרעקט ביידע הענט אין דער לופ־טען און מיט אַלע זיינע כוחות אריינגעשריען עטליכע ווערטער אין׳ם טומעל. אָבער קיינער האָט איהם ניט געהערט, זיין שטימע איז פארשלונגען געוואָרן. ער איז פאַר די מענשען געווען ניט מעהר ווי לופט. זיין אַנוועזענהייט האָט זיי ניט אַנגעהויבען שטערען, אין געגענטייל, זי האָט בלויז פאַרשטאַרקט זייער באַגייסטערונג און געמאַכט זייער ווידערשטאַנד נאָך אויסדרוקספולער.

ערשט דאַן ווען די לעצטע זילבע פון׳ם ליעד איז געווען אויס־געזונגען, איז געוואָרן רוהיג אין זאַל. דער אַדיוטאַנט האָט אין אַנפאַנג ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער, אזוי שטאַרק איבער־וועלטיגט האָט איהם די אינערליכע אויפרעגונג. ער האָט געוויס געפיהלט, אז ער האָט דאָ ביי דער גאַנצער געשיכטע געשפּיעלט א קאָמישע ראָלע, און אזוי ווי ער איז בטבע געווען גאוה׳דיג און, ווי דער שטייגער איז פון אַלע בעל־גאוה׳ס, זעהר שטאָלץ מיט זיין שטעלע, האָט אָט די דעמאָנסטראַטיווע גרינגשאַצונג פון זיין אוי־טאָריטעט געמוזט זיין פאַר איהם א גרויזאַמער קלאַפּ. און דאָך וואָלט ער זיך געקאָנט לייכט איינשפּאָרען די גאַנצע סצענע, ווען ער וואָלט נאָר געווען אביסעלע טאַקטישער.

ווען ער איז ווידער טיילוויז געקומען צו זיך, האָט ער ניט געהאַט קיין בעסערס וואָס צו טאָן, נאָר אַרויסצופּלאַצען מיט וויל־דע סטראַשונקעס, דורך וועלכע די גאַנצע לאַגע איז בלויז נאָך קאָ־מישער געוואָרן. ס׳איז פשוט געווען א רחמנות צו קוקען אויף דעם דאָזיגען מאַן און צו הערען, ווי ער האָט אין אַהנמעכטיגען צאָרן ערקלערט, אז אויב די הייַנטיגע פאַסירונג וועט זיך נאָך אַמאָל ווי־דערהאָלען, וועט ער געבען א סיגנאַל צו איינעם פון די טאָרפּעדאָ־שיפלעך וואָס זיינען געלעגען פאַראַנקערט ניט ווייט פון אונז, צו שיסען גלייך אין אונזער שיף.

איך בין די גאַנצע צייט געזעסען אין א ווינקעל, פון וואַנען איך האָב באַקוועם געקאָנט באַטראַכטען אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען, און איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האָב זיך שטילערהייט ווי א

גנב געפּרעהט צו זעהן אַט דעם זייל פון דער מיליטערישער דיס־ציפּלין אין אַזאַ הילפלאָזער און אויסערגעווענליך קאָמישער לאַגע. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס דאָס נאַרישע ליעד מיט זיין געשמאַקלאָזען טעאַטראַלען פּאַטאָס האָט מיר ווירק־ליך פאַרשאַפט פאַרגניגען. דאָ האָט מען אַ פאַרטרעטער פון'ם מיליטאַריזם געגעבען, אמת אַ שטרענגע, אָבער אַ כשר פאַרדינטע לעקציע, און אין דעם איז דאָך אייגענטליך געלעגען די גאַנצע באַ־דייטונג פון דעם קאָמישען אינצידענט.

קאפיטעל 6.

די רויד־קאָיוטע און אידרע געסט

דייטשע יונקערס און ענגלישע מיליטער־פאַרוואַלטונג — די קאָמיסיע פון רויטען קרייץ — ווי אזוי דער פישער אויגוסט איז גענומען געוואָרן געפאנגען — קאָנראד — די צוויי לציס און זייערע שפּאסען — אן אָפּפער פון זיין שרעקעדיגקייט — צוויי גיבראַל־טאר־לייט פאראורטיילט — קארל׳טשיק אלס רעטענדער מלאך.

ווען מען זאָל אין יענער מורא׳דיער צייט זיך האָבען צוגעהערט צו די ענגלישע צייטונגען, דאן וואָלט מען ווירקליך געקאָנט גלויבען, אז עס איז אויף גאָט׳ס ווייטער ערד ניט געווען קיין שום קלאַס וואָס וואָלט זיך געקאָנט פאַרמעסטען מיט די פּרייסישע יונקערס אין מאָראַלישער געזונקענהייט און פאַרברעכערישער נידערטרעכ־טיגקייט. די יונקערס האָבען דעם קריג שוין פון לאַנג אָן צוגע־גרייט, די יונקערס האָבען באַהערשט דעם קייזער, וועלכער איז גע־ווען בלויז א שפּילצייג ביי זיי אין די הענט, די יונקערס זיינען פון לאַנג אָן געווען א שטענדיגע געפאַהר פאַר דעם פרידען פון אייראָפּאַ, די יונקערס זיינען געווען די אייגענטליכע מאַכער און פאַראורזאַכער פון דער גרויסער פעלקער־מלחמה. די ענגלישע פּרע־סע האָט באַהאַנדעלט דעם דאָזיגען ענין אין אומצעהליגע וואַריאַ־ציעס, וואָס זייער אינהאַלט איז מייסטענטיילס ניט געווען באַלעם־טיגט פון קיין שום היסטאָרישע קענטעניסען.

דאָס פּרייסישע יונקערטום איז אָהן צווייפעל געווען און איז אויך היינט נאָך איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון יעדער

רעאַקציע, דייטשלאַנד'ס גרויסער קאַשמאַר און אַ שטענדיג הינ־דערניש פאַר יעדער פרייהייטליכער ענטוויקלונג פון'ם דייטשען פאָלק. אָבער צי איז די דירעקטע שולד פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה געפאַלען אויסשליסליך אויף דעם יונקער־קלאַס, — איבער דעם האָט מען אין יענער צייט איבערהויפּט נאָך ניט גע־קאָנט אַרויסגעבען קיין ענדגילטיגע ענטשיידונג און איבער דעם לאָזט זיך נאָך היינט אויך ניט זאָגען קיין שום באַשטימטעס; וואָרים אַזוי לאַנג ווי די געהיים־אַרכיוועז פון אַלע רעגירונגען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער מלחמה, קאָנען באַהאַלטען זייערע סודות, וועלען זיך די פעלקער, פאַרשטעהט זיך, קיינמאָל ניט קאָ־נען מאַכען קיין שום קלאָרען באַגריף איבער די דירעקטע איינצעל־הייטען, וועלכע זיינען געשעהן פאַר דער קאַטאַסטראָפע. באַגרייפען האָט מען געקאָנט און קאָן מען בלויז די אַלגעמיינע אורזאַכען פון דער שרעקליכער דראַמאַ. וואָרים אויך די דאָזיגע מלחמה איז, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אידעאָלאָגישער שען־פאַרבעריי, סוף כּל סוף ניט געווען קיין אַנדער זאַך ווי אַ גיגאַנטישער קאַמף פאַר פּשוטע עקאָנאָמישע אינטערעסען, אַ געוואַלטיגע ראַנגלעריי פאַר דער באַהערשונג פון די מערק און קודם כּל אַן אויספּרואוו פון בוחות צווישען די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען־גרופּעס פון ענג־לאַנד און דייטשלאַנד. אַז די פאַרטרעטער פון דעם פּרייסישען יונקערטום אינאיינעם מיט דער דייטשער וואַפען־אינדוסטריע האָ־בען שטאַרק בייגעטראָגען דערצו אַרויפצוצווינגען דאָס אומגעהייערע אומגליק, איז ביי מיר שוין דאַמאָלס גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אָבער אַז די פאַרטרעטער פון'ם ענגלישען קאַפּיטאַליזם און די דזשינגאָס בכלל האָבען ניט געטראָגען קיין קלענערע שולד, איז מיר אויך קלאָר געווען. דער ענגלישער דזשינגאָ איז געשטאַנען אויף דערזעלביגער גייסטיגער מדרגה ווי אונזערע דייטשע באַריהמער און שווערד־העלדען, נאָר ער איז ניט געווען אַזוי אידיאָטיש און גייס־טיג באַשרענקט ווי די דאָזיגע. איבעריגענס איז דער געשריי פון די דזשינגאָס און די אַל־דייטשען געווען בלויז דער אויסדרוק פון די טיעפע עקאָנאָמישע געגענזאַצען צווישען ענגלאַנד און דייטש־

לאַנד, וועלכע האָבען זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אַלץ מעהר און מעהר געהאַט פאַרשאַרפט. אויב דער דייטשער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַט דאָס באַשטימטע באַדערפעניש זיך צו פאַרשאַפען נייע מערק, באַזונדערס אַריינצודרינגען אין מזרח און ווי ווייט מעגליך צו פאַרכאַפען דעם ענגלישען האַנדעל, האָט דער ענגלישער קאַפּיטאַליזם געהאַט א לעבענס־אינטערעס אום יעדען פרייז איינצוצאַהמען די ענטוויקלונג פון׳ם דייטשען האַנדעל און באַזונדערס פון דעם פאַרדעכטיגען דראַנג פון דער דייטשער בורזשואזיע נאָך׳ן מזרח. די אייגענטליכע אורזאַך פון דער מלחמה איז אלזאָ געלעגען אין דעם היינטיגען סיסטעם, און די פראַגע, ווער עס האָט געגעבען דעם דירעקטען גרונד פאַר דעם אויסברוך פון דער שוידערליכער קאַטאַסטראָפע איז, אמת, ניט געווען אָהן א באַדייטונג, אבער דאָך בלויז פון קלענערער וויכטיגקייט. דאָס וואָס די מיליאָנען פון דיסציפּלינירטע שקלאַווען, וועלכע מען האָט איצט געפיהרט צו דער שחיטה, האָבען עס ניט געקאָנט זעהן, — דאָס איז דאָך געווען די מורא׳דיגע טראַגעדיע פון זייער גרויזאַמען שיקזאַל.

ווען די ענגלישע פרעסע האָט פאַרזוכט אַרויפצואוואַרפען אויף דייטשלאַנד די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, איז דאָס אַלזאָ געווען א זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך; האָט מען דאָך אין דייטשלאַנד אָנגענומען דיזעלבע טאַקטיק. ס׳איז געווען דאָסזעלבע אור־אַלטע שפּיעל וואָס האָט זיך זינט אומדענקליכע צייטען שטענדיג ווידערהאָלט אין דער געשיכטע. איז אין ענגלאַנד ענדעקט געוואָרן דער „הונען־כאַראַקטער" פון די דייטשען, האָט מען אין דייטשלאַנד געזונגען „גאָט שטראָף ענגלאַנד!" מען איז זיך אין דעם פרט גאָרנישט שולדיג געבליבען איינס דאָס אַנדערע. איך האָב אַלזאָ גאַנץ לייכט געקאָנט פאַרשטעהן, ווען די ענגלישע פרעסע האָט ניט געהאַט קיין שום גוט וואָרט פאַר די דייטשע יונקערס. אינטערעסאַנט איז געווען פאַר מיר דער פאַקט וואָס אויך אין דער הינזיכט איז די יויך ניט אזוי היים געגעסען געוואָרן, ווי מען האָט זי דערלאַנגט. אין די צייטונגען איז דער יונקער, אמת, ערשינען אלס דער טיפּישער פאַרטרעטער פון דעם

דייטשען הונענטום, וועמעס אויסראָטונג עס איז כלומר'שט געווען אומבאדינגט נייטיג אין די אינטערעסען פון א „העברעער קולטור". אָבער אין זיין אייגענשאפט אלס קריגס-געפאנגענער האָט מען איהם באהאנדעלט מיט אזא צארטער איינזעהעניש, אז ער האָט אסך וועניגער געפיהלט דעם יאָך פון דער געפאנגענשאפט ווי די גרויסע מעהרהייט פון מיינע ליידענס-חברים. ווענינגסטענס איז דאָס געווען דער פאל אויף'ן „ראיאל עדוואַרד".

די גאַנצע שטרענגקייט פון'ם מיליטערישען סיסטעם האָט גע־טראָפען בלויז אונז. אָבער אונזערע באראָנען אויף'ן שיף זיינען געווען געשיצט געגען אלצדינג. זיי זיינען ניט נאָר געווען פריווי־לעגירט דערמיט וואָס דער קאָמאַנדיר און זיין פארטרעטער האָבען זיך צוגעהערט צו זיי, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דעם דורכצופיהרען געוויסע נייעסען אין דער אינערליכער פארוואלטונג, זאכען וואָס פלעגען זייערע אָרעמערע לאַנדסלייט געוועהנליך פאר־שאפען די אומאנגענעמסטע געפיהלען, נאָר זיי האָבען אויך גענאָ־סען א גאנצע רייה פון באזונדערע פריווילעגיעס, פון וועלכע די איבעריגע געפאנגענע האָבען אפילו ניט געטאָרט חלום'ן. אָבער פאר אָט די פריווילעגיעס האָבען זיי איינפאך געהאט צו פארדאנקען זייער פריצ'ישער אָפשטאמונג און טיילוויז פילייכט אויך זייער געלד. אזוי איז, צום ביישפיעל, געווען שטרענג פארבאָטען פאר די געפאנגענע צו געניסען וועלכע ס'איז שטארקע געטראנקען. אָבער דאָס האָט אבסאָלוט ניט געשטערט די באראָנען און זייערע פריינט צו קריגען אזויפיעל פארבאָטענע משקה וויפיעל זייער הארץ האָט געגלוסט. איך דערמאָן זיך נאָך, ווי איינער פון אָט די הערען האָט דעם ערשטען טאָג קריסטמאס צו מיטאג־צייט געמאכט א שפאציר איבער'ן גרויסען עסס-זאל און ארויסגעוויזען די מיט-געפאנגענע זיין לייטזעליגקייט. דורך א צופעליגער באמערקונג האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס מיט קארל'ן, וועלכער איז געזעסען נע־בען מיר, און צווישען אנדערעס האָט ער איהם דערציילט, אז ער האָט נאָר וואָס געהאט אויסגעטרונקען א פלאש שאמפאניער. דער־ביי האָט ער געערדט אזוי הויך, אז יעדער איינער האָט געקאָנט

הערען זיינע ווערטער. וואָס פאַר א שוטה! האָב איך זיך גע־טראַכט. זיך צו באַריהמען מיט אַזאַ אומפאַרשעמטער זעלבסט־באַפרידיגונג פאַר אַט די אַלע אָרעמע מענשען, וועלכע וואָלטען זיך גערן צופרידענגעשטעלט מיט א גלעזעלע ביער!

אָבער דאָס איז געווען בלויז א קלייניגקייט אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פריווילעגיעס, וועלכע אַט די הערךן האָבען גענאָסען. אַזוי פלעגען זיי, צום ביישפּיעל, צוויי דריי מאָל אין דער וואָך אַראָפּגעהן פאַר עטליכע שטונדען אויף דער יבשה, א חסד, צו וועל־כען קיין אַנדער געפאַנגענער האָט ניט זוכה געווען. זיי האָבען צו יעדער צייט געקאָנט אויפנעמען באַזוכען און האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרברענגען מיט זייערע געסט דריי און פיער שעה צייט. דערביי זיינען זיי ניט געווען געצוואונגען צו זיצען אין פראָנט, ביי די טרעפּ, און זיך וואַרפען אין די אויגען יעדען פאַר־בייגעהער, נאָר זיי האָבען געקאָנט אויפנעמען זייערע געסט אין זייערע אייגענע קאַיוטעס אָדער אין דער קאַיוטע פון אַן אָפיציר.

וויפיעל נוצלאָזע שוועריגקייטען האָט מען געמוזט איבערקו־מען, ביז א געוועהנליכער געפאַנגענער האָט געקאָנט אויפנעמען דעם באַזוך פון זיין פרוי אָדער פון וואָס פאַר עס איז קרוב זיינעם. און ווען אַלע פאָרמאַליטעטען זיינען שוין גליקליך דורכגעמאַכט געוואָרן, האָט ער פאַר זיין באַזוך געהאַט צוואַנציג מינוט, ניט מעהר ווי צוואַנציג מינוט אין א גאַנצען מאָנאַט. דער געשפּרעך פון'ם גע־פאַנגענעם מיט זיינע קרובים האָט געמוזט פאַרקומען אין געגענ־וואַרט פון אַן אָפיציר און א סאַרדזשענט, אי דאָס אין קאָרידאָר ביי די טרעפּ, וואו א סאָלדאַט, באַוואַפענט ביז די צייהנער, האָט געהאַלטען אין איין אַרומגעהן הין און צוריק. דאָס וואָס די באַזו־כען האָבען גראָד געמוזט פאַרקומען אין דעם דאָזיגען אָרט, איז געווען א ברוטאַלע אומאיינזעהעניש, פאַר וועלכער ס'האָט דורכ־אויס ניט געקאָנט זיין קיין שום ענטשולדיגונג. פיעלע נאַרישע און חוצפּה'דיגע חברה־לייט — און אַזעלכע זיינען צווישען אונז געווען א גאַנצע מאַסע — פלעגען זיך יעדעס מאָל מאַכען א באַזונדערן פאַרגניגען דערפון דורכצוגעהן זעקס ביז צעהן מאָל דעם טרעפּען־

קאָרידאָר אין דער צייט פון די באַזוכען און אין שמוציגע ווערטער זיך צונויפריידען מיט זייערע פריינט אויף'ן פאָרדעק. און עס זיינען געווען גראָד די אַזויגערופענע „בעסערע הערן“, די פאָר־טרעטער פון יענעם עקלהאַפטען בילדונגס־געזינדעל וואָס זיינען מיר אימער געווען דערווידער, וועלכע פלעגען מיט אַ באַזונדערער פרייד פראַקטיצירען דעם דאָזיגען טייערן ספּאָרט. פאַר אַ פיין־פיהלענדער פרוי איז דער באַזוך אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד“ יעדעס מאָל געווען אַן אָפּקומעניש, אַ מאָראַלישע פייניגונג, און עס איז גאָר ניט געווען קיין עהרע פאַר דער ענגלישער מיליטער־פאַרוואַל־טונג אויף אונזער שיף, וואָס זיי האָבען די שוצלאָזע, פון אומגליק געבויגטע פרויען פון פיעלע געפאַנגענע אַזוי באַהאַנדעלט, מאַכענ־דיג אַן עפענטליכען ספּעקטאַקל פון זייערע אינטימע געפיהלען. דאָס וואָס דיזעלבע מיליטערישע באַאמטע, וועלכע האָבען געהאַט אַזוי וועניג איינזעהן מיט די געוועהנליכע געפאַנגענע, זיינען געווען אַזוי ריהרענד־אויפמערקזאַם צו אונזערע איידעלע יונקערס, איז אַ קאַ־פּיטעל פאַר זיך, וואו עס פעהלען ניט קיין פּיקאַנטע איינצעלהייטען. פאַר מיר איז דאָס בלויז געווען אַ נייע באַשטעטיגונג פון דער אַל־טער טאַטזאַך, אַז ביי דאָס רוב מענשען איז דער רעספּעקט פאַר טיטול און אייגענטום פיעל שטאַרקער, איידער זייערע שענסטע נאַציאָנאַלע און פּאַטריאָטישע געפיהלען. זאָגאַר אין יענער שרעק־ליכער צייט האָט מען ניט געקאָנט פאַרלייקענען אָט דעם אמת, און ידער היסטערישער געשריי פון די שאָוויניסטישע צייטונגען האָט דאָ ניט געקאָנט אַראָפּפיהרען פון וועג.

דעם 17טען יאַנואַר איז צו אונז אויף'ן שיף געקומען אַ קאָמי־סיע פון'ם „רויטען קרייץ“. די צוויי הערן זיינען געווען שווייצער און זיינען געקומען דירעקט פון זשענעוואַ, כדי זיך פּערזענליך צו באַקענען מיט דער לאַגע פון די געפאַנגענע. אָבער זיי האָבען זיך גענומען די אויפגאַבע אביסעל לייכט, נאָך מיין פּערזענליכען איינ־דרוק זאָגאַר אביסעל צו לייכט. ליידער ליגט עס שוין אין דער נאַטור פון אַזעלכע קאָמיסיעס, וואָס זיי געהען ניט אריין צו שטאַרק אין תוך פון די זאַכען וואָס זיי דאַרפען אונטערזוכען. אַרום און

ארום זיינען די צוויי דעלעגאַטען געווען אויף׳ן שיף אומגעפעהר זעקס ביז זיבען שטונדען. דעם גאַנצען פאַרמיטאָג האָבען זיי פאַר־בראַכט אין דער געזעלשאַפט פון דעם קאָמאַנדיר און זיינע אָפי־צירען. בעת׳ן מיטאָג־עסען זיינען זיי דורכגעגאַנגעןביידע עסס־זאַלען, און דערביי האָבען זיי געשטעלט די געפאַנגענע א פּאָר פראַ־גען. דערנאָך זיינען זיי אוועק אין דעם סאַלאָן פון די פּריווילעגיר־טע, וואו מען האָט זיי שוין פאַרמיטאָג געהאַט פאָרגעשטעלט. שפּעט נאָכמיטאָג האָבען זיי נאָך אַמאָל באַזוכט דעם צווישענדעק אויף א האַלבע שטונדע, דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיגט. די העררן פון „רויטען קרייץ" האָבען אַלזאָ אָפּגעגעבען זעקס שעה און מעהר דעם קאָמאַנדיר און די „בעסערע העררן" און האָבען נאָך גע־פונען צייט אין וועניגער ווי א האַלבע שטונדע אויסצוהערען די קריוודעס פון דער גרויסער מעהרהייט פון די געפאַנגענע, וועלכע זיינען דאָך געווען דער עיקר, דער הויפּט צוועק פון דעם באַזוך.

ווען איינער פון די העררן איז בעת דער מיטאָג־שטונדע צוגע־קומען צו אונזער טיש און האָט געפרעגט ווי עס געהט אונז, האָב איך געדענקט, אַז איך דאַרף זיך נעמען די געלעגענהייט איהם צו ענטפערן, כאָטש איך האָב ניט פיעל ערוואַרטעט דערפון. איך האָב אַלע טענות קורץ צוזאַמענגעפאַסט און באַזונדערס באַטאָנט, אַז די ערנעהרונג איז אין יעדער הינזיכט ניט גענוג, אַזוי אַז די יעניגע פון מיינע לײדענס־חברים וואָס קאָנען ניט ערוואַרטען אַז זייערע קרובים זאָלען זיי פון דרויסען עפּעס צושיקען, מוזען פראָסט־פּשוט הונגערן. מיט א שמייכלענדער מינע האָט ער אויסגעהערט וואָס איך האָב געזאָגט און דאַן האָט ער גוטמוטיג ערקלערט, אַז די זאַך איז מסתמא ניט אַזוי שלעכט. איך האָב איהם געענטפערט, אַז ער דאַרף אויף קיין פאַל ניט אורטיילען וועגען אונזער לאַגע פון די פאַרהעלטניסען פון די פּריווילעגירטע העררן דאָרט אין סאַלאָן, און איך האָב גאַנץ שטאַרק באַטאָנט, אַז איך פּערזענליך בין גרייט צו באַשטעהן אויף יעדען פון מיינע ווערטער. דאָ איז ער שוין גע־וואָרן ערנסטער, האָט זיך געמאַכט עטליכע נאָטיצען און געזאָגט פריינדליך: „איך וועל זעהן וואָס איך קאָן טאָן פאַר אייך". כ׳האָב

איהם גערדאנקט, און ער האָט זיך העפליך אָפּגעזעגענט מיט אונז. מיינע ווערטער האָבען אָהן צווייפעל געמאכט א געוויסען איינדרוק אויף איהם. צי ער האָט ווירקליך געפּרואווט עפּעס טאָן פאַר אונז ווייס איך ניט, יעדענפאלס האָבען מיר גאָרנישט באַמערקט דערפון, און די צושטענדען אויף'ן שיף זיינען געווארן ערגער אנשטאט בעסער.

ציימונגען זיינען צוערשט אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“ געוועזן פּונקט אזוי וויינינג ערלויבט ווי אין דער אָלימפּיאַ, פונדעסטוועגען איז אויך דאָ דער פאַרבאָט ניט געוועזן קיין דירעקטע שטערונג. פאַר געלד האָט מען זיי געקאָנט קריגען און די סאָלדאַטען זיינען דורכאויס ניט געוועזן דאַגעגען אריינצוכאַפּען א זייטיגען פאַרדינסטעל. דאָך איז די שמוגלעריי דאָ געוועזן פאַרבונדען מיט גרעסערע שוועריגקייטען, איידער אין דער אָלימפּיאַ, און האָט דארום אויך געקאָסט טייערער. ווען די ערשטע געפאַנגענע זיינען אנגעקומען אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“, זיינען די פּרייזען פאַר ציימונגען נאָך געוועזן פאַרהעלטניסמעסיג ביליג. אזוי האָט מען, צום ביישפּיעל, פאַר א שילינג געקאָנט קריגען אַ נומער פון דער „טיימס“ אויסגעבאָרגט פאַר א שטונדע צייט. אַנדערע ציימונגען זיינען געוועזן אביסעל ביליגער. אָבער דאָס אָנקומען פון די רייכע הערען האָט אויך אין דער הינזיכט געהאַט אַן אומגינסטיגע ווירקונג. כדי די בלעטער פריהער און רעגעלמעסיגער צו קריגען, האָבען זיי אריבערגעבאָטען די אַלטע „קונים“ און אַלץ העכער ארויפגעשרויפט די פּרייזען. דער רעזולטאַט איז געוועזן, אַז צו מיין צייט האָט דאָס לייענען די „טיימס“ פאַר א שטונדע צייט געקאָסט צוויי און א האַלב שילינג.

איך האָב ביז דאַן קיינמאָל ניט געהאַט געקויפט קיין ציימונג, הגם איך האָב אָפט געהאַט א געלעגענהייט דערצו. די ווילדע ליגענס און די נארישע העצערייען, מיט וועלכע די שפּאַלטען פון די טעגליכע ציימונגען זיינען דאמאָלס געוועזן אָנגעפילט, האָבען מיך אָפּגעעקעלט, און איך בין געוועזן צופרידען וואָס איך האָב דעם עקעלהאפטען שטאָף ניט געהאַט יעדען טאָג פאַר די אויגען. איין

טאָג האָב איך געהאַט א מערקווירדיגע פּאַסירונג. איך בין גראָד געקומען פון פּאַרדעק און געוואָלט אריינגעהן צו אונז אין דער קאַיוטע, ווען איך האָב אין א שמאָלען דורכגאַנג באַמערקט איינעם פון מיינע שכנים, א געוויסען ראָדע, וועלכער האָט זיך עפּעס גע־פּאָרעט ביים קיילעכדיגען פענסטערל וואָס האָט טיילוויז באַלויכ־טען דעם דורכגאַנג. אַז איך בין צוגעקומען נעהנטער, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געווען באַוואָפענט מיט א זעלבסטגעמאַכטער אַנגעל־שנור, ווי צו כאַפּען פיש, און האָט אויפמערקזאַם ארויסגע־קוקט אין וואַסער. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיין ארבייט, אַז ער האָט גאָר ניט געהערט ווי איך בין צוגעקומען און האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען איך האָב אָנגעהויבען ריידען צו איהם. ווען ער האָט מיך דערקענט, האָט ער אָנגעהויבען צו לאַכען און האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט זיך די לעצטע טעג גענומען צו כאַפּען פיש. דערביי האָט ער ארויסגעשלעפּט פון וואַסער אַן אויס־געבויגענעם שטיק אייזען, וואָס איז געווען פעסט אָנגעבונדען אָן אַן אַלטען שטריק, און האָט עס מיר געוויזען.

„דאָס דאָ זעהט דאָך גיכער אויס ווי א האַטשיק אויפצוהענגען פלייש, איידער א פיש־אַנגעל," האָב איך געזאָגט. „וואָס זשע, איהר ווילט כאַפּען האַי־פיש?"

„דאָס גראָד ניט," האָט ער געלאַכט, „אָבער ס'איז דאָ פאַראַן אַן אויסערגעוועהנליך גוטער סאָרט פיש, וואָס וועט אייך ווארשיינליך אויך שמעקען. אָבער אצונד מוז איך אַכטונג געבען, מיין מיה זאָל ניט זיין אומזיסט."

איך בין מיט א שמייכעל אוועק מיין וועג. אין א פערטעל שטונדע ארום האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי אונז אין טיר. ס'איז גע־ווען ראָדע, וועלכער האָט מיך געבעטען איך זאָל מיטגעהן מיט איהם אויף א רגע אין זיין קאַיוטע. דאָרט אָנגעקומען, האָט ער מיר געוויזען א קליין פּעקעל פון ציי‌טונגס־פּאַפּיר, וואָס איז געווען ארומגעבונדען מיט א שנירעל און האָט געטריפט פון וואַסער.

„דער רעזולטאַט פון היינטיגען פאַנג," האָט ער לאַכענדיג ער־קלערט

דאָס זאָגענדיג האָט ער ארויסגענומען זיין טאַשען־מעסערל און איבערגעשניטען דאָס שטריקעל. ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דאָס פּעקעל האָט ניט ענטהאַלטען קיין אַנדער זאַך אויסער צייטונגען. מיר האָבען איבערגעצעהלט פיער „דעילי מעילס", דריי „דעילי עקספּרעס", איין „טיימס" און עטליכע אילוסטרירטע צייט־שריפטען. ראָדע האָט יעדע צייטונג פאָרזיכטיג פאַנאַנדערגענומען און זי אויסגעשפּרייט צום טריקענען.

„ביליגע וואַארע, וואָס?" האָט ער געלאַכט. „ס'קאָסט איבערהויפּט גאָרנישט, בלויז אביסעל געדולד."

„ווי קומט איהר צו די שמאַטעס?" האָב איך געפרעגט ערשטוינט.

„פּער צופאַל, אבסאָלוט פּער צופאַל!" האָט ער געלאַכט. „דער אדיוטאַנט קאָן זיך, ווייזט אויס, ניט באַפרייען פון'ם געדאַנק, אַז ניט קוקענדיג אויף זיין געבאָט קומט אונז דאָך פון צייט צו צייט א געדרוקטע צייל̇ע פאַר די אויגען. נו, איהר ווייסט דאָך, אַז ער איז גאָרנישט אזוי אומגערעכט דערמיט. זיין פאַרדאַכט איז געריכטעט — און מיט רעכט — געגען זיינע סאָלדאַטען. אָבער אזוי ווי ער קאָן אויך זיי ניט פאַרבאָטען צו לייענען די צייטונגען, איז ער געפאַלען אויף א מערקווירדיגען פּלאַן, וועלכען ער האָט גלייך דורכגעפיהרט אין דער ווירקליכקייט. מיט אומגעפעהר א וואָך צוריק איז ארויס א באַפעהל, אַז יעדער סאָלדאַט, אזוי גיך ווי ער האָט נאָר איבערגעלייענט זיין צייטונג, מוז זי נאָך אין דעם זעלביגען טאָג איבערגעבען זיין קאָרפּאָראַל, כדי דער דאָזיגער זאָל זי קאָנען פאַרניכטען. אָט דער באַפעהל ווערט שטרענג אויסגעפיהרט, כאָטש די סאָלדאַטען זיינען זעהר אויפגעבראַכט דעריבער, ווייל זיי האָבען דורכדעם פאַרלאָרען א קליינעם, זייטיגען פאַרדיענסט. דער קאָרפּאָראַל זאַמעלט צונויף די געלעזענע צייטונגען, פּאַקט זיי איין אין קליינע פּעקלאַך, וועלכע ער וואַרפט אריין אין וואַסער, אי דאָס אין דער נעגענוואַרט פון אן אָפיציר. מיט פינף אָדער זעקס טעג צוריק בין איך צופעליג געשטאַנען אויף דעם אונטערשטען פּאַרדעק, מיט אמאָל איז מיר אָט אזא פּעקעל דירעקט פאַרבייגעפלויגען פאַרביי

דער נאָז און איז אריינגעפאַלען אין וואַסער. זינט דאַן האָב איך אין זיך דערפיהלט א געוויסען חשק צו כאַפּען פיש. כ'האָב זיך אויסגעזוכט א לאַנגען שטעקעל, א דינעם שיף־שטריק און א טשוואַק, וועלכען איך האָב אויסגעבויגען אין דער קרים, און איך האָב זיך צו דער באַשטימטער שטונדע אוועקגעשטעלט לויערן אויף מיין פאַנג. כדי די זאַך זאָל מיר ניט ווערן צו לאַנגווייליג, האָב איך פאַרטרויט דעם סוד מיינע דריי קאַיוטע־חברים, אזוי אַז מיר קאָנען זיך איינער דעם אַנדערן אָפּבייטען. אַז איך האָב אין זיך אַ געוויסען טאַלאַנט פאַר מיין נייער פראָפעסיע, קאָנט איהר זעהן פון מיין היינטיגען פאַנג.״

ער האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, און איך האָב ניט ווילענדיג געמוזט מיטלאַכען מיט איהם. די זאַך איז געווען צו קאָמיש. ווען דער גוטער אַדיוטאַנט וואָלט געהאַט אַן אהנונג דער־פון, אַז גראַד זיין איבערטריבענע פאָרזיכטיגקייט אין דער דורכ־פיהרונג פון א גאַנץ נוצלאָזען און אומזיניגען באַפעהל האָט ארויס־גערופען אין לעבען א פאַרבאָטענע אינדוסטריע! די זאַך איז ווירקליך געווען אויסערגעוועהנליך קאָמיש.

זינט יענעם אומפאַרגעסליכען וויינאַכט־אָוונט האָב איך שוין מעהר ניט געקאָנט קריגען קיין געלעגענהייט צו נעמען א בוד אין דער האַנד. אונזער קאַיוטע איז געווען אַזוי קליין, אַז מיר פיער האָבען דאָרט געקאָנט האָבען פּלאַץ בלויז דאַן, ווען מיר זיינען גע־לעגען אין בעט. זאָגאַר זיך אָנטאָן און אויסטאָן האָט יעדער איינער געמוזט איינציגווייז, נאָך דער רייה נאָך, ווייל דער פּלאַץ צווישען די בעטען האָט ניט ערלויבט, אַז צוויי פּערזאָנען מיט אַמאָל זאָלען קאָנען טאָן די ארבייט. אַזאַ אָרט איז נאָך ווי עס איז ערטרעגליך פאַר אַ רייזע פון פינף אדער זעקס טעג, אָבער אַלס שטענדיגע דירה פאַר פיער מענשען איז דאָס ווירקליך ניט געווען קיין פּאַסענדער פּלאַץ. ניט קוקענדיג דערויף וואָלט איך זיך שוין ווי עס איז גערן צופרידענגעשטעלט מיט אָט די קליינע אומבאַקוועמליכקייטען, ווען איך וואָלט וועניגסטענס געהאַט א געלעגענהייט צו זיין איין־איינ־ציגע שטונדע אין טאָג אַליין, פאַר זיך. אָבער דערפון האָט מען

דורכאוים ניט געקאָנט דענקען. איז מען אַלזאָ געצוואונגען געוועזן
דעם ליעבען, לאַנגען טאָג זיך ארומצושלייען און צו פאַרטרייבען די
צייט מיט גאָרנישט טאָן. פאַר א מענשען וואָס איז געוואוינט צו
זיין אַקטיוו און שטענדיג צו אַרבייטען, איז אַזאַ מין פּוסט־און־פּאַס־
עקזיסטענץ אַן איינפאַכע פּייניגונג. מען איז זיך איבעראַל אליין
אין וועג און מען פיהלט כסדר מיט גרויזאַמער שאַרפקייט די איבע־
ריגקייט, די גאַנצע נוצלאָזיגקייט פון אַזאַ קלעגליכען לעבען. דער־
ביי איז מען שטענדיג געצוואונגען צו מאַכען א גוטע מיענע, האָ־
בען א שמייכעל אויף'ן פּנים, כדי ניט צו פאַלען די ליידענס־חברים
אויף די נערוועז דורך אַן אומאויפהערליכער טרויעריגער שטימונג.

ליעבער פון אַלץ זיינען מיר געוועזן די פּאָר שטונדען אין
אָוועגט אין דעם קליינעם רויך־צימער. דאָרט האָט זיך מיט דער
צייט געבילדעט א פעסטע גרופּע, די אַזויגערופענע שטאַם־געסט,
וועלכע האָבען רעגעלמעסיג יעדען אָווענט אַנטייל גענומען אין די
זיצונגען. צווישען זיי האָבען זיך אויך געפונען עטליכע מיטגלי־
דער פון קאָמוניסטישען ארבייטער בילדונגס־פאַראיין פון 107 שאַר־
לאָט סטריט, וועלכע מען האָט שפּעטער אַרעסטירט און איבערגע־
שיקט אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“. אַזוי איז די רויך־קאַיוטע געוואָרן
דער זאַמעל־פּונקט פאַר אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטען אויף'ן שיף.
די אונטערהאַלטונג איז געוועזן פאָלקאָם פריי און מייסטענטיילס
לעבעדיג און אינטערעסאַנט. דאָס רוב פלעגט מען, פאַרשטעהט
זיך, ריידען וועגען דער מלחמה און אַלץ וואָס איז שייך געוועזן צו
איהר, אָבער מיט דער צייט האָט מען אויך גענומען דיסקוטירען
איבער די פאַרשידענסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען און טעאָריעס, צו
וועלכע מען פלעגט זיך שטענדיג צוהערען מיט אָפענע אויערען.
פון צייט צו צייט פלעגט דער איינער אָדער אנדערער פון אונזערע
מאַטראָזען דערצעהלען אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד פון זיין לעבען,
אָדער אַ פישער פלעגט אונז יבשה־לייט ערקלערן די איינצעלהיי־
טען פון זיין שווערער און געפערליכער באַשעפטיגונג. ס'איז געוועזן
אַ פאַרשידענפאַרביגע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך דאָ צוזאַמענ־
געקליבען, פול מיט אור־אַלטער קראַפט, א האַרץ־דערקוויקענדער

קאַנטראַסט צו די פלאַכע, אפגעלעבטע חברה־לייט, וועלכע זיינען געוועזן די טאָן־געבער דאָרט אין דעם סאַלאָן פון די פּריווילעגירטע.

איינע פון באַדייטענדסטע ערשיינונגען צווישען די שטאַם־געסט פון דער רויד־קאַיוטע איז געוועזן פּאַטער העק, א ריעזיג געבויטער מאַן פון 56 יאָהר, מיט די קענטיגסטע סימנים פון א זידדייטשען טיפּ. פּאַטער העק איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטעל העבינגען, ביים פוס פון'ם האָהענצאָלערן, אָבער אזוי ווי ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין יוגענד אין דער הויפּט־שטאָט פון בייערן, איז ער לויט זיין גאַנצען וועזען און אויך לויט דער שפּראַך געוועזן א מינכענער. ער איז געוועזן א פאָלקסטימליכע ערשיינונג, פול מיט רויהער קראַפט און איינגעבוירענעם געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד. זיינע ערצעהלונגען האָבען שטענדיג געטראַגען דעם כאַראַקטער פון א געזונטער רעאַליטעט און זיינען געוועזן דורכגעדרונגען פון א פּרעכטיגען, אומגעצוואונגענעם הומאָר, וואָס האָט יעדעם מאָל מיטגעריסען אַלעמען מיט זיך. פּאַטער העק איז ניט געוועזן קיין געלערנטער מאַן, אָבער ער האָט פאַרמאָגט א נאַטירליכע אינטעליגענץ און א פיין ענטוויקעלט געפיהל פון גערעכטיגקייט, אַזוי אַז ער פלעגט כמעט תמיד טרעפען דאָס וואָס איז ריכטיג. מיר זיינען באַלד באַפריינדט געוואָרן איינער מיט'ן אַנדערן, און איך האָב עפטערס געהאַט א געלעגענהייט צו דערקענען וואָס פאַר א גילדערנע נשמה ס'איז געלעגען באַהאַלטען הינטער דער רויהער דרויסענדיגער זייט פון אָט דעם בראַווען מאַן. איין טאָג האָט ער מיר דערצעהלט, ווי מורא'דיג די מלחמה האָט זיך אריינגעריסען אין זיין לעבען. קרוב צו דרייסיג יאָהר איז פּאַטער העק געוועזן באַשעפטיגט אין „האָטעל מעטראָפּאָל" אין לאָנדאָן. אין פאַרלויף פון די יאָהרען האָט ער זיך איינגעשאַפט א פיינע היים און געפיהרט מיט זיין פרוי א באַשיידען און גליקליך לעבען, וואָס איז אין משך פון די לעצטע יאָהרען ליידער געשטערט געוואָרן דורך א שווערער קראַנקהייט פון דער פרוי. ביים אויסברוך פון קריג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די באַקאַנטע העצעריי אין די געלע צייטונגען, איז אויך פּאַטער העק געצוואונגען געווען אויפצוגעבען

זיין שטעלע. עטליכע וואָכען שפּעטער האָט מען איהם אַרעסטירט און ער איז אינטערנירט געוואָרן אין דער אָלימפּיאַ, בעת זיין פרוי איז געלעגען געפעהרליך קראַנק אין שפּיטאָל און האָט דאָרט געמוזט דורכמאַכען אַ שווערע אָפּעראַציע אויף לעבען און טויט. מען האָט דעם אַלטען מאַן אַפילו ניט געגעבען קיין צייט איינצואָרדנען זיינע וויכטיגסטע אַנגעלעגענהייטען און צו קאָנען זיך געזעגענען מיט זיין ווייב. אַזוי איז ער געצוואונגען געווען איבערצולאָזען זיין גאַנצע וואוינונג אין פרעמדע הענט און האָט שפּעטער פאַרלאָרען אַלצדינג, וואָס ער האָט אַמאָל גערופען זיין אייגענס. בעת ער מיר דערצעהלט זיין טרויעריגע געשיכטע, האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. אָבער ווען עס איז געקומען צו דעם אַז ער האָט באַדאַרפט ריידען וועגען זיין פרוי, האָט ער פּלוצלינג פאַרלאָרען דעם קול, און ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט, כדי ניט אין גאַנצען איבערוועלטיגט צו ווערן פון זיין ווייטאָג. וואָכען זיינען פאַרגאַנגען אָהן דעם אַז דער שווער־געפּרואווטער מאַן זאָל קאָנען קריגען די קלענסטע נאַכריכט פון זיין טויט־קראַנקער פרוי.

— „איהר מעגט מיר גלויבען,“ האָט ער מיר דערצעהלט אויף זיין איינפאַכען און נאַאיווען אופן, „דאָס האָט מיר שוין מעהר ווי איין מאָל געגוג צרות אָנגעטאָן, אָבער דאָס וואָס איך האָב זיך אָנגעליטען אין די ערשטע טעג פון מיין געפאַנגענשאַפט, לאָזט זיך איבערהויפּט ניט באַשרייבען. כ׳האָב ניט געקאָנט געפינען קיין רוה ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט און איך האָב ניט געוואוסט, צי מיין פרוי האָט נאָך געלעבט אָדער זי איז אונטער די הענט פון די דאָקטוירים געשטאָרבען. דאַמאָלס האָב איך מורא געהאַט פאַר מיין פאַרשטאַנד, אָבער איך האָב פאַרביסען מיט די ציין און האָב עס דאָך אַריבערגעטראָגען.“

אין דער צייט וואָס איך און פאָטער העק זיינען געווען געפאַנגען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“, איז זיין פרוי נאָך אַלץ געלעגען אין שפּיטאָל. זי האָט, אמת, אויסגעהאַלטען די אָפּעראַציע, אָבער לויט דער מיינונג פון די דאָקטוירים איז ניט געווען קיין שום האָפנונג אַז זי זאָל פולשטענדיג געזונט ווערן. די אָרעמע פרוי איז

געווען אזוי שוואך, אז זי האָט גאַנץ זעלטען געקאָנט שרייבען עטליכע צייל̇ען צו איהר מאַן, אָבער יעדעס מאָל, ווען עס איז אָנגע־קומען א בריעף פון איהר, האָט דער אַלטער געשטראַהלט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר פרייד.

פאַרוואָס מען האָט דעם אָרעמען מאַן אזוי שענדליך באַהאַנ־דעלט, לאָזט זיך שווער באַגרייפען. די עקזיסטענץ פון דעם ענג־לישען שטאַאט וואָלט זיכער אויף קיין שום אופן ניט געשטעלט געוואָרן אין געפאַהר, ווען מען וואָלט פאַטער העק געגעבען די מעג־ליכקייט צו באַזוכען זיין טויט־קראַנקע פרוי און איהר געבען אבי־סעל טרייסט אין דער שווערסטער שטונדע פון איהר לעבען. אָבער ביי די אַרעסטען האָט איבערהויפּט ניט געהערשט קיין סיסטעם, און די רויהע מוטוויליגקייט פון דער פּאָליציי איז אין די מעהרסטע פאַלען געווען דער איינציג ענטשיידענדער פאַקטאָר. אָט די ער־פאַרונג האָבען אויך געמוזט דורכמאַכען פאַטער העק און זיין פרוי. גליקליכערווייז האָט זיך איהם איינגעגעבען מוטיג אריבערצוטראָגען זיין שווערען שיקזאַל, און זיין אונצושטערבאַרער הומאָר האָט איהם אָפט ארויסגעהאָלפען פון די ערגסטע שטימונגען און די פינסטער־סטע שטונדען. אָבער עס זיינען אויך געווען מאָמענטען, ווען דאָס הארץ האָט איהם געבלוטעט און ער פלעגט שיער ניט דערשטיקט ווערן פאַר ווייטאָג. כ'האָב עס גלייך געקאָנט באַמערקען אויף איהם, ווען עפּעס איז ניט געווען אין אָרדנונג. דאָן פלעג איך איהם שטיל דריקען די האַנד, איהם אריינקוקען טיעף אין די אויגען און זאָגען: „ניט פאַרצווייפלען, פאַטער העק. דעם קאָפּ אין דער הויך! עס וועלען נאָך קומען בעסערע צייטען.“ אין אזעלכע מאָמענטען פלעגט מיר דער אַלטער פעסט דריקען די האַנד און אין זיינע גרויע אויגען פלעגט עפּעס אויפלויכטען. „איהר זיינט גערעכט,“ פלעגט ער זאָ־גען. „און אזוי לאַנג ווי איהר זיינט אין אונזער מיט, וועט קיינער פון אונז דעם מוט ניט פאַרלירען.“

אַן אַנדערע אינטערעסאַנטע פיגור צווישען די שטאַם־געסט פון דער רויך־קאַיוטע איז געווען א יונגער מאַן פון 27 אָדער 28 יאָהר.

אויגוסט דער האמבורגער, א גבור, אַן אמת'ער הערקולעס, איבער־פילט מיט געזונט. אויגוסט איז שטענדיג געווען פרעהליך און גוט געשטימט; קיין זאך האָט איהם ניט געקאָנט ארויסברענגען פון די כלים. דערביי האָט ער באזעסען א קלוגע, אָפענהארציגע באַנע־מונג, וועלכע האט געמוזט געווינען די סימפּאַטיע פון יעדען איינעם. שענער פון אלץ איז געווען, ווען אויגוסט פלעגט אין אַן אמת'ן האמבורגער דיאַלעקט דערצעהלען וואָס פאַר עס איז לוסטיגע גע־שיכטע אָדער עפּעס פון זיין אייגענעם לעבען. יעדעס וואָרט האָט געהאט זיין אָרט און זיין באַדייטונג, און עס פלעגט זיך איהם איינ־געבען צו ענטוויקלען זיין דערצעהלונג מיט אַזאַ נאַטירליכער זי־כערקייט, אַז איך האָב שטענדיג געהאט א פארגניגען איהם אויס־צוהערען. אלס עכטער האמבורגער זיינען איהם די סאָציאלע פראַ־גען ניט געווען פרעמד און ער האָט וועגען די דאָזיגע זאכען געהאט א צימליך קלאָרען אורטייל.

אויגוסט איז געווען איינער פון די ערשטע דייטשע קריגס־געפאנגענע אין ענגלאנד, און זיין געפאנגען־ווערן האָט זיך אָפּגע־שפּיעלט אונטער גאַנץ דראַמאַטישע ערשיינונגען. א קורצע צייט איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען איז ער ארויסגעפאָהרען פון האמבורג אויף א קליינעם פישער־דאַמפּער און ער האָט זיך געפונען אינמיטען פון א קליינער גרופּע פון פישער שיפלעך ניט זעהר ווייט פון דעם שאָטישען ברעג, ווען ער און זיינע קאַמעראַדען זיינען פאַר־כאַפּט געוואָרן פון'ם שיקזאַל. די אָרעמע מענשען האָבען ניט גע־האט די מינדסטע אהנונג, אַז עס האָט אויסגעבראָכען א מלחמה און זיי האָבען זיך גאַנץ רוהיג אָפּגעגעבען מיט זייער באַשעפטיגונג. איין נאַכט — אויגוסט איז גראָד געלעגען אין זיין קאַיוטע, כדי זיך אויסצורוהען פון זיין שווערען טאָג ארבייט — האָבען פּלוצלינג גע־קראַכט עטליכע קאַנאָנען־שאָסען, וועלכע האָבען געמאַכט א חורבן אין די פישער־שיפלעך. א פּאַניק איז באַפאַלען די אָרעמע פישער און זיי זיינען אלע ארויפגעלאָפען אויף'ן פאַרדעק. ערשט דאַן האָ־בען זיי דערזעהן ניט ווייט פון זיך עטליכע ענגלישע קריגסשיפען, וועלכע זיינען געשטאַנען פיקס און פאַרטיג ווי אין א שלאַכט און

האָבען זיך איצט צוגעגרייט צו א נייער אַטאַקע. דער פיהרער פון דער פישער־פלאָטקע האָט א געשריי געטאָן צו די ענגלענדער און גלייך געקראָגען א באַפעהל מיט זיינע מאַנשאַפטען צו פאַרלאָזען די שיפלעך. באַלד נאָכדעם זיינען צוגעקומען עטליכע ענגלישע לאָדקעס, כדי אריבערצופיהרען די דייטשע מאַטראָזען אויף די קריגס־שיפען. די מעהרסטע פון די אָרעמע מענשען האָבען אפילו ניט געהאט קיין צייט מיטצונעמען כאָטש א קליינעם טייל פון זייער האָב און גוטס, ווייל די ענגלישע אָפיצירען האָבען מיט אויסגע־שטרעקטע רעוואָלווערען זיי אָנגעטריבען צו דער גרעסטער איילע־ניש. אזוי גיך ווי די מענשען האָבען נאָר פאַרלאָזען זייערע שיפ־לעך, זיינען דיזעלבע געזונקען געוואָרן. די פישער־לייט האָבען צו־ערשט ניט געקאָנט באַגרייפען וואָס דאָס האָט געמיינט, און זאָגאַר ווען מען האָט זיי דערצעהלט, אַז ענגלאַנד האָט ערקלערט קריג דייטשלאַנד, האָבען זיי ניט געקאָנט פאַרשטעהן, ווי אזוי מען האָט געקאָנט אָהן דער מינדסטער וואָרנונג שיסען אויף זיי און זינקען זייערע שיפלעך. אָבער דאָס רעטעניש האָט זיך באַלד אויפגע־קלערט. די ענגלענדער האָבען נעמליך געמיינט, אַז זיי האָבען פאַר זיך א קליינע פלאָטע פון דייטשע מינען־שיפלעך. און אַצונד האָב איך זיך גאַנץ גענוי דערמאָנט, אַז איך האָב גלייך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה געלייענט אַזאַ מין באַריכט אין די ענגלישע צייטונגען. צו מיין גרויסער ערשטוינונג האָב איך זיך אלזאָ דער־וואוסט, אַז די כלומר'שטע מינען־לעגער זיינען גאָר געווען פרידליכע פישער, צו וועמען די ידיעה וועגען דעם אויסברוך פון'ם קריג האָט נאָך איבערהויפט ניט געהאַט דערגרייכט, און וועלכע זיינען פּלוצ־לינג אויף אַזאַ מאָדנעם אופן געשטערט געוואָרן אין דער אויסאַי־בונג פון זייער פאַך. די גאַנצע געשיכטע האָט מיטגעטראָגען מיט זיך א קאָמישען בייגעשמאַק און האָט דערמאָנט אביסעל אָן די העל־דענטאַטען פון'ם רוסישען אַדמיראַל ראָזשעסטווענסקי, וועלכער האָט אין זיין צייט געלאָזט נידערזינקען היבשע עטליכע ענגלישע פישער־שיפלעך אין נאָרד־ים, ווייל ער האָט געדענקט, אַז ער האָט פאַר זיך יאַפּאַנישע טאָרפּעדאָ־שיפלעך. אָבער פאַר אונזערע אָרעמע

פישער איז די זאַך ניט געווען קיין שפּאַס, ווארים אינאיינעם מיט זייער פריהייט האָבען זיי אזוי גוט ווי אַלעס פארלאָרען.

שוין אין די ערשטע טעג, ווען איך האָב אָנגעהויבען באזוכען די רויך־קאַיוטע, האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען איינער פון אונזערע מאַטראָזען, וואָס האָט שטארק צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט דורך זיין דרייסטען און ענערגישען געזיכט־אויסדרוק. ס׳איז געווען א יונגער מאַן פון מיטעלער הויך און שטאַרקען קערפּער, געשיקט און פלינק ווי א קאַץ. אין זיינע אויגען איז געלעגען עפּעס ווייטעס, יענעס אייגענטימליכע עפּעס וואָס מען קאָן באַמערקען אין די אויגען פון אַלע מאַטראָזען, אָבער ביי איהם איז עס געווען טיפער און קענטיגער ווי ביי די מעהרסטע פון זיינע חברים. א העזה׳דיג שפּיץ־בערדעל האָט זיין געזיכט נאָך אָנציהענדער געמאַכט. זיינע קאָלעגען האָבען איהם גערופען קאָנראַד, און ער איז געווען אַלגעמיין באַליעבט צווישען זיי. איך האָב באַלד געשלאָסען גוט חבר׳שאַפט מיט איהם און איהם דערקענט אלס פרעכטיגען מענשען. קאָנראַרד איז געווען א לוסטיגער בחור, און טרויעריג און פאַראומערט זיין איז ניט געווען זיין זאַך. אָבער ער האָט אויך געהאַט א פאַרשטענדעניש פאַר די ערנסטע זייטען פון׳ם לעבען און איז שטענדיג געווען גרייט איינצושטעלען זיין גאַנצע פערזאָן פאַר א זאַך, וועלכע ער האָט אָנערקענט אַלס גערעכט. ער איז געווען אַן אקטיווער מיטגליד פון זיין געווערקשאַפט און אן אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פון סאָציאַליסטישע אידעען, וועלכע האָבען זיך ביז דאַן יעדענפאַלס אַנטפּלעקט פאַר איהם בלויז אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קליידער. אָבער זיין איינגעבוירענע רעבעלען־נאַטור האָט עס געמאַכט לייכט פאַר איהם אויפצונעמען ראַדיקאַלע אנשויאונגען, און ווען איך האָב איהם ערקלערט דאָס ווען פון דער אַנאַרכיסטישער אידעען־וועלט, האָט דאָס געווירקט אויף איהם ווי א נייע אַנטפּלעקונג. קאָנראַד פלעגט לייענען זעהר פיעל און ער האָט געהאַט א גוטען אורטייל איבער אַלץ וואָס ער האָט געלייענט. זיינע מיינונגען איבער באַריהמטע ווערק פון אַלטע און מאָדערנע פאַרפאַסער האָבען מיך אָפט איבעראַשט דורך זייער איינפאַכער

קלאַרקייט און דורך דעם פיינעם אינסטינקט, מיט וועלכען ער פלעגט שטענדיג אויפכאַפּען דעם עיקר, דעם עצם פון׳ם ווערק. אָבער די בעסטע זייט פון קאָנראַד׳ס פּערזענליכקייט איז געווען זיין אָפענע אויפריכטיגע נאַטור, זיין טיף־ענטוויקעלט געפיהל פון פריינדשאַפט און די פעסטקייט פון זיין כאַראַקטער. ער האָט געהאַט דעם גאַנצען האַרבען שטאָלץ פון די יעניגע פון זיין קלאַס, וועלכע זיינען געקומען צום פּוילען באַוואוסטזיין פון זייער גרויסער געזעלשאַפטליכער עקזיס־טענץ. איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט באַמערקען אויף דעם דאָ־זיגען מאַן עפּעס וואָס זאָל זיין פאַרשטעלט אָדער געקינסטעלט. ער איז געווען דורך און דורך א פּרעכטיגער בחור, ווי עס זיינען ליידער ניט געווען צופיעל צווישען אונז.

קאָנראַד איז געווען א געבוירענער פון נירנבערג, וועמען די שטאַרקע נייגונג צו וואונדערליכע, געוואַגטע איבערלעבונגען האָט איהם אַרויסגעטריבען פון זיין עהרווירדיגער און אַלטערטימליכער געבורט־שטאָט. ער איז געוואָרן א מאַטראָז, כדי זיך צו באַקענען מיט וויטע לענדער, און מיט דער צייט האָט ער געפונען פרייד אין זיין נייער פּראָפעסיע, וואָס האָט איהם געגעבען א געוויסע אומגע־בונדענקייט, א געוויסע פרייהייט, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט גע־פינען אין דערהיים. פונקט ווי זיין פריינד אויגוסט איז אויך ער אין מיטען ים איבעראַשט געוואָרען פון דעם קריג און אריינגעפאַלען צו די ענגלענדער אין די הענט. קאָנראַד האָט גוטמוטיג אריבער־געטראָגען זיין שיקזאַל, אָבער איך האָב געפיהלט, אַז דאָס מאָנאָ־טאָנע לעבען דאָ איז געווען געגען זיין גאַנצער נאַטור. איך האָב איהם אָפטמאָל באַאָבאַכט, ווען ער פלעגט שטעהן אויף׳ן פּאַרדעק, מיט ביידע אָרעמס אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַרענטש, די אומפאַר־מיידליכע פּיפּקע אין מויל, און מיט בענקענדע אויגען אַרויסקוקען צו א שיף וואָס איז פאַרבייגעפאָהרען וויט, וויט פון אונז. —

„וואָס וואָלט איהר געגעבען, קאָנראַד, ווען איהר זאָלט קאָנען זיין דאָרט אויף יענער שיף?” האָב איך איהם איין טאָג געפרעגט, נאָכ־דעם ווי איך האָב א לענגערע צייט שטיל איהם נאָכגעקוקט. דאָ האָט ער קרעמפּענדיג איינגעביסען די צייהן אין׳ם מונדשטיק פון

זיין קורצער ליולקע און פאַרטראַכטערהייט געזאָגט: „ס'איז א קלעגליכע עקזיסטענץ, א הינטיש לעבען וואָס האָט קיין שום ווערט ניט." ער האָט געשוויגען א ווײלע און דאַן האָט ער ווייטער געזאָגט: „פינף יאָהר פון מיין לעבען וואָלט איך אָפּגעגעבען, ווען איך זאָל קאָנען ווידער זיין אויף אַזאַ מין קאַסטען און אַוועק וויית, וויית פון דאַנען. ס'מאַכט ניט אויס וואוהין. צו די קאַניבאַלען פון דעם דרום־ים, כדי איך זאָל פּטור ווערן כאָטש אויף א צייט־לאַנג פון'ם מיסט־הויפען פון אונזער פיעל־בארימטער ציוויליזאַציע." — איך האָב איהם געדריקט די האַנד, ניט אויסרערענדיג קיין וואָרט, און מיר זיינען ביידע געשטאַנען ביים געלענדער און מיט אונזערע בליקען שטום נאָכגעפאָלגט דעם ווייטען דאַמפער, ביז דאָס לעצטע רויך־וואָלקענדעל איז פאַרשוואונדען ביים האָריזאָנט.

אַרום דער דאָזיגער צייט האָבען זיך ביי אונז אין דער שלאָף־קאַיוטע יעדען אָוונט אָפּגעשפּיעלט די פּאַררוקטסטע סצענעס, וועלכע מען וואָלט קוים געקאָנט האַלטען פאַר מעגליך. מיט עטליכע טעג פאַר דעם האָט אונזער פערטער שלאָף־חבר אונז פאַרלאָזען, און מיר האָבען אנשטאָט איהם געקריגען אלס קאָמפּאַניאָן א יונגען סוחר מיט'ן נאָמען ב...., וועלכער איז ניט ווילענדיג געוואָרן די אורזאַך פון די אַלע משוגע'נע שטיק וואָס האָבען זיך נאַכט פאַר נאַכט איבערגע'חזר'ט אין אַלץ נייע און נייע פאָרמען. ב. איז געווען א וואוילער, האַרציגער בחור; מען האָט אויך ניט געקאָנט זאָגען אויף איהם, אַז ער איז באַשרענקט אָדער גייסטיג הינטער־שטעליג. ער האָט גענאָסען א בעסערע ערציהונג, איז געווען שטאַרק באַהאַוונט אין פאַרשידענע זאַכען און האָט זאָגאַר געהאַט ביי זיך אין טאַש א צייגנים אלס „איינ־יעהריגער", מיט וואָס ער האָט ניט ווייניג שטאָלצירט. אָבער די לייכטגלויביגקייט פון דעם דאָזיגען יונגען מאַן איז געווען איינפאַך צום שטוינען. איך האָב קיינמאָל ניט געטראָפען נאָך א מענשען וואָס זאָל זיך קאָנען מיט איהם פאַר־מעסטען אין דעם פּרט. ב. האָט געגלויבט אַלצדינג, אָבער טאַקע אַלצדינג, אַזוי לאַנג ווי מען האָט עס איהם איבערגעגעבען מיט א געוויסער ערנסטקייט. די אומגלויבליכסטע ניט געשטויגענע און

ניט געפלויגענע מעשיות פלעגט ער מיט א שטוינענדער תם'עוואַ־טעקייט אָננעמען פאַר גוט־געלד.

פאַר מיינע צוויי פריינט ערנסט און קאַרל איז אזא לייכטגלוי־ביגער בחור געווען א ווילקאָמענער אָביעקט פאַר זייערע וויוויסעק־ציע־עקספּערימענטען. קאַרל'טשיק האָט פון שטענדיג אָן געהאַט א באַזונדער פאַרגניגען צו דערגרונטעווען די שוואַכע זייטען פון זיינע מיטמענשען, כדי דערנאָך אין פולער מאָס אויסצוניצען אויף זיי זיין גאַנצע איינגעבוירענע פעהיגקייט פון שפּאַס־מאַכעריי. אין דער געפאַנגענשאפט האָט זיך אָט דער טאַלאַנט זיינער נאָך פאַרשאַרפט און צוגעקראָגען א געוויסע קאָמישע, איך וואָלט כמעט געזאָגט, גאַל־גען־הומאָריסטישע פאַרב. מיין שוואָגער ערנסט איז געווען די פּאַסענדסטע פאַר צו קאַרל'טשיק'ס פיעל־פאַרשפּרעכענדען טאַלאַנט און א וויליגער מיטהעלפער פאַר זיינע משוגע'נע איינפאַלען. פאַר אָט די צוויי חברה־לייט איז א מענש ווי אונזער ב. געווען ווי גע־פונען. ביידע האָבען אויסגעפונען, אַז דער באַדויערענסווערטער יונגערמאַן איז ניט בלויז גרייט אָנצונעמען פאַר גוט־געלד יעדע אויסגעטראַכטע זאַך, יעדע באָבע־מעשה וואָס מען דערצעהלט איהם, נאָר אַז ביי איהם איז אויך גאַנץ שטאַרק ענטוויקעלט דאָס געפיהל פון א זעהר גרויסער שרעקעדיגקייט. אויף אָט די ביידע אייגענ־שאַפטען פון דעם גוטען ב. האָבען די צוויי חברה־לייט אויפגעבויט זייער גאַנצען קריגס־פּלאַן.

איין אָוונט, מיר זיינען שוין געלעגען אַלע פיער אין בעט און דאָס ליכט איז געווען אויסגעלאָשען, האָט זיך צווישען קאַרל'טשיק'ן און ערנסט'ן ענטוויקעלט פאָלגענדער שמועס:

ק אַ ר ל. — א סאָלדאַט האָט מיר היינט דערצעהלט, אַז ניט ווייט פון'ם פּלאַץ וואו די טעמזע פאַנגט זיך אָן, האָט מען באַמערקט דייטשע סובמארינס. ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך פאַרלעגט אויף אונזער שיף.

ע ר נ ס ט. — א דאגה מיר א גרויסע. פון מיינעטוועגען קאָנען זיי דעם אַלטען שמוציגען קאַסטען נאָך היינט ביינאַכט אויפרייסען.

ק אַ ר ל. — איך וועל אויך קיין איין טרער ניט פאַרגיסען נאָך

איהם. די צרה איז נאָר, וואָס איך האָב נאָך מיין צוואה ניט גע־מאַכט.

ע ר נ ס ט. — נו, ווערסטו קראַפּירען אָהן א צוואה.

ק אַ ר ל (נאָך א קורצער פּויזע). — כ'וועל, פאַרשטעהט זיך, קיין אַנדער ברירה ניט האָבען.

אַזוי איז דאָס געשפּרעך נאָך א היבשע צייט געגאַנגען ווייטער. קאַרל'טשיק האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגען זיינע פאַרפּליכטונגען און זיין פאַמיליע, בעת ווען ערנסט האָט איהם געזוכט צו באַווייזען, אַז ווען ער וועט זיין טויט, וועט ער אויך זיין פריי פון אַלע פאַר־פּליכטונגען. וואָס קאַרל'טשיק האָט אויך סוף כל סוף געמוזט איינזעהן.

ב. האָט זיך די גאַנצע צייט אומרוהיג ארומגעקאַטשעט אויף זיין געלעגער. ענדליך האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַל־טען און ארויסגעפּלאַצט:

„אָבער מיינע העררען, איהר ווילט דאָך ניט באַהויפּטען, אַז די דייטשען האָבען די אַבזיכט אויפצורייסען זייערע אייגענע לאַנדס־לייט?!“

„אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבען“, האָט קאַרל'טשיק געענטפערט מיט שטוינענדער קאַלטבלוטיגקייט. „די דייטשען ווע־לען אונז טאַקע שאָנעווען; ס'איז שווער צו גלויבען, אַז זיי זאָלען אונז וועלען עפּעס שלעכטס טאָן. אָבער די פאַרדאַמטע ענגלענדער וועלען אונז ארויפבלאָזען אין דער לופטען און דערנאָך אין זייערע בלעטער באַריכטען, אַז די הונען האָבען אויסגעשלאַכט זייערע איי־גענע לאַנדסלייט. איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז דאָס וועט אַזוי זיין.“

ב. האָט געפּרואווט מאַכען עטליכע איינווענדונגען, אָבער קאַרל'טשיק האָט מיט איהם איינגע'טענה'ט און איהם געגעבען אַזעלכע איבערצייגענדע אַרגומענטען פאַר זיין מיינונג, אַז ב. האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו באַגרייפען די כלומר'שטע גע־פאַהר, אין וועלכער מיר האָבען געשוועבט. נאָכדעם האָט גע־

פּאַלגט אַן אומהיימליכע פּויזע וואָס האָט געדויערט עטליכע מינוט. אָבער לענגער האָט עס דער גוטער ב. ניט געקאָנט אויסהאַלטען.

„אָבער מיינע הערן,“ האָט ער געזאָגט, און מען האָט גע־קאָנט פון זיינע ווערטער ארויסהערען זיין אינערליכען שרעק, „קאָן מען דען גאָרנישט טאָן געגען דעם?“

„איך זעה ניט וואָס מען קאָן טאָן,“ האָט קאַרל׳טשיק געענט־פערט קורץ און שאַרף.

ווידער איז געקומען אַ לענגערע פּויזע, ביז ערנסט האָט איבער־געשלאָגען דאָס פּיינליכע שטילשווייגען און געזאָגט:

„איך וויים שוין, וואָס איך האָב צו טאָן.“

ב. האָט פריי אויפגעאָטעמט; ס׳איז איהם לייכטער געוואָרן אויף׳ן הארצען.

„און וואָס אַ שטייגער?“ האָט געפרעגט קאַרל׳טשיק.

„מען מוז שטענדיג האַלטען גרייט דעם רעטונגס־גאַרטעל,“ האָט ערנסט קורץ געענטפערט.

„דאָס איז אַלעס וואָס דו האָסט אונז צו זאָגען?“ האָט קאַרל׳־טשיק געפרעגט און זיך שפּאָטיש צולאַכט אויף׳ן קול.

אצונד האָט ערנסט אָנגענומען די מינע פון אַ באַליידיגטען און איז מיט כעס אַרויפגעפאַלען אויף קאַרל׳ן.

„פאַרשטעהסט זיך, דו קאָנסט נאָר לאַכען פון אַנדערע און זיך מאַכען פאַר אַ גרויסען חכם!“ האָט ער געזאָגט. „אויב עס דראָהט אונז וואָס פאַר עס איז געפאַהר, קומט זי ביינאַכט. ביי טאָג האָ־בען מיר גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען. אָבער אויב מיר זאָלען איבעראַשט ווערן אינמיטען שלאָף, אַהן דעם מיר זאָלען האָבען געמאַכט וועלכע ס׳איז פאָרבאַרייטונגען, דאַן וועלען מיר איינפאַך דערטרונקען ווערן ווי די מייז. האָסטו איבערהויפּט ווען עס איז אָנגעמאָסטען דיין רעטונגס־גאַרטעל? פון וואַנען ווייסטו דען, צי ער פּאַסט דיר, דו אַלט פערד דו?!“

קאַרל׳טשיק איז כלומר׳שט געבליבען אַ דערשלאָגענער.

„זעהסטו, דאָ ביזטו גערעכט,“ האָט ער געזאָגט מיט אַן אומע־טיגער שטימע. „אָבער איך וועל עס גלייך טאָן.“

און ניט איבערקלערענדיג לאַנג, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, האָט אויפגעדרעהט דאָס עלעקטרישע ליכט, ניט קוקענדיג דער־רויף וואָס דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטען און ס'האָט געקומט דערפאַר א שווערע שטראָף. און אָט האָט ער ווירקליך אָנגעמאָס־טען זיין רעטונגס־גאַרטעל. ב. האָט ניט געטראַכט לאַנג און געטאָן דאָסזעלבע. ס'איז געווען א קאָמישע סצענע צו זעהן די צוויי חברה־לייט אין איין העמד און מיט'ן רעטונגס־גאַרטעל אַרומגעשנאַלט אַרום לייב, ווי זיי זיינען אַזוי אַרומגעלאָפען איבער דער קאַיוטע און אין קאָרידאָר. פּלוצלינג האָט קאַרל'טשיק „ענטדעקט", אַז ערנסט ליגט אין בעט, מיט'ן רעטונגס־גאַרטעל אַרומגעשנאַלט אַרום זיין לייב.

„וואָס?" האָט ער געפרעגט מיט א געמאַכטער ערשטוינונג, „דו דענקסט דאָך ניט צו שלאָפען מיט'ן רעטונגס־גאַרטעל?"

„געוויס וועל איך שלאָפען מיט איהם," האָט ערנסט געענט־פערט מיט א ביסטרען טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ גע־פיהלט באַליידיגט.

„אָבער דאָס מוז דאָך זיין זעהר אומבאַקוועם," האָט קאַרל'טשיק איינגעווענדעט.

„נו יאָ, ס'איז אומבאַקוועם," האָט יענער געענטפערט קאַלט־בלוטיג; „אָבער ס'איז מיר ליעבער צו האָבען א קליינע אומבאַק־וועמליכקייט, איידער איך זאָל אין א שענער נאַכט איינפאַך דער־טרונקען ווערן מיט אָט דעם פאַרדאַמטען קאַסטען".

„דאָ ביזטו יעדענפאַלס גערעכט," האָט קאַרל'טשיק איינגע־שטימט, „איך וועל אויך טאָן דאָסזעלבע."

מיט די ווערטער איז ער אַריינגעשפּרונגען צוריק אין בעט מיט דעם אַרומגעשנאַלטען רעטונגס־גאַרטעל. ב., וועלכער האָט די גאַנ־צע צייט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, האָט צוערשט געמאַכט א מיענע פון פאַרוואונדערונג, אָבער ער האָט זיך גלייך ענטשלאָסען און נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיעל. קאַרל'טשיק האָט אויסגעדרעהט דאָס ליכט, און די צוויי לצים האָבען זיך נאַטירליך גלייך באַפרייט

פון זייער אומבאקוועמער לאסט. אבער ב. האט זיך אנגעריבען ביילען אויף'ן רוקען און האט די גאנצע נאכט ניט געקאנט שלאפען.

דאסזעלבע טעאטער־שפיעל האט זיך איבערגע'חזר'ט כמעט יעדען אווענט אין אלערליי וואריאציעס, ווארים די צוויי חברה־לייט האבען געהאט אן אומערשעפליכע פאנטאזיע און האבען כסדר אויסגעטראכט אלץ נייע און נייע קונצען. צום סוף האבען זיי באשלאסען צו געהן נאך א טריט ווייטער און געזוכט צו איבערציינגען ב.'ן, אז עס איז נייטיג זיך איינצורייבען דעם גאנצען קערפער מיט מאשין־אויל, כדי די הויט זאל זיין בעסער באשיצט געגען דער קאלטקייט פון'ם וואסער, אין פאל פון אן אומגליק. און דער אומגליקליכער יונגערמאן האט זיך פאקטיש געלאזט איינרעדען. כ'האב קוים מיינע אייגענע אויערען געגלויבט, אבער ער איז ווירקליך איינגעגאנגען אויף דער פארריקטער זאך. ערנסט האט שוין פון פריהער געהאט צוגעגרייט א פלאש פון יענער עפוש'דיגער, קלעפעדיגער פליסיגקייט וואס ער האט ווי עס איז ארויסגעקריגען פון'ם מאשינען־צימער. קארל'טשיק האט געמאכט דעם אנפאנג. שנעל ענטשלאסען האט ער א כאפ געטאן די פלאש, איז אוועק אין באד־צימער און איז אין א וויילע ארום צוריקגעקומען, פול מיט לויב־געזאנג איבער דעם טייערן שטאף, פון וועלכען ער האט, פארשטעהט זיך, קיין טראפען ניט אנגעריהרט. אצונד איז געקומען ב.'ס רייה. ער איז דארט געבליבען לענגער איידער קארל'טשיק, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האט מען שוין פון ווייטען געקאנט שפירען דעם זיסען ריח. ער האט זיך פאקטיש איינגעשמירט מיט אויל פון קאפ ביז די פיס און האט געשטונקען ווי א טבויר. אבער ס'האט אויסגעקוקט, אז זיין נאז האט ניט געשפירט דעם שרעקליכען גערוך, ווארים זיין געזיכט האט געשטראלט פאר צופרידענקייט.

נו, איז מיר אבער די זאך געווארן צו ווילד. די גאנצע קאיוטע האט גע'עפוש'ט פון פארדארבענעם אויל, און די צוויי חברה־לייט זיינען געלעגען אין זייערע בעטען און זיך געפרעהט אהן א מאס, וואס זייער לעצט קונצשטיק האט זיך זיי אזוי גוט איינגעגעבען.

„אלזאָ הערט אָקאָרשט, איהר וואַגאַבונדען," האָב איך זיך אנגע־רופען, „ס'איז איינפאך געמיין פון אייך וואָס איהר מאַכט אזוי חוזק פון דעם יונגען מאַן. אויך איך פארשטעה אַ וויץ און בין ניט קיין שפיעל־פארדארבער, אָבער איהר טרייבט די קאָמעדיע צו ווייט."

נו, זיינען די צוויי לצים אַרויסגעפאַלען אויף מיר און מיר געגעבען וויפיעל אין מיר איז נאָר אריין. קאַרל'טשיק האָט מיך גערופען אום'ברחמנות'דיגער עגאאיסט און געזאָגט, אז מיך קימערט איבער־הויפט ניט וואס מיט מיינע מיטמענשען געשעהט, און ערנסט האָט איהם נאַטירליך אונטערשטיצט.

„ווען איך וואָלט געקאָנט אזוי גוט שווימען ווי דו," האָט ער געזאָגט, „וואָלט איך אויך געשלאָפען אָהן אַ רעטונגס־גאַרטעל און זיך ניט איינגעשמירט מיט קיין אויל."

איך האָב איינגעזעהן, אַז עס לוינט זיך ניט ארומצוריייסען מיט די צוויי חברה־לייט, און איך האָב באַשלאָסען ביי זיך אויף מאָרגען צו ריידען מיט ב.'ן פערזענליך וועגען דעם.

אויף מאָרגען אין דערפריה, ווען איך בין אויף אַ שטיקעל צייט געבליבען אליין מיט איהם אין דער קאַיוטע, האָב איך זיך געווענדט צו איהם אין אַ פריינדליכען טאָן:

„זאָגט מיר, הערר ב., פארוואָס לאָזט איהר זיך אזוי מורא'דיג ארומפיהרען ביי דער נאָז פון אָט די צוויי ווייסע חברה'ניקעס? באַגרייפט איהר דען ניט, אז די אַלע פאַרריקטע געשיכטעס וואָס זיי דערצעהלען אייך זיינען בלויז אויסגעטראַכטע זאַכען? די גאַנ־צע פלוידעריי וועגען דייטשע סובמארינען און עהנליכע זאַכען איז דאָך אזוי אומזיניג, אז איך פארשטעה ווירקליך ניט, ווי אזוי אַ פארנינפטיגער און געבילדעטער מאַן ווי איהר קאָנט דאָס אַלעס גלויבען. איהר רייבט זיך אָן וואונדען אויף'ן רוקען, שלאָפענדיג מיט דעם פאַרדאַמטען רעטונגס־גאַרטעל, און איהר שמירט זיך אָן מיט עפּוש'דיגען אויל, און דאָס אַלעס, כדי צו געבען די צוויי לצים אַ טעמא, איבער וואָס זיך צו אַמוזירען אין זייערע פרייע שטונדען."

ער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערען ווי אַ יונג מיידעל

און אַריינגעפאַלען אין א גרויסער פאַרלעגענהייט. אַז ער איז אַבי־סעל געקומען צו זיך, האָט ער מיט א טאָן פון דערשלאָגענקייט געזאָגט:

„איך דענק ווירקליך, אַז איהר זיינט גערעכט, הערר ראָקער. כ'האָב שוין אליין אויך געטראכט וועגען דעם, אָבער ס'האָט זיך מיר קיינמאָל ניט געוואָלט גלויבען, אַז די צוויי מענשען זאָלען קאָ־נען זיין אַזוי שלעכט."

„שלעכט?" בין איך איהם אַריינגעפאלען אין די רייד; „איהר האָט א טעות, מיין ליעבער. די צוויי חברה־ליט זיינען דורכאויס ניט שלעכט, אין געגענטייל, דאָס זיינען צוויי בראווע יונגען, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזען. אָבער זיי געפינען זייער פאַרגניגען אין דעם צו ציעלען אין די שוואַכע זייטען פון זייערע ליעבע מיט־מענשען. ס'איז פאַר זיי אַן אַנגענעם מיטעל אויף א שטיקעל צייט צו פאַרטרייבען די מאָנאָטאָניע פון זייער איצטיגען לעבען. פונ־דעסטוועגען קאָן איך ניט איינזעהן, אַז דאָס זאָל געשעהן אויס־שליסליך אויף די קאָסטען פון אייער לייכט־גלויביגקייט, מיין ליע־בער ב."

ער איז ווידער געוואָרן רויט, און איך האָב איהם געקאָנט אַראָפּליענען די הילפלאָזע פאַרלעגענהייט פון געזיכט אַראָפּ. ענד־ליך האָט ער מיט א האַלב־פאַרדריקטער שטימע געזאָגט:

„איך דאַנק אייך, הערר ראָקער, פון איצט אָן וועל איך שוין וויסען, וואָס איך האָב צו טאָן."

דער טאָג איז פאַרביי. איך האָב זיך שוין געפרעהט מיט דער איבעראַשונג וואָס די צוויי חברה־לייט וועלען האָבען און אין אָווענט בין איך געווען דער ערשטער אין בעט. אין א ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען ערנסט און גלייך נאָך איהם ב. ערנסט האָט זיך רוהיג אויסגעטאָן, אַרומגעשנאַלט דעם רעטונגס־גאַרטעל אַרום זיין לייב און זיך אַריינגעלעגט אין בעט. דערנאָך האָט ער פון אונ־טער'ן קישען אַרויסגענומען אַן אַלטע ציי‍טונג און האָט זיך כלומר'שט פאַרטיפט אין איהר. עטליכע מינוטען שפּעטער האָט זיך אויך קאַרל'טשיק באַוויזען אויף דער אַרענאַ. ער האָט גע־

שריען, געשאָלטען און געליאַרעמט אויף זיין געווענליכען שטייגער; דאָן האָט ער זיך צערעמאָניעל אויסגעטאָן די קליידער, אָנגעמאָס־טען מיט א וויכטיגער מיענע זיין רעטונגס־גאַרטעל, איידער ער האָט איהם ארומגעשנורעוועט ארום זיין ליִיב, און איז ענדליך א צופרידענער אריינגעקראָכען אין זיין בעטעל. גלייך נאָכדעם האָט ער געבעטען ערנסט׳ן ער זאָל איהם געבען א העלפט פון דער ציִיטונג, און האָט כלומר׳שט אנגעפאַנגען צו לייענען.

ב. איז די גאַנצע צייט געזעסען אויף זיין בעט און אלע ווײַלע מיר צוגעוואָרפען א פרעגענדען בליק. קיינער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט. ענדליך האָט עס דער גוטער ב. מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, און זיך ווענדענדיג צו ערנסט׳ן, האָט ער איהם גע־פרעגט:

„הערד ז., פאַרוואָס האָט איהר אָנגעטאָן דעם רעטונגס־גאַר־טעל? דאָס איז דאָך אַלץ נאַרישקייטען, ווי איהר אַליין ווייסט עס זעהר גוט. מיר האָבען דאָ איבערהויפּט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר קיין געפאַהר.“

ערנסט האָט איהם צוגעוואָרפען א בייזען בליק, האָט אָבער ניט געפונען פאַר נייטיג איהם צו ענטפערן און געלייענט ווייטער רוהיג די ציִיטונג. ווידער אַמאָל איז איינגעטראָטען דאָסזעלבע פיינליכע שטיל־שווייגען, ביז ב. האָט ענדליך נאָך אַמאָל געקריגען מוט און זיך אַצונד געווענדט מיט זיין פראַגע צו קאַרל׳טשיקען. אָבער דאָ האָט ער שלעכט אָפּגעשניטען. קאַרל׳טשיק האָט איהם באַשאָטען פון קאָפּ ביז די פיס מיט אזא שטראָם פון זיינע גע־ווייַנליכע ליעבלינגס־נעמען, אַז עס איז דעם אָרעמען יונג פאַר־גאַנגען דער חשק צו הערען און זעהן. איך האָב די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איהם. ער איז געזעסען אויף זיין בעט און האָט קענטיג געקעמפּט מיט א שווערען באשלוס. פּלוצ־לינג האָט ער האסטיג אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קליידער, אָנגעטאָן דעם רעטונגס־גאַרטעל און איז אויף גיך אריינגעשפּרונגען אין בעט, און דערביי האָט ער שרעקעדיג אויסגעמידען מיינע בליקען.

אַצונד בין איך געוואָרן ערנסט בייז אויף איהם און איך האָב

איהם געוואָלט זאָגען מיין מיינונג, אָבער איך האָב זיך באַצייטענס באַטראַכט און געשוויגען. עס וואָלט דאָך געווען אַרויסגעוואָרפען. אַנטקעגען דעם בלינדען שרעק פון אָט דעם מענשען האָט קיין שום פאַרנונפט ניט געקאָנט העלפען. אָבער די צוויי וואַגאַבונדען זיי־נען געווען מלא שמחה. זיי האָבען זיך ווי עס איז דערוואוסט, אַז איך האָב גערעדט מיט ב.׳ן, און זיי זיינען איצט געווען זעהר צו־פרידען וואָס זיי קאָנען מיר אויף אַ דעמאָנסטראַטיווען אופן ווייזען דעם רעזולטאַט פון מיין באַלעהרונג. אָבער דער אָרעמער ב. האָט איבעראַל געזעהן געשפּענסטער און האָט זיך כסדר געשראָקען. אַ שטיקעל צייט שפּעטער, ווען אַ טייל פון אונזערע מיטגעפאַנגענע איז איבערגעשיקט געוואָרן אויף דער „אייל אָף מען“, האָט ער זיך אַליין אָנגעשלאָגען און געבעטען מען זאָל איהם איבערשיקען אַהין, אום ענדליך ווידער צו קאָנען הנאה האָבען פון זיין לעבען.

דריי וואָכען נאָך דעם אינצידענט מיט די גיבראַלטאַר־לייט זיינען צוויי פון זיי פאַר׳משפּט געוואָרן צו דריי וואָכען געפענגניש, דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך אָנטזאָגט אָפּצוואַשען די טרעפּ וואָס האָבען געפיהרט פון׳ם קליינעם עס־זאַל צום הינטער־דעק. אלס ציוויל־געפאַנגענע זיינען מיר געווען פאַרפליכטעט צו טאָן בלויז אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע זיינען געווען דירעקט נייטיג פאַר דער אויפהאַלטונג פון אונזער עקזיסטענץ. דערצו האָט פריהער פון אַלץ געהערט דאָס רייניגען פון די פלעצער וואָס די געפאַנגענע האָבען באַנוצט אלס שלאָפצימערן און האַלטען אין אָרדנונג די עס־זאַלען. פאַר אָפּוואַשען די פאַרדעקען פלעגט די שיפס־קאָמפּאַניע באַצאָהלען געפאַנגענע מאַטראָזען, וועלכע האָבען זיך פרייוויליג געמעלדעט צו דער אַרבייט. דאָסזעלבע איז געווען דער פאַל מיט דעם דייטשען הילפס־פּערזאָנאַל, וואָס איז באַשעפטיגט געוואָרן אין די מאַשינען־צימערן. אַחוץ דעם פלעגען די געפאַנגענע פון זייער אייגענער קאַסע באַצאָהלען אַ קליינע גרופּע פון זייערע חברים פאַר אַרבייטען, וועלכע די מעהרהייט האָט ניט גערן געוואָלט טאָן, ווי צום ביישפּיעל דאָס טעגליכע רייניגען פון די קלאָזעטען, באַד־צימע־רען א. א. וו. נו, האָט מען ביז אַהער באַצאָהלט פאַר רייניגען דעם

טרעפּען־צוגאַנג און די טרעפּ וואָס האָבען געפיהרט פון׳ם גרויסען עס־זאַל צום פאָדערשטען פאַרדעק, בעת ווען מען האָט די מענשען אויף׳ן הינטערשטען טייל פון׳ם שיף פאַר דערזעלבער ארבייט גאָר־נישט געוואָלט צאָהלען. אָט די אָפענע אומגערעכטיגקייט איז געווען די אורזאַך, פאַרוואָס די צוויי גיבראַלטאַר־לייט האָבען זיך אָנט־זאָגט צו טאָן די ארבייט. אָן אָפיציר האָט געזוכט זיי איבערצו־רעדען, אָבער זיי זיינען געבליבען איינגע׳עקשנ׳ט און ניט געוואָלט פאָלגען. פאַר דעם אדיוטאַנט, וועלכער האָט פאַרשטעהט זיך, גע־האָט אַ הארץ אויף די גיבראַלטאַר־לייט, איז אָט דער פאַל געווען ווי געוואונשען. ער האָט אַצונד געהאַט די געלעגענהייט זיך אָפּצו־רעכענען פאַר יענעם אויפטריט געגען איהם, און ער האָט די צוויי מענער פאַראורטיילט צו דער העכסטער שטראָף וואָס ער האָט זיי איבערהויפּט געקאָנט געבען.

אַלס געפענגניש האָט געדיענט אַ קלעגליכער פּלאַץ, אַ לאָך אינ׳ם פאָדערשטען טייל פון שיף. ס׳האָט דאָרט געהערשט אַ מורא׳דיגע קעלט, און אַזוי ווי ס׳איז ניט געווען קיין שום ווענטי־לאַציע איז דער ענגער פּלאַץ געווען פול מיט אַן עקעלהאַפטער, פאַר־פּעסטעטער לופט. דערצו האָבען זיך אין דעם דאָזיגען לאָך אויפ־געהאַלטען אַ מאַסע פון ראַצען, וועלכע האָבען די געפאַנגענע ביי־נאַכט ניט געגעבען קיין רוה. די געפאַנגענשאַפט דאָרט איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען פאַרבונדען מיט הונגער, ווייל מען פלעגט די פאַר׳משפּט׳ע צוטיילען קליינע פּאָרציעס, אָדער מען פלעגט זיי גאָר געבען בלויז וואַסער און ברויט.

ס׳איז געווען אַ גליק פאַר די אָרעמע מענשען, וועלכע האָבען פון צייט צו צייט פאַרבראַכט אין דעם דאָזיגען לאָך, וואָס אונזער קאַרל׳טשיק איז דערהויבען געוואָרן צום „טשיף מעס ליעדער״. אַלס אַזעלכער האָט ער געדאַרפט באַזאָרגען די איינטיילונג פון די פּאָר־ציעס אין גרויסען עס־זאַל. אַ טייל פון זיינע פליכטען איז אויך געווען צוזושטעלען די פאַראורטיילטע אין דעם שיפס־געפענגניש זייערע פאַרגעשריבענע פּאָרציעס. דאָס פלעגט נאַטירליך שטענדיג געשעהן אין דער באַגלייטונג פון אַ סאָלדאַט. פאַר די אָרעמע

טייוואַלים, וועלכע האָבען געהאַט דאָס אומגליק אַרויפצוציהען אויף זייערע קעפּ דעם צאָרן פון די מיליטער־באאמטע, איז דאָס געווען אַ גרויס גליק; וואָרים קאַרל'טשיק האָט זיך פאַר זיי טיכטיג אנגע־נומען און ער פלעגט זיי פאַרזאָרגען מיט אַלערליי פאַרבאָטענע זאַכען, כדי ווי ווייט מעגליך זיי צו פאַרלייכטערן זייער גורל. אין דער באַציהונג איז ער געווען אומפאַרגלייכליך. מיט אַ שטוינענדער פרעכהייט פלעגט ער, דעם סאָלדאַט אונטער די אויגען, אריינ־שמוגלען די זאַכען אין געפענגניש, און אַזוי ווי ער האָט זיך קיינ־מאָל ניט פאַרלאָרן, פלעגט ער בייקומען די שווערסטע סיטואַ־ציעס, און דער ערפאָלג איז שטענדיג געווען אויף זיין זייט.

דעם זעלבען טאָג, ווען די צוויי גיבראַלטאַר־לייט האָבען גע־קראָגען זייער שטראָף, איז אין דער ענגלישער פּרעסע ערשינען אַן אויספירליכער באַריכט פון דער קאָמיסיע פון „רויטען קרייץ“ איבער דער לאַגע פון די דייטשע ציוויל־געפאַנגענע אין די פאַר־שידענע לאַגערען פון די אינטערנירטע. צווישען דעם איז אויך געווען אַ לענגערע באַשרייבונג מכח די צושטענדען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“. אונזער לאַגע איז דאָרט געשילדערט געוואָרען אַלס די בעסטע וואָס מען קאָן זיך נאָר דיינקען. מען האָט גע־רעדט פון אַ „שווימענדען האָטעל“, און מעהר ווי איין אָרעמער טייוועל, וועלכער האָט זיך נאָך געקאָנט פרעהען דאָרט דרויסען מיט דער גילדערנער פרייהייט, האָט אונז גליקליכע געמוזט מקנא זיין פאַר אונזער זולל וסובא־לעבען.

איך האָב אַלזאָ קיין טעות ניט געהאַט אין מיינע השערות און איך האָב אַצונד געוואוסט וואָס פאַר אַ געוויכט איך דאַרף אין דער צוקונפט לעגען אויף אַזעלכע „קאָמיסיעס“.

קאַפּיטעל 7

ליטעראַטור־עטיודע

די לייז־מגפה. — מיין ערשטער געשפּרעך מיט׳ן צענזאָר. — „אזוי שפּיגעלט זיך אין דעם דאָזיגען קאָפּ אָפּ די וועלט“. — שטומע באַטראַכטונגען. — פאַרבאַרייטונגען פאַר א ברייטערער טעטיקייט. — א רעדעוודיגער אָפּיציר. — אונזער ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג אין זאַל מיט די פערציג בעטען.

אין צוויי קאַיוטעס פון אונזער ליניע זיינען ענטדעקט געוואָרן לייז. מען האָט מיר שוין פריהער געהאַט דערצעהלט וועגען עטליכע קאַיוטעס וואָס זיינען געוועזן אין גאַנצען פאַרלייזיגט. כ׳האָב גע־האַט געננוג פון מיין ערשטער אייגענער ערפאַרונג און איך האָב געמוזט לייכט אויפשוידערן, הערענדיג וועגען די נייע פאַלען. מען וואָלט אייגענטליך געדאַרפט ערוואַרטען, אַז די סאַניטאַרע פאַר־וואַלטונג זאָל זיך מיט אַלע כחות א נעם טאָן צו דער דאָזיגער מיאוס׳ער פּלאָג, כדי צו פאַרהיטען אַז די גאַנצע שיף זאָל ניט ווערן פאַרלייזיגט. אָבער קיין שפּור דערפון. די גוטע מענשען האָבען זיך אויסגעקלערט א מערקווירדיג, א געניאַל מיטעל אָפּצושטעלען די פאַרשפּרייטונג פון דעם איבעל. אזוי גיך ווי מען האָט אויסגע־פונען לייז אין א קאַיוטע, האָט מען ניט געזאָרגט דערפאַר אַז די קאַיוטע זאָל גרינדליך גערייניגט ווערן דורך פּאַסענדע און ווירק־זאַמע דיסאינפעקציע־מיטלען. ניין, אַזאַ פאַרנינפטיגע און דירעק־טע מעטאָדע איז די הערן גאָר ניט אַרויפגעקומען אויף׳ן זינען. מען האָט איינפאַך באַשטראָפט די לייט, וועלכע זיינען צום גרעס־

טען טייל אָהן זייער אייגענע שולד באַפאַלען געוואָרן פון דער פלאָג: מען האָט די אָרעמע מענשען אַרויסגעטריבען פון זייערע קאַיוטעס און זיי געגעבען אַ פּלאַץ אין איינעם פון די גרויסע שלאָפ־זאַלען. אויף אַזאַ אופן איז געווען אוממעגליך, אַז די פאַר־לייזיגונג פון די גרויסע זאַלען זאָל מאַכען שטאַרקע פאָרטשריטען. מען איז אין ערגעץ ניט געווען זיכער, ווייל דאָס שיף איז געווען אין גאַנצען איבערפילט און מען האָט כסדר געמוזט קומען אין קערפּערליכער באַריהרונג מיט די מענשען.

אַסך געפאַנגענע האָבען באַשלאָסען זיך אַליין צו העלפען און זיי האָבען געבעטען זייערע קרובים אויף דרויסען מען זאָל זיי צו־שיקען אינזעקטען־פּולווער. אָבער ווי גרויס איז געווען זייער אי־בעראַשונג, ווען אָט דער טייערער שטאָף איז, אויף אַ באַפעהל פון׳ם קריגס־מיניסטעריום, קאָנפיסקירט געוואָרן פון׳ם צענזאָר אויף׳ן שיף. אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך אומזיסט געבראָכען דעם קאָפּ צו דערגעהן, וואָס האָט פאָרט געקאָנט זיין די אורזאַך פון׳ם דאָזיגען אומזיניגען פאַרבאָט, ביז מען האָט מיר שפּעטער אויפגע־קלערט, אַז מען קאָן מיט אינזעקטען־פּולווער מאַכען אַ געהיימע טינט און אויף אַזאַ אופן אָפּנאַרען דעם צענזאָר. איך ווייס ניט גענוי, צי דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַך פון דעם מאָדנעם פאַר־באָט, הגם אַן אַנדער גרונד לעגט זיך קוים אויף׳ן שכל. אָבער זאָגאַר אין דעם דאָזיגען פאַל האָט מיר די גאַנצע געשיכטע אויס־געקוקט לעכערליך און אומבאַגרינדעט. וואָרים אַ מענש, וועמען ס׳איז געגאַנגען אין לעבען איבערצושיקען צו זיין פאַמיליע אַ נאַכ־ריכט, פון וועלכער דער צענזאָר זאָל גאָרנישט וויסען, האָט שטענדיג געקאָנט געפינען אַ געלעגענהייט דערצו, אויך אָהן אינזעקטען־פּולווער... אויף יעדען פאַל בלייבט עס אַ פאַקט, אַז מען האָט פון די געפאַנגענע צוגענומען יעדען מיטעל זיך צו קאָנען באַשיצען געגען אַזאַ עקלהאַפטע פּלאָג.

ס׳איז געווען אין מיטען פעברואַר, ווען איך בין גאָר פּלוצלינג גערופען געוואָרן צום צענזאָר. ער האָט מיך אויפגענומען זעהר העפליך און האָט פון צווישען זיינע פּאַפּירען אַרויסגענומען אַ

בריעף, וועלכען ער האָט מיר געגעבען צו לייענען. ס'איז געווען א בריעף וואָס איך האָב אליין מיט אומגעפעהר דריי וואָכען צוריק געהאַט געשריבען צו מיין פרוי און וועלכען מען האָט איבערהויפּט ניט אָפּגעשיקט, ווי איך האָב איצט צו מיין גרויסער ערשטוינונג געמוזט זעהן. כ'האָב געפיהלט, ווי דער צאָרן פאַרשנורעוועט מיר דעם האַלז. האָב איך דאָך געוואוסט, מיט וואָס פאַר אַ פיבער־האַפטער אומגעדולד מיינע בריעף ווערן דערוואַרט דאָרט אין דער־היים!

„כ'פאַרשטעה ניט, פאַרוואָס אָט דער בריעף האָט געקאָנט צו־ריקגעהאַלטען ווערן פון דער צענזור,“ האָב איך געזאָגט און זיך געגעבען די מיה צו באַקעמפען מיין אינערליכע עמפּערונג.

דער צענזאָר האָט זיך העפליך ענטשולדיגט און האָט באַדויערט מיין שלים־מזל.

„איך פּערזענליך בין ניט פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר וואָס איי־ער בריעף איז ניט אָפּגעליפערט געוואָרן,“ האָט ער געזאָגט. „ער איז צוריקגעשיקט געוואָרן אהער פון דער הויפּט־צענזור אין סאַלים־בורי האַוז.“

„אָבער צוליב וואָס פאַר אַ גרונד?“ האָב איך געפרעגט.

„ווי עס שיינט, האָט אַ געוויסע שטעלע פון אייער בריעף אַרויסגערופען אומצופרידענקייט ביי דער צענזור אין לאָנדאָן,“ האָט ער מיר ערקלערט. „איהר שרייבט צווישען אנדערעס, אַז אויסער דזשעם, צוויי סאָרטען טאַבאַק און ציגאַרעטלאַך קאָן מען אין בופעט אויף'ן שיף איבערהויפּט גאָרנישט קויפען.“

„אָבער מיין באַהויפּטונג שטימט דאָך אבסאָלוט מיט דער וואַרהייט,“ האָב איך געזאָגט פאַרוואונדערט.

„דאָס לייקען איך גאָר ניט,“ האָט ער פריינדליך באַמערקט, „אָבער אייערע ווערטער וואָלטען לייכט געקאָנט מיספאַרשטאַנען ווערן און וואָלטען פיליייכט דערוועקט ביי אייערע אייגענע דעם פאַרדאַכט, אַז מיר באַהאַנדלען שלעכט אונזערע געפאַנגענע.“

„און ווילט איהר ווירקליך באַהויפּטען, אַז מען קאָן אָנרופען

אונזער לאַגע גוט אָדער כאָטש אויף וויפיעל עס איז צופרידענ־שטעלענד?" האָב איך איהם געפרעגט מיט אַן איראָנישען טאָן.

ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך באַטראַכט און געזוכט אַ פּאַסענדען ענטפער. דאַן איז ער פּלוצלינג געוואָרן ערנסט און געזאָגט:

„איך וויל זיך אין דעם מאָמענט ניט אַרייַנלאָזען מיט אייך אין אַ לאַנגען געשפּרעך וועגען דער דאָזיגער פראַגע. געפאַנגענשאַפט איז קיינמאָל ניט קיין גוטע זאַך. איך פּערזענליך קאָן גאָרנישט ענדערן אין דער לאַגע, אָבער איך בין דאָך אימשטאַנד אייך צו פאַרשאַפען געוויסע פאַרלייכטערונגען, און דאָס איז געווען דער גרונד, פאַרוואָס איך האָב אייך געשיקט רופען אַהער. ווילט איהר פיליכט זיין אַזוי פריינדליך און מיר אויפשטעלען אַ ליסטע פון לעבענס־מיטלען און אַנדערע זאַכען, וועלכע וועררן געוויגשט און געפאָדערט פון אַלעמען? איך וואָלט דאַן געזאָרגט דערפאַר, אַז אָט די אַלע זאַכען זאָלען געהאַלטען ווערען אין בופעט. דער איצ־טיגער צושטאַנד פון׳ם בופעט איז יעדענפאַלס, ווי איך מוז אליין צוגעבען, זעהר מאַנגעלהאַפט. אָבער מיר זיינען איצט פאַרנומען מיט אַזויפיעל אַנדערע זאַכען, אַז מיר קאָנען ניט איבעראַל טאָן וואָס איז נייטיג."

כ׳האָב געוואוסט, אַז ער פּערזענליך האָט ניט געקאָנט געמאַכט ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם צושטאַנד אין בופעט, און איך האָב צוגעזאָגט אויסצואַרבייטען די ליסטע. מיר האָבען דאַן נאָך אויסגעטוישט עטליכע גלייכגילטיגע ווערטער, ביז איך האָב זיך פּלוצלינג ווידער דערמאָנט אָן מיין בריעף.

„און וואָס איז מיט מיין בריעף?" האָב איך איהם געפרעגט. „מיינע אייגענע זיינען שוין וואָכען־לאַנג אָהן אַ שום נאַכריכט פון מיר און זיי טראַכטען פיליכט איבער ווער וויים וואָס איבער מיין לאַנגען שטיל־שווייגען."

„איהר זיינט גערעכט," האָט ער געזאָגט. „אויב איהר ווילט, שרייבט אָן אַ אַנדער בריעף און איך וועל איהם דירעקט פון דאַ־נען אָפּשיקען אויף זיין אַדרעס."

איך האָב איהם געדאַנקט און פאַרלאָזען דעם ביוראָ.

די גאַנצע זאַך איז מיר פאָרגעקומען אזוי לעכערליך. אין דערזעלבער צייט האָט זי אין מיר פאַרשטאַרקט דאָס טעמפּע געפיהל פון אַן אַבסאָלוטער אָהנמאַכט, וואָס לעגט זיך גראָד אין דער געפאַנגענשאפט אזוי שווער אויף דעם מענשען. מיין בריעף האָט געהאַט אַן אַבסאָלוט אומשולדיגען כאַראַקטער, הגם דער גרונד וואָס האָט מיך באַוואויגען צו שרייבען, און וועלכען איך האָב צוליב באַגרייפליכע אורזאַכען גאָר ניט דערמאָנט, איז שוין גאַרנישט געוועזן אומשולדיג. אין פאַרלויף פון די לעצטע וואָכען איז נעמליך דאָס עסען געוואָרן אזוי אומגלויבליך שלעכט, אַז נאָר דער ביטערסטער הונגער האָט געקאָנט צווינגען די מענשען זיך צו ווארגען און ארונטערשלינגען דאָס פאַסקודסטוואָ. דאָס פלייש האָט איינפאַך געשטונקען און זעלטען, זעלטען ווען מען האָט עס געקאָנט נעמען אין מויל. איך אליין האָב שוין זינט וואָכען ניט געהאַט אָנגעריהרט דאָס פלייש וואָס מען פלעגט אונז געבען. דערצו האָט מען טאָג־טעגליך געהאַט ווייסע אָדער געלע ריבען, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט ריכטיג אָפּגעוואַשען געוואָרן, אזוי אַז מען האָט געהאַט א פולען מויל מיט שמוץ און די זאַמד־קערנער האָבען געקריצט צווישען די צייהן. בעבלעך און ארבעס פלעגט מען אַלץ זעלטענער זעהן אויף אונזער טיש, און דאָס רוב זיינען זיי געוועזן ניט דערקאָכט און הארט ווי שטיינדלעך. ווער עס האָט אונטער די דאָזיגע פאַרהעלטענישען ניט געקראָגען עפּעס צוגעשיקט פון דרויסען, איז געוועזן פאַראורטיילט בסדר צו הונגערן. אזוי ווי אין בופעט אויפ׳ן שיף האָט מען אחוץ דזשעם און אביסעל שלעכטען טאַבאַק גאַרנישט געקאָנט קויפען, האָב איך געשריבען מיין פרוי, אַז אַנשטאָט געלד זאָל זי מיר פון צייט צו צייט צושיקען איינינע לעבענס־מיטלען. דערביי האָב איך מיט קיין איין וואָרט ניט אָנגעדייט אויף אונזער אייגענטליכער לאַגע, און ניט קוקענדיג דערויף האָט די צענזור אין סאַליסבורי האוז פאַרהאַלטען מיין בריעף, ווייל, ווי דער צענזאָר האָט באַמערקט, דורך איהם „קאָן פיליכט דרויסען דערוועקט ווערן דער פאַרדאַכט, אַז אונזער לאַגע איז ניט קיין

גוטע". — און אין דערזעלבער צייט וואָס די מיליטערישע צענזור האָט מיט אָפענע אויגען געהיט, אַז עס זאָל אין אונזערע בריעף חלילה ניט דורכגעהן קיין צוויי־דייטיג וואָרט, וואָס וואָלט פיליכט געקאָנט וואַרפען אַ ברעקעלע ליכט אויף אונזער ווירקליכער לאַגע, האָט די ענגלישע פרעסע געבראַכט שפּאַלטען־לאַנגע באַריכטען אי־בער אונזער „שווימענדען האָטעל" און דערצעהלט אַלערליי מעשיות ווי מיר באָדען זיך אין וואָילטאָג און פאַרגניגען.

נאָכמיטאָג האָב איך אָנגעשריבען אַ נייעם בריעף און בין דער־מיט נאָך אַמאָל געגאַנגען צום צענזאָר. ווען ער האָט שנעל דורכ־געקוקט מיינע ציילען, האָב איך באַמערקט, ווי זיין שטערן האָט זיך פאַרצויגען אין קנייטשען; עפּעס האָט אַלזאָ ווידער ניט געמוזט שטימען. ענדליך האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיין בריעף אויף'ן טיש און געזאָגט שטרענג:

„איך קאָן אייער בריעף ניט דורכלאָזען."

איך האָב זיך, שרייבענדיג מיין בריעף, באַזונדערס געפּלייסט צו זיין אַזוי פאָרזיכטיג ווי איך האָב נאָר געקאָנט. און איך בין דערום געווען שטאַרק איבעראַשט, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסען אויף נייע שוועריגקייטען.

„וואָס איז דער גרונד?" האָב איך רוהיג געפרעגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע, אָפענע אויגען און ס'איז קענטיג געווען, אַז ער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער מיך קורץ און שאַרף אָפּפאַרטיגען, אָדער מיר געבען אַן ערקלערונג. נאָך אַ קליי־נער פּויזע האָט ער מיר מיט אַ שטרענגען טאָן געזאָגט:

„ערוואַרט איהר פיליכט פון מיר איך זאָל אייך העלפען פאַר־שפּרייטען אייערע פאַנגערמאַניסטישע אידעען?"

איך בין אַ ווײַלע געבליבען אַ צומישטער און האָב איהם אָנגע־קוקט מיט פאַרוואונדערונג. ענדליך האָב איך זיך מעהר ניט גע־קאָנט צוריקהאַלטען און איך האָב ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכ־טער. איצט איז ער שוין געוואָרן צומישט.

„פאַרוואָס לאַכט איהר?" האָט ער שטרענג געפרעגט.

„פאַרצייהט מיר מיין אומפרייוויליגע מונטערקייט," האָב איך

געזאָגט, „אָבער די זאַך איז פאַר מיר צו קאָמיש. איהר באַשולדיגט מיך אין פאַנגערמאַניסטישע אידעען, מיך, וואָס צוליב מיין פּראָפּאַ־גאַנדאַ געגען נאַציאָנאַליסטישע און מיליטאַריסטישע אידעען האָב איך געמוזט פאַרלאָזען מיין היימאַט און געפין זיך זינט אומגעפעהר צוואַנציג יאָהר אַלס פּאָליטישער פליכטלינג דאָ אין דעם דאָזיגען לאַנד?"

ער האָט מיר אריינגעקוקט מיט אַ תּמ'עוואַטען בליק אין געזיכט און ס'איז קענטיג געווען, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל מיר ענטפערן. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען מיין בריעף פון טיש און געזאָגט:

„און ווי אַזוי ערקלערט איהר מיר די שלום־ווערטער פון אייער בריעף?"

ער האָט מיר געהאַלטען דעם בריעף דירעקט אונטער דער נאָז און געטייטעלט מיט'ן פינגער אויף דער באַשטימטער שטעלע. איך האָב געלייענט אין דער הויך די פאָלגענדע ווערטער: „און גריס מיר הערצליך אַלע קאַמעראַדען. זאָג זיי, אַז מיין האַרץ איז ביי זיי און ביי אונזער גרויסער זאַך פאַר דער ערקעמפונג פון אַ העכערער סאָציאַלער קולטור און דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער."

„און אין די דאָזיגע ווערטער געפינט איהר פאַנגערמאַניסטישע אידעען?" האָב איך געפרעגט ערשטוינט. „האָט איהר שוין אַמאָל געהערט אַ פאַנגערמאַניסט ריידען וועגען דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער?"

כ'האָב געקאָנט זעהן אויף איהם, אַז ער הויבט ענדליך אָן צו פיהלען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, וואָרים אויף זיין געזיכט האָט זיך געוויזען די רויטקייט פון דער פאַרלעגענהייט.

„אָבער פאַרוואָס רעדט איהר דאָ וועגען אַ העכערער סאָציאַלער קולטור?" האָט ער געפרעגט נאָך אַ קורצער פויזע. „דאָס וואָרט קולטור איז איינער פון די באַליעבטסטע אויסדריקען פון די פאַנגערמאַנסיטען."

„דאָס מעג זיך זיין," האָב איך געענטפערט, „אָבער ס'איז אויף קיין פאַל ניט קיין מאָנאָפּאָל פון דעם פאַנגערמאַניזם. אָדער ווילט

איהר אפשר באהויפּטען, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין באַ־שטימטער קולטור־אידעאַל?"

„אויף קיין פאַל ניט," האָט ער געזאָגט אביסעל דערשלאָגען.

„אָבער, כ'בעט אייך, ווילט איהר מיר אין קורצע ווערטער ערקלערן, וואָס איהר אליין פאַרשטעהט אונטער א העכערע סאָציאַלע קול־טור?"

„מיט פאַרגניגען," האָב איך געענטפערט. „איך פאַרשטעה אונ־טער א העכערער סאָציאַלער קולטור א געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, וואו די גרויסע מאַסע פון דער מענשהייט ווערט ניט מעהר ערני־דעריגט צו זיין דאָס לאַסט־טיער און דער געגענשטאַנד פון עקס־פּלואַטאַציע פאַר קליינע פּריווילעגירטע מינדערהייטען; א געזעל־שאַפטליכער צושטאַנד, אין וועלכען אַזאַ אומגעהייערער פאַרברע־כען ווי דער איצטיגער מאַסענמאָרד פון די פעלקער, וואָס רופט זיך קריג, איז א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט."

דאָס האָט איהם, ווייזט אויס, גאָר אין גאַנצען צוטומעלט, און עס איז פאַרגאַנגען א היבשע ווייל, ביז ער האָט זיך געקאָנט ענטשליסען צו אַן ענטפער.

„איך פאַרשטעה," האָט ער ענדליך געזאָגט. „איהר זיינט אַן אַנהענגער פון טאָלסטאָי."

„אין פיעל הינזיכטען יאָ," האָב איך ערקלערט. „הויפּטזעכליך שרייב איך זיך אונטער אויף אַלצדינג וואָס טאָלסטאָי האָט געזאָגט איבער'ן קריג און איבער דער ראָלע פון די רעגירונגען."

„און ווער זיינען די קאַמעראַדען, וועגען וועלכע איהר רעדט אין אייער בריעף?" האָט ער געפרעגט.

„די אַנאַרכיסטען," האָב איך געענטפערט קורץ.

דאָס איז געוועזן גענוג. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען מיט א מאָדנעם בליק און געזאָגט העפליך:

„איך מוז צוגעבען, אַז איך האָב אייך מיספאַרשטאַנען. אבער אַצונד, אַזוי ווי די זאַך איז אויפגעקלערט, וועל איך דעם בריעף פאַרשטעהט זיך, אַפּשיקען."

דערמיט האָט זיך געענדיגט אונזער אונטערהאַלטונג און מיט

געמישטע געפיהלען בין איך אַרוים פון ביוראָ. די גאַנצע אַנגעלעגענהייט האָט געמאַכט אויף מיר א קאָמישען איינדרוק, אָבער זי האָט אויך געהאַט א זעהר ערנסטע זייט. אויב די עקזעקוטיווע בעאַמטע פון דער צענזור אין לאָנדאָן האָבען פונקט אַזוי לייכט „מיספאַרשטאַנען“ די בריעף פון די געפאַנגענע, ווי אונזער צענזאָר אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“, דאַן קאָן מען זיך פאָרשטעלען וואָס פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז געוואָרן.

עטליכע טעג נאָך דעם דאָזיגען אינצידענט איז געשטאָרבען איינער פון אונזערע קאַמעראַדען, א געוויסער טיעדעמאַן. ער איז געקומען פון די טראָפּישע געגענדען און איז געוואָרן שטאַרק קראַנק אויף שוואַרץ־וואַסער־פיבער. טיעדעמאַן איז ערשט געוועזן א גאַנץ קורצע צייט ביי אונז אויף׳ן שיף. אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט ניט אויסגעפונען די אמת׳ע אורזאַך פון זיין קראַנקהייט, האָט מען אָנגענומען, אַז ער ליידט פון א הויך־גראַדיגער אַלקאָהאָל־פאַרגיפטונג. נו האָט איהם דער טויט דערלייזט פון זיינע ליידען. מען האָט דעם טויטען קערפּער איינגענעהט אין א זאַק און איהם אָפּגעשיקט אין קליינעם שיפעל אויף דער יבשה. איך האָב, שטעהענדיג אויף׳ן פּאַרדעק, געזעהן דעם טרויעריגען טראַנספּאָרט, און א טעמפּ געפיהל האָט מיר פאַרדריקט דאָס הארץ, ווען איך האָב פון אויבען אַראָפּגעקוקט אויף דעם גראָבען זאַק, דורך וועלכען עס האָבען זיך דייטליך אָפּגעצייכענט די קערפּער־פאָרמען פון׳ם מת. דער מאַן איז מיר געוועזן אין גאַנצען אומבאַקאַנט; כ׳האָב איהם קיינמאָל פריהער ניט געזעהן, קיינמאָל גאָרנישט געהערט וועגען איהם. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז א שטומע טראַגעדיע האָט דאָ געפונען איהר סוף, און מיינע געדאַנקען האָבען אַריבערגעוואַנדערט אין דער ווייטער היים, וואו עס האָבען זיך געפונען דעם פאַרשטאָרבענעם׳ס אייגענע, זיינע ליעבע און טייערע. זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַהנונג פון דעם שווערען בראָך וואָס האָט זיי געטראָפען, בעת ווען איך בין געשטאַנען דאָ אויבען, פאַרטיעפט אין מיינע פינסטערע געדאַנקען, אַראָפּקוקענדיג אויף דער איינגעניטער לייכע.

און איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט, וויפיעל טויזענדער אזעל־

כע טראַגעדיעס עס האָבען זיך איצט טאָג־טעגליך אָפּגעשפּילט אין אַט דער צייט פון׳ם אַלגעמיינעם וואַנזין און פון׳ם רויטען טויט. מיליאָנען האָפנונגספולע מענער, די בליהונג פון די נאַציאָנען, זיי־נען יעדען טאָג אריינגעטריבען געוואָרן אין די גרויזאַמע אָרעמס פון׳ם טויט, און מעהר ווי איינער פון די דאָזיגע מאָדערנע גלאַדיאַ־טאָרס איז פּילייכט אין דערזעלבער רגע געלעגען מיט א דורכגע־שאָסען האַרץ און מיט צוקריפּעלטע גלידער אויף׳ן שלאַכט־פעלד, בעת ווען זיינע אייגענע אין דערהיים האָבען זיך געפונען אין טויט־ליכער אַנגסט, זאָרגענדיג וועגען איהם.

דאָס זיינען די גליקען פון׳ם מאָדערנעם שטאַאט, וועלכער צודריקט מיליאָנען פון זיינע אונטערטאַנען צווישען זיינע אייזער־נע וואַלצען און רעדער, בכדי צו דיענען די אינטערעסען פון קליינע מינדערהייטען, וועמעס רויב־לוסטיגע פּאַרטרעטער באַשטימען איצט דאָס שיקזאַל פון די פעלקער. די גאַנצע צייט האָט געטראַ־גען דעם צייכען פון׳ם טויט, און קיינער האָט ניט געקאָנט פאַר־אויסזעהן, ווי לאַנג אַט דער מורא׳דיגער קאָשמאַר וועט נאָך ליגען אויף די פעלקער. אָבער וואָס האָט דאָ געהאָלפען דאָס טענה׳ן און ריידען? אין דעם דאָזיגען שוידערליכען וויכער פון טויט און וואַנ־זין האָט יעדע שטימע פון פאַרנונפט און פון מענשליכקייט געמוזט בלייבען אָהן א שום ווירקונג. דאָס בוך פון׳ם שטאַאט איז שטענ־דיג געווען די גרויסע ליידענס־געשיכטע פון די פעלקער, וואָס איז געשריבען געוואָרן מיט׳ן בלוט פון אומגעצעהלטע אָפּפער און מיט די טרערען פון די אומשולדיגע. קיינמאָל איז מיר אָט דער אמת ניט געקומען אזוי דייטליך צום באוואוסטזיין, ווי איצט, שטעהענ־דיג פנים אל פנים מיט אָט דער ריזיגער קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז דאָך אייגענטליך געווען דער סימבאָל פון אונזער שטאַאטליכער און קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. אָבער ווי קליין איז געווען די צאָהל פון די, וועלכע זיינען געבליבען ביים קלאָרען זינען און פאַר־שטאַנען ריכטיג אַנצואווייזען אויף די צוזאַמענהאַנגען פון אָט דעם וועלט־חורבן! האָבען דאָך מאַנכע פון די בעסטע פאַרלאָרען דעם קאָפּ און זיי האָבען זיך אַצונד געפלייסט אריבערצושטייגען איינע

די אנדערע, כדי ארויסצואווייזען זייער אכטונג צו דער נייער געצ־קע, וועלכע זיי האָבען פריהער באַקעמפט אויף לעבען און טויט.

כ'האָב געפיהלט, ווי א ביטער געפיהל וואָלט מיר דעם האַלז צוזאַמענגעשנורט. אָה, אַט די וואַנזיניגע, אַט די קלעגליכע סטאַדע, וועלכע פאָלגט נאָך אַלץ בלינד און טויב די באַפעהלען פון איהרע אַלטע און נייע הערשער, און פּונקט ווי פּאַר צוויי טויזענד יאָהר מעקעט זיך נאָך איצט ארוים מיט דערזעלבער אידיאָטישער איבער־געבענקייט איהר „זיי געבענשט, צעזאַר! די צום טויט פאַראור־טיילטע באַגריסען דיך!" א געפיהל פון אומבאגרענעצטער איינ־זאַמקייט האָט ארומגענומען מיין זעלע, בעת מיינע אויגען האָבען נאָך אַלץ ווי היפּנאָטיזירט נאָכגעפאָלגט דעם קליינעם שיפעל, וואָס האָט אריבערגעפיהרט דעם טויטען קערפּער פון'ם פאַרשטאַרבענעם אויף דער יבשה. מיר איז פאַרגעקומען, אזוי ווי מען וואָלט מיך פלוצלינג פאַרוואָרפען ערגעץ אין אן אייז־מדבר, ווייט אוועק פון'ם רייך פון לעבען און פון די סאָציאַלע ערשיינונגען. כ'האָב געפיהלט, אזוי ווי אין מיר וואָלט צובראָכען געוואָרן עפּעס גרויסעס און שע־נעס, וואָס קאָן אצונד שוין קיינמאָל מעהר ניט ווידער אויפלעבען אויף'ם ניי. כ'האָב געמוזט איינפאַך אָנווענדען אַלע כוחות צו פאַרטרייבען די פינסטערע געדאַנקען און זיך באַפרייען פון דער דאָזיגער פּיינליכער שטימונג. זאָל זיין אזוי! בעסער אונטערגעהן אין אן אייז־מדבר, איידער שליסען פרידען מיט דער נייער געצקע.

ס'איז געווען אין דער דריטער וואָך פון'ם מאָנאַט פעברואַר, איז מיין פרוי געקומען מיך באַזוכען צוזאַמען מיט איינעם פון מיינע רוסישע פריינט, מיט'ן נאָמען אַלעקסאַנדראָוויטש. דער באַזוך איז דאָס מאָל פאָרגעקומען ניט אין קאָרידאָר, ביי די טרעפּ, נאָר אין א באַזונדער קאַיוטע, וואו מיר האָבען געקאָנט פיהרען אונזער געשפּרעך אין דער געגענוואַרט פון אן ענגלישען אָפיציר. דער אָפיציר, אן עלטערער מאַן, האָט אונז ערקלערט, אז עס איז ניט אַנגענעם פאַר א דאַמע צו זיצען ביי די טרעפּ, מחמת דעם האָט מען באַשלאָסען אין געוויסע פאַלען צו ערלויבען, אז די באַזוכען זאָלען פאַרקומען אין א קאַיוטע. דאָס איז אן און פאַר זיך געווען

גאַנץ פּיין, און איך האָב נאָר באַדויערט, פאַרוואָס מען האָט ביז אהער אַלע געפאַנגענע און זייערע געסט ניט באהאַנדעלט אויף אַזאַ אופן. נאָכדעם ווי מיר האָבען איינע די אַנדערע באַגריסט, האָט זיך אונזער געשפּרעך זעלבסטפאַרשטענדליך אָפּגעשטעלט אויף דעם צושטאַנד פון אונזער באַוועגונג. דער אָפיציר האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אונזערע רייד און פּלוצלינג האָט ער זיך גאַנץ דירעקט געווענדט צו מיר און אַ פרעג געטאָן:

„איהר זיינט, הייסט עס, אַ סאָציאַליסט?"

„יאָ," האָב איך געענטפערט אביסעל איבעראַשט.

„דאָס פרעהט מיך," האָט ער געזאָגט, „איך בין זיכער, אַז די סאָציאַליסטען וועלען דעם קייזער שוין לערנען דרך ארץ."

אזוי ווי די באַזוך־צייט איז געווען באַגרענעצט בלויז אויף צוואַנציג מינוט און יעדע מינוט איז מיר דערפאַר געווען טייער, האָב איך זיך ניט געוואָלט אריינלאָזען אין קיין שמועס מיט דעם אַלטען דזשענטעלמאַן און איך האָב ניט געענטפערט אויף זיין באַמערקונג. אָבער ער האָט ניט אָפּגעלאָזען און ווייטער גערעדט, איבערשלאָגענדיג יעדעס מאָל אונזער געשפּרעך.

„איך בין איבערצייגט, אַז אין אַ קורצער צייט וועט אין דייטשלאַנד אויסברעכען אַ רעוואָלוציע," האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון טיעפסטער איבערצייגונג.

„מעגליך", האָב איך געענטפערט, אויסווייכענדיג, וואָרים איך האָב פּאַקטיש ניט פאַרשטאַנען וואָס ער איז דאָ אויסען געווען.

„יאָ, איך בין פעסט איבערצייגט אין דעם!" האָט ער מיט אַ לוסטיגען טאָן ווייטער גערעדט, זיך גאָר ניט קימערענדיג וועגען דעם וואָס ער האָט דורך זיינע אומאויפהערליכע אונטערברעכונגען אָפּגעהאַקט מיין פרוי און אַלעקסאַנדראָוויטש'ן דאָס וואָרט פון מויל. — „יאָ, און דאַן וועט דער קייזער מוזען געהן אויף דער תליה. אזוי צי אזוי, הענגען וועט מען איהם סיי ווי; דאָ וועט איהם גאָרנישט העלפען. אַך, ווען מיר זאָל נאָר באַשערט זיין צו האַלטען דעם שטריק דערביי!"

דער אַלטער האָט מיך אָנגעהויבען צו אַמוזירען, ניט קוקענדיג

דערויף וואָס ער האָט דורך זיינע נאַרישע רייד ביי מיר אוועקגע־רויבט די טייערסטע מינוטען. אָבער די נאַאיווקייט, מיט וועלכער ער האָט ארויסגערעדט זיינע זיכער גאַנץ ערנסט געמיינטע ווער־טער, איז געוועזן אַזוי קאָמיש, אַז מען האָט איהם געמוזט מוחל זיין פאַר זיין מאָדנער באַנעמונג. כ'האָב איינגעזעהן, אַז אונטער די דאָזיגע אומשטענדען איז דער איינענטליכער צוועק פון דעם באַזוך געוועזן קאַפּוט, מחמת דער אַלטער מאַן האָט אַצונד מיט אַ מערס־ווירדיגער קאַלטבלוטיגקייט נאָך געזוכט אריינצוציהען אויך מיין פרוי און אַלעקסאַנדראָוויטש'ן אין געשפּרעך. דאָך האָב איך גע־פּרואווט נאָך אַמאָל צו צאַהמען ווי וויים מעגליך זיין רעדעווודיג־קייט, געבענדיג איהם צו פאַרשטעהן, אַז איך דאַרף זיך נאָך דורכ־רעדען מיט מיין פרוי וועגען עטליכע פּריוואַט־אַנגעלעגענהייטען. ער איז אַנשוויגען געוואָרן אויף אַ ווײַלע, הגם מען האָט געקאָנט זעהן אויף איהם, אַז דאָס איז איהם שווער אָנגעקומען. אָבער עס זיינען נים פאַרגאַנגען קיין פינף מינוט, האָט ער זיך שוין מעהר נים געקאָנט איינהאַלטען. דאָס מאָל האָט ער זיך געווענדעט די־רעקט צו מילי'ן.

„אייער מאַן שיינט צו זיין אַ פאַרנינפטיגער מענש," האָט ער אָנגעהויבען; „אָבער לײַדער האָבען מיר אויך זעהר שלעכטע עלעמענטען אויף'ן שיף, וועלכע זיינען מיט קיין זאַך נים צופרידען. אָבער זיי וועלען שוין זעהן, וואָס זיי קאָנען אויספיהרען."

ווידער איז ער אַנשוויגען געוואָרן אויף אַ ווײַלע; אָבער ס'האָט נים געדויערט לאַנג, האָט ער איבער אַ נייס זיך געווענדעט צו מיין פרוי.

„ווייסט איהר," האָט ער געזאָגט, „אַז דער גאַנצער פּראַכט־רוים פון אונזער שיף איז אָנגעפילט מיט עקספּלאָזיוו־שטאָפען און איז פאַרבונדען מיט אַן עלעקטרישער לייטונג? דער קאָמאַנדיר דאַרף בלויז אַ דריק טאָן אַ פאַרבאַרגענעם קנעפּעל, כדי ארויפצור־שיקען דאָס שיף מיט האַק און פּאַק אין דער לופטען."

די געשיכטע מיט'ן עלעקטרישען קנעפּעל איז געווען אַן אַלגע־מיין באַקאַנטע זאַך אויף'ן שיף. זי איז פאַרשפּרייט געוואָרן פון די

סאַלדאַטען, משמעות כדי איינצושרעקען די געפאַנגענע. נאַטירליך האָט מען זיך בלויז לוסטיג געמאַכט ־דעריבער, און קיינער האָט עס ניט געגלויבט. אָבער אַז אַן ענגלישער אָפיציר זאָל קאָנען האָבען די טאַקטלאָזיגקייט צו דערצעהלען אַט ־די נאַרישע באָבע־מעשה אַ פרוי, וועלכע איז אייגענס געקומען, כדי צו קאָנען ריידען עטליכע מינוט מיט איהר מאַן, — דאָס וואָלט איך בשום אופן ניט געהאַל־טען פאַר מעגליך, ווען איך וואָלט עס ניט געהערט מיט מיינע אייגענע אויערען.

מיט דער געשיכטע וועגען ־דעם עלעקטרישען קנעפעל איז אי־בעריגענס געקומען א סוף צו אונזער געשפּרעך, וואָרים גלייך נאָכ־דעם האָט אונז דער רעדעוודיגער אַלטער מאַן אין יוניפאָרם ער־קלערט, אַז אונזער צייט איז אָפּגעלאָפען, און מיר האָבען זיך גע־מוזט, ווילענדיג ניט ווילענדיג, געזעגענען איינע מיט די אַנדערע, הגם אונזער מאָדנער וועכטער האָט פאַרנומען צוויי דריטעל פון אונזער באַזוך־צייט פאַר זיך. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען וואָלט אונז געווען פיעל אנגענעמער צו האָבען דעם געשפּרעך דרוי־סען ביי די טרעפּ, איידער אין דער באַקוועמער קאַיוטע אין אַזא אומבאַקוועמער געזעלשאַפט.

די צוזאַמענקונפטען יעדען אָוונט אין דער רויך־קאַיוטע זיינען געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער אויפ'ן שיף. דער קליינער חדר איז יעדעס מאָל געווען געדיכט באַזעצט, און די צאָהל פון די וואָס האָבען ניט געקאָנט געפינען מעהר קיין פּלאַץ און געמוזט שטעהן ביי דער אָפענער טיר, כדי צו קאָנען נאָכפאָלגען די געשפּרעכען, איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. ס'איז דערום געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער געדאַנק צו פאַראַנשטאַלטען יעדע וואָך א רעגעלמעסיגען פאָרטראַג אין א גרעסערן פּלאַץ, איז אַלץ עפטער באַטראַכט גע־וואָרן אין אונזער ענגערן קרייז. אַלע זיינען געווען פולשטענדיג איבערצייגט, אַז אַזא אונטערנעמונג איז ניצליך; די פראַגע איז נאָר געווען, וואו און ווי אַזוי דאָס זאָל געשעהן. מיר האָבען גע־וואוסט, אַז דער אַדיוטאַנט האָט געגעבען זיינע סאָלדאַטען דעם שטרענגסטען באַפעהל, אונטער אַלע אומשטענדען ניט צו דערלאָ־

יזען קיין פאַרזאַמלונגען פון די געפאַנגענע. פאַרזאַמלונגען פון וואָס פאַר עס איז סאָרט האָבען אַלזאָ געקאָנט אָפּגעהאַלטען ווערן בלויז אין געהיים, דאָס הייסט אָהן דעם וויסען פון די ענגלישע בעאַמטע. אָבער אַזוי ווי מיר האָבען יעדענפאַלס געדאַרפט ערוואַרטען א באַזוך פון ניט ווייניגער ווי הונדערט פּערזאָן, איז שווער געווען אָנצונעמען, אַז דאָס זאָל לאַנג בלייבען א סוד. דערצו איז נאָך געקומען די שוועריגקייט צו געפינען א פּאַסענדען פּלאַץ, וואָס איז ניט יעדע רגע באַטראַכטען געוואָרן פון די סאָלדאַטען. אָבער דאָ האָבען זיך אונזערע מאַטראַזען אָן עצה געגעבען. אויסער די צוויי גרויסע שלאָף־זאַלען איז אויף׳ן שיף געווען נאָך א קלענערער חדר, אין וועלכען עס זיינען געשטאַנען פּערציג בעטען. צום גרעסטען טייל זיינען עס געווען מאַטראַזען, וועלכע מען האָט דאָרט איינגעקוואַרטירט; פיעל פון זיי זיינען געווען רעגעלמעסיגע געסט אין דער רויך־קאַיוטע. אָט די מאַטראַזען האָבען אַלזאָ אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז מען וואָלט גאַנץ גוט געקאָנט באַנוצען דעם דאָזיגען קלענערן שלאָף־זאַל, ווייל ער איז ווי געשאַפען פאַר אונזער צוועק. דער איינציגער חסרון איז געווען, וואָס ניט ווייט פון׳ם אריינגאַנג אין דעם דאָזיגען חדר איז געשטאַנען אַן ענגלישער פּאַטרול, וועמען עס וואָלט געקאָנט קשה ווערן וואָס אַזוי פיעל מענשען קומען אַהין אריין. אָבער מען האָט געגלויבט, אַז מען וועט אָט די שוועריגקייט לייכט קאָנען בייקומען.

איך האָב זיך גוט מישב געווען וועגען דעם, און יעדער פון אונז האָט געוואוסט, אַז דאָ מוז מען זיך מישב זיין. דערביי האָב איך ווייניגער געטראַכט וועגען די פאָלגען וואָס די זאַך וואָלט געקאָנט האָבען פאַר מיר פּערזענליך. די פאַר וואָבען ערעסט און איינינע אַנדערע אומבאַקוועמליכקייטען, וועלכע האָבען מיר געדראָהט אין פאַל פון אַן איבעראַשונג, האָבען מיך ניט געקאָנט אָפּשרעקען. אָבער איך בין געוויסערמאַסען אויך געווען מאָראַליש פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַנדערע. דאָס רוב פון די וואָס מען האָט באַדאַרפט ערוואַרטען אַלס באַזוכער, זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער אינדיפערענטע מענשען, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט קיין

באַשטימטע אָנשויאונג. ווען דער אַדיוטאַנט זאָל זיך דערוויסען וועגען דעם, וואָלט איהם פּיליכט געקאָנט איינפאַלען צו ווייזען אַביישפּיעל און אונז אַלעמען באַשטראָפען. אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט געקאָנט פּאַסירען, אַז מעהר ווי איינער פון די וואָס זיינען בלויז אויס נייגיריגקייט צוגעצויגען געוואָרן צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, זאָלען גאַנץ שווער געטראָפען ווערן, און ניט בלויז זיי אַליין, נאָר אויך זייערע קרובים דרויסען, ווען מען וואָלט פּיליכט אָפּגעשניטען די קאָרעספּאָנדענץ און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאַכען.

פון דער אַנדער זייט אָבער האָב איך זיך געטראַכט, אַז רעגעלמעסיגע פאָרטראַגען זיינען אַן אויסגעצייכענט מיטעל צו געבען מיינע איצטיגע קאַמעראַדען אַ צוטריט צו נייע אידעען און זיי באַפרייען פון דער פינסטערער ווירקונג פון אַלטע פאָראורטיילען און פאַלשע פאָרשטעלונגען. אחוץ דעם האָבען אַזעלכע לעקציעס געמוזט ברענגען אַ דערפרישענדע אָפּוועקסלונג אין דער גרויער מאָנאָטאָנקייט פון אונזער געפאַנגענשאַפט. איך האָב זיך אַלזאָ ענטשלאָסען צו וואַגען און מאַכען די פּראָבע און צו טראָגען די פאָלגען וואָס קאָנען קומען. איך האָב זיך פעסט פאָרגענומען, אין פאַל פון אַן איבעראַשונג צו נעמען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף זיך, כדי אַזוי ווייט ווי עס איז נאָר געווען אין מיינע כוחות צו פאַרהיטען מיינע ליידענס־חברים פון שלעכטע פאָלגען און אַלעם רוהיג לאָזען פאַלען אויף מיר.

אונזער קליינער קרייז איז געווען שטאַרק דערפרעהט, ווען איך האָב געלאָזט וויסען מיין באַשלוס, און מיר אַלע האָבען מיט שפּאַנונג אַרויסגעקוקט אויף דעם וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען. אויס פאָרזיכטיגקייט האָב איך אַלס ערשטע טעמאַ אויסגעקליבען אַ ריין ליטעראַרישען פאָרטראַג. אַ היבשער טייל פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָט זיך נעמליך דעם גאַנצען טאָג פאַרנומען מיט לייענען, כדי ווי עס איז צו פאַרטרייבען די צייט. מאַנכע האָבען עס געטאָן, ווייל עס האָט זיי איינפאַך געפעהלט די מעגליכקייט זיך צו באַשעפטיגען מיט עפּעס אַנדערש; אָבער פיעלע זיינען געווען מיט

דער גאַנצער נשמה אריינגעטאָן אין דער זאַך; דערביי האָבען זיי דאָס רוב ניט אויסגעקליבען, געלייענט אַלצדינג, וואָס איז זיי נאָר געקומען צו די הענט. איך האָב אַלזאָ געהאַט די בעסטע געלעגענהייט צו געבען מיינע צוהערער א זין און פאַרשטענדעניש פאַר גוטע לעזע־שטאָף, און אין דערזעלבער צייט האָב איך זיי אויך געקאָנט לאַנגזאַם צוגרייטען פאַר דער אויפנאַמע פון נייע אידעען און באַגריפען אויף אַנדערע געביטען.

ענדליך איז געקומען דער אָווענט, ווען עס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטען ווערן אונזער ערשטע פאַרזאַמלונג אין'ם זאַל פון די פערציג בעטען. אומגעפעהר זיבעציג ביז אַכציג פערזאָן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. דאָס איז געווען א גרויסער ערפאָלג, ווען מען באַטראַכט, אַז די איינלאַדונגען האָבען געקאָנט געמאַכט ווערן בלויז אויף א שטרענג פאַרטרויליכען אופן, דורך מינדליכער אינפאָרמאַציע. אונזערע קאַמעראַדען האָבען אויסגענוצט זייער גאַנצע שאַרפזיניגקייט צו מאַכען דעם לאָקאַל אַזוי געראַם ווי מעגליך. א טייל פון די בעטלעך האָט מען צוזאַמענגעלעגט, כדי צו געווינען מעהר פּלאַץ און צוגלייכער צייט אויך שאַפען פּרימיטיווע שטולען צום זיצען. אחוץ דעם האָט מען פון דעם קליינעם עסס־זאַל אנטליהען עטליכע בענק. אין'ם הינטערגרונד איז געשטאַנען די „רעדנער־ביהנע“; הקיצור, מען האָט געמאַכט אַלע נייטיגע צוגרייטונגען, אַז די באַזוכער זאָלען זיך פיהלען אַזוי באַקוועם ווי נאָר מעגליך.

ווען איך בין אריינגעקומען איז שוין אַלעס געווען געדיכט באַזעצט, אַזוי אַז איך האָב בלויז מיט מיה זיך געקאָנט דורכברעכען א וועג צום אַנדערן עק פון זאַל. די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט אויף מיר געמאַכט א מאָדנעם, פרעמד־אַרטיגען איינדרוק און האָט מיך שטאַרק דערמאָנט אָן די צוזאַמענקונפטען פון געהיימע קאָנספּיראַטיווע צירקלען, ווי מען געפינט זיי אָפט באַשריבען אין די שילדערונגען פון פאַרפאַסער מיט פאַנטאַזיע. אין גאַנצען האָבען געברענט בלויז צוויי קליינע ליכט, וואָס זייער קנאַפּער שיין איז ניט געווען אימשטאַנד צו דורכדרינגען די געדיכטע פינסטערניש. דער גאַנצער זאַל איז געווען איינגעהילט אין א גייסטערהאַפטער האַלב־

טונקעלקייט, פון וועלכער עס האָט זיך בלויז דאָ און דאָרט אויף אַ מאָדנעם אופן אָפּגעשלאָגען אַ בלייך געזיכט, וואָס איז גראָד גע־טראָפען געוואָרן פון׳ם ליכט.

אַלס טעמא האָב איך אויסגעקליבען „זעקס כאַראַקטערען אין דער וועלט־ליטעראַטור“ און געזוכט צו ערקלערען מיינע צוהערער דעם אידעען־אינהאַלט וואָס איז דער באַזיס פון די גרויסע גע־שטאַלטען פון „פאוסט“, „דאָן זשואַן“, „האַמלעט“, „דאָן קיכאָט“, „מעדאַרדוס“ און „היינריך פון אָפּטערדינגען“. אָנציייגענדיג אַפּרי־הער גאַנץ שאַרף אויף די פילאָזאָפישע און זעלישע געגענזאַצען צווישען די איינצעלנע טיפּען, האָב איך געפּרואווט פאַר מיין זעלט־זאַמען עולם קלאָר מאַכען, ווי יעדע איינער פון די זעקס האָט גע־זוכט אויף זיין אייגענעם שטייגער צו לייזען די טונקעלע פּראָבלע־מען פון׳ם לעבען, און ענדליך האָב איך דורך אַ פּאַסענדער סינטעזע פאַראייניגט די זעקס בלומר׳שט אנטקעגענגעזעצטע לעבענס־וועגען און זיי געלאָזט צוזאַמענקומען אויף דעם זעלבען פּונקט.

איך בין געווען גאַנץ קלאָר ביי זיך, אַז די באַהאַנדלונג פון אַזאַ טעמא פאַר אַזאַ פאַרשידענאַרטיג אויסגעמישט פּובליקום האָט גע־מוזט אויסקוקען אביסעל געוואַגט; האָב איך דאָך געמוזט זיך דעכענען דערמיט, וואָס פאַר אַ טייל פון מיינע צוהערער איז די ליטעראַטור איבערהויפּט געווען אַן אומבאַקאַנט פעלד. אָבער איך האָב זיך פאַרגענומען צו וואַגען, צו מאַכען דעם פאַרזוך און געבען מיין פאָרטראַג אַזאַ פאָרם, אַז אויך די, וועלכע האָבען ניט געקאָנט דורך און דורך פאַרשטעהן מיינע אויספיהרונגען, האָבען געמוזט אינסטינקטיוו דערפיהלען און אויפכאַפּען דעם אינערליכען צוזאַ־מענהאַנג און דאָס באַזונדערע וועזען פון די איינצעלנע געשטאַל־טען.

די גאַנצע אייגענאַרטיגע אַטמאָספערע, דער פרעמד־אַרטיגער זאַל, פון וועמעס טונקעלען שוים עס האָבען מאָדנע אויפגעלויכטען די געזיכטער פון די צוהערער וואָס זיינען געזעסען אַם נאָהענטסטען צו מיר. דאָס אַלץ האָט אויך אויף מיין אייגענעם געמיטס־צושטאַנד אויסגעאיבט אַ שטאַרקע סוגעסטיווע ווירקונג און האָט

מיר געגעבען די שטימונג וואָס איז אומבאַדינגט נייטיג פאַר אַזאַ פאַרטראַג. איך האָב גערעדט אומגעפעהר אנדערהאַלבען שטונדען. אַלע אנוועזענדע האָבען שפּאַנענד, כמעט אָהן אָטעם זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער און זיינען געזעסען ווי צוגעשמידט אויף זייערע פּלעצער. ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערען דעם מינדעסטען גערויש. איך האָב געפיהלט און כ'האָב עס גע־קאָנט אָראָפּלעזען ביי איינצעלנע פון געזיכט, אַז בעת איך האָב גערעדט זיינען אָט די מענשען וואָס זיינען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען אונטער אַזעלכע אייגענאַרטיגע פאַרהעלטענישען, געווען פולשטענ־דיג אָפּגעריסען פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע אָנגעוועהטאָגטע פראַגען פון אַן אומגליקליכער געגענוואַרט, און אַז זייערע געדאַנ־קען און געפיהלען האָבען זיך געפונען אין גאַנץ אַנדערע ספערען. דער קלאַנג פון מיינע לעצטע ווערטער איז שוין לאַנג געווען אָפּגע־שטאָרבען, און נאָך אַלץ איז איבער די פאַרזאַמעלטע געלעגען אָט דיזעלבע אומבאשרייבליכע פאַר'חלום'טע שטימונג, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען זייערע חושים געפאַנגען. ערשט בּיסלאַכ־וויז האָט מען זיך ווידער דערמאָנט אָן דער ווירקליכקייט, און שווייגענדיג האָבען די אנוועזענדע, אין קליינע גרופּען אָדער איינ־ציגוויז, פאַרלאָזען דעם פינסטערן זאַל.

אונזער ערשטע פאַרזאַמלונג איז אַלזאָ אָפּגעלאָפען אָהן אווי־סערליכע אינצידענטען, און איך האָב אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז מיר האָבען דערגרייכט מעהר, ווי איך האָב אין אָנהויב געוואַגט צו האָפען. אין עטליכע מינוט צייט האָט דער זאַל פון די פערציג בעטלעך ווידער אנגענומען זיין געוועהנליכען אויסזעהן, און קיין זייטיגער מענש וואָלט קיין אהנונג ניט געקאָנט האָבען, אַז אַ קורצע ווילע פריהער זיינען אין דעם דאָזיגען צימער געזעסען אַכציג גע־פאַנגענע מענער און האָבען מיט אַזאַ טיפער, וואַרעמער איבערגע־בענקייט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון איינעם פון זייערע ליידענס־חברים.

דעם זעלבען אָוועגט האָט מען מיר פון'ם צענזאַר איבערגעגע־בען אַ טעלעגראַמע פון איבער פופציג ווערטער. ס'איז געווען אַ

מוטיגע סימפּאַטיע־ערקלערונג פון די לאָנדאָנער קאַמעראַדען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע האָט געמוזט מאַכען אַ מערקוויר־דיגען איינדרוק אויף'ן קאָמאַנדיר און זיינע פּאַרטרעטער. ס'האָט זיך דאָרט גערעדט פון אַנאַרכיע און סאָציאַלער רעוואָלוציע, באַ־גריפען וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק ניט געגראַמט מיט די אַנשוי־אונגען פון אונזערע „באַשיצער". ווי מען האָט מיר שפּעטער פון אַ פּאַרטרויטער זייט מיטגעטיילט, איז די טעלעגראַמע שוין מיט, אַ טאָג פריהער אָנגעקומען. אָבער אַזוי ווי דער צענזאָר האָט ניט גע־קאָנט באַשליסען ביי זיך, צי עס איז ראַטזאַם איבערצוגעבען אַ קריגס־געפאַנגענעם אַזאַ געפערליכען דאָקומענט, האָט ער זיך אויס פאַרזיכטיגקייט געווענדט צו דעם אַדיוטאַנט, און דער דאָזיגער ווי־דער האָט זיך אַן עצה געהאַלטען מיט דעם קאָמאַנדיר, וועלכער איז גראָד דאַן געווען אויף דער „סאַקסאָניאַ". ס'איז מעגליך, אַז מיינע פריהערדיגע געשפּרעכען וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן אַדיוטאַנט און מיט'ן צענזאָר האָבען אויף די דאָזיגע געמאַכט אַ געוויסען איינ־דרוק; יעדענפאַלס האָב איך באַקומען די דעפּעשע, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר מיר, הגם מיט אַ טאָג שפּעטער. דאָס וואָס זי איז מיר געקומען אין די הענט גראָד אין דעם אָווענט פון אונזער ערשטער פאַרזאַמלונג, איז פאַר מיר געווען אַ גאַנץ באַזונדער פאַר־געניגען און האָט דעם וויכטיגען טאָג געגעבען אַ שענעם סוף.

די נעקסטע עטליכע טעג האָט זיך אין דער רויד־קאַיוטע שטאַרק גערודערט. מיין פאַרטראָג האָט מעהר ווי איינעם פון די געפאַנ־גענע באַצויבערט, און מען האָט מיך פון אַלע זייטען באַלאַגערט מיט פראַגען, וועלכע איך האָב געפּרואווט פאַרענטפערן אַזוי גוט ווי איך האָב נאָר געקאָנט. אייניגע פון מיינע דאַמאָלסדיגע קאַמע־ראַדען האָבען געהאַט געלייענט דאָס איינע אָדער דאָס אַנדערע פון די ווערק וואָס איז באַהאַנדעלט געוואָרן אין מיין פאַרטראָג, אָבער דער טיעפער זין פון'ם זעלבען איז פאַר די מעהרסטע ביז אַהער געבליבען פאַרבאָרגען, אַזוי אַז מיינע אויספיהרונגען זיינען פאַר זיי געווען ווי אַ מין אַנטפּלעקונג. אונזערע טעגליכע געשפּרעכען איבער די דאָזיגע פראַגען האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט פאַר

איינצעלנע פון מיינע ליידענס־חברים ווי עס איז קלאָר צו מאַכען די קולטורעלע באַדייטונג פון דער ליטעראַטור אין אונזער לעבען. דערביי האָב איך אָפּט געקאָנט מאַכען גאַנץ מאָדנע באָאָבאַכטונגען. די מעהרסטע פּערזאָנען, וועלכע זיינען זיך יעדען אָווענט צוזאַמענגעקומען אויף א פּאָר שטונדען אין דער רויך־קאַיוטע, האָבען געהאַט א ווירקליכע פרייד, אן אמת'ע הנאה פון לעזען. איינצעלנע פון אונזערע מאַטראָזען זיינען איינפאַך געווען פאַררייקט אויף ביכער, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין באַשטימטען אויסוואהל. זיי האָבען געלייענט אַלצדינג וואָס איז זיי נאָר אריינגעפאַלען אין די הענט. דערביי האָב איך באַמערקט א גאַנץ אייגענטימליכע ערשיינונג. אסך פון מיינע קאַמעראַדען האָבען געהאַט געלייענט גאָר א גרויסע צאָהל גוטע, מיטעלמעסיגע און אויך דירעקט שלעכטע ביכער, אָבער כמעט קיינער פון זיי האָט מיר ניט געקאָנט אָנרופען דעם פאַרפאַסער פון וואָס פאַר עס איז ווערק. דער נאָמען פון'ם פאַרפאַסער האָט זיי איבערהויפּט ניט אינטערעסירט; עס איז זיי געווען אַלצאיינס, און זיי האָבען ניט געקאָנט באַגרייפען, אז מען זאָל לעגען א באַזונדערן ווערט אויף אַזאַ קלייניגקייט.

איינמאָל האָט א מאַטראָז געזוכט מיר צו דערקלערן דעם אינהאַלט פון א בוך, וואָס ער האָט א קורצע צייט פאַר דעם געהאַט געלייענט. פון זיין אביסעל שווערער און ווייטלויפיגער באַשרייבונג האָב איך דערקענט, אז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען „די ליידען פון'ם יונגען ווערטהער". אבער ער האָט ניט געהאַט קיין שום אהנונג, אז דאָס דאָזיגע בוך קומט פון געטהע'ן. אז איך האָב איהם אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, האָט ער מיר רוהיג געענטפערט, אז די נעמען פון די פאַרפאַסער זיינען איהם גאַנץ גלייכגילטיג, וואָרים סוף כל סוף געהט דאָך דאָס ניט אין דעם פאַרפאַסער, נאָר אין דעם בוך.

„און ווי איז אייך דאָס בוך אַליין געפעלען?" האָב איך געפרעגט מיט א געוויסער שפּאַנונג.

„גאָרנישט", האָט ער געענטפערט קיהל. „כ'האָב עס זאָגאר

צוויי מאָל אַוועקגעוואָרפען אין אַ ווינקעל, ווייל עס איז מיר געוואָרן צו לאַנגווייליג, אָבער אַזוי ווי איך האָב גראָד ניט געהאַט קיין בע־סערס ביי דער האַנד, האָב איך עס ענדליך דאָך איבערגעלייענט ביז׳ן סוף.״

„און וואָס איז אייך אין דעם בוך ניט געפעלען?״ האָב איך איהם ווייטער אויסגעפרעגט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, און מען האָט געקאָנט זעהן אויף איהם, אַז עס איז איהם ניט אַזוי לייכט צו געפינען אַן ענט־פער דערויף. ענדליך איז ער אַרויסגעפּלאַצט אויף דעם „נאַרישען בחור״ וואָס האָט זיך צוליעב אַ „נאַרישער פרוי״ גענומען דאָס לעבען. פאַר דער „פרוי״ גופא האָט ער ניט געהאַט קיין גוט וואָרט און האָט ערקלערט, אַז לויט זיין אויפפאַסונג האָט זי זיך בלויז געשפּילט מיט ווערטהער׳ן, כדי צו באַפעסטיגען איהר אייטעלקייט. כ׳האָב געפּרואווט איהם קלאָר מאַכען דעם טיפען זעלען־קאַמף אין לאָטע, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען דערפון, נאָר ער האָט גע־טענה׳ט, אַז אויב לאָטע האָט גאָרנישט געוואָלט וויסען פון ווערט־הער׳ן, האָט זי עס איהם גערדאַרפט זאָגען גאַנץ אָפען, אָהן צערע־מאָניעס, אָנשטאָט איהם צו ערמוטיגען. האָט זי איהם אָבער ליעב געהאַט, וואָלט זי באַדאַרפט מיט איהם אַנטלויפען. ער איז זאָגאָר געווען מיט דער מיינונג, אַז ווען ווערטהער וואָלט ניט געווען אַזאַ „נאַרישער לאַקש״, וואָלט ער בעסער דער „אָנגעבלאָזענער גאַנז״ געדאַרפט גוט אָנברעכען די ביינער, אָנשטאָט צוליעב איהר זיך צו מאַכען דעם טויט. דאָס איז יעדענפאַלס געווען אַ לייזונג פון׳ם פאַרפּלאָנטערטען פּסיכישען פּראָבלעם, וואָס האָט דעם אַלטען געטהע קוים געקאָנט אַרויסקומען אין חלום אפילו, נאָר אינטערע־רעסירט וואָלט זי איהם געווים.

דערזעלבער מאַטראָז איז איבעריגענס געווען אַ זעהר קלוגער מענש און אַן אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיגער כאַראַקטער, וועלכער פלעגט זיך אָפּגעבען זיין אייגענעם אורטייל איבער אַלע זאַכען. אָן דעם פלעגט ער זיך דאָן האַלטען פעסט, מיט אַ מערקווירדיגער עקשנות, און עס איז ניט לייכט געווען איהם צו באַקערען צו אַן

אַנדער מיינונג. איין טאָג האָב איך איהם געזעהן זיצענדיג אין א ווינקעל, מיט דער אומפאַרמיידליכער פּיפּקע אין מויל, פאַרטיעפט אין א בוך, אין וועלכען ער איז קענטיג געווען זעהר פאַראינטערעסירט. איך בין געזעסען גאַנץ נאָהענט נעבען איהם ביי א טיש, און ווען ער האָט איינמאָל אוועקגעלעגט דאָס בוך אָן א זייט, כּדי אויסצוקלאַפּען די ליולקע און זי אָנשטאָפּען פון דאָס ניי, האָט ער מיך באַמערקט און אָנגעפאַנגען מיט מיר א געשפּרעך, וואָס ער פלעגט געוועהנליך טאָן, ווען ער האָט מיך דערזעהן. כ'האָב איהם געפרעגט, וואָס פאַר א שענע זאַך ער לייענט, און ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס בוך. ס'איז געווען א ראָמאַן פון דעם עלטערן ד ו מ א — אויב איך האָב קיין טעות ניט, די „טויטענ־האַנד" אָדער וואָס פאַר עס איז אַנדער טייל פון די אומענדליכע פאָרטזעצונגען פון „גראַף פון מאָנטע קריסטאָ".

„נו, דאָס דאָזיגע בוך געפעלט איך געוויס בעסער איידער דער יונגער ווערטהער?" האָב איך איהם אין שפּאַס געפרעגט.

„יאָ," האָט ער געענטפערט אויף זיין געוועהנליכען רוהיגען אופן. „דאָס בוך ענטהאַלט א מאַסע זעלטענע און שפּאַנענדע געשעהעניששען, און מען לאַנגווייליגט זיך ניט ביים לייענען."

„אָבער באַגרייפט איהר ניט, אז אָט די אַלע פאַררי‍קטע זאַכען האָבען קיין שום געמיינשאַפט ניט מיט דעם אייגענטליכען לעבען?" האָב איך איהם געפרעגט.

„געוויס וויים איך דאָס," האָט ער מיר געענטפערט, בלייבענדיג דערביי גאַנץ רוהיג און קאַלטבלוטיג. „אָבער דאָס טאַקע איז דאָך גראַד דאָס שענע דערביי. די אַלע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, וועלכע ווערן בלומר'שט געשעפּט פון'ם לעבען, זיינען געוועהנליך לאַנגווייליג און ניט אינטערעסאַנט. וואָס טויג עס מיר? דאָס וואָס געהט פאָר אין לעבען, זעה איך יעדען טאָג מיט מיינע אייגענע אויגען. וואָס פאַר א צוועק האָט עס אַלזאָ צו לייענען אָט די זאַכען נאָך אַמאָל? ס'איז דאָך שטענדיג דיזעלבע שמירעכץ, נאָר דער אריינגאַנג איז צייטענווייז אַנדערש צוגעפּאַרבט. אַמאָל שפּילען זיך די זאַכען אָפּ אין א געוועהנליך הייזעל, אַמאָל אין א פּאַלאַץ,

אבער דער אינהאלט איז דאָך אימער דערזעלבער. איך האָב אגור־מאָלט געלייענט א גאַנצע רייה ראָמאַנען פון׳ם מאַטראָזען־לעבען. די מעהרסטע פון זיי זיינען געשריבען געווארן פון מענשען, וועלכע זיינען קענטיג קיינמאָל ניט געווען אויף א שיף און וועלכע האָבען ניט געהאַט די מינדסטע אהנונג פון אונזער פּראָפעסיע און פון אונזער לעבען. און דאָך זיינען גראָד אַט די ביכער נאָך געווען די בעסטע, ווייל זיי האָבען איינעם וועניגסטענס געגעבען שטאָף צום לאַכען. די אנדערע, וועלכע זיינען געקומען פון מענשען וואָס האָבען דאָך פארשטאַנען עפּעס פון אונזער לעבען, זיינען געווען שרעקליך לאַנגוויילינג, ווייל זיי האָבען אונז דערצעהלט וועגען זאכען וואָס זיינען פאר אונז געווען גאַנץ אַלטעגליך. לייענען ביכער איז דאָך סוף כל סוף ניט קיין פּראָפעסיע. וועניגסטענס פאר אונז ניט. ווען מען איז פארנומען מיט דער טעגליכער ארבייט אָדער מיט אַנדערע זאכען, האָט מען קיין צייט ניט צו לייענען. אונזער איינער לייענט בלויז צום צייט־פארטרייב אין פרייע שטונדען. דאַן פארשאַפט דאָס לעזען ווירקליך א פארגעניגען, אָבער נאָר אין פאַל ווען מען קריגט אריין אין די הענט א בוך, וואָס זעצט ניט פאָרט דעם זעלבען פאַדים, וועלכען מיר שפּינען אין לעבען. ניין, דאַן פארלאַנג איך עפּעס אמת פאַנטאַסטישעס; וואָס פארריקטער און אומוואַרשיינליכער די פּאַסירונגען זיינען, אַלץ מעהר באַפרידיגונג גיבען זיי מיר. איך וויים, אז דאָס אַלעס איז ניט אמת און האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט דעם אייגענטליכען לעבען, אָבער ס׳איז דאָך א וואונדערליכע אָפּוועקסלונג, וועלכע פיהרט אונז אַרויף אויף אַנדערע געדאַנקען. אפשר האָב איך א טעות, אָבער מיר דוכט, אז דאָס לעבען איז דאָ, כדי געלעבט צו ווערן, און ניט, אז מען זאָל עס באַשרייבען, מחמת די שענסטע באשרייבונגען בלייבען דאָך שטענדיג וויים הינטער דער ווירקליכקייט.״

כ׳מוז זיך מודה זיין, אז איך האָב דערפיהלט א געוואַלטיגע אכטונג פאר אָט דעם איינפאכען מאַטראָז. דאָס איז ניט געווען איינער פון די, וועלכע פארטרעטען שטענדיג די מיינונגען פון׳ם

לעצטען בוך וואָס זיי האָבען גראָד דורכגעלייענט. דאָ האָט גערעדט א קלאָרער פארשטאַנד, א זעלבסטשטענדיגער גייסט האָט דאָ אָפּ־געגעבען זיין אורטייל. דער דאָזיגער אורטייל קאָן זיך זיין דיסקו־טירבאר, אָבער ווער וואָלט געקאָנט באַשטרייטען, אַז עס איז פאראַן אין איהם א געזונטער קערן, וועלכען מען קאָן אונטער קיינע אומ־שטענדען ניט איגנאָרירען? הימעל־הויך איז געשטאַנען די זעלבסט־פאַרמירטע מיינונג פון אַט דעם פשוט'ן פּראָלעטאריער איבער דער געוועהנליכער ליטעראַטור־פּלוידעריי פון פיעלע פון אונזערע אזוי־גערופענע „געבילדעטע לייט", וועלכע האָבען קיינמאָל ניט קיין אייגענע מיינונג און לויפען אויך אויף אַט דעם געביט נאָך די נייעסטע מאָדע, ווייל דאָס פּאַסט זיך צום רומעל.

צו די אָלטעגליכע געסט פון דער רויד־קאַיוטע האָט אויך גע־הערט א יונגער מאַטראָז פון אומגעפער זעקס אָדער אַכט און צוואַנ־ציג יאָהר, א געבוירענער האָלשטיינער און א ווירדיג קינד פון יענער אַפּגעהאַרטעוועטער, אומצושטערבאָרער ראַסע, אין וועלכער עס דרעמעלט אַזויפיעל פאַרבאָרגענע בענקשאַפט און טיפע גריבלעריי. ער איז געקומען מיט א זעגעל־שיף פון טשילי און האָט זיך גע־פונען אין מיטען ים, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. קיינער אויף'ן שיף האָט קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען דעם וואָס איז גע־שעהן, און זייער איבעראַשונג איז ניט געווען קיין קליינע, ווען צוויי ענגלישע קרייצערס האָבען זיי אָפּגעשטעלט ביי דאָווער און זיי געצוואונגען צו לאַנדען. ערשט איצט האָט די מאַנשאַפט ערפאַ־רען, אַז ענגלאַנד האָט ערקלערט קריג געגען דייטשלאַנד, און אַנ־שטאָט אין דער היימאַט, וועלכע איז געלעגען אזוי נאָהנט נעבען זיי, האָבען די אָרעמע מענשען געמוזט וואַנדערן אין דעם אינטער־נירונגס־לאַגער.

פּעטער — אזוי האָט געהייסען אונזער יונגער פריינד — איז געווען א שטילער, אין זיך פאַרטיפטער כאַראַקטער, זעהר שוויי־גענדיג און אביסעל פאַר'חלום'ט. ער האָט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט נאָכגעפאָלגט די אונטערהאַלטונגען אין דער רויד־קאַיוטע, אָבער ער האָט זעלטען אַנטייל גענומען אין די געשפּרעכען און האָט

זיך כמעט שטענדיג באַגרענעצט אויף דער ראָלע פון א צוהערער. ער איז געווען א שענע ערשיינונג מיט זיינע פלאַקס־געלע האָר און זיינע גרויסע בלויע אויגען, און וועלכע ס׳איז תמיד געלעגען א מאָדנער, א מערקווירדיגער גלאַנץ. ער פלעגט לייענען פיעל, און מען האָט איהם זעלטען געקאָנט באַגעגענען אָהן וואָס פאַר עס איז בוך אין דער האַנד. איינמאָל האָב איך איהם געפונען אין׳ם קליי־נעם עס־זאָל, איינגעגראָבען אין א בוך, וועמעס אינהאַלט עס האָט איהם קענטיג אין גאַנצען צוגעשמידט צו זיך. שפּעטער האָב איך צו מיין גרויסער ערשטוינונג באמערקט, אז דאָס איז געווען דער „גרינער היינריך“ וואָס ער האָט אויסגעקליבען צו לייענען. כ׳האָב איהם ניט געוואָלט שטערן, אָבער אין אָוענט, ווען ער איז ווי געווענליך אריינגעקומען אין דער רויך־קאַיוטע, האָב איך פאַרקניפּט מיט איהם א שמועס און איהם געפרעגט, ווי עס געפעלט איהם דאָס רייצענדע ווערק פון גאָטפריעד קעלער. אָצונד האָב איך צו מיין גרעסטער איבעראַשונג זיך דערוואוסט, אז ער האָט דאָס בוך שוין געלייענט פיער אדער פינף מאָל און אַלץ געפיהלט א נייע פרייד אין דעם.

„און אין וואָס באַשטעהט אייגענטליך פאַר אייך די מערק־ווירדיגע אָנציהונגס־קראַפט פון אָט דעם ווירקליך איינציגען ווערק?“ האָב איך איהם געפרעגט.

ער האָט געטראַכט א ווײלע, דערנאָך האָט ער מיט א האַלבען מויל געענטפערט:

„דאָס איז שווער צו זאָגען. איך גלויב, אז דאָס בוך איז מיר אזוי ליעב, ווייל עס בלישטשעט אזוי.“

„ווייל עס בלישטשעט אזוי?“ האָב איך געפרעגט ערשטוינט.

„יאָ,“ האָט ער געזאָגט, „עפּעס קומט פון אָט דעם בוך ארויס אזא וואונדערליך בלישטשען. פיליכט דריק איך זיך ניט גוט אויס, און איהר פאַרשטעהט מיך ניט ריכטיג, אָבער איך בין זיכער, אז עס האָט א שייכות מיט בלישטשען.“

ער האָט געשוויגען א ווײלע, אזוי ווי ער וואָלט וועגען עפּעס

נאָכגערענקט. דערנאָך האָט ער ווייטער ענטוויקעלט זיינע געדאַנ־קען אין דער הויך, און געזאָגט:

„ווען איך שטעה אויף דער וואך, אין לעבליכע ווינט־שטילע זומער־נעכט, קומט איבער מיר פונקט דאָסזעלביגע געפיהל. דער הימעל איז דאָן אזוי טיף, און די שטערען אזוי לייכטענדיג און קלאָר. און דער ים שפּיגעלט אָפּ אָט די גאַנצע פּראַכט, אזוי אז אָפּט דוכט זיך, אז מען זעגעלט אין'ם וועלט־רוים. אַלצדינג קוקט אייך אוים אזוי ווייט און פרעמד און דאָך ווידער אזוי נאָהנט און שטאַרק פאַרוואַנדט. און דאָן הויבט זיך אָן דאָס דאָזיגע בליש־טשען; דער הימעל, די שטערען, דער ים, אַלעס בלישטשעט. איך גלויב זאָגאַר, אַז אין אזעלכע שטונדען בלישטשעט עס און עס קלינגט אין מיר גופא. ס'איז פונקט ווי א חלום. דאָסזעלבע גע־פיהל האָב איך, ווען איך לייען דעם „גרינעם היינריך". כ'ווייס ניט, פאַרוואָס דאָס איז אזוי, אָבער אזוי איז דאָס. אָפט, ביים לייענען, קומט מיר אויך ארויף אויף'ן זינען דאָס הייזעלע פון דער מכשפה אין „הענזעל און גרעטעל". עס שטעהט אינמיטען וואַלד, און מען קאָן פון דאָרט זעהן אַלע וועגען, וועלכע זיינען דורכגעשניטען דורך'ן וואַלד. און מיר דוכט זיך, אזוי ווי איך וואָלט געשטאַנען דאָרט ביים פענסטער און געזעהן, ווי דער גרינער היינריך מאַר־שירט איבער'ן שאָסיי. אָפּטמאָל שטעלט ער זיך אָפּ אומענטשלאָ־סען נעבען אַן אַלטען וועג־ווייזער, אָדער ער פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אויף א זייטיגען שליאך, אָבער ער געפינט זיך שטענדיג ווידער צוריק אויף זיין וועג. ס'קוקט אוים, אזוי ווי ער וואָלט געוועזען צוגעבונדען צו אַן אומזיכטבאַרען פאָדים און וואָלט געמוזט געהן צו אַן אומבאַקאַנטען ציעל. און מיר קומט עס כמעט פאָר, אזוי ווי מיר וואָלטען אַלע געווען צוגעבונדען צו אַזעלכע אומזיכטבאַרע פעַ־דים."

ער איז אַנשוויגען געוואָרן, און אויך איך האָב קיין וואָרט ניט גערעדט. ס'איז מיר געוואָרן גאַנץ מאָדנע אויף דער נשמה, ווען איך האָב געהערט אָט דעם שווייגענדיגען, פאַר'חלום'טען מענשען אזוי ריידען. וואָס פאַר א טיף געמיט ס'האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט.

וואָס פאַר אַ פיינקייט פון׳ם זעלישען געפיהל, וואָס פאַר אַ ים פון שטימונגען! יעדער קינסטלער וואָלט געמוזט מקנא זיין אַט דעם פשוט׳ן מאַטראָז פאַר דאָס דאָזיגע וואונדערבאַרע וואָס האָט גע־לעבט אין זיין זעלע, און וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איהם אין יענעם זעלטענעם בלישטשען און קלינגען.

זאָל דאָ אויך נאָך דערמאָנט ווערן אַ זייגער־מאַכער, אַן עלטע־רער מאַן פון אומגעפעהר פופציג יאָהר, וועלכער איז געווען אַ ליי־דענשאַפטליכער פאַרעהרער פון ז ש אַ ן פּ אַ ו ל. איך פלעג אָפט פאַרברענגען מיט איהם און האָב אין איהם געפונען אַ זעהר באַלעזענעם מאַן. פון די מעהרסטע קלאַסיקער און באַזונדערס פון שילער איז ער ניט געווען איבעריגס ענטציקט; דערפאַר אָבער האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון די ראָמאַנטיקער. פון זשאַן פּאָול׳ס ווערק האָט ער כמעט געקענט אַלצדינג, פון די „גרענלענדישע פּראָ־צעסען" ביז דעם „קאָמעט". דעם „טיטאַן" האָט ער פאַרגליכען מיט „פאוסט" און האָט אין דעם דאָזיגען ווערק געזעהן איינעם פון די גרעסטע מאָנומענטען פון דער דייטשער ליטעראַטור.

אַן אייגענטימליכע ערשיינונג איז געווען דאָס וואָס די מאָ־דערנע דייטשע ליטעראַטור איז אין דעם דאָזיגען קרייז געווען ווע־ניג פאַרטראָטען. אַחוץ עטליכע ביכער פון טהאָמאַס מאַן, גוסטאַוו פרענסען, אַטאָ ערנסט האַרטלעבען און הערמאַן העסע האָב איך ניט געזעהן קיין ווערק פון אונזערע מאָדערנע אין די הענט פון מיינע דאַמאָלסדיגע קאַמעראַדען. דערפאַר אָבער זיינען געווען גאַנץ היבש פאַרטראָטען איבערזעצונגען פון אויסלענדישע שריפטשטעלער. באַ־זונדערס באַליעבט זיינען געווען די רוסען. מען האָט געלייענט ניט בלויז דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, א. א. וו., נאָר אויך פאַרטרעטער פון דער נייערער ליטעראַטור, ווי טשעכאָוו, אַרציבאַ־שעוו, אוספּענסקי, אַנדרעיעוו און מערעזשקאָווסקי. אַ גאַנץ באַ־זונדער פּאָפּולאַריטעט האָט געהאַט מאַקסים גאָרקי, וועמעס ביכער זיינען איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד און געלעזען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. פון די פראַנצויזען איז זאָלא געווען דער, וועמען מען האָט אַם מייסטען געזוכט; ליידער אָבער זיינען די איבער־

זעצונגען, וועלכע די געפאַנגענע פלעגען קריגען, געווען זעהר מאַנ־געלהאַפט.

יעדענפאַלס מוז דאָ גלייך באַטאָנט ווערן, אַז אַט די אָנגאַבען קאָנען ניט גענומען ווערן אַלס פולער מאַסשטאַב, ווייל די געלע־גענהייט צו באַציהען ביכער איז אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“ געווען שטאַרק באַגרענעצט און מחמת דעם האָט די אויסוואַהל ניט גע־קאָנט זיין גרויס. אָבער אַ געוויסע באַדייטונג האָבען זיי דאָך. די צאָהל פון ווירקליך גוטע ביכער אויף'ן שיף איז געווען פאַרהעלט־ניסמעסיג קליין און זי האָט זיך באַשרענקט כמעט אויסשליסליך אויף איינצעלנע עקזעמפּלאַרען, וואָס דער איינער אָדער דער אַנדע־רער פון די געפאַנגענע האָט נעקראָגען צוגעשיקט פון זיינע קרובים אָדער פריינט אויף דער פריי. אָבער זעהר ווייניג געפאַנגענע זיינען געווען אימשטאַנד דערצו. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען איז עס געווען באַגרייפליך, אַז מען זאָל ניט קאָנען זיין צו אויסקלייבעריש אין דער אויסוואַהל פון די ביכער צום לייענען. אַזוי איז פון רויטער'ס ווערק אין אָנהויב געווען בלויז איין קליינער באַנד, וועל־כען אונזערע מאַטראַזען האָבען געלייענט מיט אַ באַזונדערן חשק. און דאָך וואָלט דער בראַוור מעקלענבורגער מיט זיין גאָט־געבענש־טען הומאָר און זיינע טיף־געהענדע באַטראַכטונגען געקאָנט געפי־נען אַ זעהר דאַנקבאַרען עולם גראַד צווישען אונזערע מאַטראָזען. ווען עס איז מיר שפּעטער געלונגען צו באַציהען פון דרויסען נאָך צוויי בענד פון זיינע ווערק — צווישען זיי „אוטמינע סטראָמטיד“ —, האָבען די דאָזיגע ביכער געוואַנדערט פון האַנד צו האַנד צווי־שען אונזערע מאַטראָזען און זיינען פון זיי מיט אַן אמת'ן הונגער פאַרשלונגען געוואָרן.

דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ דייטשען פּאַסטאָר אין לאָנדאָן האָט מען אונז פון וואָס פאַר עס איז פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט צוגעשיקט אַ געוויסע צאָהל ביכער, אָבער עס איז געווען גאַנץ ווע־ניג גוטס צווישען זיי. אַ רייהע שריפטען פאַר די „רייפערע יוגענד“ און אַ פּאָר זיסע, ריהרענדע ראָמאַנען אין דייטשער און ענגלישער שפּראַך, דאָס איז געווען אומגעפעהר אַלצדינג.

איניגע פון אונזערע קאמעראדען, מייסטענטיילס יונגערע לייט, האבען זיך אויך באשעפטיגט מיט ערנסטע למודים, א טייל מיט מאטעמאטיק, אנדערע מיט פרעמדע שפראכען א. א. וו. אבער די פארהעלטעניסען און מעגליכקייטען פאר אינטענסיווער גייסטיגער ארבייט זיינען אויפ׳ן שיף געוועזן צו שטארק באשרענקט, אזוי אז זייערע באמיהונגען האבען ניט געקאנט געקרוינט ווערן מיט וואס פאר עס איז ערפאלג. ס׳איז דא ניט געוועזן קיין פלאץ, וואו די שטודירענדע זאלען זיך קאנען אומגעשטערט צוזאמענקומען, כאטש בלויז פאר עטליכע שטונדען אין טאג. געוויס האבען זיך אויפ׳ן שיף געפונען פארשידענע פלעצער, וועלכע זיינען געוועזן זעהר צו־געפאסט פאר דעם דאזיגען צוועק, אבער דיזעלבע זיינען געוועזן פארשלאסען, און א ביטע פון די פאראינטערעסירטע געפאנגענע מען זאל זיי ערלויבען צו באנוצען אט די שטיבער אדער וועניגס־טענס איינע פון זיי אלס קלאס־צימער, איז פון דעם קאמאנדיר איינפאך צוריקגעוויזען געווארן. מען האט דארט ניט געהאט קיין זין און קיין פארשטענדניש פאר אט די זאכען, און אזוי איז דאס לייענען נאך אלץ געבליבען דאס בעסטע מיטעל, ווי עס איז צו פארטרייבען די מאנאטאנקייט פון דער געפאנגענשאפט.

קאפיטעל 8

פארטרעטער פון'ם דייטשטום

ציטונגען ווערן ערלויבט — קלאגנגען וועגען דער אפלוידיגונג פון'ם שיף — די פעטיציע פון די „זעקס־און־זעקס־מענער" — די פאלגען — מאדנע ביבעל־שטודען — דאס געהיימניס פון גערווינג'ס קאיוטע — אפשיד פון די פריינט — דאס אנקומען פון די „קאנא־דא־לייט" — די ארויסטרייבונג פון די קאיוטען — געבורטסטאג.

דעם 22טען פעברואר איז פון דעם קאמאנדיר'ס ביורא ארויס־געלאזט געווארן א באקאנטמאכונג, אז פון איצט און ווייטער ער־לויבט מען די געפאנגענע צו לייענען ציימונגען, און אז די געווינ־שטע בלעטער דארפען באשטעלט ווערן ביי די ליניע־קאפיטאנען און קאנען דורך דיזעלבע באצויגען ווערן. איבער א האלב יאהר צייט האט מען די מענשען אין די פארשידענסטע אינטערנירונגס־לאגערען אויף'ן שטרענגסטען אופן פארבאטען צו לעזען די טעג־ליכע פרעסע. אריבערטרעטען אט דעם אידיאטישען פארבאט, וואס האט דורך קיין שום זאך ניט געקאנט גערעכטפארטיגט ווערן, האט געמיינט זיך אונטערוואַרפען א שווערע שטראף. אבער ווי מיר האבען שוין געזעהן, זיינען די שטרענגסטע מיטלען קיינמאל ניט געווען אימשטאנד אין גאנצען אפצושטעלען דאס לעזען פון צייט־טונגען, הגם די צאהל פון די אריינגעשמוגעלטע בלעטער איז געווען זעהר באשרענקט. וואס פאר גרינדע עס האבען די הערען אין קריגס־מיניסטעריום אצונד פלוצלינג באוואויגען צוריקצורופען דעם לעכערליכען פארבאט, איז פאר אונז נאטירליך געבליבען אומבא־

קאָנט. ס'איז, ווייזט אוים, געווען דיזעלבע מאָטיוויליגקייט וואָס האָט דעם פאַרבאָט אַרויסגעגעבען, וועלכע האָט איהם איצט ווידער אָפּגעשאַפט.

אין דער אָפּישע אויף'ן שווארצען ברעט האָט מען גלייכצייטיג געלאָזט וויסען, אַז דאָס באַציהען פון סאָציאַליסטישע בלעטער בלייבט ווי פריהער פאַרבאָטען; פּונקט אַזוי זאָלען די געפאַנגענע ניט קריגען אין זייערע הענט קיין צייטונגען, וועלכע באַשטרעבען זיך „צו פאַר'מיאוס'ן אונזערע שונאים אָדער דיזעלבע צו ערנידעריגען". ווי גרוים איז אָבער געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך האָב אויף'ן צעטעל פון די ערלויבטע בלעטער געפונען אויסשליסליך קאָנסערוואַטיווע צייטונגען, צווישען זיי אויך די „דעילי מעיל" און „דעילי עקספּרעס", צוויי פון די באַקאַנטסטע העצ־בלעטער, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט געקאָנט געגוג אָנזעטיגען אין זייערע העצערייען און אין'ם שמוץ וואָס זיי האָבען געוואָרפען אויף די דייטשען. קיין איין איינציגע ליבעראַלע צייטונג האָט זיך ניט געפונען אויף דער ליסטע, און ווען איינצעלנע פון אונז האָבען דאָך געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַציהען דעם „מאַנשעסטער גאַרדיען" און די „דעילי ניוס", האָט מען זיי געלאָזט וויסען, אַז די דאָזיגע בלעטער זיינען פאַרבאָטען. דאָס האָט אויסגעקוקט נאָך זאָנדערבאַרער, ווייל מר. אַסקוויטה האָט נאָך דאַמאָלס געהאַלטען דעם שטאָאטס־רודער אין דער האַנד און די רעגירונג איז נאָך געווען אויסגע־שפּראָכען ליבעראַל. צי אַט די בכיוון'דיגע אויסוואָרצלונג פון דער ליבעראַלער פּרעסע איז געקומען אויף אַ באַפעהל פון'ם קריגס־מיניסטעריום, אָדער דאָ האָט זיך בלויז געהאַנדעלט וועגען דער פּאָליטישער חכמה פון אונזער לאָקאַלער מיליטער־פאַרוואַלטונג,— דאָס איז פאַר אונז נאַטירליך געבליבען אומבאַקאַנט.

אַרום דערזעלבער צייט פלעגט מען גאַנץ אָפט רעדען וועגען דעם אַז מען גרייט זיך אָפּצולייזיגען דעם „ראָיאַל עדוואַרד" און די „סאַקסאָניאַ". אין אָנפאַנג זיינען דאָס געווען בלויז אומקאָנטראָ־לירבאַרע קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך אָבער אַלץ מעהר און שטאַר־קער געלאָזט הערען און אָנגענומען אַ ממשות'דיגע געשטאַלט. פאַר

די מעהרסטע פון אונז האָט די אויסזיכט ניט געהאַט אין זיך קיין שום דערשרעקענדעס, וואָרים די לאַגע אויף'ן שיף איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ אומערטרעגליכער. מיר האָבען געלעבט צוזאַמענגעפּאַקט ווי די שאָף אין אַ שטאַל און זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אַ ריהר טאָן, אָהן דעם צו קומען אין קערפּערליכער באַריהרונג מיט אַנדערע. פאַר אַ געוויסע צייט קאָן עס נאָך געהן, אָבער ווען אַזאַ צושטאַנד האַלט אָן לאַנג, פאַלט ער די מענשען אויף די נערווען. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס פּונקט אַרום יענער צייט איז דאָס עסען געוואָרן מורא'דיג שלעכט. מיטאָג־צייט פלעגען מיר אויף אונזער שיף כמעט ניט זעהן קיין אַנדער זאַך ווי קרויט־ריבען, וועלכע זיינען נאָך דערצו געווען צוגעגרייט אויף דעם עקעלהאַפּטסטען אופן. שוין דער גערוך אליין פון דעם דאָזיגען מאכל, וואָס אונזערע מאַטראָזען פלעגען רופען „אַלדענבורגער זיד־פּרוכטען", האָט געקאָנט ביי איינעם אין גאַנצען צונעמען דעם אַפּעטיט. דאָס פליייש איז געוועגליך געווען ניט צו נעמען אין מויל און האָט געמוזט אָפּעקלען אפילו דעם פאַרגרעבסטען מענשען.

פאַר די פון אונז, וועלכע האָבען געהאַט די מעגליכקייט פון צייט צו צייט אויפצונעמען וועמען עס איז פון זייערע אייגענע וואָס זיינען געקומען צו זיי צו גאַסט פון לאָנדאָן, איז דאָס געוויס געווען אַן אַנגענעמע זאַך, וואָס האָט געמוזט שטאַרק אָפּגעשאַצט ווערן. אָבער די גרויסע מעהרהייט פון אונזערע ליידענס־חברים האָט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון דעם דאָזיגען פאַרגעניגען. די יעניגע צווישען אונז, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען פון די ענגלענדער אויף'ן מיטען ים, האָבען איבערהויפּט ניט געהאַט קיין באַציהונגען מיט יענעם לאַנד. אַנדערע האָבען געהאַט זייערע פאַמיליעס אין ווייטע שטעדט פון ענגלאַנד, אַזוי אַז עס האָט שווערליך געקאָנט זיין די רייד פון אַ באַזוך. אָבער זאָגאַר די מעהרסטע געפאַנגענע, וועמעס פאַמיליעס האָבען געוואוינט אין לאָנדאָן, זיינען קיינמאָל ניט געווען אין דער לאַגע צו קאָנען זעהן זייערע פרויען און קינדער פון צייט צו צייט, ווייל עס האָבען זיי איינפאַך געפעהלט די מאַטעריעלע מעגליכקייטען דערצו. די אונטערשטיצונג

וואס די ענגלישע רעגירונג פלעגט געבען יעדע וואך די פרויען פון די אינטערנירטע דייטשען און עסטרייכער, איז ניט גענוג געווען אפילו אויף צו דערהאלטען דאס פשוט'ע לעבען. ס'איז געווען בוכשטעבליך צום לעבען צו ווענינ, צום שטארבען צופיעל. אונטער די דאזיגע אומשטענדען האבען זיי זאגאר ניט געקאנט חלום'ן דערפון צו באזוכען זייערע מענער, ווארים א רייזע פון לאנדאן נאך סויטענד און צוריק האט געקאסט פינף שילינג.

אבער דאס איז ניט געווען אלעס. די מיליטער־בעאמטע האבען, אמת, ערלויבט די געפאנגענע יעדען מאנאט א באזוך פון צוואנציג מינוט, אבער זיי האבען זיך ניט אנגעהויבען קימערן וועגען דעם, אויף וואס פאר אן אופן די באזוכער האבען געדארפט צוקומען צו די שיפען. עס זיינען געווען פעלע, וואו פרויען, וועלכע האבען זיך איינפאך אפגעריסען דעם ביסען פון מויל, כדי אפצושפארען דאס רייזע־געלד קיין סויטענד, זיינען אנגעקומען אהין, אבער זיי האבען געמוזט צוריקפאהרען קיין לאנדאן, ניט דערגרייכענדיג זייער ציעל, ווייל זיי האבען ניט געהאט ביי זיך גענוג געלד אריבערצופאהרען פון דער לאנדונגס־בריק צו די שיפען. די אייגענטימער פון די קליינע שיפלעך ביי דער לאנדונגס־בריק אין סויטענד האבען נעמליך זעהר שנעל אויסגעפונען, אז זיי קאנען דא מאכען גוטע געשעפטען, און זיי האבען גענומען פון די פרויען די אומפארשעמטסטע פרייזען פאר אריבערפיהרען זיי צו די שיפען. אזוי ווי די ארעמע פרויען האבען זיך ניט געקאנט העלפען, זיינען זיי געווען ביי די באזיצער פון די שיפלעך אין די הענט, און די דאזיגע האבען אויסגענוצט די געלעגענהייט און געהאלטען אין איין הויבען די פרייזען. אזוי פלעגט קאסטען פאר אריבערפאהרען צום „ראיאל עדווארד“ פינף ביז זעקס שילינג, דאס הייסט אלזא טייערער ווי די גאנצע רייזע פון לאנדאן קיין סויטענד און צוריק. פאר אריבערפאהרען צו דער „סאקסאניא“, וועלכע איז געלעגען אביסעל ווייטער אין ים, פלעגט מען זאגאר צאהלען צעהן שילינג.

אט דער סקאנדאליעזער צושטאנד האט זיך ערשט געענדערט אביסעל, ווען איינער פון אונזערע קאמעראדען האט געשריבען צו

זיין פרוי, וועלכע האָט איהם געוואָלט באזוכען, אז זי זאָל ניט קרמען, ווייל דאָס אריבערפאָהרען פון דער לאנדונגס־בריק צום שיף אליין קאָסט פון פינף ביז זעקס שילינג. דער מאן איז גלייך נאכדעם פארגערופען געוואָרן פאר'ן צענזאָר, וועלכער האָט איהם געפרעגט, ווי אזוי ער איז געקומען דערצו צו מאכען אזא באהויפטונג. דערויף האָט ער איהם געענטפערט, אז דאָס האָב איך איהם דאָס געגעבען די אינפאָרמאציע וועגען דעם. נו, האָט דער צענזאָר געשיקט נאָך מיר. ווען איך האָב איהם ערקלערט, אז מיין פרוי איז שטענדיג געצוואונגען צו באצאָהלען אָט די סומע, ווען זי וויל מיך זעהן, איז ער געווען שטייף און פעסט און גע'טענה'ט, אז דאָ מוז עפּעס זיין א טעות פון מיין זייט. אָבער אזוי ווי איך בין געווען אימשטאנד איהם צו ברענגען נאָך אנדערע עדות, האָט ער זיך ענדליך דאָך געמוזט איבערציינען, אז די זאך איז פּאָרט אזוי געווען ווי מיר האָבען באהויפּטעט. גלייך נאכדעם איז באשטימט געוואָרן א פעסטער פּרייז פון איין שילינג פאר'ן אריבערפאָהרען צום שיף און צוריק. אזוי לאנג ווי די פרויען אָדער אנדערע באזוכער האָבען גראָד געהאט דאָס גליק צו טרעפען דאָס שיפעל פון'ם „ראָיאל עדווארד“ ביי דער לאנדונגס־בריק, האָט מען פון זיי קיינמאָל טאקע ניט געפאָדערט מעהר ווי די פעסטגעשטעלטע טאקסע. אָבער אויב דאָס איז ניט געווען דער פאל — און עס פלעגט אָפט נעמען דריי און פיער שטונדען, ביז דאָס מיליטער־שיפעל האָט זיך דערמאָנט צו פאָהרען צו דער יבשה — דאן זיינען זיי אריינגעפאלען צו די באזיצער פון די אנדערע שיפלעך אין די הענט, וועלכע האָבען זיך ווייטער אָנגעהאלטען זייערע אייגענע פרייזען.

נעמט מען אָט די אלע זאכען אין באטראכט, קאָן מען לייכט באגרייפען, אז פאר דער גרויסער מעהרהייט פון מיינע ליידענסגענאָסען איז געווען אלצאיינס, צי דער „ראָיאל עדווארד“ וועט יא אָפגעליידיגט ווערן, צי ניט. דערפאר האָבען די אזויגערופענע „בעסערע לייט“ געהאט דעם גרעסטען אינטערעס אין דעם צו בלייבען אויף'ן שיף אזוי לאנג ווי עס איז נאָר מעגליך געווען. א דאנק זייער געלד האָבען זיי ניט בלויז געהאט די בעסטע און גרעסטע

קאַיוטעס, נאָר פאַר די זעקס שילינג און זעקס פענס וואָס זיי האָבען געצאָהלט טעגליך, פלעגען זיי אויך קריגען גוט און אסך צו עסען מיט באַדינונג אלס צוגאָב. דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי געהאַט פאַר זיך זייער אייגענעם סאַלאָן, און פאַר זייערע שפּאַציר־גענג דעם גרעסטען אויבערשטען פּאַרדעק, וואו קיין פראָלעטאַריער, קיין פראָסטער בשר ודם האָט ניט געטאָרט שטעלען קיין פוס. אזוי ווי קיין מאַטעריעלע הינדערנישען זיינען זיי ניט געשטאַנען אין וועג, זיינען זיי אויך געוועזען אימשטאַנד אויפצונעמען רעגעלמעסיגע באַזוכען און זיך פאַרשאַפען אַלע אנגענעמליכקייטען, וועלכע האָבען נאָר אונטער די אומשטענדען געקאָנט דערגרייכט ווערן. אונטער די דאָזיגע פאַרהעלטענישען קאָן מען באַגרייפען, אַז אַט די העררן זיינען געוואָרן שטאַרק אומרוהיג, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז מען פלאַנעוועט אַפּצולייזיגען דאָס שיף. דער קלאַנג וועגען דעם האָט פאַקטיש געטראָפען ווי א באָמבע אין יענעם קרייז, עאָרים צי וועט מען עס ערגעץ אַנדערש קאָנען האָבען פונקט אזוי גוט און באַקוועם ווי דאָ, איז יעדענפאַלס נאָך געווען א פראַגע.

די באַראָנען האָבען דערום אויף גיך פאַרזאַמעלט אַרום זיך זייערע געטרייע מענשען, כדי זיך אַן עצה צו האַלטען. מען האָט באַשלאָסען צו דערלאַנגען דעם אַדיוטאַנט אַ צושריפט און אויף דעם אופן פיליכט קריגען גענויערע אויסקינפטע. די צושריפט איז דעם אַדיוטאַנט איבערגעגעבען געוואָרן פון א דעפּוטאַציע, מיט באַראָן פאָן נ. אַן שפּיץ. דער אַדיוטאַנט האָט די העררן ערקלערט, אַז מען מוז זיך יעדענפאַלס ריכטען, אַז דער „ראָיאַל עדוואַרד“ און די „סאַקסאָניא“ וועלען גאָר אין גיכען אָפּגעליידיגט ווערן, און דערביי האָט ער געגעבען אָנצוהערען, אַז פאַר איהם פערזענליך איז אָט די אויסזיכט אויך ניט אנגענעם.

נאָכדעם ווי אָט די העררן האָבען אַלזאָ געוואוסט וואו זיי האַלטען, האָבען זיי זיך גענומען אַרבייטען מיט חשק אויף׳ן שיף און געזוכט איינצורײדען די געפאַנגענע צו שיקען א פעטיציע צום קריגס־מיניסטעריום, כדי דערוויל אָפּצושטעלען די געפּלאַנטע אָפּ־ליידיגונג פון׳ם „ראָיאַל עדוואַרד“. די באַראָנען און זייערע אָנ־

הענגער האָבען גלייך פאַרפאַסט אזאַ פעטיציע, אין וועלכער די מי־ליטערישע בעאַמטע אויף'ן שיף זיינען געלויבט געוואָרן אין הימעל אריין, און וואו די אַלגעמיינע לאַגע פון די געפאַנגענע איז באַצייבענט געוואָרן אלס זעהר צופרידענשטעלענדיג. נאָך דער דאָזיגער עקעלהאַפטער טעלער־לעקעריי איז אויסגעדריקט געוואָרן די טיעפּסטע בקשה, אַז מען זאָל איבערלאָזען די געפאַנגענע אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד", וואו זיי האָבען זיך, לויט די באַשריבענע אומשטענדען, כלומר'שט געפיהלט גוט, און זיי פאַרשפּאָרען די צווייפעלהאַפטע ערפאַרונגען פון א נייעם אומבאַקאַנטען לאַגער.

וואָלטען אַט די העררן, וועלכע האָבען מיט'ן כח פון זייער געלד זיך איינגעשאַפט אַלע מעגליכע פריווילעגיעס, פון וועלכע די גרויסע מערהייט פון זייערע אינטערנירטע לאַנדסלייט האָבען ניט גע־וואַגט צו חלום'ן אפילו, — וואָלטען זיי בלויז גענומען זייער איי־גענע לאַגע אין באַטראַכט און געשטיצט אויף דעם פאַרפאַסט און אונטערגעשריבען זייער פעטיציע, וואָלט מען דאָס נאָך ווי עס איז געקאָנט פאַרשטעהן. אָבער דאָס וואָס זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע כוחות אויך צו קריגען די אונטערשריפטען פון זייערע אָרעמע מיט־געפאַנגענע, איז פשוט געווען אַן עפענטליכער סקאַנדאַל. זיי האָ־בען גאַנץ גוט געוואוסט פון די קלעגליכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די גרויסע מערהייט פון די געפאַנגענע האָבען זיך געמוזט פּלאָגען; זיי האָבען געוואוסט, אַז א היבשער טייל פון די מענשען האָבען געליטען די גרעסטע נויט, ווייל זיי האָבען ניט געקראָגען פון דרויסען קיין עקסטראַ זאַכען, אָהן וועלכע ס'איז ניט מעגליך געווען אויסצוקומען. און ניט קוקענדיג דערויף האָבען זיי געהאַט א קור־פערנעם שטערן איינצורעדען די דאָזיגע אָרעמע טייוואָלים צו אונ־טערשרייבען א שריפט, אין וועלכער די לאַגע פון די לעצטע איז באַצייכענט געוואָרן אלס צופרידענשטעלענדיג אין יעדער באַציהונג און וואו עס איז נאָך אלס צוגאָב אויסגעשפּראָכען געוואָרן דער דאַנק פון די געפאַנגענע צו די ענגלישע מיליטער־בעאַמטע. ווי איך האָב שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ אָנגעוויזען, האָבען גראָד אַט די העררן בייגעטראָגען דערצו צו פאַרערגערן די לאַגע פון זייערע אָרע־

מערע לאנדסלייט אויף'ן שיף. זיי האבען אויך גאנץ גוט גע־וואוסט, אז אזא פעטיציע האט געמוזט פיהרען דערצו, אז יעדע טענה, יעדע קריוודע וואס די געפאנגענע וואלטען אין דער צוקונפט אויפהויבען וועגען זייער לאגע, זאל בלייבען אהן א שום ווירקונג. מיט אזא דאקומענט אין די הענט וואלט די ענגלישע רעגירונג מיט רעכט געקאנט צוריקווייזען יעדען פראטעסט פון די מענשען געגען די זעלישע און מאטעריעלע ליידען וואס מען האט זיי אנגעטאן, ווארים זיי וואלטען דאך אליין דורך זייער אונטערשריפט באשטע־טיגט, אז זייער לאגע איז צופרידענשטעלענדיג.

אבער וואס פאר א באטרעף האט פאר אט די הערען געהאט דאס וואוילזיין פון אלע געפאנגענע, ווען זייערע אייגענע פריווילע־גיעס זיינען געשטאנען אין קאן! זייער נארישער קלאסען־שטאלץ און זייער ברוטאלער עגאאיזם האט ביי זיי אוועקגערויבט יעדעס פארשטענדניש פאר די אינטערעסען פון'ם כלל. אזוי לאנג ווי זיי זיינען נאר געווען אימשטאנד אויפצוהאלטען זייערע פריווילעגיעס, האבען זיי זיך אבסאלוט ניט געקימערט, אויף וועמעס חשבון דאס איז געשעהן.

די מעהרהייט פון די געפאנגענע האט אויך אינסטינקטיוו גע־פיהלט, וואס אט די פעטיציע באדייט, און מען האט דערום אויפ־גענומען דעם פארשלאג פון די „זעקס־און־זעקס־מענער" מיט גע־מישטע געפיהלען. איך פערזענליך האב גערעדט צו די געפאנגענע אויף'ן הינטערשטען פארדעק און זיי געווארענט, זיי זאלען ניט אונ־טערשרייבען די פעטיציע, זיי ערקלערענדיג דעם אמת'ן כאראק־טער פון אט דער ביטע און אנווייזענדיג זיי אויף די אומפארמייד־ליכע פאלגען פון אזא האנדלונג. דער רעזולטאט פון אונזער געגען־אגיטאציע איז געווען, אז אסך האבען געעפענט די אויגען און דער־זעהן דעם אייגענטליכען כאראקטער פון דעם דאזיגען שפיעל, און מאנכע, וועלכע האבען אין זייער לייכט־גלויביגקייט שוין געהאט אונטערגעשריבען די שריפט, האבען צוריקגעצויגען זייערע חתימות.

אז די באראנען און זייערע אנהענגער האבען דערזעהן, אז זייער שענער פלאן איז אין געפאהר דורכצופאלען, האבען זיי זיך גע־

פּרואווט מיט אַנדערע מיטלען צו פאַרפיהרען די געפאַנגענע. זיי האָבען געלאָזט פאַרשפּרייטען איבעראַל, אַז דער אַדיוטאַנט איז פּערזענליך פאַראינטערעסירט, אַז די פּעטיציע זאָל אָפּגעשיקט ווערן, און עס איז דערפאַר ניט ראַטזאַם דורך אַ ניט־מאָטיווירטער עקשנות זיך צו שטעלען געגען זיין וואונש. אויף ווי ווייט אָט די באַהויפּטונג איז געווען אמת, האָט מען נאַטירליך ניט געקאָנט דערגעהן אויף ריכטיג. אָבער ווען אָט דער אַרגומענט האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט מען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַלע די וואָס ענטזאָגען זיך צו געבען זייערע נעמען אויף דער פּעטיציע, וועלען אָפּגעשיקט ווערן אויף דער „איל־אָף־מען".

די „איל־אָף־מען" האָט צווישען די געפאַנגענע ניט געהאַט קיין גוטען נאָמען. די בלוטיגע געשעהענישען, וועלכע זיינען מיט עטליכע חדשים פאַר דעם פאָרגעקומען אין דעם דאָרטיגען אינטערנירונגס־לאַגער און דורך וועלכע אַן אַנצאָהל ציוויל־געפאַנגענע האָבען פאַרלאָרן זייער לעבען, זיינען נאָך געווען פריש ביי אַלעמען אין זכרון און האָבען אַרומגעוועבט דעם נאָמען פון׳ם ענגלישען אינזעל מיט אַ שטילען שרעק. ס׳איז דערום קיין וואונדער ניט געווען, וואָס אַסך, וועלכע וואָלטען די פּעטיציע פון די באַראָנען פּריוויליג קיינמאָל ניט אונטערגעשריבען, האָבען זיך סוף כל סוף דאָך געלאָזט איינשרעקען דורך דער מורא פאַר דער „איל־אָף־מען" און זיי האָבען געגעבען זייער אונטערשריפט פאַר אַ זאַך, וועלכע זיי האָבען ביי זיך אין הארצען פאַרדאַמט.

יעדענפאַלס האָט אונזער געגען־אַגיטאַציע וועניגסטענס אַזוי־פיעל דערגרייכט, אַז בלויז אַ שוואַכע העלפט פון די געפאַנגענע האָט אונטערגעשריבען די פּעטיציע. די גרעסערע העלפט, צווישען זיי הויפּטזעכליך די מאַטראָזען, זיינען געבליבען שטאַנדהאַפטיג און האָבען באַין אופן ניט געקאָנט באַוואויגען ווערן צו געבען זייערע חתימות.

דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם אַדיוטאַנט איז די פּעטיציע אָפּגעשיקט געוואָרן צום קריגס־מיניסטעריום. ס׳איז אמת, אַז זי האָט ניט דערגרייכט איהר ציעל, און דריי מאָנאַט שפּעטער זיינען

די שיפען דאָך אָפּגעליידיגט געוואָרן, ווייל די ענגלישע רעגירונג האָט זיי געמוזט נייטיג האָבען פאַר דעם טראַנספּאָרט פון סאָלדאַטען נאָך פאַרשידענע פּונקטען פון איראָפּאָ. דערפאַר אָבער איז געקומען דאָס, פאַרוואָס מיר האָבען זיך אַם מייסטען געשראָקען און וואָס מיר האָבען פאַראויסגעזאָגט. די פּעטיציע פון די פּריווילעגירטע און פון זיי פאַרפיהרטע געפאַנגענע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ענגלישער פּרעסע מיט לעבהאַפטע קאָמענטאַרען. די דזשינגאָ־צייטונגען פון׳ם שניט פון דער „דעילי מעיל“ א. א. וו. האָבען ווידער אַמאָל געגעבען גלענצענדע בילדער איבער אונזער בלומר׳שט גרויסאַרטיג לעבען אויף׳ן שיף און האָבען באַנוצט דעם געפערליכען דאָקומענט, וואָס האָט געשטאַמט פון׳ם ברוטאַלסטען קלאַסען־עגאָאיזם, אַלס נייעם שטאָף פאַר זייערע העצערייען געגען די דייטשען. עטליכע צייטונגען האָבען אויך ניט פאַרגעסען אָנצווייזען אויף די קלאַסען־געגענזאַצען אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“. דעם פּראָלעטאַרישען הינטערשטען פאַרדעק פון אונזער שיף האָט מען א נאָמען געגעבען דאָס „ווייטשעפּעל“ פון׳ם „ראָיאַל עדוואַרד“ און דעם טייל, וואו די פּריווילעגירטע האָבען זיך געפונען, האָט מען גערופען „באַראָן־קאָורט“.

אָט די שילדערונגען און קאָמענטאַרען האָבען געעפענט די אויגען פון אסך, וועלכע האָבען ניט פיעל איבערטראַכטענדיג געהאָט אונטערגעשריבען די פּעטיציע. זיי האָבען אצונד געמוזט איינזעהן, אז זיי האָבען דורך דעם בלויז געדינט די אינטערעסען פון א קליינער קליקע און אין דערזעלבער צייט שטאַרק געשעדיגט די אינטערעסען פון׳ם כלל, פון אַלע געפאַנגענע. אָט די פאַרשפּעטיגטע דערקענטעניש האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט בייטראָגען דערצו בעסער צו מאַכען די אַלגעמיינע שטימונג פון די מענשען געגען די פּריווילעגירטע זעקס־און־זעקס־מענער, וועלכע איז אָהן דעם אויך געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ פיינדליכער.

אונזערע וועכענטליכע פאַרזאַמלונגען אין׳ם זאַל פון די פּערציג בעטען זיינען געוועזן אזוי גוט באַזוכט, אז דער קליינער פּלאַץ איז ניט געוועזן אימשטאַנד מעהר אריינצונעמען די צאָהל פון די צו־

הערער. מיר האָבען דערום באַשלאָסען צו אַראַנזשירען נאָך אַן אווענט אין דער וואָך, וואו יעדער פאָרטראָג איז געהאַלטען געוואָרען נאָך אַמאָל, אַזוי אַז אַלע פאַראינטערעסירטע זיינען געווען אימ־שטאַנד איהם צו הערען. דאָס האָט די זאַך נאַטירליך געמאַכט נאָך געפעהרליכער, ווייל די סכנה פון אַן ענטדעקונג איז אַצונד געווען נאָך נעהענטער. ס'איז ווירקליך געווען אַ וואונדער, וואָס עס האָבען געקאָנט פאַרבייגעהן צוויי מאָנאַט, ביז די מיליטער־פאַרוואַלטונג אויף'ן שיף איז געוואָרען אויפמערקזאַם אויף אונזערע צוזאַמענקונפטען. אָבער וועגען דעם שפּעטער.

נאָך מיין ערשטען פאָרטראַג, וועלכער האָט, ווי איך האָב שוין פריהער באַמערקט, געהאַט אַ ריין ליטעראַרישען כאַראַקטער, האָב איך אָנגעפאַנגען אַ רייה פאָרטראַגען איבער דאָס וועזען און די ענטוויקלונג פון'ם נאַציאָנאַליזם. אָט די פאָרטראַגען האָבען געמאַכט אַ גרויסען פוראָר צווישען מיינע מיט־געפאַנגענע, ווייל דאָ איז אָנגעריהרט געוואָרען אַ פראַגע, וועלכע האָט גראָד אין יענער צייט ארויסגערופען אַ באַזונדערן אינטערעס. איך האָב צוערשט באַהאַנדעלט דעם אורשפּרונג און דאָס אויסוואַקסען פון די נאַציאָנאַליסטישע אידעען; דערנאָך האָב איך זיך אביסעל ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די באַגרינדונגען פון זייערע טרעגער — ווי איינהייטליכקייט פון ראַסע און שפּראַך, געמיינשאַפטליכקייט פון מנהגים א. א. וו., כדי צום סוף אין מיין דריטען פאָרטראַג ארויסצוברענגען דעם באַוויז, אַז דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם איז אין גרונד גענומען בלויז אַ קינסטליכע מאַכעריי, אַ מין פּאָליטישע רעליגיע פון'ם שטאַאַט, הינטער וועלכער עס האָבען זיך תמיד געהאַלטען פאַרבאָרגען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסען פון די אַמאָליגע באַזיצענדע קלאַסען.

מיינע אויספיהרונגען האָבען, ווייזט אויס, געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף מיינע צוהערער, וואָרים מען האָט וואָכען־לאַנג דעבאַטירט וועגען דעם אין דער רויך־קאַיוטע און אין פריוואַט־געשפּרעכען. דערביי האָב איך נאָך מעהר ווי איינמאָל געפונען אַ

געלעגענהייט צו ערקלערן פארשידענע פונקטען פון מיינע אויס־פיהרונגען און זיי צו באגרינדען דורך נייע ביישפילען.

אין פארלויף פון מיין דריטען פארטראג האט זיך אפגעשפילט א פרעהליכער אינצידענט. אין מיטען מיין רעדע איז אין זאל פלוצלינג אריינגעקומען אן ענגלישער קארפאראל. ס'איז געווען אן אלטער מאן, א פריינדליכע, גוטמוטיגע זעלע, וועמען מיינע מיט־געפאנגענע האבען אלע גערופען „דאד". גלייך אין אנפאנג איז ער געווען איבעראשט צו טרעפען דא א פארזאמלונג, אבער ווען צוויי פון אונזערע קאמעראדען, וועלכע זיינען געשטאנען ביי דער טיר, האבען איהם ערקלערט, אז דאס איז בלויז א ביבעל־שטונדע, האט ער פריינדליך געשמייכעלט און געזאגט, אז אין אזא שווערער צייט איז די רעליגיע נאך די איינציגע טרייסט פון'ם מענשען. דערנאך איז ער זיך שטילערהייט אוועק, נאכדעם ווי מען האט איהם אפריי־הער, ווי געווענליך, אריינגעשטופט א פאר ציגארן אין דער האנד. די גאנצע סצענע האט זיך אפגעשפילט אזוי רוהיג, אז כמעט קיי־נער פון די אנוועזענדע האט עס גארנישט באמערקט. ווען אונזערע צוויי חברים האבען שפעטער, נאך'ן פארטראג, דערצעהלט וואס דא איז פארגעקומען, האט מען זיך נאטירליך שטארק אמוזירט דער־מיט.

די גרעסטע זארג פון אונזער מיליטער־פארוואלטונג איז בא־שטאנען אין דעם אויף א זיכערן און גרינדליכען אופן אפצושטעלען יעדען ניט־ערלויבטען פארקער פון די געפאנגענע מיט דער דרוי־סענדיגער וועלט. איבערהויפט אונזער אדיוטאנט האט זיך געגעבען די גרעסטע מיה, אז דאס זאל שטרענג אפגעהיט ווערן. דאס איז ניט געווען אזוי שווער, ווארים מיר זיינען געלעגען צוויי מייל ארום אין ים, און די געלעגענהייטען, וועלכע האבען זיך אונז אפט גע־מאכט אין דער אלימפיא, זיינען דא ניט געווען. די איינציגע גע־פאהר, מיט וועלכער מען האט זיך געמוזט רעכענען, איז געווען, אז דורך די באזוכער קאן פילייכט אריין־ אדער ארויסגעטראגען ווערן עפעס, וואס איז ניט ליעב געווען פאר די מיליטער־בעאמטע. מחמת דעם האט זיך קאנצענטרירט די גאנצע אויפמערקזאמקייט

פון דער באַוואַכונג אויף די געסט. אזוי גיך ווי איינינע באַזוכער פלעגען אָנקומען, זיינען זיי גלייך באַגעגענט געוואָרן ביי די טרעפּ פון שיף און אונטער מיליטערישער וואַך אָפּגעפיהרט געוואָרן אין א באַזונדער צימער, וואו מען האָט זיי גרינדליך אונטערזוכט. פּעקלעך, וואָס זיינען מיטגעבראַכט געוואָרן, זיינען אין פאַרלויף פון׳ם באַזוך דורכגעקוקט געוואָרן פון סאָלדאַטען אין דער געגענוואַרט פון אַן אָפיציר, וועלכער פלעגט אויך שטעהן דערביי, בעת דער געפאַנגענער האָט זיך אונטערהאַלטען מיט זיין גאַסט. אזוי גיך ווי דער געפאַנגענער האָט נאָר געמאַכט א פאַרזוך צו דערצעהלען עפּעס וועגען זיין פּערזענליכער לאַגע אָדער וועגען זאַכען וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף׳ן שיף, האָט איהם דער אָפיציר גלייך איבערגעשלאָגען און ניט געלאָזט מעהר ריידען וועגען דעם. יאָ, עס פלעגט זאָגאר פאָרקומען, אז מען האָט איינפאַך געמאַכט א סוף צו באַזוכען און די קרובים פון געפאַנגענע גאָר אָהן צערעמאָניעס גלייך אָפּגעפיהרט צוריק צום ברעג, הגם זיי זיינען קוים געווען פינף אדער צעהן מינוט אויף׳ן שיף. מען האָט דערום געמוזט זיין זעהר פאַרזיכטיג ביי די געשפּרעכען און איבערוועגען יעדעס וואָרט וואָס מען האָט ארויסגערעדט. אָבער זאָגאר אָט די זעהר שטרענגע פאַרזיכטיגקייט פון די מיליטערישע בעאמטע האָט געהאַט א גרויסען לאָך, פון וועלכען די הערען האָבען נאַטירליך ניט אַנגעהויבען צו ווייסען.

די זאַך איז נעמליך געווען אזוי: די באַזוך־צייט איז, ווי שוין דערמאָנט, געווען באַגרעניצט אויף צוואַנציג מינוט. אזוי ווי די געסט, וועמעס צאָהל איז שטענדיג געווען קליין, פלעגען ניט אָנקומען אַלע אין דערזעלבער צייט, איז אויך ניט געווען קיין באַשטימטע צייט, ווען די באַזוכען האָבען זיך געענדיגט. אזוי גיך ווי א באַזוכער האָט פאַרבראַכט זיינע צוואַנציג מינוט מיט דעם געפאַנגענעם, האָט ער גלייך געמוזט פאַרלאָזען די שיף און פאַרנעמען א פּלאַץ אין׳ם שיפעל וואָס איז געלעגען אַנגעבונדען אונטען ביים פוס פון די טרעפּ. דאָרט פלעגט ער אָפט מוזען וואַרטען א האַלבע שעה און לענגער, ביז די איבעריגע באַזוכען האָבען זיך געענ־

דיגט און די קרובים פון די געפאַנגענע זיינען אלע איינאיינעם אָפּ־געפיהרט געוואָרן צוריק צום ברעג אין סויטענד.

גו, איז האַרט ביי די טרעפּ פון שיף געווען א קאַיוטע, אין וועלכער עס האָבען געוואוינט פיער געפאַנגענע, צווישען זיי אויך אונזער פריינד גערווינג, א מיטגליד פון דער ערשטער סעקציע פון׳ם קאָמוניסטישען ארבייטער־בילדונגס־פאראיין אין לאָנדאָן. מען האַט בלויז געדאַרפט עפענען דאָס קיילעכדיגע פענסטערל פון דער דאָזיגער קאַיוטע, און מען האָט געקאָנט אויסשטרעקען די האַנד צו די וואָס זיינען געזעסען אין׳ם קליינעם שיפעל. אָט די ענטדעקונג איז פאַר אונז געווען פון גרויסער באַדייטונג, און אַזוי ווי דער סוד איז געווען באַקאַנט בלויז צו זעהר וועניג פון אונז, האָבען זיך אונזערע היטער און באַשיצער קיינמאָל ניט דערוואוסט דערפון.

איין טאָג איז מיין פרוי געפאָהרען אָנגעלאָדען מיט פעקלעך צו דער „סאַקסאָניאַ“, וואו אסך פון אונזערע גענאָסען זיינען געווען אינטערנירט. אַלס סעקרעטער פון א באַזונדערן הילפס־קאָמיטעט פון די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטען, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו פאַרזאָרגען די אינטערנירטע דייטשע קאַמעראַדען מיט לעבענס־מיטלען, קליינע געלד־סומען און אַנדערע זאַכען, און באַזונדערס צו פיהרען מיט זיי די קאָרעספּאָנדענץ, האָט זי באַשלאָסען ביי זיך אָפּצושטאַטען די גענאָסען א באַזוך אויף דער „סאַקסאָניאַ“. כדי דאָרט פערזענליך צו זעהן ווי זייער לאַגע איז. צו איהר גרויסער איבעראַשונג האָט זיך דאָס שיפעל צוערשט אָפּגעשטעלט ביים „ראָיאַל עדוואַרד“, כדי פון דאָרט מיטצונעמען די פּאָסט און א פּאָר אָפיצירען צו דער „סאַקסאָניאַ“. מען קאָן זיך פאָרשטעלען די לאַגע פון דער אָרעמער פרוי. זי איז געווען אַזוי נאָהנט נעבען מיר און האָט דאָך ניט געהאַט די קלענסטע מעגליכקייט מיר צו געבען א צייכען פון איהר אָנוועזענהייט. איך אליין האָב, פאַרשטעהט זיך, אויך ניט געהאַט קיין אַהנונג וועגען דעם. ווען זי איז אַלזאָ אַזוי געזעסען איינע אליין אין שיפעל, האָט זיך פּלוצלינג געעפענט דאָס פענסטערל פון גערווינג׳ס קאַיוטע, און זי האָט געהערט, ווי אימי־

צער רופט שטיל איהר נאָמען. ווען זי האָט אַרויפגעקוקט, האָט זי דערקענט געראָווינג'ן, וועלכער האָט איהר געגעבען אַ וואונק, זיך צו האַלטען גאַנץ רוהיג. דאַן איז ער גלייך אַרויפגעלאָפען אין דעם קליינעם עסס־זאַל, וואו איך פלעג געוועהנליך אַרום דער צייט פאַרברענגען. גליקליכערווייז האָט ער מיך גלייך אויף'ן ערשטען בליק דערזעהן. איך בין געוועזען שטאַרק איבעראַשט, ווען ער האָט מיר אין קורצע, אָפגעריסענע פראַזען מיטגעטיילט וועגען וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט, און איך בין איהם נאָכגעגאַנגען.

מיר זיינען געוועזען מזל'דיג. דאָס שיפעל איז געלעגען כמעט אַ גאַנצע שטונדע ביי די טרעפ פון'ם „ראָיאַל עדוואַרד", און מיר האָבען זיך ביידע אַלזאָ געקאָנט כאָטש איינמאָל גרינדליך אויסריידען, בעת ווען געראָווינג האָט געהאַלטען וואַך ביי דער טיר פון דער קאַיוטע, טאָמער קומט אימיצער אָן. איך האָב שפּעטער געהאָט בלויז נאָך איינמאָל דאָס גליק אין פאַרלויף פון מיין געפאַנגענשאַפט צו קאָנען ריידען אומגעשטערט מיט מיין פרוי, אי דאָס אין דער געביידע פון'ם ענגלישען פאַרלאַמענט. אָבער צווישען דעם איז פאַרגאַנגען מעהר ווי צוויי יאָהר צייט; אויך זיינען די באַדינגונגען דאַמאָלס געווען גאַנץ אַנדערש, וואָרים מיר האָבען זיך ביידע געטראָפען אַלס געפאַנגענע.

בעת מילי איז געזעסען רוהיג אין שיפעל, מיט'ן פּנים צום ים, כדי קיינער זאָל ניט באַמערקען, אַז זי רעדט מיט אימיצען, האָט זי מיר דערצעהלט אַלצדינג וואָס איז פאַרגעקומען אין לאָנדאָן און וואָס האָט איבערהויפּט געהאַט אַן אינטערעס פאַר מיר. אַזוי האָב איך זיך דערוואוסט אַלע איינצעלהייטען איבער דעם צושטאַנד פון אונזער באַוועגונג און איבער דער לאַגע פון אונזער צייטונג, דעם „ארבייטער פריינד". דאָס האַרץ האָט זיך מיר געהויבען פאַר פרייד, ווען איך האָב געהערט, מיט וואָס פאַר ענערגיע און איבערגעבענקייט די בראַווע יונגען האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין קאַמף און ניט קוקענדיג אויף אַלע געפאַהרען זיינען זיי געשטאַנען אויף זייער פּאָסטען. ס'איז נאָך אַלזאָ דאָך געווען אַ קליינע מחנה פון דרייסטע רעבעלען, וועלכע האָט געוואַגט צו געהן געגען שטראָם

און אינמיטען פון'ם אלגעמיינעם וואנזין צו האלטען הויך דעם באנער פון דער פרייהייט.

נאך צוויי מאל האט מיר גערווינג'ס קאיוטע געבראכט גוטע נוצען. איינמאל, ווען מיין שווענערין פאלי איז געקומען מיט א רוסישען קאמרעאד באזוכען איהר מאן, און דאס אנדערע מאל, ווען מיין עלטערער זוהן האט אפגעשטאט א באזוך איינעם פון אונזערע גענאסען אויף'ן שיף. איןביידע פאלען האבען מיר געקאנט לאנג און אומגעשטערט פארברענגען און ריידען איבער פארשידענע זא־כען, וואס אזוי וואלטען מיר דערצו קיין געלעגענהייט ניט געהאט.

ווען אונזער אדיוטאנט וואלט געהאט אן אהנונג ווענען אט די זאכען! דער געדאנק, אז אפילו זיינע שטרענגסטע מאסרעגלען זיינען ניט אימשטאנד געווען צו פארהינדערן דעם פארבאטענעם פארקעהר פון זיינע „פראטעזשעס" מיט דער דרויסענדיגער וועלט, וואלט איהם זיכער דאס הארץ צובראכען. צו זיין בארוהיגונג קאן איך איהם פונדעסטוועגען פארזיכערן, אז פון יענער שרעקליכער קאיוטע זיינען ניט ארויסגעוועבט געווארן קיין פינסטערע פלענער צו שטירצען די בריטישע וועלט־מלוכה. מיר האבען גענוג געהאט צו טאן מיט אונזערע אייגענע אנגעלעגענהייטען, און מיר האבען זיך פשוט באנוצט מיט א פרייהייט, וועלכע מיר האבען געהאט צו פארדאנקען דעם גוטען צופאל. אזעלכע זאכען זיינען אומפאר־מיידליך, און די ראפינירטסטע פארזיכטס־מיטלען קאנען זיי ניט פארהינדערן, איינפאך דערפאר ווייל אלע מענשען־ווערק זיינען אומ־פאלקאמען.

איין טאג, דאס איז געווען א קורצע צייט נאכדעם ווי די פע־טיציע פון די באראנען איז אפגעשיקט געווארן צום קריגס־מיניס־טעריום, איז דער אדיוטאנט דורכגעגאנגען די קלאזעטען צו זעהן, אויב אלעס איז דארט אין ארדנונג. מיט אמאל איז זיין אויג גע־פאלען אויף אן אויפשריפט וואס האט איהם אריינגעבראכט אין א מורא'דיגען צארן. וואס פאר עס איז אידיאט האט אויף איינער פון די טירען אנגעשריבען מיט טינט די ווערטער: „גאט שטראף ענגלאנד!" ווען ער האט דאס דערזעהן, האט ער אנגעגעבען

מעשים, געמאַכט ווילדע סטראַשונקעס און געפאָדערט פון די ליניע־קאַפּיטאַנען, אַז זיי זאָלען איהם אויסגעפינען דעם חברה מאַן וואָס האָט עס געטאָן. דאָס איז נאַטירליך געווען אַ שטאַרקע פאָדערונג, און יעדער פאַרנינפטיגער מענש האָט געקאָנט פאַרשטעהן, אַז זי מוז בלייבען אָהן ערפאָלג. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די מיליטער־בעאַמטע האָבען איצט אָנגעפאַנגען געגען די געפאַנגענע אַ פּאָליטיק פון נאָדעל־שטעך, וועלכע זיינען געווען פּונקט אַזוי' לעכערליך ווי די טאַט פון יענעם דומען קערל, וואָס האָט באַנוצט אַ טיר פון אַן אָפּטרעט אַלס אויסהאַנג־שילד פאַר זיינע „פּאַטריאָטישע געפיהלען". יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע דעקרעטען און באַפעהלען, וואָס זייער אומזיניגקייט האָט די געפאַנגענע נאָך געמוזט מעהר פאַרביטערן, און וועלכע האָבען צוליעב ריין פּראַקטישע גרינדען גאָר ניט געקאָנט אויסגעפיהרט ווערן. אַזוי איז אויך צוויישען אַנדערעס אַרויס אַ באַפעהל, אַז די טירען פון בײדע גרויסע שלאָף־זאַלען מוזען די גאַנצע נאַכט זיין פאַרשלאָסען. דאָס איז געווען דער גרעסטער אומזין וואָס מען האָט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלען און עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט אויפגענומען ווערן פון די געפאַנגענע ווי נאָר אַלס אַ צו־להכעיס באַפעהל. אַז איינער פון די וואָס זיינען געשלאָפען אין די צוויי זאַלען האָט געדאַרפט בייי־נאַכט אַרויסגעהן „אויף צורך", האָט ער געמוזט קלינגען מיט אַ גלאָק, וואָס האָט געבראַכט די וואַך און אויף אַזאַ'ן אופן איז די טיר געעפענט געוואָרן.

אָט דער אידיאָטישער באַפעהל, וואָס האָט דורך קיין שום זאַך ניט געקאָנט גערעכטפאַרטיגט ווערן, האָט אַרויסגערופען אַסך בייז בלוט, אי דאָס ניט בלויז ביי די געפאַנגענע, נאָר אויך ביי די סאָלדאַטען, פאַר וועמען די זאַך איז געווען זעהר אומבאַקוועם. איין פריהמאָרגען האָט מען געפונען, אַז די טיר אין איינעם פון די זאַלען איז אין פאַרלויף פון דער נאַכט צושמעטערט געוואָרן. אַצונד איז דער אַדיוטאַנט ערשט ריכטיג אַרויס פון די כלים. עס איז גלייך געמאַכט געוואָרן אַן אונטערזוכונג, וועלכע האָט, ווי עס איז גאָר אַנדערש ניט געווען צו ערוואַרטען, ניט געפיהרט צו קיין שום

רעזולטאַט. דער קאָמאַנדיר פוןביידע שיפען, וועלכער פלעגט געווענליך פאַרבּרענגען אויף דער „סאַקסאָניא", איז געקומען בכבודו ובעצמו אויף'ן שיף און האָט די געפאַנגענע געהאַלטען אַ לענגערע רעדע, וועלכע איז אין אַלגעמיין געווען זעהר טאַקטפול און ניט אָנגעפּיקעוועט מיט איבעריגע סטראַשונקעס, צו וועלכע דער אדיוטאַנט, וואָס האָט ניט געוואוסט ווי צו קאָנטראָלירען זיין טעמפּעראַמענט, פלעגט זיך ביי אַזעלכע געלעגענהייטען כמעט שטענדיג לאָזען הינרייסען.

עס זיינען אַריבער קרוב צו צוויי וואָכען, אָהן דעם אַז מען זאָל ווייטער עפּעס הערען וועגען דער געשיכטע. אָבער פּלוצלינג האָט דער אדיוטאַנט אונז ווידער צוזאַמענגערופען און אונז ערקלערט, אַז אין פאַל מיר וועלען איהם אין דריי טעג צייט ניט געבען דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט צושמעטערט די טיר, וועלען אַלע געפאַנגענע באַשטראָפט ווערן דערמיט וואָס זיי וועלען פיער וואָכען נאָכאַנאַנד ניט קאָנען שיקען אָדער באַקומען קיין בריעף.

די דריי טעג זיינען פאַרביי, אָבער דעם אדיוטאַנט'ס וואונש איז געבליבען ניט ערפילט. בלויז אַ מענש וואָס קאָן ניט ריכטיג קאָנטראָלירען זיינע פינף חושים, האָט געקאָנט עפּעס אַנדערש ערוואַרטען. ס'איז געווען איינפאַך משוגע צו פאַרלאַנגען פון די מענשען, אַז זיי זאָלען מסר'ן זייערע אייגענע חברים. אָבער די שטראָף — דער בריעף־אָפּשטעל — איז פאַקטיש אַרויפגעלעגט געוואָרן אויף אונז, אַ גרויזאַמע און אַ צוועקלאָזע מאַסרעגעל, וועלכע איז געווען געריכטעט געגען אומשולדיגע. ווי מען האָט מיר שפּעטער מיטגעטיילט, איז דער „פאַרברעכער" געווען איינער פון די לייט וואָס זיינען געקומען פון גיבּראַלטאַר, וועלכער האָט קיינמאָל צו קיינעם קיין בריעף ניט געשריבען און אויך קיינמאָל קיין בריעף ניט ערהאַלטען. דער מאַן איז אַלזאָ פון דער שטראָף איבערהויפּט ניט געטראָפען געוואָרן. אָבער פאַר די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהאַט זייערע פאַמיליעס אין ענגלאַנד, איז אָט די ברוטאַלע מאַסרעגעל געווען אַ גרויזאַמע שטראָף, וועלכע האָט זיי געטראָפען גאַנץ אומשולדיגערהייט, און ניט בלויז זיי, נאָר אין ערשטער ליניע הונ־

דערטער פון אומשולדיגע פרויען און קינדער, וועלכע האָבען וואָכען־לאַנג געמוזט איבערקלערען אַלעס מעגליכע און לעבען אין שרעק, ווייל זיי האָבען פון זייערע מענער און פאָטערס קיין נאכריכט ניט באקומען.

אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז אָהן דעם אויך צוגעגאַנגען קלעג־ליך געננוג. א בריעף פון לאָנדאָן קיין סויטענד אָדער אומגעקערט האָט גענומען אכט ביז צעהן טעג, אָפט אויך צוויי וואָכען און לענגער. דערצו איז נאָך איצט געקומען אָט דער בריעף־אָפּשטעל, וועלכער האָט געמאכט, אז די פאמיליעס פון די געפאַנגענע זיינען געבליבען מינדעסטענס זעקס וואָכען צייט אָהן וואָס פאר עס איז נאכריכט. ווען די וואָס באַגעהען אזעלכע ווילדע, מוטווילינע אקטען וואָלטען זיך אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט און זיך בארעכענט וואָס פאר א ים פון יסורים זיי ברענגען מיט איין שטריך פון זייער פעדער איבער טויזענטער פון זייערע געפיינינגטע מיטמענשען, וואָלטען זיי פיי־לייכט געווען פאָרזיכטיגער מיט אזעלכע האנדלונגען. אָבער עס ליגט דאָך שוין אין דער סאמע טבע פון׳ם מיליטאריזם און זיינע טרעגער, אז זיי זיינען בלינד און טויב פאר יעדעס מענשליכע גע־פיהל און לאָזען זיך שטענדיג נאָר פיהרען פון א ברוטאַלען געפיהל פון מאכט און גאוה.

אין די לעצטע טעג פון פעברואר האָט מען אונז געלאָזט וויסען, אז דריי הונדערט פון אונזערע קאמעראדען וועלען איבערגעשיקט ווערן אויף דער „אייל־אָף־מען". לויט וועלכע מעטאָדען די דאָזיגע לייט זיינען אויסגעקליבען געוואָרן איז נאַטירליך געבליבען דאס געהיימניס פון די מיליטער־בעאמטע און פון די ליניע־קאפּיטאנען. איין זאך דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אז קיין איינער פון די פּריווי־לעגירטע העררן איז ניט געטראָפען געוואָרן פון דער דאָזיגער גזרה און די דריי הונדערט זיינען געווען אויסשליסליך פון די „אונטער־שטע שיכטען". צווישען די, וועלכע האָבען אונז געמוזט פאר־לאָזען, האָבען זיך געפונען מאנכע גוטע קאמעראדען, נאָך וועלכע איך האָב שפּעטער שטארק געבענקט. אָבער וואָס עס האָט מיר אם מייסטען וועה געטאָן איז געווען דאס וואָס אויך מיין שוואָגער

ערנסט און אונזער בראווער גערהווינג זיינען געשטאנען מיט די אנ־דערע אויף דער ליסטע. קיינמאל שאצט מען ניט אזוי הויך אפ דעם באנד פון דער פריינדשאפט און פון דער אינערליכער צוזא־מענגעהעריגקייט, ווי אין צייטען פון דער געפאנגענשאפט; דער־פאר איז פאר אונז די שיידונג געווען דאפעלט שווער.

דעם 27טען פעברואר — ס'איז געווען א שבת — האט ערנסט אויפגענומען דעם לעצטען באזוך פון זיין בראווער לעבענס־חבר'טע, און אזוי ווי מיין פרוי האט אויך געקריגען אן ערלויבעניש מיך צו באזוכען, האבען מיר געהאט דאס גליק צו קאנען פארברענגען זאלבע פערט די צוואנציג מינוט וואס מען האט אונז באשטימט. אבער די שטימונג איז געווען א געדריקטע, און ווי שטארק יעדער איינער האט זיך ניט געגעבען די מיה צו פארבארגען זיינע אייגענע טרויעריגע געדאנקען און די אנדערע אויפצומונטערן, האט דאך יע־דער פון אונז געפיהלט, וואס עס איז פארגעגאנגען ביי דעם אנדערן אין דער נשמה. יענעם טאג זיינען מיר די צוואנציג מינוט געווען אומענדליך לאנג, און איך האב מיט א געפיהל פון ערלייכטערונג באגריסט דעם מאמענט, ווען דער אפיציר האט ענדליך אונזערע ביידע פרויען געגעבען דעם צייכען, אז זיי דארפען שוין געהן.

דעם 1טען מערץ האבען אונז די קאמעראדען פארלאזען אויף זייער וועג צו דער „אייל־אף“מען“. א לייכטער נעפעל איז געלע־גען איבער'ן וואסער, אבער די זון האט זיך זיגרייך דורכגעבראכען א וועג און האט אנגעזאגט א שענעם טאג. איך האב שוין באלד אין דערפריה זיך געהאט אפגעזעגענט מיט ערנסט'ן און גערהווינג'ן, ווייל די דריי הונדערט זיינען גלייך נאך'ן פריהשטיק אפגעזונדערט געווארן פון די אנדערע געפאנגענע, אזוי אז מיר האבען זיך געזעהן פון ווייטען, אבער ריידען איינע מיט די אנדערע האבען מיר ניט געקאנט. ווער האט זיך דאמאלס געקאנט פארשטעלען, אז עס וועלען אריבערגעהן קרוב צו פיער יאהר, ביז מיר וועלען זיך ווידער געפינען, אי דאס ניט מעהר אין ענגלאנד, נאר אין בערלין!

נאך דער דאזיגער צושיידונג האב איך זיך געפיהלט מורא'דיג איינזאם, און עס זיינען פארגאנגען וואכען, איידער איך האב ביס־

לאַכוויז בייגעקומען דאָס דאָזיגע טעמפּע געפיהל פון אינערליכער פאַרלאָזענקייט. ערשט ווען איך האָב פון דערהיים געקריגען די נאַכריכט, אז ערנסט האָט געשריבען און אַז ער פיהלט זיך, לויט די אומשטענדען, גאַנץ ניש'קשה'דיג, איז מיר ווידער געוואָרן אַבי־סעל לייכטער אויף'ן האַרצען.

פאַר א טייל פון אונז איז דאָס אָפּפאָהרען פון די דריי הונ־דערט מענשען, אמת, געווען א ווייטאָג, אָבער אין אלגעמיין איז דאס אויפגענומען געוואָרן אלס א קליינע ערלייכטערונג. דאָס שיף איז געווען מורא'דיג איבערפילט, און אזא צושטאַנד מוז מיט דער צייט ווירקען זעהר שלעכט אויף די מענשען. אז עס איז דאן אריבער א גאַנצע וואָך און די פּלעצער פון די אוועקגעפאָהרענע זיינען ניט פאַרנומען געווארן פון ניי־אָנגעקומענע, האָבען מיר שוין געדענקט, אַז אין די „אויבערשטע פענסטער" האָט מען אליין איינגעזעהן, אז א לענגער צוזאמענלעבען אין אזא מורא'דיגער ענגשאפט קאָן ניט אָנגעהן און אז מען האָט אונז דורך דאָס אריבערפיהרען פון די דריי הונדערט לייט געוואָלט מאכען גראמער, אזוי אז מיר זאָלען האָבען מעהר פּלאַץ זיך צו באַוועגען. אָבער מיר האָבען א ביטערן טעות געהאַט. דעם 10טען מערץ האָט מען אונז אָנשטאָט די דריי הונדערט, וועלכע האָבען אונז פאַרלאָזען, צוגעשיקט דריי הונדערט אַכציג אנדערע לייט, אזוי אַז אונזער לאַגע איז נאָך געוואָרן ערגער ווי פריהער. אָבער דאָס וואָלט נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע, ווי אומאַנגענעהם אזא צושטאַנד האָט געמוזט זיין פאַר יעדען פון אונז. אסך ערגער איז געווען דאָס, וואָס מיט די ניי־אָנגעקומענע איז אונז אריינגעפאַלען אַן עלעמענט, וועלכען מיר האָבען ביז דאַן נאָך ניט געהאַט באַגעגענט אין אונזער געפאַנגענשאפט.

דאָס הייסט ניט, אַז צווישען די נייע האָבען זיך ניט געפונען קיין פיינע און צוגענגליכע מענשען. אין געגענטייל, די מעהרסטע פון זיי זיינען באַשטאַנען פון גאַנץ פארנינפטיגע און רוהיגע לייט, מיט וועלכע ס'איז זיכער ניט געווען שווערער אויסצוקומען ווי מיט אַלע אנדערע. אָבער דער טאָן־געבענדער עלעמענט צווישען זיי איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון יענעם דערווידערדיגען בילדונגס־

עולם, וואָס האָט ניט אין זיך קיין שפּור פון געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד און וועלכער קוקט אראָפּ מיט א נאַרישער גרינגשאַצונג אויף יעדען איינעם וואָס האָט ניט וועניגסטענס דורכגעמאכט א גימנאַזיע. האָפנונגסלאָזע קליינע מענשעלעך, וועמען ס׳האָט פולשטענדיג געפעהלט יעדע טיפערע פאַרשטענדניש פאַר דעם וואָס איז פאָרגעקומען, און אין וועמען די פוסטע גאוה האָט שוין לאַנג געהאַט אויסגעוואָרצעלט יעדעס בעסערע געפיהל.

די נייע געפאַנגענע זיינען געקומען פון פּאָרטסמוט, וואו זיי זיינען געווען אינטערנירט אויף׳ן שיף „קאַנאַדא“, וואָס איז געלעגען געאַנקערט אין דעם דאָרטיגען האַפען. דורך א באַפעהל פון׳ם קריגס־מיניסטעריום האָט דאָס שיף פּלוצלינג געמוזט אָפּגעליידיגט ווערן. א טייל פון די וואָס זיינען דאָרט געווען אינטערנירט איז געקומען צו אונז, אן אנדער טייל איז אָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער „סאַקסאָניא“. צווישען די וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צו אונז, האָבען זיך געפונען אזעלכע וואָס זיינען געקומען פון די דייטשע קאָלאָניעס אין אפריקא און וועלכע זיינען אויף׳ן מיטען וועג געפאַנגען געוואָרן פון די ענגלענדער.

די ניי־אָנגעקומענע זיינען נאַטירליך געווען פּאַטריאָטיש ביז אויף׳ן ביין, און אסך פון זיי האָבען געטראָגען שוואַרץ־ווייס־רויטע צייכענס אין לאַץ, אזוי ווי די גיבראַלטאַר־לייט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו אונז אויף׳ן שיף. אָבער צווישען די דאָזיגע און די „קאַנאַדא“־לייט איז געווען א גרויסער אונטערשיד, וואָס האָט זיך יעדען איינעם געמוזט וואַרפען אין די אויגען ביים ערשטען בליק. די גיבראַלטאַר־לייט זיינען געווען הייסע פּאַטריאָטען, און זייער פּאַטריאָטיזם האָט צייטענוויין אָנגענומען מערקווירדיגע פאָרמען. אָבער עס האָט צווישען זיי עקזיסטירט א שטאַרק אויסגעפּרעגט געפיהל פון צוזאַמענגעהעריגקייט, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר די קלאַסען־אונטערשידען. ס׳איז אמת, אז א טייל פון זיי האָט זיך באַלד נאָך זייער אָנקומען אָנגעשלאָסען אָן די „זעקס־און־זעקס־מענער“. דאָס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען אין זיך געליטען דערפון וואָס עס איז זיי אויסגעקומען צו פיהרען א

געמיינשאפטליכען צוזאמענלעבען מיט דער פּראָלעטארישער מער־הייט, און אזוי גיך ווי זיי האָבען נאָר געקריגען א געלעגענהייט, האָבען זיי געמאַכט א סוף דערצו. אָבער דאָס איז בלויז געווען א פארהעלטניסמעסיג קליינע מינדערהייט, און איך האָב גאנץ אָפט געהאט א געלעגענהייט צו באמערקען, ווי אינטעליגענטען און הערין פון די אזויגערופענע „בעסערע שטאַנדען“, צווישען אָט די גיבראַל־טאַר־לייט, פלעגען פארברענגען פריינדשאפטליך מיט איינפאַכע ארבייטער און האָבען זיך שטענדיג געהאלטען ווי חברים מיט זיי. פיעלע פון זיי פלעגען מיט די שטאַרקסטע ווערטער פארדאמען די האַנדלונג פון די בּאַראָנען און פלעגען עס ערקלערען פאר אן עפענט־ליכען סקאַנדאַל, וואָס די דאָזיגע און זייערע אָנהענגער צאָהלען נאָך די ענגלענדער פאר זייער ארויסגעצוואונגענער אינטערנירונג. דאָס מערקווירדיגע דערביי איז, וואָס זיי האָבען דעם קאַיוטען־שווינדעל פארדאמט פון זייער שטאַנדפּונקט אלס דייטשע פּאַטריאָטען און פלעגען זאָגען ביי יעדער געלעגענהייט, אז די האַנדלונג פון אונזערע פּריווילעגירטע אויף'ן שיף איז „אומווירדיג פאר דייטשע מענער“.

פון אזא סאָרט דענקען האָבען די פיהרענדע גייסטער צווישען די „קאנאדא“־לייט ניט אָנגעהויבען צו וויסען. זיי זיינען טאַקע גע־ווען גרויסע פּאַטריאָטען פאר גאָט און אויך פאר לייטען, און אזוי לאַנג ווי זיי האָבען נאָר ניט געזעהן קיין געפאהר פאר זיך, האָבען זיי עפענטליך פּאַראַדירט מיט זייערע נאַציאָנאַלע געפיהלען. אָבער זיי האָבען זיך שטענדיג געגעבען די גרעסטע מיה צו ווייזען דעם „געזעלשאפטליכען אָפּשטאַנד“ צווישען זיך און דעם „דורכשניט“ פון זייערע אינטערנירטע לאַנדסלייט. ווי פאר אזויפיעל פון אונ־זערע גוטע פּאַטריאָטען איז פאר זיי די נאַציאָן געווען איינפאַך אן אבסטראַקטער באַגריף, אָבער אזוי גיך ווי דאָס דאָזיגע אבסט־ראַקטע וועזען האָט זיך אויפגעלייזט אין זיינע איינצעלנע באַ־שטאַנדטיילען, האָט זיך זייער „ליעבע צום פּאַטערלאַנד“ אין באַצוג צום איינצעלנעם שטענדיג פארוואַנדעלט אין א ליעבע פון ווייטען.

גלייך ווי אָט די הערין זיינען אָנגעקומען צו אונז אויף'ן שיף, האָט זיך זייער פּאַטריאָטיזם ארויסגעוויזען אין זיין שענסטער

בליהונג. פון די דריי הונדערט קאמעראדען, וועלכע זיינען ארוי־
בערגעפיהרט געווארן אויף דער „אייל־אף־מען“, זיינען די מעהרס־
טע געווען איינגעקווארטירט אין די צוויי גרויסע שלאפ־זאלען.
ס'האט דערום ניט געקאנט זיין אנדערש, נאר אז די מעהרצאהל
פון די „קאנאדא“־לייט זאלען קריגען פלעצער צום שלאפען אין אט
די צוויי זאלען. נו, קאן מען אויף קיין פאל ניט באשטרייטען, אז
א געמיינשאפטליך צוזאמענלעבען אין די אומבאקוועמליך איינגע־
ארדענטע גרויסע שלאפ־זאלען איז געווים ניט געווען קיין פארגע־
ניגען. אבער אזוי ווי עס איז קיין אנדער פלאץ ניט געווען פאר
אלעמען און מען האט אויך פון די וואס זיינען געשלאפען אין די
קאיוטעס (עס איז דא די רייד וועגען די קאיוטעס פון דריטען קלאס,
וואס זייערע איינוואוינער האבען ניט געדארפט צאהלען קיין דירה־
געלד דער ענגלישער מיליטער־פארוואלטונג) ניט געקאנט פארלאנ־
גען, אז זיי זאלען אפטרעטען זייערע פלעצער צו די נייע־אנגעקו־
מענע, וואלט זיך יעדער האלבוועגס פארנינפטיגער מענש געמוזט
זאגען, אז עס איז קיין אנדער ברירה ניטא, מען מוז אונטער די
אומשטענדען אננעמען פאר ליעב די באדינגונגען, וועלכע לאזען זיך
ניט ענדערן.

אבער די גרויסע הערען פון דער „קאנאדא“ האבען פון אזעל־
כע פארנינפטיגע גרינדען ניט געוואלט וויסען. זיי האבען זיך גע־
וועהרט מיט הענט און מיט פיס געגען דעם און האבען אין פולען
ערנסט געפאדערט, אז מען זאל זיי אפגעבען א טייל פון די קאיוטעס
און די לייט, וועלכע זיינען דארט געווען איינגעקווארטירט, זאלען
קריגען א באפעהל זיך אריבערצוקלייבען אין די גרויסע שלאפ־
זאלען. איינער פון די הערען, וועלכער האט זיך געקרימט מעהר
פון אלע אנדערע, א געוויסער ב., איז געווארן אויסער זיך, ווען מען
האט איהם אנגעוויזען א פלאץ אין'ם זאל פון די 103 בעטען, און
ער האט געהאלטען אין איין שרייען: „איך בין א רעזערוו־אפיציר.
מען קאן אוממעגליך פארלאנגען פון מיר, איך זאל שלאפען דא
צוזאמען מיט אט דעם מיש־מאש!“ אנדערע האבען ערקלערט:
„מיר זיינען אקאדעמיש געבילדעטע לייט. מען מוז אונז וועניגס־

טענס געבען א געלעגענהייט צו וואוינען צוזאמען מיט אונזער גליי־כען."

אויף די ענגלישע סאָלדאטען האָבען אָט די צערעמאָניעס, פאר־שטעהט זיך, ניט געמאכט קיין שום איינדרוק. נו, האָבען זיך די פיינע לייט א לאָז געטאָן צו די דייטשע ליניע־קאַפּיטאַנען, כדי צו ווירקען אויף זיי, אז זיי זאָלען זיי העלפען דורכפיהרען זייערע אומפארשעמטקייטען. אייניגע פון די לעצטע האָבען זיך אויך גע־לאָזט באַנוצען פאר אָט דער טרויעריגער ראָלע און האָבען געזוכט איבערצורעדען מענשען פון זייערע ליניעס פרייוויליג אָפּצוטרעטען זייערע פּלעצער אין די קאָיוטעס צו די „רעזערוו־אָפיצירען" און „אקאדעמיקער". ווי אומגלויבליך דאָס זאָל ניט קלינגען, אָבער עס האָבען זיך ווירקליך געפונען עטליכע טוץ קנעכטישע נשמות, וועל־כע האָבען אָפּגעגעבען זייערע שלאָף־פּלעצער צו אָט די אויפגעבלאָ־זענע און גאוה'דיגע שוטים, אָהן דעם אז די דאָזיגע זאָלען זיי אפילו זאָגען א דאנק דערפאר. אָבער דאָס שענסטע איז ערשט געקומען. ווען אָט די איידעלע פארטרעטער פון'ם דייטשטום האָבען זיך דער־וואוסט, אז דער באראָן פאָן נ. איז א שטיקעל שמעלקע ביים אדיור־טאַנט, האָבען זיי זיך אויף מאָרגען גלייך געווענדעט צו יענעם פּריי־ווילעגירטען הערר, כדי זיך מיט איהם אָן עצה צו האַלטען. דער רעזולטאט פון דער דאָזיגער שתדלנות־קאָנפערענץ איז געקומען שנעלער ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען. נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט די מיליטער־פאַרוואַלטונג געלאָזט וויסען די געפאַנגענע, אז פון איצט און ווייטער וועט מען דארפען צאָהלען דירה־געלד פאר אלע קאָיוטעס אָהן אויסנאם, און אז די יעניגע, וועלכע זיינען צו־ליעב דער אָדער יענער אורזאך ניט אימשטאַנד דערצו, מוזען זיך אריבערקלייבען אין די גרויסע שלאָף־זאַלען.

ווען אָט דער באַפעהל איז באקאַנט געוואָרען, איז ענטשטאַנען אן אומבאשרייבליכע אויפרעגונג צווישען די געפאַנגענע. יעדער איינער האָט געוואוסט, ווער עס זיינען געווען די אייגענטליכע פאר־אורזאכער פון דער דאָזיגער אומפארשעמטער גזרה. דאס זיינען געווען דייטשען, און דערצו נאָך גוטע דייטשע פּאַטריאָטען, וועלכע

האבען די ענגלענדער ארייגעשושקעט אט די אומווירדיגע אידעע, כדי צו קאנען קריגען געוויסע פערזענליכע פארטיילען אויף'ן חשבון פון זייערע „מינדערווערטיגע“ לאנדסלייט—און צו די מינדערווערטיגע, לויט דער אויפפאסונג פון אט די טרויעריגע חברה לייט, געהערט יעדער איינער וואס האט זיך ניט ארויפגעארבייט ווייניגסטענס צו דעם טשין פון א רעזערוו־לייטענאנט.

שוין אויף מארגען זיינען די ליניע־קאפיטאנען ארומגעגאנגען מיט ליסטען, כדי אויפצונעמען די נעמען פון די וואס זיינען געווען גרייט צו צאהלען דירה־געלד פאר'ן וואוינען אין די קאיוטעס. ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען א שילינג א וואך, אבער די מעהסטע פון מיינע דאמאלסדיגע לײדענס־חברים זיינען ניט אימשטאנד געווען דאס צו צאהלען, ווען זיי וואלטען עס אפילו געוואלט טאן. אסך פון די געפאנגענע האבען זיך אהן ווידערשטאנד אונטערווארפען דעם נייעם באפעהל און האבען זיך אריבערגעקליבען אין די גרויסע שלאף־זאלען. אנדערע, וועלכע זיינען געווען זעהר שטארק פארביטערט, האבען ניט פארלאזען זייערע קאיוטעס פרייווויליג, און מען האט געמוזט רופען ענגלישע סאלדאטען צו הילף, כדי זיי פון דארט ארויסצוטרייבען. און בעת די ענגלישע סאלדאטען האבען קענטיג מיט עקעל דורכגעפיהרט דעם באפעהל און די ארעמע טייוואלים ארויסגעשטופט פון זייערע קאיוטעס, זיינען די אזויגערופענע „געבילדעטע העררן“ געשטאנען מיט זייערע זאכען ביי די אפענע טירען, גרייט צו פארנעמען די פריי־געווארענע פלעצער, און זיי האבען מיט א שפאטישען שמייכעל געקוקט אויף אט דער עקעלהאפטער סצענע. ס'איז געווען אן אומווירדיג און שרעקליך בילד. אז איך ווער נאך איצט רויט פאר שאנד, ווען איך שרייב אט די צײלען. איך גלויב, אז אזעלכע זאכען זיינען נאר מעגליך צווישען דייטשען. זאגאר די ענגלישע סאלדאטען זיינען געווען אויפגעבראכט איבער די דאזיגע סצענעס, און איינער פון זיי — ס'איז געווען דער „קווארטערמאסטער־סארדזשענט“ — האט שפעטער געזאגט צו קארל'ן: „ענגלענדער וואלטען זיך ניט געלאזט אזוי ערנידעריגען.“ — ער איז גערעכט געווען.

יעדענפאַלס זיינען געווען היבשע עטליכע צווישען די געפאַנ־געגע, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען מיט א שטאַרקען ווידערשטאַנד אַנטקעגען אָט דעם ברוטאַלען געוואַלט־אַקט. עס איז געקומען צו סצענעס, וועלכע האָבען געשמעקט מיט אויפשטאַנד און וועלכע האָ־בען מעהר ווי איינעם פון די נייע „אומגעבעטענע געסט" געצוואונ־גען אויפצוגעבען זיין וואונש, ווייל ער האָט זיך פשוט דערשראָקען. א געוויסער פאַפענבערג, א בראַווער און עהרליכער מאַן, וועלכער האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסען אָן אונזער קרייז, האָט פאַרטיידיגט זיין פּלאַץ אין איינער פון די קאַיוטעס אויף'ן פאָדערשטען פאַרדעק מיט אזא ענערגיע און האָט די העררן, וועלכע האָבען זיך געוואָלט דאָרט אריינצוּיהען, געשליידערט אזעלכע ביטערע אמת'ן אין גע־זיכט, אַז זיי האָבען באַשלאָסען ניט צו רופען די הילף פון די סאָל־דאַטען, און זיי זיינען אוועק פון דאָרט צוטומעלטע.

ווי עס זעהט אויס, האָט דער אדיוטאַנט, וועלכער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער אומגעהייערער אויפרעגונג צווישען די גע־פאַנגענע, ענדליך אליין איינגעזעהן, אז ער האָט געמאַכט א פאַלשען שריט מיט דעם וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו די געהיימע עצות פון דער פּריווילעגירטער חברה. און אפשר האָט ער אויך געקרי־גען א וואונק פון דעם קאָמאַנדיר. הקיצור, ער האָט זיך באַנוגענט דערמיט וואָס מען האָט אַרויסגעטריבען די מענשען פון די קאַיו־טעס אויף'ן פאָדערשטען פאַרדעק און האָט ניט געמאַכט קיין פאַר־זוך צו טאָן דאָזעלביגע אויף דעם הינטערשטען פאַרדעק. אויף אזא'ן אופן זיינען מיר, וואָס מיר זיינען געווען איינגעקוואַרטירט אויף'ן הינטערשטען טייל פון שיף, אויסגעהיט געוואָרן פון אזא נסיון פון אונזער געדולד. על כל פנים וואָלט די זאַך אין אונזער געגענד צוגעגאַנגען אביסעל שווערער, וואָרים מיר האָבען דאָ גע־האַט א גוטע קאָמפּאַניע, און מיט אונזערע מאַטראַזען איז אין אזעלכע זאַכען ניט געווען צו שפּאַסען. ס'איז אמת, אז אויך מיר וואָלטען ניט געווען אימשטאַנד זיך צו שטעלען געגען דער מיליטע־רישער געוואַלט, אָבער וועניגסטענס וואָלטען מיר די פיינע לייט

פון דער „קאנאדאַ“ אויפגעשפילט א טאַנץ, וואָס זיי וואָלטען לאַנג, לאַנג געהאַט צו געדענקען.

די אלגעמיינע אויפרעגונג צווישען די געפאנגענע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען נאָך דעם אָנקומען פון די „קאנאדאַ“־לייט, איז דורך דער ברוטאַלער ארויסטרייבונג פון די קאָיוטעס געשטיגען ביז דער העכסטער שטופע, אזוי אז אָט די בכבוד׳יגע לייט האָבען עס דאָך געפונען פאר ראַטזאַם צוליעב דער דאָזיגער פיינדליכער שטימונג אָנצובויגען אביסעל דעם קאָפּ און זיך מאַכען אזוי אומבאמערק־באר ווי נאָר מעגליך. בלויז איניגע פון זיי, ביי וועמען די פוסטע גאווה האָט פשוט אָנגענומען קראַנקהאפטע פאָרמען, האָבען נאָך איצט אויך געזוכט צו פּאַראַדירען מיט זייער נאַרישען שטאָלץ. אין דער הינזיכט האָט זיך אויף א באַזונדערן אופן געוואָרפען אין די אויגען יענער הערר ב., פון וועמען ס׳איז שוין פריהער גערעדט גע־וואָרן. אָט דער מאָדנער בחור, מיט וועמען די נאַטור איז קענטיג ניט געווען אזוי פריגיביג און האָט איהם באהאַנדעלט מעשה שטיפ־מאַמע ביים ארויסברענגען פון זיינע גייסטעס־פעהיגקייטען, פלעגט זיך אזוי שטארק איבערנעמען מיט זיין ווירדע אלס פּרייסישער רעזערוו־לייטענאַנט, אז מען האָט זיך אָפט געמוזט פרעגען, צי איז ער ביים זינען. ביי יעדער געלעגענהייט, צי ס׳האָט זיך געפּאַסט צי ניט, האָט ער געהאַלטען אין איין ארויסשטעלען זיין ראַנג, און ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן איהם, וואָלט יעדער פון אונז מינדעסטענס געמוזט שטעהן פאר איהם ווי א מושטירטער סאָל־דאַט.

אזוי ווי הערר ב. איז איינפאַך ניט געווען אין דער אנגענעמער לאַגע צו קאָנען עסען אין דעם סאַלאָן פון די „זעקס־און־זעקס־מענער“, האָט ער קיין אנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט האָבען זיינע מאָהלצייטען איניאיינעם מיט דער גרויסער מעהרהייט פון די געפאַנגענע אין גרויסען עסס־זאַל. נו, איז אין די צוויי געמיינ־שאַפטליכע עסס־זאַלען געווען א באַזונדער רעגעל, וואָס די געפאַנ־גענע האָבען זיך אליין געהאַט אויסגעארבייט. יעדער איינער האָט געהאַט זיין פּלאַץ ביי א באַשטימטען טיש. אזוי ווי דאָס עסען

פאר יעדען טיש האָט געמוזט גענומען ווערן פון די געפאנגענע אליין אין קיך און נאָכדעם ווי די מאָהלצייט איז געווען צו ענד האָבען זיי אליין געמוזט אפוואשען דאָס געשיר, האָט מען איינגעפיהרט, אז יעדען טאָג נאָך דער רייה נאָך זאָלען צוויי מענשען פון יעדען טיש טאָן די דאָזיגע ארבייט. אין פאַל אז איינער האָט געוואָלט זיין פריי דערפון, האָט ער בלויז געדארפט צושטעלען אן אנדערן אויף זיין פלאץ, וואָרים עס זיינען געווען גענוג אָרעמע מענשען צווישען אונז, וועלכע האָבען ניט געהאט קיין גראָשען ביי דער נשמה און זיינען גערן געווען צו פארדינען עטליכע פענים.

אז עס איז אלזאָ געקומען די רייה צו דעם הערר ב., און ער צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע טיש־חברים האָבען געזאָלט טאָן די ארבייט, איז איהם שיער דער אָטעם פארגאנגען, הערענדיג וואָס מען פארלאַנגט פון איהם. דאָן האָט ער זיך אויפגשטעלט אין זיין גאַנצער הויך און מיט א פאָנפעוואטער שטימע ערקלערט, אז ער איז א רעזערוו־אָפיציר און דערפאר מוז ער באפרייט ווערן פון דער דאָזיגער ארבייט, וועלכע פאסט זיך ניט פאר איהם. צו זיין גרויסער ערשטוינונג האָבען אבער זיינע טיש־חברים אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אָננעמען אזאָ אויפפאסונג. זיי האָבען איהם גאַנץ איינפאך און קלאָר ערקלערט, אז אָדער ער דארף ווי אלע אנדערע אליין געהן אין קיך, אדער ער מוז שטעלען אן אנדער מאַן אויף זיין פלאץ. אזוי ווי דער איידעלער הערר איז ניט געווען גרייט צו קיינער פון די צוויי זאכען און ער האָט נאָך דערצו זיינע שכנים באליידיגט אויף א געמיינעם אופן, איז געוואָרן א גרויסער טומעל און ס'איז שיער ניט געקומען צו קלעפּ. צוקאָכט און מורא'דיג אויפגעבראכט האָט זיך הערר ב. א לאָז געטאָן צו דעם „סאלון־קעפּטען", וועמעס אויפגאבע ס'איז געווען צו זאָרגען פאר דער אָרד־נונג און ריינליכקייט אין עסס־זאַל, צו קאָנטראָלירען דאָס ארויס־געבען פון'ם עסען א. א. וו., כדי זיך פאר איהם צו באקלאָגען וועגען דעם „אומרעכט" וואָס מען האָט געוואָלט געגען איהם באגעהן.

„סאלון־קעפּטען" איז אָבער אין יענער צייט ניט געווען קיין אנדערער, נאָר אונזער קארל'טשיק. ווען הערר ב. איז אלזאָ ערשי־

נען פאר איהם, אנגעלאדען ווי א קאנאן, צו פראטעסטירען געגען די כלומר'שטע באליידיגונגען, וועלכע מען האט איהם אנגעטאן, און דאן האט ער נאך געפאדערט פון איהם, אז ער זאל איהם באפרייען פון דער אזויגערופענער טיש־ארבייט, ווייל ער איז א רעזערוו־אפיציר. האט איהם קארל'טשיק א היבשע ווילע אפגעמאסטען פון קאפ ביז די פיס, און דערביי האט זיך אויף זיינע ליפען באוויזען יענער כאראקטעריסטישער העזה'דיגער שמייכעל, וואס איז געווען ביי איהם א געוועהנליכע ערשיינונג אין אזעלכע מאמענטען. דערנאך האט ער גאנץ רוהיג געזאגט:

„רעזערוו־אפיציר? א, דאס איז גארנישט. איך בין סאלון־קעפטען."

אזא גרינגשאצונג פון זיין פערזאן, דערצו נאך פאר אזויפיעל מענשען אין די אויגען, איז דעם הערר ב. ווייזט אויס, קיינמאל פריהער ניט פארגעקומען. אין אנפאנג איז ער געבליבען שטעהן א צומישטער און האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהם איז געשעהן. דאן איז ער געווארן מלא רציחה און גענומען ווי געוועהנליך שרייען און ליארעמען. אבער דאס מאל האט ער ניט געטראפען דעם ארט, וואָרים קארל'טשיק איז אין די זאכען געווען אסך א גרעסערע בריה ווי ער. „איך מאך זיך א גאנץ קנאפען צימעס, ווער און וואס איהר זיינט," האט ער זיך צושריען אויף דעם שטאלצען בחור. „פאר מיר זיינט איהר א גאנץ געוועהנליכער קריגס־געפאנגענער, פונקט ווי איך און אלע אנדערע דא; דערפאר וועט מען דא פאר אייך קיין באזונדערע פאטראוועס ניט מאכען." — אפגערעדט און אוועק זיין וועג.

הערר ב. האט פלוצלינג פארלארן דאס לשון. דאס איז ווירקליך געווען צופיעל פאר איהם. ער האט א פאר מאל אפגעכאפט דעם אטעם, געשאקעלט מיט'ן קאפ און דאן האט ער זיך לאנגזאם צו־ריקגעקערט צו זיין טיש — א געבראכענער מאן. ער האט זיך שוין מעהר ניט געשטעלט געגען דעם פארלאנג פון זיינע טיש־חברים. ער האט ערקלערט, אז ער איז גרייט צו באצאהלען איינעם פון די געפאנגענע צו פארנעמען זיין פלאץ און טאן די ארבייט פאר איהם,

און ער איז איבערהויפּט געווען צופרידען, אז מען האָט איהם מעהר ניט געטשעפּעט. אין עטליכע טעג ארום איז ער פּלוצים פאַר־שוואונדען פון אונזער קרייז. ס'איז איהם ווי עס איז דאָך געלונ־גען זיך ארייצוּמאכען אין דעם סאלאָן פון די „זעקס־און־זעקס־מענער", וואו ער איז געווען פארזיכערט און האָט מעהר ניט גע־דארפט מורא האָבען פאר די „חוצפה'דיגע אויפּטריטען פון'ם פּראָס־טען פאָלק".

צווישען די ניי־אָנגעקומענע האָבען זיך פונדעסטוועגען געפונ־נען ניט בלויז אזעלכע מענשען ווי יענער אָנגעבלאָזענער נאַר, ביי וועמען זיין כלומר'שטער אָדער ווירקליכער „ראַנג" האָט איהם צו־דרעהט דעם מוח. מיר האָבען אויך געהאט דאָס פארגעניגען צו קאָנען באגריסען צווישען די נייע אַן אָנצאָהל פון אלטע באקאנטע פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג פון לאָנדאָן, צווישען זיי אונ־זער פריינד פּאָלער פון דער ערשטער סעקציע פון'ם „קאָמוניסטי־שען ארבייטער בילדונגס־פאראיין" און עטליכע געוועזענע מיטגלי־דער פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראטישען קלוב אין 107 טשארלאָט סטריט. דורך דעם דאָזיגען אומערווארטעטען צואוואקס איז אונ־זער פּאָזיציע געגענאיבער די פּאטריאָטען געוואָרען באדייטענד פאר־שטאַרקט. דערצו איז נאָך געקומען די אלגעמיינע עמפּערונג, וואָס די ברוטאלע האנדלונגען פון די פיהרענדע גייסטער צווישען די „קאנאדא"־לייט און באזונדערס די ארויסטרייבונג פון די קאיוטעס האָבען ארויסגערופען ביי דער גרויסער מעהרהייט פון מיינע ליי־דענס־חברים. מיר האָבען אלזא געהאט די בעסטע און דאנקבאר־סטע געלעגענהייט צו ארבייטען פאר אונזערע פרייהייטליכע בא־שטרעבונגען און מיר האָבען געפּרואווט אויף אלערליי אופנים צו פארשפּרייטען אונזערע אידעען.

איך האָב אין יענער צייט געהאלטען א גאנצע רייה פון פאָר־טראָגען איבער סאָציאליזם, וועלכע האָבען געפונען א שטארקען אָפּקלאַנג און געגעבען א געלעגענהייט צו הייסע און זעהר אינטע־רעסאנטע דיסקוסיעס און ערקלערונגען. צוערשט האָב איך פאר מיינע צוהערער ענטוויקעלט די אלגעמיינע גרונדצוגען פון די סאָ־

ציאליסטישע טעאריעס אין געגענזאץ צו דער היינטיגער געזעלשאפט און איהרע עקאנאמישע, פאליטישע און אלגעמיינע קולטורעלע אינסטיטוציעס. דערנאך האב איך זיך אפגעשטעלט ברייטער אויף די פארשידענע ריכטונגען אין דער אלגעמיינער סאציאליסטישער באוועגונג, און צולעצט האב איך מיט א באזונדער באטאנונג צוגלידערט און ערקלערט די אידעען און מעטאדען פון'ם פרייהייטליכען אדער אנארכיסטישען סאציאליזם.

דורך דער פארמיטלונג פון מיינע לאנדאנער פריינט האט זיך מיר איינגעגעבען אריבערצוברענגען אויף'ן שיף א היבש ביסעל צו־געפאסטע אגיטאציע־שריפטען פון קראפאטקין, מאלאטעסטא, רעקליו און אנדערע אין דער דייטשער און ענגלישער שפראך, וועלכע האבען אונז שטארק געהאלפען אין אונזער אויפקלערענדער טעטיגקייט צווישען אונזערע דאמאלסדיגע קאמעראדען. אבער ניט בלויז בראשורען האבען מיר באצויגען פון לאנדאן, נאר אויך א היבשע צאהל פון וויכטיגע ווערק, ווי קראפאטקין'ס „געגענזייטיגע הילף“, „פעלדער, פאבריקען און ווארקשאפס“, „ברויט און פרייהייט“ און זיין פרעכטיג בוך איבער דער פראנצויזישער רעוואלוציע. די דאזיגע ביכער זיינען הויפטזעכליך געווען באשטימט פאר יענע, וועלכע האבען געוואלט טיפער אריינדרינגען אין דער געדאנקען־וועלט פון'ם אנארכיסטישען סאציאליזם. אזוי ווי מיר זיינען געווען אימשטאנד אפצוגעבען אט די ווערק פאר א זעהר קליינעם פרייז, האבען זיי געפונען אן אויסערגעווענליך גוטע פארשפרייטונג. אזוי האב איך אין פארלויף פון די זעקס מאנאט, וואס איך בין געווען אינטערנירט אויף'ן „ראיאל עדווארד“, פארקויפט זיבעציג עקזעמפלארען פון דער „געגענזייטיגער הילף“, און איך וואלט געקאנט אפזעצען וועניגסטענס הונדערט דערפון ווען מיינע פריינט אין לאנדאן וואלטען געקאנט קריגען נאך מעהר עקזעמפלארען פון דער דייטשער פאלקס־אויסגאבע פון דעם דאזיגען בוך. אבער די האט מען שוין מעהר ניט געקאנט קריגען אין גאנץ ענגלאנד, אזוי אז מיר האבען זיך צולעצט געמוזט באנוגענען בלויז מיט דער ענגלישער אויסגאבע.

אין דרעזדענער צייט האָבען מיר געגרינדעט א קליינע ביבליאָ־טעק, אזוי אז יעדער איינער, וואָס איז ניט געווען אימשטאנד צו קויפען אַט די ביכער, האָט זיי פונדעסטוועגען געקאָנט לייענען אָהן וואָס פאר עס איז געצאָהלט. מיר האָבען אָנגעפיהרט אונזער פּראָ־פּאַגאנדאַ גאנץ עפענטליך, און הגם אונזערע פאַרזאַמלונגען זיינען נאָך אלץ אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין געהיים, האָט מען איבעראַל אויף'ן גאנצען שיף געוואוסט דערפון, אזוי אז מיר האָבען זיך יעדען טאָג געדאַרפט ריכטען אויף אן איבעראַשונג. בעת וועו אין דער ערשטער צייט זיינען צו אונזערע פאַרזאַמלונגען כמעט אויסשליס־ליך געקומען מענשען פון'ם ארבייטער־שטאַנד, האָט זיך שפּעטער אויך געפונען א גאנץ היבשע צאָהל פון מענער פון אנדערע געזעל־שאַפטס־קלאַסען, וועלכע האָבען רעגעלמעסיג באזוכט די צוזאַמענ־קונפטען און נאָכגעפאָלגט די פאָרטראָגען מיט דעם געשפּאַנטסטען אינטערעס. איינער פון זיי, דער רעקטאָר פון א העברעאָן ערצי־הונגס־אינסטיטוט אין א גרעסערער שטאָדט פון נאָרד־דייטשלאנד, האָט אזוי אויך גערן געזוכט צו פארברענגען מיט מיר און האָט מיר געהאַלטען אין איין ערקלערן, אז קראָפּאָטקין'ס „געגענזייטיגע הילף" האָט געווירקט אויף איהם ווי א נייע אנטפּלעקונג. „פון איצט אָן זעה איך די מענשליכע ענטוויקלונג אין א גאנץ אנדער ליכט," האָט ער מיר אמאָל געזאָגט. „עס קומט מיר פאָר, אזוי ווי א גאנץ נייע וועלט וואָלט זיך פּלוצלינג פאר מיר געעפענט. און צום ערשטען מאָל פיהל איך, אז אונזער גאנצער אָפיציעלער ערציהונגס־סיסטעם איז א פאַרברעכען געגען אונזער יוגענד."

אויב עס איז אונז געלונגען אויף אזא'ן אופן אריינצודרינגען מיט אונזערע אידעען אויך אין אזעלכע קרייזען, וועלכע נעמען בכלל ניט אזוי לייכט אויף סאָציאַליסטישע שטרעבונגען, אלצאיינס פון וואָס פאר א ריכטונג זיי זאָלען ניט קומען, האָט אָבער אונזער טעטיגקייט אויף א מורא'דיגען אופן אויפגעבראַכט די גרויסע מעהרהייט פון די פריווילעגירטע אויף'ן שיף. די איידעלע הערען, וועלכע האָבען ביי יעדער געלעגענהייט פּשוט געטראָטען מיט די פיס די אינטערעסען פון זייערע אָרעמע לאנדסלייט, און וואָס די

מעהרסטע פון זיי וואָלטען אָהן א שום ישוב הדעת אוועקגעשיקט צום טייוועל אלע זייערע כלומר'שטע „פּאַטריאָטישע געפיהלען". ווען זיי קאָנען זיך נאר דורכדעם פארשפאָרען א האָרעלע פערזענ־ליכע אומבאקוועמליכקייט, דיזעלביגע העררן האָבען געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אונז פאַטערלאַנד־לאָזע חברה־לייט, ווען „די ערנסטקייט פון דער צייט אפילו קאָן ניט אָפּהאַלטען פון אונזערע שלעכטע מעשים".

אין זייער נויט האָבען זיי זיך געווענדעט צו דעם פּאַסטאָר, וועלכער פלעגט קומען אלע פערצעהן טעג צו אונז אויף'ן שיף, כדי צו האַלטען וואָס פאַר עס איז דרשה פאַר זיין ניט צו גרויסער געמיינדע אין דעם קליינעם עסס־זאַל. דער דאָזיגער פּאַסטאָר האָט טאַקע גלייך דערפילט דעם וואונש פון די פּריווילעגירטע העררן און געוואָרנט זיינע גלויביגע צוהערער געגען די פאַרפיהרערישע לעה־רען פון די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען אזוי פאַרבלענדעט, — האָט ער געזאָגט — אז זיי פּרעדיגען אן אלגעמיינע צוטיילונג פון די פאַרמעגענס, וואָס מוז דאָך סוף כל סוף פיהרען דערצו, אז די טוי־געניכטסען זאָלען פארשווענדען זייער האָב און גוטס, אזוי אז מען וואָלט אין א קורצער צייט ארום פון דאָס ניי זיך געמוזט נעמען צום טיילען. אפילו א קינד קאָן באגרייפען, אז אזא פאַרריקטע האַנדלונג קאָן ניט פיהרען צו קיין שום גוטס, האָט ערקלערט דער קלוגער מאַן, וועלכער האָט יעדענפאַלס ניט געהאַט קיין קענטנישען צו באגרינדען זיינע מאָדנע אויפפאסונגען.

איין זאַך איז זיכער, אז אָט די פּאַסטאָרישע חכמה איז ניט געווען אימשטאַנד אויף וואָס עס איז אופן אָפּצוברעכען אונזער טעטיגקייט. אין געגענטייל, דער פרומער מאַן האָט אונז מיט זיין דרשה געטאָן א גרעסערע טובה, ווי ער האָט זיך אליין געקאָנט פאָרשטעלען. אָבער אונזער רויך־קאַיוטע איז פון איצט אָן געווען פארשריען אלס די „קרעטשמע פון די רויטע", און מעהר ווי איינעם פון די „בעסערע הערן" האָט געמוזט אריבערגעהן א לייכטער שוידער איבער'ן לייב, ווען ער פלעגט אין אָוועגט הערען פון דאָרט

אפּקלינגען יאָהאַן מאָסט'ס „פּראָלעטאַריער־ליעד“ אָדער געאָרג הערוועג'ס „בעט און ארבייט, רופט די וועלט“.

דעם 24טען מערץ נאָכמיטאָג האָב איך פון לאָנדאָן באַקומען ניט ווינציגער ווי פערצעהן טעלעגראַמעס. דאָס זיינען געווען באַגריסונגען און גליק־וואונשען פון אַנאַרכיסטישע גרופּעס און ארבייטער אָרגאַניזאַציעס צו מיין געבורטס־טאָג, וועלכען איך האָב געזאָלט אויף מאָרגען פייערן. דאָס אָנקומען פון אַזויפיעל טעלעגראַמעס צו א געפאַנגענעם האָט געמוזט אויסקוקען זעהר מאָדנע פאַר די העררן פון דער מיליטער־פאַרוואַלטונג. דער צענזאָר האָט צוערשט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל מיט מיר טאָן, אָבער ענדליך האָט ער דאָך באַשלאָסען מיר איבערצוגעבען די טעלעגראַמעס. ער האָט זיי מיר צוגעשיקט דורך א סאָלדאַט אין דער רויך־קאַיוטע צוזאַמען מיט א פּאָר שורות, אין וועלכע ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל לאָזען וויסען מיינע פריינט דרויסען, אז זיי זאָלען אין דער צוקונפט ניט טאָן קיין צופיעל גוטס, ווייל אויב ניט, וועט ער זיין געצוואונגען אָנצונעמען מיטלען געגען דעם.

אז איך בין אויף מאָרגען אין דערפריה נאָך'ן אָנבייסען צוריק אריין אין מיין קאַיוטע, האָב איך זי געפונען יום־טוב'דיג אויסגעפּוצט. אויף מיין בעט איז געלעגען א גאַנצע רייה פון קליינע געשאַנקען און דערביי א קאַרטעל מיט דער אויפשריפט: „אונזער ליעבען ראָקער צום געבורטס־טאָג! זיינע דאַנקבארע צוהערער.“ דאָס איז ווירקליך געווען אן איבעראַשונג. ס'איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן ווי אַזוי דאָס איז געקומען. עטליכע פון מיינע קאַמעראַדען האָבען זיך דורך די טעלעגראַמעס געמוזט דערוויסען, אז היינט איז געווען מיין געבורטס־טאָג, און זיי האָבען אויף שנעל באַשלאָסען, מיר צו פאַרשאַפען א קליינע פרייד.

בעת איך בין נאָך פול מיט ערשטוינונג געשטאַנען ביי מיין בעט, זיינען אין דער קאַיוטע אריינגעקומען צוויי מאַטראָזען מיט א קאָרב, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פרוכט, ציגאַרען און אַנדערע זאַכען, און האָבען מיר איבערגעגעבען די גליק־וואונשען פון די מאַטראָזען, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס צוגעבונדען צו מיר.

אין דערזעלבער צייט איז מיר איינגעפאַלען, אונטער וואָס פאַר א קלעגליכע אומשטענדען פילע פון די בראַווע לייט האָבען געמוזט לעבען דאָ אויף'ן שיף, און עס איז מיר געוואָרן שווער אנצונעמען אזא מתנה פון זיי. אָבער איך האָב אויך געפיהלט, אז איך טאָר ניט צוריקווייזען זייער געשאַנק, אויב איך וויל זיי ניט פאַרשאַפען קיין קרענקונג. איך האָב די צוויי ים־לייט פעסט געדריקט די האַנד, אָבער איך בין געוואָרן אזוי איבערוועלטיגט פון מיינע געפיהלען, אז איך האָב ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט זיי אויסצודריקען מיין דאַנק.

ווען איך בין אין א ווײַלע ארום געבליבען אליין האָב איך זיך געפיהלט אביסעל פאַרשעמט. וואָס האָב איך דען אייגענטליך געטאָן, אז איך זאָל האָבען א רעכט אויף דער טרייער איבערגעבענקייט און סימפּאַטיע פון אָט די בראַווע לייט? איך האָב ארייגעבראַכט אביסעל אָפּוועקסלונג אין דער מאָנאָטאָנקייט פון זייער לעבען אויף'ן שיף און דעם איינעם אָדער דעם אנדערן דאָ און דאָרט א קליינע טובה געטאָן. דאָס איז געווען אלעס. אָבער ניט קוקענדיג אויף מיין פאַרשעמונג האָב איך געפיהלט, ווי א גרויס, שטאַרק געפיהל פון פרייד האָט דורכגעשטראָמט דורך מיין האַרץ, און איך בין געווען שטאָלץ אויף דער פריינדשאַפט פון אָט די איינפאַכע לייט פון'ם פאָלק.

עטליכע שטונדען שפּעטער האָט מיר דער צענזאָר צוגעשיקט נאָך זיבעצעהן טעלעגראַמעס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענליכע פריינט פון לאָנדאָן. אָבער נאָכמיטאָג איז מילי מיט אונזער זיהנדעלע געקומען, כדי מיין פרייד אין יענעם טאָג פולשטענדיג צו מאַכען.ביידע זיינען געווען אזוי באַלאָדען מיט בלומען און פּעקלאַך, אז א סאָלדאַט האָט זיי געדאַרפט העלפען ארויפקלעטערן אויף די טרעפּ פון שיף. יעדער איינער פון מיינע פריינט אין לאָנדאָן האָט געוואָלט גראַד אין דעם דאָזיגען טאָג מיר ארויסווייזען א געפיהל פון ליעבשאַפט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז מיין פרוי האָט אבסאָלוט ניט געקאָנט מיטברענגען אלע מתנות, וועלכע מען האָט איהר פאַר מיר איבערגעגעבען. אויך אין אן אנ־

דער פּרט האָבען מיר געהאט גליק יענעם טאָג. דער יונגער אָפיציר, וועלכער האָט געזאָלט באוואכען אונזער געשפּרעך, האָט זיך כמעט גאָר ניט אומגעקוקט אויף אונז, אזוי אז מיר האָבען געקאָנט אומ־געשטערט רעדען איבער אַלצדינג וואָס מיר האָבען געהאט אויף׳ן הארצען. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען זיינען פאר אונז די צוואנציג מינוט אריבער דאָפּעלט שנעל. מיט א געפיהל פון טיפ־סטער באַפרידיגונג האָב איך נאָכגעקוקט דאָס שיפעל, וואָס האָט אריבערגעפיהרט מיינע ליעבע צוריק צום ברעג, ביז עס איז לאנגזאַם פארשוואונדען פון מיינע אויגען.

ביינאכט איז געווען א גרויסער יום טוב אין דער רויד־קאַיוטע. ס׳איז אמת, אז מיר האָבען ניט געהאט קיין שטארקע געטראנקען, אָבער אונזערע קעכער האָבען אונז צוגעגרייט צוויי גרויסע קעסלען מיט קאקאָ, און מיט פארבייסענס האָבען אונז די גוטע פריינט פון לאָנדאָן פארזאָרגט. צווישען די פּאַקעטען, וועלכע מיין פרוי האָט מיטגעבראכט, האָט זיך אויך געפונען א ריזיגער טאָרט, מיט א ווידמונג אין צוקער און מארציפּאַן, וואָס די אידישע בעקער־יוניאָן אין לאָנדאָן האָט מיר געשיקט. פאָטער העק האָט דעם זיסען ריעז צושניטען אין גלייכע שטיקער מיט א גרויסען מע־סער וואָס ער האָט געקראָגען אין קיך, און די שטיקער טאָרט האָבען אזוי שטאַרק אויסגענומען ביי אונזערע מאטראָזען, אז זיי האָבען מיט דונערענדע קולות אויסגעשריען א „הויך״ פאר די בראווע אי־דישע בעקער פון לאָנדאָנער איסט־ענד. אזוי האָבען מיר פאר־בראכט עטליכע שטונדען אין דער פרעהליכסטער שטימונג, ביז עס האָט געקלונגען דער סיגנאַל צו געהן שלאָפען, וואָס איז אין יענער נאכט געקומען צו פריה פאר אונז.

קאפיטעל 9

דער אָפּשיד פון׳ם „ראָיאַל עדוואַרד“

די פּראָטעסט־באַוועגונג פאַר מיין באַפרייאונג—הערר מ. ה. הויטדמאַן—א געוואַגטער פּאַרזוך צו אַנטלויפען — מען פאַר׳מסר׳ט מיך ביים קאָמאַנדיר — די הערדן פאר וויעקפיעלד פּאַרלאָזען אונז — דער ערשטער מאַי אויף׳ן שיף — דער אונטערגאַנג פון דער לוזיטאַניא — מורא׳דיגע העצריי אין דער פּרעסע — נייע געסט — צעפּעלינס איבער אונז — שוידערליכע קאַטאַסטראָפע אין שיערנעס — שווערע טעג.

אין דעם אידישען קוואַרטאַל פון לאָנדאָן האָט מען זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרוהיגען איבער מיין אינטערנירונג אלס „פיינד־ליכער אויסלענדער“. ס׳איז אמת, אז איך האָב מעהר ווי איין מאָל געלאָזט וויסען מיינע צאָהלרייכע פריינט און קאַמעראַדען אין די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אז זיי זאָלען אויפגעבען אלע ווייטערע פּאַרזוכען אויסצואווירקען מיין באַפרייאונג. דערפון אָבער האָט מען דאָרט דרויסען גאָרנישט געוואָלט הערען, און פיעלע האָבען נאָך אַלץ געהאָפט מיך באַלד ווידער צו קאָנען באַגריסען אין זייער מיט.

איבער זעכצעהן יאָהר צייט האָב איך געהאַט געלעבט צווישען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט פון איסט־ענד און בין געוועזן שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער דאָרטיגער ארבייטער־באַוועגונג. איך בין זינט לאַנגע יאָהרען געוועזן רעדאַקטאָר פון איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעהענסטע ארבייטער־צייטונגען, וועלכע זיינען געשטאַנען צו דיענסט פון׳ם אינטערנאַציאָנאַל פון פרייהייטליכען

סאָציאַליזם, און איך האָב אין פארלויף פון דער דאָזיגער צייט פּער־
זענליך אנטייל גענומען אין אלע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קעמפע
פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ענגלאַנד. דער צופאַל האָט
מיך אריינגעפיהרט אין דער דאָזיגער באוועגונג, פון וועמעס עק־
זיסטענץ איך האָב פריהער ניט געהאַט קיין שום אהנונג, און די
פארשידענסטע אומשטענדען האָבען דערצו בייגעטראָגען, אז איך
האָב אָט דער באַוועגונג אָפּגעגעבען מיינע בעסטע קרעפטען כמעט
צוויי צענדליג יאָהר נאָכאַנאַנד. מיין נאָמען איז דערום געווען אל־
געמיין באַקאַנט, און אָהן אויסצוקוקען אומבאשיידען קאָן איך זאָ־
גען, אז ער האָט געהאַט א גוטען קלאַנג צווישען דער ארבייטער־
שאַפט. עס איז דערפאר געווען לייכט פארשטענדליך, אז מיין
אַרעסט און אינטערנירונג האָט דאן ארויסגערופען א היבשען גערו־
דער, און די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון לאָנדאָנער אידישען קוואר־
טאַל האָבען אָנגעווענדעט אלע מיטלען צו ווירקען אויף דער ענגלי־
שער רעגירונג, זי זאָל מיך פריילאָזען.

דורך מיין לאַנג־יעריגער טעטיגקייט אין דער אידישער ארביי־
טער־באַוועגונג בין איך אויך פערזענליך באקאנט געוואָרן מיט א
גאַנצער רייה פון די פּראָמינענטסטע פיהרער פון דער ענגלישער
טרייד־יוניאָן־באַוועגונג און פון די פארשידענע פּאָליטישע פּארטיי־
גרופּירונגען, און הגם מיינע אנשויאונגען זיינען אויף א פילפאכען
אופן ניט געווען אין איינשטימיגקייט מיט די אידעען פון די
דאָזיגע מענער, האָבען זיי פונדעסטוועגען געוואוסט ווי אָפּצושאַצען
מיין איינפלוס אויף די ארבייטער פון׳ם איסט־ענד און באַזונדערס
מיין אומערמידליכע טעטיגקייט פאר די טרייד יוניאָנס און זיי
זיינען געשטאַנען מיט מיר אויף א דורכאוים פריינדשאפטליכען
באַזיס. יעדענפאלס מוז דאָ באמערקט ווערן, אז אין ענגלאנד ווערט
בכלל די פּערזענליכע איבערציינגונג פון א מענשען העכער אָפּגע־
שאַצט און רעספּעקטירט, איידער דאָס איז דער פאַל אין פיעל
אנדערע לענדער און באַזונדערס ביי אונז אין דייטשלאַנד. די נאַ־
רישע און פארביסענע שנאה, וואָס לעגט ארויף אזא כאַראַקטע־
ריסטישען שטעמפּעל אויף די דיסקוסיעס צווישען די פארשידענע

ריכטונגען אין דער ארבייטער באוועגונג ביי אונז אין לאַנד, איז פאר די מייסטע ענגלענדער פולשטענדיג פרעמד. בלינדער פאנאַטיזם און אינטאָלעראנץ געגענאיבער יעדער אנדערער מיינונג איז שטענדיג א צייכען פון אינערליכער פארשקלאפונג און פון גייסטיגער צוריקגעשטאַנענקייט. ס'איז דערום גאר קיין שום ספק ניט, אז דער דורכשניטס־ענגלענדער איז אין זיין פערזענליכען אורטייל אסך זעלבסטשטענדיגער און אינערליך אסך פרייער איידער דער דייטש. בעת ווען ביי אונז שפּיעלט די הויפּט ראָלע די אויסערליכע עטיקעטע און מען איז צו יעדער צייט שטאַרק גענייגט גאָר אָהן א שום איינזעהעניש צו פארדאַמען אלצדינג, וואָס טראָגט ניט דעם זעלביגען פארטיי־שטעמפעל, לעגט דער ענגלענדער מעהר געוויכט אויף דעם אינערליכען ווערט און דעם כאראַקטער פון'ם מענשען. מחמת דעם פארהאַלט ער זיך צו אנדערע אידעען מיט א טאָלעראנטקייט, פריי פון פאָראורטיילען, ווי מען קאָן עס ביי אונז ניט געפינען.

אזוי גיך ווי מיין ארעסט איז באַקאַנט געווארן, האָבען זיך די אידישע ארבייטער־אָרגאַניזאציעס גלייך געווענדט צו דעם סעקרעטער פון דער „דזשענעראל פעדעריישאָן אָוו טרייד יוניאָנס“, וו. א. אפּעלטאָן, וועלכער האָט מיך פערזענליך געקענט, און איהם ערקלערט די גאנצע לאַגע. אחוץ דעם האָבען מיינע אלטע פריינט פּעטער קראָפּאָטקין און דזשאָהן טוירנער, דער גענעראל־סעקרעטער פון דער „נעשאָנעל יוניאָן אָף שאָפּ אסיסטענטס, ווערהאוזמען ענד קלוירקס“, געשיקט באזונדערע בריעף צו מר. אפּעלטאָן, אין וועלכע זיי האָבען זיך זעהר ווארם אָנגענומען פאר מיר און איהם געבעטען צו טאָן זיין בעסטעס, כדי אויסצואווירקען מיין באפרייאונג. מר. אפּעלטאָן האָט אויך געטאָן אלצדינג, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע קרעפטען, און עס איז געוויס ניט געווען זיין שולד וואָס זיינע באמיהונגען האָבען ניט געהאט קיין ערפאָלג. ער האָט גלייך געשריבען צו מיין פרוי, אז ער איז פערזענליך גרייט זיך אָנצוגעבען אלס גוטזאָגער פאר מיר, און אז אויסערדעם האָט זיך מר. דזשיימס אָ'גריידי, מיטגליד פון'ם פארלאַמענט פאר לידז, וועלכער האָט

מיך אויך פערזענליך געקענט, אָנגעבאָטען צו זיין א צוויטער גוט־זאָגער.

גלייך נאָכדעם האָט מר. דזש. אָ'גריידי געקריגען צוגעשיקט פון האָום אָפיס פאָלגענדען בריוועל:

Home Office Whitehall.
11th December, 1914.

Dear Sir:

I am desired by the Home Secretary to acknowledge the receipt of the letter signed by yourself and Mr. Appleton in regard to the case of Rudolph Rocker, and to say that he will make inquiry in the matter. If Mr. Rocker has been interned as a prisoner of war, the decision as to his release rests with the military authorities, but Mr. McKenna will consider whether the case is one in which he can make a recommendation to them.

Yours faithfully,
(*Sgd.*) L. N. A. Finlay.

James O'Grady, Esq., M. P.

(ליעבער העדר! דער האָום סעקרעטער (מיניסטער פון אינערן) ווינשט, אז איך זאָל אייך באשטעטיגען דעם עמפאנג פון'ם בריעף וואָס איז אונטערגעשריבען פון אייך און מר. אפעלטאָן ועגען דעם פאָל פון רודאָלף ראָקער, און אייך מיטצוטיילען, אז ער וועט מאַכען אן אונטערזוכונג אין דער פראגע. אויב מר. ראָקער איז אינטערנירט געוואָרן אלס קריגס־געפאנגענער, ליגט די ענטשיידונג איבער זיין באפרייאונג ביי די מיליטער־בעאמטע אין די הענט, אָבער מר. מעקענא וועט זיך מישב זיין, צי דער פאל איז ניט אזעלכער, וואָס ערלויבט איהם זיך ארייצומישען און זיי צושטעלען א רעקאָמענדאציע.

אייער איבערגעבענער

(אונטערשריפט) ל. נ. א. פינלעי.)

נאָכדעם איז אריבער א גאנצער מאָנאַט, און ניט מר. אָ'גריידי און ניט מר. אפּעלטאָן האָבען ניט געהערט עפּעס וועגען דער אנגע־לעגענהייט. אויף א צווייטען בריעף האָט מר. אפּעלטאָן ענדליך באקומען פאָלגענדען ענטפער:

26th January, 1915.

Dear Mr. Appleton:

I have made inquiry about Mr. Rudolph Rocker and I am informed that after careful consideration the military authorities regret that they are unable to authorize his release from internment.

Yours very truly,
(*Sgd.*) R. McKenna.

(טייערער הערר אפּעלטאָן! איך האָב געמאכט אן אונטער־זוכונג וועגען מר. רודאָלף ראָקער און עס ווערט מיר מיטגעטיילט, אז נאָך א זעהר פאָרזיכטיגער באטראכטונג באדויערן די מיליטער־בעאמטע וואָס זיי זיינען ניט אימשטאנד צו ערלויבען, אז מען זאָל איהם באפרייען פון דער אינטערנירונג.

אייער זעהר ערגעבענער

(אונטערשריפט) ר. מעקענא.)

איך בין אבסאָלוט ניט געווען איבעראשט, ווען מיין פרוי האָט מיר איבערגעגעבען דעם רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אינטערווענ־ציע; אין געגענטייל, עס וואָלט פאר מיר געווען אסך א גרעסערע איבעראשונג, ווען מען זאָגט מיר פּלוצלינג אָן, אז איך ווער בא־פרייט. די פּאָליטישע פּאָליציי האָט טאקע זעהר גוט געוואוסט, אז זי קאָן מיך ניט פארדעכטיגען אלס אן „אגענט פון'ם קייזער", אבער זי האָט אויך געקענט מיין רעוואָלוציאָנערע אנשויאונג און באזונ־דערס מיין ענטשידענע שטעלונג געגען דער מלחמה, מיט וועלכער איך האָב זיך קיינמאָל ניט באהאַלטען. איך בין דערום געווען פול־שטענדיג קלאָר ביי זיך, אז איך וועל מיין פרייהייט ניט צוריק־

קריגען, איידער דער קריג וועט זיין צו ענד, סיידען איך וועל זי מיר אליין נעמען.

מיינע פריינט אין לאָנדאָן אָבער האָבען געהאַט אַן אַנדער מיינונג. זיי האָבען נאָך אַלץ געגלויבט, אַז מען וועט קאָנען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן אויסווירקען מיין פרייהייט, און זיי האָבען ניט געקוקט דערויף וואָס איך בין ניט געווען איינשטימיג מיט זיי און זייערע אַנגעגאַנגען ווייטער מיט דער אַרבייט. אַסך זיינען געווען איבערצייגט, אַז אויב די ענגלישע בעאַמטע האָבען זיך נאָך דערווייל ניט געלאָזט ריידען, איז דאָס נאָך לאַנג ניט קיין באַווייז, אַז זיי וועלען אויך ווייטער זיך שטעלען געגען אַלע באַמיהונגען פאַר מיין באַפרייאונג. אונטער אַט דער פאָרויסזעצונג זיינען פיער און צוואַנציג טרייד יוניאָנס און אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס אין לאָנדאָנער איסט־ענד זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ קאָנפערענץ, כדי צו באַטראַכטען ווייטערע מיטלען און וועגען פאַר מיין באַפרייאונג. אַט די קאָנפערענץ האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „ראָקער באַפרייאונגס־קאָנפערענץ", האָט באַשטימט אַ באַזונדערן קאָמיטעט און באַשלאָסען אָנצוהאַלטען איהרע מיטינגען אַזוי לאַנג, ביז איהר צוועק וועט דערגרייכט ווערן.

קודם כל האָט מען געפּרוּווט מאַכען אַ מאַסען־פּעטיציע צו דער ענגלישער רעגירונג, און אַזוי ווי צוליעב מיין לאַנג־יאָריגער טעטיגקייט בין איך געווען פּערזענליך באַקאַנט צו טויזענטער אַרבייטער, איז קיין וואונדער ניט געווען, וואָס די פּעטיציע האָט געקריגען פיעל טויזענטער אונטערשריפטען, אָהן דעם אַז דערמיט זאָל דערגרייכט ווערן וואָס פאַר עס איז ערפאָלג. דאַן האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסען צו פאַראַנשטאַלטען אַ גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג און איינלאַדען רעדנער פון אַלע ריכטונגען פון דער ענגלישער אַרבייטער־באַוועגונג. אָבער איבער דער דאָזיגער אונטערנעמונג האָט שוין פון אָנפאַנג אָן געשוועבט אַ בייזער שטערן. די פאַרזאַמלונג האָט נאַטירליך געמוזט פאָרקומען אין איסט־ענד, און אַזוי ווי מען האָט גאַנץ באַשטימט געדאַרפט ערוואַרטען אַ באַזוך פון וועניגסטענס פינף ביז זעקס טויזענד מענשען, האָט מען זיך געמוזט

פאַרזאָרגען מיט א פּאַסענדען זאַל. דאָס אַליין האָט געמאַכט גרויסע שוועריגקייטען, מחמת זאַלען פון דער דאָזיגער גרויס זיינען דאָרט ניטאָ פיעל, און די וועניגע, וועלכע זיינען פאַראַן, זיינען שוין גע־וועזען פאַרדונגען אויף מאָנאַטען פאָרויס. ענדליך האָט עס אָפּגע־גליקט דעם קאָמיטעט צו קריגען דעם „מייל ענד עמפּייר“ פאַר דעם 4טען אַפּריל. אבער אצונד האָט זיך גלייך געמאַכט א נייע שווע־ריגקייט. מאַסענפאַרזאַמלונגען פון דעם סאָרט, פאַר וועלכע מען מוז האָבען א גרעסערע צאָהל רעדנער, ווערן אין לאָנדאָן געוועהנליך צוגעגרייט חדשים־לאַנג, ווייל עס איז שטענדיג נייטיג א לענגערע צייט צו קריגען די איינצעלנע רעדנער א. א. וו. דער באַפרייאונגס־קאָנפערענץ אָבער זיינען געבליבען קוים אכט טעג אויף צו מאַכען די נייטיגע פאָרבאַרייטונגען. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס צווישען די פּראָיעקטירטע רעדנער זיינען אויך געוועזען אזעלכע, וועל־כע האָבען ניט געוואוינט אין לאָנדאָן און עס איז דערום געוועזען שווער זיי צו גרייכען, ווי צום ביישפּיל רעמזי מעקדאָנאַלד, דער שפּעטערדיגער מיניסטער־פּרעזידענט פון ענגלאַנד, קעיר האַרדי, וועלכער האָט נאָך דאַמאָלס געלעבט, און עטליכע אַנדערע. אונ־טער אזעלכע אומשטענדען צו פאַררופען א פאַרזאַמלונג ווי די וואָס מען האָט געפּלאַנט, איז אָהן צווייפעל געוועזען א גרויסע געוואַגט־קייט. אָבער אַזוי ווי קיין אַנדער פּאַסענדען זאַל איז ניט געוועזען צו קריגען פאַר מאָנאַטען לאַנג און דער קאָמיטעט האָט די זאַך ניט געוואָלט לענגער אָפּלעגען, האָט די קאָנפערענץ געדענקט, אַז זי קאָן עס וואַגען צו אַראַנזשירען די פאַרזאַמלונג אין אזא קורצער צייט.

מען האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען אומגעפעהר צו צוועלף ביז פופצעהן פון די באַקאַנטסטע רעדנער אין דער ענגלישער אַרביי־טער־באַוועגונג, פון וועלכע די מעהרסטע האָבען מיך פּערזענליך געקענט. אין דעם איינלאַדונגס־בריעף האָט מען אָנגעוויזען אויף מיין לאַנג־יאָריגער טעטיגקייט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג און מען האָט באַזונדערס באַטאָנט מיינע אַנטי־מיליטאַריסטישע געדאַנ־קען. ס'איז אויך דערמאָנט געוואָרן, אַז די העררן אַפּעלטאָן און אָ'גריידי האָבען זיך אָנגעבאָטען צו זיין גוטזאָגער פאַר מיר, אָבער

די רעגירונגס־בעאמטע האָבען עס ניט אָנגענומען. כדי די איינ־לאַדונג צו געבען א גרעסערן מאָראַלישען געוויכט, האָט פּעטער קראָפּאָטקין זי אונטערגעשריבען מיט זיין אייגענער האַנד.

שוין אין עטליכע טעג ארום האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז גראַד די רעדנער, וועלכע זיינען פאר דער קאָנפערענץ געווען אם וויכטיגסטען, האָבען ניט געקאָנט אננעמען די איינלאַדונג, ווייל זיי זיינען שוין געווען פארנומען ערגעץ אנדערש. רעמזי מעקדאָנאַלד און קעיר הארדי האָבען דעמזעלביגען טאָג גערעדט אויף א מאסען־פאַרזאַמלונג אין נאָרוויטש, וועלכע איז שוין געווען צוגעגרייט זינט וואָכען לאַנג. ביידע האָבען פארזיכערט דער קאָנפערענץ, אז זיי סימפּאַטיזירען הארציג מיט דער אונטערנעמונג און געוואונשען דער געפּלאַנטער פארזאמלונג דעם בעסטען ערפאָלג. אויף אַן עהנ־ליכען אופן איז עס געגאַנגען מיט עטליכע אנדערע רעדנער. כדי דאָס אומגליק זאָל זיין פארפול, איז קראָפּאָטקין, וועמען מען האָט געוואָלט האָבען אלס פאָרזיצענדען, שטארק קראַנק געווארן שוין אין דער צייט, ווען די פארזאמלונג איז איינגערופען געווארן, און זיין צושטאַנד האָט זיך פארערגערט פון טאָג צו טאָג.

פארשטעהט זיך, אז ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם האָט דער קאָמיטעט נאָך אלץ געהאט א היבשע צאָל גוטע רעדנער; אויך האָט מען געקאָנט זיין גאַנץ זיכער מיט א מאסענהאפטען באזוך. אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר אין דעם דאָזיגען פאַל. ס'האָט זיך דאָ פריהער פון אלץ געהאנדעלט וועגען דעם, אז די פארזאמלונג זאָל אדרעסירט ווערן פון מענער, וועמעס נעמען זיינען געווען אל־געמיין באקאַנט אין דער פּאָליטישער וועלט, אזוי אז די טעגליכע צייטונגען זאָלען מוזען שענקען אויפמערקזאמקייט צו זייערע רע־דעס. ווען די קאָנפערענץ האָט איינגעזעהן, אז איהר צוועק איז אויף דעם אופן פארפעהלט, האָט זי געפאסט דעם זעהר פארניגנפ־טיגען באשלוס אָפּצולעגען די פארזאמלונג אויף א גינסטיגערע צייט. אָבער אונטער דעם דרוק פון דער רעאקציע, וועלכע איז וואס ווייטער אלץ מעכטיגער געוואקסען, האָט שפּעטער איבערהויפּט מעהר קיין רייד ניט געקאָנט זיין דערפון.

אזוי ווי די קאָנפערענץ האָט זיך געאייניגט דערויף, זיך צו ווענדען צו מענער פון אלע ריכטונגען אין דער ארבייטער־באוועגונג, האָט דער קאָמיטעט אויך צוגעשיקט אן איינלאדונג צו מר. ה. מ. היינדמאן, דעם באקאנטען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פיהרער און פארטרעטער פון'ם מארקסיסטישען סאָציאַליזם אין ענגלאנד. אויף דער דאָזיגער איינלאדונג האָט ער געגעבען פאָלגענדען ענטפער:

9 Queen Anne's Gate, Westminster.
March 25, 1915.

Rocker Release Conference.
Dear Sir:

I cannot see my way to take any part in the Rocker Release Conference without much more information than you give in your letter. Already I know of more than one case where sureties have been deceived. Kropotkin can know little of the circumstances, and I doubt if Messrs. Appleton and O'Grady are ready to go quite so far as you suggest. Perhaps you can give me more facts?

Yours truly,
H. M. Hyndman.

(געעהרטער הער! איך קאָן ניט זעהן, ווי אזוי איך וואָלט געקאָנט נעמען וואָס פאר עס איז אנטייל אין דער „ראָקער באַ־פרייאונגס־קאָנפערענץ" אָהן דעם אז מען זאָל מיר געבען פ י ע ל מעהר אינפאָרמאציע, ווי עס איז פאראן אין אייער בריעף. מיר איז שוין איצט באַקאַנט מעהר ווי איין פאַל, וואו גוטזאָגער זיינען אָפּגענארט געווארן. קראָפּאָטקין קאָן ווענינג וויסען פון די פאר־העלטענישען, און איך צווייפעל, צי די הערען אפּעלטאָן און אָ'גריידי זיינען ווירקליך גרייט צו געהן אזוי ווייט ווי איהר לעגט פאָר. פיליכט קאָנט איהר מיר אָנגעבען מעהר פאקטען?

אייער ערגעבענער

ה. מ. היינדמאן.)

פון אלע רעדנער, צו וועלכע די קאָנפערענץ האָט זיך געווענדעט, איז היינדמאן געווען דער איינציגער וואָס האָט איהר געגעבען אזא ענטפער. אלע אנדערע האָבען אָדער מיט דער גרעסטער גרייטקייט פארשפּראָכען צו קומען, אָדער אויב זיי האָבען ניט געקאָנט קומען, האָבען זיי דער קאָנפערענץ אויסגעדריקט זייער הארציגסטע סימפּאטיע. אזוי האָט הערבערט באראוס, איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעהענסטע סאָציאליסטען פון ענגלאנד, א מאן וואָס איז געשטאנען צוזאמען מיט היינדמאַן'ן ביי דער וויעג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער באוועגונג אין יענעם לאנד און צוזאמען מיט איהם צענדליגע יאָהרען באלאנגט צו דערזעלבער פּארטיי, צוגעשיקט צו דער קאָנפערענץ פאָלגענדע הארציגע שורות:

מאָנטאג, 25טען מערץ, 1925.

„ליעבע קאַמעראַדען! עס טוט מיר אויסערגעוועהנליך לייד וואָס איך קאָן ניט אָנוועזענד זיין אויף אייער פארזאמלונג, ווייל איך וועל קומענדען זונטאג ניט זיין אין לאָנדאָן. ווען איך וואָלט געווען אימשטאנד צו זיין מיט אייך, וואָלט איך עדות געזאָגט וועגען דער באוואונדערענסווערטער טעטיגקייט, וועלכע אונזער פריינד ראָקער האָט זינט לאנגע יאָהרען געלייסטעט פאר'ן פאָלק, און וועגען זיינע אומאויפהערליכע און אומערמידליכע פארזוכען לטובת דעם ארבייטער־קלאַס. איך האָף פון גאנצען הארצען, אז די פארזאמלונג וועט זיין ערפאָלגרייך און אז איהר צוועק וועט דערגרייכט ווערן. מיט מיינע בעסטע ווינשען,

ברידערליך אייער

הערבערט באָראָוס.

איך בעט אייך, אז די דאָזיגע צײלען זאָלען פאָרגעלעזען ווערן אויף דער פארזאמלונג. אייער בריעף פון'ם 18טען איז מיר ערשט היינט געקומען אין דער האנד. איך וואָלט אייך געווען זעהר דאנקבאר, ווען איהר לאָזט מיר וויסען, ווי אזוי די פארזאמלונג איז אָפּגעלאָפען.“

הערר היינדמאן האָט מיך געקענט פערזענליך. אין דער צייט

פון דער סאָנטכואיטש־אפּערע אין שפּאַניען פלעג איך זיך אָפּט צו־זאמענקומען מיט איהם און איך האָב איהם מעהר ווי איין מאָל גע־ליפערט מאטעריאל וועגען אָט דער שוידערליכער טראגעדיע, וואָס איך האָב געקראָגען צוגעשיקט פון שפּאַניען. ער האָט געוואוסט, אז איך האָב פארלאָזען דייטשלאנד צוליעב פּאָליטישע אורזאכען און אז איך האָב זינט יאָהרען לאַנג געוואוינט אין ענגלאנד אלס פּאָליטישער פליכטלינג. אויף אינטערנאַציאָנאַלע פארזאמלונגען איז ער פיעל מאָל געשטאַנען מיט מיר אויף דערזעלבער פּלאַטפּאָר־מע און איך ווייס גאַנץ באשטימט, אז ער האָט געקענט מיין יאָרענ־לאַנגע טעטיגקייט אין לאָנדאָנער אידישען קוואַרטאַל. זיין בריעף האָט דערום געקלונגען זעהר מאָדנע. איך שטעה ניט אויף דעם שטאַנדפונקט, אז מען מוז וועגען טויטע ריידען בלויז גוטס, אָבער איך דערמאָן אָט דער עפּיזאָד ווירקליך ניט, כדי דעם טויטען היינד־מאַן׳ן נאָכצוזאָגען נאָך עפּעס א שלעכטע זאַך. אָט די אבזיכט איז פולשטענדיג ווייט פון מיר. פאַר זיין פּערזענליכער האַלטונג גע־גענאיבער מיר בין איך קיינמאָל אפילו אויף קיין איין רגע ניט גע־ווען בייז אויף איהם. אויב איך רעד וועגען דער דאָזיגער אָנגעלע־גענהייט איז דאָס איינפאַך, כדי צו ווייזען, ווי שטארק דער קריגס־פּסיכאָז האָט פארנעפּעלט דאָס גאַנצע דענקען און פיהלען פון דעם דאָזיגען מאַן, וועלכער איז דאָך זיכער ניט געווען קיין דורכשניטס־מענש און האָט אויף זיין אופן געלייסטעט גרויסע דינסטען פאַר דעם סאָציאַליזם. פּונקט ווי ראָבערט בלאַטשפאָרד האָט אויך היינדמאַן אין יענער צייט געזעהן אין יעדען דייטש א געהיימען אינסטרומענט פון דער קייזערליכער רעגירונג. נאָר אָט דער קראנקהאפטער מיס־טרויען מאכט פאַר אונז פארשטענדליך דעם אינהאלט פון זיין בריעף.

אויב איך פּערזענליך האָב געקאָנט בלויז שאָקלען מיט׳ן קאָפּ איבער היינדמאַן׳ס האלטונג געגענאיבער מיר, זיינען אָבער מיינע פריינט געווען שרעקליך אויפגעבראכט דעריבער, און זיי האָבען געהאַט גענוג גרונד דערצו, מחמת היינדמאַן האָט גאַנץ אָפען און דירעקט געצווייפעלט אין די אָנגאבען פון דער קאָנפערענץ, אָהן

דעם אז די דאָזיגע זאָל איהם האָבען געגעבען די מינדסטע אורזאַך דערצו. צוליעב דעם דאָזיגען גרונד האָט די קאָנפערענץ באשלאָסען ניט צו לאָזען זיין בריעף אַזוי פאַרביייגעהן אָהן א פּראָטעסט, נאָר זי האָט בעאויפטראגט איהר סעקרעטער איהם צוצושיקען פאָלגענדען ענטפער:

„געעהרטער הערר! אייער בריעף פון'ם 25טען פון דעם מאָנאט ערהאַלטען. מיר זיינען גערן בארייט אייך צו געבען נעהנטערע אינ־פאָרמאַציע איבער דעם פאַל פון ראָקער, אָבער מיר מוזען זיך אָפען מודה זיין פאַר אייך, אז עס קומט אונז אָן שווער צו באגרייפען דעם זין פון אייער שרייבען. מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט געווענדעט צו אייך מיט דער בקשה, איהר זאָלט זיין א גוטזאָגער פאר אונזער פריינד. מחמת דעם איז אייער באמערקונג, אז אייך „איז שוין איצט באקאַנט מעהר ווי איין פאַל. וואו גוטזאָגער זיינען אָפּגענאַרט געוואָרן", דאָ אבסאָלוט ניט אם פּלאַץ.

דאָסזעלבע מוז אויך געזאָגט ווערן, ווען איהר באהויפּטעט, אז „קראָפּאָטקין קאָן וועניג וויסען וועגען די פאַרהעלטעניסען", און אז איהר צווייפעלט, „צי די העררן אפּעלטאָן און אָ'גריידי זיינען גרייט צו געהן אַזוי ווייט ווי מיר האָבען אָנגעדייט אין אונזער בריעף". מיר וואָלטען עס קיינמאָל ניט געהאַלטען פאר מעגליך, אז מען זאָל קאָנען אין אַזוי וועניג שורות אריינפּרעסען אַזויפיעל אינסינוא־ציעס. ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט די אבסאָלוטע געוויסהייט אז די העררן אפּעלטאָן און אָ'גריידי זיינען פאַקטיש בארייט צו זיין גוטזאָגער פאַר אונזער פריינד ראָקער, וואָלט עס אונז זעלבסטפאַר־שטענדליך קיינמאָל ניט ארויפגעקומען אויף'ן זינען צו באַטאָנען אויף א באַזונדער אופן אָט דעם פאַקט. עס וואָלט פאַר אייך געווען א לייכטע זאַך זיך צו איבערצייגען וועגען דער ריכטיגקייט פון אונזערע אָנגאָבען, איידער איהר האָט זיך גענומען די העזה זיי צו שטעלען אין צווייפעל. דער פאַקט איז, אז די העררן אפּעלטאָן און אָ'גריידי האָבען ניט בלויז געלאָזט וויסען זייער בארייטוויליגקייט צו געבען ערבות פאַר ראָקער'ן; זיי האָבען אויך מודיע געווען דעם מיניסטער פון אינערן וועגען זייער באשלוס און האָבען געזוכט

אויסצואווירקען דורך איהם ראָקער׳ס באפרייאונג. ביידע העררן קענען אונזער פריינד ראָקער פערזענליך און ווייסען, אז ער איז א מאַן, וועמען מען קאָן אומבאדינגט שענקען צוטרוי.

ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט אין אונזער ערשטען בריעף צו אייך, געפינט זיך ראָקער זינט די לעצטע צוואנציג יאָהר אין ענג־לאַנד און האָט אין פארלויף פון דער גאנצער צייט גענומען א פּראָ־מינענטען און אקטיווען אנטייל אין דער ארבייטער־באוועגונג, אזוי אז זיין נאָמען איז גוט באקאנט ניט בלויז צווישען די אידישע אר־בייטער, נאָר אויך אין דער ענגלישער ארבייטער־באוועגונג. ער איז צוערשט געווען טעטיג אלס סאָציאַל־דעמאָקראט, און שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַנאַרכיסטישער באוועגונג, אין וועל־כער זיין נאָמען האָט דעם זעלבען אָפּקלאַנג, ווי אייערער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער וועלט.

די קאָנפערענץ, וועלכע ארבייט איצט פאר זיין באפרייאונג, איז א קערפּערשאפט, אָן וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסען אלע טרייד־יוניאָנס פון איסט־ענד, אלע ארבייטער־פאראיינען און אנארכיס־טישע גרופּען, ווי אויך די אידישע סעקציע פון דער סאָציאַלדעמאָ־קראַטישער פּארטיי. און די גאַנצע קאָנפערענץ איז גרייט צו געבען ערבות פאר ראָקער׳ן.

וואָס איז שייך צו קראָפּאָטקין׳ן, האָט איהר א טעות, ווען איהר מיינט, אז ער קאָן ווייניג ווייסען וועגען די פארהעלטענישען. קראָ־פּאָטקין איז זינט די לעצטע נייַנצעהן יאָהר ראָקער׳ס א פּערזענ־ליכער פריינד. זינט ראָקער איז ארעסטירט געוואָרן, האָט זיך קרא־פּאָטקין אָהן אויפהער באמיהט פאר זיין באפרייאונג. אזוי האָט ער געשריבען צו מר. מאסינגהאם, דעם ארויסגעבער פון דער „ניי־שאָן“, בעטענדיג איהם ער זאָל זיך זעהן מיט דעם מיניסטער פון אינערן וועגען ראָקער׳ן. צו דעמזעלבען צוועק האָט ער זיך אויך געווענדעט צו די העררן דזשאָשיאה וועדזשוואוד, קאנינגהעם גרעהעם, בען טילעט און אנדערע. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז געלע־גען שווער קראנק האָט אונז קראָפּאָטקין געבעטען, מיר זאָלען איהם צושיקען אלע איינלאַדונגס־בריעף צו די פארשידענע רעדנער, וועל־

כע זיינען פארבעטען געוואָרן צו דער פארזאמלונג פון׳ם 4טען אפּ־ריל, כדי ער זאָל אויף דיזעלביגע אויך קאָנען צוגעבען זיין אונטער־שריפט. קראָפּאָטקין איז אלזאָ, ווי איהר זעהט, זעהר גוט באקאנט מיט די פארהעלטענישען, און אייער באמערקונג אין דער דאָזיגער זאך איז, מילד גערעדט, געווען אביסעל צו איבעראיילט.

מיר וואָלטען אייך נאָך געקאָנט אָנרופען א גאנצע רייה פון גוט־באקאנטע מענער פון דער סאָציאַליסטישער און פון דער אלגעמיי־נער ארבייטער־באוועגונג, וועלכע האָבען זיך אלע שטארק באמיהט פאר ראָקער׳ס באפרייאונג. דאָך זיינען זייערע באמיהונגען ביז אהער אלע געווען אָהן ערפאָלג, ווייל ראָקער האָט געגען זיך די פּאָ־ליטישע פּאָליציי, ווי דאָס איז איבעריגענס דער פאל ביי יעדען ערנס־טען רעוואָלוציאָנער. ווען מען וואָלט ראָקער׳ן ארעסטירט פאר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, וואָלט דאָס פאר אונז קוים געווען אן איבעראשונג. אָבער דאָס וואָס די פּאָליציי האָט זיך איצט באנוצט מיט דער געלעגענהייט איהם צו מאכען אומשעדליך אלס אזוי גערו־פענעם „פיינדליכען אויסלענדער״,—געגען דעם פּראָטעסטירען מיר.

מיר שרייבען אייך דאָס אלעס, ניט ווייל מיר האָבען די אבזיכט דאָך צו ווירקען אויף אייך, איהר זאָלט אנטייל נעמען אין אונזער פּראָטעסט־פארזאמלונג — דערפון קאָן דאָך איצט קוים זיין די רייד נאָך אייער בריעף צו אונז—, נאר איינפאך אייך צו באווייזען, אז אייער איבעראיילטער אורטייל איז דיקטירט געוואָרן פון טעות׳־דיגע השערות.

אין נאָמען פון דער „ראָקער באפרייאונגס־קאָנפערענץ״

א. א. וו.״

ווי ס׳איז געווען פאָרויסצוזעהן, האָט הערר היינדמאן ניט געענט־פערט אויף אָט דער שארפער ערקלערונג. ניט וועלענדיג מאכען דעם קלענסטען פאָרוואורף די בראווע ארבייטער פון איסט־ענד, וועלכע האָבען מיט אזויפיעל ענטשלאָסענקייט און מיט אזא סאָלי־דארישען געפיהל געארבייט פאר מיין באפרייאונג, דוכט מיר פונ־

דעסטוועגען, אז עס וואָלט געווען בעסער און קודם כל ראַטזאַמער, ווען די קאָנפערענץ וואָלט זיך איבערהויפּט ניט געווענדט צו דעם דאָזיגען מאָן, וועמעס בלינדער פּאַראורטייל געגען אלצדינג וואָס איז דייטש—כדי ניט צו געברויכען קיין שטאַרקערן אויסדרוק — האָט אין פאַרלויף פון דער מלחמה פּשוט אָנגענומען קראנקהאפטע פאַרמען. געוויס האָב איך פולקאָם פאַרשטאַנען די מאָטיווען, פון וועלכע די קאָנפערענץ איז געלייטעט געוואָרן, און איך האָב געוואוסט, אז איהרע אבזיכטען זיינען געווען די בעסטע. כדי צו געבען איהר פּראָטעסט דעם שטאַרקסטען געוויכט וואָס איז נאָר מעגליך געווען, האָט זיך איהר קאָמיטעט געווענדט צו אלע ריכטונגען אין דער ענגלישער ארבייטער־באוועגונג, און ער האָט געדענקט, אז ער דאַרף ניט מאכען קיין אויסנאַם. אָבער עס זיינען פאראן סיטואציעס, וואו אזעלכע אויסנאַמען זיינען אבסאָלוט אם פּלאַץ, זיינען דירעקט נויטיג, און אזא סיטואציע איז אומבאדינגט געווען אין'ם פאַל פון היינדמאן. וואָס איז שייך צו מיר אליין, האָב איך נאַטירליך געוואוסט וועגען דעם פּלאַן פון מיינע פריינט, אזוי ווייט ווי די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אלס אזעלכע איז גענומען געוואָרן אין באַטראכט, אבער די באזונדערע איינצעלהייטען פון'ם פּלאַן זיינען מיר געווען אין גאנצען אומבאקאנט און ערשט א היבשע צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט וועגען דעם. אניט וואָלט איך געוויס אָנגעווענדט מיין גאנצען איינפלוס, כדי אָפּצוריידען די קאמעראדען אין לאָנדאָן פון זייער האנדלונג.

דערווייל איז דאָס לעבען אויף אונזער שווימענדען געפענגניש זיך געגאנגען רוהיג זיין אלטען גאַנג. זינט ערנסט האָט אונז פאַרלאָזען, האָט זיך צו אונז אין דער קאַיוטע אריינגעצויגען א פּרעכטיגער בחור, מיט וועמען איך בין באַלד שטאַרק באפריינדעט געוואָרן. ס'איז געווען א קאָנדיטאָר פון פּראָפעסיע, א געוויסער פּענער, מיט וועמען דאָס שיקזאַל האָט מיך צוזאמענגעפיהרט. מיין אויפמערקזאמקייט איז שוין פריהער צוגעצויגען געוואָרן צו איהם, ווען איך פלעג איהם זעהן ארומשפּאַצירענדיג אויף'ן פאַרדעק, אָדער ווען ער פלעגט פון צייט צו צייט אין אָווענט אריינקומען צו אונז

אין דער רויך־קאַיוטע, דאָס העמד שטענדיג אָפען, די נאַקעטע ברוסט באַשאָטענט פון א רויטליך־בלאָנדער באָרד. אין זיינע גרויסע בלויע קינדער־אויגען איז אימער געלעגען אזוי פיעל ווארעמקייט און ריינע הארציגע גוטסקייט, אז עס איז פשוט געווען א פארגעניגען איהם אָנצוקוקען. זיינע געזיכט־צוגען האָבען געהאט א בולט'ן סלאַווישען אויסדרוק, און עס האָט מיך אבסאָלוט ניט געוואונדערט, ווען איך האָב זיך שפּעטער פון איהם דערוואוסט, אז זיין היים האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער רוסישער גרעניץ. איך ווייס ניט פאר־וואָס, נאָר ער האָט מיך שטענדיג דערמאָנט אָן גאָרקי'ס קאָנאָוואַ־לאָוו. אזוי אומגעפעהר האָט געמוזט אויסזעהן אָט דער רוסישער בראָדיאַגא, אין וועמעס נשמה ס'האָט געברענט אזוי פיעל בענק־שאַפט. דיזעלבע אָפענהארציגע באַנעמונג, דיזעלבע זיסע נאַאיוו־קייט, דאָסזעלביגע שטומע גריבלען זיך איבער ניט פארשטאַנענע לעבענס־רעטענישען.

פענער האָט געהערט צו וואָס פאר עס איז רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האָט אָפגעשטאַמט פון די „בעהמישע ברידער", און וועמעס פאָר־פאָטערס האָבען מיט לאַנגע יאָרען צוריק איינגעוואַנדערט פון בעהמען. דאָך האָט ער ניט געהאט אויף זיך קיין שפּור פון א סעק־טאַנט און רעליגיעזע צערעמאָניעס און קירכליכע מנהגים האָבען ניט געהאט קיין שום ווערט ביי איהם. וועגען דער געשיכטע פון די אַלטע סעקטען האָט ער ניט געהאט די מינדסטע אהנונג, און ער איז געווען שטאַרק איבעראשט, ווען איך האָב איהם דערצעהלט וועגען די „טאַבאָריטען" און די „בעהמישע ברידער" און וועגען פּעטער כעלטשיצקי, דעם גרויסען פאָרקעמפער פון'ם פרייהייטליכען סאָציאַ־ליזם אין פופצעהנטען יאָרהונדערט. אזוי ווי ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון דער מלחמה, האָט געמאכט אויף איהם א באזונדערס טיפען איינדרוק די לעהרע פון כעלטשיצקי, וועלכער האָט אויף דעם שאַרפסטען אופן פאַרדאַמט דעם אָרגאַני־זירטען פעלקער־מאָרד און געפריידיגט דאָס באַקעמפען און באַזיגען דעם שטאַאט און אַלע סאָרטען רעגירונגען דורך דער סאָלידאַריטעט פון די מענשען. אָט די טעמא האָט איהם קענטיג באזונדערס איינ־

טערעסירט, וואָרים ער פלעגט אין די געשפּרעכען מיט מיר שטענ־דיג אַלץ ווידער צוריקקומען דערויף, און עס האָט איהם פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגען, ווען איך האָב איהם באַקאַנט געמאַכט מיט די שטרעבונגען פון די ערשטע אַנאַבאַפּטיסטען אין דייטשלאַנד און אין דער שווייץ און איהם פאַרגעשטעלט די מעכטיגע פּערזענליכקייט פון טהאָמאַס מינצער, דעם גרינדער פון דער אַנאַבאַפּטיסטישער סעקטע.

פענער איז געווען א פליסינגער באַזוכער פון מיינע פאָרטראַגען און האָט זיך ביסלאַכווייז ענטוויקעלט צו א גרויסען פאַרעהרער פון קראָפּאָטקין, וועמעס שריפטען ער פלעגט לייענען מיט א באַזונדע־רער פאַרליעבע. ער האָט שוין פריהער געהאַט באַזוכט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואהל־פאַרזאַמלונגען, איז אויך געווען א מיטגליד פון זיין געווערקשאַפט, אָבער דער גייסט וואָס האָט דאָרט געהערשט האָט איהם געלאָזט אומבאַפרידיגט, ווי ער האָט מיר אַליין געזאָגט, און האָט איהם ניט געקאָנט באַוועגען אריינצודרינגען טיפער אין די לעהרען פון'ם סאָציאַליזם, הגם א מענש ווי ער איז שוין לויט זיין געפיהל געווען מסוגל דערצו. מענשען ווי פענער מוזען האָבען יענע האַרציגע וואַרימקייט און טיפע איבערציינגונג, וועלכע מען זוכט אומ־זיסט אין וואהל־פאַרזאַמלונגען, און וועלכע גיבען די שריפטען פון א קראָפּאָטקין אָדער א רעקליו אַזאַ וואונדערליכען רייץ.

איך האָב לאַנגע מאָנאַטען געלעבט צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען גרונד־עהרליכען מענשען און געהאַט א געלעגענהייט גרינדליך צו דערקענען זיין גילדערנע נשמה. ווי אַסך אַנדערע פון יענער צייט איז ער היינט פולשטענדיג פאַרשוואונדען פון מיין לעבענס־קרייז, און זינט מיין באַפרייאונג האָב איך קיינמאָל גאָרנישט געהערט פון איהם. אויב אָט די צייל‍ען וועלען איהם ווען עס איז קומען פאַר די אויגען, וויסט ער, אַז איך האָב איהם ניט פאַרגעסען.

ס'איז אַלזאָ געוואָרן מיטען אַפּריל. דאָס וועטער איז געווען וואַרם און אַנגענעם, און די יונגע גרינע בלעטער פון די בוימער, וועלכע האָבען אונז פריינדליך צוגעוואונקען פון דער יבשה, האָבען

דערוועקט אין אונז א פאַרבאַרגענע בענקשאַפט. דאָס איז פונקט די צייט, ווען מען פיהלט אם שווערסטען די געפאַנגענשאַפט, ווען דער וואונש צו זיין פריי נעמט ארום אלע חושים. איינעם פון אונזערע ליידענס־חברים האָט די בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט אין יענע טעג אזוי שטארק געפּאַקט, אז ער האָט זיך ענטשלאָסען צו מאכען א פאַרריקט־דרייסטען פאַרזוך צו אנטלויפען, וואָס האָט איהם לייכט געקאָנט קאָסטען דאָס לעבען. אומגעפער צוויי ענגלישע מייל ווייט פון אונז איז זינט א שטיקעל צייט געלעגען פאַראַנקערט א האָלענדישער דאַמפּער, צו וועלכען מעהר ווי איין בענקענדער בליק פון די געפאַנגענע איז אריבערגעפלויגען. איינער פון זיי האָט אלזאָ געפּאַסט דעם באַשלוס, אין דער פינסטער שוויםענדיג צו דערגרייכען דאָס שיף, זיך דאָרט וואו עס איז באַהאַלטען און ערשט אין מיטען ים ארויסקריכען פון זיין באַהעלטעניש. אין א טונקעלער נאַכט האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך א שמאָלער עפענונג, וואָס האָט ארויסגעפיהרט אויף א דורכגאַנג אין צווישענדעק, און אויף א סלופּ וואָס ער האָט זיך פריהער שוין געהאַט צוגעגרייט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אין ים. די לאַמטערנעס פון'ם האָלענדער האָבען איהם אין דער פינסטער געדיענט אלס וועגווייזער. ס'איז געווען א געוואַגטע אונטערנעמונג, וואָרים דאָס וואַסער האָט צו יענער צייט נאָך געמוזט זיין צימליך קאַלט; אחוץ דעם האָט דער געוואַגטער שווימער געהאַט צו קעמפען געגען א שטאַרקען שטראָם, וועלכער האָט איהם לייכט געקאָנט ארויסטרייבען ווייט אין ים, וואו ער וואָלט געווים געווען פאַרלאָרען. ניט קוקענדיג דערויף האָט זיך איהם איינגעגעבען צו דערגרייכען דאָס שיף; אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין גליק. ווען עס איז איהם נאָך לאַנגע, שווערע באַמיהונגען ענדליך דאָך געלונגען צו דערגרייכען דעם פאַרדעק פון'ם האָלענדישען דאַמפּער, איז ער גלייך אויף'ן שטעל ענטדעקט געוואָרן פון דער וואַך און מען האָט איהם געבראַכט פאַר'ן קאַפּיטאַן. ער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע רעדע־קונסט, כדי דעם דאָזיגען צו באַוועגען, ער זאָל איהם האַלטען פאַרבאָרגען אויף'ן שיף און איהם מיטנעמען קיין האָלאַנד. אָבער דער

קאַפּיטאַן האָט ניט געוואָלט הערען און וויסען דערפון און האָט איהם ערקלערט, אז ער וועט גלייך דורך א סיגנאַל לאָזען וויסען דער וואַך אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד" וועגען זיין אַנטלויפען.

ווען דער אַנטלאָפענער האָט ענדליך געמוזט איינזעהן, אז אַלע טענות און אלע בקשות זיינען אַרויסגעוואָרפען, האָט ער געבעטען דעם קאַפּיטאַן איהם וועניגסטענס צו טאָן די טובה און איהם געבען די מעגליכקייט צוריקצושווימען צו זיין געפענגניש, כדי מען זאָל איהם נאָך אלס צוגאָב ניט באשטראָפען. אָט די ביטע האָט דער קאַפּיטאַן ניט געקאָנט אָפּזאָגען. ער האָט פארשפּראָכען דעם מאַן גאַרנישט צו טאָן געגען איהם, אויב ער וועט גלייך פאַרלאָזען זיין שיף. צום צווייטען מאָל האָט זיך אונזער פליכטלינג אַראָפּגעלאָזט אין ים און איז מיט א פאַרדריקט האַרץ געשוואומען צוריק צו אונזער שיף. דערהווייל אָבער האָט זיך דער האָלענדישער קאַפּיטאַן אפּנים מישב געווען און געענדערט זיין באשלוס. פּיליכט האָט ער געדענקט, אז ער קאָן נאָך האָבען אלערליי שוועריגקייטען פון דער געשיכטע, מחמת די גאַנצע מאַנשאַפט זיינע האָט געוואוסט דערפון. על כל פנים, ער האָט ניט געהאַלטען קיין וואָרט, נאָר ער האָט דורך א סיגנאַל געלאָזט וויסען דער וואַך אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד" וועגען דאָס אַנטלויפען פון דעם געפאַנגענעם. ווען דער שווימער איז אַלזאָ אומגעפער אין א שטונדע אַרום צוריקגעקומען א פאַרמאַטערטער צו אונזער שיף, איז ער גלייך איבערגענומען געוואָרן פון סאָלדאַטען, וועלכע האָבען איהם שוין מעהר ניט אָפּגעלאָזט. אלס שטראָף פאַר זיין דרייסטער אונטערנעמונג, איז ער שפּעטער פאַראורטיילט געוואָרן צו עטליכע מאָנאַט געפענגניש. זינט יענעם פאַרזוך צו אַנטלויפען זיינען די וואַכען ביי אונז אויף׳ן שיף פאַרדאָפּעלט געוואָרן; ס׳איז אויך אַרויסגעגעבען געוואָרן א באַפעהל, אז די טירען פון אַלע קאַיוטעס זאָלען ביינאַכט בלייבען אָפען, כדי די וואַכען זאָלען קאָנען האָבען א בעסערן און לייכטערן קאָנטראָל. דער אַדיוטאַנט האָט זאָגאַר געסטראַשעט, אז ער וועט אונז אַלעמען מאַכען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם טאַט פון יעדען איינצעלנעם. אָבער ווי עס זעהט אויס, האָט ער שפּעטער אויפגעגעבען דעם דאָזי-

גען געדאַנק, אויב דאָס איז איבערהויפּט געווען ערנסט געמיינט. וואָרים מיר האָבען מעהר גאָרנישט געהערט דערפון.

א קורצע צייט נאָך דעם דאָזיגען אומגעלונגענעם פּאַרזוך צו אנטלויפען האָט אונז ווידער אמאָל פּאַרלאָזען א טייל פון אונזערע מיטגעפאַנגענע. אָבער דאָס מאָל זיינען עס ניט געווען קיין פּראָסטע לייט, נאָר אויסשליסליך הערען פון דער פּריווילעגירטער אָפּטיילונג. וואַרשיינליך האָבען זיי זיך אויף וואָס פאַר עס איז אופן דערוואוסט, אז אונזערע טעג אויף דעם „ראָיאל עדוואַרד" זיינען געווען געצעהלט, און אזוי ווי זיי האָבען קענטיג ניט געהאַט קיין לוסט זיך איבערצולאָזען אויף די צופעליגקייטען פון אן אומבאַשטימטער צוקונפט, האָבען זיי זיך באַצייטענס פּאַרזאָרגט און געבעטען מען זאָל זיי איבערשיקען קיין ווייקפּיעלד. אין דער אומגעגענד פון דעם דאָזיגען שטעטעל, ניט ווייט פון מאַנשעסטער, האָט די ענגלישע רעגירונג א קורצע צייט פאַר דעם געעפענט אן אזויגערופענעם פּריווילעגירטען אינטערנירונגס-לאַגער, וואו עס האָבען געזאָלט איינגעקוואַרטירט ווערען בלויז פּאַרמעגליכע הערען, וועלכע זיינען געווען גרייט אויסצוהאַלטען די גאַנצע פּאַרוואַלטונג פון'ם לאַגער אויף זייערע אייגענע מיטלען. איבער א העלפט פון אונזערע אזויגערופענע „זעקס-און-זעקס-מענער" האָט זיך געלאָזט איבערשיקען קיין ווייקפּיעלד, די איבעריגע האָבען זיך נאָך געוואָלט מישב זיין און אָפּוואַרטען וואוהין דאָס שיקזאל וועט אונז פּאַרוואַרפען.

ס'איז ניט געווען קיין הארציגער אָפּשיד, וואָס מען האָט געגעבען די דאָזיגע לייט, וועלכע האָבען זיך אזוי שווער פּאַרזינדיגט געגען די געמיינשאַפטליכע אינטערעסען פון זייערע מיטגעפאַנגענע. זיי האָבען איבעראל באַגעגענט בלויז פינסטערע בליקען, בעת זיי האָבען פּאַרלאָזען דאָס שיף, און א טייל פון זיי, וועלכע האָבען זיך אויף א באַזונדערן אופן „באַליעבט" געמאַכט אין די אויגען פון די געפאַנגענע, זיינען פון די דאָזיגע באַשאָטען געוואָרן מיט אלע מעגליכע זלזולים און באַליידיגונגען. ווען זיי זיינען שוין אלע געווען אויף דעם קליינעם דאַמפּער, וועלכער האָט זיי געזאָלט צופיהרען

צום ברעג, האָט זיך דער באַראָן פאָן נ. פּלוצלינג באוויזען ביים פּאַרענטש, כדי צו זאָגען די איבערגעבליבענע אויבען א פּאָר געזעגען־ווערטער. אָבער אַזוי גיך ווי די געפאַנגענע האָבען איהם נאָר דערזעהן, האָבען זיי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַזאַ שטראָם פון קללות, אַז דער באַראָן האָט עס געפונען פאַר ראַטזאַם אויף גיך צו פאַרשווינדען.

צוויי פון די העררן, וועלכע האָבען זיך אויך געהאַט פאַרשריבען צו פאָהרען קיין ווייקפיעלד, האָבען א קורצע ווײַלע פאַר דער אָפּרייזע געוואָלט וויזען וואָס פאַר הייסע פּאַטריאָטען זיי זיינען, האָבען זיי הויך אויף׳ן קול און מיט אַלע כוחות אויסגעזונגען דאָס נאַרישע „ליעד פון האַס“, וואָס דער „סימפּליציסימוס“ האָט אין יענער צייט פאַרעפענטליכט און ווערמעס גאַנצע שאַרפקייט עס האָט זיך געריכטעט געגען ענגלאַנד. אָהן צווייפעל זיינען די צוויי חברה־לייט געוועזען מיט דער מיינונג, אַז מען וועט זיי דירעקט פאַר דער אָפּרייזע ניט קאָנען באַשטראָפען, און ס׳איז קענטיג געוועזען אָט די איבערצייגונג וואָס האָט אָנגעפילט מיט מוט די פּאַטריאָטישע ברוסט פון די צוויי דייטשע העלדען־יונגען. אָבער ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש ווי זיי האָבען ערוואַרט. דער קאָמאַנדיר, וועמען דער צענזאָר האָט ערקלערט דעם אינהאַלט פון׳ם ליעד, האָט גאַר אָהן צערעמאָניעס געגעבען א באַפעהל אויסצומעקען די צוויי פון דער ליסטע קיין ווייקפיעלד, און ער האָט זיי פאַראורטיילט צו צוויי וואָכען קאַרצער. פאַרשידענע פון זייערע פריינט האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה איבערצובעטען דעם קאָמאַנדיר און ווירקען אויף איהם, ער זאָל די צוויי חברה־לייט לאָזען מיטפאָהרען קיין ווייקפיעלד, אָבער דער קאָמאַנדיר איז געוועזען האַרט ווי שטיין און ער האָט די שתדלנים קורץ און שאַרף אָפּגעוויזען פון זיך.

ס׳איז קוים גלויבליך, אויף וואָס פאַר אַן אָפּגעשמאַקטען און אידיאָטישען אופן א טייל פון אָט די העררן פּלעגען דעמאָנסטרירען מיט זייערע כלומר׳שטע פּאַטריאָטישע געפיהלען. אַזוי זיינען געוועזען היבשע עטליכע פון זיי, וועלכע האָבען זיך אויסגעקליבען די פראַזע „גאָט זאָל שטראָפען ענגלאַנד!“ אָנשטאָט א גוט־מאָרגען.

ס'איז געווען איינפאך צום קייכען פאר געלעכטער, קוקענדיג אויף די דאָזיגע פּוסטע קעפּ און זייער צערעמאָניע. אזוי גיך ווי איינער האָט נאָר באַגעגענט דעם אנדערן ביים פריהמאָרגען־שפּאציר אויף'ן פּאַרדעק, פלעגט ער ארויפלעגען די רעכטע האַנד אויף דער דייטשער העלדענ־ברוסט, דאַן פלעגט ער זיך פארנייגען און זאָגען מיט א פייערליכער שטימע: „גאָט זאָל שטראָפען ענגלאנד!" דערנאָך פלעגט דער אנדערער נאָכמאכען דיזעלביגע דראמאטישע מיענע און ענטפערן מיט דעם טיפסטען טאָן: „גאָט זאָל איהר שטראָפען!" ס'איז א גרויסער שאָד וואָס מיר האָבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט, אראָפּצונעמען פאָטאָגראפישע בילדער פון אזעלכע סצענעס. זיי האָבען עס ווירקליך פארדיענט צו פארבלייבען לזכרון פאר די קומענדע דורות.

מיר זיינען געווען אין די לעצטע טעג פון אפּריל, ווען קארל'־טשיק האָט מיר איין אָווענט ביים שלאָפען געהן דערצעהלט א זעהר אינטערעסאנטע געשיכטע. ער האָט בייטאָג געהאט א לענגערן געשפּרעך מיט דעם אזויגערופענעם „טשיף־ליעדער" פון אונזערע ליניע־קאפּיטאַנען, א געוויסער הערר ראזיער, וועלכער האָט, ווי אלע האָבען געוואוסט, אויף א באזונדער אופן נושא חן געווען ביים אדיוטאנט אין די אויגען. ראזיער האָט פארטרויט קארל'ן א סוד, אז דער אדיוטאנט האָט איהם, נאָכדעם ווי ער איז פארטיג געוואָרן מיט די געוועהנליכע פארוואלטונגס־אנגעלעגענהייטען, פּלוצלינג גע־שטעלט די פראגע: „קענט איהר צווישען אייערע מיטגעפאנגענע א געוויסען ראָקער?" אז ראזיער האָט געענטפערט יאָ, האָט איהם דער אדיוטאנט ווייטער געפרעגט: „און וואָס דענקט איהר איבער דעם דאָזיגען מאַן?" ראזיער האָט איהם ערקלערט, אז ער קען מיך בלויז פון אָנזעהן, נאָר ער האָט נאָך קיינמאָל מיט מיר ניט גערעדט. איבעריגענס אָבער געפינט ער אבסאָלוט גאָרנישט וואָס אויסצוזע־צען געגען מיר; יאָ, ס'איז איהם זאָגאר באקאנט, אז איך בין שטארק באַליעבט צווישען מיינע מיטגעפאנגענע.

דער אדיוטאנט איז א ווילע ארומגעגאנגען פארטראכטערהייט אין זיין אָפיס ארויף און אראָפּ, ביז ער איז ענדליך געבליבען שטעהן

פאַר ראַזיער'ן און זיך געווענדט צו איהם מיט דער פראַגע: „איז אייך באַקאַנט, אַז שוין אַ היבשע צייט אַז ראָקער אַראַנזשירט דאָ פאַרזאַמלונגען און האַלט פאַרטראַגען?" ראַזיער האָט איהם געענט־פערט, אַז ער ווייסט גאַרנישט דערפון. ער ווייסט נאָר, אַז איך קום זיך צוזאַמען יעדען אָוונט מיט אַן אַנצאָהל פון מיינע מיטגעפאַנ־גענע אין דער קליינער רויך־קאַיוטע, וואו מיר ריידען איבער אַלע מעגליכע זאַכען, אָבער קיין פאַרזאַמלונגען קאָן מען דאָס געוויס ניט אָנרופען.

דער אַדיוטאַנט האָט ווידער געשוויגען אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער פון אַ שופלאַד ארויסגענומען אַ בריעף און עס געגעבען ראַזיער'ן מיט די ווערטער: „אַט, לייענט." ס'איז געווען אַ ריכטיגע מסירה, נאַטירליך אָהן אונטערשריפט, אין וועלכער מען האָט געלאָזט וויסען די מיליטער־בעאַמטע, אַז איך האַלט אָפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען און פיהר אָן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע.

ווען ראַזיער האָט איהם צוריקגעגעבען דעם מסירה־בריעף, האָט דער אַדיוטאַנט געזאָגט:

„זיינט די לעצטע פאַר וואָכען זיינען מיר שוין אָנגעקומען זעקס אָדער זיבען אַזעלכע בריעף, אָבער קיינער פון די שרייבער האָט ניט געהאַט דעם מוט אונטערצושרייבען זיין נאָמען. ס'איז איינ־פאַך געמיין. איך ווייס, אַז ראָקער איז אַן אַנאַרכיסט; איך האָב שוין עטליכע מאָל גערעדט מיט איהם, און ער האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט באַהאַלטען זיינע אידעען. ווען איך זעה די האַנדלונג פון מענשען, וועלכע זוכען אויף אַזאַ עקעלהאַפטען אופן הינטען אַרום צו טרעפען איינעם פון זייערע מיטגעפאַנגענע, דאַן גלויב איך כמעט, אַז ראָקער איז דער איינציגער מאַן אין זייער קרייז."

דערמיט איז דער געשפּרעך געווען צו ענדע. ראַזיער האָט גע־בעטען קאַרל'ן, ער זאָל מיר איבערגעבען וואָס עס איז פאָרגעקומען, אָבער ער זאָל מיט קיין אַנדערן ניט ריידען וועגען דעם. פיעלע מאָנאַטען שפּעטער, ווען מיר האָבען שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזען דעם „ראָיאַל עדוואַרד", האָב איך איהם נאָך אַמאָל פּערזענליך גע־

פרעגט וועגען אַט די זאַכען, און ער האָט מיר באַשטעטיגט יעדעם וואָרט וואָס איך האָב געהערט פון קאַרל׳ן.

אין גרונד גענומען בין איך גאָר ניט געווען אזוי שטארק איבעראַשט פון דער דאָזיגער נאַכריכט. איך האָב זינט מיין זיין דאָ זיך באַקענט מיט א גאַנצער רייה פון מענשען, וועלכע זיינען פעהיג געווען צו באַגעהן יעדע געמיינהייט אין זייער בלינדען האַס געגען יעדע פרייהייטליכע באַוועגונג. אויסערדעם זיינען אונזערע פארזאמלונגען שוין לאַנג ניט געווען קיין סוד מעהר. מען האָט איבעראַל גערעדט דערפון, ווי ס׳איז גאָר אנדערש ניט געווען צו ערוואַרטען. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס מיר האָבען דעם זאַל פון די פערציג בעטען שוין זינט וואָכען לאַנג ניט געקאָנט מעהר באַנוצען, מחמת דאָרט האָט זיך פארקליבען א קאָמפּאַניע פון קאָרטען־שפּילער, וועלכע זיינען געווען יעדען אווענט פארקאָכט אין זייער ליידענשאַפט. אַנשטאָט דעם האָבען אונזערע קאַמעראַדען געפונען אַן אנדער פּלאַץ, וואָס איז, אמת, געווען באַקוועמער ווי יענער שלאָף־זאַל, דערפאַר אָבער אסך אומזיכערער. ס׳איז געווען דער פאָדער־צימער פון אונזער פאָסט, וואָס האָט געקאָנט ארייננעמען א גאַנצע מאַסע פון מענשען. אָבער צום באַדויערן האָט מען ניט געקאָנט פארהיטען, אז דאָרט זאָלען אויך ניט דורכגעהן אסך פערזאָנען, וועלכע האָבען ניט געהערט צו די געוועהנליכע באַזוכער. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָט מען זיך שטענדיג געמוזט ריכטען אויף אַן איבעראַשונג, און איך פלעג זיך אימער וואונדערן, וואָס דאָס איז שוין לאַנג ניט פאָרגעקומען.

נאָכדעם ווי איך האָב אַלזאָ ערפאַרען, אז דער אדיוטאַנט ווייסט וועגען מיין טעטיגקייט, האָב איך זיך מישב געווען מיט זיך אליין, וואָס עס איז אם בעסטען צו טאָן. אמת טאַקע, אז דער אדיוטאַנט האָט די מוסרים געגעבען א לעקציע און זיין האַנדלונג אין דער הינזיכט איז געווען טאַדעללאָז. אלס דזשענטעלמאַן האָט ער יעדענפאלס ניט געקאָנט האַנדלען אנדערש, וואָרים זיין געפיהל פון אַנשטענדיגקייט האָט איהם געמוזט פארבאָטען אָנצונעמען אַנאָנימע מסירות. אָבער דאָס האָט ניט געהייסען, אז ער וועט זיך אין דער

צוקונפט ניט צוקוקען ערנסטער צו אונזער טעטיגקייט. איך האָב דאָס אַלעס באַטראַכט, אָבער איך בין ענדליך געקומען צום שלום, רוהיג ווייטער אָנצוגעהן מיט מיין ארבייט און איבערלאָזען אַלע־דינג, אזוי צו זאָגען, אויף גאָט׳ס באַראָט. כדי ארויסצופאָדערן די מוסרים, האָבען מיר באַשלאָסען צו אָראַנזשירען אן אמת׳ן יום טוב דעם ערשטען מאַי. אונזערע פאָרבארייטונגען זיינען שנעל געמאַכט געוואָרן. שוין דעם ערשטען מאַי אין דערפריה האָבען די רויטע בענדעלעך, וואָס הונדערטער פון אונזערע מיטגעפאנגענע האָבען זיך געהאט אריינגעשטעקט אין לאָץ, ארויסגערופען אַלעמענס אויפ־מערקזאמקייט. נאָכמיטאג האָבען מיר אָפּגעהאלטען א פארזאמ־לונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען מיט פאסענדע דעקלאמאציעס און ליעדער, פאָרגעטראָגען און געזונגען פון עטליכע קאמעראדען. איך אליין האָב דערנאָך גערעדט איבער דער באדייטונג פון׳ם ערש־טען מאַי, און דערביי האָב איך אויסגעניצט די געלעגענהייט צו ווארפען א ריכטיגען ליכט אויף דעם אָרגאניזירטען מאסענמאָרד, וואָס האָט דאן פארוויסט אייראפּא און אויסגעקאָסעט איהר באַ־פעלקערונג. צום שלום האָט מען נאָך אין כאָר געזונגען מאַסט׳ס פּראָלעטאריער־ליעד און דעם „אינטערנאציאָנאַל“, דורך וואָס אונ־זערע זעקס־און־זעקס־פּאטריאָטען זיינען פּשוט געשפּרונגען פון דער הויט.

בעת איך האָב גערעדט האָבען עטליכע פון מיינע פריינט באַ־אָבאַכטעט א געוויסען הערר ק., וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינ־קעל פון קאָרידאָר און זיך פלייסיג געמאַכט נאָטיצען פון מיין רעדע. אָט דער מאַן איז געקומען צו אונז אויף׳ן שיף צוזאַמען מיט די לייט פון דער „קאַנאדא“ און ער האָט דאָ געשפּילט די ראָלע פון א זונטאָג־פּרעדיגער. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז ער פאר דער מלחמה געווען באַשעפטיגט אלס לעהרער און ערציהער פון פארוואָרלאָזטע אינגלעך אויף אן אזויגערופענער שול־שיף ער־גענצוואו אין שאָטלאַנד. אָבער איך גלויב קוים, צי ער האָט ווען עס איז געוואונען די ליעבע פון איינעם פון זיינע תלמידים. אין דעם דאָזיגען מאַן איז געווען לעבעדיג פארקערפּערט די היפּאָקריט־

סטוואָ אין איהר עקעלהאפטסטער געשטאַלט. הגם ער האָט זיך שטענדיג ארומגעווארפען מיט שענע, פּאַטעטישע רייד, האָט איהם דער צבוע'יאק ארויסגעקוקט פון יעדער מיענע זיינער. שוין דער גאַנצער געזיכט־אויסדרוק פון'ם מאן האָט גלייך אויף ערשטען בליק געלאָזט וויסען, וואָס פאר א תכשיט דאָס איז געווען.

הערר ק. האָט מיך שוין פריהער אין זיינע אָרעמע זונטאג־דרשות מעהר ווי איינמאָל שאַרף אָנגעגריפען, פארוואָס איך האָב אויף איהם נאַטירליך קיין שום פאראיבעל ניט געהאַט, וואָרים אזוי ווי ער האָט קיין קלענסטע אהנונג ניט געהאט פון סאָציאליזם און עהנליכע זאַכען, פלעגט ער אונז אָפט געבען דעם שענסטען שטאָף צום לאַכען. מיין ערשטע־מאי־רעדע האָט איהם, ווייזט אויס, גאָר אויף א באַזונדערן אופן געמוזט בייז מאַכען, וואָרים ער האָט אויס־געפילט א גאַנצע זונטאג־דרשה דערמיט און האָט אראָפּגערופען דעם צאָרן פון הימעל אויף אונזערע שולדיגע קעפּ. דערביי האָט ער אויך אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג, וואָס די ענגלישע בעאמטע שטעלען ניט אָפּ אָט די „סיסטעמאטישע אויפרודעריי פון פּראָפּע־סיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען און מענשען וואָס פארגעסען אן זייער פליכט", וואָס דאָס האָט יעדענפאלס געקאָנט געבען א גרונד פאר געוויסע פארדעכטיגונגען. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג, האָט זיך הערר ק. אויך געווענדט צום פּאסטאָר, וועלכער פלעגט קומען פון צייט צו צייט צו אונז אויף'ן שיף, און איהם דערצעהלט וועגען אונזערע מעשים און איהם קענטיג געבעטען, ער זאָל וואָרענען זיין גלויביגע געמיינדע געגען אונז. דער גלענצענדער נשמה־זאָרגער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט; אבער ער האָט עס געטאָן אויף אזא אומגעלומפּערטען אופן, אז אפילו פארשידענע פון זיינע קריסטליכע אָנהענגער זיינען געווארען צומישט. נאָכדעם ווי ער האָט באקאנטגעמאכט זיין קליינע געמיינדע, וועלכע האָט זיך פאר־זאמעלט ארום איהם אין עסס־זאַל, מיט די „פאלשע לעהרען פון א געוויסען סאָרט וועלט־פארבעסערער, וועלכע ווילען זיך אריינמישען אין די ווערק פון'ם רבונו של עולם", איז ער צולעצט אריינגעקומען אין אזא עקסטאז, אז ער האָט ארויסגעפּלאצט מיט די ווערטער:

„זאָגאר דאס קריסטענטום ווילען אט די מענשען פארטיליגען. אבער וואו וואלטען מיר היינט געווען אהן קריסטענטום? אהן קריסטענטום וואלטען מיר נאך געווען היידען. שטעלט זיך נאר פאר, ווי עס וואלט צוגעגאנגען אין דער היינטיגער וועלט־מלחמה אהן דעם מילדערענדען איינפלוס פון דער קריסטליכער לעהרע." — אבער דאס איז שוין אפילו פאר א טייל פון זיינע אייגענע צוהערער גע־ווען צופיל, און זיי האבען דעמאנסטראטיוו פארלאזען דעם זאל.

דעם 3טען אדער 4טען מאי איז צו מיר געקומען איינער פון אונזערע קאמעראדען, א געוויסער לעפּש, וועמען איך האב געקענט און געשעצט אלס בראווען און אויפריכטיגען מענשען, און האט מיך געפרעגט מיט א טרויעריגער שטימע, צי איך האב שוין גע־לייענט די לעצטע אויפשריפט אויף'ן שווארצען ברעט. ווען איך האב איהם געענטפערט אז ניט, האט ער מיר ערקלערט, אז עס האנ־דעלט זיך וועגען א נייעם באפעהל, לויט וועלכען פארזאמלונגען, פארטראגען א. א. וו. זיינען אויף'ן שיף שטרענג פארבאטען און פאר איבערטרעטען אט דעם באפעהל ווערט געדראהט מיט שווערע שטראפען. לעפּש האט נאך צוגעלעגט, אז אט דער באפעהל איז פון אונזערע פריווילעגירטע אויפגענומען געווארן מיט גרויסער צופרידענקייט, ווייל דערמיט וועט איינמאל פאר אלע מאל געמאכט ווערן א סוף צו דער אגיטאציע פון די „רויטע".

נאכדעם ווי איך האב זיך פערזענליך איבערצייגט, אז דא איז ניט געווען קיין שום טעות, האב איך לאנג נאכגעדענקט וועגען דעם וואס עס בלייבט אונז דא צו טאן. אפּהאלטען ווייטער פארזאמ־לונגען אונטער די דאזיגע אומשטענדען, איז נאטירליך געווען אין גאנצען אויסגעשלאסען. פון דער אנדערער זייט האט מיר פאר־דראסען, אז געמיינע מוסרים און פייגלינגע זאלען האבען אזא לייכ־טען טריאומף. ענדליך האב איך באשלאסען, זיך צו ווענדען פער־זענליך צום אדיוטאנט. לויט דער רעגעל האב איך איהם אנגע־שריבען א פאר צייל‏ען און איהם געבעטען, ער זאל מיר שענקען א פאר מינוטען. אויף מארגען האט מען מיך גערופען צו איהם. דער אדיוטאנט איז געווען אליין מיט זיין סעקרעטער, בעת איך בין

ארייגנעקומען אין ביוראָ. ער האָט מיך העפליך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג.

„איך האָב געלייענט אייער באפעהל וועגען די פאַרזאמלונגען און פאַרטראָגען," האָב איך געזאָגט, „און איך וואָלט אייך געוואָלט בעטען מיך אויסצוהערען וועגען אָט דער זאַך."

ער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אלס צייכען פון צושטימונג, און איך האָב פאָרטגעזעצט:

„פריהער פון אַלץ וויל איך זיך מודה זיין פאַר אייך, אז איך האָב זינט מאָנאַטען געהאלטען פאָרטראָגען פאַר א געוויסען קרייז פון מיינע מיטגעפאנגענע. איך האָב אייך וועגען דעם ניט געלאָזט וויסען, ווייל איך האָב ביז אהער אין ערגעץ ניט געלעזען, אז אזעלכע זאכען זיינען פאַרבאָטען. אויסערדעם האָב איך גערעדט איבער פראַגען, וועלכע וואָלטען קוים געקאָנט ארויסרופען אייער פּראָטעסט. מיינע פאָרטראָגען זיינען געווען טיילווייז איבער ליטערארישע, טיילווייז איבער סאָציאַל־פּאָליטישע טעמעס. געוויס גיב איך צו, אז מיינע אנזיכטען זיינען ניט דיזעלבע ווי די אנזיכטען פון'ם הערר ק., וועלכער פרעדיגט, ווי אייך איז באַקאַנט, יעדען זונטאָג אין עסס־זאַל. אָבער אזוי ווי מיר זיינען דאָך ניט אינטערנירט דאָ צוליעב אונזער מיינונג, נאָר ווי עס ווערט אָנגעגעבען צוליעב אונזער אייגענשאפט אלס דייטשען, גלויב איך ניט, אז אייער אבזיכט איז אוועקצונעמען ביי איינעם א רעכט, וואָס איהר ערלויבט פראַנק און פריי דעם אנדערן. געוויס האָבען מיר אלס געפאנגענע ניט קיין רעכט ארויסצוטרעטען געגען אייערע באשטימונגען. דאָס איז אויך אבסאָלוט ניט מיין אבזיכט. אָבער איך ערוואַרט פון אייער גערעכטיגקייט, אז איהר וועט אונז אלעמען מעסטען מיט דער גלייכער מאָס. פאַר מיר פּערזענליך האָט די גאַנצע זאַך אבסאָלוט ניט קיין באַדייטונג. איך געהער ניט צו די, וועלכע מוזען זיך אומבאַדינגט לאָזען הערען, און איך קאָן אויך שווייגען, אָהן דעם אז דאָס זאָל מיר קאָסטען וועלכע ס'איז אָנשטרענגונג. אָבער איך ווייס, אז פאַר אסך פון מיינע ליידענס־חברים זיינען מיינע פאָרטראָגען א ווילקאָמענע און אנגענעמע אפּוועקסלונג אין דער אומעטיגער מאָנאָ־

טאַנקייט פון זייער איצטיגען לעבען. צוליעב אַט דעם גרונד וואָלט איך אייך געבעטען אויך אויף ווייטער ניט צו לעגען קיין שטיין אויף'ן וועג פון מיין באשיידענער טעטיגקייט."

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב גערעדט האָט ער פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ווען איך בין אנשווייגען געוואָרען, האָט ער מיט א טאָן פון איראָניע געזאָגט:

„אז איך זאָל קריגען צו וויסען וועגען אייערע פערזאמלונגען, דערפאר האָבען שוין אייערע אייגענע לאַנדסלייט געזאָרגט."

איך האָב געצויגען מיט די אקסלען און געשוויגען. אין א ווייל'ע ארום האָט ער פאָרטגעזעצט:

„אזוי ווי איך האָב ביז איצט ניט באַמערקט, אז די אָרדנונג דאָ אויף'ן שיף זאָל געשטערט ווערן דורך אייערע פאָרטראָגען, האָב איך די זאַך געלאָזט געהן. איך האָב אויך איצט גאָרנישט איינ־צואווענדען דאַגעגען, אויב איהר פערזענליך זיינט גרייט איבערצו־נעמען די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאר אלע פאָלגען וואָס קאָנען דערפון ארויסקומען."

„איך בין גערן גרייט דערצו." האָב איך זיך אָפּגערופען.

„אלזאָ גוט," האָט ער געזאָגט. „זייט אזוי גוט, געהט צום צענזאָר און זאָגט איהם, אז איך האָב ערלויבט אייערע פאָרטראָגען."

כ'האָב איהם געדאַנקט און זיך געלאָזט געהן, ווען ער האָט מיך נאָך אמאָל צוריקגערופען.

„וואָס איז דאָס פאר א קערפּערשאַפט, די „ראָקער רעליעם קאָנ־פערענס"?" האָט ער געפרעגט.

כ'האָב איהם ערקלערט די צוזאמענשטעלונג און דעם צוועק פון דער קאָנפערענץ.

„און איהר גלויבט, אז מען וועט אייך באפרייען?" האָט ער געפרעגט מיט א שמייכעל.

„ליידער ניט," האָב איך געענטפערט, „אָבער ווי איהר זעהט, האָבען מיינע פריינט אין לאָנדאָן נאָך ניט פארלאָרען די האָפנונג."

„נו, ווען איהר אליין גלויבט ניט אין דעם, קאָנט איהר אויך ניט ענטוישט ווערן," האָט ער מיט א מונטערער שטימע געזאָגט. „דאָס

איז שוין פיעל ווערט. איך האָב אייך געפרעגט, ווייל צוויי הערדן פון׳ם קאָמיטעט האָבען ביי מיר געבעטען אַן ערלויבעניש אייך צו באַזוכען. איך וועל עס זיי צושיקען.״

נאָכדעם ווי איך האָב געלאָזט וויסען דעם צענזאָר, אַז דער אדיוטאַנט האָט ערלויבט מיינע פאַרטראָגען, בין איך אוועק אויף׳ן פאַרדעק, וואו מיינע קאַמעראָדען האָבען מיך שוין ערוואַרט מיט אומגעדולד. איך האָב זיי איבערגעגעבען בקיצור דעם רעזולטאַט פון מיין געשפּרעך מיט׳ן אדיוטאַנט, אָבער איך האָב זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען אונטער קיין אומשטענדען ניט דערלאָזען, אַז די זאַך זאָל פאַרשפּרייט ווערן, נאָר גאַנץ איינפאַך ווי ביז אַהער אין דער שטיל איינלאַדען די לייט צו דער נעקסטער פאַרזאַמלונג, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן.

ווען מען האָט אין דעם אַנדערן לאַגער געקראָגען צו וויסען, אַז די „רויטע״ זיינען ענטשלאָסען ניט קוקענדיג אויף דעם פאַר־באָט דאָך אָפּצוהאַלטען זייער פאַרזאַמלונג, האָט דאָס דאָרט נאַטיר־ליך פאַראורזאַכט אַ גרויסען גערודער. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער אדיוטאַנט וועט אין דעם דאָזיגען פאַל געווים אָננעמען שטרענגע מיטלען, האָבען אַסך פון אונזערע געגנער זיך שוין געפרעהט איבער דעם וואָס איז אונז פאַרגעשטאַנען.

אונזער נעקסטע פאַרזאַמלונג איז געווען אַנאָנסירט אויף זונ־טאָג. איך בין געווען איבערצייגט, אַז זי וועט זיין גאַנץ שוואַך באַזוכט, ווייל די מעהרסטע וועלען צוליעב׳ן פאַרבאָט זיך צוריק־האַלטען פון קומען. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. דאָס צימער איז זעלטען געווען אַזוי פול ווי אין יענעם אָוונט. אויסערדעם איז דער קאָרידאָר, וואָס האָט געפיהרט צו אונזער „באַהעלטעניש״, דאָס מאָל געווען באַזעצט פון אַ גאַנצער רייה פון מענשען, וועלכע פלעגען אַזוי קיינמאָל ניט קומען צו אונזערע פאַרזאַמלונגען. אַזוי ווי הערר ק. איז אויך געווען צווישען זיי, איז ביי אונז מעהר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז אַט די הערדן זיינען געקומען אַהער בלויז אויס נייגיריגקייט, וועלענדיג ביייוואוינען די סצענע און זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, ווי ענגלישע סאָלדאַטען וועלען זיך פּלוצ־

לינג באַווייזען אויף׳ן פּלאַץ און אונז אַרעסטירען. אָבער אַט די פּיינע לייט האָבען דאָס מאָל געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל הבית. איך האָב רוהיג געהאַלטען מיין פּאָרטראַג איבער „קראַ־פּאַטקין און דער סאָציאַלער דאַרוויניזם“, און איך האָב איהם געענ־דיגט, אָהן דעם אַז עפּעס זאָל געשעהן. ווען איך האָב שוין געהאַט געענטפערט אויף פאַרשידענע פראַגען, וועלכע מען האָט מיר גע־שטעלט, און קיין ענגלישער סאָלדאַט האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוויי־זען, זיינען די הערען אין קאָרידאָר געוואָרען אומרוהיג, וואָרים עפּעס האָט דאָ זיכער געמוזט זיין ניט גאַנץ גלאַט.

פאַרשידענע פון די אַנוועזענדע האָבען זיך שוין געהאַט אויפ־געהויבען פון זייערע ערטער, כדי צו פאַרלאָזען דעם פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, ווען איך האָב פּלוצלינג נאָך אַמאָל גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

„נאָך איין אויגענבליק, מיינע הערען, איך האָב אייך צו מאַכען אַ קורצע מיטטיילונג, וועלכע דאַרף אייך אינטערעסירען. איהר האָט אָהן צווייפעל געלייענט די באַקאַנטמאַכונג, וואָס די ענגלישע מיליטער־פאַרוואַלטונג האָט געפונען פאַר גוט אַרויסצולאָזען וועגען פאַרזאַמלונגען, פּאָרטראָגען א. א. וו. איך ווייס אויך, אַז מעהר ווי איינער דאָ אויף׳ן שיף האָט מיט האַרציגער פרייד און צופרי־דענקייט באַגריסט אַט דעם פאַרזאַמלונגס־פאַרבאָט, וואָרים די צאָהל פון די וואָס גלויבען, אַז מען קאָן אונטערדריקען אידעען און איבערציינונגען דורך ברוטאַלען צוואַנג, איז ליידער ניט קליין אין געוויסע קרייזען. איך בין זאָגאַר אין דער לאַגע אייך מיטצוטיי־לען, אַז אַט די באַקאַנטמאַכונג וואָלט קיינמאָל ניט ערשינען, ווען אַ גאַנצע צאָהל פון אונזערע ליעבע מיטגעפאַנגענע וואָלטען עס ניט געפונען פאַר גוט דורך אַנאָנימע בריעף אונז צו פאַר׳מסר׳ן פאַר דער מיליטער־פאַרוואַלטונג. דאָס וואָס אַט די הערען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך געווייס אַזעלכע וואָס געהען שלאָפען יעדען אָוונט מיט דער פראַזע „גאָט זאָל שטראָפען ענגלאַנד!“, האָבען ניט קוקענדיג דערויף געקאָנט פּועל׳ן ביי זיך צו פאַר׳מסר׳ן זייערע אייגענע לאַנדסלייט צו דיזעלבע ענגלענדער, — דאָס איז אַזאַ וואונ־

דערבארער כאראקטער־צוג, וואָס איך מוז איבערלאָזען פאר יעדען פון אייך אליין צו אורטיילען איבער איהם. פונדעסטוועגען האָט אויך אָט דער שריט געגען אונז געטראָגען זיין פרוכט. אויב מיר האָבען ביז אהער געקאָנט אָפּהאלטען אונזערע פארזאמלונגען אזוי צו זאָגען בלויז אין געהיים, זיינען מיר פון איצט אָן אין דער לאגע זיך צוזאמענצוקומען גאנץ עפענטליך, ווייל דורך מיין פערזענליכער אויסווירקונג האָט דער אדיוטאנט ערלויבט מיינע פאָרטראגען. מיר האָבען אלזאָ געגוג אורזאך צופרידען צו זיין מיט דעם רעזולטאט. און אצונד וויגש איך אייך א גוטע נאכט."

פון'ם קאָרידאָר האָט מען פלוצלינג דערהערט דאָס געריוש פון איילענדע טריט. די הערען, וועלכע האָבען זיך דאָרט געהאט פאר־זאמעלט, כדי צוצוזעהן ווי מען וועט אונז ארעסטירען, האָבען איצט געפונען פאר ראטזאם וואָס שנעלער צו פארשווינדען. זייער ניי־גירינגקייט איז דאָך יעדענפאלס באפרידיגט געוואָרן, הגם אויף אַן אנדער אופן ווי זיי האָבען ערווארט. די באזוכער פון דער פאר־זאמלונג האָבען אויפגענומען מיינע מיטטיילונגען מיט אַן אלגע־מיינער פרייד. אזוי האָט אָט די אומאנגענעמע געשיכטע סוף כל סוף אָנגענומען א ווענדונג, וועלכע איז פאר אונז "רויטע", ווי מען האָט אונז גערופען, געווען בלויז ווי געוואונשען.

עטליכע טעג נאָך דער דאָזיגער פאסירונג האָבען מיר געקראָגען די ידיעה וועגען דעם אונטערגאנג פון דער "לוזיטאניא". אזוי ווי מיר האָבען געקאָנט באציהען בלויז די מאָרגען־צייטונגען, וואָלט אונז די נאכריכט דערגרייכט ערשט אויף'ן אנדערן טאָג, אבער סאָל־דאטען, וועלכע זיינען געקומען פון ברעג, האָבען געבראכט די שרעק־ליכע בשורה, וועלכע האָט זיך פארשפרייט ווי א ווילדער פייער אויף'ן שיף. פאר אונזערע פאטריאָטען איז דאָס געווען א יום־טוב, א גרויסער טאָג, און אסך פון זיי האָבען זיך גאָר ניט געגעבען קיין מיה צו באהאלטען זייער פרייד. איינינע פון אָט די הערען זיינען זאָגאר געווען טאקטלאָז גענוג אין דער אָנוועזענהייט פון די ענגלישע סאָלדאטען זיך לוסטיג צו מאכען איבער דער טראגישער פאסירונג, אזוי אז עס איז שיער ניט געקומען צו א צוזאמענשטויס

און דער אַדיוטאַנט איז געצוואונגען געווען דורך אן עפענטליכער אָפּישע אויף'ן שוואַרצען ברעט צו וואָרענען די געפאנגענע געגען יעדער מאַניפעסטאַציע. אָפּשטויסענדער פון אַלץ איז געווען די באַנעמונג פון דעם שוין דערמאָנטען זונטאָג־פּרעדיגער, וועלכער איז ארומגעלאָפען ווי א משוגע'נער און יעדען פון זיינע באַקאַנטע דע־מאָנסטראַטיוו געשאָקעלט די הענט מיט די ווערטער: „איך גראַ־טוליר! איך גראַטוליר!" אָט דער פרומער היפּאָקריט, וועלכער האָט געקאָנט אזוי שען ריידען וועגען דער געטליכער בארמהאר־ציגקייט און וועגען דער אומבאַגרענעצטער ליעבע פון אונזער האַר און ערלייזער, האָט געוויס קיין רגע אפילו ניט געטראַכט וועגען די אומשולדיגע פרויען און קינדער, וועלכע האָבען געפונען דעם טויט ביי דעם אונטערגאַנג פון דער „לוזיטאַניא". דאָס שוידערליכע פון דער מורא'דיגער פּאַסירונג איז איהם און זיין גלייכען איבער־הויפּט ניט געקומען אויף'ן זינען.

געוויס איז די פאַרזינקונג פון דער „לוזיטאַניא" געווען בלויז אן עפּיזאָד אין דעם שוידערליכען בלוט־רויש פון'ם קריג, און דער פּראָטעסט־געשריי פון די יעניגע, וועלכע האָבען די מלחמה אליין געפּרעדיגט און אין דערזעלבער צייט ניט געקאָנט שאַרף גענוג פאַר־אורטיילען איהרע אומפאַרמיידליכע פאָלגען, איז געווען אָפּגע־שמאַקט און אָהן א שום זין, אויב עס זיינען נאָך ניט געווען קיין ערגערע מאָטיוועז דערצו. די פראַזע וועגען אן אַזויגערופענער „ציוויליזירטער קריגפיהרונג" איז תמיד געווען בלויז א בלוטיגער שפּאָט אויף דער ווירקליכקייט פון'ם צושטאַנד, א קלעגליכע, פייג־האַרציגע קאָנצעסיע, וואָס מען האָט כלומר'שט געמוזט מאַכען דעם אַלגעמיין מענשליכען געפיהל, און וועלכע קיין קריגפיהרענדע מאַכט האָט קיינמאָל ניט גענומען ערנסט. אויב עס האָט נאָך געפעהלט א באַוויז דערצו, איז ער דורך דעם פאַרגאַנגענעם קריג אַרויסגע־בראַכט געוואָרן ביז צו אַזאַ הויכען גראַד, אַז אויך די לעצטע „קריסטליכע" אילוזיע איז דערביי געגאַנגען צום טייוועל.

די פאַרזינקונג פון דער „לוזיטאַניא" איז זיכער ניט געווען קיין ערגער פאַרברעכען ווי די העלישע אַקציע פון די פליה־מאַשינען,

וועלכע האָבען געשפּיגען מיט טויט און פאַרדאַרבונג אויף די שוצ־לאָזע איינוואוינער פון פיינדליכע שטעדט. ווער עס וויל דעם קריג, דער מוז אויך וועלען אלע זיינע קאָנזעקווענצען, וואָרים מען קאָן ניט איין און דערזעלבער צייט פּרעדיגען דאָס געזעץ פון'ם מאָרד און דאָס געזעץ פון דער מענשליכקייט. ווען דייוויד יוהם האָט געפּרואווט פאַרשטעלען די אומזיניגקייט פון דער מלחמה מיט דעם באַקאַנטען ביישפּיל פון דעם שכור, וועמען מען האָט אָנפאַר־טרויט א פאָרצעליי־געשעפט, וואָלט דאָס איצט, אין באַצוג צו דער היינטיגער קריגפיהרונג, געקלונגען אביסעל פאַרעלטערט. אָבער עס באווייזט פונדעסטוועגען נאָך אלץ, אז דער וואָס טוט אָפּ אזאַ משוגעת, דאַרף זיך ניט באַקלאָגען אויף די שערבלעך. אָט די אויפפאסונג דאַרף פונדעסטוועגען אויף קיין פאַל ניט אָנגענומען ווערן אלס א רעכטפאַרטיגונג פון די איינצעלנע ערשיינונגען פון'ם קריג, וועלכע קאָנען פון'ם מענשליכען שטאַנדפּונקט איבערהויפּט ניט גערעכטפאַרטיגט ווערן. מחמת דעם קאָן אויך די פרייד ביי אזעלכע זאכען איינפאַך באַטראַכט ווערן אלס אן אויסדרוק פון אינערליכער ווילדקייט.

אָבער אָט די ווילדקייט איז, לויט מיין מיינונג, בשום אופן ניט דער רעזולטאַט פון א נאַטירליכער איינגעבוירענקייט ביי די מענ־שען, ווי עס איז אזוי אָפט ערקלערט געוואָרן, נאָר זי קומט אין די מעהרסטע פאַלען ארויס פון זייער אויטאָריטעטס־גלויביגקייט. דיזעלבע מענשען, וועלכע ווערן אם טיפסטען אויפגעטרייסעלט דורך וואָס פאַר עס איז אומגליק—לאָמיר זאָגען דעם אונטערגאַנג פון דער „טיטאַניק" אָדער די ערד־ציטערניש פון מעסינא — און וועלכע זיינען גרייט גאָר אָהן שוועריגקייטען בייצוטראָגען זייער טייל, כדי אויף ווי ווייט מעגליך צו לינדערן די פאָלגען פון'ם אומ־גליק, ניט אכטענדיג דערויף, צי עס האַנדעלט זיך אין דעם פאַל וועגען איטאַליענער, פראַנצויזען אָדער יאַפּאַנער, — דיזעלביגע מענשען וועלען אין צייט פון מלחמה באַגריסען מיט אָפענער פרייד אזאַ אומגליק פון'ם געגנער, אָהן דעם אז עס זאָל זיי גאָר ארויפקו־מען אויף'ן זינען דאָס אוממענשליכע פון אזא געפיהל. ווי ער־

קלערט זיך אזא ערשיינונג? איינפאך דורכדעם וואָס אין עהנ־ליכע פאַלען ווערט דאָס פערזענליכע געפיהל פון רעכט און מענש־ליכקייט ביי די מעהרסטע באַזייטיגט און זיי רעאגירען אויף די ערשיינונגען בלויז אין'ם זין פון דער שטאַאטס־פארנונפט. יעדעס פערזענליכע געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט פארשווינדט, און דאָס שרעקליכסטע פארברעכען ווערט די גרעסטע טוגענד, ווען עס ווערט נאָר באַגאַנגען אין נאָמען פון העכערע „שטאַאט־אינטערע־סען", הינטער וועלכע עס ליגען נאַטירליך אימער פארשטעקט בלויז די באַזונדערע אינטערעסען פון באַשטימטע קלאַסען פון דער גע־זעלשאַפט. יעדעס געפיהל פון אמת'ער מענשליכקייט שטאַרבט דאַן אָפּ פאַר דער קלוגשאַפט פון די געזעצען, אַלע באַציהונגען פון מענש צו מענש שטעלען זיך אין הינטערגרונד, און דער שטאַאט אַליין ענטשיידט איבער אַלע פראַגען פון גוט און שלעכט. פּונקט ווי דער גלוביגער פון'ם מיטעלאַלטער האָט אָנערקענט יעדע שרעק־ליכע טאַט אַלס גוט, אויב זי איז נאָר סאַנקציאָנירט געוואָרן פון דער קירכע, אַזוי ווערט ביי דעם מאָדערנעם שטאַאטס־גלוביגען יעדעס פאַרברעכען אַ העהרליכע טוגענד און אַן אומפארמיידליכע נויטווענדיגקייט, קוים ווערט עס נאָר געהייליגט פון'ם שטאַאט. אין אַזעלכע צייטען האנדלען די מענשען אונטער דעם איינפלוס פון אַ פּסיכאָז, וואָס פּאַראַליזירט זייער פּערזענליכען געפיהל פון רעכט, קאַסירט אויס זייער אייגענעם ווילען און אונטערוואַרפט זיי אונ־טער אַ פרעמדער מאַכט, וועלכע נוצט זיי אויס פאַר איהרע צוועק־קען. אַזוי ווערט די פליכט צום שטאַאט אַ פאַרברעכען געגען דער מענשליכקייט. בלויז ווען מען באַטראַכט עס פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט באַגרייפט מען די ווילדע פרייד פון פיעל מענשען איבער ברוטאַלע גרויזאַמקייטען אין אַזעלכע צייטען, וועלכע איז אין די מעהרסטע פאַלען בלויז דער רעזולטאַט פון אַ געשטערטען געפיהלס־לעבען.

די פאַרזינקונג פון דער „לוזיטאַניא" האָט שטאַרק אויפגערו־דערט די עפענטליכע מיינונג אין ענגלאַנד, און די געלע פּרעסע האָט ניט אַרויסגעלאָזט די טייערע געלעגענהייט פון דער האַנד,

אויפצובלאָזען דעם האַס געגען די דייטשען ביז צו א קאָכענדער היץ. די פאָלגען פון אָט דער נייער העצעריי האָבען ניט געלאָזט לאַנג ווארטען אויף זיך. אין לאָנדאָן און אין אלע גרעסערע שטעדט, וואו עס זיינען געווען דייטשען, האָבען זיך אָפגעשפילט פאָגראָמען געגען דער דייטשער באַפעלקערונג. הונדערטער קליינע געשעפטס־לייט זיינען אויסגעפלינדערט געוואָרן, זייערע קראָמען צושטערט, און זיי האָבען זיך נאָך געמעגט שעצען גליקליך וואָס עס איז מיט זיי קיין ערגערס ניט געשעהן, וואָרים אסך ציטונגען האָבען דירעקט אויפגעפאָדערט צו דערשלאָגען די דייטשען אויף טויט. מען דאַרף דאָ בלויז דערמאָנען דעם ארטיקעל „ברעד ענד טשיעז" (ברויט און קעז), וואָס איז אין יענע טעג ערשינען אין דער קאָנסערוואטיווער „מאָרנינג פאָסט" און וועלכער געהערט צו די פערל פון דעם פאטריאָטישען פאָגראָם־זשורנאליזם פון יענער צייט.

איינער פון די ווילדסטע, וועלכע האָבען זיך דאמאָלס באַמיהט אויפצוראָיען די נידעריגסטע ליידענשאַפטען פון די מאַסען, איז נאַטירליך געווען דער ארויסגעבער פון׳ם טרויעריג־באַרימטען „דזשאהן בול", האָריישיאָ באָטעמלי, וועלכער האָט אין אן ארטיקעל, באטיטעלט „א נייע ווענדעטא בלוט־ראכע", אויפגעפאָדערט מען זאָל אויסשלאַכטען אלע דייטשען אין לאַנד, ווי מען האָט אין דרייצענטען יאָהרהונדערט געטאָן מיט די פראנצויזען אין סיציליע. די באַנעמונג פון אָט דעם עקלהאַפטען דעמאגאָג, וועלכער איז אין גאנצען ענגלאנד געווען באַקאַנט אלס דער געפערליכסטער רעוואָל־ווער־זשורנאַליסט, איז נאָך געווען אָפשטויסענדער, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אז דער ווילדער צאָרן פון אָט דעם ווינקעל־פאָליטיקער איז געווען א קינסטליכע מאכעריי, און עס איז איהם דאָ, ווי ביי אלע אנדערע זאַכען, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַר־נומען, בלויז געגאַנגען וועגען געשעפט. וואָלט באטעמלי געלעבט אין דער צייט פון דזשאָנסאן, וואָלט זיכער יעדער געדענקט, אז מיט זיין פראזע „פאטריאָטיזם איז דער לעצטער מקום־מקלט פון לומ־פען" האָט דזשאנסאָן קיין אנדערן ניט געמיינט, נאָר באטעמלי׳ן.

אויב איך דערמאָן דאָ אָט די זאַכען איז דאָס ניט דערפאַר ווייל

אין מיר איז נאָך פאַראַן דער ביטערער געפיהל פאַר אומרעכטען וואָס איך האָב פערזענליך געליטען, אָדער דערפאַר ווייל איך וואָלט וועלען אוועקשטעלען די ענגלישע דזשינגאָס אין אַ באַזונדערס שלעכטען ליכט. איך פיהל זיך פריי פון יעדער ביטערקייט איבער פערזענליך געליטענע ליידען, און איך ווייס אויך, אַז היענעס פון זשורנאַליזם ווי באַטעמלי געפינען זיך ניט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר פונקט אזוי גוט אין דייטשלאַנד און איבעראַל, וואו מענשען האָבען דאָס גליק צו לעַבען אונטער די ברכות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע. אָבער וויכטיג איז דאָס וואָס אין אַזעלכע צייטען ווערן די געמיינסטע און נידערטרעכטיגסטע האַנדלונגען פון אַזעלכע נפשות ערמוטיגט אָדער ווענינגסטענס שטילערהייט געדולדעט פון רעגירונגען. אָבער אויך דאָס איז ערקלערליך, וואָרים כדי צו רעכטפאַרטיגען דאָס פאַרברעכען פון׳ם קריג איז מען געצוואונגען ארויסצורופען די גייטיגע שטימונג אין פאָלק. און ווער פאַסט זיך דערצו בעסער, איידער די „באַטעמלי ענד קאָמפּאַני“ אין אַלע לענדער. אַט דעם פאַקט זאָלען זיך באַזונדערס גוט אריינגעמען אין זינען די, וועלכע זעהען אין דער מלחמה די פאַריונגונג פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען. פונקט ווי טיערישע ברוטאַליטעט און מאָראַלישע געזונקענקייט פון׳ם ערגסטען סאָרט וואָלטען געווען אימשטאַנד ארויסצורופען די ווידערגעבורט פון׳ם מענשליכען לעבען.

אויסערגעוועגליך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט, וואָס האָט דאַמאָלס באַהערשט די מענשען, איז געווען דער אויפרוף פון אַ מר. וואָלטער ביטס פון׳ם „ענימעל האָספּיטאַל“, וועלכער איז אין יענע טעג דורכגעגאַנגען אין אַלע ענגלישע צייטונגען. דער געדאַנק אַז דורך די פּאָגראָמען אויף פיינדליכע אויסלענדער איז אַ היבשע צאָהל פון הינט און קעץ געבליבען היימלאָז, האָט דעם מר. ביטס קיין רוה ניט געגעבען, און ער האָט אין שענע, וואַרעמע ווערטער געבעטען זיינע לאַנדסלייט, זיך אָנצונעמען פאַר די באַשעפּענישען. ווער קאָן אָפּשאַצען די גאָלדענע נשמה פון אונזערע פילאַנטראָפּען! אַ וואונדער, צי וואָלט מר. ביטס עס געוואָגט ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט און זיך אָננעמען פאַר די אָרעמע

פרויען און קינדער, וועמעס היימען מען האָט צושטערט און וועלכע מען האָט ארויסגעוואָרפען אויף דער גאַס, בלויז דערפאר ווייל זיי האָבען געהאַט דאָס אומגליק געבוירען צו ווערן אין אַן אנדער לאַנד. אָט דער אויפרוף איז א מערקווירדיגער מענשליכער דאָקומענט, א סימבאָל פון יענע טעג: בעת ווען מען האָט געבעטען באַרמהאַר־ציגקקייט פאר הינט און קעץ, איז די באַרמהאַרציגקייט צו די מענ־שען פאַקטיש אַנטלאָפען צו די הינט.

די באריכטען פון די צייטונגען איבער די אַזויגערופענע „אַנטי־דזשערמאַן רייאָטס" האָבען אריינגעבראַכט פיעל פון מיינע מיט־געפאַנגענע אין א פארצווייפעלטער שטימונג. אַסך האָבען שוין זינט וואָכען לאַנג גאָרנישט געהערט פון זייערע פאַמיליעס, צוליעב דעם אָפּשטעל פון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס דער אַדיוטאַנט האָט אויף אונז ארויפגעלעגט אַלס שטראָף. מען קאָן זיך משער זיין, אין וואָס פאר אַן אַנגסט אָט די אָרעמע מענשען האָבען געלעבט און ווי זיי האָבען זיך געמוזט שרעקען וועגען זייערע פאַמיליעס, ווען זיי האָבען זיך דורך די צייטונגען דערוואוסט וועגען די ווילדע געשעהענישען אין לאַנד. קיין זאַך ווירקט ניט אזוי שווער און דריקענדיג אויף דעם מענשען'ס גייסט, ווי דאָס געפיהל פון אָהנ־מעכטיגקייט אין אַזעלכע פאַלען. זיין פאר'משפּט אויף קיין שום אופן ניט צו קאָנען טאָן עפּעס, אין דער צייט, ווען דו ווייסט, אז דיינע ליעבע און טייערע זיינען אין געפאַהר, — דאָס איז א זעלישע מאַטערניש וואָס בלויז דער, וועלכער האָט זיך אמאָל אליין געפונען אין אַן עהנליכער לאַגע קאָן דאָס פולשטענדיג באַגרייפען.

די רייאָטס האָבען געפיהרט דערצו, אז די רעגירונג האָט זיך גענומען מאַכען נייע ארעסטען פון דייטשען און עסטרייכער, ניט קוקענדיג דערויף וואָס אין יענער צייט איז פאַקטיש ניט געווען קיין פּלאַץ, וואו צו אינטערנירען גרעסערע מאַסען פון געפאַנגענע, מחמת די ריזיגע לאַגערן אויף דער „איזל־אָף־מען" זיינען נאָך דאַמאָלס ניט פארטיג געווען. אויך מיר האָבען צוגעקראָגען א היב־שע צאָהל פון נייע געסט, און מיר האָבען אויף אַזא'ן אופן ערפאַ־רען דירעקט, פון ערשטען קוואַל, ווי די לאַגע איז איבער'ן לאַנד.

צווישען די נייַ־אָנגעקומענע האָבען זיך אויך געפונען עטליכע, וועל־כע האָבען פערזענליך געליטען דורך די פּאָגראָמען. מאַנכע פון זיי האָבען פערלאָרען אַלץ וואָס זיי האָבען פּאַרמאָגט און זיינען קוים געווען אימשטאַנד זיך צו ראַטעווען מיט זייער שטיקעל לעבען. אַן עלטערער מאַן פון אומגעפעהר זעכציג יאָהר, וועלכער האָט דרייסיג יאָהר צייט אָנגעפיהרט אַ קליינע בעקעריי אין לאָנדאָן, האָט אונז מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. בעת ווען ער און זיין זוהן האָבען געמוזט אַנטלויפען איבער די דעכער, איז אין זיין קראָם און אין זיין וואוינונג ניט געבליבען קיין גאַנצער פּאַדים. דער המון האָט די גאַנצע מע־בעל צוהאַקט און צושטערט, קליידער און בעט־געוואַנט צושניטען אין קליינע שטיקלעך און אַלצדינג ארויסגעשליידערט דורך די פענסטער אויף דער גאַס, וואו דער גאַנצער הויפען איז אונטער־געצונדען געוואָרען.

„וואָס זאָל איך איצט טאָן?" האָט דער אַלטער געזאָגט. „איך בין צו אַלט צו קאָנען אָנפאַנגען נאָך אַמאָל פון אָנהויב אָן. דאָס בעסטע וואָלט געווען אריינשפּרינגען אין וואַסער. אָבער וואו נעמט מען דעם מוט דערצו?"

צווישען די נייע אָנגעקומענע האָבען זיך אויך געפונען עטליכע באַקאַנטע פון לאָנדאָן, וועלכע מען האָט ביז אַהער ניט געטשעפּעט. אָבער נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער „לוזיטאַניא" האָבען זיי אויך געמוזט דערפילען דעם טעם פון געפאַנגענשאַפט. אויך קאַרל לאַהר, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין רעוואָלוציאָנערע קרייזען, איז געווען צווישען זיי און ער האָט אונז געהאַט צו דערצעהלען מאַנכע נייעסען פון דרויסען.

ווי שטאַרק די פערזינקונג פון דער „לוזיטאַניא" האָט געווירקט אויף דער עפענטליכער מיינונג אין ענגלאַנד, דאָס האָבען מיר אויך אויף'ן שיף אַליין באַלד געמוזט דערפיהלען. ביז אַהער האָבען פאַרשידענע פון אונזערע מיטגעפאַנגענע געאַרבייט צוזאַמען מיט די ענגלישע הייצער אין'ם אינדזשין־רום, קריגענדיג פון דער שיף־קאָמפּאַניע אַ קליינע ענטשעדיגונג פאַר זייער אַרבייט. נו, האָבען

זיך די ענגלענדער פּלוצלינג ענטזאגט צו ארבייטען צוזאמען מיט די דייטשען. די פּארטרעטער פון דער שיף־געזעלשאפט האָבען זיך אפילו שטארק באַמיהט איבערצורייִדען די ענגלישע הייצער און ווירקען אויף זיי, אז זיי זאָלען צוריקציהען זייער באשלוס, וואָרים עס איז דער קאָמפּאניע שטארק געגאנגען אין דעם אז דער צושטאנד זאָל ניט געענדערט ווערן, ווייל זי האָט דורך דער באשעפטיגונג פון דייטשע ציוויל־געפאַנגענע געשפאָרט א מאסע געלד. אָבער די ענג־לישע ארבייטער זיינען געבליבען איינגע׳עקשן׳ט, ביז מען איז ענד־ליך געצוואונגען געווען צו פאַרבאָטען די דייטשען אריינצוקומען אין דעם אינדזשין־רום. ווארשיינליך זיינען די מענשען אויף דער יבשה אויך שטארק בעאיינפלוסט געוואָרן, וואָרים אויך אין סויט־ענד זיינען פאָרגעקומען גרויסע רייאָטס געגען דייטשען, און דערביי האָט מען עטליכע נאטוראליזירטע דייטשע געשעפטסלייט פולשטענ־דיג צושטערט זייערע מאגאזינען. אבער עס זיינען אויך געווען ביטרע געשעפטסלייט, וועלכע האָבען פארשטאנען ווי צו ציהען נוצען פון דער סיטואציע. דאָרט איז, צום ביישפּיל, געווען דער באזיצער פון א גרויסען טעלעסקאָפּ, וועלכער האָט ביז דאן געמאכט א לע־בען דערפון וואָס ער האָט אין שענע זומער־נעכט געלאָזט זיינע ליעבע מיטבירגער קוקען אויף דער לבנה. אָבער אפנים אז די לבנה־קוקעריי האָט זינט דעם אויסברוך פון קריג ניט געמוזט איינ־ברענגען גענוג, כדי דעם מאן צו ערנעהרען. האָט ער ניט גע־טראכט לאנג און אויפגעשטעלט זיין אינסטרומענט ביי דער לאנ־דונגס־בריק פון סויטענד, און פאר דעם פּרייז פון איין פּעני גע־לאָזט יעדען איינעם פון זיינע קליענטען א קוק טאָן אויף די „הונען“ וואָס זיינען געווען אינטערנירט אויף׳ן „ראָיאל עדוואַרד“ און אויף דער „סאקסאָניא“.

זינט דעם אונטערגאנג פון דער „לוזיטאניא“ איז אין אלגע־מיין געקומען א געוויסע ענדערונג אויף׳ן שיף. די דיסציפּלין איז געוואָרן פיעל שארפער ווי פריהער און מען האָט איינגעפיהרט א מאסע נייע באַשטימונגען, וועלכע האָבען בלויז געמוזט פארביטערן די געפאנגענע. אזוי איז פּלוצלינג אָהן יעדען קענטיגען גרונד

אָפּגעשפּאַרט געוואָרן איין זייט פון׳ם פּאַרדעק און די געפאַנגענע האָבען ניט געטאָרט צוקומען אהין. צוליעב אונזער גרויסער צאָהל האָט זיך יעדער איינער פון אונז דורכדעם געמוזט פיהלען באַשרענקט און זעהר אומבאַקוועם. דערנאָך איז געקומען א נייער באַפעהל, לויט וועלכען די געצעהלטע עטליכע באָד־צימערן, וועלכע פלעגען פריהער זיין אָפען טאָג און נאכט, האָבען געקאָנט באַנוצט ווערן בלויז צוויי שטונדען אין טאָג. דער רעזולטאַט פון אָט דער אומזיניגער גזרה איז געווען, אז די גרויסע מערהייט פון די געפאַנגענע האָט זיך אַצונד איבערהויפּט ניט געקאָנט מעהר באָדען. — אזוי ווי מיר זיינען לויט א פריהערדיגען באַפעהל געצוואונגען געווען צו פאַרברענגען דעם גאַנצען פאָרמיטאָג אויף׳ן פּאַרדעק, וואָס איז געווען זעהר אומאַנגענעם באַזונדערס אין די ווינטער־מאָנאַטען, זיינען פאַר די געפאַנגענע געבליבען בלויז די שטונדען נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבען געקאָנט וואַשען זייער וועש, פאַרלאַטען זייערע זאַכען און טאָן אנדערע נייטיגע ארבייטען. נו, איז מיט אמאָל געקומען א נייע גזרה, וואָס האָט די געפאַנגענע געצוואונגען צו בלייבען אויף׳ן פּאַרדעק אויך דעם גרעסטען טייל פון דעם נאָכמיטאָג. די פאָלגע איז געווען, אז די קערפּערליכע ריינליכקייט פון די מענשען האָט אַלץ מעהר און מעהר געמוזט פאַרנאַכלעסיגט ווערן. אַלע טענות פון די געפאַנגענע צו די מיליטער־בעאַמטע זיינען געווען ארויסגעוואָרפען. ס׳איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט געווען, וואָס די מענשען זיינען ביסלאַכווייז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מען איז דאָ קיין אנדער זאַך ניט אויסען, נאָר פּשוט זיי אָנטאָן צרות. צי דאָס איז ווירקליך געווען דער פאַל, אָדער די מיליטער־פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אנדערע מאָטיווען, ארויסגעבענדיג די דאָזיגע באַפעהלען, דאָס קאָן דאָ ניט ענטשידען ווערן. אָבער עס בלייבט דאָך א פאַקט, אז אָט די אַלע נייע גזרות זיינען געווען אומזיניג אין העכסטען גראַד און האָבען בלויז אויף אַן אומניצליכען אופן געמוזט פאַרביטערן די געפאַנגענע.

אין דער נאכט פון׳ם 12טען אויף׳ן 13טען מאַי זיינען מיר פּלוצלינג דורך א שטאַרקע שיסעריי אויפגעוועקט געוואָרן פון

שלאָף. מיר האָבען ארויפגעכאַפּט אויף זיך וואָס מיר האָבען גע־קאָנט און געעפענט דאָס פענסטערל פון׳ם שמאָלען דורכגאַנג נעבען אונזער קאַיוטע, כדי ארויסצוקוקען. דאָ האָבען מיר דערזעהן כמעט דירעקט איבער אונז — וועניגסטענס האָט עס אזוי געמאַכט דעם איינדרוק — צוויי צעפּעלינען, וועלכע זיינען געווען העל באלויכ־טען פון שיין־וואָרפער. די מאַטע זילבער־גרויקייט פון די הילען האָט זיך גאַנץ דייטליך אָפּגעשלאָגען פון׳ם טונקעלען הימעל. מען האָט געשאָסען אויף די צוויי לופט־שיפען פון שיערנעס און פון סויטענד, און מיר האָבען דייטליך געהערט דעם פייפענדיגען טאָן פון דער שיסעריי. דאָך איז קענטיג געווען, אז אחוץ דעם שרעק־ליכען ליאַרם וואָס דאָס האָט פאַראורזאַכט, האָט דער אָנגריף ניט דערגרייכט קיין שום רעזולטאַט, וואָרים די צוויי לופט־שיפען זיינען זיך ווייטער געפלויגען אויף זייער וועג צום נאָרד־ים, ביז זיי זיינען נאָך א לענגערע צייט פאַרשוואונדען פון אונזערע אויגען. אויף מאָרגען האָבען מיר געלייענט אין די צייטונגען, אז די צעפּעלינען האָבען אָפּגעשטאַט א נאַכטליכען באזוך אין לאָנדאָן און דאָרט אָנגעטאָן א היבש ביסעל שאָדען. זיי האָבען זיך אלזאָ שוין גע־פונען אויף׳ן וועג צוריק, ווען מיר זיינען דורך זיי געשטערט גע־וואָרן פון שלאָף.

אין פערצעהן טעג ארום האָבען מיר נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אן עהנליכען עפּיזאָד. ווידער אַמאָל זיינען מיר דורך א שטאַר־קער שיסעריי אויפגעריסען געוואָרן אין מיטען נאַכט פון שלאָף. אָבער דאָס מאָל האָבען מיר גאָרנישט געקאָנט זעהן. מיר האָבען בלויז געהערט אן אומאויפהערליכע שיסעריי וואָס איז געקומען פון דער ריכטונג פון סויטענד, און צווישען דעם אין לענגערע אונטער־ברעכונגען דעם טעמפּען קראַך פון שווערע אויפרייס־שטאָפען, וואָס איז לויט אונזער מיינונג געקומען פון די באָמבעס, וועלכע די לופט־פליהער האָבען ארונטערגעשליידערט אויף דער שטאָדט. אויף מאָרגען האָבען מיר זיך דורך די צייטונגען דערוואוסט, אז דייטשע לופט־שיפען זיינען אין פארלויף פון דער נאַכט געווען עטליכע שטונדען צייט איבער סויטענד און אומגעגענד און האָבען דאָרט

פאַראורזאַכט גרויסען שאַדען. אַט די ווידערהוילטע אַנגריפען האַבען א טייל פון אונז געבראַכט צו דער איבערציינונג, אז אונזער לאַגע דאַ איז גאַר ניט אזוי זיכער, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט. איינינע שטאַרק צושראָקענע געמיטער האָבען זיך זאַגאר געווענדט מיט א פעטיציע צום קריגס-מיניסטעריום, בעטענדיג מען זאָל זיי איבערשיקען אין אן אנדער אינטערנירונגס-לאַגער.

אין דער לעצטער וואָך פון מאַי האָבען מיר ערפאַרען, אז דער „ראַיאל עדוואַרד" און די „סאַקסאָניא" וועלען אין א קורצער צייט ארום אַפּגעלייזט ווערן און מען וועט אונז וואַרשיינליך אינטערנירען ערגעץ וואו אין לאָנדאָן. ביי די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט זייערע פאַמיליעס אין לאָנדאָן, האָט אַט די נאַכריכט נאַטירליך ארויסגערופען א גרויסע פרייד. א קורצע צייט פאַר דעם האָב איך אלס מיינע געסט אויף'ן שיף געהאַט מיין פרוי און מיין אַלטען פריינד א. שאַפּירא, וועלכע האָבען מיר ביידע, אזוי ווייט ווי ס'איז נאַר מעגליך געווען אין דער אַנוועזענהייט פון דעם באַוואַכענדען אָפיציר, געמאָלען א זעהר טרויעריג בילד איבער דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד. באַזונדערס האָט דער אריינטריט פון איטאַליען אין דער מלחמה אין גאַנצען צושטערט יעדע אָפּטימיסטישע שטימונג איבער דעם ווי לאַנג זי וועט נאָך געדויערן און די מערסטע זיינען געקומען צו דער איבערציינונג, אַז עס זעהט זיך נאָך פאַרלויפיג גאַר ניט קיין סוף צו דער מורא'דיגער קאַטאַסטראָפע. דאָס זיינען געווען טרויעריגע אויסזיכטען פאַר דער צוקונפט, און אַלץ עפּטער איז מיר ארויף דער געדאַנק אויף'ן זינען, אַז איך מוז צוגרייטען א פּאַרזוך צו אנטלויפען, כדי צו מאַכען א סוף צו דער דאָזיגער קלעגליכער סיטואַציע, אין וועלכער ס'איז געווען כמעט אין גאַנצען אוממעגליך צו טאָן וואָס פאַר עס איז ניצליכע ארבייט.

פאַר די ווייניגע פון מיינע דייטשע פריינט, וועלכע זיינען נאָך געווען אויף דער פריי, איז די לאַגע אויך ניט געווען קיין גלענצענדע. די אומאויפהערליכע העצעריי אין דער געלער פּרעסע, דורך וועלכער די רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו אינטערנירען אַלץ מעהר און מעהר מענשען, האָט דעם צושטאַנד איינפאַך גע-

מאַכט אומערטרעגליך פאַר די איינצעלנע. דאָס דאָזיגע שטענ־דיגע שוועבען צווישען מורא און האָפנונג האָט מיט דער צייט גע־מוזט שטאַרק ווירקען אויף די נערוועז פון די מענשען און זיי פאַרביטערן יעדע פרעהליכע מינוט. און אז דער דזשינגאָאיזם וואָלט ניט גערוהט, ביז דער לעצטער דייטש אין ענגלאַנד זאָל זיך געפינען הינטער שטעכיגע דראָהט, וועגען דעם האָט אפילו ניט גע־קאָנט זיין דער מינדסטער צווייפעל. דער קלענסטער גרונד האָט געדינט דערצו צו געבען דעם געלען זשורנאַליזם די געלעגענהייט אַלץ איבער א נייעס אריינצושליידערן אין די מאַסען זיין „אינ־טערן דהעם אַלל!“ (אינטערניט זיי אַלעמען!). און וואָס עס האָט פאַר אָט די לייט אַלץ געדינט אלס גרונד, דערפאַר בלויז איין ביי־שפיל: ס'איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין דער צוויי־טער העלפט פון'ם מאָנאַט מאַי, ווען אין ענגלאַנד איז פאָרגעקומען א מורא'דיגער אייזענבאַהן־אומגליק. ארום קאַרלייל, ניט ווייט פון דער שאָטלענדישער גרעניץ, זיינען דריי אייזענבאַהן־צוגען אריינ־געפאָהרען איינע אין די אנדערע, און דערביי האָבען אומגעפעהר צוויי הונדערט מענשען פאַרלאָרען זייער לעבען. אזוי ווי מען האָט גלייך ניט געקאָנט פעסטשטעלען די אמת'ע אורזאַך פון'ם אומגליק, האָט די „מאָרנינג פאָסט“ זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט צו דערזעהן אין אָט דער קאַטאַסטראָפע די האַנד פון דייטשע שפּי־אָנען און אויף א שאַרפען אופן צו אַטאַקירען די רעגירונג פאַר איהר „פאַרברעכערישער לאַנגזאַמקייט“. דערפאַר וואָס זי האָט נאָך אַלץ ניט אינטערנירט אַלע אויסלענדישע שונאים אין לאַנד. ס'איז קלאָר, אז אזא סיסטעמאַטישע העצעריי מוז מיט דער צייט אזוי שטאַרק ווירקען אויף דעם געמיטס־צושטאַנד פון א פאָלק, אז עס פאַרלירט סוף כל סוף יעדע קלאָרע איבערלייגונג. דאָס איז אקוראַט די שטימונג, וועלכע איז נייטיג אויף צו פיהרען קריג.

דעם 27טען מאַי, ס'איז געווען אומגעפעהר ארום מיטאָג־צייט, בין איך געשטאַנען מיט א פריינד אַנגעשפּאַרט אָן דעם פאַרענטש פון שיף און ווי דער שטייגער ארויסגעקוקט אין ים. פּלוצלינג האָבען מיר דערזעהן, ווי א ריזיגער פייער־זייל הויבט זיך אויף אין דער

ריכטונג פון שיערנעס. גלייך נאָכדעם האָבען מיר דערהערט א טעמ־פּען קראַך. אן אומגעהייערער זייל פון רויך האָט זיך אויפגעהויבען, ווערענדיג העכער און העכער, און איז דאן פאר דעם גאנצען טאָג געשטאַנען ווי א ריזיגער צעדערבוים אויף׳ן הימעל. מיר האָבען זיך גלייך געטראַכט, אז דאָ האָט געמוזט טרעפען א גרויס אומ־גליק. אויף מאָרגען האָבען מיר אין דער פּרעסע געפונען די באַ־שטעטיגונג דערפאר. ס׳איז געווען די „פּרינסעס איירין“, וועלכע איז צוריסען געוואָרן אויף שטיקער. די שיף איז אין שיערנעס אָנגע־לאָדען געוואָרען מיט אויפרייס־שטאָפען און האָט אויף מאָרגען גע־זאָלט אָפּגעהן צו די דאַרדאַנעלען. דורך וואָס פאר עס איז אורזאַך, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אויפגעקלערט ווערן, איז די שיף מיט איהרע מענשען, מיט האַק און פּאַק געשפּרונגען אין דער לופטען. ס׳איז געווען א שוידערליכע קאַטאַסטראָפע. גאַנצע גאַ־סען־צוגען זיינען אוועקגעריסען געוואָרן דורך דעם אויפרייס. אי־בער דריי הונדערט מענשען זיינען געטויטעט געוואָרן, צווישען זיי האָבען זיך געפונען דרייסיג אָפיצירען.

דעם 29טען מאַי האָבען מיר געקריגען א באַפעהל איינצופּאַקען אונזערע זאַכען און גרעסערע שטיקער באַגאַזש אָפּצוגעבען פאר טראַנספּאָרט. אין דערזעלבער צייט האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז דעם 1טען יוני וועט מען אונז אַריבערפיהרען אין „אלעקסאנדרא פּעלעס“, אן אלטע אויסשטעלונגס־געביידע אין דעם נאָרד־טייל פון לאָנדאָן, וואָס מען האָט פאַרוואַנדעלט אין אן אינטערנירונגס־לאַגער. דער געדאַנק, אז מען וועט ווידער זיין אין לאָנדאָן, האָט די מעהר־סטע פון אונז אַריינגעבראַכט אין א פרעהליכער שטימונג. שוין דאָס באַוואוסטזיין אליין, אז מען וועט זיין נאָהנט צו די ליעבע און טייערע, האָט געווירקט באַרוהיגענדיג אויף די מענשען. פונ־דעסטוועגען זיינען אויך געווען אזעלכע צווישען אונז, וועלכע זיי־נען אבסאָלוט ניט געווען צופרידען צו קומען קיין לאָנדאָן. א גאַנ־צע צאָהל פון אונזערע פּאַטריאָטען — דאָס רוב מענשען וואָס זיי־נען קיינמאָל ניט געווען אין לאָנדאָן און האָבען דאָרט אויך ניט געהאַט קיין שום באַציהונגען — האָבען זיך געווענדט צום קאָמאַנ־

דיר מיט א געמיינשאפטליכער פעטיציע, אין וועלכער זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאל זעהן, אז מען זאָל זיי אריבערפיהרען אין אן אנדער לאגער, ווייל זיי האָבען קיין חשק ניט „צו וואוינען גע־מיינשאפטליך צוזאמען מיט די לאָנדאָנער אנארכיסטען און סאָציאַ־ליסטען". צו אונזער גרויסען באדויערן איז דער קאָמאנדיר ניט געווען אימשטאנד צו דערפילען זייער וואונש, מחמת ער האָט גע־קריגען זיינע באפעהלען פון דעם קריגס־מיניסטעריום און ער האָט אין אזעלכע פאלען ניט געקאָנט ענטשיידען.

דער 1טער יוני איז געווען א פראכטפולער זומער־טאָג. איך האָב כמעט די גאנצע נאכט ניט געשלאָפען און איך בין שוין גאנץ פריה געווען אויף'ן פארדעק. ווער ווייס, וואָס עס ערוואַרט אונז אין לאָנדאָן! דאָך האָב איך וועגען דעם גאָר ניט געזאָרגט, וואָרים דער וואונש פטור צו ווערן פון דעם פלאַץ דאָ האָט אריבערגעוואוי־גען אַלעם אנדערע. א קורצע ווײלע פאר 11 אזייגער איז צו אונ־זער שיף צוגעקומען א קליינער דאמפער, וועלכער האָט אונז גע־זאָלט ברענגען צום ברעג. נאָך די זעהר לאנגווייליגע צעהלונגען און רעגיסטרירונגען זיינען מיר ענדליך ארונטער פון שיף. די ערשטע העלפט פון אונזערע ליידענס־חברים האָט מען שוין מיט א שטונדע פאר דעם געהאט אפגעפיהרט צו דער לאנדונגס־בריק פון סויטענד, וואו זיי האָבען געמוזט ווארטען אויף אונז. ס'האָט א קלונג געטאָן. לאנגזאם האָט זיך דער קליינער דאמפער אפגעטשע־פעט פון'ם „ראָיאל עדווארד" און האָט אונז געטראָגען צו דער יבשה. אצונד האָבען מיר בלויז פון דרויסען נאָך געקאָנט ווארפען א לעצ־טען בליק אויף אונזער שווימענדען געפענגניש, וואָס האָט אונז אזוי לאנג געדיענט אלס וואוינונג. א באשטימטע פאזע פון אונ־זער געפאנגענשאפט האָט ווידער אמאָל דערגרייכט איהר סוף. ווער האָט געקאָנט וויסען, וואָס די נייע וועט אונז ברענגען?

קאפיטעל 10

אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס

דער אָפּשייד פון סויטענד — צוריק אין לאָנדאָן — די אויפנאַמע — דאָס אומקוקען זיך אין דער נייער „הייט" — דער „ראָל־קאָל" — דער פריהמאָרגען־פּאראַד — געדריקטע שטימונג — דער קאמף וועגען דער שטעלע פון באטאליאָן־פיהרער — די באזוכען — אין „אָרדערלי רום" — מיין אויס׳טענה׳ן זיך מיט דעם קאָמאַנדיר — פּאָלגען — דער שטריט צוליעב מיינע פּאָרטראגען — די פּאטריאָ־טען ביים קאָמאנדיר — די פּעטיציע — די ענטשיידונג — דער ערשטער פּאָרטראַג אין טעאטער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום ברעג, האָט מען אונז ווידער אמאָל איבערגעצעהלט און אויסגעשטעלט אין רייהען. דערנאָך האָט מען אונז אונטער א שטאַרקער מיליטערישער וואַך געפיהרט אין שטאָדט אריין. דאָרט האָט אויף אונז שוין געווארט א גרויסע מחנה פון נייגיריגע, וועלכע האָבען אונז אָנגעקוקט מיט פינסטערע בליקען. איך האָב שוין מורא געהאט, אז מיר וועלען דאָ ווידער האָבען א סצענע ווי דאמאָלס, ווען מיר זיינען אָנגעקומען פון דער „אָלימפּיא" קיין סויטענד. אָבער ס׳האָט ניט פּאַסירט קיין שום עהנליכעס. דער עולם איז געשטאַנען רוהיג, אין א פינסטערן אומהיימליכען שטילשווייגען, און האָט ניט פּרובירט מאכען קיין דראָהונגען און סקאַנדאַלען. אפילו די קינדער ביי זייערע מאַמעס אויף די הענט זיינען געבליבען שטיל און האָבען אונז אנגעקוקט מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען.

דעם גרויסען וויקטאָריא־האָטעל, וואָס שטעהט אנטקעגען דער

לאַנדונגס־בריק, האָט מען פאַרוואַנדעלט אין אַן ערהוילונגס־פּלאַץ פּאַר פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען. ביי יעדען פענסטער פון דער גרויסאַרטיגער געביידע האָט מען געזעהן געדיכטע גרופּעס פון יונגע מענער מיט באַנדאַזשירטע קעפּ, וועלכע האָבען שטום אַראָפּגעקוקט אויף אונז. אויך אין דרויסען ביים הויז זיינען געשטאַנען אסך סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געטראָגען דעם אָרם אין באַנד, אָדער האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, אָנגעשפּאַרט אויף קוליעס און שטעקענס. זיי אַלע האָבען געקוקט אויף אונז פינסטער און שווייגענדיג, און אויף זייערע בלייכע פּנים׳ער איז געלעגען יענער האַרטער, כאַראַקטעריסטישער צוג, וואָס מען זעהט געוועהנליך ביי מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט מורא׳דיגע זאַכען.

לאַנגזאַם האָט זיך אונזער צוג באַוועגט דורך דער געדיכטער, ענגער גאַס צו דעם באַנהויף. אַז מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען, האָט מען אונז נאָך אַמאָל געצעהלט און אונז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען פון אַ גרייט־שטעהענדען צוג. אין יעדען וואַגאָן איז ביים פענס־טער געשטאַנען אַ סאָלדאַט, באַוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס. ס׳האָט געדויערט אַן אייביגקייט, ביז דער צוג האָט זיך ענדליך אָנגעהויבען ריהרען און סויטענד און דער ים זיינען ביסלאַכווייז פאַרשוואונדען פון אונזערע אויגען. דער אָנבליק פון די בוימער און די גרינע פעלדער און גערטנער, וואָס מיר האָבען אַזוי לאַנג ניט געזעהן, איז געוועזן אַן אמת׳ער גענוס פאַר׳ן אויג. אונזער צוג האָט זיך, ווייזט אויס, ניט געאיילט, וואָרים ער איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם און איז עטליכע מאָל געבליבען שטעהן פאַר אַ לענגערע צייט אויף׳ן מיטען אָפענעם וועג. אָבער אויך מיר האָבען זיך ניט געאיילט, און די לאַנדשאַפט, וועלכע איז געווען אין גאַנצען איינ־געטונקט אין זונשיין, האָט געגריסט אַזוי ליעבליך, אַז מיר האָבען זיך גאָר ניט געקאָנט זאַט אָנקוקען.

אַז מיר זיינען ענדליך אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט מיך דורכ־גענומען אַ מאָדנע געפיהל ביים אָנבליק פון די באַקאַנטע גאַסען און פּלעצער, וועלכע מיר האָבען געקאָנט זעהן דורך די פענסטער פון׳ם צוג. קיין זאַך האָט זיך קענטיג ניט געענדערט. דאָס גאַסען־בילד

מיט די קישענדע מחנות מענשען, וועלכע האָבען זיך באַוועגט ווי מוראשקעס נאָך אַלע ריכטונגען, איז געבליבען דאָסזעלביגע, נאָר ס׳האָט מיר אויסגעזעהן, אַז די מענשען זיינען געווען דערשלאָגענער ווי געוועהנליך, אבער דאָס איז פיליכט געווען בלויז אַן איינבילדונג. אזוי האָבען מיר ענדליך דערגרייכט וואוד גרין סטיישאָן, וואו אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אונזערע וועכטער האָבען אונז געגעבען אַ צייכען אויסצושטייגען. דער גאַנצער באַנהויף איז געווען פול מיט סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געזאָרגט, אַז מיר זאָלען וואָס שנעלער אַרויסגעהן, אבער דערביי האָבען זיי אונז ניט צו האַסטיג געיאָגט. אין דעם קליינעם סקווער נעבען דעם באַנהויף האָט מען אונז געהייסען בלייבען שטעהן. אצונד האָט מען אונז ווידער אַמאָל געצעהלט, רעגיסטרירט און אויסגעשטעלט אין רייהען. דאָס האָט גענומען אַ שטונדע צייט. אַלע פענסטער פון די אַרומיגע הייזער זיינען געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, און פון איבעראַל האָבען נייגעריגע אויגען אַראָפּגעקוקט אויף אונזער „פיינדליכער מחנה“. ווען אַלע פאָרמאַליטעטען זיינען ענדליך געווען פאַרטיג, האָט זיך אונזער צוג, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט סאָלדאַטען, גענומען ריהרען, און מיט שנעלע טריט האָט מען זיך געלאָזט אַרויפגעהן דעם בערגעל, אויף וועמעס שפּיץ עס געפינט זיך דער „אַלעקסאַנדראַ פּעלעס“.

אויבען אָנגעקומען, האָט מען זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף דער לאַנגער טעראַסע, וועלכע ציהט זיך איבער דער לענג פון דער גאַנצער פאָדערשטער זייט פון דער מעכטיגער געביידע. איצט האָט זיך איבער אַ נייעם אָנגעפאַנגען אַן אומענדליך וואַרטען און צעהלען, ביז מען האָט אונז ענדליך מיעד און הונגעריג אַריינגעלאָזט אין דעם גרויסען מיטעל־זאַל פון׳ם „פּאַלאַץ“, וואָס האָט אונז פון איצט אָן געזאָלט דיענען אַלס פּלאַץ צום וואוינען. אַז מיר זיינען אַלע געווען פאַרזאַמעלט אין מיטען פון דעם געוואַלטיגען זאַל, האָט פּלוצלינג אָפּגעקלונגען די קוויטשיגע און שטרענגע שטימע פון אַן ענגלישען אָפיציר: „די היטלען אַרונטער! איהר זיינט דאָך פון דייטשלאַנד געוואוינט אַראָפּצונעמען דעם הוט!“ ס׳איז געווען

דער נייער צענזאָר, וועלכער האָט אונז באַגריסט אויף דעם דאָזיגען פּיעל־פאַרשפּרעכענדען אופן, א יונגער לייטענאַנט מיט אומאנגענעמע צוגען און שטעכענדע אויגען. מען האָט איהם שפּעטער איבעראל גערופען דער „בעלגיער“. צי ער איז ווירקליך געווען פון בעלגישער אָפּשטאַמונג, האָב איך קיינמאָל ניט ערפאַרען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעדעקט אונזערע קעפּ, האָט מען אונז געהייסען בלייבען רוהיג, ווייל דער קאָמאנדיר פון׳ם לאַגער וויל צו אונז ריידען א פּאָר ווערטער. דער קאָמאַנדיר, וועלכער איז געווען א קאָלאָנעל, איז געשטאַנען אין מיטען זאָל, ארומגערינגעלט פון זיינע אָפיצירען. ס׳איז געווען א צימליך אלטער מאן מיט גרויע האָר און בולט׳ע געזיכטצוגען, אן ווען מען האָט אויף׳ן ערשטען בליק געקאָנט דערקענען דעם פּראָפעסיאָנעלען סאָלדאט. זיין לינקער אויער איז געווען באדעקט פון א שווארצער פארהילונג, אפנים כדי צו פארבאָרגען וואָס פאר עס איז פעהלער. ער האָט געמאכט א פּאָר טריט פאָרויס, געוואָרפען א שנעלען, פרואווענדען בליק אויף אונזערע גערדיכט־צוזאמענגעפּרעסטע רייהען און דערנאָך האָט ער צו אונז גערעדט אויף א רוהיגען און געמאָסטענעם אופן, באטאָנענדיג דערביי עטליבע מאָל, אז ער וועט אונז ניט געבען קיין גרונד זיך צו באַקלאָגען, אזוי לאנג ווי מיר וועלען נאָר פולשטענדיג דורכפיהרען זיינע באפעהלען. בעת ער האָט גערעדט, האָט ער ניט ארויסגעלאָזט פון האנד זיין שטעקען, דעם אומצושיידבארען באגלייטער פון׳ם ענגלישען אָפיציר, און האָט אונטערשטראָכען די הויפּט פּונקטען פון זיין רעדע מיט ענערגישע האנדבאוועגונגען. אויף די מעהרסטע פון מיינע ליידענס־חברים האָבען זיינע ווערטער קענטיג געמאכט א גינסטיגען איינדרוק, וואָרים זיי האָבען א טייל פון זיינע ערקלערונגען אויפגענומען מיט בייפאל. ליידער האָב איך דאָסזעלבע ניט געקאָנט זאָגען וועגען מיר. גראָד פארקערט, איך האָב זיך ניט געקאָנט באפרייען פון אן אומאנגענעמען געפיהל און איך האָב אינסטינקטיוו געפיהלט, אז אָט דער מאן מיט זיין ריין מיליטערישער איינאָרדנונג וועט האָבען וועניג פארשטענדניש פאר די באדערפענישען און געוואוינהייטען פון געפאנ־

גענע ציוויל־לייט. אבער וואס האט מען געקאנט טאן? מיר זיינען געוועזן דא און צו גוט, צו שלעכט, מיר האבען זיך געמוזט ווי עס איז צופרידענשטעלען מיט די זאכען, וועלכע וועלען דא קומען.

נאך דעם קאמאנדיר'ס רעדע זיינען מיר איינגעטיילט געווארן אין איינצעלנע קאמפאניעס. דאן האט מען יעדען איינעם אנגעוויזען זיין פלאץ, און דערביי האט מען איהם דערלאנגט זיין נייעם נומער אלס געפאנגענער. איך האב געקריגען דעם נומער 4040 און בין אריין אין דער פערטער קאמפאניע, וואו עס האבען זיך געפונען די מעהרסטע פון מיינע נעהנטערע באקאנטע. נאכדעם ווי אט די אלע זאכען זיינען געווען אפגעטאן, האב איך געפונען צייט זיך אביסעל אומצוקוקען אויף אונזער נייער „היים". ס'איז געווען דער גרויסער צענטראל־האל פון דער אויסערגעוועהנליך פארשפרייטער געביידע, וואס מען האט אונז באשטימט אלס וואוין־ארט, אן אומגעהייערער זאל, וועלכער האט אין פריהערדיגע צייטען געדיענט אלס קאנצערט־האל. דער מיטעלער טייל פון'ם זאל איז געווען אומגעפער צוויי שטאק הויך און האט געהאט א געוועלבטען גלעזערנעם דאך. די צוויי פליגלען לינקס און רעכטס זיינען געווען נידעריגער און האבען געהאט שטוקאטור־סטעליעס, באציערט מיט פארביגע מוסטערן. ביידע פליגלען זיינען געווען באגרענעצט דורך צוויי לאנגע רייהען פון פארשידענפארביגע גיפסענע סטאטועס, וועלכע האבען פארגעשטעלט אלע ענגלישע הערשער פון ווילאם דעם ערא־בערער ביז קעניגין וויקטאריא. נעבען טשארלס דעם ערשטען האט מען געזעהן דאס דראהענדע געזיכט פון'ם אייזערנעם פראטעקטאר אליווער קראמוועל. גלייך נעבען דעם אריינגאנג פון'ם ריזיגען האל האט מען באמערקט די ווייסע סטאטוע פון וויליאם שעקספיר, וועמעס בליק האט ווי פארטראכט און פאר'חלום'ט געקוקט אויף דער דאזיגער גאלעריע פון די ענגלישע גאט־געזאלבטע. אין הינטערגרונד האט זיך טרעפען־פארמיג אויפגעהויבען א מעכטיגע קירכען־גאלעריע, אויף וועלכער עס פלעגען פריהער זיצען דער אר־קעסטער און די זינגער־כארען און וואו עס איז אין מיטען געשטא־נען א ריזיגער ארגעל.

אין דעם לינקען זייטיגען פליגעל זיינען געווען היבשע עטליכע טירען, וועלכע האָבען געפיהרט צו אן אנדער אָפּטיילונג פון דער געביידע, וואָס איז נאָך ביי אונזער אָנקומען ניט געווען באַזעצט. די טירען זיינען געווען פעסט פארשלאָסען און אחוץ דעם נאָך פאר־שטעלט מיט אייזערנע גראַטעס, וועלכע מען האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט אָנגעשלאָגען. פון׳ם רעכטען זייטען־פליגעל האָבען פינף אָדער זעקס גרויסע גלעזערנע טירען ארויסגעפיהרט צו א ברייטען הויף, וועלכען מען האָט גערופען „איטאַליענישער גאָרטען“, ווייל אין פרידענס־צייטען זיינען דאָרט געווען אויסגעשטעלט אויסלענ־דישע פלאַנצען. די גלעזערנע טירען האָבען געקאָנט געעפענט ווערן, אָבער די ארויסגעגנג גופא זיינען געווען געדיכט פארשטעלט מיט גראַטעס, אזוי אז מען האָט פון אונזער זייט ניט געקאָנט צוקומען צום הויף. בעת מיר זיינען אָנגעקומען אין „פעלעם“, זיינען פון „איטאַליענישען גאָרטען“ צוגעקומען פיעל געפאנגענע צו די גראַ־טעס, כדי אונז צו באגריסען. זיי האָבען געהאט זייער קווארטיר אין רעכטען פליגעל פון דער געביידע און זיי זיינען נאָך מיט עט־ליכע וואָכען פאר אונז געבראכט געוואָרן אהין פון אן אנדער אינ־טערנירונגס־לאַגער.

דער געוועזענער אָרקעסטער־פּלאַץ איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם גרויסען האָל דורך אייזערנע גראטעס, אריינגעשלאָגען אין הילצערנע ראהמען. הינטער די גראַטעס האָט זיך אויפגעהויבען אן איינפאך צוזאמענגעקלאפּטע פּלאטפאָרמע, פון וועלכער מען האָט געקאָנט גאנץ באקוועם זעהן וואָס עס טוט זיך אין דעם גרעסטען טייל פון׳ם ריזיגען זאַל. דאָ איז א סאָלדאט מיט אן אויפגעשטעל־טען באַיאָנעט ארומגעגאנגען טאָג און נאכט ארויף און אראָפּ. גלייך ביים ארייננגאנג פון האָל האָט זיך אויפגעהויבען אן עהנליכע פּלאטפאָרמע, אויף וועלכער עס האָט פּאטרולירט אן אנדער וואַך.

אין הינטערשטען עק פון׳ם לינקען זייטען־פליגעל איז געווען אן אָפענער ארויסגאנג וואָס האָט געפיהרט צו אן אנדער זאַל, וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען. אין דער מיטעלס־טער אָפּטיילונג האָבען זיך געפונען די וואש־פּלעצער און באָד־

צימערן. לינקס דערפון, אָפּגעטיילט דורך אַ דינער, ניט זעהר הויכער ברעטער־וואַנט, איז געווען די באַטאַליאָנס־קיך. רעכטס האָט געפיהרט אַ טיר צו די אָפּטרעטען.

לינקס פון׳ם אריינגאנג, וואָס האָט געפיהרט פון׳ם גרויסען האָל צו דעם וואַש־פּלאַץ, האָט זיך געפונען אַ מין שטייג, אין וועל־כען ס׳איז שטענדיג געשטאַנען אַ סאָלדאַט אויף אַ הויכען שטענ־דער, פון וואַנען ער האָט געקאָנט האַלטען אַן אויג איבער דער גאַנ־צער לינקער זייט. דער לינקער זייטען־פליגעל האָט גלייכצייטיג אויך געמוזט דיענען אלס עסס־זאַל, ווייל קיין אַנדער פּלאַץ דער־פאַר איז ניט געווען. עס זיינען דאָרט געשטאַנען זעקס און צוואַנ־ציג טישען אין אַ לאַנגער רייה. ביי יעדען טיש האָבען געקאָנט זיצען פינף און צוואנציג מאַן. אזוי ווי די צאָהל פון די טישען איז ניט געווען גענוג, האָבען די מאָהלצייטען געמוזט, ווי אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“, איינגעטיילט ווערן אין צוויי מאָל. אויף דער־זעלבער זייט, גלייך ביים אריינגאנג פון׳ם זאַל, האָט זיך געפונען דער אזויגערופענער בופעט, וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם האָל דורך אַ וואַנט פון גראַטעס.

דער גאַנצער איבעריגער פּלאַץ איז געווען געדיכט אנגעשטעלט מיט בעטלעך, וועלכע האָבען געמוזט דיענען פאַר די געפאַנגענע אלס געלעגערס. דאָס געלעגער איז באַשטאַנען פון צוויי הילצערנע געשטעלען פון אומגעפער אַכט ביז צעהן צאָל די הויך, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען דריי ברעטער צו האַלטען דעם שטרויזאַק. דערצו האָט יעדער געפאַנגענער נאָך געקריגען אַ קליין שטרויזע־קעל אלס קישען צוקאָפּענס און דריי פערד־דעקעס.

די איינצעלנע קאָמפּאַניעס זיינען געווען אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע דורך ווענטלעך פון גראַטעס אין הילצערנע ראַהמען. די דאָזיגע מחיצות האָבען זיך געצויגען אין דער קווער דורך דער גאַנצער מיטעלסטער אָפּטיילונג און דעם רעכטען זייטען־פליגעל.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך בין געווען זעהר מיעד און דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאָן פון די אַלע נייע איינדריקען, האָב איך די ערשטע נאַכט במעט ניט געקאָנט צומאַכען קיין אויג. אויך

קאַרל'טשיק, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט זיין בעטעל ביי מיין לינקער זייט, האָט זיך אומרוהיג אַרומגעקאַטשעט אויף זיין געלעגער אַהין און אַהער, וואָס איז אַזוי אייגענטליך ניט געווען זיין געוואוינהייט. מיר האָבען געקריגען אַ ציִמליך גוטען פּלאַץ, האַרט ביי איינער פון די טירען וואָס האָבען געפיהרט צום „איטאַליענישען גאָרטען", אַזוי אַז עס האָט אונז ווענינסטענס ניט געפעהלט קיין פרישע לופט. אנטקעגען מיר האָט געשלאָפען פּענער, וועמען די נייע סביבה האָט ניט געקאָנט שטערען אין זיין שלאָף. גלייך ביים אַריינגאַנג צו אונז אין דער קאָמפּאַניע איז געשטאַנען די סטאַטוע פון'ם קעניג הענרי דעם צווייטען אין'ם לאַנגען הערמעלין, אויף'ן קאָפּ אַ קרוין.

אַלערליי געדאַנקען האָבען זיך אין דער דאָזיגער נאַכט דורכגעוואָרפען אין מיין קאָפּ. ס'איז מיר געלעגען ווי אַ שווערער שטיין אויף'ן הארצען, אליין ניט ווייסענדיג פאַרוואָס. פּיליכט איז דאָס געווען דער קאָנטראַסט, וואָס האָט אויף מיר געווירקט. אין אונזער קאַיוטע אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד" זיינען מיר געווען פיער מאַן צוזאַמען, אָבער דאָ זיינען מיר געשלאָפען אונזערע טויזענד אין איין זאַל, אין וועלכען מיר האָבען געמוזט כסדר וואוינען צוזאַמען. אויב מען האָט אויף'ן שיף שוין געפיהלט דעם שטאַרקען ווייטאָג צוליעב דעם מאַנגעל אין יעדען פּריוואַט-לעבען, האָט דאָ איבערהויפּט מעהר קיין רייד ניט געקאָנט זיין דערפון. טויזענד פראַגען האָבען באַשעפטיגט מיין מוח, ביז דער געדאַנק וועגען אַנטלויפען האָט זיך ענדליך פון דאָס ניי גענומען צו מיר. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען איך האָב ענדליך אַ מיעדער פאַרמאַכט די אויגען. אָבער מיין שלאָף האָט ניט לאַנג געדויערט, וואָרים אַ מוראדיג פייפען האָט מיך פּלוצלינג אויפגעריסען פון מיין דרעמעל. ס'איז געווען דער סיגנאַל אויפצושטעהן. אַסך פון מיינע מיטגעפאַנגענע זיינען שוין געווען מונטער און זיינען געלאָפען זיך אַרומוואַשען. דער שלאָף האָט זיך, ווייזט אויס, אין דער דאָזיגער נאַכט אויך פון זייערע אויגען אַפּגעטאָן. די איבעריגע האָבען זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון זייערע געלעגערס, נאָך האַלב פאַרשלאָפען,

אָבער דער העלער זונענשיין, וואָס איז פריינדליך אריינגעקומען דורך די פענסטער, האָט זיי באַלד געבראַכט צו זיך.

נאָך'ן פריהשטיק האָט יעדער איינער געמוזט צוגעהן צו זיין בעט, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען די צעהלונג אין געגענוואַרט פון אַן אָפיציר. די סאָלדאַטען האָבען נאָך ניט געהאַט די נייטיגע רוטינע, און אַזוי זיינען מיר אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען גע־צעהלט געוואָרן דריי מאָל, ביז אַלעס האָט געשטימט. דערנאָך האָבען מיר געמוזט פּאַר־ווייז זיך אויסשטעלען אין'ם הויפּט־גאַנג, וואָס האָט דורכגעשניטען די גאַנצע לענג פון האָל, ביז דער טויער איז ענדליך געעפענט געוואָרן. עטליכע סאָלדאַטען האָבען אונז אַראָפּגעפיהרט אין'ם „קאָמפּאונד“, א מעכטיג שטיק לאַנד וואָס איז געווען באַוואַקסען מיט הויכע גראָז און אַרומגעצוימט פון אַלע זייטען מיט א געדיכטען גדר פון שטעכיגע דראָטען. אויף דריי זייטען האָבען זיך דירעקט הינטער דעם שטעכיגען דראָהט אויפגע־הויבען הילצענע פּלאַטפאָרמעס, יעדע איינע א מאַן די הויך. אויף יעדער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען א לאַנג שטיבעל פאַר דעם פּאַטרול־מאַן, וועלכער האָט פון זיין שטעה־פּלאַץ געקאָנט זעהן דעם גאַנצען „קאָמפּאונד“. אויבען ביים אריינגאַנג זיינען געשטאַ־נען צוויי סאָלדאַטען. מיר זיינען אַלזאָ געווען גוט אָפּגעהיט.

דאָס פאַרגעניגען צו האָבען גרין לאַנד אונטער די פיס, א גענוס וואָס מיר האָבען שוין אַזוי לאַנג ניט געהאַט, האָט אונז אַלעמען אריינגעבראַכט אין א גוטער שטימונג. אסך זיינען ארומגעשפּרונ־גען ווי די קינדער אין'ם גראָז און האָבען גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר פרייד נאָך די לאַנגע מאָנאַטען פון מורא'דיגער ענג־שאַפט אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“, וואו מיר האָבען זיך קוים געקאָנט א ריהר טאָן אויף'ן פאַרדעק.

איך האָב זיך צוזאַמען מיט עטליכע פריינט אנידערגעזעצט אין'ם גראָז אויף דער רעכטער זייט פון'ם „קאָמפּאונד“, כדי עפּעס צו ליינען, כ'האָב אָבער ניט געקאָנט קומען דערצו, ווארים מיין בליק האָט זיך אַלע ווייל געווענדעט צו דער שטאָדט, וועלכע האָט זיך אויסגעשפּרייט אין א ריזיגען האַלב־קרייז צו אונזערע פיס. א

פּאָר יונגע לייט נעבען אונז האָבען זיך אמוזירט, שפּילענדיג באָל. פלוצלינג איז דער באָל ארייגגעפאַלען אין דעם גדר פון שטעכיגע דראָטען. דאָ האָט מען געמוזט א טראַכט טאָן און געפינען אן עצה. ענדליך האָט מען ערגעצוואו געקריגען א שטעקען, מיט וועלכען מען האָט דעם באָל לייכט געקאָנט ארויסשאַרען פון צווישען די דראָה־טען. אָבער קוים האָט זיך נאָר איינער פון די יונגע לייט צוגעגרייט דאָס צו טאָן, האָט דער פּאַטרול־סאָלדאַט פון אויבען פּלוצלינג אנ־געהויבען שרייען און גלייך נאָכדעם האָט ער אָנגעשטעלט אויף איהם זיין ביקס. דער יונגער מאַן האָט געמאַכט א גאַנץ פאַר־וואונדערטע מיענע און איז שנעל געגאַנגען צוריק. דורך אָט דער מאָדנער סצענע איז געוואָרן א שטיקעל גערודער, מען איז זיך צוזאַמענגעלאָפען פון פאַרשידענע זייטען און עס האָבען זיך גע־לאָזט הערען ווערטער פון עמפּערונג. די האַנדלונג פון׳ם סאָלדאַט, וועלכער איז פיליכט בלויז נאָכגעקומען זיין מיליטערישע פליכט, האָט אונז אויף דעם שטאַרקסטען אופן געבראַכט צום באוואוסט־זיין אונזער גאַנצע הפקר׳דיגע לאַגע און האָט אין גאַנצען צושטערט די פרעהליבע שטימונג פון׳ם ערשטען פריהמאָרגען.

ארום 9 אזייגער איז פּלוצלינג ערשינען דער סארדזשענט מייר־דזשאָר מיט עטליכע אונטעראָפיצירען אין׳ם „קאָמפּאונד" און האָט אונז אויפגעפאָדערט, זיך אויסצושטעלען אין באזונדערע קאָמפּאַ־ניעס, מחמת דער קאָמאַנדיר וועט באַלד קומען, כדי דורכצוגעהן אונזערע רייהען. מיר זיינען געשטאַנען וועניגסטענס א שטונדע צייט ווי צוגעשמידט אויף איין פּלאַץ, ביז דער קאָמאַנדיר האָט זיך ענדליך באוויזען מיט זיינע אָפיצירען, איז צוגעגאַנגען צו אונז און אונז הויך אויף׳ן קול געוואונשען א „גוט מאָרגען!" דערנאָך האָט ער עפּעס גערעדט א פּאָר ווערטער מיט די קאָמפּאַניע־פיהרער, און באגלייט פון זיין גאַנצען שטאַב איז ער זיך לאַנגזאַם אוועק זיין וועג. ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט, אז אָט די נאַרישע צערע־מאָניע וועט זיך ווידערהאָלען יעדען טאָג, איז די מעהרסטע פון אונז געוואָרן גאַנץ שווער אויף׳ן הארצען.

ארום האלב צוועלף אזייגער האָבען מיר זיך ווידער געמוזט

אויסשטעלען צו צוויי אין א רייה, און מיר האָבען זיך געלאָזט געהן ארויף צו דער טעראַסע. אין מיטען וועג האָט מען אונז געגע־בען אַ באַפעהל צו בלייבען שטעהן. מיר זיינען געשטאַנען א לאַנגע צייט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, ווען אויבען אויף דער טעראַסע האָט זיך פּלוצלינג באוויזען דער קאָמאַנדיר אין דער געזעלשאַפט פון עטליכע דאַמען און הערען אין ציוויל, כדי צו געבען זיינע געסט א געלעגענהייט א קוק צו טאָן אויף די „הונען“. דאָס האָט ווידער אמאָל פאַרנומען א האלבע שעה. ענדליך איז אויך אָט די פאַר־שטעלונג אריבער, און מיר האָבען אלזא געקאָנט אריינמארשירען אין האָל און זיך אנידערזעצען צום דינער.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעגעסען מיטאָג האָט מען אונז פון דאָס נײַ איבערגעצעהלט, דערנאָך האָבען מיר זיך ווידער געמוזט אויסשטעלען פּאַר־ווייז, כדי צו מארשירען צוריק אין „קאָמפּאונד“. דאָרט האָבען מיר אצונד געקאָנט פאַרברענגען ביז האלב זעקס אזייגער, ווען מיר האָבען אין געשלאָסענע רייהען צוריקגעמאר־שירט אין לאַגער, וואו מען האָט ארום זעקס אזייגער געגעסען נאַכט־מאָהל. גלייך נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער אזויגערופענער „ראָל־קאָל“, ווען מען האָט אונז צום דריטען מאָל געצעהלט, און אצונד־האָבען מיר שוין מעהר ניט געקאָנט פאַרלאָזען דעם לאַגער.

שוין גלייך אויף׳ן ערשטען טאָג האָבען מיר אָט די אלע איבע־ריגע זאַכען שרעקליך דערעסען. ס׳איז דאָך געווען גענוג וואָס מען האָט אונז געהאלטען איינגעשפּאַרט; צו וואָס נאָך אָט די אלע נאַרישע צערעמאָניעלאָך פון א מיליטערישער אויפפיהרונג? נאָך אלעם דעם זיינען מיר דאָך ניט געווען קיין סאָלדאַטען, נאָר ציוויל־לייט, פון וועלכע אסך האָבען זיך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט באַ־טייליגט אין דעם פּורים־שפּיל. צו וואָס אומזיסט און אומנישט מאַכען אונז דאָס לעבען נאָך שווערער, ווי עס איז שוין אָהן דעם אויך געווען? און דערצו נאָך אין ענגלאַנד, וואו דער גייסט פון׳ם מאָדערנעם מיליטאַריזם האָט ביז אהער געהאַט א קנאַפּען אָנהאַלט.

אסך פון מיינע ליידענס־חברים האָבען געהאַט דיזעלביגע גע־פיהלען, אָבער דאָס האָט זיך אין די ערשטע טעג ניט אזוי דייטליך ארויסגעוויזען, ווייל דער גאַנצער לאַגער איז דורך אן אנדער פראַגע

אריינגעבראכט געוואָרן אין א הויכ־גראדיגער אויפרעגונג. ס'האָט זיך נעמליך געהאנדעלט וועגען דעם, ווער עס זאָל ווערן באטאַ־ליאָן־פיהרער. אונזערע פּאַטריאָטען פון די אזוי־גערופענע „בעסערע געזעלשאפט־קלאסען" זיינען איצט שוין מעהר ניט געווען אָפּגעשיידט פון אונז, ווי אין דעם „ראָיאל ערוואַרד", און האָבען געמוזט וואוינען מיט אלע אנדערע אין'ם זעלבען זאָל, הגם זיי האָבען זיך צוזאמענגעשלאָסען אין באזונדערע קאָמפּאַניעס. מחמת דעם האָבען זיי איצט געהאט א באזונדער אינטערעס אין דעם, אז איינער פון די זייעריגע זאָל פאַרנעמען די שטעלע פון'ם באטאליאָן־פיהרער. אזוי האָט מען אלזאָ אין'ם לאַגער אָנגעפיהרט א לעבהאפטע פּראָפּאָגאנדא פאר א געוויסען הערר פּאָן מ., וועלכער האָט געשטאמט פון א שוואבישער אריסטאָקראטישער פאמיליע. אָט דער הערר איז צוריקפאָהרענדיג פון אמעריקא געפאנגען געוואָרן פון די ענגלענדער, וועלכע האָבען איהם צוערשט געבראכט קיין גיבראַלטאַר, וואו ער האָט, א דאַנק זיין אריסטאָקראטישער אָפּשטאַמונג, געשפּילט די הויפּט ראָלע צווישען זיינע מיטגעפאנגענע אין דעם דאָרטיגען אינטערנירונגס־לאַגער. שפּעטער איז ער צוזאמען מיט זיינע שיקזאלס־חברים געקומען צו אונז אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד", וואו ער האָט זיך אָבער ניט באזונדערס געשטופּט פאָרויס.

די אַגיטאַציע פון אונזערע פּאַטריאָטען האָט נאַטירליך אויך ארויסגעבראכט אויף דער אַרענאַ די לינק־געריכטעטע עלעמענטען, וועלכע האָבען געהאט גענוג גרונד, לויט אלע ערפאַרונגען וואָס זיי האָבען שוין געמאכט אויף דעם „ראָיאל עדוואַרד", ניט צו ערוואַרטען קיין שום גוטס פון א פארטרעטער פון'ם „אמת'ן דייטשטום" אלס באַטאַליאָן־פיהרער. איך בין דערום ניט געווען איבעריגס איבעראַשט, ווען א דעפּוטאציע איז געקומען צו מיר אין איינעם פון די ערשטע טעג פון אונזער זיין אין „אלעקסאנדרא פּעלעס" און האָט מיר געשטעלט די פראגע, צי וואָלט איך געווען באַרייט אנצונעמען די קאַנדידאַטור פאר דער שטעלע פון באַטאַליאָן־פיהרער. אָבער צו זייער באדויערן האָב איך דאָס צוריקגעוויזען מיטביידע הענט; כ'האָב דאָך צו גוט געוואוסט, ווי אומדאַנקבאַר אזא שטעלע

איז געווען. שטענדיג צו מוזען ארומלויפען אהין און אהער אלס פארמיטלער צווישען דער ענגלישער מיליטער־פארוואלטונג און די מיטגעפאנגענע, הייסט שטעהן צווישען צוויי פייערען און קאן ניט האבען קיין שום רייץ פאר א מענשען, וואס ווערט ניט געטריבען פון אינערליכער גאוה אדער אנדערע מאטיווען.

אבער די זאכען האבען זיך געמאכט גאנץ אנדערש ווי מען האט געדענקט. הגם מיר האבען אייגענטליך געהאט דאס רעכט אליין צו ערוועהלען אלע פארטרעטער פאר דער אינערליכער פאר־וואלטונג פון'ם לאגער, האט דער אלטער קאמאנדיר משמעות ניט געהאט קיין גרויסען רעספעקט פאר דעם דאזיגען רעכט, ווארים באלד ווי מיר זיינען אנגעקומען האט ער איינפאך איבערגעגעבען די אינערליכע פארוואלטונג צו די אלטע ליניע־קאפיטאנען פון'ם „ראיאל עדווארד". ס'איז צוועקמעסיג צו געבען דא אביסעל א גענויערע ערקלערונג איבער דעם גאנצען אפאראט פון דער אינער־ליכער ארגאניזאציע, ווייל דורכדעם וועט זיין לייכטער צו פאר־שטעהן די ווייטערע ענטוויקלונג פון די זאכען.

דער גאנצער לאגער אין'ם אלעקסאנדרא פעלעס איז באשטא־נען פון דריי באטאליאנען. לינקס פון אונז איז געווען דער באַ־טאליאן „איי", וועמעס מאנשאפט עס איז אריינגעקומען אין „פע־לעס" עטליכע וואכען נאך אונז. רעכטס פון אונז האט זיך געפו־נען דער באטאליאן „סי", וואס איז שוין געווען דא נאך פאר אונזער אנקומען. אונזער באטאליאן, דער באטאליאן „בי", איז געלעגען אזוי צו זאגען אין מיטען און איז לויט זיין צאהל געווען דער שטארקסטער. יעדער באטאליאן איז געווען איינגעטיילט אין קאמפאניעס. אונזערער האט געהאט דרייצעהן קאמפאניעס. יעדע קאמפאניע האט ענטהאלטען אומגעפעהר אכציג ביז הונדערט מאן און געהאט א קאפיטאן אדער א קאמפאניע־פיהרער, וועמעס אויפ־גאבע ס'איז געווען צו זארגען פאר דער ארדנונג און ריינליכקייט אין זיין קאמפאניע און אויפנעמען קלאגעס, ביטעס א. א. וו. פון איינצעלנע. אט די קלאגעס און ביטעס האט ער גענדארפט פאר־לעגען פאר דעם באטאליאן־פיהרער, וועלכער האט זיי דערנאך אי־

בערגעגעבען צום קאָמאַנדיר. אויסער דעם איז געווען נאָך אן אנ־דער אינסטיטוציע, די „סאַניטערי פּאָליס“, אַן אָפּטיילונג פון זיבען ביז אַכט מאַן, וועלכע האָט געמוזט זאָרגען פאר דער טעגליכער רייניגונג פון „די וואַש־פּלעצער, באַד־צימערן און אָפּטרעטען. אן שפּיץ פון די דאָזיגע לייט איז אויך געשטאַנען אַ קאַפּיטאַן. די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהערט צו דער דאָזיגער אָפּטיילונג, פלעגען קריגען פון דער באַטאַליאָנס־קאַסע אַ קליינע פּאַרגיטיגונג פאר זייער אַרבייט, דורך וואָס די איבעריגע געפאַנגענע זיינען גע־ווען באַפרייט דערפון און זיינען נאָר געווען פאַראַנטוואָרטליך פאר דער רייניגונג פון זייערע שלאָף־ און עסס־פּלעצער. פאר דער ריכ־טיגער אויסטיילונג פון׳ם עסען און פאר דער אָרדנונג ביי די טישען איז געווען פאַראַנטוואָרטליך דער אַזויגערופענער „מעס־ליעדער“, וועלכער האָט אויך געטראָגען דעם טיטול קאַפּיטאַן, אַזוי אַז דער באַטאַליאָן האָט אין גאַנצען געהאַט פופצעהן קאַפּיטאַנען, וועלכע זיינען אַלע געשטאַנען אונטער דעם באַטאַליאָן־פיהרער.

אַזוי ווי דער קאָמאַנדיר האָט איינפאַך איבערגעגעבען די פאַר־וואַלטונג צו די אַלטע פיהרער פון׳ם „ראָיאַל עדוואַרד“, ניט מאַכענ־דיג קיין נייע וואַהלען, האָבען די דאָזיגע אַלזאָ פון זייער מיט געזאָלט אויסקלייבען דעם באַטאַליאָן־פיהרער. אַלס קאַנדידאַטען פון די רייהען פון די קאָמפּאַניע־פיהרער זיינען געווען פאָרגעשלאָ־גען הערר פאָן מ. און אַ געוויסער הערר קאָלין, אַ פאָטאָגראַף, וועל־כער האָט—אויב איך האָב קיין טעות ניט—פאר דער מלחמה גע־האַט אַן אייגען געשעפט אין שאָטלאַנד. ביי דער וואַהל האָט קאָלין געקריגען מיט איין שטימע מעהר ווי הערר פאָן מ. דאָס האָט שטאַרק אויפגעקאָכט די פאַרטרעטער פון דעם „אמת׳ן דייטשטום“, וועלכע האָבען דעם הערר פאָן מ. אַרויסגעשטעלט אַלס זייער קאַנדידאַט. זיי האָבען אַלזאָ אויפגעהויבען אַ גוואַלד געגען דער ערוועהלונג פון קאָלין, און געפאָדערט, אַז דער באַטאַליאָן־פיהרער זאָל אויס־געוועהלט ווערן פון׳ם גאַנצען באַטאַליאָן, האָפענדיג אויף אַזאַ אופן צו האָבען אַ בעסערן ערפאָלג. אייניגע פון די דאָזיגע העררן, וועל־כע האָבען פריהער שטאַרק געקעמפט געגען אַן אַלגעמיינע וואַהל

דורך דעם ג א נ צ ע ן באטאליאן, ווייל זיי האבען געהערט, אז א היבשער טייל פון די געפאנגענע האט געהאט ברעה מיך ארויסצושטעלען אלס קאנדידאט, זיינען איצט—הערענדיג, אז איך האב זיך אבסאלוט אפגעזאגט דערפון — געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען זיך פערזענליך געווענדט צו מיר און געוואלט איך זאל זיי העלפען אויסווירקען אן אלגעמיינע וואהל. זיי האבען מיר ער־קלערט, אז דאס איז דאך ניט ריכטיג, אז איבער אזא וויכטיגע שטעלע ווי די באטאליאנס־פיהרערשאפט זאל מען ענטשיידען ביי א זיצונג פון די קאפיטאנען, און האבען שטארק פראטעסטירט גע־גען אזא אומערהערטע אפיקון'שאפט פון'ם גאנצען באטאליאן.

איך האב זיי רוהיג אויסגעהערט, בעת ווען א גאנצע מחנה פון מיינע קאמפאניע־חברים האבען זיך נייגיריג ארומגעקליבען ארום אונז, און איך האב זיי געגעבען פאלגענדען ענטפער:

„עס טוט מיר לייד, מיינע הערען, וואס איך קאן אין דעם דא־זיגען פאל ניט ערפילען אייער וואונש. ווען איהר וואלט פון אנ־פאנג אן פארטראטען אט דעם שטאנדפונקט, דאן וואלט איהר אומ־באדינגט געקאנט רעכענען אויף מיין הילף, ווארים אויך איך בין מיט דער מיינונג, אז די וואהל פון דעם באטאליאן־פיהרער וואלט געדארפט אונטערנומען ווערן פון דעם גאנצען באטאליאן און ניט פון א טייל קאמפאניע־פיהרער. אבער איהר האט דאך פריהער גארנישט געהאט וואס איינצואווענדען געגען דעם אופן ווי אזוי די דאזיגע וואהל איז צוגעגאנגען. אין געגענטייל, איהר האט זאגאר שטארק פארטיידיגט אט די אייגענארטיגע מעטאדע. און זייט זיך אקארשט מודה, מיינע הערען, ווען אט די וואהל פון די קאמפאניע־פיהרער וואלט זיך געענדיגט לויט אייער וואונש, וואלט דאך אייך אפילו אין חלום ניט איינגעפאלען צו פראטעסטירען געגען איהר. ערשט דאן ווען איהר זיינט דורכגעפאלען, האט איהר פלוצלינג ענט־דעקט אייער דעמאקראטיש געפיהל און איהר ווילט איצט באקעמ־פען אט די וואהל. טוט עס, מיינע הערען, אויב איהר געפינט עס פאר גוט, אבער אויף מיין אונטערשטיצונג קאנט איהר דערביי ניט רעכענען."

די העררן האָבען מיך אָנגעקוקט מיט פארוואונדערונג, ווען איך האָב זיי אויף אזא אומפארשטעלטען אופן ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, אָבער זיי האָבען גאנץ גוט איינגעזעהן, אז זיי האָבען דאָ גאָרנישט געהאט וואָס צו מאכען, און זיי האָבען זיך גלייך אָפּגעטראָגען.

אין דער צייט וואָס אין באטאליאָן האָט זיך שטארק גערודערט מיט אָט דער פראגע, איז קאָלין אוועקגעלאָפען דירעקט צום קאָמאנדיר, כדי איהם מיטצוטיילען, אז די מעהרהייט פון די קאָמפּאניע־פיהרער האָט ענטשידען פאר איהם אלס באטאליאָן־פיהרער. ווארשיינליך האָט ער ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אויך ניט פארשוויגען, אז זיין ערוועהלונג ווערט באקעמפט פון א טייל פון זיינע מיטגעפאנגענע, וואָרים אויף מאָרגען האָט דער קאָמאנדיר פארזאמעלט די קאָמפּאניע־פיהרער ארום זיך און האָט זיי ערקלערט, אז ער הייסט גוט קאָלין'ס ערוועהלונג, און אז ער וואָלט געראטען יעדען איינעם זיך צו אונטערוואַרפען דער דאָזיגער ענטשיידונג. דערמיט האָט זיך די זאך פּאָרלויפיג געענדיגט, הגם די רייסערייען צווישען די פראקציעס הינטער די קוליסען זיינען נאָך אלץ אָנגעגאנגען.

איך פערזענליך האָב ניט געהאט קיין שום באציהונגען צו די צוויי מענער, וועלכע האָבען זיך ארומגעריסען צוליעב דער באטאליאָנס־פיהרערשאפט, און איך האָב מיט קיינעם פון זיי פאר דער דאָזיגער צייט קיין וואָרט ניט געהאט אויסגערעדט. דאָך האָט עס מיר דאמאָלס אויסגעזעהן — און דאָס איז נאָך איצט אויך מיין מיינונג — אז פון זייביידען איז קאָלין געווען די פּאסענדערע פּערזאָן אלס באטאליאָן־פיהרער. די גרויסע מעהרהייט פון מיינע מיטגעפאנגענע זיינען געווען מענער, וועלכע האָבען געלעבט יאָהרען לאנג אין ענגלאנד, און פיעלע פון וועלכע האָבען געהאט זייערע פאמיליעס דאָ אין לאנד. אָט די מענשען זיינען פון נאטור אויס געווען גאנץ אנדערש איינגעשטעלט, איידער יענע, וועלכע זיינען אויף דער רייזע קיין דייטשלאנד געפאנגען געוואָרן פון די ענגלענדער, און וועלכע האָבען אין ענגלאנד גופא קיין שום פארבינדונגען ניט געהאט. צווישען אָט די צוויי קאטעגאָריעס איז געווען א קענ־

טיגער קאָנטראַסט, וועלכער האָט זיך אויף פאַרשידענע ערליי אופנים ענטוויקעלט צו אַן אָפּענער שפּאַלטונג, מחמת אונזערע פּאַטריאָטען האָבען געקוקט אויף די אַנדערע, באַזונדערס אויף די וואָס האָבען געהייראַט מיט ענגלישע פרויען, ווי אויף צווייטע קלאַסע דייטשען.

קאָלין אַלזאָ האָט געלעבט יאָהרען־לאַנג אין ענגלאַנד, זיין פרוי איז געווען פון ענגלישער אָפּשטאַמונג, און עס האָט גאָר קיין פראַגע ניט געקאָנט זיין, אַז ער האָט געמוזט האָבען מעהר פאַרשטענדעניש פאַר דער לאַגע פון די מעהדסטע פון זיינע מיטגעפאַנגענע, ווי צום ביישפּיל הערר פאָן מ., וועלכער האָט פאַר זיין קוואַליפיקאַציע אַלס באַטאַליאָן־פיהרער געקאָנט אריינוואַרפען אין וואָגשאָל בלויז זיין אַריסטאָקראַטישען טיטול און זיין באַריהמערישען, הויך־קלינגענדי־גען פּאַטריאָטיזם.

אַן אַנדער פראַגע האָט זיך געשטעלט, צי קאָלין איז געווען דער מאַן, וואָס זאָל זיך קאָנען האַלטען לאַנג אויף זיין פּלאַץ און דורכקומען מיט אַט די פאַרשידענע שטרעמונגען, וועלכע האָבען צושפּאַלטען דעם לאַגער אין פאַרשידענע ריכטונגען. דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען דער פּאַל. קאָלין איז ניט געווען קיין קעמפּער־נאַטור. ער איז געווען דער מאַן פון׳ם גאָלדענעם מיטעל־וועג, וועלכער האָט שטענדיג געזוכט צו פאַרמיטלען, אויך דאַן, ווען עס האָט איבערהויפּט שוין מעהר ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגען אַן אויסגלייכונג פון די קאָנטראַסטען. מיט דעם קאָמאַנדיר איז געווען שווער אויסצוקומען, מיט אונזערע זיבען מאָל געזיפּטע פּאַר־טרעטער פון׳ם ריינעם דייטשטום נאָך אַסך שווערער. כדי אונטער אַזעלכע אומשטענדען זיך צו האַלטען אויף׳ן פּלאַץ וואָלט מען גע־מוזט אָפּמאַכן ביי זיך קיינמאָל ניט צו דערלאָזען, אַז יענער זאָל אַטאַקירען און מען זאָל זיך דאַרפען פאַרטיידיגען, פאַרענטפערן פאַר איהם, נאָר תמיד זיין גרייט אָפּען אָנצוגרייפען, האָבענדיג אין זינען דעם אַלטען כלל: „די בעסטע באַשיצונג איז דער קלאַפּ“. אָבער דערצו איז קאָלין אבסאָלוט ניט געווען פעהיג, און מחמת דעם האָט זיין פיהרערשאַפט געקאָנט אָנהאַלטען בלויז אַ קורצע

צייט און האָט געמוזט צוזאמענברעכען ביים ערשטען שטארקען צוזאמענשטויס.

דערווייל זיינען אריבער עטליכע וואָכען, און די אלגעמיינע שטימונג צווישען די געפאנגענע איז געוואָרן אלץ דריקענדער. איך אליין האָב שוין זינט א לאנגער צייט גאָרנישט געהאט געהערט פון מיין פאמיליע, וואָרים אונזערע בריעף זיינען געלעגען וואָכענלאנג ביים צענזאָר, ביז זיי זיינען געקומען צו אונז אין די הענט. און אזוי ווי מיר איז עס געגאנגען אלע אנדערע. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז מיין פרוי באלד נאָך אונזער אָנקומען אהער געווען דאָ, אבער מען האָט זי ניט אריינגעלאָזט, ערקלערענדיג, אז זי מוז אפריהער קריגען אן אזויגערופענעם „פּערמיט" פון דעם קאָמאנדיר, איידער זי קאָן מיך באזוכען. זי האָט זיך אלזאָ געווענדט אין א בריעף צום קאָמאנדיר, אָבער מען האָט איהר פון דאָרט געענטפערט, אז מען קאָן ניט ערלויבען קיין באזוכען פאר א מאָנאט צייט, ווייל מען מוז ערשט מאכען די נייטיגע פּאָרבארייטונגען דערצו.

דאָס זיינען אלץ געווען זאכען, וועלכע זיינען ניט געווען זעהר אנגענעם, אבער דאָס איז ווייט ניט געווען דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע איז געווען די שטענדיגע אפיקון'שאפט, וואָס מען האָט אונז אויף שריט און טריט אָנגעהאנגען, די צענדליגע אידיאָטישע באשטימונגען, אונטער וועלכע מיר זיינען כסדר געווען אונטערוואָרפען, אָהן דעם אז עס זאָל דערפאר זיין די ווייטסטע נויטווענדיגקייט. מען טראָגט אריבער מיט א געוויסען פאטאליזם זאכען, וועלכע מען קאָן ניט פארמיידען, אבער אבסאָלוט נוצלאָזע באפעהלען, וועלכע האָבען ניט קיין שום באגרינדונג, מוזען אויפגענומען ווערן פון די מענשען אלס צו־להכעיס־שטיק און ערנידעריגונג.

באזונדערס אומערטרעגליך זיינען געווען די טעגליכע פּאראדען אין'ם „קאָמפּאונד" און די שרעקליכע צעהלונגען דריי מאָל אין טאָג. צייטענווייז פלעגען מיר מוזען שטעהן שטונדען־לאנג אין דער הייסער זון, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, ביז דער קאָמאנדיר

פלעגט קומען און אונז ווינשען זיין „גוט מארגען!". עס פלעגט פארקומען, אז עלטערע לייט האבען עס ניט געקאנט אריבערטראגען און זיי פלעגען דערביי פאלען אין חלשות. דער פאקט, אז אט די אלע זאכען זיינען שפעטער אפגעשאפט געווארן און צעהלונגען זיי־נען פארגעקומען בלויז צוויי מאל אין טאג, איז דער בעסטער באַ־וויז, אז עס איז איבערהויפט קיינמאל ניט געווען קיין נויטווענ־דיגקייט דערפאר. די צעהלונגען האבען שטענדיג פארנומען א מורא'דיג לאנגע צייט, און קוים האט זיך דער אפיציר פארצעהלט — וואס עס פלעגט אין דער ערשטער צייט פארקומען כמעט יעדען טאג איין מאל — האט מען געמוזט דעם טאנץ דורכמאכען פון דאס ביי.

אזוי גיך ווי מען האט אונז ארויסגעלאזט אין'ם „קאמפאונד", איז שוין מעהר ניט געווען קיין מעגליכקייט פאר דעם איינצעלנעם ארויסצוקומען פון דארט, ביז עס האט געקלונגען דער סיגנאל פאר אלעמען ארייצוגעהן צוריק. אזוי ווי אין'ם „קאמפאונד" גופא זיינען ניט געווען איינגעארדענט קיין קלאזעטען, האט יעדער איי־נער וואס האט באדארפט געהן „אויף צורך", זיך געמוזט ווענדען צום פאטרול סאלדאט ביים ארייגאנג און איהם זאגען וואס ער פאר־לאנגט. דער דאזיגער פלעגט איהם געווענליך הייסען ווארטען, ביז עס פלעגען זיך מעלדען וועניגסטענס נאך פיער אנדערע, וועלכע זיינען געפלאגט געווארן פון'ם זעלבען באדערפעניש. דאן פלעגט מען געבען אן „אלארם־סיגנאל" צו דער וואך. א סאלדאט מיט אן אויפגעשטעלטען באיאנעט האט זיך געשטעלט אן שפיץ, נאך איהם זיינען נאכגעגאנגען די פינף קאנדידאטען און הינטער זיי נאך א סאלדאט. אזוי פלעגט מען ארויסגעהן אויף'ן בערגעל צו די קלאזע־טען פון די פאטרול־לייט אין דעם שפיטאל־הויף. דארט פלעגען זיך די סאלדאטען אוועקשטעלען ביי ביידע אריינגאנג און ווארטען ביז יעדער פון די פינף האט אפגעטאן זיין געשעפט. דערנאך פלעגט מען אין דערזעלבער ארדנונג צוריק ארונטערגעהן אין'ם „קאמ־פאונד". דערביי איז ניט געווען דער קלענסטער גרונד פאר דער דאזיגער נארישער דעמאנסטראציע, ווייל דער גאנצער פלאץ איז

דאָך געווען ארומגענומען פון געדיכטע שטעכיגע דראָטען און איז בסדר באוואכט געוואָרן פון מיליטערישע פּאַטרולען.

פּונקט אזוי לעסטיג און איבעריג זיינען געווען די דריי סאָלדאַטען וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייערע באזונדערע וואך־פּאָסטען אין אונזער האָל. זיי זיינען בלויז געפאַלען די געפאַנגענע צו לאַסט, באזונדערס ביינאַכט, ווען די וואך פלעגט זיך בייטען אלע צוויי שטונדען. אזוי גיך ווי דער שליסעל האָט זיך מיט גערויש אומגעדרעהט אין שלאָס און עס האָבען זיך געלאָזט הערען די קאָמאַנדאָרופען און דאָס קלאַפּען פון די ביקסען, פלעגט דאָס מאכען אזא ליאַרם אין דעם ריזיגען האָל, אז א העלפט פון די געפאַנגענע פלעגען זיך דורך דעם יעדעס מאָל מיט שרעק אויפכאַפּען פון שלאָף. באזונדערס די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהאַט זייערע געלעגערס פּונקט אונטער די פּלאַטפאָרמעס ביים אָנפאַנג און עק פון האָל, וואו די צוויי פּאַטרולען האָבען געהאַלטען אין איין געהן ארויף און אראָפּ, — זיי איז גאָרנישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

די מעהרסטע געפאַנגענע האָבען אָט די אומנייטיגע און אומאויפהערליכע באלעסטיגונגען אָנגענומען אלס געוועהנליכע צו־להכעיס'ן, הגם זיי זיינען, ווייזט אויס, ניט געקומען צוליעב וואָס פאר עס איז באשטימטער אבזיכט, נאָר זיינען איינפאך געווען רעזולטאַטען פון מיליטערישע געוואוינהייטען.

כדי אונז דאָס לעבען צו מאכען אין גאנצען אומערטרעגליך, איז אונזער צענזאָר, דער „בעלגיער", ווי מען האָט איהם גערופען, געווען פּשוט פאררוקט דערויף אונז אָנצוטאָן אלערליי צרות. מיר האָבען געהאַט דאָס רעכט צו שרייבען צוויי מאָל א וואך צו אונזערע קרובים. צו דעם צוועק האָט מען אונז אין יעדען שרייב־טאָג אויסגעטיילט קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, זעכצעהן סענטימעטער לאנג, עלף סענטימעטער ברייט, וועלכע האָבען געהאַט אויף יעדער זייט דרייצעהן ליניעס. בלויז אזא שטיקעל פּאַפּיר האָט געמעגט באַשריבען ווערן, אי דאָס האָט מען געמעגט באנוצען בלויז די ליניעס דערצו. טאָמער האָט זיך א געפאַנגענער ביים שרייבען אביסעל פאררעכענט און אָנגעשריבען א שורה מעהר, אדער אויב ער האָט בלויז דעם

נאמען זיינעם אונטערגעשריבען אונטער דער לעצטער ליניע, האט ער געמעגט זיין זיכער, אז זיין בריעף וועט ניט אפגעשיקט ווערן און ער וועט איהם קריגען צוריק. אבער דאס פלעגט ניט געשעהן גלייך, נאר ערשט אין אכט טעג ארום, ווען דער געפאנגענער האט געגלויבט, אז זיין בריעף איז שוין לאנג ביי זיינע אייגענע אין די הענט. דאס איז געווען דירעקטע בייזוויליגקייט, און יעדער איינער פון אונז האט געפיהלט, אז דער צענזאר איז איינפאך אויסען, די מענשען צו פייניגען. מען קאן זיך פארשטעלען ווי אזא האנדלונג האט געמוזט ווירקען אויף די געפאנגענע, וועלכע האבען געוואוסט, מיט וואס פאר א ברענענדער אומגעדולד זייערע פרויען און קינדער קוקען ארויס אויף א לעבענס-צייכען פון זיי.

עס מוז דא דערמאנט ווערן נאך אן אומשטאנד, וועלכער האט געגעבען פיעל גרונד פאר אומצופרידענקייט צווישען די געפאנגענע א טייל אפיצירען האבען זיך פשוט געמאכט פאר א געוואוינהייט מיטצוברענגען מיט זיך אין באטאליאן דאמען, ביי וועמען מען האט געקאנט אויף'ן פנים אראפלייענען די „פראפעסיע" זייערע, און זיי ארויפפיהרען אויף דער פלאטפארמע, וואו דער פאטרול-סאלדאט איז ארומגעגאנגען הין און צוריק, כדי פון דארט צו קאנען באפען א קוק אויף דעם לאגער פון די „הונען". אט די פארשטע-לונגען האבען די געפאנגענע אויסערגעווענליך אויפגעבראכט און האבען זיי מיט דער צייט געמאכט אזוי ווילד, אז מאנכע פון זיי האבען געגען דעם אנגענומען גאנץ שארפע מיטלען, וועלכע האבען באלד געמאכט א סוף צו אזעלכע באזוכען. דער קאמאנדיר האט ניט געהאט קיין אהנונג פון אט די זאכען, און עס מוז דא אויסדריק-ליך קאנסטאטירט ווערן, אז בלויז איינצעלנע אפיצירען האבען בא-גאנגען אזעלכע טאקטלאזיגקייטען. ווארשיינליך האבען זיי דערביי גארנישט געטראכט, הגם ווען זיי באדענקען זיך אביסעל וואלטען זיי געמוזט קומען צום שלום, אז פאר מענשען אין אונזער לאגע קאן קיין זאך ניט ווירקען אזוי אויפרייצענדיג, ווי צו זעהן, אז מען קומט קוקען אויף זיי און אויף זייער אומגליק ווי אויף א שוישפיל.

נעמט מען אָט די אַלע זאַכען אין באַטראַכט, וועט מען באַגרייפען, אַז די שטימונג פון די געפאַנגענע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ גערייצטער. יעדער טאָג האָט געבראַכט עפּעס נייעס, אַזוי אַז די מענשען האָבען שוין גאָר ניט געקאָנט פטור ווערן פונ'ם צושטאַנד פון נערוועזער גערייצטקייט.

נאָך'ן סוף פונ'ם ערשטען מאָנאַט זיינען מיר געקומען דערצו, אַז מיר האָבען ענדליך געקאָנט אויפנעמען געסט, אָבער בלויז איינמאָל אין מאָנאַט פאַר צוואַנציג מינוט. דאָס איז געווען אַ גרויסע ענטוישונג פאַר אונז, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די באַזוכען זיינען פאָרגעקומען אונטער באַדינגונגען, וועלכע האָבען געקאָנט טרייבען יעדען עמפינדליכען מענשען צו פאַרצווייפלונג. די באַזוכען זיינען פאָרגעקומען נאָכמיטאָג, אַי דאָס נאָר אין וואָכען־טעג. אַן ערך אַ פערטעל שעה פאַר דער באַזוכ־צייט האָט מען צונויפגערופען די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געזאָלט קריגען געסט, און אונטער אַ מיליטערישער וואַך זיינען זיי אָפּגעפיהרט געוואָרן אין אַ מין קאָרידאָר. דאָרט האָט מען זיי אוועקגעזעצט אין אַ צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי לאַנגע טישען אין אַזאַ פאָזע, אַז די געפאַנגענע האָבען שטענדיג געקאָנט זיצען בלויז אויף איין זייט. יעדער טיש איז געווען אומגעפעהר אַ מעטער ברייט. איבער'ן מיטען טיש נאָך דער גאַנצער לענג נאָך האָט זיך געצויגען אַ ברעט אַן ערך דרייסיג סענטימעטער די הויך, וואָס איז ספּעציעל אָנגעקלאַפּט געוואָרן, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז די געפאַנגענע זאָלען קאָנען קומען אין וואָס פאַר עס איז קערפּערליכער באַריהרונג מיט זייערע פרויען און קינדער.

ווען אַלע געפאַנגענע האָבען זיך געהאַט אויסגעזעצט, דאַן האָבען סאָלדאַטען אַריינגעפיהרט די באַזוכער, וועלכע האָבען זיך געמוזט אויסזעצען אויף דער אַנדער זייט טיש. צווישען יעדע צוויי געסט איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט. אַכטונג צו געבען, אַז אַלעס זאָל צוגעהן אין אָרדנונג, איז אין פאַרלויף פון דער באַזוכ־צייט אויך אַנוועזענד געווען אַן אָפיציר. ס'איז די געפאַנגענע געווען שטרענג פאַרבאָטען צו געבען די באַזוכער די האַנד, אויך דאַן ניט, ווען עס

איז געווען די אייגענע פרוי און די אייגענע קינדער. אזוי גיך ווי די צוואנציג מינוט זיינען פארביי, האבען די סאלדאטען ארויסגע־פיהרט די באזוכער פון דעם צימער, און גלייך נאכדעם האט מען צוריקגעפיהרט די געפאנגענע אין לאגער.

מען האט מיר שוין געהאט דערצעהלט וועגען די דאזיגע באזו־כען, אבער איך האב די באריכטען געהאלטען פאר איבערטריבען. זאגאר אין דער „אלימפיא" האט מען אונז ערלויבט זיך צו צוקו־קען מיט פרוי און קינדער, און אויף דעם „ראיאל עדווארד" וואלט עס קיינעם ניט איינגעפאלען עפעס צו זאגען, ווען מאן און ווייב זיינען בשעת'ן באזוך געזעסען האנד אין האנד איינער נעבען אנ־דערן. נאך וואס אלזא אט די זינלאזע גזרה, וועלכע האט פוןביידע זייטען געמוזט אויפגענומען ווערען אלס גרויזאם?

באלד נאכדעם האב איך געפונען מיין נאמען אויף דער באזוך־ליסטע און האב זיך אלזא געקאנט פערזענליך איבערצייגען וועגען דער ריכטיגקייט פון דעם וואס מען האט מיר דערצעהלט. ווען מיר זיינען אלזא אריינגעפיהרט געווארען אין דעם באזוך־צימער און איך האב דערזעהן די לאנגע טישען מיט דעם הויכען ברעט אין דער מיט, בין איך געווארן אויסער זיך פאר אויפרעגונג. איך האב זיך גלייך געווענדט צו דעם אפיציר וואס האט באוואכט די צערעמא־ניע און איהם העפליך געבעטען, ער זאל זיין אזוי פריינדליך און זאגען מיין פרוי דרויסען, אז אונטער די דאזיגע אומשטענדען מוז איך ליידער אויפגעבען איהר באזוך. דער אפיציר, א מאן פון מיטעלע יאהרען, וועלכער איז אונז אלעמען געווען באקאנט אלס א זעהר סימפאטישער און טאקטפולער מענש, האט מיך ערשטוינט אנגעקוקט און געפרעגט:

„אבער פארוואס דען?"

איך האב איהם פעסט אריינגעקוקט אין די אויגען און געענט־פערט:

„ווייל מיין פרוי שטעהט צו הויך אין מיינע אויגען, אז איך זאל זי אונטערווארפען דער ערנידעריגונג פון אזא באזוך."

ער איז געוואָרן שטאַרק צוטומעלט און ענדליך האָט ער גע־זאָגט:

„אָבער דאָס איז דער באַפעהל פון'ם קאָמאַנדיר, און איך קאָן דאָ גאָרנישט ענדערן."

„דאָס ווייס איך," האָב איך געענטפערט, „און עס פאַלט מיר אפילו אין חלום ניט איין, צו וועלען מאַכען אייך פּערזענליך וואָס פאַר עס איז פאָרגעקומען דערפאַר. אָבער איך בין איבערצייגט, אז אַלס מענש וועט איהר באַגרייפען מיין שטאַנדפונקט."

ער האָט געטראַכט א ווײַלע, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„אָבער באַרעכענט פאַרט, וואָס איהר ווילט טאָן. אייער פרוי וואַרט פיליכט שוין וואָכענלאַנג אין שמערצליכער אומגעדולד, אייך צו זעהן, און אצונד ווילט איהר איהר פאַרשאַפען אָט די ביטערע ענטוישונג. באַדענקט זיך דאָך, וואָס דאָס מיינט. איך וועל אייך באַהילפיג זיין, אזוי ווייט ווי איך קאָן נאָר. זייט אזוי גוט, זעצט זיך דאָרט ביים עק טיש."

איך האָב זיך מישב געווען א ווײַלע. געוויס, דער מאַן איז געווען גערעכט. פאַר מילי'ן און פאַר מיין אינגעלע וואָלט עס גע־ווען א שטאַרקער קלאַפּ, ווען זיי וואָלטען געמוזט צוריקגעהן אהיים, אָהן מיך צו זעהן.

„גוט אלזאָ," האָב איך זיך אָפּגערופען, „וועל איך עס איהר אליין זאָגען, אז זי זאָל אָפּשטעלען איהרע באַזוכען."

מיינע מיטגעפאַנגענע האָבען ניט פאַרלאָרען קיין וואָרט פון דעם דאָזיגען געשפּרעך, און מען האָט געקאָנט זעהן אויף זייערע פּנים'ער, אז מיין שטעלונג האָט זיי באַפרידיגט. כ'האָב זיך אָני־דערגעזעצט ביים עק פון'ם ערשטען טיש, באַקעמפּענדיג מיט אַלע כוחות מיין אויפרעגונג. באַלד נאָכדעם זיינען אריינגעקומען די געסט. מילי און פערמין האָבען געוואָלט גלייך צולויפען צו מיר, אָבער א סאָלדאַט האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אז דאָס איז זיי פאַרבאָטען, און ער האָט זיי העפליך אנגעוויזען אויף דעם פּלאַץ, וואו זיי דאַרפען זיך אנידערזעצען. ווען ער האָט דערנאָך אליין געוואָלט זיך אוועקשטעלען נעבען פערמין'ען, האָט עס באַ־

מערקט דער אָפיציר, וועלכער האָט די גאַנצע צייט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון אונז. ער האָט צוגערופן דעם סאָלדאַט צו זיך, האָט איהם געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, און דער דאָזיגער האָט זיך שטיל אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט.

מיין פרוי האָט גלייך דערזעהן וואָס דאָ קומט פאָר, און אַזוי ווי זי האָט אויך באַמערקט, ווי אויפגערעגט איך בין געווען, האָט זי געזוכט מיך צו בארוהיגען. כ'האָב איהר אין קורצען ערקלערט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און איך האָב זיך דאַן געמוזט אָפּגעבען מיט מיין אינגעלע, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל צו פרעגען און איבער־הויפּט געוואָלט וויסען, ווען איך וועל קומען צוריק אַהיים. אַז מיר האָבען אונטער די דאָזיגע אומשטענדען ניט געקאָנט האָבען קיין גרויס פאַרגעניגען פון אונזער באַזוך, דאָס קאָן מען לייכט באַגריי־פען.

ס'איז געווען גראָד שרייב־טאָג, און אונטער דעם פרישען איינ־דרוק פון דער לעצטער איבערלעבעניש האָב איך זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבען מיין פרוי אַ בריעף, אין וועלכען איך האָב זי געבעט־טען, אַז זי זאָל דערווייל אָפּשטעלען איהרע באַזוכען, ווייל אין זייער איצטיגער פאָרם זיינען זיי בלויז אַן אָפּלאַכונג פון דער מענשליכ־קייט און מוזען פון יעדען איינעם באַטראַכט ווערן אַלס גרויזאַם. כ'האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער צענזאָר וועט אָט דעם בריעף קיינמאָל ניט לאָזען דורכגעהן. ער וועט איהם גאַנץ זיכער פאָרלע־גען פאַר דעם קאָמאַנדיר, און דער דאָזיגער וועט מיך שיקען רופען און מסתמא באַשטראָפען. אָבער דאָס האָב איך גראָד געוואָלט. איך האָב געהאַט אַ טיפען וואונש, זיך דורכצוריידען מיט אָט דעם מאַן, אונטער וועמעס מעכטיגען וואָרט מיר זיינען געווען אונטער־וואָרפען.

אין יענער צייט איז מיר דאָס לעבען אין זיין שטענדיגער ערני־דעריגונג און אומזיניגקייט פאָרגעקומען אַזוי אומערטרעגליך, אַז איך האָב זיך ערנסט אָפּגעגעבען מיט געדאַנקען וועגען אַנטלויפען. איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט, כ'האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז גראָד פאַר מיר, וואָס איך בין געווען אַזוי גוט באַקאַנט אין לאָנדאָן, וועט

דאָס אנטלויפען ניט זיין אזוי לייכט, אָבער איך האָב אויך גע־
וואוסט, אז די הינדערנישען זיינען ניט געווען אזעלכע, אז מען
זאָל זיי ניט קאָנען בייקומען. די אויסזיכט זיך צו מוזען אהום־
וואלגערן דאָ פיליכט נאָך יאָהרען־לאַנג און זיין פאראורטיילט צו א
לעבען פון אומטעטיגקייט, איז ניט געווען זעהר אָנציהענד. נאָך
ערגער זיינען געווען אָט די אומאויפהערליכע צוועקלאָזע און פשוט
אידיאָטישע פאָרשריפטען, וועלכע האָבען דעם מענשען פארוואנ־
דעלט אין א טויטער זאַך און כסדר געהאַלטען אין איין פייניגען
זיין געפיהל פון פערזענליכקייט. א מענש מיט א פרייהייטליכען
געפיהל טראָגט אריבער מיט א לייכטען הארצען פסיכישע ליידען
און אומבאקוועמליכקייטען, אָהן וועלכע א געפאנגענשאפט איז זיך
איבערהויפט ניט פאָרצושטעלען, אָבער ברוטאַלע מוטווילינקייט און
אומאויפהערליכע ערנידעריגונג פון זיין מענשען־ווירדע מאכען
איהם דאָס לעבען פאר א גיהנום. קיינמאָל האָב איך דאָס אזוי
שטארק ניט געפיהלט ווי דאמאָלס, און בלויז דער פעסטער באשלוס,
אליין פון אייגענער איניציאַטיווע צו מאכען א סוף צו דער דאָזי־
גער עקזיסטענץ, האָט מיר געמאכט די לאַגע ערטרעגליכער.

עס זיינען אריבער אומגעפעהר אכט טעג נאָך מיין ערשטען
באזוך, ווען מיין קאָמפאניע־פיהרער האָט מיר מיטגעטיילט, אז איך
מוז ערשיינען אין דעם אזויגערופענעם „אָרדערלי רום". איך האָב
שוין געהאָט געהערט פון מיינע מיטגעפאנגענע געוויסע זאכען וועג־
גען אָט דער אינסטיטוציע וועלכע זיינען גאָרנישט געווען געהויבען.
די זיצונגען אין'ם „אָרדערלי רום" פלעגען געוועהנליך פאָרקומען אין
יענע טעג, ווען דער קאָמאנדיר האָט ניט געדארפט מאכען קיין
אינספעקציע פון'ם לאַגער. דער „אָרדערלי רום" האָט זיך געפונען
אין דעם אזויגערופענעם „יאפאנישען טעמפעל", א הילצערן הייזעל
אין יאפאנישען סטיל וואָס איז געשטאנען אין'ם גרויסען אויס־
שטעלונגס־האָל און וואָס האָט פאר דער מלחמה געדיענט אלס דער־
פרישונגס־פלאץ פאר די באזוכער פון'ם אלעקסאנדרא פאלעס. דאָרט
איז דער קאָמאנדיר געזעסען יעדען צווייטען טאָג פון צעהן ביז
האלב צוועלף אזייגער מיט עטליכע פון זיינע אָפיצירען, כדי ארויס־

צוגעבען ענטשיידונגען איבער ביטעס וואָס זיינען איהם דערלאַנגט געוואָרן, אָדער אויסצוטיילען שטראָפען.

ווען א געפאַנגענער האָט געהאַט וואָס פאַר עס איז בקשה צו דעם קאָמאַנדיר, האָט ער זי אַפריהער געמוזט אָנשרייבען און דער־לאַנגען די שריפט צו זיין קאָמפּאַניע־פיהרער, וועלכער האָט עס באַדאַרפט איבערגעבען צו דעם צענזאָר. אויב עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען א פראַגע, וועלכע דער צענזאָר אַליין האָט ניט גע־קאָנט ענטשיידען, האָט ער פאַרגעבראַכט די זאַך פאַר דעם קאָמאַנ־דיר, וועלכער האָט זי געשליכטעט אין׳ם „אָרדערלי רום״. די ענט־שיידונג פלעגט געוועהנליך ארויסגעגעבען ווערן אין דער געגנוואַרט פון׳ם געפאַנגענעם. דאָסזעלבע איז אויך געווען דער פאַל, ווען א געפאַנגענער האָט אריבערגעטראָטען איינע פון די פיעלע פאַר־שריפטען פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג אָדער זיך סתם אזוי פאַר־זינדיגט אין עפּעס, פלעגט ער פאַרגעבראַכט ווערן פאַר דעם קאַ־מאַנדיר אין׳ם „אָרדערלי רום״, כדי דאָרט צו קריגען זיין שטראָף. קיין סך צערעמאָניעס זיינען אין דעם „אָרדערלי רום״ ניט געמאַכט געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פלעגט געוועהנליך ארויסגעבען זיין ענט־שיידונג אין א קורצען, באַפעהלענדען טאָן, און די מעהרסטע גע־פאַנגענע האָבען גאָר ניט געוואַגט צו זאָגען עפּעס געגען דעם, מורא האָבענדיג, אז זיי וועלען זיך דערמיט נאָך ערגער מאַכען. ערגער פון אַלעמען איז געווען יענע, וועלכע האָבען ניט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. אין אַזעלכע פאַלען פלעגט דער צענזאָר צוגעצוי־גען ווערן אלס איבערזעצער, אָבער אַזוי ווי דער קאָמאַנדיר איז געווען א זעהר אומגעדולדיגער אַלטער מאַן, פלעגט זעלטען ארויס־קומען עפּעס גוטס דערפון, באַזונדערס נאָך דערפאַר, ווייל די מעהר־סטע צענזאָרען האָבען ניט פאַרשטאַנען גענוג דייטש, און זייערע איבערזעצונגען זיינען צייטענווייז געווען ווייט פון צו זיין ריכטיג. ס׳האָט געטראָפען מעהר ווי איין מאָל, אז א מאַן איז באַשטראָפט געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל זיין פאַל איז ניט ריכטיג איבערזעצט געוואָרן פאַר דעם קאָמאַנדיר. אין פאַרלויף פון מיין גאַנצער גע־פאַנגענשאַפט האָב איך באַגעגענט בלויז איין איינציגען צענזאָר,

וועלכער האָט פארשטאַנען צימליך גוט דייטש. דאָס איז געווען דער צענזאָר פון דעם „איי"־באַטאַליאָן אין אלעקסאַנדרא פעלעס, מר. מארלי.

דער קאָמאַנדיר איז, ווי שוין באוואוסט, געווען א גאַנץ אלטער מאַן, וועלכער איז נאָך דערצו פון צייט צו צייט געפּלאָגט געוואָרן פון א שווערער קראַנקהייט. טאָמער האָט מען איהם גראָד געטראָ־פען אין זיין שלעכטען טאָג, פלעגט ער בושעווען ווי א משוגע'נער, פלעגט שרייען און שימפען, פלעגט קלאַפּען מיט זיין שפּאַציר־שטעקען אויף'ן טיש און אויף די בענק, אז עס פלעגט אָפּקלינגען איבער'ן גאַנצען זאַל, און זאַגאר מיט זיינע אייגענע אָפיצירען פלעגט ער זיך דאַן באַגעהן ווי א ווילדער. די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהאַט דאָס אומגליק צו מוזען אין אזא טאָג קומען אין'ם „אָרדערלי רום", האָט מען ווירקליך ניט געהאַט וואָס מקנא צו זיין, וואָרים מעהר ווי איין מאָל איז עס דאָרט צוגעגאַנגען ווי אין א דול־הויז. פון דער אַנדער זייט דאַרף אָבער דאָ געזאָגט ווערן, אז אין טעג, ווען דער אלטער איז געווען אין א גוטער שטימונג און איז ניט געמוטשעט געוואָרן פון זיין קראַנקהייט, פלעגט ער זיך אין אל־געמיין ארויסווייזען זעהר מענשליך און פלעגט זיך לאָזען ריידען איבער אזעלכע זאכען, פון וועלכע ער וואָלט אין אנדערע טעג ניט געוואָלט הערען און וויסען.

נו, האָב איך אצונד אליין געדאַרפט ערשיינען אין'ם „אָרדערלי רום". איך בין געווען איבערצייגט, אז דאָס האָט מיר דער בריעף פארשאַפט דעם כבוד צו מוזען פאָרקומען פאַר אָט דעם שטרענגען מאַן. מיין קאָמפּאַניע־פיהרער האָט מיך אריינגעפיהרט אין דעם יאַפּאַנישען טעמפּעל, וועלכען איך האָב אין יענעם טאָג צום ערשטען מאָל געקראָגען צו זעהן. דער אזויגערופענער „טעמפּעל" איז באַ־שטאַנען פון צוויי אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געווען אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער דורך א צווישענרוים פון עטליכע מעטער. אויף איין זייט איז געזעסען דער קאָמאַנדיר מיט זיינע אָפיצירען, אויף דער אַנדער זייט זיינען געשטאַנען די פאָרגערופענע געפאַנ־גענע, וועלכע האָבען גאַנץ באַקוועם געקאָנט זעהן און הערען אלצ־

דינג וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם קאָמאַנדיר׳ס זייט. אַזוי גיך ווי אַ פאַל איז אָפּגע׳פּטר׳ט געוואָרן, פלעגט דער געפאַנגענער זיך אומקערען מיט זיין קאָמפּאַניע־פיהרער צוריק אין באַטאַליאָן, בעת ווען דער צענזאָר פלעגט גלייך אויף׳ן שטעל אויסרופען דעם נאָמען פון דעם נעקסטען געפאַנגענעם אויף דער ליסטע, וועלכער פלעגט דאַן מוזען צוגעהן צום קאָמאַנדיר׳ס טיש.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין „טעמפּעל“, האָבען זיך שוין דאָרט געפונען צעהן אָדער צוועלף פון מיינע מיט־געפאַנגענע פון אַלע דריי באַטאַליאָנען. אויף דער אנדער זייט איז געזעסען דער צענזאָר ביי אַ טיש, בעת ווען עטליכע אָפיצירען זיינען געשטאַנען און געשמועסט צווישען זיך. אין דעם צווישענרוים גלייך ביים אריינגאַנג איז געשטאַנען אַ סאַרדזשענט, בעת ווען ביי דער טיר האָט זיך געפונען אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. דער קאָמאַנדיר איז נאָך דערווייל ניט געווען. אין אַ צעהן מינוט ארום האָט זיך פּלוצלינג פון דרויסען דערהערט דער רוף: „דהי קאָמענדענט!“ אַלע האָבען זיך האַסטיג אַ הויב געטאָן און געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט אויף זייערע פּלעצער. דער סאַרדזשענט האָט מיט זיין האַנד אויפגעעפענט די טיר, בעת ווען די אנדערע האַנד האָט זיך אויסגעשטרעקט צו דער מיץ. דער קאָמאַנדיר איז אריינגעקומען, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, און יעדער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. קוים האָט ער זיך נאָר אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול, האָט איהם דער צענזאָר גלייך פאַרגעבראַכט דעם ערשטען פאַל. ער האָט אויסגעהערט אומגעדולדיג, און מען האָט געקאָנט דערקענען אויף איהם, אַז זיין שטימונג איז ניט געווען קיין גלענצענדע. די איינצעלנע פאַלען זיינען גאַנץ שנעל אָפּגע׳פּטר׳ט געוואָרן. אַ טייל בלויז מיט אַ קורצען „יאָ“ אָדער „ניין“ אָהן וואָס פאַר עס איז קאָמענטאַר. אַ פאָר מאָל איז דער אַלטער הערר שוין געווען ארויס פון די כלים און האָט זיך געזידעלט, אַז עס איז פּשוט געווען אַ פאַרגעניגען איהם צוצוהערען. זאָגאַר דעם צענזאָר פון׳ם „סי־באַטאַליאָן האָט ער צוגעוואָרפען אַ בייזען „דעם יו!“

ענדליך האָט דער צענזאָר אויסגערופען מיין נאָמען. איך בין

צוגעגאַנגען צו בעם טיש פון'ם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט מיך צו־ערשט גאַר ניט באַמערקט, נאָר ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמ־קייט געלייענט אַ בריעף, וועלכען איך האָב גלייך דערקענט אַלס מיינעם. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעשפאַרט מיט'ן רוקען אָן זיין שטול און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ דורכ־בויערענדען בליק. איך האָב איהם רוהיג אריינגעקוקט אין די אוי־גען און האָב ניט אַראָפּגעלאָזט מיין בליק, ווי ער האָט עס פֿי־לייכט ערוואַרט. אַזוי בין איך געשטאַנען אַ ווייל'ע. פּלוצלינג האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ שטרענגען טאָן:

„האָט איהר געשריבען אָט דעם בריעף?"

איך האָב געענטפערט יאָ אויף זיין פראַגע. זיינע אויגען האָ־בען מיך מיט כעס אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס. פּלוצלינג איז ער אויפגעשפרונגען, האָט אַ זעץ געטאָן מיט זיין שטעקען אויף'ן טיש און זיך צושריען אויף'ן קול:

„איך רוף דאָס אַ פאַרדאַמטען, אָן אומפאַרשעמטען בריעף! וואָס האָט איהר זיך געטראַכט, ווען איהר האָט דאָס געשריבען?"

אַ ביטער וואָרט האָט מיר שוין געשוועבט אויף די ליפּען, אָבער איך האָב זיך נאָך באַצייטענס צוריקגעהאַלטען און געזאָגט:

„דאָס וואָס איך האָב דאָ געשריבען איז געווען דער אויסדרוק פון מיין אינערסטען געפיהל. און איך וואָלט נאָך היינט אויך געטאָן דאָסזעלבע."

אַלע האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. דער צענזאָר און די אָפיצירען האָבען מיך אָפּגעמאָסטען מיט נייגיריגע בליקען. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי עס וואָלט געטראָפען צום ערשטען מאָל, אַז אַ געפאַנגענער זאָל וואַגען צו פאַרטרעטען אַ שטאַנדפּונקט פאַר דעם קאָמאַנדיר. אָבער ער אַליין איז ערשט איצט ריכטיג אריין אין דער רציחה און האָט געשריען אויף מיר:

„איהר דערוועגט זיך אין אייער בריעף צו ריידען וועגען גרוי־זאַמקייט. ווילט איהר דערמיט באַהויפּטען, אַז איך האָב אייך באַהאַנדעלט גרויזאַם?"

„איך האָב אַבסאָלוט ניט געהאַט די אַבזיכט אייך פערזענליך

צו באשולדיגען אין גרויזאמקייט.״ האב איך געענטפערט. „כ׳האב מיט דעם דאזיגען ווארט געוואלט טרעפען בלויז דעם סיסטעם, וועמעס טרעגער איהר זיינט.״

„און אין וואס באשטעהט, לויט אייער מיינונג, די גרויזאמקייט, וועלכע מען האט געגען אייך באגאנגען?״ איז ער מיר אומגעדולדיג אריינגעפאלען אין די רייד.

„איך האב ניט געהאט די געלעגענהייט צו דריקען מיין פרוי די האנד, ווען זי האט מיך באזוכט, און איך האב ניט געקאנט נעמען מיין אינגעלע צו מיר אויף׳ן שויס. דאס איז מיר פארגעקומען גרויזאם, איבערהויפט נאך ווען ניט אין דער „אלימפיא״ און ניט אויף׳ן „ראיאל עדווארד״ האט מען אויף אונז ארויפגעלעגט אזא מין צוואנג.״

דא אבער איז דער אלטער מאן אזוי ארויס פון די כלים, אז מען האט איהם שוין ניט געקאנט מעהר צוריקהאלטען.

„פארדאמט די אלימפיא! פארדאמט דער ראיאל עדווארד!״ האט ער געשריען ווי א משוגענער. „איך מוז דורכפיהרען מיינע פארשריפטען, כדי צו פארהינדערן שמוגלעריי. אייער בריעף איז אומזיניג. ווייסט איהר, אז איך קאן אייך פאר דעם דאזיגען בריעף שטרענג באשטראפען?״

איך האב איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען און גאנץ רוהיג געזאגט:

„כ׳ווייס, אז איהר קאנט מיך באשטראפען. איך בין איצט בלויז א שוצלאזער מאן, וועמען דאס שיקזאל האט אריינגעגעבען צו אייך אין די הענט. אבער אייער שטראף וועט ניט זיין אימשטאנד צו ענדערן מיין איבערצייגונג. איך דענק זאגאר, אז איהר אין מיין לאגע וואלט פונקט אזוי געפיהלט ווי איך.״

כ׳האב באמערקט אויף די פנים׳ער פון די אפיצירען א סימפאטישען אינטערעס. בלויז דער סארדזשענט האט אויסגעקוקט גלייכגילטיג, אזוי ווי די גאנצע זאך וואלט איהם ניט אנגעגאנגען. אבער דער קאמאנדיר האט געשוויגען א ווייל און האט קענטיג נאכגעדענקט וועגען דעם וואס ער זאל מיר אצונד ענטפערן. דער־

נאָך האָט ער זיך פּלוצים אָפּגערופען מיט א גאַנץ פאַרענדערטער שטימע, וועלכע האָט זאָגאר געקלונגען פריינדליך:

„איהר האָט אָט דעם בריעף ניט געדאַרפט שרייבען, נאָר זיך ווענדען מיט אייער קריוודע דירעקט צו מיר. איך וועל זאָרגען דער־פאַר, אז ביי אייער נעקסטען באַזוך זאָלט איהר קאָנען געבען אייער פרוי די האַנד און נעמען אייער קינד אויף'ן שויס."

כ'האָב איהם העפליך געדאַנקט און זיך געלאָזט געהן צוריק אין באַטאַליאָן, בעת ווען דער צענזאָר האָט אויסגערופען דעם ווייטערדיגען נאָמען. מיינע מיט־געפאַנגענע אויף דער אנדער זייט האָבען זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט פון אונזער געשפּרעך, און זיי האָבען מיך באַגריסט מיט שטראַלענדע אויגען, וואָרים איך האָב זיי קענטיג דורך מיינע ווערטער אראָפּגערעדט פון הארצען.

אין עטליכע טעג ארום האָט מיר איינער פון מיינע חברים, וועלכער האָט גראָד געהאט באזוך, דערצעהלט, אז די ברעטער אויף די טישען אין דעם באזוך־צימער זיינען פארשוואונדען און אז מען האָט די געפאנגענע ערלויבט צו אומאַרמען זייערע פרויען און קינדער ביים אָנקומען און ביים געזעגענען זיך. די פרייד איבער דעם דאָזיגען ערפאָלג איז, פארשטעהט זיך, געוועזען גרויס, און אזוי ווי מיינע ליידענס־חברים, וועלכע זיינען יענעם פאָרמיטאָג געוועזען צוזאמען מיט מיר אין'ם „אָרדערלי רום", האָבען ניט פארפעהלט פאַנאנדערצוטראָגען איבער'ן גאנצען לאגער די סצענע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישען מיר און דעם קאָמאנדיר, בין איך נאָך געוואָרן פּאָפּולערער, איידער איך בין שוין אָהן דעם אויך געוועזען. זינט דאָן האָב איך געוואונען זאָגאר די סימפּאטיע פון אזעלכע, וועלכע האָבען פריהער געהאט א הארץ אויף מיר, א דאַנק די העצערייען פון אונזערע פּאטריאָטען.

שוין באַלד נאָך אונזער אָנקומען אין דעם אלעקסנדרא פּעלעם האָט זיך צווישען מיינע באַקאַנטע געלאָזט מערקען דאָס באדערפעניש אויך דאָ צו אראנזשירען די פּאָרטראָגען, וועלכע איך פלעג אָפּהאלטען אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד". דאָס דאָזיגע באדערפעניש איז נאָך געווען שטארקער, ווייל אין דער ערשטער צייט פון

אונזער זיין אין „פּעלעס“ איז ניט פאַרגעקומען קיין שום אַפּוועקס־לונג אין דער מאַנאַטאָניע פון׳ם לאַגער־לעבן. איך בין גערן געווען גרייט צו דערפילען דעם דאָזיגען וואונש, די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אזוי דאָס האָט געקאָנט דורכגעפיהרט ווערן. אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“ איז נאָך ווי עס איז מעגליך געווען צו געפינען פאַר דעם דאָזיגען צוועק א ווינקעל, ווי קליין און באַשרענקט ער איז ניט געווען, אָבער דאָ איז אזא זאַך געווען פולשטענדיג אויסגעשלאָסען. איינגע האָבען געמאַכט דעם פאָרשלאַג צו האַלטען די פאָרטראַגען אין דער פערטער קאָמפּאַניע, אָבער אויך דאָס איז געווען אוממעג־ליך, וואָרים מיר זיינען געווען טויזענד מאַן אין איין זאַל, און דער שטענדיגער ליאַרם, וועלכער איז פּשוט אומפאַרמיידליך אונטער אזעלכע אומשטענדען, וואָלט דער׳הרג׳עט יעדען פאַרזוך גלייך ביים סאַמע אָנפאַנג.

אזוי זיינען פאַרגאַנגען וואָכען, אַהן דעם מען זאָל האָבען גע־מאַכט א טריט ווייטער. ענדליך זיינען איינגע געקומען אויף דעם געדאַנק זיך צו ווענדען צום קאָמאַנדיר, ווייל עס האָט דאָך געווים געמוזט זיין אין דער אויסערגעוועהנליך גרויסער געביידע א פּאַסענ־דער פּלאַץ פאַר דעם דאָזיגען צוועק. מען האָט אויך באַלד טאַקע געקראָגען צו וויסען, אַז עס געפינט זיך ערגעצוואו אין „פּעלעס“ א טעאַטער־זאַל, וואו עס פלעגען אין פרידענס־צייטען פאָרקומען פילם־אויפפיהרונגען און קאָנצערט־אָווענטען. פיליכט וועט דער קאָמאַנדיר אונז געבען אָט דעם האָל פאַר אונזער צוועק.

אזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מיינע אייגענע פאָר־טראַגען, האָב איך פּערזענליך זיך ניט געקאָנט ווענדען צו דעם קאָמאַנדיר וועגען דער ערלויבעניש. האָט זיך אַלזאָ פאַרמירט אַן אזויגערופענער פאָרטראַג־קאָמיטעט, אַן וועמעס שפּיץ עס זיי־נען געשטאַנען קאַרל׳טשיק און אונזער פריינד פּאַפּענבערג. דער לעצטער האָט געשריבען א בריעף, אין וועלכען ער האָט אויף א געשיקטען אופן פאַרגעלעגט פאַר דעם קאָמאַנדיר דעם פאָרלאַנג פון׳ם קאָמיטעט. אין עטליכע טעג אַרום האָט דער צענזאָר באַ־שטעלט קאַרלטשיק׳ן און פּאַפּענבערג׳ן צו קומען אין דעם „אָרדערלי

רום״, כדי פערזענליך פאַרצולעגען זייער פּלאַן פאַר דעם קאָמאַנדיר. דער אַלטער מאַן איז גראָד יענעם טאָג געווען אויסערגעוועגליך גוט אויפגעלעגט און האָט גאָר אָהן שוועריגקייטען באוויליגט דעם קאָמיטעט זיך צו באַנוצען מיט דעם טעאטער־זאַל פאַר איין אָווענט אין דער וואָך, בתנאי, אז די פאַרטראָגען זאָלען ניט באַהאַנדלען קיין מאָדערנע פּאָליטישע פּראָבלעמען און זאָלען ניט געבען קיין גרונד צו שטערען די רוה און דעם פּרידען אין׳ם לאַגער.

אז די „רויטע״ אין לאַגער האָבען זיך דערוואוסט וועגען דער דאָזיגער ענטשיידונג, איז די פרייד נאַטירליך געווען זעהר גרויס. מיר האָבען אָפּגעמאכט ביי זיך, אז איך זאָל צוערשט ריידען בלויז איבער ריין ליטערארישע טעמעס, כדי צו פאַרמיידען יעדע שטערונג, ביז מיר וועלען שפּעטער זעהן, ווי די זאַך וועט צוגעהן. איך האָב באשלאָסען אָנצופאנגען מיט א רייה פאַרטראָגען איבער „לעוו טאָלסטאָי אלס קינסטלער און סאָציאל־פילאָזאָף״, אבער אזוי ווי אסך פון מיינע קאמעראדען האָבען מיך שטאַרק געבעטען צו עפענען די פאַרזאַמלונגען מיט מיין פאַרטראַג „זעקס כאראקטערען אין דער וועלט־ליטעראטור״, וועלכען איך האָב שוין איינמאָל געהאט געהאַלטען פאר א קליינעם קרייז אויף׳ן „ראָיאַל עדווארד״, האָב איך אָנגענומען זייער פאָרשלאַג.

קוים האָבען אונזערע פאַרטרעטער פון׳ם „אמת׳ן דייטשטום״ נאָר געקראָגען צו וויסען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָבען זיי געמאַכט געוואַלדען און געסטראשעט, אז זיי וועלען שוין געפינען מיטלען, ווי מיך ניט צו לאָזען ריידען. די זאַך איז געווען נאָך קאָמישער, ווייל קיינער פון די דאָזיגע העררן האָט ניט געהאט די מינדסטע אהנונג אפילו איבער וואָס איך וועל אייגענטליך ריידען. מיין נאָמען אליין איז געווען גענוג זיי ארויסצוברענגען פון די כלים. מיר האָבען זיך נאַטירליך ווייניג וואָס געקימערט וועגען דער קאַבעריי פון די דאָזיגע מאָדנע חברה־לייט, און צוויי טעג שפּעטער האָט פּאַפּענבערג איבערגעגעבען דעם באַטאַליאָן־פיהרער די טעמא פון מיין ערשטען פאַרטראג, כדי ער זאָל עס פאָרלעגען פאר דעם קאָמאַנדיר און קריגען זיין צושטימונג. דאָס האָט ער אויך געטאָן,

און אויף מארגען איז שוין אויף'ן שווארצען ברעט געהאנגען די אנאנסע וועגען דעם פארטראג מיט דעם צענזאר'ס אונטערשריפט. אצונד האט זיך ערשט אויפגעהויבען א ריכטיגער ליארם אין דעם פאטריאטישען לאגער. מערקווירדיג אבער איז געווען דאס, וואס די אנגריפען פון די דאזיגע הערען זיינען געווענדעט געווען ניט אזוי געגען מיר ווי געגען קאלין'ן, וועמען מען האט פארגעווארפען, אז ער האט געגעבען זיין הילף דערצו מעגליך צו מאכען פאר אן אמת'ן אנארכיסט אנצופיהרען זיין רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא אין לאגער. מען האט געסטראשעט קאלין'ן, אז מען וועט פארעפענטליכען זיין נאמען אין די דייטשע צייטונגען און איהם פאר'מסר'ן פאר דער קייזערליכער רעגירונג, הגם יעדער פארנינפטיגער מענש האט געמוזט צוגעבען, אז אלס פארטרעטער פון באטאליאן האט ער גאר אנדערש ניט געקאנט האנדלען. אלס באטאליאן-פיהרער האט ער געמוזט שטרענג אויסמיידען יעדע פארטייליכקייט, בפרט נאך אז ער האט געוואוסט, אז וועניגסטענס א העלפט פון'ם באטאליאן איז געשטאנען אויף מיין זייט, און אז מיר זיינען ניט געווען די מענשען צו לאזען טרעטען אונזערע רעכט מיט די פיס.

פריהער פון אלץ האט זיך אויפגעהויבען א טומעל אויף דער פארזאמלונג פון די קאמפאניע-פיהרער, וואו דער הערר פאן מ. האט שטארק אטאקירט קאלין'ן און געפאדערט פון איהם, ער זאל זיך ווענדען צום קאמאנדיר און זעהן, אז יענער זאל צוריקציהען די ערלויבעניש פאר מיין פארזאמלונג. קאלין האט איהם געענטפערט, אז א באזונדער קאמיטעט האט אויסגעווירקט די ערלויבעניש פאר מיינע פארטראגען, און איצט, אז דער קאמאנדיר האט באוויליגט די דאזיגע ביטע, קאן דאך קיין ערנסטער מענש ניט פארלאנגען פון איהם, אז ער זאל אלס באטאליאן-פיהרער באאיינפלוסען דעם קאמאנדיר צוריקצוציהען זיין אייגענע גוטהייסונג. אבער הערר פאן מ. און זיינע אנהענגער צווישען די קאפיטאנען האבען פארגעווארפען קאלין'ן, אז ער האט אויף א מיאוס'ן אופן פארלעצט זיין פליכט אלס פארטרעטער פון'ם באטאליאן, ווייל ער האט ניט געפאדערט פון מיר קיין געשריבענע ערקלערונג וועגען דעם אינהאלט פון

מיין געפּלאַנטען פאָרטראַג און עס אפריהער פאַרגעלעגט פאַר דער פאַרזאַמלונג פון די קאָמפּאניע־פיהרער, איידער די זאַך איז פאַר־געבראַכט געוואָרן פאַר דעם קאָמאַנדיר.

אָט די אומגלויבליכע אומפאַרשעמטקייט האָט ארויסגעבראַכט קאַרלטשיק׳ן, וועלכער האָט אלס אזויגערופענער „מעס־ליעדער״ ביי־געוואוינט די קאַפּיטאַנען־פאַרזאַמלונג, פון זיין געוועהנליכער צוריק־געהאַלטענקייט, און ער האָט געפרעגט דעם הערר פאָן מ., צי דענקט ער ווירקליך, אז עס איז גענוג צו זיין א קאָמפּאניע־פיהרער, אום צו קאָנען אָפּגעבען א מיינונג וועגען סאָציאלע, פילאָזאָפישע אדער ליטעראַרישע פּראָבלעמען. „איך האָב ניט די אבזיכט צו צווייפ־לען אין די באזונדערע פאַרשטאַנדס־פעהיגקייטען פון אזעלכע מע־נער,״ האָט ער אויף זיין בייסענדען שטייגער געזאָגט. „אָבער איך וואָלט זיי פונדעסטוועגען פאָרט ניט געמאַכט פאַר עקספּערטען אי־בער זאַכען, פון וועלכע זיי האָבען פיליכט אין זייער גאַנצען לעבען קיינמאָל גאָרנישט געהערט.״

אָט די שפּאָטישע באַמערקונג האָט דעם הערר מ. ערשט ריכטיג ארויסגעבראַכט פון די כלים.

„דענקט איהר פיליכט, אז עס איז ווירקליך אזוי שווער צו טרעפען, וואָס דאָס זיינען פאַר זעקס חברה־לייט, איבער וועלכע אייער פריינד ראָקער האָט בדעה צו רעדען?״ האָט ער ארויסגע־פּלאַצט. „דאָס איז וואַרשיינליך דער מאַרקס, דער לאַסאַל און נאָך פיער אזעלכע חברה־לייט.״

אצונד איז די געשיכטע געוואָרן ערשט אמת פרעהליך, און די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט זיך ענדליך אויפגעלייזט מיט צופרידענ־קייט.

ס׳איז קענטיג געווען, אז דער טיטול פון מיין פאָרטראַג האָט די הערען אין׳ם פּאַטריאָטישען לאַגער ניט געלאָזט איינרוהען. „זעקס כאַראַקטערען אין דער וועלט־ליטעראַטור״ — וואָס האָט מען זיך דען ניט געקאָנט פאָרשטעלען אונטער דעם! בדי סוף כל סוף צו געפינען א שליסעל צו דעם רעטעניש, האָבען צוויי פריינט פון דעם הערר מ. פאַרקניפּט א געשפּרעך מיט אונזער פּאַפּענבערג׳ן,

וועלכער האָט, לויט זייער מיינונג, אַלס פאַרזיצער פון'ם פּאַרטראַג־קאָמיטעט געמוזט וויסען גענוי וואָס דאָס איז פאַר א פּאַרטראַג. אָבער פּאַפּענבערג האָט דערשמעקט וועגען וואָס עס געהט דאָ און ער האָט די צוויי חברה־לייט געענטפערט אויף זיין געוועהנליכען טרוקענעם שטייגער:

„יאָ, מיינע העררן, וועגען דעם בין איך אליין אויך ניט גאַנץ קלאָר. איך קען בלויז די ערשטע פיער פון די דאָזיגע כאַראַקטערען, איבער וועלכע הערר ראָקער וועט ריידען, נעמליך רינאַלדאָ רינאַלדיני, שינדערהאַנעס, דער באַיערישער היאזעל און דער רויבער־מערדער קאַרטוש. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז אויך דער פּרויען־מערדער הוגאָ שענק צווישען זיי, אָבער דער נאָמען פון'ם זעקסטען איז מיר אין גאַנצען ארויס פון זינען."

מיין פּאַרטראַג האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 21טען יוני אין דעם טעאַטער־האָל, אָבער מיט א טאָג פריהער האָט מיך קאָלין אויפגעזוכט און מיר מיטגעטיילט, אז הערר פאָן מ. האָט גערעדט מיט'ן קאָמאַנדיר וועגען מיין פּאַרטראַג און דער דאָזיגער איז אצונד געוואָרן וואַקעלדיג אין זיין ערשטען באשלוס, אזוי אז מען דאַרף זיך ריכטען דערויף, אז דער פּאַרטראַג זאָל נאָך אין לעצטען מאָמענט פאַרבאָטען ווערן. וויטער איז געוועזען זיין מיינונג, אז אין פאַל אויב דאָס וועט געשעהן, זאָלען מיר די זאַך פאַר דאָס מאָל לאָזען לויפען, ווייל עס קאָן זיך שפּעטער דאָך נאָך אמאָל מאַכען א געלעגענהייט צו קאָנען דעם קאָמאַנדיר איבעררייידען. אָבער איך בין דערמיט אבסאָלוט ניט געוועזען איינפאַרשטאַנען, וואָרים איך האָב ניט געוואָלט אָהן א קאַמף אָפּטרעטען אָט די מיזעראַבלע יונגען דעם פעלד. דער טאָג איז אריבער אָהן דעם אז מיר זאָלען הערען עפּעס נייעס. אָבער אויף מאָרגען בין איך פּלוצלינג גערופען געוואָרן צום קאָמאַנדיר, וועלכער האָט מיר אין קורצען ערקלערט, אז דער פּאַר־טראַג קאָן ניט געהאַלטען ווערן, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אז עס קאָן דורכדעם געשטערט ווערן די רוהע און אָרדנונג אין דעם לאַגער. כ'האָב געפּרואווט ריידען מיט איהם, אָבער ער האָט מיר קורץ אָפּגעשניטען און מיר ערקלערט, אז די זאַך איז געענדיגט.

ווען די זאך איז באקאנט געוואָרן אין באטאליאָן, האָט זיך אויפגעהויבען אזא שטורם פון ענטריסטונג, אז עס איז שיער ניט געקומען צו אן אויפשטאנד. ס'האָט זיך אצונד ארויסגעצייגט גאנץ דייטליך, אז די גרויסע מעהרהייט פון'ם באטאליאָן איז געשטאנען אויף אונזער זייט און האָט זיך אויף קיין פאל ניט געוואָלט אונטערוואַרפען אונטער דער פאָרשטעהערשאפט פון א פּריווילעגירטער קליקע, וועמעס לעכערליכע און אומפארשעמטע חוצפה האָט ארויסגערופען א סקאנדאל אין גאנצען לאגער. די כוואליעס פון צאָרן און אויפגעבראכטקייט זיינען געגאנגען אזוי הויך, אז עס איז מיר אָנגעקומען מיט שווערער מיה אָפּצוהאלטען די מענשען פון באגעהן געוויסע אקטען און איך האָב מעהר ווי איינמאָל געמוזט אָננעמען גאנץ ענערגישע מיטלען צו פאַרהיטען א צרה. אויף אזא אויסברוך פון פּראָטעסט האָבען זיך די פּאטריאָטישע העררן ניט גערעכט, און די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך גאנץ עניוות'דיג צוריקגעצויגען צו זייערע געלעגערס, כדי זיך ניט צו וואַרפען אין די אויגען. און אצונד איז געקומען דאָס שענדליכסטע: אסך פון אָט די פייערדיגע פּאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך פריהער געשאַרט ארום הערר פאָן מ., און וועלכע זיינען שטענדיג געווען גרייט איהם אָנצוטרייבען צו נייע ארויסטריטען געגען מיר און מיינע קאמעראדען, האָבען איצט מורא געקריגען און האָבען זיך מיט רעש אָפּגעקערט פון דעם מאַן, וועמען זיי האָבען געהויבען אין דער לופטען. עס זיינען זאָגאר געווען אזעלכע צווישען אָט די העררן, וועלכע האָבען דעם הער פאָן מ. אצונד באשאָטען מיט פאָרוואורפען און איהם געמאכט פאראנטוואָרטליך פאר דער שטערונג פון'ם פרידען אין'ם לאגער. אָט די נידעריגע האנדלונג איז געווען נאָך אָפּשטויסענדער ווי זייער אויף־שטאָלצען געהענדיגע נאציאָנאליסטישע פראזיאָלאָגיע, הינטער וועלכער עס האָט ביי די מעהרסטע פון זיי ניט געשטעקט קיין פונק פון ערליכער איבערצייגונג.

איך בין געשטאנען אינמיטען פון א גרופּע אויפגערעגטע מאטראָזען און זיך באמיהט זיי צו בארוהיגען. מיט אמאָל איז הערר פאָן מ. צוגעקומען צו מיר, זאָגענדיג, אז ער וויל מיר אָפּגעבען אן

ערקלערונג. דאס האבען איהם, ווייזט אויס, זיינע פריינט געטריבען צו דעם דאזיגען שריט, כדי איינצושטילען די אויפרעגונג אין׳ם באטאליאן. כ׳האב איהם געזאגט, אז איך נייטיג זיך ניט אין זיין ערקלערונג, אז איך מוז באטראכטען זיין האנדלונג געגען מיר אלס אומווירדיג, און איך ראט איהם איבערהויפט מיר ניט צו דרעהען מעהר קיין מוח. דער מאן איז געווען ווי דערשלאגען און איז אוועק פון מיר, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט.

א ווײלע שפעטער, איך האב זיך נאר וואס געהאט צוריקגע־קערט אין מיין קאמפאניע, איז צו מיר געקומען א געוויסער הערר בוראנדט, וועלכער איז געווען באקאנט אין גאנצען לאגער אלס די רעכטע האנד פון הערר פאן מ. ער האט מיר אין יענעמ׳ס נאמען ערקלערט, אז פון איצט און ווייטער וועט הערר פאן מ. מעהר גאר־נישט אונטערנעמען געגען מיר; נאך מעהר, אז ער איז זאגאר גרייט צו אונטערשטיצען א פעטיציע וואס דער פארטראג־קאמיטעט וועט דערלאנגען דעם קאמאנדיר צו גונסטען פון מיינע פארטראגען, כדי עס זאל ווידער זיין רוה און פרידען אין׳ם באטאליאן. אויסער־דעם האט מיר הערר בוראנדט געזוכט איינצורעדען, אז אין דער גאנצער טרויעריגער געשיכטע האט עס זיך גיכער געהאנדעלט וועגען אן אנגריף אויף קאלין׳ן, איידער אויף מיר. איך האב ניט באהאלטען מיינע געפיהלען און געדאנקען ביי זיך און געזאגט דעם מאן גאנץ אפען וואס איך דענק וועגען דער גאנצער אנגעלעגענהייט, אי דאס אין דער געגענווארט פון וועניגסטענס צוואנציג פון מיינע מיט־געפאנגענע, וועלכע האבען זיך נייגיריג ארומגעקליבען ארום אונז.

אויף מארגען האבען מיינע פריינט געזאמעלט אונטערשריפטען פאר א פעטיציע צום קאמאנדיר, בעטענדיג איהם נאך אמאל ער זאל ערלויבען מיינע פארטראגען, אין וועלכע די גרויסע מעהרהייט פון די געפאנגענע איז שטארק פאראינטערעסירט. אין דערזעלבער צייט איז אין דער פעטיציע באמערקט געווארן, אז די העררן, וועל־כע האבען פריהער געפרואווט שטערען מיינע פארטראגען, האבען איצט געענדערט זייער שטעלונג און זיך ענטשולדיגט פאר מיר.

די פּעטיציע האָט געקריגען 679 אונטערשריפטען. פון די דרייצעהן קאָמפּאניע־פיהרער האָבען ניין זיך אונטערגעשריבען. אין עטליכע טעג ארום האָט דער קאָמאַנדיר צום צווייטען מאָל געגעבען די גוט־הייסונג פאַר מיינע פאָרטראָגען.

ווען איך האָב ענדליך דעם 12טען יולי געהאַלטען מיין ערשטען פאָרטראג, איז דער טעאטער־זאַל געווען געפּאַקט. בלויז גאַנץ ווע־ניג מענשען זיינען צוריקגעבליבען אין דעם באַטאַליאָן. אפילו די מעהרסטע פון מיינע שטאַרקסטע געגנער זיינען געווען אָנוועזענד. קיין בראַנד־רעדע, ווי זיי האָבען אפנים ערוואַרטעט, האָבען זיי יעדענפאַלס ניט געקריגען צו הערען, און מעהר ווי איינער פון זיי האָט זיך שטיל פאַר זיך געמוזט איבערצייגען, אז ער האָט באַגאַנגען א נאַרישקייט. ס'איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז די נאַרישע האנד־לונג פון די דאָזיגע ליט און זייער אידיאָטישער האַס געגען יעדע מיינונג, וועלכע איז ניט געווען זייערע, האָט ערשט ריכטיג ביי־געטראָגען דערצו צו מאַכען אונזער אונטערנעמונג פּאָפּולער.

קאפיטעל 11

אומגעלונגענער פּאַרזוך צו אַנטלויפֿען

דער בישאָף פון לאָנדאָן אין׳ם לאַגער — זעלענ־רעטער און חטאים־זוכער — נאָדעל־שטעך — די בריעף־גזרה — אינטריגעס געגען קאָלין׳ן — פּלענער צו אנטלויפען — אויף פּאַרבאָטענע וועגען — ארנדט גנב׳עט זיך ארויס פון׳ם לאַגער — אויפרעגונג אין׳ם באַטאַליאָן — אויף׳ן שאַרף פון מעסער — דער קאָמאנדיר גיט נאָך — ביי׳ע וואַהל פון די קאַפּיטאַנען — ארנדט קומט צוריק — די אורזאַך פון׳ם דורכפאַל.

אין מיטען יולי האָט אונז דער בישאָף פון לאָנדאָן אָפּגעשטאַט א באזוך אין׳ם לאַגער. ער האָט אין דעם טעאַטער־זאַל פאר אונז געהאַלטען א קורצע רעדע, וועלכע האָט זיך גראַד ניט אויסגעצייכענט דורך דער טיפקייט פון זיינע געדאַנקען. ס׳איז געווען די אַלטע געשיכטע וועגען דער געטליכער השגחה, וועלכע האָט ארויפגעלעגט די שטראָף פון דער מלחמה אויף דער זינדיגער מענשהייט, כדי זי ארויפצופיהרען אויף׳ן דרך הישר. די ארעמע השגחה! וואָס זי מוז דאָס ניט אויסשטעהן צוליעב די מענשען! אויב עס זיינען איהר, לויט דער באהויפּטונג פון אונזערע גאָטס־געלערטע, ווירקליך ניט געבליבען קיין אנדערע מיטלען ווי נאָר די שרעקענס פון א וועלט־קריג, כדי ארויפצופיהרען די מענשהייט אויף׳ן גלייכען וועג, דאַן מוז עס האלטען גאנץ שמאָל מיט איהר, און די מענשען וואָלטען געטאָן אסך בעסער, ווען זיי נעמען זייערע אַנגעלעגענהייטען אין זייערע אייגענע הענט, אַנשטאָט זיי אַנצוטרויען דער השגחה. א וואונדער, צי דער געלערנטער בישאָף האָט זיך ווען עס איז געשטעלט די פראגע, פון וואנען עס קומט, וואָס די געטליכע השגחה

האָט אין דעם דאָזיגען פאַל פונקט אוועקגעשטעלט איהרע ווערקשטאַטען אין די געשעפטס־צימערען פון אונזערע בערזען־קעניגע און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער וואפען־אינדוסטריע, כדי פון דאָרט צו געפינען זייער אויסווירקונג אין די געהיימע קאבינעטען פון דער גרויסער דיפּלאָמאַטיע. ווייטער האָט ער אונז אויפגעפאָדערט, אריבערצוטראָגען אונזער שיקזאַל מיט געדולד און האָפען אויף בעסערע צייטען, וואָרים אַזאַ גרויסע נאַציאָן ווי די דייטשע קאָן ניט אונטערגעהן. יאָ, ער האָט אונז זאָגאר אוועקגעשטעלט א גוטע אויסזיכט פאר דער צוקונפט און אונז פאָראויסגעזאָגט, אז עס וועט נאָך קומען צו א בונד צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד, דורך וועלבען די קראנקע וועלט וועט אמאָל געגעזען ווערן.

א גליק פאר דעם פארטרעטער פון דער קירכע, וואָס די מענער פון דער „דעילי מעיל“ און פון׳ם „דזשאהן בול“ האָבען ניט געקאָנט הערען זיינע לעצטע אויספיהרונגען. זיי וואָלטען זיכער געפאָדערט מען זאָל אונטערזוכען זיין בלוט, און באַטעמלי וואָלט באוויזען מיט אותות און מופתים, אז אין די אָדערן פון זיין בישאָף פליסט הונען־בלוט.

איבריגענס האָבען ניט אלע ענגלישע גייסטליכע אין דער באַציהונג געדענקט ווי דער בישאָף פון לאָנדאָן. אזוי האָב איך עטליכע וואָכען נאָך דעם דאָזיגען באזוך געלייענט אין דער „דעילי מעיל“ א קליינעם נאָטיץ וועגען א גלח, וועלכער האָט אין אן עפענטליכער פאַרזאמלונג באַצייכענט די דייטשען אלס א מין נידעריגע חיות, וועלכע מען מוז אויסראָטען אין די אינטערעסען פון דער מענשהייט. ווען א באגייסטערטער צוהערער האָט אין מיטען דערינען אויסגעשריען: „טייוואָלים זיינען זיי!“ האָט איהם דער פרומער מאָן גלייך אויף׳ן שטעל געענטפערט: „באַליידיגט ניט, כ׳בעט אייך, דעם טייוועל.“ — א קאָלעגע פון׳ם בישאָף פון לאָנדאָן האָט זאָגאר פארזיכערט זיינע גלויביגע צוהערער, אז אויף יענער וועלט מוזען אומבאדינגט זיין צוויי באַזונדערע אָפּטיילונגען, מחמת ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אז דייטשען און ענגלענדער זאָלען זאָגאר נאָך׳ן טויט קאָנען וואוינען געמיינשאפטליך צוזאמען.

אין יענער צייט זיינען מיר איבערהויפּט גאַנץ אָפט באַזוכט געוואָרן פון פרומע לייט פון די פאַרשידענסטע שאַטירונגען. אַזוי איז איין טאָג געקומען א מיסיאָנער אין לאַגער און האָט פאַרטיילט צווישען די געפאַנגענע געדרוקטע פּאָסט־קאַרטען, וועלכע יעדער איינער האָט געדאַרפט אונטערשרייבען. יעדעם קאַרטעל איז געווען אַדרעסירט צו „יעזוס קריסטוס, דעם ערלייזער פון אַלע זינד" און האָט געזאָלט צוגעשיקט ווערן אין אָפיס פון וואָס פאַר עס איז פרומער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן. צי מען האָט די קאַרטלעך פון דאָרט געזאָלט באַזאָרגען ווייטער, וואוהין זיי זיינען געווען אַדרעסירט, ווענען דעם האָט מען קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

כמעט יעדע וואָך האָט זיך באַוויזען איינער פון אָט די זעלענערעטער אין'ם לאַגער, כדי אונז צו געבען זיינע פרומע עצות, וועלכע האָבען אויף דער גרעסטער מעהרהייט פון מיינע מיטגעפאַנגענע ניט געמאַכט דעם מינדעסטען איינדרוק. אין געגענטייל, די היפּאָקריטישע באַנעמונג פון אָט די מאָדנע הייליגע האָט אויף אסך פון די געפאַנגענע געווירקט דירעקט אָפּשטויסענד, מחמת עס איז דאָך געווען אַזוי לייכט צו מאַכען אַ פאַרגלייך צווישען דער קריסטליכער לעהרע און דער האַלטונג פון איהרע אָפיציעלע פאַרטרעטער אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה.

מיט טראַקטאַטלעך זיינען מיר איינפאַך פאַרפלייצט געוואָרן, און ווען אפילו בלויז א טויזענט חלק פון די אַלע פרומע ווערטער, וועלכע זיינען אויף אונז פאַרשווענדט געוואָרן, וואָלט געטראָגען פרוכט, וואָלט יעדער איינער פון אונז געוואָרן א הייליגער. אבער, ווי געזאָגט, די ווירקונג איז געווענליך געווען א גאַנץ אַנדערע. איין טאָג, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון'ם „קאָמפּאַונד" אין לאַגער, האָט יעדער פון אונז אויף זיין געלעגער געפונען א קליינע בראָשורקע, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטול: „דריי בריעף—אַן אָפען וואָרט און אַן ערנסטער גרוס צו אונזערע דייטשע לאַנדסלייט אין די ענגלישע לאַגערן פון די קריגס־געפאַנגענע". אָט די דריי בריעף זיינען געווען געשריבען פון א דייטשען פּאַסטאָר, פון א דייטשער פרוי און פון א דייטשען דאָקטאָר און זיי האָבען געהאַט דעם צוועק

אונז צו פארהיטען פון געשלעכטליכע פארבלאָנדזשענישען. דער בריעף פון׳ם דאָקטאָר איז געווען אן ענטפער אויף א בריעף וואָס דער פאסטאָר האָט איהם געשריבען. אין איינפאכע, ניט געקינ־צעלטע ווערטער האָט דער ארצט דאָ אויסגעדריקט זיין מיינונג איבער דער פראגע. אָבער די צוויי ערשטע בריעף האָבען פשוט געווירקט אָפּשטויסענדיג דורך זייער היפּאָקריטישען, צודרינגליכען אופן. באזונדערס דער בריעף פון דער „דייטשער פרוי" איז געווען געשטימט אויף דעם דאָזיגען טאָן: „ווי איך האָב געהערט, ווערט איהר אין דער אומטעטיגקייט פון אייער איצטיגען לעבען גע־שטעלט צו אוממאָראַלישע נסיונות, וועלכע קאָנען ווערן א געפאהר פאר אייער גייסט און קערפער. ווי אויפטרייסלענדיג דאָס האָט געווירקט אויף מיר, אלס פרוי און מוטער פון יונגע קינדער, קאָן איך אייך גאָר ניט באשרייבען. אין מיר האָט זיך דערוועקט א ברענענדער וואונש אייך צו העלפען, אבער ווי אזוי?" א. א. וו.

איך וואָלט בלויז געוואונשען, אז די פרומע דאַמע זאָל האָבען געהאט א געלעגענהייט צו קאָנען הערען די צאָהלרייכע און אָפט זעהר גראָבע קאָמענטארען, וואָס איהר בריעף האָט ארויסגערופען ביי די מעהרסטע פון מיינע מיטגעפאנגענע. איך בין איבערצייגט, אז זי וואָלט זיך באנוגענט מיט דער באקעמפונג פון איהרע אייגענע נסיונות און וואָלט איבערגעלאָזט פאר אונז אליין צו זאָרגען פאר אונזער מאָראל. — ס׳איז א מערקווירדיגע ערשיינונג, וואָס גראָד די פרומאקעס זיינען שטענדיג די, וועלכע זוכען אין סעקסועלע זאכען פריהער פון אלצדינג נאָר שמוץ. זאָגאר די יעניגע צווישען זיי, וועלכע געהערען ניט צו די היפּאָקריטען וואָס פּרעדיגען אין דער עפענטליכקייט וואסער און בשתיקה טרינקען זיי וויין, זיינען ניט פריי פון אָט דער דריקענדער פאנטאזיע. וואָס איז אין גרונד גענומען גאָרנישט אזוי וואונדערליך, וואָרים יעדער אסקעטיזם, אזוי וויט זוי ער איז ניט קיין רעזולטאט פון נאטירליכע נייגונגען, איז סוף כל סוף קיינמאָל ניט געווען עפּעס אנדערש ווי א נאָך אינע־וויניג ברויזענדע ליידענשאפט.

דער פאַקט איז, אז די טעמא פון די „געשלעכטליכע פארבלאַנדזשענישען“ האָט ערשט נאָך דעם איבערלייענען פון אַט די דריי באַרימטע בריעף געגעבען אסך פון מיינע מיטגעפאנגענע שטאָף זיך צו אמוזירען, בעת ווען פאר דעם האָט מען קיינמאָל גאָרנישט געהערט דערפון. געוויס האָבען אויך פריהער ניט געפעהלט קיין גראָבע אויסדריקען און זאַפטיגע וויצען, אָבער איך וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט באהויפּטען, אז מיינע ליידענס־חברים האָבען אין דעם פרט מיט וואָס עס איז איבערשטיגען די אנדערע מענשען אויף דער פריי. וועגען ווירקליכע פאלען פון אן אזויגערופענעם „אומנאַטירליכען פארקער“ אין׳ם לאַגער האָב איך ביז דאן גאַרנישט געהערט, וואָס האָט יעדענפאלס עפּעס צו זאָגען ביי א צוזאַמענלעבען פון קרוב צו דריי טויזענד פּערזאָן, וואו מען האָט איבערהויפּט ניט געקאָנט ריידען פון א פּריוואַט־לעבען, און וואו יעדער קלאַנג פלעגט זיך גלייך אויף׳ן שטעל פארשפּרייטען איבער׳ן גאַנצען לאַגער. שפּעטער האָט זיך דאָס אביסעל געענדערט, אָבער זאָגאר דאן האָט עס זיך געוועהנליך געהאנדעלט וועגען פּערזאָנען, וועלכע זיינען פון נאַטור אוים געווען מסוגל צו האָמאָסעקסועלע אדער ביסעקסועלע נייגונגען.

דערווייל איז די אלגעמיינע שטימונג אין לאַגער געוואָרן אַלץ גערייצטער. כמעט יעדער טאָג האָט אונז געבראכט נייע באַשטימונגען און באַפעהלען, וואָס זייער אבסאָלוטע צוועקלאָזיגקייט איז אין די מעהרסטע פאַלען געווען אזוי אָפען, אז זיי האָבען געמוזט ארויסרופען בלויז ביטערע געפיהלען ביי די געפאַנגענע. ערגער פון אַלץ איז געווען, ווען אזעלכע באַפעהלען פון דער ענגלישער מיליטער־פאַרוואַלטונג האָבען געפיהרט צו דירעקטע אומגערעכטיגקייטען, אזוי אז די מענשען האָבען נויטווענדיגערווייז געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אז מען וויל זיי איינפאך אָנטאָן צרות, הגם אין די מעהרסטע פאַלען איז זיכער ניט געווען קיין באַשטימטע אבזיכט. אזוי האָט מען נאָך אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“ אונז שוין געהאט באַשרענקט די גרוים פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ, דערמיט וואָס מען האָט אונז ערלויבט צו שרייבען אונזערע בריעף בלויז

אויף א באשטימט בויגעלע פאפיר, וואו מיר האָבען ניט געטאָרט אָנשרייבען מעהר ווי זעקס און צוואנציג שורות. אָבער די גרויס פון די בריעף, וועלכע מיר פלעגען באקומען פון דרויסען, איז געבליבען אומבאשרענקט.

אין יולי 1915 איז אויף'ן שווארצען ברעט ערשינען אן אנאָנסע פון'ם צענזאָר, אז די געפאנגענע זאָלען לאָזען וויסען זייערע קרובים זיך צו פאסען אזוי קורץ ווי מעגליך אין זייערע בריעף; אויב ניט, וועט דער צענזאָר זיין געצוואונגען די צו לאנגע בריעף ניט איבערצוגעבען צו די אדרעסירטע. אָט די נייע גזרה האָט געזאָלט אריינגעהן אין קראפט פערצעהן טעג נאָך דער עפענטליכער באקאנטמאַבונג. דאָס איז אין די מעהרסטע פאלען געווען א גאנץ אוממעגליכע פאָדערונג. אין ענגלאנד גופא פלעגען די בריעף געהן פון אכט ביז צעהן טעג, איידער זיי האָבען דערגרייכט צו אונז. אבער עס איז געווען א גאנצע מאסע צווישען אונז, וועמעס פאמיליעס עס האָבען געוואוינט אין דייטשלאנד אָדער אין אנדערע לענדער, אזוי אז די געפאנגענע זיינען גאָר ניט געווען אימשטאנד זיי צו לאָזען וויסען אין צייט וועגען דער גזרה. ווען די פערצעהן טעג זיינען אריבער, האָבען צעהנדליגע פון מיינע מיטגעפאנגענע געקריגען פון'ם צענזאָר די מיטטיילונג, אז עס זיינען אָנגעקומען פאר זיי בריעף פון זייערע פאמיליעס, נאָר מען קאָן זיי די דאָזיגע בריעף ניט אָפגעבען, צוליעב דעם וואָס זיי זיינען צו לאנג.

א באזונדערס אומגעלומפערטער פאל האָט פאסירט מיט א מאן פון מיין קאָמפאניע, מיט'ן נאָמען מאקס גראָהע. ער איז געווען א תושב אין בוענאָס איירעס און האָט דאָרט געפיהרט א קליין געשעפט. אָבער ער האָט שטארק געליטען פון מערידען, און אין יולי 1914 איז ער געפאָהרען קיין בערלין, כדי זיך דאָרט צו לאָזען מאכען אן אָפעראציע. דערווייל האָט אויסגעבראָכען די מלחמה, און גראָהע איז פונקט ווי אסך אנדערע געפאנגען געוואָרן אויף'ן מיטען וועג. מען האָט איהם צוערשט אָפגעפיהרט אין דעם אינטערנירונגס־לאגער פון גיבראלטאר. שפעטער איז ער געקומען צו אונז אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד“ און פון דאָרט איז ער מיט אונז

צוזאמען איבערגעפיהרט געוואָרן אין „אלעקסאנדרא פעלעם“. אויך דער דאָזיגער מאַן האָט איין טאָג געקריגען פון צענזאָר א ידיעה, אז עס זיינען אָנגעקומען פאר איהם דריי בריעף פון זיין פרוי, פון בוענאס איירעס, אָבער ער קאָן זיי ניט קריגען, ווייל זיי זיינען צו לאַנג. אומזיסט זיינען געווען אלע באַמיהונגען און אלע ערקלערונגען, אומזיסט די טענות צום צענזאָר, אז גראָהע האָט דאָך גאָר ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו לאָזען וויסען זיין פרוי וועגען דער נייער גזרה, ווייל אין נאָרמאלע צייטען האָט דאָך א בריעף פון ענגלאנד קיין ארגענטינע געמוזט געהן וועניגסטענס דריי וואָכען, דאָס הייסט אז אַן ענטפער האָט ערשט געקאָנט קומען אין זעקס וואָכען צייט. דער צענזאָר איז באַשטאַנען אויף זיין באַקאַנטמאַכונג און האָט זיך ענטזאגט איבערצוגעבען גראָהע'ן די בריעף פון זיין פרוי.

ווער עס וויים וואָס א בריעף מיינט פאר א געפאנגענעם, דער וועט באגרייפען, וואָס דאָס הייסט. קיין זאַך איז ניט אזוי שטאַרק געאייגענט אויף דעם טיפסטען אופן צו פארלעצען די געפיהלען פון א מענשען, ווי אזא אָפענע אָפּלאכונג פון יעדער געזונטער לאָגיק, און אזוי האָט עס געמוזט פּאַסירען, אז די אויפרעגונג אין'ם לאַגער איז פון טאָג צו טאָג אלץ גרעסער געוואָרן. יעדער איינער, וואָס איז נאָר ניט געווען בלינד, האָט געקאָנט פאָרויסזעהן, אז אָט דער שטומער און צוריקגעהאלטענער צאָרן מוז איין שענעם טאָג אויסברעכען אויף א שטורמדיגען אופן.

דער צופאַל האָט עס געוואָלט, אז גראָד ארום דער דאָזיגער צייט זאָלען אין לאַגער אָנקומען צוויי אָפיצירען, וועלכע האָבען זיך משמעות געשטעלט אלס אויפגאבע אָנצוטאָן די געפאנגענע אלערליי צרות. איבערהויפּט פלעגט עס טרעפען ביי די צעהלונגען, ווען מיר האָבען געמוזט פארביי́געהן פּאָרוויז פארביי דעם באוואַכענדען אָפיציר, און דערביי איז יעדער געווען פארפליכטעט אראָפּצונעמען דעם הוט. אזוי אָפּט אלזאָ ווי איינער פון אָט די צוויי נייע אָפיצירען איז געווען אויף'ן פלאַץ צו באוואַכען די צעהלונג, פלעגט פאַסירען, אז איינצעלנע געפאנגענע האָבען געמוזט פאר־

ביינעהן פארביי איהם צוויי און דריי מאָל, ווייל זיי האָבען כלומר'שט איהם ניט באגריסט ווי עס געהער צו זיין. די געפאַנ־גענע זיינען דורך דעם, פארשטעהט זיך, געוואָרן זעהר אויפגערעגט. פיעל פון זיי פלעגען געהן אַהן היטלען אין „קאָמפאונד", כדי זיך איינצושפּאָרען אָט די עפענטליכע ערנידעריגונגען. אַנדערע ווידער זיינען דורך דעם ערשט ריכטיג געוואָרן בייז און זיי פלעגען מיט א כיוון ניט אראָפּנעמען די היטלען, ווען איינער פון די צוויי נייע אָפיצירען איז געשטאַנען ביי דער ציהלונג.

אויך אין דעם דאָזיגען פאַל איז עס געגאַנגען מעהר אין פער־זענליכער גאוה, איידער אין דירעקטער בייזוויליגקייט. אָט די לייט, וועלכע האָבען קענטיג צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען געטראָ־גען דעם מונדיר פון אן אָפיציר, האָבען זיך געפיהלט אזוי שטאָלץ דערמיט, אז זיי האָבען זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען און געוויזען די אָרעמע געפאַנגענע, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער זייער השגחה, וואָס פאר וויכטיגע לייט זיי זיינען. וואָס פוסטער א שאַרבען איז, אַלץ אויפגעבלאָזענער איז ער געוועהנליך.

אָט די אַלע זאכען האָבען די געפאַנגענע ביסלאַכווייז געמאַכט אַלץ פארביטערטער און האָבען געשאַפען אַלץ א שטיקענדערע אַט־מאָספערע אין'ם לאַגער. אונזערע פאטריאָטען אָבער האָבען אויס־גענוצט די אַלגעמיינע אומצופרידענקייט פאר זייער צוועק, כדי ארומצודרעהען דעם באַטאַליאָן־פיהרער קאַלין א שטריק ארום האַלז. כדי דאָס צו דערגרייכען, האָבען זיי פארשפרייט אַלערליי קלאַנגען, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט קאָנטראָלירען. אזוי איז פארשפרייט געוואָרן א קלאַנג, אז ווען מען האָט זיך געווענדט צו קאַלין'ן און איהם אויפגעפאָדערט אז ער זאָל אריינטראָגען א פּראָטעסט צום קאָמאַנדיר געגען פארשידענע שרעקליכע און אומגעלומפּערטע צו־שטענדען, זאָל ער האָבען געזאָגט: „אבער, מיינע הערען — וואָס ווילט איהר האָבען? אין געפענגניש איז דאָך די ארעסטאַנטען אויך ניט בעסער."

דער דאָזיגער קלאַנג, וואָס האָט זיך פארשפרייט איבער'ן גאַנ־צען לאַגער, אַהן דעם אז מען זאָל האָבען געוואוסט גענוי פון וואַנען

ער האָט זיך גענומען, האָט ארויסגערופען פיעל בייז בלוט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס קאָלין האָט געלייקענט שטיין אוןביין און ערקלערט, אז ער האָט קיינמאָל אזעלכע ווערטער ניט גערעדט. דאָס איז אויך געווען זעהר אומווארשיינליך, ווייל ער האָט דאָך געמוזט וויסען, אז אזאַ באמערקונג וועט שטאַרק צוטרייסלען זיין גאַנצע שטעלונג אין'ם באַטאַליאָן. דער אמת איז, אז עס איז ניט געווען קיין לייכטערע זאַך, ווי צו פאַרשפּרייטען אין לאַגער וואָס פאַר עס איז קלאַנג, ווי נאַריש און אָפּגעשמאַקט ער איז ניט געווען. א קליינע אָנצוהערעניש איז געווען גענוג, כדי עס זאָל דערפון ארויס־קומען א פאַנטאַסטישער ראָמאַן. איך האָב דאָס געוואוסט פון איי־גענער ערפאַרונג, וואָרים מיינע געגנער פון דעם לאַגער פון'ם „וואַהרען דייטשטום" זיינען קיינמאָל ניט מיעד געוואָרן מיר אָנצוטשע־פּען וואָס עס איז, איבער וואָס איך פלעג יעדעס מאָל לאַכען און זיך שטאַרק אמוזירען. אז זיי האָבען ענדליך געמוזט איינזעהן, אז קיין שום מיטעל העלפט ניט, האָבען זיי עס פון זיך אליין אויפ־געגעבען.

אזוי האָט מען צווישען אנדערעס פאַרשפּרייט די נאַכריכט, אז איך האָב הינטער זיך צעהן יאָהר געפענגניש, ווייל איך בין געווען פאַרמישט אין א פאַרשווערונג געגען דעם קייזער. אנדערע האָבען זאָגאַר דערצעהלט, אז זיי האָבען אליין מיט זייערע אייגענע אויע־רען געהערט, ווי איך האָב פאַרזיכערט דעם ענגלישען דאָקטאָר אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד", אז אזוי גיך ווי איך וועל נאָר באַפרייט ווערן וועל איך פאָהרען קיין דייטשלאַנד, כדי צו דערשטעכען דעם קיי־זער. און עס האָבען קיינמאָל ניט געפעהלט קיין נאַאיווע מענשען־קינדער, וועלכע האָבען געגלויבט אזא אומזין. א טייל פון מיינע פריינט פלעגען ווערן שרעקליך אויפגערעגט יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען געהערט אזעלכע קלאַנגען, און זיי פלעגען גאַנץ ערנסט פאַר־לאַנגען פון מיר, אז איך זאָל עפענטליך בראַנדמאַרקען די אומבאַ־קאַנטע פאַרשפּרייטער פון אזעלכע רויבער־געשיכטען. אבער איך האָב זיך אויסגעלאַכט דערפון, וואָרים קיין זאַך איז מיר ניט געווען

אזוי אומאינטערעסאנט, ווי זיך ארומצורייסען מיט אזעלכע חברה־לייט.

דער גאנצער צושטאַנד אין לאַגער — די אומאויפהערליכע ערנידעריגונגען מצד דער ענגלישער מיליטער־פּארוואלטונג, אונטער וועלכע מען איז כמעט יעדען טאָג געווען אונטערוואָרפען, די אומענדליכע רייבערייען צווישען די אייגענע לײדענס־חברים און הויפּטזעכליך דער מאנגעל אין אַ פּראָדוקטיווער און ניצליכער באשעפטיגונג — האָט אלץ מעהר און מעהר פארשטאַרקט אין מיר דעם באשלוס צו פּרואווען אנטלויפען. פון׳ם „פּעלעם" צו אנטלויפען האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין ניט זעהר שווער. פיעל שווערער איז געווען די פראַגע צו געפינען אויף דרויסען א פּאסענדען פּלאַץ, וואָס די פּאָליציי זאָל ניט קאָנען דערשמעקען. וואָרים ס׳איז מיר געווען פולשטענדיג קלאָר, אז גראָד מיין אנטלויפען וועט ארויסרופען א גרויסען טומעל, און אז די פּאָליטישע פּאָליציי וועט ניט אויסלאָזען קיין שום מיטעל, כדי מיך ווידער אריינצוקריגען אין איהרע הענט. און גראָד דאָס האָב איך געוואָלט אונטער אלע אומשטענדען פארמיידען, וואָרים אויב יאָ אנטלויפען, האָב איך ניט פארגונען די הערן פון סקאָטלאַנד יארד דעם טריאומף מיך אויפצוזוכען, כדי זיך שפּעטער צו קאָנען בארימען מיט דער אומפעהלבארקייט פון זייער באוואכונגס־סיסטעם.

אָבער דאָס זיינען דאָך ניט געווען אלע שוועריגקייטען, וועלכע מען האָט געדארפט איבערקומען. איך האָב געוואוסט גאנץ באשטימט, אז אייניגע פון מיינע אינטימע פריינט אין לאָנדאָן וועלען אָנווענדען אלע מיטלען, כדי מיר צו פארשאַפען א זיכערן אָרט זיך צו באהאַלטען. אָבער דאָס איז ניט געווען אלצדינג. קיינער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזאָגען, ווי לאַנג די מלחמה וועט נאָך געדויערן. אונטער די אומשטענדען וואָלט א לעבען אין וואָס פאר עס איז באהעלטעניש געקאָנט ווערן זעהר אומאנגענעם, פיללייכט נאָך אומאנגענעמער און שווערער ווי די געפאנגענשאפט גופא. ניט נאָר וואָלט איך געמוזט אָפּברעכען אלע דירעקטע באציהונגען מיט מיינע איינענע, איך וואָלט אויך זעהר זעלטען געהאט א געלעגענהייט

ארויסצוקומען פון צייט צו צייט פון מיין באהעלטעניש, ווייל איך בין צו שטארק באקאנט און דער קלענסטער חשד האט געמוזט ברענגען א געפאר.

ס'האט דערום געמוזט קודם כל פעסטגעשטעלט ווערן, צי עס איז געווען א מעגליכקייט צו קאנען פארלאזען ענגלאנד און פיליכט מיט דער הילף פון באפריינדעטע מאטראזען אוועקצופאהרען ערגעץ אין א נייטראל לאנד. ערשט דאן, ווען עס זאל זיך מאכען אזא מעגליכקייט, וואלט איך געקאנט דענקען וועגען אויספיהרען מיין פלאן. אבער כדי אויסצופרואווען אט די אלע זאכען, איז אומ־באדינגט נייטיג געווען זיך גרינדליך דורכצוריידען מיט עטליכע פארטרויטע פריינט אויף דרויסען. אבער ווי אזוי האט דאס גע־קאנט געשעהן? ביי די באזוכען האט מען גאר ניט געקאנט טראכ־טען דערפון, זאגאר אויף'ן וואונק צו ריידען איבער אזעלכע גע־פערליכע זאכען. א בריעף ארויסשמוגלען וואלט געווים געווען מעגליך, אבער אין דערזעלבער צייט אויך זעהר געפערליך. אין פאל אזא בריעף זאל אריינפאלען אין אומפאסענדע הענט, וואלט עס געמוזט שטארק קאמפראמיטירען די פערזאן, צו וועמען ער איז אדרעסירט, און דאס וואלט אונטער די דאמאלסדיגע פארהעלטע־נישען געקאנט דעם מענשען פשוט אומגליקליך מאכען. ווארים עס איז געווען אבסאלוט אוממעגליך אויסצושרייבען אלע איינצעלהיי־טען מיט אזעלכע פארשטעלטע ווערטער, אז עס זאל ניט דערוועקען קיין שום פארדאכט. אט דער וועג איז אלזא שוין פון פארויס געווען אויסגעשלאסען. איז געבליבען בלויז נאך איין מיטעל: אי־מיצער וואלט געמוזט פרואווען פאר איין נאכט זיך ארויס'גנב'ענען פון'ם לאגער, כדי זיך צו זעהן מיט איינינע פארטרויטע פריינט דרויסען און זיי איבערגעבען און דערגעהן פון זיי אלעם וואס איז נייטיג. נאכדעם ווי ער ווערט פארטיג דערמיט, וואלט ער געמוזט אין דערזעלבער נאכט נאך צוריק אריינ'גנב'ענען זיך אין לאגער, כדי צו ברענגען דעם דערהאלטענעם ענטפער. קיין אנדער וועג איז ניט געווען.

נאכדעם ווי איך האב ביי זיך אליין גוט דורכגעטראכט איבער

אַט די אַלע זאַכען, האָב איך גערעדט מיט קאַרלטשיק'ן וועגען דעם. און ער איז געווען פולשטענדיג איינשטימיג מיט מיר. ס'איז אַלזאָ פריהער פון אַלץ נייטיג געווען צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי מען וואָלט געקאָנט פאַרלאָזען דעם „פּעלעם" ביינאַכט אויף פיער אָדער פינף שעה און דאַן, פאַרטאָג, אומבאַמערקטערהייט צוריקקומען.

צווישען מיינע נעהנטערע חברים אין דער געפאַנגענשאַפט האָט זיך אויך געפונען אַ יונגער האַמבורגער, מיט'ן נאָמען אויגוסט לודאָלף אַרנדט, אַ בראַווער און אויסגעצייכענטער כאַראַקטער. איך האָב זיך נאָך אין דער אָלימפּיאַ באַקענט מיט איהם און איך האָב באַלד געקאָנט באַמערקען, אַז מיינע אַנזיכטען איבער דעם קריג און אַנדערע זאַכען האָבען אויף איהם געמאַכט אַ טיפען און דויער־האַפטען איינדרוק. אין פאַרלויף פון אונזער צוזאַמענזיין האָט ער זיך אַלץ מעהר פאַרטיפט אין דער אידעען־וועלט פון'ם פריי־הייטליכען סאָציאַליזם, וועמעס איבערצייגטער אָנהענגער ער איז געוואָרן. אַרנדט איז געווען אַן אידעאַלער טיפּ, ווי געשאַפען צו זיין אַ יונגער טרעגער פון רעוואָלוציאָנערע אידעען. ער איז געווען זעהר רוהיג און קאַרג אין ווערטער, יאָ, זאָגאַר אַביסעל פאַרשלאָסען און איינגעהאַלטען אין זיין וועזען, אַבער איז דערזעלבער צייט אַ דרייסטער, מוטיגער בחור, טריי און איבערגעבען ביז גאַר. הגם ער האָט עס קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען, האָב איך געוואוסט, אַז ער האָט מיך איינגעשלאָסען טיף אין זיין האַרצען. איך בין געווען אַזוי פעסט איבערצייגט וועגען דער לויטערקייט פון זיין כאַראַקטער, אַז איך וואָלט פאַר איהם אַריינגעלעגט מיין האַנד אין פייער.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין אַלעק־סאַנדראַ פּעלעם האָט מיר אַרנדט אָנפאַרטרויט, אַז ער איז ענט־שלאָסען צו אַנטלויפען, אַזוי גיך ווי עס וועט זיך נאָר מאַכען אַ מעגליכקייט דערצו. איך האָב איהם דאַמאָלס אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויף די גרויסע שוועריגקייטען, און איך האָב באַזונדערס באַטאָנט, אַז אַט די שוועריגקייטען פאַנגען זיך ערשט ריכטיג אָן דאַן, ווען מען קומט אַרויס פון „פּעלעם". ביי דער דאָזיגער געלעג־גענהייט האָט ער מיר אויך דערצעהלט, אַז ער האָט ביינאַכט זיך

ארומגעקוקט אין לאגער און אז ער האט אויף דער לינקער זייט פון'ם גרויסען האל אונטער'ן דיעל ענטדעקט א פוסטען פלאץ, אין וועלכען א מענש קאן זיך גאנץ באקוועם באוועגען. וואס מען דארף איז בלויז א ליכט, כדי גרינדליך צו באלויכטען דעם ליידיגען פלאץ אונטער דער פאדלאגע און זעהן, צי איז ניט פיליכט פאראן ערגעצוואו אן ארויסגאנג. ס'איז גענוג אויפצוהויבען איין ברעט אין'ם וואש-צימער און מען וואלט געקאנט גאנץ לייכט זיך ארונטערלאזען אונטען.

כ'האב געוואוסט, אז איך קאן זיך אומבאדינגט פארלאזען אויף ארנדט'ן, און אז ער איז פארשלאסען ווי א קבר. האב איך איהם אלזא דערצעהלט וועגען מיין פלאן, וואס ער האט אויפגענומען מיט גרוים אינטערעס. אזוי ווי עס איז ניט ראטזאם געווען, אז איך אליין זאל אונטערנעמען דעם ערשטען גאנג, ווייל די אגענטען פון סקאטלאנד יארד האבען מיך צו גוט געקענט און עס האט זיך דא געהאנדעלט וועגען אפשטאטען א ביינאכטיגען באזוך אין מיין אייגענער וואוינונג, האט ארנדט ניט איבערגעטראכט קיין מינוט און זיך גלייך אנגעבאטען איבערצונעמען די זאך אויף זיך און נאכדעם ווי ער וועט עס דורכפיהרען צוריקצוקומען און מיר אפגעבען א באריכט וועגען דעם. ס'איז געווען אפגעמאכט, אז שפעטער, אזוי גיך ווי מען וועט אונז פון דרויסען געבען א צייכען, זאלען מיר בײדע צוזאמען אנטלויפען.

אונזער ערשטע זארג איז אלזא קודם כל געווען גענויער צו אונטערזוכען דעם פוסטען פלאץ אונטער'ן דיעל, צי וואלט ער אונז געקאנט דיענען אלס באזיס פאר אונזערע פלענער. מען האט געקריגען א שטריק און א ליכט, און אין איינער פון די נעקסטע נעכט האט זיך ארנדט ארויסגעלאזט מאכען א גענויע אונטערזוכונג. דער רעזולטאט איז געווען אזא, אז בעסער האט מען זיך גאר ניט געקאנט ווינשען. ס'האט זיך נעמליך ארויסגעשטעלט, אז דער פלאץ אונטער'ן דיעל איז געווען א פאסאזש, וואס האט געפיהרט דירעקט צו דער אונטערערדישער אייזענבאהן. אין פרידענס-צייטען האט דער אלעקסאנדרא פעלעס געהאט א באזונדער סטאנציע

פון דער „אנדערגראונד“, וואו עס פלעגען אצונד מעהר ניט אריינ־פאָהרען קיין צוגען, זינט מען האָט דעם „פעלעם“ פאַרוואַנדעלט אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער. אין א צווייטער נאַכט האָבען מיר אויסגעפונען, אַז מען האָט געקאָנט גאַנץ לייכט דורך אָט דעם גאַנג אריינקומען אין דעם טונעל, וואָס האָט געפיהרט צו וואוד גרין סטיישאַן. פון דאָרט וואָלט מען געקאָנט דורך א מין לופט־שאַכט לייכט ארויסקומען אויף דער פריי. ביי דעם אַלעמען האָט מען גע־דאַרפט אין זינען האָבען בלויז איין שטערונג: אין דער פאַר־מאַכטער באַהן־סטאַנציע פון אַלעקסאַנדרא פעלעס איז טאָג און נאַכט ארומגעגאַנגען א סאָלדאַט ארויף און אראָפּ. מען האָט אַלזאָ געמוזט אויסניצען די געלעגענהייט און שנעל אריינלויפען אין דעם טונעל, אין דעם מאָמענט ווען דער סאָלדאַט האָט מארשירט צו דער אנדער זייט צו. די זאַך איז אַלזאָ געווען אזוי גינסטיג, ווי מיר האָבען זיך נאר געקאָנט ווינשען.

אזוי ווי ארנדט האָט פארשטאַנען זעהר ווייניג ענגליש, האָב איך איהם געמאַכט א פולשטענדיגען פּלאַן, ווי אזוי צו קומען צו מיין וואוינונג, אָהן דעם אַז ער זאָל זיך דארפען נאָכפרעגען ביי אימיצען, ווייל דאָס וואָלט אונטער אומשטענדען געקאָנט זיין גע־פערליך. מיין אדרעס האָב איך איהם געלאָזט אויסלערנען אויס־ווייניג, ביז ער האָט עס געהאַט גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון.

אין דער נאַכט פון 14טען יולי האָט ארנדט אין געוועהנליכע ארבייטס־קליידער פארלאָזען דעם לאַגער, פאַרזאָרגט מיט אַלעם וואָס ער האָט נייטיג געהאַט, כדי צו דערגרייכען זיין ציעל.

איך האָב יענע נאַכט קיין אויג ניט געקאָנט צומאַכען, און איך בין די גאַנצע צייט געווען פארנומען מיט מיין יונגען פריינד, אין וועמעס האַנד עס איז אצונד געלעגען מיין נאָהנטע צוקונפט. טוי־זענד געדאַנקען און שרעקען האָבען זיך ארומגעוואָרפען אין מיין אומרוהיגען מוח. וועט ער בשלום צוקומען צום טונעל, אָהן דעם אַז דער פאַטרול־סאָלדאַט זאָל איהם באַמערקען? און וועט ער אויף דרויסען ניט פארבלאָנדזשען און טרעפען דעם ריכטיגען וועג, ער, וואָס ער איז פריהער קיינמאָל ניט געווען אין לאָנדאָן און וועל־

בער האָט זיך געקאָנט לייכט פאַרלירען אין דעם מורא׳דיגען ים פון הייזער, ניט קוקענדיג אויף דעם פּלאַן וואָס ער האָט ביי זיך גע־האַט?

ס׳איז געווען א קורצע ווײלע נאָך צעהן אזייגער אין אווענט, ווען ארנדט האָט זיך ארויסגעלאָזט אויף זיין שליחות. לויט אונ־זער רעכנונג האָט ער געמוזט נאָך פאר האלבע נאַכט דערגרייכען זיין ציעל. א שעה צייט האָט ער געזאָלט פארברענגען אין מיין וואוינונג און ערקלערען מיין פרוי אלצדינג, כדי זי זאָל שפּעטער זיך קאָנען זעהן מיט עטליכע פון אונזערע קאמעראדען און זיי לאָ־זען וויסען וועגען מיין פּלאַן. אזוי גיך ווי מיינע פריינט וועלען געפינען א זיכערן פּלאַץ זיך צו באהאַלטען און וועלען געוואָהר ווערן, צי עס איז פאראן א מעגליכקייט ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט צו אנטלויפען אין א נייטראַלען לאַנד, דאן האָט מען מיר געזאָלט ביי א באַזוך געבען צו פארשטעהן דורך א פארשטעלט וואָרט, אז אלעס איז גרייט, כדי מיר זאָלען דאן זיך קאָנען נעמען צו דער אויספיהרונג פון אונזער פּלאַן. אין פאַל אויב עס זאָל צוליעב געוויסע אורזאכען נייטיג זיין א שנעלע פארשטענדיגונג, האָבען מיר אויך באשטימט א מיטעל, ווי אזוי מען זאָל אונז נאָך דעם זעלבען טאָג קאָנען געבען א צייכען וועגען דעם.

אָט דער גאנצער עסק האָט, ווי געזאָגט, געמוזט אָפּגע׳פּטר׳ט ווערן העכסטענס אין א שטונדע צייט, אזוי אז ארנדט זאָל נאָך פאַרטאָג קאָנען צוריקקומען אין לאגער, כדי צו זיין אנוועזענד ביי דער פריהמאָרגען־צעהלונג.

די נאכט איז אריבער, אָהן דעם אז איך זאָל אפילו אויף איין רגע האָבען צוגעמאכט מיינע אויגען. ארנדט איז ניט געקומען. עפּעס האָט אלזאָ געמוזט טרעפען מיט איהם. ווער וויים, אפשר האָט איהם דער פּאטרול־סאָלדאט דערזעהן, איידער ער האָט נאָך צייט געהאט זיך אריינצו׳גנב׳ענען אין דעם טונעל? אדער ס׳קאָן זיין, אז מען האָט איהם געכאפּט אויף דער גאַס, נאָך איידער ער האָט דערגרייכט זיין ציעל? דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאָן פון אָט די אלע השערות.

ס'האָט געקלונגען דער סיגנאַל צום אויפשטעהן. ארנדט איז ניט געווען אויף זיין פּלאַץ. באַלד וועט פאָרקומען די צעהלונג און ארנדט וועט פעהלען. — פיליינכט האָט ער ניט געקאָנט צוריקקומען אין צייט און ער באַהאַלט זיך ערגעצוואו ביז'ן אָוונט, איז מיר דורכגעלאָפען א געדאַנק אין קאָפּ. אָט דעם געדאַנק האָט מען אבסאָלוט ניט געקאָנט אוועקמאַכען מיט דער האַנד. אין דעם דאָזיגען פאַל האָט מען אַלזאָ געמוזט זעהן, אַז זיין אָבוועזענהייט זאָל ניט אויסגעפונען ווערן שוין ביי דער איצטיגער צעהלונג. מען האָט געמוזט זאָרגען דערפאַר, אַז ביים „ראַל־קאָל" זאָל אַן אַנדערער צוגעהן צו ארנדט'ס בעט און זעהן, אַז דער קאָמפּאַניע־פיהרער זאָל ניט אויפמערקזאַם מאַכען דעם באַוואַכענדען אָפיציר וועגען דעם. דאָס איז ניט געווען זעהר שווער. אין יעדער קאָמפּאַניע זיינען געשטאַנען צוויי רייהען בעטלעך, וועלכע זיינען געווען אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע דורך א שמאָלען גאַנג. נאָכדעם ווי דער אָפיציר צוזאַמען מיט א סאַרדזשענט און מיט דעם קאָמפּאַניע־פיהרער וועלען האָבען אָפּגעגאַנגען איין רייהע, האָט איינער פון די שוין געצעהלטע זיך געקאָנט שנעל אריבערכאַפּען אויף דער אַנדער זייט און זיך אוועקשטעלען ביים ליידיגען בעטעל. דאָס וואָלט אפילו ביי די נאָהנט־שטעהענדע געפאַנגענע ניט ארויסגערופען קיין שום חשד, ווייל יעדער וואָלט זיך געטראַכט ביי זיך, אַז דער ריכטיגער מאַן האָט זיך מסתמא ערגעצוואו פארשפּעטיגט און א פריינד פארנעמט זיין פּלאַץ, כדי איהם צו פארהיטען פון שטראָף.

אַזוי איז טאַקע געווען. דער טאָג איז אריבער, אָהן דעם אַז עפּעס זאָל האָבען פּאַסירט. איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז ארנדט וועט זיין צוריק אין לאַגער אַזוי גיך ווי עס וועט נאָר פינסטער ווערן, אויב עס האָט נאָר מיט איהם ניט געטראָפען קיין אומגליק. די הויפּט זאַך איז געווען בלויז, אַז ביים „ראַל־קאָל" אין אָוונט זאָל איבערגע'חזר'ט ווערן דאָס זעלביגע שפּיל, וואָס איז שוין פאָרגעקומען ביי דער צעהלונג אין דערפריה. לענגער וואָלט מען די זאַך ניט געקאָנט באַהאַלטען, וואָרים אין לאַגער האָבען זיך שוין נעהאַט פארשפּרייט אַלערליי קלאַנגען. ארנדט'ס אָפּוועזענ־

הייט ביי די מאַהלצייטען האָט זיך שוין ביי מאַנכע געפאַנגענע געוואָרפען אין די אויגען. איינצעלנע האָבען שוין אויך געוואוסט, אַז ארנדט איז אין דער פאָרגאַנגענער נאַכט ניט געשלאָפען אין זיין בעט. אָבער דאָס אַלעס איז ניט געווען געפעהרליך, אויב ארנדט זאָל נאָר אין פאַרלויף פון דער נאַכט צוריקקומען.

ווען מיר האָבען זיך אין אָווענט געדאַרפט אויסשטעלען ביי אונזערע בעטען צום „ראָל־קאָל“, האָט ווידער אַמאָל איינער פון אונזערע יונגע קאַמעראַדען פאַרטראָטען אונזער אַפּוועזענדען פריינד, אָהן דעם אַז אימיצער זאָל האָבען געמאַכט וואָס פאַר עס איז באַמערקונג דערצו. ווען דער קאָמפּאַניע־פיהרער וואָלט נאָר ניט געווען דערביי. דער דאָזיגער האָט שוין אין דערפריה באַמערקט, אַז אַ פאַלשער מאַן איז געשטאַנען ביי ארנדט'ס געלעגער, אָבער ער האָט געשוויגען, ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט פאַרקריגען מיט די געפאַנגענע. ווען די זעלבע מאַנעווורע האָט זיך אָבער אין אָווענט איבערגע'חזר'ט נאָך אַמאָל, האָט ער מורא געקריגען, וואָרים ער האָט דערשפּירט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט.

אונזער קאָמפּאַניע־פיהרער איז איבערהויפּט געווען אַ קאַפּיטעל פאַר זיך. ס'איז געווען אַ שרעקעדיג שניידערל, וואָס איז געשטאַנען זיבען און צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען אונטער דער אייזערנער הערשאַפט פון זיין „בעסערער העלפט“, אַזוי אַז די געפאַנגענשאַפט איז פאַר איהם געווען אַ צייט פון ערהוילונג. ער פלעגט עס זאָגען יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר געוואָלט הערען, אַז אויסער זיין מיליטער־צייט איז דאָס דער שענסטער פּעריאָד פון זיין לעבען. דורך אַן אירָאָניע פון'ם צופאַל איז אָט דער מאַן אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד“ אויסגעקליבען געוואָרן אַלס אַן אַזויגערופענער ליניע־קאַפּיטאַן, און דורך דעם באַפעהל פון אונזער אַלטען קאָמאַנדיר איז ער אויך אין אַלעקסאַנדראַ פעלעס געבליבען אַ מאַכער און איז געוואָרן דער פיהרער פון דער פערטער קאָמפּאַניע. ס'איז געווען דאָס העכסטע וואָס דער אָרעמער קערל האָט ווען אין זיין לעבען דערגרייכט, און ער האָט זיך געהאַלטען מיט זיין נייעם טיטול ווי אַ קעניג מיט זיין קרוין. מען האָט איהם באַדאַרפט אַנקוקען, מיט

וואָס פאַר א צערטליכקייט ער פלעגט עם ביינאַכט צונויפוויקלען דאָס בלויע קאַפּיטאַן־בענדעל, וואָס ער פלעגט בייטאָג שטאָלץ טראָגען אויף׳ן אָרם, אלס צייכען פון זיין טשין. ניט בלויז ביי־טאָג. אז עס פלעגט איהם אמאָל אין מיטען נאַכט אָנקומען א מענשליך באַדערפעניש און ער האָט געמוזט געהן אין א געוויסען אָרט, פלעגט ער עס קיינמאָל ניט טאָן, איידער ער פלעגט ארומ־בינדען דאָס בלויע בענדעל ארום דעם אַרבעל פון זיין שלאָפראָק. צו וואָס פאַר א צוועק ער האָט עס געטאָן איז, אמת, געווען שווער צו באַגרייפען, מחמת ביינאַכט זיינען דאָך די מעהרסטע געשלאָפען און עס איז דאָך ניט געווען ווער עס זאָל איהם באַוואונדערן. אבער ער פלעגט עס דאָך טאָן. וואַרשיינליך האָט ער געדענקט, אז עס קאָן איהם נאָך חלילה אָפּפאַלען עפּעס פון זיין כבוד אלס קאָמפּאַניע־פיהרער, ווען ער זאָל אריינגעהן אין יענעם וויכטיגען אָרט אָהן דעם צייכען פון זיין הערליכקייט.

הערר מ. — אַזוי האָט אונזער מאַן געהייסען — האָט אַלזאָ צו זיין שרעק צוויי מאָל געמוזט זעהן, אז אַרנדט איז ניט געשטאַ־נען ביי זיין בעט, און אז אַן אנדערער האָט זיך אָנשטאָט איהם געלאָזט צעהלען. אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט צו פאַלען אין אומ׳חן ביי זיין קאָמפּאַניע, האָט ער די זאַך ניט געמעלדעט צו דעם באַוואַכענדען אָפיציר. שפּעטער אָבער האָט איהם זיין געוויסען אָנגעהויבען פּלאָגען. ער האָט געציטערט פאַר אַן ענטדעקונג און האָט וואַרשיינליך מורא געהאַט, אז ווען די געשיכטע וועט קומען צו דעם קאָמאַנדיר, קאָן נאָך מעגליך זיין, אז יענער זאָל דערפאַר ביי איהם צונעמען דאָס בלויע בענדעל. גרויסער גאָט! אלעס, נאָר דאָס ניט! און אַזוי האָט ער זיך ענדליך, א שטונדע נאָך דער צעהלונג, ענטשלאָסען צו מעלדען די זאַך.

אַזוי ווי דער קאָמאַנדיר איז גראָד ניט געווען אין לאַגער, האָט זיין שטעלפאַרטרעטער אויפגענומען די מעלדונג. אבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ניט געשענקט קיין גרויסע באַדייטונג צו דעם וואָס מ. האָט דערצעהלט און האָט קענטיג ניט געגלויבט, אז אימי־צער איז דאָ אַנטלאָפען. ער האָט דערום די זאַך געלאָזט לויפען

און ערשט ווען דער קאָמאנדיר איז צוריקגעקומען פון שטאָט האָט ער איהם וועגען דעם געמעלדעט. דער דאָזיגער האָט שוין די זאַך ניט גענומען אזוי לייכט, און עס האָט זיך באַלד אויפגעהויבען א שטורם אין לאַגער.

ס'איז געווען א קורצע ווײַלע נאָך צעהן אזייגער. די מעהרסטע פון אונז זיינען שוין געשמאק געשלאָפען, ווייל לויט דער פאָר־שריפט האָט יעדער איינער שוין ניין דעם זייגער געמוזט זיין אין בעט. פּלוצלינג האָט זיך אין'ם באַטאַליאָן אויפגעהויבען א שרעק־ליכער ליארם. שליסלען האָבען זיך געדרעהט אין די שלעסער, קאָמאנדאַ־געשרייען האָבען אָפּגעקלונגען, ס'איז געוואָרן ליכטיג אי־בעראַל. און באַלד איז ערשינען דער קאָמאנדיר אין באַגלייטונג פון עטליכע אָפיצירען און אן אָפּטיילונג סאָלדאטען און האָט אומ־געדולדיג פארלאַנגט צו זעהן דעם באַטאַליאָן־פיהרער. דער דאָזיגער איז שנעל געקומען צו לויפען, און אצונד איז מען מיט איילענדע טריט געגאַנגען צו דער פערטער קאָמפּאניע, וואו אונזער מוטיג שניידערל האָט מיט ציטערנדע קניע שוין ערוואַרט דעם מעכטיגען פּריץ. דער קאָמאנדיר איז דעם אָרעמען קערל באַפאַלען מיט א שטראָם פון פראַגען און האָט זיך דערביי באַנומען, פּונקט ווי א שלאַנג וואָלט איהם א ביס געטאָן. אונזער קאָמפּאַניע־פיהרער האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס ארויסגעשפּרונגען פון א הויפען דערנער, א בילד פון יאָמער און פון טיפסטער דערשלאָגענקייט. ער האָט ניט געוואוסט פון זיינע הענט און פיס, האָט געשטאַמעלט אלערליי ווערטער, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין שום צוזאמענ־האַנג, דורך וואָס דער אַלטער איז געוואָרן נאָך צאָרנדיגער. דער דאָזיגער האָט געקלאַפּט מיט זיין שטעקען אויף ארנדט'ס בעט, אז עס האָט אָפּגעקלונגען איבער'ן גאנצען זאַל און האָט דעם אומ־גליקליכען מ. פארשאָטען מיט אזא שטראָם פון זידעל־ווערטער, אז ער איז ענדליך אנשוויגען געוואָרן און האָט געפיהלט ווי צו פאַר־קריכען ערגעץ אין א לאָך, אז מען זאָל איהם ניט האָבען פאר די אויגען.

דאָס בושעווען פון דעם אַלטען מאַן, וועלכער האָט זיך מעהר

ניט געקאָנט קאָנטראָלירען, האָט אויפגעבראַכט די געפאַנגענע, וועל־
כע זיינען אויף אַזא אומגעריכטען אופן געשטערט געוואָרן אין
זייער בעסטען שלאָף, און פון פארשידענע ווינקלען פון'ם ריזיגען
זאַל האָבען זיך געלאָזט הערען אַלערליי אויסרופען וואָס האָבען
גאָרנישט געקלונגען דרך־ארץ'דיג. דאָס האָט נאָך פארגרעסערט
דעם קאָמאַנדיר'ס צאָרן, אויב א פארגרעסערונג אין דעם פרט איז
נאָך מעגליך געווען. ער האָט געגעבען זיינע סאָלדאַטען א באפעהל
צו ארעסטירען די „פארברעכער", און די דאָזיגע האָבען סתם אזוי,
ניט אויסקלייבענדיג, געכאַפט א פּאָר מענשען און זיי אָפּגעפיהרט
אין דער וואַך־שטוב. דורכדעם איז דער סקאנדאל, פארשטעהט זיך,
נאָך גרעסער געוואָרן. ס'איז שוין געווען נאָך עלף אזייגער, ווען
דער קאָמאַנדיר האָט ענדליך באשלאָסען צו פארלאָזען דעם זאַל,
נאָכדעם ווי ער האָט אונז אפריהער אָנגעשראָקען מיט אלע מעג־
ליכע סטראַשונקעס.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָט זיך די געשיכטע ווערדערהוילט
פון דאָס ניי. ווען די צעהלונג איז געווען צו ענדע, האָבען די לייט
געוואַרט, מען זאָל זיי, ווי געוועהנליך, עפענען די טיר און זיי אראָפּ־
לאָזען אין'ם „קאָמפּאַונד". בעת ווען די געפאַנגענע פון די באַטאַ־
ליאָנען „איי" און „סי" האָבען פארבראַכט אויף דרויסען אונטער'ן
פרייען הימעל, האָט מען אונז געהאַלטען איינגעשפּאַרט, ניט קוק־
קענדיג אויף דעם הייסען יולי־טאָג. א שטונדע שפּעטער האָט מען
אונז געלאָזט וויסען, אז מיר וועלען דריי טעג צייט ניט טאָרען
פארלאָזען דעם באַטאַליאָן־זאַל. אויסערדעם האָט מען געזאָלט צו־
נעמען ביי אונז די באַזוכען און די קאָרעספּאָנדענץ פאר דריי וואָ־
כען צייט. אָט די נאָכריכט האָט געמאַכט א סוף צו יעדער געדולד.
די אומאויפהערליכע ערנידעריגונגען און צוועקלאָזע גזרות, אונטער
וועלכע מיר זיינען געווען אונטערוואָרפען זינט מיר זיינען אהער
אָנגעקומען, האָבען שוין פון לאַנג געהאַט אָנגעפילט די געפאַנגענע
מיט דער טיפסטער ביטערקייט, און מען האָט בלויז באַדאַרפט עפּעס
א גרונד, כדי דעם איינגעהאַלטענעם כעס פאַנאַנדערצובלאָזען אין
א ליכטיגען פלאַם. אָט דער מאָמענט, וועלכען די פארשטענדיגע

צווישען אונז האָבען שוין פון לאַנג געהאַט פּאַרויסגעזעהן, איז אצונד געקומען, און עס איז נייטיג געווען צו זעהן, אז די עמפּערונג פון די מענשען זאָל ניט אַפּלויפען אָהן א ווירקונג.

יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען, אז מיר זיינען צוגעקומען צו א ווענד־פּונקט און אז די זאַכען האָבען ניט געקאָנט אזוי ווייטער אַנגעהן ווי ביז אהער. וואָס נאָכדעם וועט קומען, האָט נאַטירליך קיינער ניט געקאָנט פאָרויסזעהן, אבער אז איצט האָט אונטער אלע אומשטענדען עפּעס געמוזט געשעהן, דאָס האָט באַגריפען אפילו דער פרידליכסטער צווישען אונז. איך האָב געהאַט א קורצע באַראַטונג מיט קארלטשיק'ן און נאָך עטליכע פּארטרויטע פריינט, און מיר האָבען אלזאָ ארויסגעגעבען די פּאַראָלע, אז אלע קאָמפּאַניע־פיהרער זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייערע עמטער און ערקלערן דעם קאָמאַנ־דיר, אז אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען זיינען זיי ניט אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך וועלכע ס'איז פאַראַנטוואָרטליכקיי־טען, ווייל די גרעסטע צאָהל פון די געפאַנגענע זאָגט זיך קאַטע־גאָריש אָפּ פון פאָלגען זייערע באַפעהלען.

א טייל פון די קאַפּיטאַנען איז אבסאָלוט ניט געווען איינפאַר־שטאַנען מיט דער דאָזיגער פאָדערונג, אָבער דער געשריי: „די בענדלעך אראָפּ!" איז געוואָרן אלץ שטאַרקער, און ווען קארלטשיק האָט ענדליך געמאַכט דעם אָנהויב און אראָפּגענומען זיין בענדעל אלס „מעס־ליעדער", האָט זיך שוין מעהר קיינער ניט געקווינקעלט, און אלע האָבען געפאָלגט זייןביישפּיל. עס וואָלט אויך געווען א גרויסע נארישקייט צו וועלען קעמפען געגען דער אלגעמיינער שטי־מונג אין'ם באַטאַליאָן. די עמפּערונג האָט אצונד ארומגעכאַפּט אלע קרייזען. זאָגאַר די מיטגלידער פון א קליינער מוזיק־קאַפּעליע, וועל־כע האָט זיך געהאַט געגרינדעט מיט עטליכע וואָכען פאַר דעם און האָט אויף א באַזונדערן אופן נושא חן געווען ביי דעם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט יעדען מוזיקאַנט פאַרזאָרגט מיט א ספּעציעלען מי־ליטערישען מונדיר, זיינען איצט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אלגע־מיינער באַוועגונג און האָבען אוועקגעוואָרפען זייערע מונדירען אין א ווינקעל.

די ענגלישע וואך־לייט און סאָלדאטען אין׳ם באַטאַליאָן האָבען ניט אָנגעהויבען פארשטעהן וואָס דאָ טוט זיך. זיי האָבען געקוקט אויף די אויפגערעגטע גרופּעס איבעראל און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו דענקען וועגען אָט די אומגעווענליכע סצענעס. ארום מיטאג־צייט איז דער ליארם אין דעם באַטאַליאָן געוואָרן אלץ גרע־סער, און קאָלין איז ווידער אמאָל געלאָפען צום קאָמאַנדיר, צו וועמען ער האָט זיך אין פארלויף פון׳ם פאָרמיטאג שוין א פּאָר מאָל געהאט געווענדט, אַבער ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ריידען מיט איהם. א קורצע ווײלע פאַר מיטאָג, ווען מען האָט גראָד געמאכט די פאָרבארייטונגען צום עסען, זיינען אויף דער פּלאַטפאָרמע ביים ארייגאנג פון׳ם האָל פּליצלינג ערשינען צעהן אָדער צוועלף סאָל־דאַטען, מיט די ביקסען גרייט צו שיסען. גלייך נאָכדעם האָט זיך אויף דערזעלבער פּלאטפאָרמע באוויזען דער קאָמאַנדיר בכבודו ובעצמו. קוים האָט מען איהם נאָר דערזעהן, אז עס האָט אין דעם גרויסען ברייטען זאָל אויסגעבראכען א שטורם פון עמפּערונג. ער האָט געפּרואווט ריידען, אבער זיינע ווערטער זיינען פולשטענדיג פארלוירען געגאנגען אין דעם מורא׳דיגען ליארם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון אלע זייטען. אצונד האָט די זאך געקאָנט ווערן געפערליך, ווען עס זאָל ניט באצייטענס ווערן רוהיג אין זאָל. ס׳איז געווען זעהר וויכטיג און פון גרויסער באדייטונג, אז דער קאָמאַנ־דיר זאָל קומען צום וואָרט, כדי איהם צו געבען א מעגליכקייט זיך אויסצוריידען. אחוץ דעם האָט מען זיך אבסאָלוט ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז דער אלטער וועט אין פראָנט פון זיינע סאָלדאטען זיך לאָזען ארונטערשרייען אזוי איינפאך, און מען האָט באדארפט ערווארטען, אז אויב ער וועט קיין אנדער ברירה ניט האָבען וועט ער זיך באנוצען מיט דעם לעצטען געוואלט־מיטעל וואָס ער האָט גע־האט.

געוויס האָט עס דעם אלטען קאָמאַנדיר ניט געקאָנט שאַדען, ווען מען האָט איהם איינמאָל אויף א שטרענגען אופן געוויזען, אז אויך צו דער געדולד פון געפאנגענע איז פאראַן א גרעניץ, וואָס מען קאָן ניט אריבערטרעטען אומבאשטראָפטערהייט. די מורא׳דיגע

אויפֿרעגונג אין׳ם לאַגער, וועלכע ער האָט אַצונד מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, האָט איהם געמוזט ווייזען, אויב ער האָט נאָר געהאַט א פּונק פֿון איבערלעגונג, אַז אָט דער גרעניץ איז אַצונד דערגרייכט געוואָרן, און אַז עס איז פֿאַראַן העכסטענס נאָך איין מיטעל צו אונטערוואַרפֿען אָט די מענשען און דאָס איז א בלוט־באָד.

די יעניגע צווישען אונז, וועלכע האָבען קלאָר און דייטליך איינגעזעהן, אַז דער קאָמאַנדיר האָט אום יעדען פּרייז געמוזט קומען צום וואָרט, כדי אויסצוניצען די העכסט קריטישע סיטואַציע פֿון אונזער טובה וועגען, האָבען זיך באַמיהט מיט אַלע קרעפֿטען איינצושטילען דעם ליאַרם און צו באַרוהיגען די געפֿאַנגענע. דאָס האָט געדויערט א ווײַלע, אָבער עס האָט זיך איינגעגעבען. אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט איז דער אַלטער געשטאַנען רוהיג אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און אַראָפּגעקוקט אויף דער אויפֿגערעגטער מאַסע, אָהן דעם ער זאָל א פּינטעל טאָן מיט׳ן אויג. ענדליך איז שטיל געוואָרן, ער האָט געוואַרט נאָך א רגע, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען ריידען, רוהיג און געמאָסטען, באַטאָנענדיג יעדעס וואָרט. שוין פֿון׳ם קלאַנג פֿון זיין שטימע האָט מען געקאָנט אַרויסהערען, אַז ער איז געוועזען גענייגט זיך איבערצובעטען. ער האָט זיך אַצונד געוויזען אין א גאַנץ אַנדער ליכט, און יעדער פֿון אונז האָט געפֿיהלט, אַז אין דעם דאָזיגען אַלטען איז געווען נאָך א זייט, פֿון וועלכער מיר האָבען ביז דאַן ניט געוואוסט. אָנשטאָט מיט סטראַשונקעס, ווי מיר האָבען ערוואַרטעט, האָט ער גערעדט צו אונז ריין מענשליך. ער האָט אָהן א שום ספק איינגעזעהן, אַז יעדעס שאַרפֿע וואָרט וואָלט בלויז אַרויסגערופֿען א נייעם שטורם, וועלכען ער האָט קענטיג געזוכט צו פֿאַרמיידען. ער האָט ערקלערט, אַז די שטראָפֿען איבער אונזער באַטאַליאָן האָט ער ניט אַרויפֿגעלעגט אויף אונז, כדי זיך מיט אונז אָפּצורעכענען פֿאַר ארנדט׳ס אַנטלויפֿען, נאָר איינפֿאַך דערפֿאַר, ווייל מיר האָבען אויף א גראָבען אופֿן באַליידיגט זיינע אָפֿיצירען. פֿונדעסטוועגען איז ער ענטשלאָסען צו שליכטען דעם שטרייט מיט גוטען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס מאַנכע פֿון אונז קאָנען נאָך אויס־

טייטשען זיין נאָכגיביגקייט אלס שוואכקייט אָדער גאָר אלס פייגהייט. אָבער יעדער איינער מוז דאָך סוף כל סוף איינזעהן, אז ער האָט די מאכט דורכצופיהרען זיינע באפעהלען. נאָר ער וויל אויף קיין פאל ניט באנוצען אָפענע געוואלט געגען שוצלאָזע מענשען, אזוי לאנג ווי ער זעהט נאָך פאר זיך דעם קלענסטען אויסוועג צו שליכטען די זאכען אויף א פארנינפטיגען אופן.

וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אלץ מעהר בייפאל האָט זיין רעדע ארויסגערופען. זאָגאר די יעניגע צווישען אונז, וועלכע האָבען ניט פארשטאנען גוט די ענגלישע שפראַך, האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט, אז ער האָט זיך באמיהט צו געפינען א פרידליכען אויסגלייך. מען האָט זיך קוים געקאָנט פאָרשטעלען, אז דאָס איז דערזעלביגער מאַן, וועלכער האָט אין דער פארגאנגענער נאכט אזוי מורא׳דיג געבושעוועט.

אז ער האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט ער הויך אויף׳ן קול געפרעגט, וואָס זיינען אייגענטליך אונזערע וואונשען. און אזוי ווי גראָד אנטקעגען איהם איז געשטאנען איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, וועלכער האָט איהם א פאָר מאָל אונטערבראָכען, בעת ער האָט גערעדט, האָט ער איהם אָנגעקוקט מיט א שארפען בליק און איהם געפרעגט:

„וואָס האט איהר, צום ביישפיל, פאָרצוברענגען?“

דער, צו וועמען דער קאָמאנדיר האָט זיך געווענדט, א בראווער און אומערשראָקענער מאַן מיט׳ן נאָמען מונדינג, האָט זיך ניט פארלאָרען. ער האָט קורץ צוזאמענגעפאסט אלע אונזערע קריוודעס און טענות און האָט זיי אויסגעדריקט אין א קורצער פאָרם. פרייהער פון אלץ האָט ער באטאָנט, אז מיר זיינען ניט קיין סאָלדאטען, נאָר ציוויל־געפאַנגענע, און אז מיר ווילען אלס אזעלכע באהאנדעלט ווערן. אויסערדעם איז דער באטאליאָן אבסאָלוט ניט צופריידען מיט זיין איצטיגער אינערליכער פארוואלטונג און האָט דעם דרינגענדען וואונש צו ארראנזשירען נייע וואהלען פאר אלע קאפיטאנען. וואָס איז שייך צו דעם פאל פון ארנדט׳ס אנטלויפען, האָט מונדינג ערקלערט, אז עס געשיקט זיך ניט צו באשטראָפען טויזענד

מענשען פאר דער טאט פון אן איינצעלנעם, און אז די שטראפען וואס זיינען ארויפגעלעגט געווארן אויף דעם באטאליאן האבען דע־רום פון יעדען איינעם פון זיינע מיטגעפאנגענע געמוזט באטראכט ווערען אלס אומגערעכט.

ווען מונדינג האט געענדיגט זיינע ערקלעהרונגען, האט דער קאמאנדיר נאך אמאל געפרעגט, צי ס׳איז פאראן נאך אימיצער וואס האט עפעס פארצוברענגען. אבער מונדינג האט שוין געהאט באַ־ריהרט די וויכטיגסטע פונקטען, אלעם אנדערע האט געקאנט ענט־שידען ווערן בלויז פון פאל צו פאל, און דערום האט מען ערקלערט דעם קאמאנדיר, אז קודם כל זיינען אט די פאדערונגען פאר אונז שטארק וויכטיג. דאן האט ער נאך אמאל גענומען דאס ווארט און ערקלערט, אז די ענגלישע רעגירונג באטראכט אונז דערפאר אלס קריגס־געפאנגענע, ווייל יעדער פון אונז איז געוועז א סאלדאט. ביי די דאזיגע ווערטער איז ער אבער גלייך איבערגעשלאגען גע־ווארן און מען האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז דאס איז א גאנץ פאלשע אויפפאסונג, ווייל הונדערטע פון אונז האבען קיינמאל נים געטראגען קיין מונדיר און נים געהאלטען קיין ביקס אין דער האנד. מען האט געקאנט זעהן אן זיין מיענע, אז די דאזיגע ערקלע־רונג האט איהם שטארק איבעראשט. דערנאך האט ער אונז געלאזט וויסען, אז ער נעמט אראפ די שטראפען וואס ער האט ארויפגע־לעגט אויף אונזער באטאליאן און גיט אונז דאס רעכט אין פארלויף פון נאכמיטאג צו ארגאנזשירען נייע וואהלען פאר דער גאנצער אי־נערליכער פארוואלטונג. איבער אנגעלעגענהייטען פון קלענערער באדייטונג וועט מען זיך דאן קאנען ווענדען צו איהם דורך דעם נייעם באטאליאן־פיהרער.

אט די ערקלערונג איז פון די געפאנגענע אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, און ווען דער קאמאנדיר מיט זיינע סאלדאטען האבען פארלאזען דעם באטאליאן־זאל, האט מען געפיהלט, אז א נייער אנפאנג איז איינגעטראטען. אויף אלע פנים׳ער האט גע־שטראלט צופרידענקייט, און יעדער האט ווידער ערוואַרט בעסערע טעג.

נאָך דעם מיטאָג האָבען זיך אָנגעהויבען די פאָרבאריטונ־גען פאר די וואהלען. מיינע פריינט האָבען זיך ווידער אמאָל גע־ווענדט צו מיר און מיך שטארק געבעטען אָנצונעמען די קאנדידאטור פאר דעם פאָסטען פון באטאליאָן־פיהרער, אָבער איך האָב אויך דאָס דאָזיגע מאָל ניט געקאָנט צושטימען דערצו. איך האָב געקאָנט לייענען ביי זיי אויף'ן פנים, אז מיין ענטפער האָט זיי ביטער ענ־טוישט, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איך האָב ניט געקאָנט באקעמפען מיין נאטירליכע אָפנייגונג געגען אזעלכע שטעלעס און איך בין אויך געווען איבערצייגט, אז אין באטאליאָן זיינען געווען נאָך אנדערע מענער, וועלכע וואָלטען געקאָנט אויספילען דעם אמט ווענינגסטענס פונקט אזוי גוט ווי איך. דערפאר איז אבער געווען אוממעגליך צוריקצואווייזען א שטעלע אלס קאָמפאניע־פיהרער. מיין גאנצע קאָמפאניע האָט מיך דרינגענד געבעטען אָנצונעמען דעם פאָסטען, און איך האָב געפיהלט, אז איך טאָר אָט די ביטע זייערע ניט אָפזאָגען. צו די געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך פאָרמיטאָג אָפגעשפילט אין באטאליאָן, האָב איך ניט ווענינג ביייגעטראָגען. אלע האָבען דאָס געוואוסט, און דערום האָט אויך יעדער איינער ער־וואַרט פון מיר, אז אצונד, ווען דער גורל איז ענדליך געפאלען, וועל איך פראקטיש מיטארבייטען אין דער רעאָרגאניזאציע פון דער אינערליכער פארוואלטונג. כ'האָב געוואוסט, אז די מעהרסטע פון מיינע מיטגעפאנגענע האָבען געהאט גרויס צוטרוי צו מיר, און אז זייער וואונש איז געווען אבסאָלוט בארעכטיגט. כ'האָב אויך גע־וואוסט, אז מיין אָנוועזענהייט ביי די פארזאמלונגען פון די קאַ־פיטאנען וועט מיר ניט בלויז געבען די געלעגענהייט אויף א ווירק־זאמען אופן אָפצושטעלען אלע אינטריגעס פון געוויסע קרייזען געגען אונז, נאָר אז איך וועל אויך האָבען די מעגליכקייט פול־שטענדיג צו באטראכטען דעם גאנצען אפאראט פון דער אינערלי־כער פארוואלטונג, כדי צו קאָנען פון אייגענער אָנשויאונג אור־טיילען איבער דער טאקטיק פון די ענגלישע מיליטער־בעאמטע, אזוי אז איך וואָלט דורך דעם אימשטאנד געווען אויסצוניצען מיין איינ־פלוס אין דעם אינטערעס פון מיינע מיטגעפאנגענע. אונטער די

דאָזיגע באַטראַכטונגען האָב איך צוגעזאָגט. אין צוויי שטונדען ארום, ווען די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען, האָבען פון 98 מענשען אין מיין קאָמפּאַניע 96 געשטימט פאַר מיר. צוויי האָבען זיך צו־ריקגעהאַלטען פון שטימען.

אַזוי ווי עס האָט מעהר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען דעם אַז קאַלין זאָל ווידער אויפגעשטעלט ווערן אַלס קאַנדידאַט, און איך אַליין האָב אַזאַ קאַנדידאַטור צוריקגעוויזען, האָט זיך די גרויסע מעהרהייט פון באַטאַליאָן געאייניגט צו ערוועהלען אַלס באַטאַליאָן־פיהרער יענעם הערר מונדינג, וואָס האָט פאָרמיטאָג אַזוי מוטיג פאַרטראָטען אונזערע אינטערעסען אין דער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר דעם קאָמאַנדיר. איבער אַ העלפט פון די אַלטע קאַפּיטאַנען זיינען ווידער ערוועהלט געוואָרן, בלויז אין פיער אָדער פינף קאָמפּאַניעס האָט מען אויסגעקליבען נייע פיהרער.

נאָכדעם ווי די וואַהלען זיינען געווען צו ענדע, האָט מונדינג איבערגעגעבען דעם קאָמאַנדיר דעם רעזולטאַט. גלייך נאָכדעם איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די קאַפּיטאַנען. מיר האָ־בען זיך זעהר שנעל געאייניגט דערויף, אַז מען מוז אויסנוצען די ניי־געשאַפענע לאַגע לויט אונזערע קרעפטען, און אַזוי ווי די לעצ־טע פּאַסירונגען האָבען אריינגעשפּריצט לעבען אין אַלעמען, איז די שטימונג געווען אַזאַ, אַז בעסער האָט מען גאָר ניט געקאָנט ווינשען.

דעם זעלבען אָוונט האָט די „איוונינג ניוס" געבראַכט אַ באַשרייבונג פון ארנדט און זיין בילד, וועלכע האָבען אונז געמאַכט צו לאַכען. ווען די פּאָליציי וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדער באַ־שרייבונג און קיין אַנדער בילד, וואָלט אונזער יונגער פריינד זיך געקאָנט ארומשפּאַצירען אין סקאָטלאַנד יאַרד, אריין און ארויס, און וואָלט ניט באַדאַרפט מורא האָבען פאַר קיין שום ענטדעקונג.

אַ קורצע ווייַלע, איידער מיר זיינען געגאַנגען שלאָפען, האָט אונז אַן ענגלישער קאָרפּאָראַל דערצעהלט, אַז מען האָט ארנדט'ן נאָכמיטאָג געכאַפּט ניט ווייט פון'ם אַלעקסאַנדראַ פּעלעס, און ער געפינט זיך פאַרענט אין דער וואַך־שטוב פון די סאָלדאַטען.

ניט קוקענדיג אויף די אויפרעגענדע געשעהעניש׳ען האָב איך אין פארלויף פון טאָג אָפט געטראכט פון איהם. זיין אויסענבלייבען איז מיר פאָרגעקומען אין גאַנצען אומערקלערליך. אז עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַסירען, איז מיר געווען פולשטענדיג קלאָר, אבער וואס?

אויף מאָרגען האָט מען מיר געלאָזט וויסען, אז ארנדט דארף קריגען זיין עסען פון אונזער קיך, און אזוי ווי ער האָט געהערט צו מיין קאָמפּאניע, האָב איך אלס קאָמפּאניע־פיהרער געהאט די אויפגאבע צו זאָרגען דערפאר. קיין זאך האָט ניט געקאָנט זיין אזוי געוואונשען פאר מיר, ווארים אויף אזא׳ן אופן, האָב איך ערווארטעט, וועל איך פיליכט האָבען די געלעגענהייט צו קאָנען זעהן מיין יונגען פריינד און ריידען מיט איהם. איך בין אלזא אוועק מיט זיין פריהשטיק צו דער וואך־שטוב, און אזוי ווי אלס קאפּיטאן האָב איך געהאט דאָס רעכט דורכצוגעהן אלע פּאטרולען אינעווייניג אין הויז, איז דער וועג אין דער וואך־שטוב פאר מיר אויך געווען פריי, און איך בין אהין אריין אומגעשטערט. עטליכע סאָלדאטען זיינען געזעסען צוזאמען ביי א טיש, פארנומען מיט וואס פאר עס איז שפּיל. ארנדט איז געזעסען אין הינטערגרונד אויף זיין בעטעל. ער האָט אויסגעקוקט אביסעל בלאס. איך בין שנעל צוגעגאנגען צו איהם און איהם דערלאנגט די האנד. אזוי ווי ער האָט, פארשטעהט זיך, קיין שום אהנונג ניט געהאט וואס עס איז פאָרגעקומען אין׳ם לאגער אין פארלויף פון זיין אָפּוועזענהייט, איז ער געווען שטארק איבערראשט מיך אזוי פּלוצלינג צו דערזעהן פאר זיך. פון עטליכע קורצע און פאָרזיכטיגע באמערקונגען, וועלכע ער האָט געמאכט, האָב איך זיך דערוואוסט, אז ער האָט זיך פארשפּעטיגט און אויף מאָרגען, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען, אז די עפענונג, וועלכע האָט איהם געדיענט אלס ארויסגאנג, איז געווען פארשפּארט. כדי ניט ארויסצורופען קיין פארדאכט ביי די סאָלדאטען, האָב איך זיך ניט אויפגעהאלטען לאנג, און געזאָגט ארנדט׳ן, אז איך וועל ווידער קומען מיטאג־צייט. אויף דעם דאָזיגען אופן האָב איך אָדער קארל׳טשיק כמעט יעדען טאָג

געהאַט די געלעגענהייט צו קאָנען זעהן אַרנדט׳ן און ריידען מיט איהם און אַזוי, שטיקלאַכווייז, דערגעהן די אייגענטליכע אורזאַך פון זיין דורכפאַל. אָפען און דייטליך זיך דורכריידען איז נאַטיר־ליך ניט מעגליך געווען, ווייל מיר זיינען כסדר געווען באַוואַכט און מיר האָבען נאָר געקאָנט ריידען אויף׳ן וואונק, פאַרשטעלטער־הייט. אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב ערשט אַ היבשע צייט שפּעטער דורך מיין פרוי געקריגען אַן אויספיהרליכען באַריכט וועגען אַלעם וואָס איז פאָרגעקומען.

לויט דעם דאָזיגען באַריכט איז די זאַך צוגעגאַנגען אויף פאָל־גענדען אופן: נאָכדעם ווי עס איז אַרנדט׳ן געלונגען אַרויסצו־קומען בשלום פון׳ם „פּעלעס“, האָט ער זיך אויף דער גאַס פול־שטענדיג פאַרלאָרן, ניט קוקענדיג אויף דעם פּלאַן וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. שולדיג אין דעם איז געווען די עגיפּטישע פינסטער־ניש, אין וועלכער לאָנדאָן איז דאַמאָלס געווען איינגעהילט, צוליעב די דייטשע לופט־פּליהער. דאָס האָבען מיר אין גאַנצען געהאַט אַרויסגעלאָזט פון אונזער חשבון. אַזוי איז עס געקומען, אַז ער האָט ניט דערגרייכט זיין ציעל צווישען עלף און צוועלף ביינאַכט, ווי מיר האָבען גערעכענט, נאָר ער איז ערשט אָנגעקומען אַהין אַרום צוויי אַזייגער, ווען עס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבען צו טאָגען.

מיין פרוי איז נאַטירליך געווען זעהר איבעראַשט, ווען זי איז דורך שטאַרקע קלעפּ אָן דער טיר אויפגעריסען געוואָרן פון שלאָף, און זי האָט אין אָנפאַנג געדענקט, אַז דאָס איז די פּאָליציי, וועלכע איז אין יענער צייט אויף שריט און טריט נאָכגעגאַנגען אונזערע קאַמעראַדען. אַז זי האָט געעפענט די טיר, האָט זי געזעהן פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטען יונגען מאַן, וועלכער האָט איהר האַסטיג ער־קלערט אַז ער ברענגט אַ נאַכריכט פון מיר, און האָט זי געבעטען איהם אַריינצולאָזען. אַזוי גיך ווי דאָס איז געשעהן, האָט ער ער־פילט זיין שליחות מיט אַלע פּרטים, פּונקט ווי מיר האָבען אָפּגע־רעדט. אָבער דערווייל איז געוואָרן גרויסער טאָג, און ער האָט נאַטירליך ניט געקאָנט מעהר דענקען וועגען דעם זיך אומצוקערען צוריק אין „פּעלעס“, איידער עס ווערט ווידער פינסטער. ער איז

דערום געבליבען דעם גאַנצען טאָג ביי אונז אין וואוינונג און האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטען אין מיין ארבייטס־צימער, כדי קיינער זאָל איהם ניט באַמערקען. מיין פרוי האָט זיך געזעהן מיט עטליכע אינטימע פריינט און זיי פאַרטרויט וועגען דעם פּלאַן. מען האָט זיך מישב געווען וואָס צו טאָן. אזוי ווי די אויסזיכטען ארויס־צופאָהרען פון ענגלאַנד אומבאַמערקטערהייט, זיינען געווען זעהר פּראָבלעמאַטיש, איז מען געקומען צום שלום, אז מיר זאָלען פאָר־לויפיג גאָרנישט אונטערנעמען, ביז מען וועט גרינדליך אויספאָר־שען אַלע מעגליכקייטען וואָס זיינען נאָר פאַראַן. אין דעם מאָ־מענט, ווען עס וועט זיך נאָר מאַכען א גינסטיגע געלעגענהייט, יועט מען אונז דאַן געבען דעם אָפּגעמאַכטען צייכען.

ווען ס'איז ווידער געוואָרן פינסטער אויף דרויסען, האָט מיין פרוי צוזאַמען מיט א פריינד פאַרלאָזען דאָס הויז, בעת ווען ארנדט, ווּעמען מען האָט פריהער אָנגעטאָן אין גאַנץ אַנדערע קליידער, איז זיך געגאַנגען באַזונדער א קליינע שטרעקע הינטער זיי. דערנאָך האָבען זיי גענומען אַן אָמניבוס, וואָס איז געגאַנגען צום נאָרד־טייל פון דער שטאָט, וואו עס האָט זיך געפונען דער אַלעקסנדרא פּע־לעס. אויף דער אויבערשטער אָפּטיילונג פון'ם אָמניבוס זיינען געזעסען אסך סאָלדאַטען. ארנדט האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי דער זייט פון איינעם פון זיי. אז מען איז צוגעקומען ניט ווייט פון'ם „פּעלעס", זיינען אַלע דריי אראָפּ פון'ם „באָס". אצונד איז ארנדט געגאַנגען פאָרויס, בעת ווען מיין פרוי און אונזער פריינד זיינען איהם לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדען פון זייערע אויגען. זיי האָבען זיך נאָך א שטיקעל צייט אויפגע־האַלטען אין דער געגענד, ביז זיי האָבען זיך געקאָנט איבערצייגען, אז ארנדט האָט געפונען זיין וועג, און דערנאָך זיינען זיי צוריקגע־פאָהרען אין איסט ענד.

ארנדט'ן איז דערווייל פּאַקטיש געלונגען אריינצוקומען אין דעם „פּעלעס". אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געקאָנט אויפהויבען א ברעט און זיך אריינכאַפּען אין

דער וואַש־שטוב, האָט ער פּלוצלינג דערהערט א מורא'דיגען ליארם וואָס איז געקומען פון'ם באַטאַליאָן־זאַל און האָט דורך די שפּאַל־טען פון די דיעלען איבעראַל געזעהן א מאַסע ליכט. ס'איז געווען פּונקט די צייט, ווען דער קאָמאַנדיר מיט זיינע סאָלדאַטען זיינען ערשינען אין'ם לאַגער, נאָכדעם ווי מען האָט איהם געהאַט געמעל־דעט וועגען ארנדט'ס אנטלויפען. ארנדט האָט אינסטינקטיוו דער־פיהלט וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט. ער האָט געוואַרט איבער א שעה צייט אין זיין באַהעלטעניש, אָבער אַזוי ווי עס האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט נעמען קיין סוף צו דעם ליארם און ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקאָנט דענקען וועגען דעם אויפצוהויבען דעם ברעט פון זיין פּלאַץ, אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך גערודערט אין'ם לאַגער, איז ער ענדליך צוריקגעגאַנגען און האָט פאַרלאָזען דעם „פּעלעס" צום צווייטען מאָל. אויף מאָרגען אין דערפריה איז ער נאָך אַמאָל געקומען צו מיין פרוי, כדי איהר מיטצוטיילען וועגען זיין שלים־מזל. ער איז געווען זעהר דערשלאָגען, ווייל ער האָט פאַרויסגעזעהן, אַז דורך דער ענטדעקונג פון זיין אַנטלויפען איז אונזער גאַנצער פּלאַן פאַרלויפיג געוועזן קאַפּוט.

ווען איינער פון מיינע פריינט האָט איהם געמאַכט א פאַרשלאַג, אַז ער זאָל מעהר ניט צוריקגעהן אין לאַגער, ווייל אַלעס איז דאָך אַצונד סיי ווי צושטערט און מען וועט איהם נאָך אַלס צוגאָב באַ־שטראָפען, ווען ער וועט זיך אומקערען אַהין, האָט ער דערפון גאָר־נישט געוואָלט וויסען. מען האָט איהם ערקלערט, אַז פאַר איהם איז די זאַך ווייט ניט אַזוי געפערליך ווי פאַר מיר, ווייל קיין מענש האָט איהם ניט געקענט אין לאָנדאָן. מען וואָלט איהם געקאָנט פאַרשאַפען א פאַלשען פּאַס, און אַזוי וואָלט ער אימשטאַנד געווען זיך אויפצוהאַלטען אין לאָנדאָן ביז איבער דער מלחמה, אָהן וואָס פאַר עס איז געפאַר ענטדעקט צו ווערן. אָבער ער האָט אבסאָלוט גאָרנישט געוואָלט הערען דערפון, ווייל ער האָט מיר געגעבען זיין וואָרט צוריקצוקומען.

יענעם טאָג האָט ער פאַרלאָזען אונזער הויז נאָך בייטאָג. צו־קומענדיג נאָהנט צום אלקסאַנדרא פּעלעס, האָט ער געזעהן, אַז מען

האָט דערווייל שוין געהאט אויסגעפונען דעם ארויסגאנג, מיט וועל־כען ער האָט זיך באַנוצט, און מען האָט איהם איצט פארשפּארט. ער האָט זיך אַלזאָ געוויזען גאַנץ אָפען, ביז מען איז ענדליך אויפ־מערקזאם געוואָרן אויף איהם און מען האָט איהם ארעסטירט.

דורכדעם איז דערווייל געקומען א סוף צו מיינע פּלענער וועגען אנטלויפען. שפּעטער אָבער האָבען זיך געמאַכט אזעלכע פארהעל־טענישען, וועלכע האָבען מיך באוואויגען זיי ניט ווידער אויפצו־נעמען.

קאַפּיטעל 12

מיינע ערפאַרונגען אַלס „קאַפּיטאַן“

ערלייכטערונג אין דעם באַטאַליאָן — דער צענזאָר און מיינע ביכער — אונזער נייער באַטאַליאָן־פיהרער — ארנדט פאַראורטיילט — דריי נייע פאַרזוכען צו אנטלויפען — די פערטע קאמפאַניע — דריי, וועלכע ווילען דערשאָסן ווערן — מיידזשאָר מאָט — דאָס פאַלען פון ווארשא — פאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס אין לאַגער.

נאָך דער באַנייאונג פון דער אינערליכער פאַרוואַלטונג איז אין׳ם באַטאַליאָן איינגעטראָטען אַן אַלגעמיינע באַרוהיגונג. די געפאַנגענע האָבען געהאַט פולען צוטרוי צו די נייע קאַפּיטאַנען, וועלכע זיי האָבען אויסגעקליבען פריי פון זייער אייגענער מיט. די פראַגע איז אַלזאָ געווען בלויז, ווי אזוי וועט זיך דער אַלטער קאָמאַנדיר פאַרהאַלטען אין דער צוקונפט. וועט ער זיך צוהערען צו די טענות פון דער נייער פאַרוואַלטונג און זוכען צו פאַרשטעהן זייערע פאָרשלאָגען, אדער ער וועט זיך אויך ווייטער לאָזען פיהרען פון׳ם באַוואוסטזיין פון זיין אויטאָריטעט, ווי ער האָט ביז אהער געטאָן? אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט אונז די נאָהנטע צוקונפט געמוזט געבען א קלאָרען ענטפער.

אויף מאָרגען נאָך די וואַהלען, ווען עס איז פאָרגעקומען דער געוועהנליכער „ראָל־קאָל“ אין דעם „קאָמפּאונד“ און דער קאָמאַנדיר מיט זיינע אָפיצירען זיינען דורכגעגאַנגען די רייהען פון די נייע קאָמפּאַניע־פיהרער, איז ער פּלוצלינג געבליבען שטעהן נעבען מיר און האָט מיך געפרעגט, ווי איך הייס. „ראָקער“, האָב איך געזאָגט.

— „ראַקער”, האָט ער איבערגע׳חזר׳ט פאַרטראַכטערהייט, „ראַקער”, און דערביי האָט ער אַ ווײַלע געקוקט פאַר זיך, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו מיר, און מיך אָפּמעסטענדיג מיט אַ דורכדרינגענדען בליק האָט ער געזאָגט:

„איך נעם אָן, אַז איהר וועט מיר העלפען?”

„איך וועל טאָן וואָס איך וועל נאָר קאָנען,” איז געווען מיין ענטפער.

ווען ער האָט געהאַט אין גאַנצען דורכגעשפּאַצירט די רייה פון די קאַפּיטאַנען, איז ער נאָך אַמאָל צוגעקומען צו מיר און האָט מיך געפרעגט, איבער וואָס פאַר אַ טעמא איך האָב בדעה נעקסטעס מאָל צו ריידען. איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך דענק צו האַלטען פיר אָדער פינף פאָרטראַגען איבער לעוו טאָלסטאָי אַלס קינסטלער און סאָציאַל־פילאָזאָף. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין טאָלסטאָי׳ס אָנהענגער. דערויף האָב איך איהם געענטפערט, אַז איך באַטראַכט טאָלסטאָי׳ן אַלס איינע פון די באַדייטענדסטע פערזענליכקייטען פון אונזער צייט, אָבער איבער פאַרשידענע זייטען פון זיין לעהרע האָב איך גאַנץ אַנדערע אַנשויאונגען. ער האָט לייכט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זיך געלאָזט געהן, אָבער ער האָט זיך נאָך אַמאָל אָפּגעשטעלט און מיך געבעטען, איך זאָל איהם צושטעלען אַ קורצען קאָנספּעקט אין דער ענגלישער שפּראַך פון יעדען פאָרטראַג וואָס איך האָב בדעה צו האַלטען. דערנאָך האָט ער מיך באַגריסט קורץ אויף אַ מיליטערישען שטייגער און איז אוועקגעגאַנגען.

איך אַ שטונדע אַרום האָב איך אויף׳ן באַפעהל פון דעם צענזאָר געמוזט ערשיינען אין דעם אַזוויגערופענעם „אָרדערלי רום”. ס׳איז נעמליך אָנגעקומען פאַר מיר אַ היבש פּעקעל ביכער און בראָשורען, וועלכע איך האָב געדענקט צו פאַרשפּרייטען אין לאַגער. ס׳איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב באַקומען אַזאַ זענדונג, און מען האָט מיר ביז אַהער ניט געמאַכט קיין שום שוועריגקייטען. אָבער דאָס מאָל האָט זיך אין׳ם פּעקעל אויך געפונען

א טוץ עקזעמפּלארען פון קראפּאטקין'ס שריפט: „מאָדערן סייענס ענד ענערקיזם“ (מאָדערנע וויסענשאפט און אנאַרכיזם), און דאס וואָרט „ענערקיזם“ האָט דעם צענזאָר קענטיג איבערגעשראָקען. ער האָט מיך דערפאר שוין מיט א טאָג פריהער געשיקט רופען און מיר געלאָזט וויסען, אז ער קאָן מיר היינטיגס מאָל ניט איבערגעבען דאָס פּעקעל, איידער ער פרעגט זיך אפריהער אָן וועגען דעם ביי דעם קאָמאַנדיר. כ'האָב איהם ערקלערט, אז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ ריין טעאָרעטיש ווערק, און אחוץ דעם האָב איך אויסגעדריקט מיין מיינונג, אז די ענגלישע רעגירונג האָט אונז, אמת, איינגעשפּארט אלס דייטשען, אָבער דערמיט איז נאָך ניט געזאָגט, אז זי וויל אויך שפּילען די ראָלע פון אן אפּיקון'שע איבער אונזערע אידעען און איבערצייגונגען.

דערויף האָט ער מיר אויף א זעהר העפליכען אופן ערקלערט, אז ער האָט אויף קיין פאַל ניט די אבזיכט אָנצואווייזען מיר און מיינע קאַמעראַדען, וואָס מיר מעגען און וואָס מיר טאָרען ניט לייענען, אָבער אין דעם דאָזיגען פאַל וויל ער ניט נעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף זיך אליין, נאָר עס איבערלאָזען פאר דער ענטשיידונג פון דעם קאָמאַנדיר.

ווען איך בין אריינגעקומען אין'ם „אָרדערלי רום“, האָב איך געזעהן מיינע ביכער ליגען ביים קאָמאַנדיר אויף'ן טיש, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָב איך געמוזט ווארטען א היבשע ווייל, ביז מיין רייה איז געקומען. ווען מען האָט ענדליך אויסגערופען מיין נאָמען, האָט דער צענזאָר בקיצור ערקלערט דעם קאָמאַנדיר וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט. דער קאָמאַנדיר האָט זיך קוים צוגעהערט צו דעם וואָס יענער האָט גערעדט און האָט גע'פּסק'ענט, אז מען זאָל מיר אָפּגעבען די ביכער.

אזוי ווי אויסער מיר איז פאר דעם קאָמאַנדיר פאָרגערופען געוואָרן נאָך א מאן פון מיין קאָמפּאַניע, האָב איך געמוזט ווארטען, ביז זיין פאַל וועט ענטשידען ווערן, כדי איהם דערנאָך מיטצונעמען מיט מיר צוריק אין באַטאַליאָן. ער האָט מיר שוין אויף'ן וועג אהער געהאט דערצעהלט, צוליעב וואָס מען האָט איהם גערו־

פען צום קאָמאַנדיר. זיינע קרובים אין דייטשלאַנד האָבען איהם צוגעשיקט א קליינעם פּעקעל, אין וועלכען ס'האָט זיך צווישען אַנ־דערעם אויך געפונען א גלאָז האָניג. נו, האָט מען ביי דער אונ־טערזוכונג פון'ם פּעקעל אין דעם האָניג ענטדעקט א צעטעלע, וואָס האָט ענטהאַלטען עפּעס א געוויסע ידיעה. ס'האָט זיך וואַרשיינ־ליך געמוזט האַנדלען וועגען א פּאָר פּאַרטרויליכע ווערטער איבער דער לאַגע אין דייטשלאַנד, וועלכע מען האָט ניט געוואָלט איבער־שיקען אין א בריעף, ווייל מען האָט געוואוסט, אז די צענזור איז געווען זעהר שטרענג. אַזעלכע פאַלען זיינען ניט געווען קיין זעל־טענהייט, און קוים איז מען ביי דער שטרענגער אונטערזוכונג פון די פּעקלעך געקומען אויף וואָס פאַר עס איז שפּור, איז די שטראָף געווען א שווערע. מען האָט זיך ניט באַנוגענט דערמיט וואָס מען האָט אַזאַ פּעקעל איינפאַך צוגענומען, נאָר מען פלעגט אויך אוי־סערדעם באַשטראָפען דעם, צו וועמען עס איז צוגעשיקט געוואָרן, הגם יעדער פאַרנינפטיגער מענש האָט דאָך געקאָנט פאַרשטעהן, אז עס איז פּשוט אוממעגליך צו מאַכען דעם זעלבען פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר דער האַנדלונג פון זיינע קרובים אין דייטשלאַנד. דער צוועק דערפון איז, ווייזט אויס, געווען אָפּצושרעקען די געפאַנגענע פון אַזעלכע פאַרזוכען. א גאַנץ נאַרישע האַנדלונג, וואָרים וואָס פאַר א געפאַר האָט עס געקאָנט ברענגען דער ענגלישער וועלט־מלוכה, ווען א געפאַנגענער, וועלכער איז געווען אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט, האָט געקריגען וועלכע ס'איז נאַכריכט איבער די צו־שטענדען אין דייטשלאַנד? אויסערדעם איז אויך די שטרענג־סטע אונטערזוכונג ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלען געהיימע מיטטיילונגען פון דעם סאָרט, וואָרים בלויז זעהר ווייניג פאַלען זיינען ענטדעקט געוואָרן, און די געפאַנגענע פלעגען קריגען ניט בלויז קליינע שריפטליכע ידיעות, נאָר אויך פיעל אויסשניטען פון דייטשע צייטונגען, וועלכע זיינען אויף אַזאַ קונציגען אופן געווען פאַרבאָרגען, אז דער שאַרפסטער בליק האָט זיי ניט געקאָנט אויס־געפינען.

ווען דער מאַן איז ענדליך פאַרגערופען געוואָרן, בין איך, ווי

געוועגליך, אלס זיין קאפיטאן צוגעגאנגען מיט איהם צוזאמען צו דעם קאמאנדיר׳ס טיש.

„אין א פעקעל וואס מען האט אייך צוגעשיקט פון דייטשלאנד האט מען אין א גלאז האניג געפונען פארבארגען א שריפטליכע מיטטיילונג.“ האט דער אלטער מיט א שטרענגען טאן געזאגט. „ס׳איז פאראן א פארדאכט, אז איהר האט זיך אויף וואס פאר עס איז אופן צונויפגערעדט מיט אייערע אייגענע און זיי באוואויגען צו דעם שריט. איז דאס אזוי?“

דער מאן האט זיך געשוואָרן, אז דאס איז אבסאָלוט ניט דער פאל און אז ער האט קיינמאל פריהער ניט ערהאלטען קיין שום פעקעל פון דערהיים. אבער דער אלטער האט זיך ניט געלאזט אראפפיהרען פון וועג, און ער האט געזאגט:

„איך בין געצוואונגען צו קאנפיסקירען אייער פעקעל און אייך אליין צו באשטראפען, כדי אייערע קרובים אין דייטשלאנד זאל פארגעהן דער חשק צו אזעלכע זאכען.“

נאך די דאזיגע ווערטער האט ער זיך גאנץ דירעקט געווענדט צו מיר און געזאגט:

„איך ווייס, אז מיין ענטשיידונג וועט אייך ניט געפעלען. אבער די מענשען זיינען אליין שולדיג אין דעם. איך בין געצוואונגען צו טאן מיין פליכט. מען קאן איינפאך אנדערש ניט האנדלען. וואס וואלט איהר א שטייגער געטאן אויף מיין פלאץ?“

די פראגע איז מיר געקומען גאנץ אומגעריכט, אבער איך האב עס ניט געלאזט מערקען מיט קיין מיענע און געענטפערט:

„איך וואלט דעם מאן ניט פארהאלטען זיין פעקעל, נאר איך וואלט איהם איינפאך געהייסען שרייבען זיינע אייגענע, אז זיי זאלען ווייטער ניט טאן אזעלכע זאכען, ווייל זיינע פעקלעך וועלען קאנפיסקירט ווערן. דער מאן האט פריהער קיינמאל ניט געקריגען קיין פעקעל פון דערהיים, און מען מוז אליין זיין א געפאנגענער, כדי צו פארשטעהן, וואס אזא ליעבליכע מתנה מיינט אין אונזער לאגע. פאר די אומפארזיכטיגע האנדלונגען פון זיינע קרובים אין

דייטשלאַנד קאָן מען דאָך איהם ניט מאַכען פאַראַנטוואָרטליך. אויסערדעם אין דאָך דער צוועק וואָס איהר פאַרפאָלגט, דערגרייכט געוואָרן: דער צעטעל איז אויסגעפונען געוואָרן. ווען דאס פאַסירט ניט, וואָלט מען דאָך דעם מאַן איבערהויפּט ניט געקאָנט באַשטראָ־פען."

דער אַלטער האָט מילד געשמייכעלט, און מען האָט געקאָנט מערקען אויף איהם, אז ער איז געווען גוט אויפגעלעגט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דעם אַנגעקלאָגטען און געזאָגט:

„נו גוט! דאָס מאָל וועל איך אייך ניט באַשטראָפען און אייך אָפּגעבען אייער פּעקעל. אבער איך וואָרן אייך. שרייבט גלייך צו אייערע קרובים, אז זיי זאָלען ווייטער ניט מאַכען אַזעלכע פאַר־זוכען, ווייל מען וועט עס זיכער אויסגעפינען און איהר וועט מוזען ליידען דערפאַר."

דער מאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אויפגעגעבען יעדע האָפ־נונג צו קריגען זיין פּעקעל, האָט הארציג געדאַנקט דעם אַלטען און א פרעהליכער האָט ער מיט מיר צוזאַמען פאַרלאָזען דעם יאַפּאַני־שען טעמפּעל. ווען די טיר האָט זיך פאַרשלאָסען הינטער אונז, האָט ער ניט געוואוסט, ווי מיר גענוג אָפּצודאַנקען פאַר מיין באַ־מיהונג. איך אָבער האָב געקריגען א נייעם באַווייז דערפאַר, אז עס האָט זיך זעהר גוט געלאָזט ריידען מיט דעם אַלטען קאָמאַנדיר, פאַרשטעהט זיך, אויב ער איז גראַד דאַן ניט געפּלאָגט געוואָרן פון זיין קראַנקהייט און אויב מען האָט איהם די טענות פאָרגעלעגט אויף א ריכטיגען אופן. דאָס לעצטע איז געווען דער עיקר, וואָרים דערצו איז נייטיג געווען א פעסטער כאַראַקטער און א קלוגע האַנד־לונג. אָט די ביידע זאַכען האָבען דאָ געמוזט געהן האַנד אין האַנד.

מחמת דעם איז טאַקע די שטעלע פון'ם באַטאַליאָן־פיהרער געווען אַזוי אומגעהייער שווער און פאַראַנטוואָרטליך. איז ער גע־ווען אומזיכער אין זיין שטעל און צו נאָכגיביג, ווי דאָס פלעגט ליידער פאָרקומען אין די מעהרסטע פאַלען, האָט ער איבערהויפּט גאָרנישט געקאָנט אויספירען, וואָרים דער ענגלענדער האָט קיין דרך ארץ ניט פאַר א מענשען אָהן רוקען־ביין, און מיט דעם אַלטען

קאָמאַנדיר איז דאָס ערשט ריכטיג געווען דער פאַל. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט מען אויך ניט געטאָרט באַגעהן קיין טאַקטלאָזיגקייטען, וואָרים קיין זאַך איז ניט געווען פאַלשער, ווי צו ווערלען אויסטייטשען אלס שוואַכקייט די קלוגע נאָכגיביגקייט, וועלכע דער אַלטער מאַן פלעגט אָפּט באַווייזען. מען האָט שטענדיג געמוזט זוכען איהם צו איבערצייגען דורך אַרגומענטען, און איך האָב שפּעטער מעהר ווי איינמאָל געהאַט אַ געלעגענהייט איהם צו באַוועגען דערצו ער זאָל ענדערן זיין מיינונג און אַנדערש אויפפאַסען די זאַכען, דורכדעם וואָס איך האָב איהם פאָרגעשטעלט די אומפאַרמיידליכע פאָלגען פון געוויסע באַפעהלען און איהם געלאָזט פיהלען, אַז די לאָגיק איז אויף מיין זייט, אָהן דעם אַז דאָס זאָל געשעהן אין אַ העזה'דיגער פאָרם, וואָס וואָלט איהם בלויז געמוזט פאַרלעצען. דאָס איז ניט געווען קיין לייכט שטיקעל אַרבייט, און עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען מען האָט געקאָנט פאַרלירען יעדע האָפנונג. אָבער סוף כל סוף האָט מען דאָך געקאָנט וואָס עס איז דערגרייכען, פאַרשטעהט זיך דאַן ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען זאַכען, אין וועלכע דער אַלטער האָט געהאַט אַ פרייע האַנד און איז ניט געווען געבונדען צו די אינסטרוקציעס פון'ם קריגס-מיניסטעריום.

אויף ווי ווייט אונזער ערשטער באַטאַליאָן-פיהרער האָט עס פאַרשטאַנען דורכצוקומען מיט דעם אַלטען, איז מיר ניט באַקאַנט. אָבער די אַלגעמיינע צושטענדען אין לאַגער און די אומאויפהערליכע אומזיניגע גזרות, וועלכע האָבען געקאָנט טרייבען די געפאַנגענע צו פאַרצווייפלונג, אָהן דעם אַז זיי זאָלען ערפילען וואָס פאַר עס איז נוצליכען צוועק, — דאָס אַלעס האָט גאַנץ גענוג באַוויזען, אַז זיין איינפלוס אויף דער אויפברויזענדער נאַטור פון'ם אַלטען קאָמאַנדיר איז ניט געווען גרויס. יעדענפאַלס דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען מיט איהם, און עס איז זעהר וואַרשיינליך און ביז אַ געוויסען גראַד אויך באַגרייפליך, אַז ער האָט זיך געלאָזט צו שטאַרק

איינשרעקען דורך דער אויפברויזענדער און אומגעדולדיגער נאַטור פון דעם טעמפּעראַמענטפולען אַלטען מאַן.

אונזער נייער באַטאַליאָן־פיהרער איז אָהן צווייפעל געווען אַ מאַן מיט אַ פעסטען כאַראַקטער, וועלכער איז ניט געוואוינט געווען נאָכצוגעבען דאָרט, וואו ער האָט געהאַלטען אַז ער איז גערעכט. אָבער ער איז פריהער קיינמאָל ניט געווען אין ענגלאַנד און האָט ניט געקענט פון אייגענער ערפאַרונג די אייגענאַרטיגקייט פון׳ם ענגלישען כאַראַקטער. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס ער איז געווען זעהר נאַציאָנאַליסטיש געשטימט און האָט דאַמאָלס אין יעדען ענגלענדער געזעהן בלויז אַ געגנער, וועלכען מען מוז אונטער אַלע אומשטענדען זיך שטעלען דאַגעגען. דאָס אַלעס האָט געמוזט פיהרען דערצו, אַז ער זאָל קוקען מיט פּאַראורטייל אויף דעם אַלטען קאָמאַנדיר און אָפט ניט קאָנען ריכטיג אָפּשאַצען און פאַרשטעהן די מאָטיוועז פון זיינע האַנדלונגען. מען האָט דערום געקאָנט פאָר־אויסזעהן, אַז אויך ער וועט זיך ניט האַלטען אויף זיין שטעלע, און אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט עס מוזען קומען צו אַ ברוך. דאָס איז געווען אומפאַרמיידליך, און מען האָט ניט געקאָנט פאַראַנט־וואָרטליך מאַכען ניט מונדינג׳ן און ניט דעם קאָמאַנדיר. יעדענ־פאַלס איז מונדינג געווען אַ העכסט בראַווער און אָפּערהאַרציגער מאַן, און הגם אונזערע פּאָליטישע אַנשויאונגען זיינען זיך וויים פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבען מיר זיך ביידע רעספּעקטירט אַלס מענ־שען און מיר האָבען זיך באַציגען איינער צום אַנדערן אויף אַן אַבסאָלוט פריינדשאַפטליכען אופן.

מונדינג האָט געשטאַמט פון שוואָבען, און זיין אָפּשטאַמונג האָט זיך געלאָזט לייכט מערקען אויף איהם ניט בלויז דורך דער שפּראַך, נאָר אויך זיין גאַנץ אויסערליך אויסזעהן האָט געטראָגען אין זיך אַלע סימנים פון זיין שוואָבישען שטאַם. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער פאַר דעם, איידער די מלחמה האָט אויסגע־בראָכען, געהאַט אַ שטעלע אַלס אינזשעניר אין וואָס פאַר עס איז שטאַט אין קאַנאַדאַ. ווען עס איז געפאַלען דער גורל אין איירופּאַ, האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און זיך שנעל אוועקגעלאָזט קיין דייטש־

לאנד, כדי דארט צו פארנעמען זיין פלאץ, ווארים זיין פאטריאָ־טיזם איז ניט געווען קיין ריין פלאטאָניש, ווי ביי אזוי פיעל אנ־דערע פון אונז. אָבער דאָס גליק האָט איהם ניט צוגעשפילט, ווארים ער איז אויף'ן וועג געפאנגען געווארן פון די ענגלענדער, וועלכע האָבען איהם אפריהער געבראכט קיין גיבראלטאר, און שפעטער איז ער צוזאמען מיט א טייל פון זיינע קאמעראדען אי־בערגעפיהרט געווארן צו אונז אויף דעם „ראיאל עדווארד". מונדינג איז פריהער געווען א באגייסטערטער אנהענגער פון פרידריך נאר־מאן, ווי ער האָט מיר איינמאל דערצעהלט. דאָס איז יעדענפאלס אויך געווען דער גרונד, פארוואָס ער איז אימשטאנד געווען ארויס־צואווייזען מעהר פארשטענדעניש פאר די סאָציאליסטישע אידעען־גאנגען, איידער די מעהרסטע פון זיינע פאטריאָטישע חברים אין לאגער. אזוי איז עס אויך געקומען וואָס ער האָט דאמאלס שטרענג פארדאמט די האנדלונג פון הערר פאן מ. געגען מיר, באטש ער איז געווען ענג באפריינדעט מיט איהם.

צוערשט איז ער געווען אונטער דעם איינדרוק, אז איך טראג א ביטערען כעס אויף דעם הערר פאן מ. דאָס איז מיר געקומען צום באוואוסטזיין דורך א קליינעם אינצידענט באלד נאָכדעם ווי איך בין ערוועהלט געווארן אלס קאמפאניע־פיהרער. מיידזשאר מאט, דעם קאמאנדיר'ס שטעלפארטרעטער, האָט מיך איין טאָג געשיקט רופען און מיר ערקלערט, אז ער האָט אין זיינע הענט א קליינעם אמעריקאנישען הילפס־פאנד, וועלכער איז בשאטימט פאר דער אונ־טערשטיצונג פון נויטליידענדע געפאנגענע. ער האָט אלזא גע־וואונשען, אז אין יעדען באטאליאן זאָלען זיך געפינען דריי מענ־שען, וועלכע זאָלען איהם געבען קאנקרעטע פארשלאגען, ווי אזוי דאָס געלד צו פארטיילען. ער האָט געוואָלט, אז אין אונזער בא־טאליאן זאָל איך די זאך נעמען אין די הענט און איהם פארשלאָגען נאָך צוויי מיטארבייטער. ווען איך האָב דאָס דערצעהלט מונדינג'ן, האָט ער מיר ערקלערט, אז ער האָט אימיצען פארצושלאגען פאר דעם דאָזיגען צוועק, איינעם וואָס פאסט זיך, לויט זיין מיינונג, באזונדערס פאר אזא אויפגאבע, אָבער ער ווייסט ניט, צי וועט

מיר זיין פאָרשלאָג זיין ווילקאָמען. כ'האָב איהם אָנגעקוקט פאַר־וואונדערט און איהם געפרעגט, וואָס ער מיינט דערמיט, און ער האָט מיר געענטפערט, אז ער האָט אין זינען דעם הערר פאָן מ. איך האָב איהם ערקלערט, אז ער האָט א גאַנץ פאַלשען באַגריף פון מיר, אויב ער דענקט, אז איך וועל צוליעב פערזענליכע אנגע־לעגענהייטען אימיצען שטערען אין א ניצליכער ארבייט אין די אינטערעסען פון דעם כלל. אין מיין צוזאמענשטויס מיט הערר פאָן מ. האָב איך בלויז פאַרטיידיגט מיין רעכט, וואָס איך וועל זיך ניט לאָזען באַגרעניצען פון קיינעם, ווער עס זאָל ניט זיין. אָבער דערמיט איז די זאַך פאַר מיר געווען ערליידיגט.

מונדינג איז געווען זעהר צופרידען דאָס צו הערען. ער האָט מיר געהאַלטען אין איין ערקלערן, אז הערר פאָן מ. פלעגט זיך כסדר אננעמען פאַר_זיינע געפאנגענע לאנדסלייט אין גיבראַלטאר און אז ער האָט ניט קיין עגאָאיסטישע מאָטיווען אין זיינע האנדלונגען. דאָס האָט זיך געמעגט זיין ריכטיג, הגם איך וואָלט וועגען דעם ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין פערזענליכען אורטייל, ווייל איך בין דאָך ניט געווען גוט באַקאַנט מיט דעם הערר פאָן מ. על כל פנים איז מיר קיינמאָל ניט ארויפגעקומען אויף'ן זינען צו טראָגען וואס פאר עס איז שנאה געגען דעם מאַן, וואָרים סוף כל סוף איז ער דאָך אויך געווען ניט מעהר ווי א פּראָדוקט פון זיין ערציהונג און פון די פאַר־העלטעניסען, אין וועלכע ער איז אויפגעוואקסען, ווי די מעהר־סטע פון אונז. מיר זיינען אין דער צוקונפט אויך ניט געקומען נעהנטער און קיינמאָל ניט גערעדט איינער צום צווייטען, אָהן דעם אז אונזער געמיינשאפטליכע ארבייט ביי די פאַרזאַמלונגען פון די קאַפּיטאַנען זאָל דורכדעם האָבען געליטען דעם קלענסטען שאָדען.

דעם 20טען יולי איז ארנדט ערשינען פאר אן אזויגערופענעם קריגס־געריכט, כדי זיך צו פאראנטפערן פאר זיין פארזוך צו אנט־לויפען. איך האָב איהם ביז דאן אָפט געהאט געזעהן און גערעדט מיט איהם. ער האָט מיר דערצעהלט, אז דער קאָמאנדיר האָט איהם באַזוכט און איז געווען זעהר גוט צו איהם. אויך די סאָלדאַטען האָבען איהם באַהאַנדעלט זעהר פריינדליך. אזוי ווי ער האָט דאַ־

מאָלס ניט באהערשט גענוג די ענגלישע שפּראַך, האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל איהם אויסארבייטען זיין פאַרטיידיגונג, וואָס איך האָב נאַטירליך געטאָן. איך האָב עס איהם איבערגעגעבען צוזאמען מיט אנדערע קאָרעספּאָנדענצען, וואָס זיינען אָנגעקומען פאר איהם פון דערהיים, אָהן דעם אז די וואָך זאָל געגען דעם פּראָטעסטירען. ווען איך האָב איהם ווידער באזוכט אויף מאָרגען נאָך זיין פּראָצעס, האָט ער מיר דערצעהלט אלעס וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. דאָס קריגס-געריכט איז באשטאַנען פון עטליכע אָפיצירען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען א פארטרעטער פון'ם קריגס-מיניסטעריום. אלס אדוואָקאט האָט מען איהם אוועקגעשטעלט ביי דער זייט דעם מיידזשאָר מאָט, וועלכער האָט איהם אזוי ווארם פאַרטיידיגט, אז דער פאָרזיצענדער פון'ם געריכט האָט איהם דערפאר אויסגערעדט.

מיידזשאָר מאָט איז איבערהויפּט געווען דער גוטער גייסט אין דעם אלעקסאנדרא פּעלעס, און עס האָט זיך קוים געפונען איינער צווישען אונז, וואָס האָט ניט געהאַט די גרעסטע אכטונג צו דעם דאָזיגען מאַן פאר זיין מענשענפריינדליכער באַנעמונג. ער איז שטענדיג געווען מילד אין זיין אורטייל איבער מענשען און זאכען און האָט פאר יעדען פון אונז געהאט א פריינדליך וואָרט. אזוי ווי ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט, האָט ער ניט געהאַט קיין באַזונדער אינטערעס פאַר זאכען, וועלכע באַלאַנגען צו דעם קרייז פון א גייסטלאָזער דיסציפּלין. לײדער איז זיין מאכט געווען זעהר באַשרענקט, אָבער ער איז שטענדיג געווען גרייט צו העלפען, וואו ער האָט נאָר געהאט א געלעגענהייט דערצו.

איך האָב זיך דערום גאָרנישט געוואונדערט, ווען ארנדט האָט אויף אזא הארציגען אופן גערעדט וועגען דעם דאָזיגען מאַן, וועלכער האָט איהם אזוי ווארם פאַרטיידיגט. דאָס איז בלויז געווען א נייער באַווייז פאר די מאָראַלישע אייגענשאַפטען, וועלכע דער מיידזשאָר האָט באַזעסען.

וועגען די אייגענטליכע אורזאַכען, וועלכע האָבען באַוואויגען

ארנדט׳ן צו זיין „אנטלויפען״, האָט דאָס קריגס־געריכט נאַטירליך גאָרנישט געקראָגן צו וויסען. ארנדט האָט איינפאך ערקלערט, אז די זאָרג וועגען זיין קראנקער מוטער אין האמבורג און די נאָכ־ריכט, אז איינער פון זיינע ברידער, וועלכער איז געווען אויף׳ן שלאַכטפעלד, איז אין דערהיים געמעלדעט געוואָרן אלס פארשוואונ־דען, האָבען איהם געטריבען דערצו זיך ארויסצורייסען פון זיין שטייג. קיין באשטימטען פּלאַן האָט ער דערביי ניט פארפאָלגט. ער האָט בלויז געפיהלט אין זיך א באדערפעניש, כאָטש אויף א קורצער צייט צו זיין אליין. מחמת דעם האָט ער דעם „פעלעס״ גרינדליך אויסגעפאָרשט און איהם קיינמאָל ניט פארלאָרן פון אויג. פאַקטיש זיינען ארנדט׳ס ערקלערונגען וועגען דער קראנקהייט פון זיין מוטער און פארשווינדען פון זיין ברודער געווען אמת. זיין מוטער איז נאָך אין פארלויף פון דער מלחמה געשטאָרבען און וועגען זיין ברודער איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז ער איז געפאַלען אויף׳ן שלאַכטפעלד.

די גאַנצע פארהאנדלונג האָט ניט געדויערט קיין שעה צייט. דער אורטייל איז ניט ארויסגעגעבען געוואָרן אין דער אַנוועזענ־הייט פון׳ם אַנגעקלאָגטען, נאָר מען האָט איהם געלאָזט ערשט שפּע־טער מיטטיילען וועגען דעם. דאָס וואָס די פארהאַנדלונג איז אזוי גוט אָפּגעלאָפען, און באזונדערס די מענשען־פריינדליכע פארטיידי־גונג פון מיידזשאָר מאָט, האָט אלעמען געגעבען די האָפנונג, אז די שטראָף וועט ניט זיין קיין זעהר גרויסע. אָבער ס׳האָט זיך אויס־געלאָזט אנדערש ווי מיר האָבען געדענקט.

דעם 28טען יולי ארום עלף אזייגער פארמיטאָג זיינען אלע קאַפּיטאַנען פון די דריי באַטאַליאָנען גערופען געוואָרן אין דעם יאַפּאַנישען טעמפּעל. מיר האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען וואָס עס האָט זיך געהאנדעלט, און מיר האָבען געוואָרט א היבשע צייט, ביז דער קאָמאַנדיר און זיינע אָפיצירען זיינען ערשינען און האָבען זיך אנידערגעזעצט ביי זיין טיש. באַלד נאָכדעם האָבען זיך אויף דרויסען געלאָזט הערען הויכע קאָמאַנדאָ־רופען. די טיר האָט זיך מיט אימפּעט פאַנאַנדערגעעפענט און דריי סאָלדאַטען מיט

אניפגעשטעלטע באיאנגעטען האבען אריינגעפיהרט ארנדט'ן. דער קאמאנדיר האט איהם מיט אן ערנסטער שטימע פארגעלייענט זיין אורטייל. ער איז פאר'משפט געווארן אויף 168 טעג געפענגניש מיט שווערער ארבייט. קוים האט דער קאמאנדיר נאר ארויסגערעדט דאס לעצטע ווארט פון'ם אורטייל, האט גלייך אפגעקלונגען א הויכער קאמאנדא־רוף, און דער פאראורטיילטער איז מיט שנעלע טריט אוועקגעפיהרט געווארן. כ'האב איהם געזעהן בלויז נאך איין מאל נאכדעם ווי ער האט אויסגעהערט זיין אורטייל, ווייל ער איז נאך דעמזעלביגען טאג אריבערגעפיהרט געווארן אין געפענגניש. ער איז געווען רוהיג און געפאסט און האט מיר ערקלערט, אז די פאר מאנאט געפענגניש וועלען איהם ניט געפאלען שווער, נאכמעהר, אז ער בענקט זאגאר פאר א שטיקעל צייט נאך א שטילער צעל. כ'האב איהם צוגעזאגט, אז איך וועל שרייבען צו זיינע עלטערן, דערנאך האבען מיר זיך אפגעזעגענט מיט א פעסטען האנדדרוק.

די אויסערגעוועהנליכע שטרענגקייט פון'ם אורטייל האט אונז אלעמען איבערראשט און אויפגעבראכט. אורטיילענדיג לויט אלעם וואס איז פארגעקומען פאר דעם, איידער דער פסק איז ארויסגעגעבען געווארן, זיינען מיר געווען איבערצייגט, אז די שטראף וועט זיין א מילדע. און אצונד פינף און א האלב מאנאט געפענגניש. יעדענפאלס איז געווען אן אומשטאנד וואס האט העכסט וואהרשיינליך געמוזט ביטראגען צו דער שטרענגקייט פון'ם אורטייל: דעמזעלבען טאג, ווען ארנדט איז געשטאנען פאר'ן געריכט, זיינען אנטלאפען דריי געפאנגענע פון'ם באטאליאן „סי", און מען האט גלייך אויף'ן שטעל ניט געקאנט פעסטשטעלען, ווי אזוי דאס אנטלויפען איז זיי געלונגען. מען האט איבערגעזוכט אלע דעכער פון דער ריזיגער געביידע, אבער אהן א שום רעזולטאט. דער קאמאנדיר איז ווידער געווארן מורא'דיג אויפגערעגט און האט געבושעוועט אויף זיין אלטען שטייגער, אבער דאס האט איהם נאטירליך גארנישט געהאלפען. ווען מען האט אבער פון דאס ניי אנגעפאנגען די אלטע געשיכטע, וועלכע האט שוין ביי אונז אין באטאליאן

געהאט געפיהרט צו אן אָפענער עמפּערונג, און מען האָט געוואָלט ארויפלעגען אלערליי שטראָפען אויף די געפאנגענע אין׳ם באטאַליאָן „סי“, האָבען זיך אויך דאָרט אָפּגעשפּילט דיזעלבע סצענעס. דער צופאַל האָט עס נאָך געוואָלט, אז גראָד אין יענעם טאָג, ווען די אויפרעגונג אין לאַגער איז געשטיגען אלץ העכער, איז אויסגעקומען איינעם פון די צוויי אָפיצירען, וועגען וועמען איך האָב שוין פריהער גערעדט, צו אראַנזשירען די צעהלונג אין „סי“־באטאַליאָן. זיין טאַקטלאָזע און ברוטאַלע באַנעמונג האָט די געפאנגענע ערשט ריכטיג ארייגעבראכט אין כעס, און אַנשטאָט זיך צו לאָזען צעהלען, האָבען זיי איהם איינפאַך אויסגעפייפט.

נו, האָט דער קאָמאנדיר אליין געמוזט זיך ארייננמישען. אָבער ערשט נאָכדעם ווי דער אָפיציר איז צוריקגעצויגען געוואָרן און אן אנדערער אויף זיין פלאַץ האָט איבערגענומען די צעהלונג, האָט זיך דער שטורם איינגעשטילט.

די דריי פליכטלינגע האָבען זיך איבעריגענס נים געקאָנט לאַנג פרעהען מיט זייער פרייהייט. זעקס טעג נאָך זייער אנטלויפען האָט מען זיי ווידער געפאנגען. איך האָב געהאט די מעגליכקייט צו זעהן און צו ריידען מיט צוויי פון זיי אין דער וואַך־שטוב, ווען איך האָב באזוכט ארנדט׳ן. זיי האָבען איבערהויפּט נים געהאט קיין באשטימטען פּלאַן און האָבען געגלויבט, אז קוים וועלען זיי זיך נאָר ארויס׳גנב׳ענען פון׳ם „פּעלעס“, וועט זיי שוין דער צופאַל ווייטער העלפען. כדי נים אויסגעפונען צו ווערן, האָבען זיי ארומגעוואַנדערט בלויז ביינאַכט און בייטאָג זיינען זיי געווען פארשטעקט אין זייער באהעלטעניש. ביז איינער פון זיי איז קראַנק געווארען. זיי האָבען זיך אויסגעזוכט אן אלטען שייער זיבעצעהן מייל פון לאַנדאָן און האָבען זיך דאָרט אויפגעהאלטען, ביז א הונט האָט זיי אויסגעשפּירט און גלייך נאָכדעם זיינען זיי ארעסטירט געוואָרן.

מען קאָן אלזאָ נים אוועקמאכען מיט דער האנד די השערה, אז אָט דער אינצידענט האָט באוואויגען דאָס קריגס־געריכט ארויסצוגעבען געגען ארנדט׳ן א שטרענגערן אורטייל, ווי עס איז פליכט אין אַנהויב געווען די אבזיכט צו טאָן. מעגליך, אז מען האָט גע־

דענקט דורכדעם צו קאנען אפשרעקען די געפאנגענע פון ווייטערע פארזוכען צו אנטלויפען, הגם דאס האט גארנישט געהאלפען. יעדענפאלס איז ארנדט ניט אפגעזעסען זיין גאנצע שטראף, נאר מען האט איהם, ווי מיר וועלען שפעטער זעהן, שוין אין דריי מאנאט ארום ארויסגעלאזט פון געפענגניש און איבערגעשיקט אין אן אנדער אינטערנירונגס־לאגער.

די פערטע קאמפאניע, וואו איך בין געווען קאפיטאן, איז געווען באקאנט אין גאנצען לאגער אלס די אזויגערופענע „רויטע קאמפאניע“, ווייל אין איהרע רייהען האבען זיך געפונען מעהר סאציאליסטיש געזאנענע עלעמענטען, ווי אין יעדער אפטיילונג פון׳ם לאגער. זי האט דערום ניט געהאט קיין באזונדערס גוטען נאמען ביי די פאטריאטען, הגם מען האט שוין איצט ניט מעהר געוואגט אונז דירעקט צו אטאקירען ווי פריהער. אבער אין גאנצען לאגער איז מען געווען איניג וועגען דעם, אז אין קיין אנדער קאמפאניע האט ניט געהערשט אזא הארמאניע צווישען די געפאנגענע ווי ביי אונז. איך האב ניט געהאט קיין אורזאך זיך צו באקלאגען איבער מיינע מיטגעפאנגענע און בין געשטאנען מיט יעדען איינעם פון זיי אין די בעסטע קאמעראדשאפטליכע באציהונגען. אזוי איז עס געקומען, אז אונזער קאמפאניע איז געווארן די שטילע בענקשאפט פון געפאנגענע, וועלכע האבען ניט געקאנט דורכקומען מיט זייערע קאמפאניע־פיהרער, אדער וועמען אנדערע זאכען זיינען ניט געפעלען ביי זיי אין זייערע אפטיילונגען.

דארט וואו טויזענד מענשען מוזען לעבען צוזאמען אין איין זאל קומען נאטירליך פאר אלערליי רייבערייען און שטרייטיגקייטען, באזונדערס ווען דאס זיינען געפאנגענע, וועלכע זיינען צוגעבונדען צו דעם ארט און האבען ניט קיין שום מעגליכקייט אויסצודריקען זייערע שטימונגען און געפיהלען ערגעץ אנדערש. די כאראקטערען און טעמפעראמענטען פון די מענשען זיינען דאך זעהר פארשידען, אזוי אז עס איז אפט זעהר שווער, אז זיי זאלען געגענזייטיג גוט אויסקומען צווישען זיך. און מיר האבען צווישען אונז שטענדיג געהאט עטליכע מענשען, מיט וועמען ס׳איז באזונדערס שווער גע־

ווען דורכצוקומען. אזוי איז עס געקומען, אז מעהר ווי איינמאָל האָט זיך דער איינער אדער אנדערער פון די קאַפּיטאַנען געווענדט צו מיר און מיך געבעטען איבערצונעמען א געוויסען מאן פון זיין קאָמפּאַניע, וועלכער פּלעגט איהם פארביטערן דאָס לעבען. אַזאַ ביטע האָב איך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט און איך פלעג אויפנעמען די מענשען, וועלכע זיינען געווען העכסט צופרידען אריינצוקומען אין אונזער קאָמפּאַניע. און איך מוז זאָגען, אז איך האָב קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאט וואָס איך האָב עס געטאָן. איך האָב זיך אויף דעם אופן נעהנטער באקענט מיט מעהר ווי איין פּרעכטיגען יונג, וואָס איך וואָלט, פארשטעהט זיך, ניט געקאָנט טאָן, ווען ניט אָט די געלעגענהייט. זייער ניט זיין צוגענגליך און זייער צייטענ־וייז ווילדליכע באנעמונג זיינען מייסטענטיילס געווען די פאָלגען פון דער געפאנגענשאַפט, וועלכע האָט אונטערדריקט דעם טעטיג־קייטס־טריעב פון די מענשען און זיי פארדאַמט צו א נוצלאָזען פּוסט־און־פּאַס לעבען, און גראָד פאר די טעמפּעראַמענטפולע כאַ־ראַקטערען איז אזא לעבען שווערער אריבערצוטראָגען און עס געהט זיי מעהר אויף די נערווען. ווען אַזאַ איינער האָט אַלזאָ גראָד גע־האַט זיין פינסטערע, טרויעריגע שטונדע און די געדולד האָט איהם געפּלאַצט, איז ער נאַטירליך געוואָרן א שווערער פאַל, וואָס ניט יעדער איינער איז אימשטאנד געווען איהם ריכטיג צו באהאַנדלען. מיט אומפּריינדליכע באמערקונגען אָדער גאָר סטראַשונקעס האָט מען דאָ גאָרנישט געקאָנט אויספיהרען, ווייל אויף דעם דאָזיגען אופן האָט מען בלויז געגאָסען אויל אויף׳ן פייער, וואָס א טייל פון די קאַפּיטאַנען האָבען ניט אימער געקאָנט באגרייפען.

אזוי האָט מען מיר איין טאָג איבערגעגעבען א געוויסען מאַקס גראָהע, וועגען וועמען איך האָב שוין פריהער ביי אן אנדער געלע־גענהייט גערעדט. דער מאַן האָט שוין גאַסטראָלירט אין דריי אדער פיער פארשידענע קאָמפּאַניעס און האָט זיך איבעראַל ארומגעריסען מיט די קאָמפּאַניע־פיהרער, ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען אין דער פערטער קאָמפּאַניע. גראָהע איז געווען א געבוירענער פון בערלין און האָט געהאט א לויזען מויל, וואָס האָט געגאָסען פּעך און שווע־

בעל, אזוי אז מעהר ווי איין געפאנגענער האָט שוין געמוזט פיהלען דעם טעם דערפון. ווען ער איז געווען גוט אויפגעלעגט, איז ער געווען א זעהר וויציגער און אינטערעסאנטער אונטערהאלטער, און זיין אומאויסשעפּליכער הומאָר פלעגט דאן אויפלעבען זיין גאנצע סביבה. אבער ווען עס פלעגט איהם באַפאַלען זיין קראנקהייט — ער האָט שטארק געליטען פון מערידען — אָדער ער האָט אזוי זיך געהאט זיין מרה שחורה'דיגען טאָג, דאָן איז מיט איהם ניט געווען אויסצוקומען. דערצו איז ער נאָך געווען הארטנעקיג ווי א מויל־עזעל, און האָט ער זיך נאָר איינגע'עקשן'ט אויף עפּעס, איז איהם ניט געווען איבערצוריידען; מען וואָלט איהם געקאָנט אָפּהאקען א פינגער און ער וואָלט ניט נאָכגעגעבן. האָט זיך אין'ם באַטאַליאָן געמאכט עפּעס א סקאנדאל, איז „מאקסע“ נאַטירליך געווען פאַרמישט אין דעם, און איז אָפּגעטאָן געוואָרן וואָס פאר עס איז שפּיצעל, האָט מען געקאָנט זיין גאנץ זיכער, אז גראָהע איז ניט געשטאַנען ווייט פון דער זאך.

אָט דער מאַן איז אלזאָ אצונד געקומען אין אונזער קאָמפּאניע. פאַרשידענע פון מיינע קאמעראדען, וועלכע האָבען איהם פון פריהער געקענט, האָבען מיך געוואָרנט געגען איהם, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָב איך איהם דאָך אויפגענומען און איהם אָנגעוויזען א פּלאַץ דירעקט אנטקעגען מיין בעטעל. אין דער ערשטער צייט איז אלעס געגאנגען גוט, און גראָהע איז געווען דער בעסטער חבר, וואָס מען האָט זיך נאר געקאָנט ווינשען. אָבער איין טאָג איז ער געוואָרן איינגע'עקשן'ט. ס'איז גראָד געווען זיין טאָג פון דיענסט און ער האָט געזאָלט צוזאמען מיט אן אנדער קאמעראד אָפּוואשען דעם דיעל, אן ארבייט, וואָס האָט יעדען טאָג געמוזט געטאָן ווערן פון צוויי אנדערע לייט אין יעדער קאָמפּאניע, און וועלכע האָט פאַרנומען א גוטע האלבע שעה. אבער גראָהע, וועלכער פלעגט ביז אהער ווילִיג טאָן די דאָזיגע ארבייט, האָט היינט ערקלערט, אז ער וויל ניט אויפהויבען קיין האנד דערצו. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אז די ענגלענדער, וועלכע האָבען איהם איינגעשפּארט, זאָלען „זיך אליין רייניגען זייער שמוץ“.

זיין שכן, וועלכער האָט מיט איהם צוזאמען געדראפּט טאָן די ארבייט, האָט איינגע׳טענה׳ט מיט איהם און איהם געמאכט אַלער־ליי אויסריידען, אבער „מאקסע" האָט איינמאָל געזאָגט ניין, און עס איז גאָרנישט געווען צו מאכען מיט איהם. אין געגענטייל, וואָס מעהר דער מאָן האָט איבער איהם גערעדט, אַלץ איינגע׳עקשן׳טער און געררייצטער איז ער געוואָרן, און ענדליך האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם אָרעמען קערל און גענומען מאכען פון איהם פּענזע, לויט אַלע רעגלען פון דער קונסט, אי דאָס אויף אזא׳ן אופן וואָס קיינער האָט איהם ניט געקאָנט אזוי לייכט נאָכמאכען. אזוי האָט ער איהם געפּרעגט, צי ס׳איז אמת, וואָס מען דערצעהלט אין באַטאַליאָן, אז זיין עלטער־פעטער האָט פלאכע פיס און אז זיין עלטער־באָבע איז ניט געווען ביים זינען. דער מאָן האָט צוערשט אויסגעהערט אַלעס וואָס ער האָט געפּלוידערט, בלייבענדיג דערביי גאַנץ רוהיג, אָבער ווען גראָהע׳ס באמערקונגען זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ גרעבער, האָט ער ענדליך פאַרלאָרן די געדולד, האָט א וואָרף געטאָן דעם בעזים און די לאָפּעטע אין א ווינקעל און איז געלאָפען נאָך מיר. נאָכדעם ווי ער האָט מיך ארומגעזוכט א שטיקעל צייט, האָט ער מיך ענדליך געפונען אין דעם באַטאַליאָן־אָפּיס, וואו איך האָב גראָד געהאט עפּעס צו טאָן. ער האָט מיר פאָרגעלעגט זיין קלאָג און האָט מיר אין זיין אויפרעגונג ערקלערט, אז ער איז ענטשלאָסען ניט א ריהר צו טאָן מיט קיין פינגער, אויב מען וועט ניט צווינגען גראָהע׳ן צו טאָן זיין טייל ארבייט.

איך האָב איהם בארוהיגט און בין מיט איהם צוזאמען געגאַנגען צוריק אין דער קאָמפּאַניע. ווען מיר זיינען געקומען אהין, איז גראָהע געזעסען אויף זיין בעטעל און האָט אונז באגריסט מיט א שפּאָטישען שמייכעל. איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט:

„וואָס איז מיט אייך, גראָהע? פאַרוואָס ענטזאָגט איהר זיך צו טאָן אייער ארבייט, ווי אַלע אנדערע טוען?"

דאָ האָט ער זיך צולאכט מיט א רשעות׳דיגען געלעכטער און געזאָגט:

„זאָגט אָקאַרשט דעם אַלטען קערל, ער זאָל אַריבערשיקען אַ סאָלדאַט, כדי דאָ אָפּצואוואַשען דעם דיעל. כ'קאָן מעהר ניט פאַר־טראָגען דעם שמוץ“.

„אָבער, מיין ליעבער גראַהע“, האָב איך געזאָגט, „איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דער קאָמאַנדיר וועט אייך אָט די טובה ניט טאָן, און ווען יעדער פון אונז וואָלט זיך געשטעלט אויף דעם דאָזי־גען שטאַנדפּונקט, וואָלטען מיר דאָ געמוזט אומקומען אין שמוץ. רעדט אַלזאָ ניט קיין אומזין און טוט וואָס איהר און יעדער אַנדע־רער מוז טאָן.“

אָבער גראַהע איז געבליבען זיצען רוהיג אויף זיין בעטעל און געזאָגט:

„כ'ריהר זיך ניט פון אָרט!“

„גוט, גראַהע,“ האָב איך זיך אָפּגערופען, „אויב דאָס איז אייער שטאַנדפּונקט, לוינט זיך ניט, אַז מיר ביידע זאָלען נאָך לענגער ריידען וועגען דעם.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך זיך אויסגעטאָן דעם ראָק, פאַרקאַטשעט די אַרבעל פון מיין העמד, גענומען אַ באַרשט, וואָס איך האָב איינגעטונקט אין דעם גרייט־שטעהענדען עמער, און אָנגע־הויבען סקראַבען די פּאָדלאָגע.

אַז גראַהע האָט דאָס דערזעהן, האָט ער פּלוצלינג פאַרלאָרן זיין געמאַכטע גלייכגילטיגקייט און איז געוואָרן אומרוהיג. קענטיג אַז ער איז ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע, נאָר ער האָט וואַרשיינליך געדענקט, אַז איך וועל איהם מעלדען צום קאָמאַנדיר. דערווייל האָב איך געסקראָבעט אויף וואָס די וועלט שטעהט, און איך האָב זיך ניט אָנגעהויבען קימערן וועגען איהם. פּלוצלינג איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטעל, איז צוגעקומען צו מיר, האָט מיר אַרויסגענומען די באַרשט פון דער האַנד און גע־זאָגט:

„ניין, אַזוי האָב איך דאָס ניט געמיינט. איך וויל ניט, אַז א י ה ר זאָלט טאָן די אַרבייט.“

„און ווער דען, אויב ניט איך?“ האָב איך איהם געפרעגט.

„דענקט איהר פיליכט, אז איך קאָן הייסען אן א נ ד ע ר ן טאָן אייער ארבייט?“

„שוין גוט, שוין גוט,“ האָט ער געזאָגט, און ער האָט גענומען סקראַבען, אז עס איז געווען א פארגעניגען צו קוקען. זינט דער דאָזיגער שטונדע האָב איך מיט מאקס גראָהע'ן מעהר קיין שוועריגקייטען ניט געהאט. אדרבא, ער איז געוואָרן הארציג צוגעבונדען צו מיר, האָט אָנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט מיינע אידעען און האָט רעגעלמעסיג באזוכט אונזערע פארזאמלונגען.

אן אנדער פראכט־עקזעמפלאר אין אונזער קאָמפּאניע איז געווען אן אינזשעניר מיט'ן נאָמען האָפּמאן, א געבוירענער פון רהיינלאנד. האָפּמאן איז געווען א שטאַטליכע מענליכע ערשיינונג מיט דרייסט געשניטענע געזיכט־צוגען, א ריכטיגע געוואגטע נאַטור. אויך ער האָט שוין מעהר ווי איין קאָמפּאניע־פיהרער דאָס לעבען פארביטערט, ביז ער האָט ענדליך אויסגעפיהרט וואָס ער האָט געוואָלט און ער האָט געפונען א פּלאץ אין דער פערטער קאָמפּאניע. ער איז געקומען פון סיאַם, וואו ער האָט געבויט א בריק איבער דעם מעקאָנג. דערביי האָט איהם געטראָפען אן אומגליק, און ער איז גראָד געווען אויף'ן וועג קיין אייראפּא, כדי זיך דאָרט צו לאָזען מאכען אן אָפּעראציע, ווען דער קריג האָט אויסגעבראכען און ער איז אריינגעפאלען צו די ענגלענדער אין די הענט. נאָכדעם ווי ער איז געווען עטליכע מאָנאט אין גיבראלטאר, האָט מען איהם צוזאמען מיט זיינע קאמעראדען איבערגעשיקט קיין ענגלאנד. שוין אויף'ן „ראיאל עדווארד“ איז ער מיר געקומען פאר די אויגען, אבער איך האָב דאָרט ניט געהאט די געלעגענהייט נעהנטער באקאנט צו ווערן מיט איהם.

האָפּמאן איז געווען א פרעכטיגער מענש. ס'איז אמת, אז ניט יעדער האָט געקאָנט אויסקומען מיט איהם, אבער פאר די וואס האָבען געהאט דאָס הארץ אויף'ן ריכטיגען פּלאץ איז זיין באַקאַנטשאפט געווען אן אמת'ע פרייד. ער האָט מיטגעבראכט פון סיאַם פינף אדער זעקס קאסטענס מיט אלערליי אנטיקען און זעלטענע זאכען. דעם גרעסטען טייל דערפון האָט ער אצונד פאר־

שענקט צווישען זיינע מיטגעפאנגענע אין'ם לאגער. ער איז איבער־הויפט געווען דער פרייגיביגסטער מענש וואס מען האט זיך נאר געקאנט פארשטעלען. פון סיאם האט ער געהאט צו דערצעהלען אסך אינטערעסאנטע זאכען, און איך פלעג זיך גערן צוהערען, ווען ער האט גערעדט, ווארים עס איז געלעגען עפעס אייגענארטיגעס אין זיין גאנצען וועזען, וואס האט, לויט מיין מיינונג, קיינמאל ניט געקאנט זיך ריכטיג דורכברעכען. מיר זיינען געווארן גוטע קאמע־ראדען, און איך האב געפיהלט, אז ער האט מיך איינגעשלאסען טיף אין זיין הארצען.

איינמאל רופט ער זיך אפ גאנץ נאאיוו צו מיר:

„ווייסט איהר, אז איך האב אמאל געהאט בדעה אייך אנצו־ברעכען די ביינער?"

„אט האסטו דיר!" האב איך געזאגט פארוואונדערט. „וואס־זשע, איהר זיינט פון זינען אראפ?"

זיין געזיכט האט זיך באצויגען מיט א לייכטער רויטקייט, און ער האט געזאגט:

„אט ווי אזוי דאס איז געקומען: אויף'ן „ראיאל עדווארד" פלעגט מען אין די קרייזען, וואו איך האב פארקערט, שטענדיג ריידען פון אייך. מען האט אייך אנגערופען א פאררעטער פון'ם פאטערלאנד, וועלכער ווערט פראטעזשירט פון די ענגלענדער, כדי צו פארגיפטען די דייטשע יוגענד א. א. וו. הקיצור, מען האט אייך פארגעשטעלט פאר א סארט מאנסטער, א שד, וועמען עס האבען בלויז געפעהלט די הערנער. האב איך זיך אלזא געוואונדערט, וואס עס האט זיך ביז דאן נאך קיינער ניט געפונען וואס זאל אייך אנ־ברעכען די ביינער אדער אייך ארייננווארפען אין ים, און איך האב באשלאסען צו לערנען מיט אייך דרך ארץ."

„און פארוואס האט איהר אייער פלאן ניט דורכגעפיהרט?" האב איך איהם געפרעגט מיט א שמייכעל.

דא האט ער זיך צולאכט הויך אויף'ן קול און געזאגט:

„כ'האב דאך אפריהער זיך געמוזט באקענען מיט אייך. האב

איך באזוכט א פּאָר מאָל אייערע פאַרזאַמלונגען און איך געהערט ריידען."

„און?" האָב איך געפרעגט.

„דאן האָב איך איינפאַך אויפגעגעבען מיין פּלאַן", האָט ער געענטפערט, „ווארים איך האָב איינגעזעהן, אז מען האָט מיר גע־האָט געגעבען א גאַנץ פאַלש בילד פון אייך."

„אָבער לויט אייער גייסטיגער שטימונג האָט איהר דאָך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט זיין איינפערשטאַנען מיט די אנזיכטען, וועל־כע איך האָב פאַרטראָטען," האָב איך געזאָגט.

„דאָס ניט," האָט ער ערקלערט. „אָבער איך האָב געפיהלט, אז אייערע אידעען ווערן געטראָגען פון א טיפער אינערליכער אי־בערצייגונג, און אזוי בין איך געוואָרן א רעגעלמעסיגער באַזוכער פון אייערע פאָרטראָגען."

האָפמאַן איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך אימפּולסיווע נאַטור, און מען האָט גאַנץ ליכט געקאָנט באַמערקען אויף איהם, אז די גע־פאַנגענשאַפט איז איהם געפאַלען שווער אויף די נערווען. אָפטמאָל, ווען איך האָב געזעהן, ווי ער פלעגט ארומלויפען אומרוהיג מיט עלאַסטישע טריט ארויף און אראָפּ, האָב איך געמוזט דענקען ווע־גען א געפאַנגענעם לייב אין שטייג. ער איז אויך געווען דער ערשטער אין דעם אלעקסאַנדרא פּעלעס, וועלכער איז באַשטראָפט געוואָרן. ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א קלייניגקייט, וואָס איך האָב פאַרגעסען. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט איהם דער קאָמאַנדיר זאַגאַר געשענקט דעם רעשט פון דער שטראָף.

ענג באַפריינדעט מיט האָפמאַן'ן איז געווען נאָך א רהיינלענדער מיט'ן נאָמען שטעמלער, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין אונ־זער קאָמפּאַניע. שטעמלער איז געווען אַן עהנליכע געוואַגטע נאַטור ווי האָפמאַן, א כאַראַקטער וואָס איז געווען געניינט צו דרייסטע, ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָ־כען, האָט ער געוואוינט אין בוענאָס איירעס. דורכגעדרונגען פון א גליהענדען פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט ביי איהם אָנגענומען א שטאַרקען ראָמאַנטישען כאַראַקטער, האָט ער זיך ארויסגעלאָזט

אויף'ן וועג קיין דייטשלאנד, כדי פערזענליך אנטייל צו נעמען אין די שלאכטען. אבער אויך ער איז ביי גיבראלטאר אריינגעפאלען צו די ענגלענדער און די הענט און האט געהאט דאסזעלבע שיקזאל ווי אסך אנדערע. ער פלעגט גערן פארברענגען מיט מיר און האט אויך באזוכט מיינע פארטראגען. ס'איז קיין שום ספק ניט געווען, אז מיינע פארטראגען האבען אויסגעאיבט א געוויסען איינפלוס אויף איהם, אהן דעם אז דאס אלטע אין איהם זאל דורכדעם פול־שטענדיג אויסגעווארצעלט ווערן. דער רעזולטאט איז געווען, אז ער פלעגט אפט באפאלען ווערן פון זעלישע קאנפליקטען און אין געוויסע זאכען האט ער ניט געקאנט פאסען קיין ריכטיגען באשלוס, ווי אזוי צו האנדלען.

שטעמלער און האפמאן זיינען געווען אויסערגעווענליך אקטיווע געשטימטע מענשען, און די געצוואונגענע אומטעטיגקייט איז געלע־גען ווי א שווערע לאסט אויף זיי און האט זיי געמאכט נערוועז. אזוי איז עס געקומען, אז זיי פלעגען ביידע אויסקלערן אלערליי זאכען, כדי צו ברענגען א געוויסע אפוועקסלונג אין דער אינערליי־כער געשפאנטקייט. איין טאג איז זיי איינגעפאלען א געדאנק צו שרייבען דעם קאמאנדיר א בריעף, אין וועלכען זיי האבען איהם אויפגעפאדערט איינס פון די צוויי: אדער ער זאל זיי געבען די פרייהייט, אדער ער זאל זיי לאזען דערשיסען, ווייל זיי קאנען מעהר ניט אריבערטראגען אזא לעבען פון פוילענצעריי און אומטעטיג־קייט.

פארשטעהט זיך, אז ביי אזא גלענצענדער געלעגענהייט האט מאקס גראהע אויך ניט געקאנט אויספעהלען, און ער האט אונטער־געשריבען זיין נאמען צוזאמען מיט די אנדערע צוויי אונטער'ן דא־קומענט. האפמאן האט מיר דערלאנגט דעם בריעף, און איך האב איהם, לויט דער פארשריפט, איבערגעגעבען צו דעם באטאליאן־פיהרער, אהן דעם אז איך זאל האבען די קלענסטע אהנונג וועגען דעם אינהאלט דערפון. ערשט שפעטער האט מיר מונדינג לאכענ־דיג דערצעהלט, וואס פאר א קאשע די דריי חברה־לייט האבען דא פארקאכט. נאטירליך האט ער ניט אין זינען געהאט איבערצוגעבען

דעם בריעף צום קאָמאנדיר, מחמת ער האָט אָנגענומען די גאנצע געשיכטע פאר א וויץ.

האָב זיך אבער געמאכט א צופאל, אז דער בריעף איז אריינגעפאלען צווישען אנדערע פאפירען, וועלכע מונדינג האָט איבערגעגעבען דעם קאָמאנדיר'ס סעקרעטער. אזוי ווי דער קאָמאנדיר איז גראָד ניט געווען אָנוועזענד, איז דער בריעף צוערשט געקומען צו מיידזשאָר מאָט אין די הענט. איין נאָכמיטאָג — מיר זיינען גראָד געזעסען ביים טיי — איז דער מיידזשאָר פערזענליך געקומען אין באטאליאָן און האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם ברענגען האָפּמאן'ן, שטעמלער'ן און גראָהע'ן. איך האָב גלייך געטראכט וועגען דעם בריעף. אזוי ווי קיינער פון די דריי האָט ניט פארשטאַנען קיין וואָרט ענגליש, האָב איך געמוזט דיענען אלס איבערזעצער. מיידזשאָר מאָט, וועלכער האָט קענטיג געגלויבט, אז עס האָט זיך דאָ געהאנדעלט וועגען א פאל פון באזונדערס הויך־ענטוויקעלטער נערוועזקייט, האָט גערעדט צו די דריי אויף זיין געוועהנליכען מילדען און מענשענפריינדליכען אופן. האָט זיי אויפגעמונטערט צו האָבען געדולד און זיי געגעבען אן עצה זיך צו באשעפטיגען מיט שטודירען א פרעמדע שפּראך, כדי אָנצואווענדען זייער צייט אויף א ניצליכען אופן. ער האָט זיי געגעבען האָפנונג, אז די מלחמה וועט זיך ווארשיינליך נאָך אין דעם דאָזיגען יאָהר ענדיגען, און ער האָט זיי געטרייסט אזוי גוט ווי ער האָט נאָר געקאָנט. דערנאָך האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל איהם באגלייטען אין זיין צימער, בעת וועו ער האָט זיך פריינדליך אָפּגעזעגענט מיט די אנדערע.

אז מיר זיינען אָנגעקומען אהין, האָט ער ווידער אמאָל אָנגעהויבען ריידען איבער דעם פאָל און האָט מיך געבעטען צו האלטען אן אויג אויף די דריי, כדי עס זאָל ניט געשעהן וואָס פאר עס איז אומגליק. איך האָב זיך געפונען אין א פיינליכער לאָגע, ווייל איך האָב דאָך איהם ניט געקאָנט זאָגען דעם אמת וועגען דער גאַנצער געשיכטע, כדי ניט צו קאָמפּראָמיטירען די אנדערע, ווען ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין מיט דער מיינונג, אז ער זאָל איבערגעבען דעם בריעף צום קאָמאנדיר, האָב איך איהם

געענטפערט, אז דאס איז, לויט מיין מיינונג, ניט נייטיג. ער האט מיר ערקלערט, אז ער וועט די זאך לאזען לויפען, און ער האט זיך נאכגעפרעגט וועגען די מאטעריעלע פארהעלטענישען פון די דריי מענשען. איך האב איהם געזאגט, אז אויף וויפיעל מיר איז באקאנט קריגען שטעמלער און האפמאן צוגעשיקט פון צייט צו צייט קליינע סומען, אבער וואו עס האלט מיט גראהע'ן ווייס איך ניט.

ער האט מיר דערלאנגט א גרויסע שאכטעל ציגארעטען פאר די דריי און אחוץ דעם פאר יעדען איינעם א האלבע קרוין (60 סענט) אין מזומן. כ'האב איהם געפרעגט, צי איך זאל איהם געבען א קבלה פאר דאס געלד, אבער ער האט ערקלערט, אז דאס איז איבעריג.

אז איך בין צוריקגעקומען אין באטאליאן האבען מיך די דריי שוין ערווארט מיט גרוים אומגעדולד. די גאנצע מענשענפריינד־ליכע האלטונג פון'ם מיידזשאר האט געמאכט אויף זיי א שטאר־קען איינדרוק. ווען איך האב זיי אין זיין נאמען איבערגעגעבען די ציגארעטען און דאס געלד, זיינען זיי גאר געבליבען ווי צו־מישט. די ציגארעטען האבען זיי סוף כל סוף אנגענומען, אבער דאס געלד האבען זיי צוריקגעוויזען. ווען איך האב שפעטער גע־וואלט צוריקגעבען דעם מיידזשאר דאס געלד, האט ער מיך געבעט־טען צו פארטיילען די קליינע סומע צו נויטבאדערפטיגע לייט פון מיין קאמפאניע, וואס איך האב נאטירליך געטאן.

אבער דערמיט האט נאך ניט גענומען קיין סוף צו דער גע־שיכטע. ווי עס ווייזט אויס, האט זיך דער מיידזשאר שפעטער ווידער מישב געווען וועגען דעם פאל, וועלכען ער האט גענומען ערנסטער, ווי ער איז באמת געווען. מחמת דעם האט ער געענ־דערט זיין ערשטען באשלוס און דעם בריעף פון די דריי חברה־לייט דאך איבערגעגעבען צום קאמאנדיר. ווארשיינליך האט ער אויך גערעדט מיט איהם פערזענליך איבער דער אנגעלעגענהייט. הקיצור, אין צוויי טעג ארום זיינען גראהע, האפמאן און שטעמלער גערו־פען געווארן צו דעם קאמאנדיר. אזוי ווי איך בין גראד ניט

געוועזן ביי דער האַנד, האָט זיי אַן אַנדער קאָמפּאַניע־פיהרער אָפּגעפיהרט אין דעם קאָמאַנדיר'ס צימער. אָבער אונזער דריילינג איז באַשטאַנען דערויף, אז מען זאָל מיך צוציהען אלס איבערזעצער. האָט מען ארויסגעשיקט א סאָלדאַט, מיך אויפצווזובען. ווען איך האָב ביי מיין אריינקומען דערזעהן די דריי חברה־לייט, האָב איך שוין געוואוסט, וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט, און איך האָב זיך אויף גיך מישב געווען וואָס דאָ איז צו טאָן. דער קאָמאַנדיר האָט מיר געגעבען איבערצולייענען דעם באַרימטען בריעף און מיך געפרעגט, וואָס עס האָט די דריי מענשען געקאָנט באַוועגען איהם צו שרייבען אזא זאַך. איך האָב איהם געענטפערט, אַז די מענשען זיינען זעהר ווארשיינליך באַוואויגען געוואָרן צו דעם דאַזיגען שריט דורך זייער פּערזענליכער אומגליקליכער לאַגע און דורך זייער געצוואונגענער אומטעטיגקייט. איך האָב זיך געגעבען די גרעסטע מיה איהם אויסצומאָלען אין גאַנץ פינסטערע פאַרבען די טרויעריגע ערפאַרונגען פון די דריי געפאַנגענע. כ'האָב איהם דערצעהלט, ווי אזוי גראָהע האָט אונטערנומען די רייזע קיין דייטשלאַנד, כדי זיך דאָרט צו לאָזען מאַכען א שווערע אָפּעראַציע. אַנשטאָט דעם אָבער האָט מען איהם אריינגעשטעקט אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוועלף מאָנאַט האָט מען דעם מאַן איבערגעשיקט אין דריי פאַרשידענע לאַגערן. זיין קראַנקהייט האָט זיך זינט דאַן באַדייטענד פאַרערגערט, אָבער ניט קוקענדיג אויף זיינע שמערצען, וועלכע זיינען צייטענווייז אומערטרעגליך, האָט מען איהם נאָך ביז איצט ניט געגעבען קיין געלעגענהייט זיך צו לאָזען מאַכען אַן אָפּעראַציע.

דערנאָך האָב איך איהם באַקאַנט געמאַכט מיט האָפמאַן'ס אומגליק, וועלכער איז אויף דעם זעלבען אופן ווי גראָהע אריינגעפאַלען אין דער געפאַנגענשאַפט און וועלכער קאָן זיך שווער צוגעוואוינען צו דעם אייראָפּעאישען קלימאַט. באַזונדערס ליידט ער דאָ ביינאַכט פון דער קעלט, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט איהם דער דאָקטאָר ניט באַוויליגט קיין עקסטרא קאָלדרע זיך צוצודעקען. אזוי ווי איך האָב ביים בעסטען ווילען גאָרנישט געוואוסט וואָס צו

באריכטען וועגען שטעמלער'ן, האב איך געמאכט עטליכע אלגעמיי־נע באמערקונגען, כדי כאטש עפעס צו זאגען.

דער אלטער האט מיך רוהיג אויסגעהערט און דערנאך האט ער אויף אן ערנסטען און איינדרינגליכען אופן גערעדט צו די דריי לייט. ער האט זיי אויפגעמונטערט צו נעמען רוהיג אויף זיך זייער שיקזאל, ווי עס פיהרט זיך צווישען בראווע מענער. אלס קאמאנ־דיר איז ער, אמת, אימשטאנד זיי צו פארשאפען געוויסע פארלייכ־טערונגען, און ער איז גערן בארייט צו טאן דאס וואס ליגט אין זיינע קרעפטען, אבער עס ליגט ניט אין זיין מאכט זיי צו עפענען דעם טויער צו דער פרייהייט. צום סוף האט ער צוגעזאגט מאקס גראהע'ן, אז ער וועט טאן זיין בעסטעס, אז ער זאל קאנען האבען זיין אפעראציע. אויך האפמאן'ן און שטעמלער'ן האט ער פאר־שפראכען ערנסט צו באטראכטען זייערע וואונשען. אבער נאכדעם ווי איך האב פאר דעם דריילינג איבערזעצט דעם קאמאנדיר'ס ווער־טער, האט האפמאן ערקלערט, אז ער באשטעהט דאך דערויף דער־שאסען צו ווערן, און די אנדערע צוויי האבען איהם צוגעבאמקעט. איך האב אלזא געמוזט אנווענדען מיין גאנצע רעדע־קראפט צו מאכען א סוף צו דעם געפערליכען שפיל, כדי דער אלטער זאל זיך ניט כאפען, אז מען וויל זיך דא לוסטיג מאכען איבער איהם. דער קלענסטער פארדאכט וואלט ניט בלויז די דריי געקאנט קאסטען טייער, נאר דאס האט אויך שפעטער געקאנט ברענגען אומגעהייערן שאדען פאר אנדערע. דאס האבען זיי סוף כל סוף איינגעזעהן, און איך בין געווען צופרידען, ווען מיר זיינען שוין געווען פארטיג און האבען פארלאזען דעם קאמאנדיר'ס צימער.

נאך דעם זעלבען טאג האט האפמאן אויף דעם דאקטאר'ס אנ־ווייזונג געקריגען צוויי נייע דעקעס, און אכט טאג שפעטער האט מען גראהע'ן אריבערגעפיהרט אין דעם דייטשען האספיטאל אין לאנדאן, וואו ער האט דורכגעמאכט אן ערפאלגרייכע אפעראציע און אין פינף וואכען ארום האט ער זיך אומגעקערט אין לאגער פול־שטענדיג אויסגעהיילט.

דעם 5טען אויגוסט, ווען די ענגלישע צייטונגען האבען געמעל־

דעט, אז ווארשא איז געפאלען, האָט די דאָזיגע ידיעה ארויסגערופען א פיבערהאפטע שטימונג אין לאַגער. די מעהרסטע געפאנגענע האָבען געגלויבט, אז דער סוף פון דער מלחמה איז אצונד גאנץ נאָהנט און האָבען געטרוימט פון א באלדיגער ערלייזונג. אבער די פאַטריאָטען האָבען געמאכט אלערליי מאַניפעסטאציעס און האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי משוגעים. אין אונזער באַטאַליאָן האָט א מאַטראָז געהאלטען א רעדע און מיט הויך־קלינגענדע ווערטער פארהערליכט די דייטשע ארמיי־פיהרער. ער האָט ערקלערט, אז עס וועט ניט נעמען לאנג און די דייטשע ארמיי וועט אריינדרינגען אין ענגלאנד, און דאן וועט מען זיך גרינדליך אָפּרעכענען ניט בלויז מיט די ענגלישע קרעמער, נאָר אויך מיט אלע פאררעטער פון'ם פאַטערלאַנד. אין דעם באַטאַליאָן „סי“ האָבען די הערן אראנזשירט א פאַראַד מיט א שווארץ־וויים־רויטער פאָהן, וועלכע זיי האָבען וואו עס איז געקריגען, און זיי האָבען געסטראָשעט יעדען איינעם וואָס האָט ניט געוואָלט נעמען קיין אנטייל אין דער נארישער צערעמאָניע. די שוטים האָבען אין דעם פאלען פון ווארשא ווירקליך דערזעהן דעם אָנזאָג פון א זיגרייכען דייטשען פרידען.

עס ליגט עפּעס א מאָדנע פינסטערע גבורה אין דער פסיכאָלאָגיע פון דער מאסע, באזונדערס אין דער געפאנגענשאפט, וואו די קלענסטע זאַך איז אימשטאַנד ארויס'כשופ'ן די וואונדערליכסטע האָפנונגען. יעדענפאלס פארשווינדען די דאָזיגע האָפנונגען געווענליך פונקט אזוי שנעל ווי זיי קומען אויף, און די אלגעמיינע שטימונג ווערט דערנאָך אסך טרויעריגער.

ס'האָט מיר וועה געטאָן דאָס הארץ און א ביטער געפיהל איז איבער מיר געקומען, ווען איך האָב געזעהן די וואנזיניגע האנדלונג פון די דאָזיגע מענשען, פון וועלכע די מעהרסטע האָבען קוים געהאָט א קלאָרע פאָרשטעלונג איבער די אייגענטליכע אורזאכען און די אומפארמיידליכע פאָלגען פון'ם דאָזיגען שוידערליכען פעלקערמאָרד. וואָרים סוף כל סוף זיינען זיי דאָך אויך געווען ניט מעהר ווי סטאַטיסטען אין דער בלוטיגער דראמא, ווי די מיליאָנען, וועלכע זיינען געשטאנען איינע געגען די אנדערע דאָרט אויף דער בלוט־

אַנגעטרונקענער ערד און האָבען ניט געוואוסט, פאר וואָס און פאר וועמען זיי זיינען געשטאָרבען. א באזונדערן ווייטאָג האָב איך געפיהלט, ווען איך האָב געמוזט זעהן, ווי זאָגאר מענשען, וועלכע זיינען געווען פעהיג בעסער צו פארשטעהן און צו אורטיילען, האָבען ניט געקאָנט ווידערשטעהן דעם אלגעמיינעם טומעל און זיינען כמעט געגען זייער ווילען אריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם משוגענעם טאַנץ פון פאַנטאַסטישע ידיעות, ביז די פאַר׳שכור׳טקייט פלעגט פארגעהן און די גרויע אויסניכטערונג פלעגט ווידער קומען.

אין אזעלכע מאָמענטען פלעג איך זיך פיהלען איינזאם אָהן א שיעור, און איך וואָלט אוועקגעגעבען יאָהרען פון מיין לעבען, ווען איך וואָלט געקאָנט פארבייטען דעם אינטערנירונגס־לאַגער אויף דער שטומער צעל פון א געפענגניש. אָפטמאָל פלעג איך זיך שטעלען די פראַגע, פון וואנען עס האָט זיך גענומען, וואָס אָט דער פוסטער און ווילדער טומעל האָט מיך געלאָזט אין גאנצען קאַלט און איז ניט אימשטאנד געווען ארויסצורופען אין מיר וואָס פאר עס איז באגייסטערונג. פיליכט איז מיר אָפּגעגאנגען וואָס פאר איז פארבאָרגענער חוש, וואָס איז געווען איינגעבוירען ביי דעם גרעסטען טייל פון מיינע ליידענס־חברים? אדער איז דאָס אפשר געווען דערפאר, ווייל איך האָב בעסער פון זיי געזעהן דעם צוזאַמענהאנג פון די זאכען? אָבער דאָס האָבען דאָך אנדערע אויך געזעהן. זיינען דען די טרעגער פון׳ם מארקסיסטישען סאָציאליזם אין די קריג־פיהרענדע לענדער ניט געווען א לעבעדיגער ביישפיל דערפאר? מיט וואָס פאר אן אינערליכען שטאָלץ האָבען עס אָט די מענשען ביז אהער ארונטערגעקוקט פון׳ם הימעל פון דער מאטעריאליסטישער געשיכטס־אויפאסונג אויף די אומפארבעסערליכע „אוטאָפּיסטען“, פאר וועמען עס האָבען נאָך עקזיסטירט פסיכאָלאָגישע פראָבלעמען! ווי אָפט האָבען זיי פּראָקלאמירט, אז דער מאָדערנער קריג דארף בלויז באטראכט ווערן אלס א רעזולטאט פון קאַפּיטאַליסטישער אינטערעסען־פּאָליטיק, אז הינטער די אלע אויסערליכע דעקאָראציעס פון נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס ליגען שטענדיג פארבאָרגען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די באזי־

צענדע קלאַסען. און אצונד האָבען זיך אָט דיזעלבע מענשען ארומגעוואָרפען ווי אין קאָנוואולסיעס און האָבען געזוכט אריבערצושטייגען די טרעגער פון׳ם קאַפּיטאליזם אין דער „רעטונג פון׳ם פאָטערלאנד“, וואָס איז פאר זיי פריהער געווען בלויז דאס „פאטערלאנד פון די רייכע“.

און דאָך וואָלט עס געווען אומזיניג צו וועלען זעהן אין דער אויפפיהרונג פון די דאָזיגע מענער בלויז די פאָלגע פון אן אומגעהייערן פארראַט געגען דער ארבייטערשאפט. ניין, די אורזאכען זיינען געלעגען טיפער. זינט ס׳איז אונטערגעגאנגען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז אין דער סאָציאליסטישער ארבייטער־באוועגונג פאָרגעקומען א פולשטענדיגע גייסטיגע פארוואַנדלונג, וועלכע איז פון די ווייניגסטע אנערקענט געוואָרן און וואָס בלויז גאנץ ווייניג מענשען האָבען ריכטיג אָפּגעשאצט. אמת, אז די פראזיאָלאָגיע פון דער סאָציאליסטישער באַוועגונג איז אין אסך פאַלען געבליבען דיזעלביגע, אָבער דער אורשפּרינגליכער זין איז שוין פון לאַנג פארלאָרן געגאנגען און האָט פאר די טרעגער פון די סאָציאליסטישע ארבייטער־פארטייען געקראָגען דיזעלבע באדייטונג, ווי די משלים און שפּרוכען פון נייעם טעסטאַמענט פאר די טרעגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־אָרדנונג. די גרויסע, וועלט־אומפאַסענדע אידעע פון׳ם אלטען אינטערנאַציאָנאַל, דער געדאנק וועגען א נייעם געזעלשאפטליכען ווערן אויף די יסודות פון דער באַפרייטער ארבייט, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ ביי די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גרעניצען פון די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטען, איז נאָך לעבעדיג בלויז אין דעם דענקען פון א קליינער פרייהייטליכער מינדערהייט אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג. די סאָציאליסטישע ארבייטער־פּארטייען פון דער געגענווארט און דער גרעסטער טייל פון די געווערקשאפטליכע אָרגאַניזאציעס, וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט זייער גייסט, זיינען ניט מעהר ווי באַשטאַנד־טיילען פון די מאָדערנע קאַפּיטאליסטישע שטאַטען, וועמעס אינטערעסען זיי פארטרעטען אויף זייער אופן, אָהן דעם אז אָט דער פאקט זאָל קומען צום באַוואוסטזיין פון די מעהרסטע אָנהענגער זייערע. צו־

ליעב דעם דאָזיגען גרונד איז דער אזויגערופענער צווייטער אינטערנאציאָנאל געווען בלויז א פאלסיפיקאציע פון יענע גרויסע אידעען, צו וועלכע די ארבייטער פון צוויי וועלטען האָבען אמאָל ארויסגעקוקט אלס זייער אידעאל. אָן דעם דאָזיגען טאָפּעל־וועזען פון שיין און ווירקליכקייט האָט ער געמוזט געהן צו גרונד.

און דאָן די גייסטיגע פיהרער — די מענער פון דער וויסענשאַפט, פון דער קונסט און ליטעראטור? ווי אומענדליך קליין איז געווען צווישען זיי די צאָהל פון די, וועלכע האָבען ניט אין גאנצען פארלאָרען דעם קאָפּ און זיינען ניט אָנגעצויגען געוואָרען פון׳ם קריג ווי די מאָט פון׳ם ליכט!

איך האָב געלעזען דעם היסטערישען אויסגעשריי פון מעטערלינק אין דער ענגלישער פּרעסע, וועלכער האָט אויפגערופען די פעלקער צום הייליגען קרייץ־צוג געגען דייטשלאנד און ערקלערט די אויסראָטונג פון׳ם גאנצען דייטשטום אלס פּרינציפּ. וואָס פאר א גייסט איז אריין אין אָט דעם פארשפּעטיגטען מיסטיקער? געוויס, אלס בעלגיער האָט די פארגוואלטיגונג פון זיין לאנד דורך די דייטשע ארמייען געמוזט אויפקאָכען זיין בלוט. אָבער ווי אזוי איז עס געקומען, אז ער, וואָס האָט הינטער אלע אויסערליכע זאכען געזוכט א פארבאָרגענעם צוועק, איז אזוי דורך און דורך איבערוועלטיגט געוואָרן פון די ברוטאלע ערשיינונגען פון א מאטעריעלער ווירקליכקייט? ער, וואָס האָט כמעט געלייקענט אין דער עקזיסטענץ פון די מאטעריעלע זאכען, און אזוי ווי דער אירלענדישער פילאָזאָף בערקלי האָט ער אין די אויסערליכע ערשיינונגען פון׳ם לעבען געזעהן בלויז די איינצעלנע עלעמענטען פון גאָט׳ס טרוים! וואָס אין דער וועלט האָט געקאָנט באוועגען אָט דעם וועלט־פרעמדען מיסטיקער און פאנטאסטישען פילאָזאָף פּלוצלינג צו צוברעכען אין שטיקלעך די צארטע געביידעס פון זיינע מעטאפיזישע גריבלערייען און ארויפשפּרינגען מיט גלייכע פיס אויף א באָדען, וואו דער ברוטאלסטער מאטעריאליזם אין דער געשטאלט פון׳ם פּראָפעסיאָנעלען מאסענמאָרד האָט געמאכט בלוטיגע אָרגיעס? איהם, וועלכער האָט אמאָל פאָרויסגעזאָגט אן „ערוואכונג פון דער זעלע” און אָנגעשריי־

בען די וועלטענע ווערטער: „ס'וועט פּילייכט קומען אַ צייט — און עס זיינען פאראן פיעל סמנים, אז זי איז נאָהנט — עס וועט פּילייכט קומען א צייט, ווען אונזערע נשמות וועלען זיך דערוועהן אהן דער פּארמיטלונג פון די חושים."

און איך האָב אויך געלייענט דעם ענטפער וואָס גערהארד הויפּטמאַן האָט געגעבען דעם בעלגיער אין א שווייצארישער צייטונג. ווי פּייערדיג דער דיכטער פון די „וועבער" איז דאס ארויסגעטראָטען פאר דער וואונדער־קראַפט פון דער „דייטשער קולטור"! ווי שטאָלץ ער האָט עס גערעדט פון די דייטשע סאָלדאטען, וועלכע זיינען געגאנגען צום שלאכט־פעלד מיט דעם „זאראטוסטרא" אדער מיט'ן „פאוסט" אין'ם פּראָוויאנט־זאק! און מיליאָנען מענשען האָבען נאָכגעפאָלגט אָט דעם עקעלהאפטען פארם מיט דער גע־שפּאנטסטער אויפמערקזאמקייט, ווי א ספּאָרט־עולם קוקט אויף די באוועגונגען פון צוויי פּרייז־באקסער אין דער ארענא. קיינעם איז קענטיג ניט געקומען צום באוואוסטזיין, אז מען טרעט דאָ פּשוט מיט די פיס די עלעמענטארסטע באגריפען פון מענשליכקייט און קולטור. און דאָס איז געשעהן איבעראל, אין דייטשלאנד, אין ענג־לאנד, אין פראנקרייך — „נארעריי, איבעראל נארעריי!"

אבער שפּעטער, ווען דער בארימטער מאַניפעסט פון די דייטשע פּראָפעסאָרען איז מיר געקומען פאר די אויגען, האָב איך אויפגע־געבען יעדע האָפנונג. און ניט ווילענדיג איז מיר דורכגעלאָפען אין מוח דאָס אלטע ווערטעל: „הונדערט פופציג פּראָפעסאָרען, פאטער־לאנד, דו ביזט פארלאָרען!"

ווי נאריש דאָס אלעס איז געוועזן, ווי מורא'דיג נאריש און אומ־געהייער טרויעריג! — מיר האָט פאקטיש געמוזט פעהלען א פאר־באָרגענער חוש, אז איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין געשמאַק אין אָט די געמיינהייטען. אפנים אז איך געהער צו דעם געשלעכט פון די פארקערט־געבוירענע.